STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00256

DI GESHIKHTE FUN DER LITERATUR BAY YIDN

Israel Zinberg

Permanent preservation of this book was made possible by
Jacob Joffee
in memory of
Reva Nagan Joffee

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר ישראל צינבערג

די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן

זעקסטער באַנד

פאַרלאַג משה שמואל שקלאַרסקי

ניו יאָרק, נ. י., 1943

Dr. I. ZINBERG

THE HISTORY OF THE JEWISH LITERATURE

Dr. I. Zinberg, „Di Geszichte fun der Literatur bej idn“

SIXTH VOLUME

PRINTED IN U.S.A.

FARLAG MORRIS S. SKLARSKY
10 MONROE ST., G. D. 4
NEW YORK 2, N. Y.
1943

מיין געטרייען פריינד און חבר —
מיין פרוי — אַ מתנה
פון מחבר

די לעצטע צוויי זייטלעך פון „פאריז און וויענה“

זע זייט 94

אַכטער טייל

אַלט־יידישע ליטעראַטור

פון די עלטסטע צייטן ביז דער השכלה־תקופה


בראשית

דאס ערשטע זייטל פון ר' יצחק בן שמשונס „טייטש-חומש"

זע זייט 251



אן אײגנהענטיקער בריוו פון יום-טוב ליפמאן העלער

זע זײט 272

ערשטער קאַפּיטל

נאַציאָנאַלע ליטעראַטור און פאָלקסשאַפן; נאַציאָנאַלע שפּראַך און אומגאַנגס־שפּראַך. — דער יקרות פון ספרים אין מיטלאַלטער און די ראָלע פון מעצענאַטן. — די אומגאַנגס־שפּראַך פון דייטשע יידן אין מיטלאַלטער. — דער יידיש־דייטשער דיאַלעקט. — די יידיש־דייטשע גלאָסן וועגן דעם „נטאַסן ושאַרגאָן". — די העברעיִשע און פרעמדשפּראַכיקע עלעמענטן אין יידיש־דייטש. — די אומגאַנגס־שפּראַך און די ליטעראַרישע שפּראַך. — צוויי־שפּראַכיקע תפילות ביי די פראַנצויזישע יידן און תפילות אויף יידיש־דייטש. — ווייבערשע פירזאָגערינס; „גענערינס" און פּאַטראָנעסעס. — די תורגמנים און בעלי־דרשנס. — גילגולים פון אגדישן שטאָף. — פון מדרש צום העלדן־עפּאָס. — שפּילמאַנס, בדחנים און „גנזעליקייט־לייט".

אינם אריינפיר צו אונזער ווערק [1] האָבן מיר זיך באַריכות אָפּגעשטעלט אויף דער גאַנץ אייגנאַרטיקער דערשיינונג אין דעם ליטעראַרישן שאַפן פון אונזער פאָלק אין די קדמונישע צייטן: אפילו אויף די העכערע שטאַפלען פון קולטורעלער אַנטוויקלונג בלייבט דאָס ליטעראַרישע שאַפן ביים יידישן פאָלק נאָך אַלץ אַנאָנים. דער יחיד, דער פון גאָט באַגנאַדיקטער קינסטלער, בלייבט נכנע פאַרן כלל, ער ווערט ממש בטל אין אים; און אַלץ, וואָס ער, דער יחיד, שאַפט, אַלץ וועגן וואָס ער חלומט און האָפט און ס׳לעכצט זיין נשמה — געהערט אויסשליסלעך דעם כלל, דער אומה. פעסט צונויפגעבונדן בלייבט אויף לאַנגע דורות דאָס קאָלעקטיווע פאָלקסשאַפן מיט דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור. אַלע גייסטיקע אוצרות, וואָס ווערן געשאַפן און געזאַמלט אין פאָלק, געהערן דעם גאַנצן קיבוץ, זיי טראָגן נאָר זיין נאָמען, זיי ווייזן בלויז פון איין באַשעפער — דאָס איז דאָס גאַנצע פאָלק, די כנסת ישראל... אמת, אינם ענדגילטיקן רעדאַקטירן די צו אונדז דערגאַנגענע גייסטיקע אוצרות פון דער ביבל־תקופה האָבן געוויס ניט קיין קליינע ראָלע געשפּילט דער וועלטבאַנעם, די גייסטיקע און סאָציאַלע אינטערעסן פון אַ באַשטימטער גרופּע. פיל וויכטיקע דענקמעלער פון נאַציאָנאַלער קולטור און גאונישן שאַפן זיינען אונטער

---

[1] באַנד ו, ו׳ 18—21.

דער שטרענגער צענזור פון די דאָזיקע רעדאַקטאָרן גענאַנגען לטמיון (דנו לגניזה), אָבער דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן אינם נאָמען פון דעם קיבוץ, רעכענענדיק זיך אויסשליסלעך מיט די באַדערפעניש פונם כלל, פון דער אומה, לויט די באַגריפן פון דער באַטרעפנדיקער גרופע, וואָס האָט דערפילט די ראָלע פון גייסטיקע פאָלקס־פירער און באַשיצער.

אָט דאָס האָט טאַקע אין אַ זייער באַדייטנדיקער מאָס גורם געווען, וואָס בעת אין משך פון „בית־שני״ האָט דאָס יידישע פאָלק זיין לשון אַנגעוואָרן און אין דער צייט פון די בעלי המשנה איז שוין די אומגאַנגס־שפּראַך פון דעם יידישן קיבוץ געווען ניט העברעיִש, נאָר דער אַראַמישער דיאַלעקט צונויפגעמישט מיט אַ געוויסער צאָל העברעיִשע און אויך גריכישע און לאַטייניִשע ווערטער — איז דער דאָזיקער דיאַלעקט באַלד נתעלה געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ העכסט וויכטיקן קולטור-נאַציאָנאַלן פאַקטאָר. אויף אים, דעם „לשון הדיוט״, ווי ער האָט ביי די בעלי המשנה געהייסן, האָט מען דעם פשוטן פאָלק אין די בתי־מדרשים און אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען די הייליקע תורה דערקלערט (מתרגם געווען). ער איז געוואָרן דער גרויסער קולטור־פאַקטאָר, דער גייסטיקער וועכטער, וואָס וועקט אין די ברייטע מאַסן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל און פאַרשטאַרקט דעם פאַריייניקונגס־בונד צווישן דער „דריי־איינּיקייט״ — פאָלק, גאָט און זיין תורה. דער אַראַמישער דיאַלעקט, די אומגאַנגס־ און שאַפונגס־שפּראַך פון די ברייטע פאָלקס־שיכטן, פלעכט זיך צונויף מיט דער נאַציאָנאַלער שפּראַך פון דער ביבל. צוויי צווילינג־שוועסטער ווערן זיי פאַר אַלע דורות. ביידע געהייליקט אינם באַוווּסטזיין פון פאָלק, ביידע צוזאַמען שפּינען זיי ווייטער דעם גאָלדענעם פאָדעם פון נאַציאָנאַלער קולטור אַפילו אין די שפּעטערדיקע צייטן, ווען אויך דאָס „תרגום־לשון״ איז אָפּגעשטאָרבן אינם מויל פונם פאָלק, און צוזאַמען מיט העברעיִש אויסשליסלעך אַ שריפט־שפּראַך געוואָרן. אויף ביידע צוזאַמען ווערט בכל תפוצות ישראל די תורה געלייענט (שנים מקרא ואחד תרגום), אויף ביידע צוזאַמען ווערן תפילות באַשאַפן. אויף דעם אַראַמישן דיאַלעקט ווערן געשאַפן און געזאַמלט די גרויסע נאַציאָנאַלע אוצרות, וואָס ווערן פון פאָלק מיט יראת הכבוד געשעצט און געהייליקט — ניט נאָר דער תלמוד, נאָר אַפילו דער זוהר פון מיטלעלטער. „ווייל דער תלמוד — האָבן מיר אין אונזער „אַריינפיר״ אָנגעוויזן, — איז אַ פּועל־יוצא, דער סכום פון דורות־לאַנגן קאָלעקטיוון שאַפן. ווייל דעם דאָזיקן ריזיקן בנין האָט געבויט דער גאַנצער קיבוץ, גאַנץ כלל ישראל — מוזן און דאַרפן אין אים זיין צונויפגעזאַמלט אַלע צווייגן, אַלע פאַרשיידענע אַרטן פון פאָלקס־שאַפן: רעליגיעזע געזעצן און משפטים, פילאָזאָפישע געדאַנקען

און חקירישע ספיקות צוזאַמען מיט פאָלקס־מעשהלעך, אַגדות, כּישוף־שפּרוכן, גלייכווערטלעך, ליצנות, טאַנץ־לידלעך וכדומה. אויך דער תּלמוד איז לויט זיין עצם — אַן אַנאָנים ווערק; זיין פאַרפאַסער און באַשעפער איז דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, פונם גרעסטן תּלמיד־חכם און געלערנטן, ביזן לעצטן עם־הארץ און פאַרגרעבטן ערד־אַרבעטער. דאָס דאָזיקע גרויסע זאַמלווערק איז אַ ריזיקער מאָנומענט הן פון פאָלקס־שאַפן און פּשוטן פאָלקלאָר, הן פון נאַציאָנאַלער ליטעראַטור; דאָס ריין־פאָלקסטימלעכע און קינסטלעריש־נאַציאָנאַלע, דאָס אינטים־פּערזענלעכע און שטרענג קהלשע, דער יחיד און דער קיבוץ — אַלץ איז ברידערלעך צונויפגעבונדן צוזאַמען, אין איין קנויל פאַרוויקלט און צונויפגעפלאָכטן"[2].

אַ גאַנץ אַנדער ערשיינונג: זעען מיר אין דער שפּעטערדיקער אַראַביש-מוסולמענישער תּקופה, ווען דער רוב מנין ורוב בנין פונם יידישן קיבוץ האָט נאָך אַמאָל זיין לשון אָנגעוואָרן און אונטער דער השפּעה פון דער ניי־אויפגעוואַכטער אַראַבישער קולטור האָט ער זיין אומגאַנגס־שפּראַך, דעם אַראַמישן דיאַלעקט, פאַרביטן אויף דער שפּראַך פון דער נייער גוואַלטיקער אַראַבישער וועלט־מלוכה. אָבער די נייע אומגאַנגס־שפּראַך, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אויך זי געפינט זיך, אַזוי ווי דאָס אַראַמישע, אין קרובעשאַפט מיט דער ביבל־שפּראַך, האָט שוין ניט געקענט פאַרנעמען אַזאַ בּכבודיקן אָרט אין דער נאַציאָנאַל־יידישער קולטור ווי בשעתו דער אַראַמישער דיאַלעקט, דער „תּרגום". ניט די צווילינג־שוועסטער פון דער ביבל־שפּראַך איז געוואָרן די נייע אומגאַנגס־שפּראַך, נאָר איר שטאָלצע קעגנערין. „די אַראַבישע שפּראַך איז אויף לאַנגע דורות געוואָרן פאַרן חשובסטן טייל פונם יידישן פאָלק דער וויכטיקסטער פאַקטאָר פון אַלמענטשלעכער קולטור, אָבער ניט פון נאַציאָנאַלן שאַפן". דאָס האָבן טאָקע גורם געווען זייער וויכטיקע קולטור־היסטאָרישע סיבות. קודם־כּל, טאַקע אונטער דער גוואַלטיקער השפּעה פון דער אַראַבישער קולטור איז ענדלעך בּטל געוואָרן דאָס אייגנאַרטיקע, דאָס ספּעציפישע, מיט וואָס די אַלטע העברעיש־אַראַמישע ליטעראַטור האָט זיך אַזוי שאַרף אונטערשיידט פון אירע אַנדערע שוועסטער: פון דער אַראַבישער תּקופה אָן האָט אויך אין אונזער ליטעראַטור דער שעפערישער יחיד גייסטיק גובר געווען דעם קיבוץ; אויך די ליטעראַטור פון יידישן פאָלק האָט אויפגעהערט צו טראָגן דעם אויסשליסלעכן שטעמפּל פונם כּלל. ניט דער קיבוץ, נאָר דער יחיד, דער דיכטער, דער דענקער, דער פאָרשער, וואָס שטייט קולטורעל איבער דעם קיבוץ, שאַפט אויף זיין אייגענעם חשבון און אחריות, זאַמלט

---

[2] דאָרטן, ז' 23.

אונטער זיין אייגענעם נאָמען נאַציאָנאַלע אוצרות, אויף וועלכע ער לייגט אַרויף זיין אייגענעם שטעמפּל, זיין אינדיווידועלן שאַפונגס־גייסט[3]. זינט דער אַראַבישער תקופה איז שוין אויך בײַ ייִדן די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור אָפּגעזונדערט פונעם פאָלקסטימלעכן, פון דעם קאָלעקטיוון פאָלקס־שאַפן. די דאָזיקע צוויי גאָלדענע קולטור־פערדים זײַנען שוין מער ניט צונויפגעפּלאָכטן אין איין קנויל, ווי אין דער ביבל־תלמודישער תקופה, נאָר זיי ווערן געשפּונען יעדע באַזונדער פאַר זיך. די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור ווערט געשאַפן פון יחידים, וואָס געפינען זיך טאַקע אונטער דער שטאַרקער השפעה פון זייער סביבה, אָבער שטייען גייסטיק איבער דעם פאָלק; און דאָס פאָלק גופא, די שיכטן פון די ברייטע מאַסן, שאַפן באַזונדער פאַר זיך. פון מויל צו מויל גייט איבער איין דור דעם אַנדערן גאַנצע אוצרות פון אגדות, מעשיות, לידער און משלים, נאָר אַלץ בעל־פּה; ניט אין ספר ווערט דאָס אַלץ פאַרצייכנט, ניט אין נאַציאָנאַלן אוצר ווערן זיי געזאַמלט; זיי בלײַבן בלויז אין זכרון פונעם לעבנדיקן דור; אַ סך גייט דערבײַ לאיבוד, פיל באַקומט מיט דער צייט אַן אַנדער צורה, שטייט אויס אַ סך גילגולים, אַ טייל באַקומט אויך אַ תיקון: עס ווערט אויסגענוצט פון די אויבערשטע יחידים, די באַשעפער פון די נאַציאָנאַלע אוצרות. מיר האָבן אָבער שוין אין אונזער „אַריינפיר״ אָנגעוויזן אויף אַ זייער וויכטיקן פּרט, וועלכער טיילט אונז אויפסניי אָפּ פון אַ סך אַנדערע אומות העולם: בײַ דעם רוב פעלקער אַנטוויקלען זיך ביידע צווייגן פון קולטור־רעלן שאַפן אויף איין און דער זעלבער שפּראַך, בײַ ייִדן אָבער אויף פאַרשיידענע שפּראַכן; די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך אויף דער אַלטער פאָלקס־שפּראַך, ריכטיקער — אויף די אַלטע פאָלקס־שפּראַכן — העברעיִש און אַראַמיש, און דאָס פאָלקסטימלעכע, דער אַזוי־גערופענער פאָלקלאָר — אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך. אין דעם ערשטן טייל פון אונזער ווערק[4] האָבן מיר זיך באַריכות אָפּגעשטעלט אויף דעם וויכטיקן פּרט, ווי אַזוי ס׳האָט גראָד אונטער דער השפעה פון דער אַראַבישער קולטור אויפגעבליט דאָס נאַציאָנאַלע שאַפן אויף דער ביבל־שפּראַך. די נייע מוסולמענישע אידעען־וועלט, וואָס האָט זיך מיט אַזא איכפּעט און רעש אַריינגעריסן אין דעם נאָך חתימת התלמוד גייסטיק איינגעדרעמלטן ייִדישן קיבוץ, האָט שאַרף און בולט געשטעלט פאַרן ייִדנטום די פראַגע: אָדער פאַרפלייצט ווערן פון דעם אַראַבישן מעכטיקן און שטורמיש־ניצחונדיקן קולטור־שטראָם, אָדער אָנשטרענגען זײַנע אייגענע

---

3 זע ערשטן באַנד, 24—26, 160—161.

4 קאַפּ. 1—3, 5.

נאציאנאלע כוחות, אויסקעמפן זיין רעכט אויף זעלבשטענדיקן קולטור־נאציאנאלן קיום. ווי מיר ווייסן, האט דער יידישער קיבוץ אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג. „אונטער דער ממשלה פון די הויכגעבילדעטע אראבישע הערשער, די קאליפן, האבן זיך שוועסטערלעך פארבונדן צוויי קרובישע קולטורן, די יידישע מיט דער אראבישער: איינע האט משפיע געווען אויף דער אנדערער, און פון דער השפעה האבן ארויסגעשפראצט די שענסטע קולטור־בלומען. מ׳קען דא ניט ריידן וועגן אסימילאציע, וועגן התבטלות, נאר וועגן אנרעגן, וועגן גייסטיקער השפעה. די אראבישע קולטור האט געווירקט אויף די איינגעדרעמלטע יידישע כוחות, ווי הייוון, וואס רופן ארויס די שטארקסטע לעבנס־פראצעסן, און די שווערע איינגעשלאפענע שטאפן ווערן דערביי מגולגל אין ענערגיע און שאפונגס־גייסט, וואס קאן ניט רוען און שטרעבט אין דער הויך״[5]. אוים נאציאנאלן זעלבסטבאוווסטזיין, אוים דעם דראנג צו נאציאנאל־קולטורעלן קיום, איז די אראבישע שפראך, די געהייליקטע שפראך פון קאראן, ניט געווארן די שוועסטער פון דער ביבל־שפראך, נאר פארבליבן איר שטאלצע קעגנערין, א שפיגל־בילד פון שרה מיט הגרן. אדרבא, דאס אויפבליען פון דער ביי די אראבער הייליקער שפראך פונם קאראן האט, ווי מיר האבן געזען אין דעם ערשטן באנד פון אונזער ווערק, ארויסגערופן ביי די יידן א קנאה־געפיל: עס האט אין זיי אויפגעוואכט דער נאציאנאלער ווילן צו פארשטארקן און אנטוויקלען אויך די שפראך פון ז י י ע ר הייליקטום — דער ביבל[6]. עס איז דערפאר זייער כאראקטעריסטיש, וואס דער ערשטער גרויסער יידישער דיכטער, וועלכער איז אויפגעוואקסן אונטער דער שטארקער השפעה פון דער אראבישער קולטור, שלמה גבירול, האט אויף זיך געקוקט ווי אויף דעם גואל פון דער הייליקער שפראך און איר געטרייען וועכטער, וואס איז פון דער השגחה געשיקט געווארן, ער זאל מיט זיין ברענענדיקן ווארט דערוועקן אין די הערצער פון זיינע ברידער די ליבע צום לשון פון דער הייליקער שריפט[7]. דעם דיכטערס שטאלצע סטראפעס באריר אבער דערביי אן אנדערן גאנץ וויכטיקן פרט. הויך און שיין האט אין שפאניע אויפגעבליט די אראבישע פאעזיע — האט זיך די יידישע אינטעליגענץ מתקנא געווען און ס׳איז ביי איר נולד געווארן דער ווונטש צו פרווון שאפן אויך אויף דער שפראך פון תנ״ך ניט נאר רעליגיעזע פיוטים, נאר אויך וועלטלעכע פאעטישע ווערק. מיר האבן געזען, ווי גבירול

---

5 ערשטער באנד, ז׳ 29.

6 דארטן, 29—30, 42—43, 79 א״וו.

7 דארטן, ז׳ 79.

און די דיכטער, וואָס זיינען אַרויסגעטראָטן נאָך אים, האָבן טאַקע באַרייכערט די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, דערהויבן אויף אַ הויכער מדרגה די וועלטלעכע פּאָעזיע אויף דער ביבל־שפּראַך. זייערע ווערק, זייערע לידער זיינען אָבער פאַר די ברייטע שיכטן פון פאָלק געווען ניט צוטריטלעך, ווייל ניט נאָר די פּרויען, נאָר אויך אַ גאַנץ באַדייטנדיקער טייל פונם פאָלק האָט ניט פאַרשטאַנען ניט די שפּראַך פון דער ביבל, ניט פונם תלמוד. ווען גבירול קלאָגט זיך, אַז „בלינד איז געוואָרן דאָס אויג פון זיין פאָלק", פאַרגעסן האָט דאָס פאָלק זיין הייליקן ספר און פרעמד איז אים געוואָרן זיין שפּראַך, אַז אַפילו דעם כתב איז עס מער ניט אימשטאַנד צו לייענען— איז דאָס כּלל ניט אַ דיכטערישע איבערטרייבונג. אַזאַ באַגלויבטער עדות, ווי דער באַרימטער שפּאַנישער רב אויס דעם 14טן י״ה, ר׳ יצחק בר שישת (ריב״ש), דערציילט, אַז דאָס רוב פונם פּשוטן פאָלק איז ניט אימשטאַנד צו לייענען די תפילות, און מען באַנוגנט זיך דערפאַר דערמיט, וואָס דער חזן לייענט פאַר און דער עולם זאָגט נאָך[8]. מען דאַרף דערביי נעמען אין באַטראַכט, אַז נאָך אין פערצנטן יאָרהונדערט איז צווישן די שפּאַנישע יידן געווען אַ גאַנץ באַדייטנדיקער פּראָצענט פּשוטע יגיעי־כפּים: ערד־אַרבעטער און בעלי־מלאָכות; כּמעט גאַנצע קהילות האָבן זיך פאַרנומען מיט וועבעריי און פאַרבעריי[9]. עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, אַז אין די טיפענישן פון די דאָזיקע ברייטע שיכטן איז אין דער זעלבער צייט פאָרגעקומען אַן אומאויפהערלעכער פּראָצעס פונם אייגנאַרטיקן פאָלקס־שאַפן. עס ווערט געשאַפן ניט נאָר ספּעציעל פ א ר ן פאָלק, נאָר ד ו ר כ ן פאָלק גופא. ניט נאָר חזנים, דרשנים און מגידים פלעגן לייענען אין די שולן באַשטימטע שטעלן אויס דער ביבל אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך, ווי אַ שטייגער שביעי של פּסח די „שירת הים", שבועות די עשרת הדברות, שבת די ברכות פאַר דער הפטורה[10], פורים — די מגילת אסתר[11] און פּסח — די הגדה; די פאָלקס־מאַסע גופא האָט זיך געשאַפן אויף איר אומגאַנגס־שפּראַך לעגענדעס, מעשיות, לידער, מיט וועלכע די

---

8 שו״ת ריב״ש, נומ׳ 37. אויך אַן אויסאַריסעם פון די אַשכּנזישע קיבוצים, דער בעל „לב טוב", חייזט אָן: „פר צייטן איז אָפּט אין מענכע שול ניט געוועזן איבער איין מחזור אודר צוויי אודר דרייא אויף אַליר מיינשט, אך סליחות זיין אַך ניט פילז דא האט עש נימנץ גיזאָגט. דען דער חזן האָט עש מוזן חאול פרשטין" (בל. 105).

9 זע גרעץ, ב׳ VIII, 194, דעם דעקרעט פונם קיניג יאָהאַן דעם צווייטן; זע אויך ביי Jean Regne, Catalogue des act etc. נומ׳ 1289, 1946, 1953, 2054.

10 זע שו״ת ריב״ש, נומ׳ 26; רשב״ץ, III, 121, און אויך „הפּלים", 38.

11 שו״ת ריב״ש. נומ׳ 28: „נוהגים לקרוא לנשים המגלה בלע״ז וכתובה בלע״ז".

מוטער פלעגט איר קינד פּאַרווינן, און יונגוואַרג די טענץ באַגלייטן, אָדער די ליבע־ווייען און פרייד אין זיי אויסגיסן. אָבער דאָס אַלץ, ווי געזאָגט, איז געווען בעל־פה, וואָרעם דעמאָלט, אין מיטלעלטער, האָט דאָס פאָלק פּשוט קיין ביכער ניט פאַרמאָגט. אין יענע צייטן, איידער דער דרוק־וואַרשטאַט און דאָס שמאַטע־פּאַפּיר זיינען אַנטדעקט געוואָרן, האָט דאָס בוך געהערט צו די טייערסטע חפצים, וואָס ס'האָט זיך געקענט פאַרגינען בלויז אַ גאַנץ פאַרמעגלעכער מענטש. „שרייבן איז אַ קונסט" — דער־קלערט דער „ראש המעתיקים" יהודה אבן תיבון[12]. „מיט דעם געשריפט — דערקלערט דער בעל „אגרת מוסר", שלמה אלמי, — דאַרף מען זיין זייער אויפמערקזאַם". אַ דייטלעך און שיין כתב איז אין יענע צייטן געווען ממש אַ קולטור־פאַקטאָר. דער ווערט פון אַ מאַנוסקריפּט איז געווען אָפּ־העגגיק פון דעם אָפּשרייבערס אויפמערקזאַמקייט און גענױקייט. מיט דער „קונסט" פון אָפּקאָפּירן האַנטשריפטן פלעגן זיך אָפט פאַרנעמען מענטשן מיט ברייטן וויסן[13] און זייער אַרבעט פלעגט זיך טייער באַצאָלן[14]. אַ פאַר־מעטענער חומש אָדער תנ"ך פלעגט איבערגעגעבן ווערן בירושה צוזאַמען מיט פּערל, בריליאַנטן און אַנדערע טייערע תכשיטין; און ווען עס פלעגט פּאַסירן, אַז דער יורש איז געבעך געוואָרן אַ יורד און געצוווּנגען געווען די געירשנטע פאַרמעטענע ספרים צו פאַרקויפן, בכדי זיך צו צעצאָלן מיט די חובות, פלעגט דאָס געטאָן ווערן אין בית־דין־שטיבל, און אויפן ספר גופא, אויף דעם לעצטן ניט־באַשריבענעם עמוד, פלעגט מען מאַכן אַ פאַר־מעלן שטר־מכירה, אויף וועלכן עס פלעגן זיך חתמענען ניט ווייניקער פון דריי עדות[15], און בכדי קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן צו נעמען דעם דאָזיקן ספר אָן דעם וויסן פון זיין אייגנטימער, ווערט אינם שטר־מכירה וועגן דעם געוואָרנט מיטן האַרבסטן חרם און מיט קללות פון דער תוכחה.

עס פלעגן אין מיטלעלטער פאָרקומען גאַנצע פּראָצעסן וועגן מאַנו־סקריפּטן, פאַרזעצטע אויף באַדייטנדיקע סומען, און יעדער צד האָט גע־

---

12 זע אונזער הערק, באַנד I, 122.

13 אַ גאַמען־רייסטער פון אָפּשרייבער אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, זע „צייטשר. פאַר העבר. ביבל." XIV, 105—112.

14 חענן פרייזן פאַר ביכער אין מיטלעלטער, זע צונץ, „צור געשיכטע אונד ליטעראַטור", ז' 211—213; Jew. Quart. Rew, נייע סעריע, ב' 4, 530.

15 אייניקע אַלטע פאַרמעטענע בלעטער פון 11טן—13טן י"ה מיט אַזעלכע קול־טור־עטנאָגראַפיש זייער אינטערעסאַנטע אויפשריפטן געפינען זיך אין דער ביבליאָטעק פון דער „חברה מפיצי השכלה" אין לענינגראַד. דאָרט זיינען אויך אָנגעוויזן די גאַנץ הויכע פרייזן, פאַר וועלכע דיזאָזיקע ספרים זיינען פאַרקויפט געוואָרן.

וואָלט דאָס בוך זאָל בלייבן ביי אים[16]; תּלמידים פון ישיבות, ווען זיי האָבן ניט געקאָנט קריגן לייען די ספרים, וואָס זיי האָבן געדאַרפט צום לערנען, פלעגן זיי ניט זעלטן עובר זיין אויפן לאו פון „לא תגנוב״, און פלעגן ניט פריער אָפּגעבן דעם געגנבעטן מאַנוסקריפּט ביז זיי האָבן אים ניט אינגאַנצן אָפּגעשריבן[17]. אפילו אין די חו־ים אין די רייכע אַראַביש־שפּאַנישע קהילות פלעגט מען לערנען אָן ספרים, וואָרעם אויך די, וואָס האָבן שוין יאָ פאַרמאָגט אייגענע ביכער, האָבן דאָך ניט געקענט אָנגע־טרויען קליינע קינדער אַזאַ טייערן חפץ. דער רבי פלעגט דערפאַר אויפ־שרייבן די סדרה אויף אַ גרויסן טאָוול און זי איינחזרן מיט די קינדער[18]. עס איז דערפאַר קיין וווּנדער ניט, וואָס בעת דער ראב״ד דערציילט אין זיין „ספר הקבלה״ די שבחים פונם באַרימטן יידישן געלערנטן און מלוכה־מאַן, שמואל הנגיד, שטרייכט ער באַזונדערס אונטער, אַז יענער האָט געהאַלטן ביי זיך אַ גאַנצע כּנופיא ספּעציעלע סופרים, וואָס פלעגן זיצן און אָפּשרייבן די ספרי הקודש און די מסיכתּות פונם תּלמוד, און מיט זיי באַזאָרגן די ישיבות און בתּי־מדרשים.

מיר זעען, אַז בכדי אפילו ישיבות זאָלן זיין באַזאָרגט מיט די נויי־טיקע רעליגיעזע און געהייליקטע ספרים, האָט מען דערצו באַדאַרפט האָבן גרויסע נדבנים און מעצענאַטן. על אחת כּמה וכמה איז דאָס געווען דער פאַל ביי ריין וויסנשאַפטלעכער און בכלל וועלטלעכער ליטעראַטור. איז דער געלערנטער צי דער דיכטער גופא ניט געווען קיין פאַרמעגלעכער מענטש, האָט ער זיך געקאָנט באַשעפטיקן מיט וויסנשאַפטן און פּאָעזיע בלויז ביי דעם תּנאי, ווען אים האָט געשטיצט עפּעס אַ נדבן, אַ מעצענאַט. און מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין דעם ערשטן באַנד פון אונזער ווערק[19], אַז טאַקע בלויז אַדאַנק נדבנים און יידישע שררות האָט אין דער אַראַבישער שפּאַניע געקאָנט בליען די וועלטלעכע העברעיִשע ליטעראַטור. יהודה אבן תּיבון האָט געמאַכט זיינע באַרימטע איבערזעצונגען לויט דער באַשטעלונג פון געבילדעטע מעצענאַטן; אַדאַנק נדבנים און רייכע תּלמידים האָט אברהם

---

16 זע שו״ת הרי״ף סי׳ ע״ד: „ראובן טען כי שמעון משכּן לו מקרא בחמש מאות דינרים ורוצה ליטל אותה בדמים אלו, ושמעון אומר: לא היו דברים מעולם, שאולה היא בידך״.

17 דאָרטן סי׳ קל״ג: „אחד מן התלמידים גנב ספרי פירושין מחברו וכשתבעו ממנו נשבע שבועה חמורה שלא יחזירם לו עד שיעתיק אותם ויש מי שהורה שבות לגנבם״.

18 שו״ת רשב״ץ, ו׳, נומ׳ 2.

19 דאָרטן, 58—59. זע אויך אונדזער אַרבעט „דער קאַמף פאַר יידיש אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור״ („פילאָלאָגישע שריפטן״, II, 76—78).

אבן עזרא געשריבן זיינע וויסנשאַפטלעכע ווערק, און עס איז כמעט ניטאָ קיין איין באַדייטנדיק פּאָעטיש ווערק אויס דעם יידיש־אַראַבישן מיטל־עלטער, עס זאָל אויף זיין שער־בלאַט ניט זיין אויפגעצייכנט א שבח און לויב־געזאַנג דעם און דעם יידישן „שר", וואָס האָט דעם דיכטער געגעבן די נייטיקע שטיצע. בעת דער גרויסער דיכטער שלמה גבירול לויבט דעם פריער דערמאָנטן נדבן שמואל הנגיד, שטרייכט ער אונטער, אַז אַדאַנק יענעמס מילדקייט, איז אויך דעם דיכטערס בייטל פול מיט געלט: „תבל תהודך למען נמלאה — שמחה והיותר צרור כספנו". דער יידישער טרובאַדור, דער וואַנדער־זינגער אַלחריזי, האָט געלעבט דערפון, וואָס פאַרשיידענע יידישע שררות האָבן אים געשטיצט און מיט גאָלדענע מטבעות באַצאָלט פאַר זיינע וויציקע פערזן און עקספּראָמטן. מיר האָבן שוין געזען[20], ווי דער יונגער דיכטער יצחק ווידמעט זיין פּאָעמע „עזרת נשים" אַ יידישן נדבן, און די מאָטיוון זיינע דערקלערט ער אין דער פּאָעמע גופא אויף אַ גאַנץ פּראָזאַישן אופן. ער ווענדט זיך צו זיינע לידער מיט אָט דעם ווונטש: „אַך, אײַלט, מיינע לידער, וואָס גיכער — דעם גנעדיקן האַר פּליט אַנטקעגן! אונטער זיין אָפּדאַך זוכט הילף און שוץ. ברייט איז זיין האַרץ און פילגיביק; גרייט וועט איר דאָרט געפינען דעם טיש, דעם שטול און די בלאַנקענדיקע מנורה (אַ ביבלישער אויס־דרוק). געטריי דינט אים ווי קנעכט — ער וועט אייך באַהיטן, באַשיצן!"

עס איז לייכט באַגרייפלעך, אַז די פּראָדוקטן פון פאָלקסשאַפן, דאָס, וואָס האָט געדינט אַלס גייסטיקע שפּייז פאַרן פשוטן פאָלק, פאַר דער פרוי און איינפאַכן לאַנדסמאַן אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך, האָט זייער ווייניק מעצענאַטן און מנדבים געקאָנט געפינען צווישן די יידישע שררות. אפילו אין די וויסנשאַפטלעכע ווערק פון יענער תקופה געפינען מיר גאַנץ ווייניק, זאָל זיין בלויז אַלגעמיינע, ידיעות וועגן דער גייסטיקער שפּייז פון דעם פשוטן פאָלק, וואָס זאָלן אונדז קענען געבן וועלכן ס'איז קלאָרן באַגריף, וואָסערע לידער האָט די יידישע מאַסע געזונגען, וואָסערע לעגענדעס געשפּונען. מיר האָבן אפילו ניט קיין באַשטימטע ידיעות, אויף וואָסער שפּראַך די שפּאַנישע יידן האָבן גערעדט אין געוויסע תקופות, און מיר ווייסן ניט אויף קלאָר, ווען האָט דער קאַסטילישער דיאַלעקט פאַר־דרענגט ביי די יידישע מאַסן אין שפּאַניע די אַראַבישע אַלס אומגאַנגס־שפּראַך. עס איז אמת קיין ספק ניט, אַז דאָס פאָלקסשאַפן אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך האָט געפונען אַ געוויסן אָפּקלאַנג אין דער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, אָבער שוין אין אַ געענדערטער פאָרם — אין דער אָפּשפּיגלונג

---

[20] ערשטער באַנד, 159.

פון דעם דיכטערס אינדיווידועלן שאפן אויף דער ביבל־שפראך. ווייל דאס פאלקשאפן איז אבער געבליבן בעל־פה — איז עס אין זיין אור־שפרינגלעכער פארם געגאנגען אין באדריטנדיקסטן טייל לאיבוד.

דאס זעלבע, הגם ביי אנדערע קולטורעלע אומשטענדן, האט זיך איבערגעחזרט אין דעם באדייטנדיקסטן יידישן קיבוץ פון דער קריסט־לעכער אייראפע — ביים דייטש־פראנצויזישן יידנטום. מיר האבן שוין אין צווייטן באנד אנגעוויזן[21], אז הן די דייטשע, אזוי אויך די פראנ־צויזישע יידן פלעגן אלס סוחרים קומען אין אן ענגער פארבינדונג מיט דער אקטיקער באפעלקערונג; דער פועל־יוצא פון דעם דאזיקן פארקער איז אבער געווען לחלוטין אן אנדערער, ווי אין דער הויך קולטורעלער אראבישער שפאניע. „די אראבער — האבן מיר געשריבן אינם ערשטן קאפיטל פון אונזער ווערק — זיינען געווען געבענטשט מיט א מעלה, וועלכע ס׳איז ניט געווען צו געפינען אין יענער צייט ביי קיין שום פאלק פון דער קריסטלעכער אייראפע. דאס גייסטיקע לעבן איז ביי די אראבער געווען הארמאניש גאנץ, זייער קולטור איז געווען איינהייטלעך, „מעור אחד״. דער קאראן, די הייליקע שריפט פונם איסלאם, האט געשפראצט אויף איינגענעם אראבישן באדן, איז באשאפן געווארן אויף דער לעבעדיקער אומגאנגס־שפראך פונם פאלק. די רעליגיעזע התלהבות און דאס קולטורעלע אויפבליען פון די אראבער אין יענער תקופה, בעת דער איסלאם האט זיך פאר דער וועלט אנטפלעקט, האבן געהאט אן אוי־סערגעוויינלעך שטארקע השפעה אויף דער אנטוויקלונג פון דער פאלקס־שפראך. א גאנצע וועלט מיט נייע באגריפן און אידעען האט זי באדארפט ארומנעמען. די לעבעדיקע שפראך פונם פאלק, בעת זי איז געווארן די הייליקע שפראך פונם קאראן, איז אויך דערהויבן געווארן צו דער מדרגה פון א בליענדיקער קולטור־שפראך פון וויסנשאפט און ליטע־ראטור״. וועגן דער דאזיקער הארמאנישער גאנצקייט האבן אבער ניט געוווסט די קריסטלעכע פעלקער אין אייראפע. זיי האבן דאך באקומען זייער אמונה, די איינציקע קולטור־טרעגערין פון יענער פארחושכטער צייט, פון דער פרעמד. די איינציקע קולטיר־שפראך פון דער מיטלעל־טערלעכער אייראפע איז אויך געווען א פרעמדע — דאס אפגעשטארבענע לאטיין. די לשונות און דיאלעקטן, אויף וועלכע ס׳האבן דעמאלט גערעדט די אייראפעישע פעלקער, האבן געשפילט די ראלע נאר פון אומגאנגס־שפראכן, און מ׳האט זיי כלל ניט באנוצט צו קולטור־צוועקן. ביי אזוינע אומשטענדן האבן זיי ניט געהאט די מעגלעכקייט זיך נארמאל צו אנט־

---

[21] דארט, 10.

וויקלען, צו דערגרייכן די מדרגה פון אמתע קולטור־שפּראַכן. די אמונה און וויסנשאַפט, אין זייער פרעמדער לאַטיינישער הלבשה, זיינען ווי מיט אַ פרעמדער מויער אָפּגעזונדערט געווען פונם פאָלק און זיין לשון. ביי אַזאַ מין מחיצה קאָן בעצם גאָר קיין רייד ניט זיין ניט מכוח נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון רעליגיע און וויסנשאַפט, ניט וועגן אמתער נאַציאָנאַלער קולטור. די דייטש־פראַנצויזישע יידן האָבן דערפאַר ניט געהאַט וואָס זיך „מתקנא״ צו זיין אין זייערע קריסטלעכע שכנים. די קריסטלעכע באַפעלקערונג אין דייטשלאַנד און אין צפון־פראַנקרייך איז נאָך אין יענער צייט געשטאַנען אויף זייער אַ נידעריקער קולטור־מדרגה. כמעט די איינציקע טרעגער פון וויסן זיינען דעמאָלט געווען די העכערע גייסטלעכע און די מאָנאַכן אין די קלויסטערס; און אויך זייערע ידיעות זיינען געווען גאַנץ איינזייטיק, ענג באַגרענעצט מיטן געביט פון דער קריסטלעכער דאָגמאַטיק. און אפילו די דאָזיקע גאַנץ בצימצומדיקע קענטעניש פלעגן שטודירט ווערן אויף דער איינציקער קולטור־שפּראַך פון דער מיטלעלטערלעכער קריסטלעכער אייראָפּע — אויף לאַטיין. און ווי די יידן האָבן זיך פאַרהאַלטן צו דער „גלחים־שפּראַך״, האָבן מיר שוין אָנגעוויזן אין צווייטן באַנד פון אונזער „געשיכטע״ [22]. וואָס שייך די איבעריקע שיכטן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג, איז דאָרט אַ יודע־ספר געווען פון די גרעסטע זעלטנהייטן, שוין ניט ריידנדיק פון דעם פשוטן פאָלק, נאָר אפילו ביי דעם ריטערטום. עס איז דערפאַר לייכט באַגרייפלעך, וואָס די מיטלעלטערלעכע ריטער־פּאָעזיע, וועלכע איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן אדלשטאַנד און דעם פעאָדאַלן לעבנסשטייגער, איז אין איר עצם געווען אַ ריין מינדלעכע. דער ריטער האָט על־פּי רוב ניט געקאָנט שרייבן און אויך ניט לייענען; זיין מאַכט האָט זיך געשטיצט אויף דער שווערד און דעם שפּיז, ניט אויף דער פעדער. ניט לייענען פלעגט דער ריטער און זיין הויזגעזינד לידער און פּאָעמען, נאָר צוהערן, ווי דער זשאָנגלער און שפּילמאַן דעקלאַמירט זיי, על־פּי רוב נאָך מיט דער באַגלייטונג פון מוזיק. זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט דער באַרימטער דיכטער פון 12טן יאָרהונדערט וואָלפראַם פאָן עשענבאַך. ער שטאָלצירט שטאַרק מיט זיין ריטערשטאַנד און מיט זיין כלי־זיין; מיט גדלות דערקלערט ער: „Zum Schildesamt bin ich geboren״ אָבער אין ביכער לייענען און אין דער קונסט פון שרייבן איז ער, ווי מיר האָבן שוין פריער געזען [23], געווען ניט שטאַרק באַהאַוונט.

---

[22] דאָרטן, 10.

[23] דאָרטן, 10.

אויף אזא אופן איז גאנץ פארשטענדלעך, אז געפינענדיק זיך אין אזא קולטורעל־אפגעשטאנענער סביבה, האט דאס דייטש־פראנצויזישע יידנטום געהאט א גאנץ קנאפע ידיעה אין וויסנשאפטלעכע און פילאזאפישע פראבלעמען. לעבנדיק גייסטיק אפגעזונדערט, האבן זיי אלע זייערע גייס־טיקע קרעפטן אפגעגעבן ספּעציעל רעליגיעזע פראגן, וואס זיינען ענג פאר־בונדן מיט דער יידישער אמונה און אירע דינים און געזעצן. זייערע ווערק האבן די יידישע לומדים פון דייטשלאנד און פראנקרייך געשריבן נאטירלעך ניט אויף דער אומקולטורעלער אומגאנגס־שפראך, נאר אויף דער „הייליקער" שפראך, ריכטיקער אויף א געמיש פוןביידע אלטע שפראכן — העברעיש און אראמיש. אין דייטש־פראנצויזישן קיבוץ זיינען אבער ביכער געווען נאך א גרעסערער יקרות, ווי אין דער הויך־קולטורעלער אראבישער שפאניע. עס איז כדאי אנצוווייזן, אז רבנו גרשום'ס א בן־דור, דער גרויסער למדן ר' אלעזר הגדול, האט קיינמאל די מסיכתא „עבודה זרה" ניט געלערנט „משום שלא היתה מצויה בידו" — ווייל ער האט זי קיינמאל אין די אויגן ניט געזען[24]. דער באַ־רימטער מפרש רש"י ווייזט אן אין זיינע שו"ת, אז אין פילע קהילות זיינען מיט סידורים און מחזורים געווען פארזארגט בלויז די חזנים, דער עולם אבער האט צוגעהערט די תפילות אויסווייניק[25]. און בעת מען האט זיך געווענדט צום באַרימטן רבנו־תם מיט א שאלה־ותשובה, האט יענער זיך ניט געשעמט און געענטפערט בזה הלשון: „אם תשלח קלף אשיב תשובה" — שיק מיר פארמעט — וועל איך האבן אויף וואס דיר שרייבן מיין תשובה. דערפאר טאקע שטרייכט אזוי אפט אונטער דער „ספר חסידים", וואס פאר א גרויסע מצווה ס'איז צו לייען דעם אנדערן א ספר[26].

וועגן דעם יקרות פון פארמעט, דעם רוי־שטאף פאר כתב־ידן אין יענע צייטן, זאגט גאנץ קלאר עדות דער ספּעציעלער שטעמפּל, וועלכן עס טראגן אויף זיך פיל אלטע העברעישע פארמעטענע מאנוסקריפּטן אוים דעם מיטלעלטער: פיל בלעטער זיינען אונטן איינגעשניטן טיף „ביז אין פלייש אריין", ד"ה פעסט ביז צום טעקסט. אין מיטלעלטער פלעגן אלערליי קוויטונגען און התחייבותן, שוין ניט רײדנדיק וועגן מזוזות, קמיעות וכדומה, געשריבן ווערן אויף פארמעט. דער דאזיקער מאטעריאל איז אבער געווען גאנץ טייער, פלעגט מען אפט אויסנוצן בשעת הדחק די

---

24 „תשובות חכמי צרפת וליתיר", פ"ר.

25 זע אויך מחזור וויטרי, 323.

26 „ספר חסידים", סימ' 869—871, 873—875, 911, 927 א"ה.

פרייע ניט פאַרשריבענע ראַנדן פון די פאַרמעטענע בלעטער אין די רעד־מאַלטיקע האַנטשריפטלעכע ביכער, וואָס פלעגן איבערגיין בירושה פון דור צו דור. האָט מען באַדאַרפט אַ לענגערן פּאָס פּאַרמעט, פלעגט מען אויסשניידן דעם ריינעם ניט באַשריבענעם ראַנד אין דער גאַנצער ברייט אָדער לענג פונם מאַנוסקריפּט; האָט מען באַדאַרפט אַ קלענערן פּאַס, פלעגט מען אָפּשניידן פונם בלאַט בלויז אַ טייל פון דעם ליידיקן, ניט באַשריבענעם ראַנד.

דער העברעיִש־אַראַמישער דיאַלעקט, די קולטור־שפּראַך פון דעם דייטש־פראַנצויזישן יידנטום, איז אָבער נעווען פאַרשטענדלעך בלויז פאַר לומדים; דאָס פשוטע פאָלק, שוין ניט ריידנדיק פון דער יידישער פרוי, האָט געהאַט גאַנץ קנאַפּע ידיעות אין דער דאָזיקער שפּראַך: פאַר זיי האָט די אומגאַנגס־שפּראַך געמוזט אויך דערפילן די פונקציעס פון אַ קולטור־שפּראַך.

ס'מוז אָבער קודם־כל קלאָר אוועקגעשטעלט ווערן, ווי האָט עס אויסגעזען די דאָזיקע אומגאַנגס־שפּראַך, אויף וועלכער עס האָבן גערעדט אין דעם מיטלעלטער די יידן אין דער קריסטלעכער אייראָפּע. פאַר אונזער טעמע איז נאַטירלעך וויכטיק זיך אָפּצושטעלן בלויז אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך פון די דייטשע יידן, די באַשעפער פון „לשון אשכנז" און אַלט־יידישער ליטעראַטור. מיר האָבן שוין אין אָנפאַנג פונם צווייטן באַנד אָנגעוויזן, אַז דער רוב מנין ורוב בנין פון דעם דייטשן יידנטום זיינען אין 10טן—13טן י"ה געווען די קהילות פון דער ריינישער געגנט — די נאָענטסטע שכנה פון די פראַנצויזישע פּראָווינצן. די יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער ריין־געגנט, האָבן איינגעוואַנדערט פון די רוימישע מדינות, און זייער וועג איז געווען איבער פראַנקרייך. עס איז אויך זייער וואַרשיינלעך, אַז זיי האָבן מיט זיך פון דאָרט מיטגעבראַכט די אָרטיקע אומגאַנגס־שפּראַך — דעם ראָמאַנישן דיאַלעקט; און אפילו באַדייטנד שפּעטער, אינם 12טן יאָרהונדערט, בעת די דייטשע יידן האָבן שוין איבערגענומען די דייטשע דיאַלעקטן, האָבן זיי אין דער זעלבער צייט געלויפיק גערעדט אויך פראַנצויזיש, אדאַנק זייער ענגער פאַרבינדונג מיט די פראַנצויזישע ברידער און דעם פליסיקן מסחר, וואָס זיי האָבן געפירט מיט פראַנקרייך. ווייל די עלטסטע יידישע ישובים האָבן זיך געבילדעט דער עיקר אין דרום־דייטשלאַנד, ווו עס האָט געוועלטיקט דער א ו י ב ע ר ־ ד י י ט ש ע ר דיאַלעקט, איז דערפאַר קלאָר, אַז אָט דעם דאָזיקן דיאַלעקט האָבן איבערגענומען די פון די רוימישע מדינות איינגעוואַנדערטע יידן. פאַר אונזער טעמע קאָן אונז אייגנטלעך אינטערעסירן בלויז דער מיטל־הויכדייטשער

(פֿאַרקירצט מה״ד) דיאַלעקט[27], ווייל דאָס זעלבשטענדיקע קולטורעלע שאַפֿן אפֿילו אויף דער רבנישער שפּראַך האָט ביי די דייטשע יידן זיך אָנגעהויבן ערשט אויף דער שוועל פֿונם 11טן יאָרהונדערט.

פֿרעגט זיך אָבער: צי האָט זיך דער דיאַלעקט, אויף וועלכן עס האָבן גערעדט די יידן פֿון וואָרמס און רעגענסבורג אין יהודה חסידס און אלעזר דעם בעל „הרוקחס״ צייטן, אונטערשיידט פֿון דעם מיטל־הויכדייטש, אויף וועלכן עס האָבן גערעדט זייערע קריסטלעכע שכנים? צי זיינען שוין דעמאָלט געווען מערקלעכע סימנים פֿון אַן אייגענעם „יידיש־דייטשן״ דיאַלעקט? ווי באַקאַנט, האָבן די באַגרינדער פֿון דער „יידישער וויסנשאַפֿט״, די יידיש־דייטשע געלערנטע פֿונם 19טן י״ה, אויס פּאַטריאָטישע פּניות געפּלייסט זיך צו דערווייזן, אַז יידן האָבן זינט זיי זיינען געקומען קיין דייטשלאַנד שטענדיק גערעדט אויף דער זעלבער שפּראַך ווי די קריסטלעכע איינוווינער פֿונם לאַנד; ערשט צום סוף פֿונם מיטלעלטער, ריכטיקער ערשט אינם 16טן י״ה, האָבן די אין גרויסער צאָל איינגעוואַנדערטע „פּאָליאַקן״, ד״ה פּוילישע יידן, פֿאַרדאָרבן די אומגאַנגס־שפּראַך פֿון די דייטשע יידן און זי פֿאַרוואַנדלט אין אַ „נמאסן זשאַרגאָן״, וועגן וועלכן די יידיש־דייטשע פֿאָרשער ריידן דערפֿאַר מיט דער גרעסטער שנאה און ביטול.

דער היסטאָריקער גרעץ דערקלערט דעם יידישן „זשאַרגאָן״ פֿאַר אַ „האַלב טירישע שפּראַך״; דער אַלטער שטיינשניידער, וואָס האָט אַזוי פֿיל אויפֿגעטאָן אויפֿן געביט פֿון אַלט־יידישער ביבליאָגראַפֿיע, איז זיך אָפּנהאַרציק מודה, אַז „זשאַרגאָן איסט פֿיר מיך עטוואַס ווידערליכעס״[28], און דער חריף אברהם גייגער פּסקנט, אַז די יידיש־דייטשע ליטעראַטור „איסט איין מוסטער פֿאָן אַבגעשמאַקטהייט״[29]. צונץ געפֿינט, אַז די עלטסטע מערקלעכע סימנים פֿון אַ יידיש־דייטשן דיאַלעקט האָבן זיך ערשט באַוויזן ניט פֿריער פֿונם 16טן י״ה[30]; שטיינשניידער רעכנט, אַז

---

27 ווי באַקאַנט, ווערט די אַנטוויקלונגס־געשיכטע פֿון דער דייטשער שפּראַך איינגעטיילט אין פֿאָלגנדיקע דריי תּקופֿות: 1) אַלט־הויכדייטש פֿון אַן ערך 750 ביז 1100 לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג, 2) מיטל־הויכדייטש, פֿון אַן ערך 1100 ביז 1500, 3) ניי־הויכדייטש — פֿון 1500 ביז היינטיקער צייט.

28 „פּורים אונד פּאַראָדיע״, 89.

29 געזאַמ. שריפֿטן, II, 221. ווייטער איז גייגער מוסיף: „Wie schon in den Volksbüchern von den Sagen, Anekdoten u. s. w. ab, so ist die religiöse Literatur nicht bloss inhaltlich, sondern auch sprachlich das erbärmlichste Kauderwälsch; ein deutscher Jossipon, ein Zeenah Urenah, ein Tam we'Jaschar und dergleichen wahrhaft den Geschmack vergiftend"...

30 „נאַטיאָנאַלליטעראַטור״... — see note

נאָך שפּעטער, ערשט אין 17טן י״ה, ווען נאָך גזירות ת״ח האָבן די יידיש־דייטשע ישובים פאַרפלייצט די אוים אוקראַינע און פוילן אַנט־לאָפענע. פון די יידיש־דייטשע פאַרשער האָט בלויז איין יאָסט געפונען, אַז דער יידיש־דייטשער דיאַלעקט מאַכט זיך שוין באַמערקבאַר אין סוף פונעם 13טן י״ה, ווען די אוים דער פּראָוואַנס פאַרטריבענע יידן האָבן זיך מאַסנווייז באַזעצט אין דרום־דייטשלאַנד, און „די פּראַנצויזישע פאַרבונג פילט זיך נאָך עד־היום אין דעם יידיש־דייטשן דיאַלעקט״[31].

עס איז אויסער ספק, אַז נענטער צום אמת איז טאַקע יאָסט, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער גיט אַ צו איינזייטיק בילד, ווייל ער שטעלט זיך אָפּ בלויז אויף איין־איינציקן מאָמענט: די פּראַנצויזישע השפּעה. „קיין שום פאָלק, — באַמערקט שאַרפזיניק דער באַגרינדער פון דער מאָדערנער שפּראַך־וויסנשאַפט, ווילהעלם הומבאָלד, — קען ניט אַנדערש באַלעבן און באַפרוכפּערן מיט זיין גייסט אַ פרעמדע שפּראַך, סיידן ער אַרבעט זי איבער און שאַפט פון איר אַ נייע״. דאָס באַשטעטיקט זיך אויך אויף דער אַנטוויקלונג פון „לשון אשכנז״, פון דעם יידיש־דייטש, וואָס דער יידישער קיבוץ אין דייטשלאַנד האָט געשאַפן. ליידער איז די אויספאָרשונג פון די ערשטע שטאַפלען פון דער דאָזיקער אַנטוויקלונג פאַרבונדן, ווי מיר וועלן באַלד זען, מיט גוואַלטיקע שוועריקייטן; דאָס איז אָבער דאָך ניט קיין גענוגנדיקער גרונט צו לאָזן אינגאַנצן די פראַגע אומבאַרירט.

צונץ בעת ער שטעלט זיך אָפּ אין זיינע „גאָטעסדינסטליכע פאָר־טרעגע״[32] (ז׳ 438—441) אויף די פונקציעס פון די העברעיִשע עלע־מענטן אין יידיש, ווייזט ער אָן, אַז די העברעיִשע ווערטער ווערן אויס־גענוצט: 1) פאַר געגנשטאַנדן, וואָס זיינען שייך צו יידישקייט (טלית, חופּה, מצווה, עבירה אד״ג) און צום יידישן שטייגער לעבן, (ישיבה, קהל, דיין, בעל־הבית, בורר אד״גל); 2) פאַר השגות, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט לערנען אין די ישיבות און בתי־מדרשים (דווקא, בפי, חריף, אדרבא, פשיטא, אד״גל); 3) פאַר פאַרשיידענע אויסדרוקן פון

31 זע אַלגעמיינע ענציקלאָפּ. ערש אונד גרובער, 2טע סעק. 2, 27, 323: ויכט־באַר אונד דייטליך איסט די פראַנצויזישע פערבונג דער יידיש־דייטשן קאָנסטרוקציען. אַ ענלעכע מיינונג האָט שוין אַרויסגעזאָגט אין 16טן י״ה דער אַלטער אליהו לעוויטא, וועלכער אייזט אָן אין זיין „תשבי״ ביים וואָרט „קרבץ״, אַז „מיר, דייטשע יידן, קומען פונם שטאָם פון די פראַנצויזישע; וואָרים בעת מען האָט אונז פאַרטריבן פון פראַנק־רייך.., זיינען מיר צעשפּריים געוואָרן איבער דייטשלאַנד און אין אונדזער מויל זיינען איבערגעבליבן אַ סך ווערטער פון זייער שפּראַך״.

32 2טע אויפלאַגע, 453—455.

טעגלעכן לעבן (אכילה, גדולה, דאגה, מזל, תכלית א״א); 4) פאר נעננ־שטאנדן, וואס מען האט בכיוון ניט געוואלט אנרופן מיט דייטשע ווערטער (בילבול, גזירה, משומד א״א). די דאזיקע דעפיניציע איז אבער היסטאריש ניט קיין גאנץ ריכטיקע, ווייל אין איר פעלט נאך איין זייער וויכטיקע גרופע פון געגנשטאנדן. מיר האבן שוין אין דעם פריערדיקן באנד אנגעוויזן אויף דער באדייטנדיקער עקאנאמישער ראלע, וואס די יידישע גרויסהענדלער, די „וועגוויסנדיקע״ ראדאניטן האבן געשפילט אדאנק זייער האנדל מיטן ווייטן מזרח דורך די דייטשע און סלאווישע לענדער. אויף דער שוועל פונם 2טן יארטויזנט לויט דער קריסטלעכער רעכענונג, האבן דעם וויכטיקסטן אויסגאנגס־פונקט פון דעם ראדאניטן־האנדל געבילדעט די ריין־שטעט מיינץ און רעגענסבורג. אט די וועג־וויסנדיקע יידישע גרויסהענדלער האבן אויף זייערע לאנגע און שווערע רייזעס אומעטום זיך געפילט היימיש, ווייל זיי האבן אין יעדער לאנד און מדינה באגעגנט שמאט־ און גלויבנס־ברידער, ווו זיי האבן געפונען זיכערן שוץ און רו. דא מוז אבער אנגעוויזן ווערן אויף איין כאראקטע־ריסטישן שטריך, אויף וועלכן עס האט זיך שוין אפגעשטעלט א שריפט־שטעלער פונם 12טן י״ה, יהודה הלוים תלמיד, דער שוין אונז באקאנטער שפאנישער גראמאטיקער שלמה פרחון[33], שרייבט צום סוף פון זיין „מערכת הערוך״: „איך בעט זייער, אויב מיינע לעזער וועלן ביי מיר געפינען ניט פאסיקע און אומגעלונגענע אויסדרוקן, זאלן זיי מיך דן זיין לכף זכות. בי אונז אין לאנד (אין שפאניע) איז מען דאך ניט אזוי געאיבט אין דער העברעישער שפראך, ווייל אין אלע מוסולמענישע לענדער געוועלטיקט דאך איין און די זעלבע שפראך. און ווהין אונזערע שפאנישע יידן קומען, פארשטייט מען זייער לשון און קאנען זיי זיך לייכט צונויפריידן מיט זייערע ארטיקע ברידער. אנדערש איז אבער אין די קריסטלעכע לענדער: אין יעדער מדינה רעדט מען אן אנדער לשון, און ווען א ייד קומט פון איין מדינה אין א צווייטער, פארשטייט מען שוין ניט זיין שפראך, און ער קען זיך מיט זיינע ארטיקע ברידער אנדערש ניט צונויפ־ריידן ווי מיט דער הילף פון לשון־קודש, און אדאנק דעם זיינען זיי גע־וויינט צו דענקען און צו ריידן העברעיש״[34]. דער וועג, איבער וועלכן די יידישע גרויסהענדלער פון דער ריין־געגנט האבן געפירט זייער האנדל

---

[33] זעער באנד, ז׳ 18—19.

[34] „...מפני שכל המקומות של ארץ ישמעאל לשון אחד יש להן וכל האכסנאין הבאים אליהם יכירו את לשונם, לפיכך לא הוצרכו להשתמש בלשון הקודש להיות רגילין בו, אבל כל ארץ אדום משונים ללשונותיהם זו מזו ובשיבואו אכסנאין אליהם לא יכירו דבריהם, הוצרכו לדבר להם בלשון הקדש, לפיכך הם רגילין בו״

מיט די רייכע מוסולמענישע לענדער פון פאדער־אזיע, איז געלעגן איבער מדינות און מלוכות, ווו די יידן האבן גערעדט אויף די פארשיידנסטע לשונות, און די איינציקע אוניווערסאלע שפראך, וואס מיט איר הילף האבן די פון דער פרעמד געקומענע סוחרים זיך מער־ווייניקער געקענט פאר־שטענדיקן מיט זייערע פארשיידנשפראכיק־רייידנדיקע ברידער — איז גע־ווען די העברעישע שפראך. די העברעישע האנדלס־אויסדרוקן און סחורות־באצייכענונגען האבן בלי־ספק געשפילט די וויכטיקסטע, ווען ניט די הויפט־ראלע ביי דעם אפטן מגע־משא, וואס די יידן פון פארשיידענע מדינות האבן געפירט מיט אנאנדער. ס'איז דערפאר העכסט ווארשיינלעך, אז די אלע העברעישע האנדלס־טערמינען און באצייכענונגען האבן זיך איינגעבירגערט אין דער אומגאנגס־שפראך פון די דייטשע יידן נאך פריער פון די באצייכענונגען פון געגנשטאנדן, וואס האבן א שייכות צו י י ד י ש־ק י י ט און דברים שבקדושה.

אויסער העברעישע עלעמענטן זיינען אין דער אומגאנגס־שפראך פון די דרום־דייטשע יידן, וואס האבן אויף דער שוועל פונם 2טן יאר־טויזנט זיך נאך געפונען אין אזא נאענטער קרובעשאפט מיט די פראנצויזישע יידן — געווען גאנץ רייך פארטראטן אויך ראמאנישע עלעמענטן. פיל פון די דאזיקע עלעמענטן האט נאך אפילו אויפגעהיט אונזער היינטיק יידיש. ס'איז גענוג אנצואווייזן אויף אזוינע ווערטער, ווי אלקער[35], אלמער[36], אימפעט[37], פאראומערט[38], פארוואגלט[39], פלעט[40], גוידער[41], בענטשן[42], דאוונען[43], ניטל[44], סארווער[45], און פיל אנדערע[46].

ווייל אבער די יידישע סביבה איז געווען א גאנץ אייגנארטיקע, און עס זיינען דארט גילטיק געווען אזוינע באגריפן, וואס זיינען ביי דער קריסטלעכער באפעלקערונג ניט באקאנט געווען, האבן אין דער יידישער אומגאנגס־שפראך געמוזט געשאפן ווערן אזוינע ווארט־בילדונגען, וואס די קריסטלעכע סביבה האט פון זיי ניט געוווסט. אזוי, א שטייגער, האבן די מלמדים, בשעת דעם לערנען מיט די קינדער אין די חדרים, געמוזט ביים ווערטלעכן „פארטייטשן" די סדרה, באשאפן אזוינע אויסדרוקן, וואס זיינען גאר אין דער דייטשער אומגאנגס־שפראך ניט געווען בנמצא. א טייל פון די דאזיקע נײַ־בילדונגען זיינען אויפגעהיט געווארן אין די

35 alcove. 36 armoire. 37 impété. 38 humeur. 39 vagué.
40 billet. 41 goitre. 42 benéz. 43 diviniser. 44 פון לאטייניש „natalis".
45 serviteur.

46 די השפעה פון פראנצויזיש פילט זיך אויך אין דעם אויסלייג פון פיל ווערטער מיט דעם שטומען „אלף" אין די אלטע מאנוסקריפטן און דרוק־אויסגאבן.

אַלטע יידישע תּורה־איבערזעצונגען, ווי למשל: הָרַע — איבעלן, וארשתיך — איך זאָל דיך אַנטשפּויזן (פונם ראָמאַנישן spasare) מוהר מהר — מאָרגנגאָב זאָל ער מאָרגנגעבן, מלוך — קיניגן, ילוד — קינדלען, שבר — בראָך, אַנשיקעניש, הלוך אלך — גיין גיי איך, קרוא אקרא — רופן רוף איך, קדֵשה — בערייטערין, תפלצת — שטורדישקייט אאַז״וו[47]. ניט אָבער בלויז מיט אַ געוויסן סכום פרעמדע (העברעיִשע און ראָמאַנישע) ווערטער האָט זיך שוין אינם מיטלעלטער דער יידישער „לשון אשכנז״ אונטערשיידט פון דעם מיטל־הויכדייטש. מען דאַרף געדענקען, אַז אין דער שפּראַך שפּיגלט זיך אָפּ ניט בלויז דער לעבנס־שטייגער, נאָר אויך די אייגנאַרטיקייט פונם גייסטיקן מהות און פּסיכיק פון דעם באַטרעפנדיקן פאָלק. עס איז אויסער ספק, אַז די אומגאַנגס־שפּראַך פון די דייטשע יידן אינם מיטלעלטער האָט זיך אונטערשיידט פון דעם דייטשן דיאַלעקט, אויף וועלכן עס האָט גערעדט די קריסטלעכע סביבה, ניט בלויז דורך אַ ספּעציעלער אויסשפּראַך און ניואַנסירן פון געוויסע וואָקאַלן, נאָר אויך מיט איר אייגנאַרטיקן סינטאַקסיס, מיט דער קאָנסטרוקציע און אויפבויונג פון גאַנצע זאַצן און אויסדרוקן. באַווייזן אָבער דאָס מיט לעבעדיקע ביישפּילן איז אונז אוממעגלעך, נעמענדיק אין אכט, אַז די פּשוטע אומגאַנגס־שפּראַך, וואָס איז געווען אין מויל פון פאָלק, האָט זיך באַדייטנדיק אונטערשיידט פון דער ליטעראַרישער און אָפיציעלער שפּראַך, אין וועלכער עס זיינען געשריבן די עלטסטע צו אונז דערגאַנגענע יידישע געשריפטן[48].

צונץ פלייסט זיך צו דערווייזן אין זיין אויבן־ציטירט ווערק, אַז די אַלע אַלטע (ביז צום סוף פון מיטלעלטער) יידישע דאָקומענטן, וואָס זיינען צו אונז דערגאַנגען, זאָגן אַמבעסטן עדות, אַז די יידן אין דייטשלאַנד „קיין אַנדערע שפּראַכע אַלס די אירער קריסטליכען לאַנדסלייטע גערעדעט״ און „שטאַנדען אין דער שפּראַכע דען דייטשען קריסטען גלייך״ („די גאָטעסד. פאָרטרעגע״, 452). אמת, די אויפגעהיטע אַלטע יידישע אָפיציעלע דאָקומענטן אונטערשיידן זיך טאַקע שפּראַכלעך זייער ווייניק פון די דייטשע דאָקומענטן אויס יענער צייט, און דאָך איז צונצס ראיה גאַנץ ווייניק איבערצייגנדיק. איינע פון די עלטסטע יידישע דאַטירטע געשריפטן, וואָס זיינען צו אונז דערגאַנגען בשלמות, איז די פייערלעכע דערקלערונג (Urfehde) פונם באַוווסטן רב ר׳ מאיר בן ברוך הלוי[49],

---

[47] זע גרינבוים „יוד. כרעסטאָמאַטיע״, 143; אַ. שולמאַן, „השלח״, V, 42—3.

[48] אגב אורחא האָבן מיר שוין וועגן דעם גערעדט אין אונזער אַרבעט „דער קאַמף פאַר יידיש״ („פיל. שר.״ II, 82).

[49] זע אונזער ווערק, באַנד III, ז׳ 190—191.

מיט וועלכער ער איז אַרויסגעטראָטן אין 1392, נאָך דעם, ווי מען האָט אים באַפרייט פון דער תפיסה. דער דאָזיקער אָפיציעלער דאָקומענט, וואָס איז אונטערגעשריבן מיט ניין רבנישע חתימות, קאָן אונז אָבער ניט געבן קיין שום באַגריף וועגן דער אומגאַנגס־שפּראַך ביי יידן אין מיטלעלטער, ווייל ער איז געשריבן אין דעם טיפּישן קאַנצעלאַריע־סטיל פון יענער צייט. דאָס איז פּאַקטיש אַ ד י י ט ש ע ר אָפיציעלער דאָקומענט געשריבן מיט יידישע אותיות[50]. אין דעם זעלבן סטיל איז אויך געשריבן אַ צווייטע צו אונז דערגאַנגענע אָפיציעלע פייערלעכע דערקלערונג פון אַ פּוילישן יידן יקותיאל, געשריבן אין ברעסלע אין 1435[51]. ווי ווייט דער סטיל פון די דאָזיקע דערקלערונגען איז געווען פון דעם געוויינלעכן בריוו־נוסח, וואָס איז געווען אָנגענומען ביי די יידן אין יענע צייטן, זאָגט עדות אַן אויפגעהיטער בריוו, וואָס אַ פראַנקפורטער ייד האָט געשריבן זיינעם אַ קרוב אין 1454. נפתלי בן משה האָט דער ייד געהייסן. און ער שרייבט זיין שוואָגער כהאי לישנא: „ר״ד (ראשית דבר) ליבר יעקב ווי̤ש דאָס איך ערשט היום אויף די לילה בין בון שפּייער קומן אונ׳ האָב געהוירט (גע־הערט) דו בישט ניט אויף דר ברייל̇פט (חתונה) צי וואורמז גיוועזן, זיין מיר דרשרוקן (דערשראָקן) אוב דו ח״ו (חס ושלום) ניט וואָל אויף בישט. ע״ז (על זאת) האבן מיר ניט קוינן אונטר לושן אונ׳ שיקן דיר דיזן שליח מיוחד דו וועלשט אונז כ״ד (כל דבר) באריכות מודיע זיין... עוד ליבר ורוינד (פריינד) שרייבט מיר על ידי מוקדם וויא לאנג איר נאך הבט בדעה צו האַניו (Hanau) צו בלייבן אודר אין וועלכם אופן איר אלדא זייט״.

ניט בלויז דער באַדייטנדיקער סכום העברעישע ווערטער, נאָר דער גאַנצער נוסח און זאַצבוי זאָגט עדות, אַז מיר האָבן פאַר זיך ניט קיין

---

50 דעם דאָזיקן דאָקומענט האָט צוערשט פאַרעפנטלעכט א. פריימאַן אין „צייטשר. פ. העבר. ביבל.", 1907, III—107. מיר ברענגען דאָ די ערשטע שורות: „איך מאיר פון ערפורט יוד ערקינן מיך מיט דיזם בריף בור מיך אליין הירן אונד אירבן אלזו אז מיך די אירזמן בורויהטיגן (Vürsichtigen) אונד וויזן לויטא די בורגערמייסטר אונד רוט (ra!) צו ורנקבורט אן גנ̇רטינט (angefertigt) אונד גיאַנגן (gefangen) האטן פון ברוך וועגן"...

51 דער דאָזיקער פון די מייז שטאַרק צעשעדיקטער דאָקומענט איז צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין בראַנס „געשיכטע ד. יודען אין שלעזיען", 1896, אַנהאַנג, IV, 683, און איבערגעדרוקט אין שיפּערס „קולטור־געשיכטע", 272. מיר ברענגען די ערשטע שורות פון דערדאָזיקער דערקלערונג: „איך יקותיאל יודא איטוואַן־בינוש יודן־זונא (Etwan-Beinusch's Judensohn) בקינא מיט דיזם בריבא אללן די אין זעהן, הורן (הערן) אודר לעזן, דז איך גלובט האבא אונ׳ גלובא אין קראַפט דיש... אונ׳ אונ׳ בטוונגן (אָן צוואַנג) ביי מיינעם יודישן רעכט אונ׳ איידא" (שבועה).

„לשון אשכנז'', נאָר אמת יידיש־דייטש. נאָך אַ קלערערן באַגריף וועגן דער מינדלעכער שפּראַך פון די דייטשע יידן אינם מיטלעלטער וואָלט אונז געקענט געבן די גביות עדות און די רבנישע שו"ת. ליידער באַגעגענען מיר אַזוינע גביות עדות (און דאָס אויך מייסטנס קורצע זאַצן) ערשט אין די שו"ת פונם סוף מיטלעלטער, ווי צום ביישפּיל ביי ישראל איסערלין און יעקב ווייל[52].

מיר האָבן בכן געזען, אַז דאָס יידיש־דייטש איז באַדייטנד עלטער ווי די יידיש־דייטשע פאַרשער האָבן געוואָלט דערווייזן, און שוין אין די דורות, ווען דער „ספר חסידים'' איז געשאַפן געוואָרן, האָט זיך דער „לשון אשכנז'', וואָס די יידן האָבן גערעדט, אין אַ געוויסער מאָס אונטער־שיידט פון דעם מיטל־הויכדייטש, וואָס זייערע קריסטלעכע שכנים האָבן באַנוצט[53]. שטעלט זיך איצט די פראַגע: אויף ווי ווייט דאָס פאָלק האָט געשאַפן אויף דער דאָזיקער שפּראַך? געוויס האָט די פאָלקס־מאַסע גע־שאַפן אויף איר אומגאַנגס־שפּראַך לעגענדעס, מעשיות, לידער, מיט וועלכע די מוטער פלעגט איר קינד פאַרווייגן, און יונגוואַרג די טענץ באַ־גלייטן, אָדער די ליבע-ווייען און פריידן אין זיי אויסגיסן. אָבער דאָס אַלץ איז געווען בעל־פּה, וואָרעם מיר האָבן דאָך שוין געזען, אַז ביי דעם גרויסן יקרות פון געשריבענע ביכער אינם מיטלעלטער האָט דאָס פּשוטע פאָלק קיין ביכער ניט פאַרמאָגט. אַ באַגריף וועגן דעם רייכן יידישן פאָלקלאָר פון יענער צייט קאָן אונז געבן דער גוט באַקאַנטער „ספר חסידים''[54]. עס זיינען אָבער אויך געווען געוויסע פאָלקלאָריסטישע עלעמענטן, וואָס זיינען אויפגעהיט געוואָרן ניט בלויז בעל־פּה, נאָר אויך געמוזט פאַרשריבן ווערן לזכרון אויף פאַרמעט אָדער אויף פּאַפּיר. דאָס זיינען געוויסע שפּרוכן, השבעות, פאָלקס־סגולות. מען האָט געהאַלטן פאַר זייער וויכטיק אויפהיטן דעם גענויעם ווערטלעכן טעקסט, האָט מען זיך ניט פאַרלאָזן אויפן זכרון, און מען פלעגט דאָס פאַרשרייבן מלה במלה. אַ דאַנק דעם זיינען טאַקע אויפגעהיט געוואָרן גאַנץ אַלטע יידיש־דייטשע אָפּשפּרעכונגען און השבעות[55] און געגראַמטע סגולות און רפואות

---

[52] זע ח. לונסקי: „איסערלינס יידיש" („יידישע פילאָלאָגיע", 288—295) און „יידיש ביי ר' יעקב ווייל" („לאַנדוי-בוך", 286—88).

[53] ד"ר שיפּער פּרווט דאָס באַווייזן, זיך שטיצנדיק אויף אָנאָמאַסטישע קוועלן („יד. פילאָלאָגיע", 101—112, 272—287).

[54] זע אונזער װערק, באַנד II, 47—76.

[55] פאַרעפנטלעכט דורך נירעמאַן („מאָנאַטשריפט", 185) און פערלעס (גרעץ, „פעסטשריפט"). זע ביילאַגע נומ' 1.

אויפן פראַנצויזישן דיאַלעקט מיט יידישע אותיות פאַרשריבן אינם 13טן י״ה[56]. צוויי שטאַרק צעשעדיקטע פּאַרמעט-בלעטער מיט מעדיצינישע פאַרשריפטן אויף יידיש-דייטש בנוגע אָדער-לאָזן, דאַטירט 1364, געפינען זיך אין קעלנער ביבליאָטעק[57]. די דיאַלעקטן, אויף וועלכע עס האָבן גערעדט די דייטשע און פראַנצויזישע יידן אין 12טן—13טן י״ה, זיינען אָבער ניט געווען בלויז די אומגאַנגס-שפּראַך אין יידישן הויז און אין מאַרק, נאָר אויך די אונטערריכט-שפּראַך אין די חדרים און, אין אַ געוויסער מאָס, די געבעט-שפּראַך אין די בתי-מדרשים. אויף דער אומגאַנגס-שפּראַך פלעגט מען פאַרלייענען געוויסע שטעלן אויס דער ביבל, מגילת אסתר, די פּסחדיקע הגדה[58], און אויך פאַרשיידענע תפילות פלעגט מען איבערזעצן ,,בלע״ז טף ונשים״. די איטאַליענישע יידן האָבן שוין אין 13טן י״ה זיך באַנוצט מיט אַן איטאַליענישער איבערזעצונג פון מגילת אסתר און פון אייניקע אַנדערע ביבלישע ביכער[59]. דאָ מוזן מיר זיך אָפּשטעלן אויף פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן שטריך:

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן[60], ווי אַזוי דאָס אויפבליען פון דער ביי די אַראַבער הייליקער שפּראַך פון דעם קאָראַן האָט ביי די יידן אין דער אַראַבישער שפּאַניע אַרויסגערופן אַ קנאה-געפיל: עס האָט אין זיי אויפגעוואַכט דער נאַציאָנאַלער ווילן צו פאַרשטאַרקן און צו אַנטוויקלען אויך די שפּראַך פון זייער הייליקטום — דער ביבל. אויס נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוווסטזיין, אויס דעם דראַנג צו נאַציאָנאַל-קולטורעלן קיום, איז ביי די ספרדישע יידן די אַראַבישע שפּראַך געוואָרן ניט די שוועסטער פון דער ביבל-שפּראַך, ווי בשעתּו די אַראַמישע, נאָר פאַרבליבן איר שטאָלצע קעגנערין. אויס די דאָזיקע מאָטיוון האָבן צווישן די

---

56 זע שטיינשניידער, „בערלינער האַנטשריפטן-פערצייכניס״, II, 154—156. זע ביילאַגע נומ׳ 1.

57 דער אויפגעהיטער פראַגמענט פאַרענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקער צושריפט: „קכ״ד לפרט סימתי זה הנתב מן פל כוחות ההקזה וההורידין כאשר פתבו הרופאים״. זע „צייטשריפט פ. העבר. ביבל.״, 1904, 113—114.

58 זע מחזור וויטרי, חלק 2, 295, הלכות הגדה של פסח: „הא לחמא ענייא וכו׳ ולועז; מה נשתנה הלילה הזה וכו׳... ולועז״. אויף דעם אינזל קאַנדיע איז געווען אַ לאַנגאָנעדיקער מנהג, אַז יום-כיפור פלעגט מען צו מנחה לייענען אין אָריגינאַל בלויז די ערשטע דריי פסוקים פון ספר „יונה״, דאָס איבעריקע האָט מען פאַרגעלייענט „בלעז יוָני״, ד״ה אויפן גריכישן דיאַלעקט, די אומגאַנגס-שפּראַך פון די אָרטיקע יידן.

59 וועגן איבערזעצונגען פון ביבלישע ביכער ביי איטאַליענישע יידן, זע בײפאָגעלשטיין אונד ריגער, I, 339, 370, 372.

60 זע אויבן, ז׳ 10.

ספרדישע תלמידי חכמים זיך געפונען אזוינע פוריסטן, וואָס זיינען געווען איין דעה מיט דעם רמב״ן, וועלכער האָט געפונען, אז „לא התירו לכתוב ספרי הקודש אלא בלשון הקודש, אבל לא בלעגי שפה ובלשון אחרת״ — עס איז דערלויבט צו שרייבן די הייליקע ספרים נאָר אויף לשון קודש, אָבער ניט אויף וועלכן ס׳איז דיאַלעקט און אַנדערע שפּראַכן. דער ספרדי־שער רב ר׳ יצחק בר שישת, למשל, איז זיך שטאַרק מתרעם דערויף, וואָס מען לייענט פאַר די פרויען די מגילה ניט אין אָריגינאַל, נאָר אין דער איבערזעצונג. אין די דייטש־פראַנצויזישע, ווי אויך אין די איטאַליענישע מיטלעלטערלעכע יידישע קבוצים האָט נאַטירלעך ניט געקאָנט אויס־וואַקסן אַזאַ קנאה־געפיל צו די אומגאַנגס־שפּראַכן פון דער קריסטלעכער סביבה. זיי זיינען דאָך געווען בלויז פשוט־וואָכעדיקע אומגאַנגס־שפּראַכן; די שפּראַך פון רעליגיע און קולטור איז געווען אַ גאַנץ אַנדערע — די „שפת הגלחות״, דאָס אַלטע לאַטיין. עס האָט דעמאָלט אינם יידישן געטאָ געפעלט דער רעאַלער באָדן פאַר אַ „ריב לשונות״; דערפאַר טאַקע דער־קלערט דער גרויסער ירא־שמים, יונה גירונדי, אין זיין „ספר היראה״, אז ווען איינער האָט ביי זיך ניט קיין תורה מיטן תרגום, זאָל ער לייענען „שנים מקרא ואחד לע״ז״. זיינער אַ בן־דור, דער איטאַליענער יהודה בן בנימין, גייט נאָך ווייטער: ער ווייזט אָן „שהלע״ז שלנו הוא במקום תרגום שלהן״ — אונזער איצטיקער דיאַלעקט שפּילט די זעלבע ראָלע, וואָס אַמאָל דער תרגום. און דער גאַנצער צוועק פון דעם „תרגום״ איז דאָך אין יענע צייטן געווען בלויז צו דערקלערן די תורה פאַר נשים און עמי־הארצים, וואָס פאַרשטייען ניט קיין לשון־קודש[61]. דער בעל „שבלי הלקט״ שטרייכט אונטער: „ס׳איז אַ מצווה, בעת מען לייענט די תורה, זאָלן דערביי שטיין תורגמנים (דערקלערער, דאָלמעטשער), וואָס איבער־זעצן און דערקלערן אַלץ, וואָס מען לייענט, כדי עס זאָלן אויך פאַרשטיין פרויען און עמי־הארצים, און דערמיט מקיים זיין דעם פסוק: „ויקראו בספר תורת אלהים מפורש ושום שכל ויבינו במקרא״[62]. און דער „ספר

61 „וכל עיקר של תרגום אינו אלא לפרש דברי תורה לנשים ולעמי הארץ שאינו מבינין בלשון הקדש״. וייטער לייענען מיר אין דעם „ספר היראה״: „וישלים פרשיותיו עם הצבור בכל שבוע שנים מקרא ואחד תרגום, ואם אין לו תרגום יקרא שנים מקרא ואחד לע״ז״. אין אַן אַלטער יידישער איבערזעצונג ווערן וועלכער עס וועט וייטער זיין די רייד, לייענט זיך דערדאָזיקער זאַץ: „אל וואך די סדרה זלסטו לייען מיט אַנדערן לייטן, צווי מאל עברי, אונ׳ תרגום אין מאל, דש שטים דיר אך וואָל. האשטו נים איין תרגום — צו איינם מאל טויטש זלטן זיין ברייט״.

62 „שבלי הלקט״, סימ׳ 78; זע אויך דאָרטן, סימ׳ 19: „עכשיו שאין אנו בקירין בלשון בבל מפורש הוא הלעז של כל לשון כל אחד ואחד כלשונו, והירא את דבר ד׳ מוצא ידי שניהן לקרות תרגום ומפורש בלע״ז של כל לשון ולשון״.

חסידים" לערנט: „ווען עס וועט קומען צו דיר א ייד, וואס פארשטייט ניט קיין לשון־קודש, נאר ער איז א ירא־שמים און וויל דאוונען מיט כוונה, אדער אז עס וועט קומען א יידענע, וואס פארשטייט אוודאי ניט קיין לשון־קודש — זאלסטו זיי זאגן, זיי זאלן דאוונען אויף דעם לשון, וואס זיי פארשטייען. ווארעם די תפילה — דאס איז דאך דאס געבעט פונם הארצן, און וויבאלד דאס הארץ ווייס ניט, וואס די ליפצן זאגן, וואס קאן העלפן אזא תפילה; לכן איז בעסער, יעדער מענטש זאל מתפלל זיין אויף דעם לשון, וואס ער פארשטייט" [63].

און די דאזיקע תלמידי חכמים זיינען טאקע געווען נאה דורשים ונאה מקיימים. עס זיינען אויפגעהיט געווארן סליחות און פיוטים פונם 13טן י"ה, ווו צוזאמען מיטן העברעיִשן אריגינאל געפינט זיך די פראנצויזישע איבערזעצונג געשריבן מיט העברעיִשע אותיות [64]. מיר ברענגען דא די ערשטע סטראפע פונם באקאנטן פיוט „אמוני נבונים" אין דער דאזיקער איבערזעצונג:

לֵיש אַנְפַנץ דֵיש אבות שַאגֵיש אִי אַפְּרִיש בְּיַין אַנְשְׁנֵייץ
Les an fanz des abat sages i apris, bian ansenez

אה טוֹקִיר דו שופַר צֵא שֵׁיטֵיין מַאיֵיש קֵיקא אַן שונְט פְּנֵיץ
A tocher do chofar ce sétén mais cheke an sont penez

רוֹי דְרַיינצון רְמַנבְּרָא לַאמוּר דְאַנְצְיינץ בֵיר שוא אֵייטְיַינט אדוניץ
Roi de rainçon, remanbra l'amor d'ancianz, ver soi eteiant adonez

לוּש אַנפַנץ שִׁי אַקְרֵישְׂא קוּמְא אֵיטֵילש דו צְיֵיל פְּלוּש נְא שֵׁיַינְט מַאל מְנֵיץ [65]
Les anfanz si acrésse come ételes de ciel, plus ne seiant mal menez.

באזונדערס אינטערעסאנט איז א חתונה־ליד, וואס ס'איז אויפגעהיט אין א האנטשריפטלעכן מחזור וויטרי פון דער צווייטער העלפט 13טן י"ה [66]. מיר האבן געזען, ווי ביי די יידישע דיכטער אין די אראבישע מדינות זיינען געווען זייער אנגענומען מיש־שפראכיקע לידער, ווו העב־

---

63 דארטן, סימ' 588 און 785.

64 זע: 146—162, 36—51, 1927 ib; 201—211, 1881 Rev. d. et. Juives; 443—486, Romania III.

65 דער העברעיִשער אריגינאל: „אמוני נבונים, בתקעם בירה איתנים, גואלם יזכור למו ברית ראשונים, דגלימו ישים ככוכבי שחק נמנים".

66 געפינט זיך אין ניו־יארקער טעאלאגישן סעמינאר. דער שרייבער האט געהייסן אליעזר בן שמואל (זע: רעוו. ד. עטיוד, ז״שו 1926, 379—393).

רעזשע פערזן און אויך גאַנצע סטראָפעס ווערן צונויפגעפלאָכטן מיט אַראַבישע. אַזוינע „מאַקאַראָני״־לידער זיינען אויך געווען ביי די פראַנצויזישע יידן אינם 13טן י״ה. דער מחזור וויטרי וויזט אָן, אַז אויף חתונות איז געווען דער מנהג, אַז מען פלעגט אַנידערזעצן חתן־כלה אויף הויכע שטולן, און יונג און אַלט פלעגן זיי משמח זיין מיט טענץ און געזאַנג[67]. איינס פון די דאָזיקע טאַנץ־לידער ווערט טאַקע געבראַכט אין דעם האַנטשריפטלעכן מחזור וויטרי. דאָס איז אַ צוויי־שפּראַכיק ליד, ווו נאָך יעדן העברעיִשן פערז פאָלגט אַ פראַנצויזישער[68]. דאָס דאָזיקע ליד הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע סטראָפעס:

אל גבעת הלבונה —
נוטרא חתן איט אריביץ
(Notre hatan et arivez)
אור חמה ולבנה —
טון קטיאיי פאיי דליבריר
(Ton chatié fai delivrer)
כי בידי חרב יונה —

שטו נלובאייש ליבריר
(Se tu ne li vais livrer)
נוש נטנפורייט שאביר
(Nus ne t'an poreit saver)
לא ישוב אל נדנה —
איינץ איפורייש טאוט מיקביר
(Ainz i poreis tet mechewer)

אויך ביי די דייטשע יידן זיינען אינם מיטלעלטער געווען תפילות און פיוטים אויף זייער אומגאַנגס־שפּראַך. מיר ווייסן גאַנץ באַשטימט, אַז אין 14טן י״ה האָבן ביי די דייטשע יידן עקסיסטירט ניט בלויז איבערזעצונגען פון תפילות, נאָר ספּעציעל געגראַמטע רעליגיעזע לידער, פאַרפאַסט לויט דעם מוסטער פון די תפילות „אדון עולם״ און „יגדל״. דער באַוווסטער רב ר׳ יעקב בן משה מולין (מהרי״ל), וואָס דערציילט וועגן דעם, איז זיך אפילו דערויף שטאַרק מתרעם[69].

עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, אַז אַזוינע תפילות האָבן שוין עקסיסטירט באַדייטנד פריער. דער מקובל ר׳ אלעזר אויס וואָרמס, בעת ער באַקלאָגט דעם טראַגישן טויט פון זיין פרוי דולצע, וואָס איז דערהרגעט

---

67 „מביאין את החתן ואת הכלה ומושיבין אותם בקתדראות זה כנגד זה ועושין להם מחולות סביבותיהם. ויהללו להם בחול בחורים וזקנים יחדיו וייטיבו נגן בשמחה ובשירים״.

68 פאַרעפֿנטלעכט אין „רעווי ד. עטיוד זשוו.״ 1927, 22—32.

69 „מנהגים״, סימ׳ 112: „חרוזות ומשקולות שעושין בלשון אשכנז על היחוד ועל י״ג עקרים, הלואי שלא יעשו מפני שרוב עמי הארץ סבורים שבזה תלוי כל המצוות ומתיאשים מכמה מצוות עשה ולא תעשה. באותן חרוזים רמוזים רק עיקר אמונת ישראל ולא אחד מתרי״ג מצוות שישראל מצווים עליהם״.

געוואָרן אין 1196[70], זאָגט ער איר נאָך פאָלגנדיקע שבחים: „משוררת זמירות ותפלה, ומדברת תחנונים, נואמת פיטום הקטורת ועשרת הדברות". דער אויסדרוק „ומדברת תחנונים" באווייזט אמבולטסטן, אַז עס רעדט זיך דאָ וועגן סליחות און תפילות אין דער אומגאַנגס־שפּראַך, וואָס די וווילקענעוודיקע „פירזאָגערין" פלעגט פאָרלעזן אָדער זינגען פאַרן ווייבערשן עולם[71]. עס איז קיין ספק ניט, אַז די אַלע תפילות־איבערזעצונגען פלעגט טאַקע דאָס אוידיטאָריום צוהערן בעל־פּה, ביי דער „פירזאָגערין" זיינען זיי אָבער געווים געווען אויפגעשריבן.

פאַרשריבן זיינען אויך געווען די איבערזעצונגען פון די אַלע ביבל־טיילן, וואָס פלעגן פאָרגעלייענט ווערן אין שול פאַרן עולם אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך, ווי די עשרת הדברות, שירת־הים, מגילת אסתר, ספר יונה, וכדומה. דאָס שטרייכט בפירוש אונטער דער אויבן־ציטירטער רב אוים דעם 14טן י"ה, ר' יצחק בר ששת. ער ווייזט אָן, אַז „נוהגים לקרוא לנשים המגלה בלע"ז ו כ ת ו ב ה בלע"ז", ד"ה מען פלעגט לייענען פון א געשריבענער מגילה־איבערזעצונג.

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, אַז דאָס וואָס האָט געדינט אַלס גייס־טיקע שפּייז פאַרן פּשוטן פאָלק, פאַר דער פרוי און איינפאַכן לאַנדסמאַן, אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך, האָט קיין מעצענאַטן און מנדבים ניט גע־קענט געפינען. עס האָבן זיך אָבער געפונען, ווען אפילו אין אַ גאַנץ באַ־גרענעצטער צאָל, פאַרמעגלעכע פרויען, וואָס האָבן געשפּילט די ראָלע פון „פּאַטראָנעסעס" און „געגערינס", וועלכע האָבן זיך דערלויבט אַזאַ לוקסוס, ווי באַשטעלן פאַר זיך ביי ספּעציעלע קאָפּיסטן און שרייבערס געשריבענע איבערזעצונגען פון תפילות, פון תהילים און אייניקע אַנדערע ביבלישע ווערק, ווי מגילת אסתר וכדומה, אָדער אויך באַשרייבונגען פון „מצוות נשים" — פון די אַלע מצוות, וואָס אַ יידישע פרוי דאַרף וויסן, און אויך אַנדערע מנהגים־באַשרייבונגען פון דעם רעליגיעזן יידישן לעבן, צונויפגעפלאָכטן מיט מוסר. עס איז, צום ביישפּיל, אויפגעהיט געוואָרן אַ פאַרמעטענער מאַנוסקריפּט — אַ זאַמלונג פון אַן איטאַליענישער תפילות־איבערזעצונג, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין 1383 פאַר אַזאַ „געגערין" מיטן נאָמען רבקה[72].

70 זע צווייטן באַנד, 96.

71 עס איז אויפגעהיט געוואָרן דער נאָמען פון אַ צווייטער „פירזאָגערין" אויס דעם מיטלעלטער: „מרת גוטא בת ר' נתן (געשטאָרבן 1308), האָט וועגן איר דערציילט „שחיתה פתפללת לנשים בתפלתה הערינה".

72 זע שטיינשניידער, „מאָנאַטשריפט", 1898, 319.

ניט אָבער בלויז סליחות און תּפילות־איבערזעצונגען פלעגט מען אָפּשרייבן פאַר די יידישע „גענעריגס" און ווייבערשע פירזאָגערינס. מיר האָבן שוין פריער געבראַכט דעם בעל „שבלי הלקט" מיינונג, אַז ס'איז אַ מצווה, בעת מען לייענט די תּורה, זאָלן דערביי שטיין תּורגמנים, וואָס זאָלן איבערזעצן און דערקלערן אַלץ וואָס מען לייענט. אָבער ניט נאָר דעם תּורה־טעקסט פלעגן די תּורגמנים פאַרטייטשן. מיר ווייסן, אַז שוין אין די צייטן פון בית־שני זיינען פון דעם „דערקלערן" די תּורה ביס־לעכווייז נולד געוואָרן גאַנצע דרשות פול מיט מוסר און דרך־ארץ [73]. אַזוינע דרשות פלעגן די לערער און מדריכים פון פאָלק האַלטן שבת און ימים־טובים אין די בתּי־כּנסיות און בתּי־מדרשים. דער פּסוק פון דער באַטרעפנדיקער סדרה, אויף וועלכן דער בעל־דרשן פלעגט זיך שטיצן, איז בלויז געווען דער אַריינפיר, די ראַם, אין וועלכער דער בעל־דרשן פלעגט איינשפּינען און אויסשטיקן זיין קונציק געוועב פון האַרציקן מוסר, ערנסטע שטראָף־רייד און שיינע לעגענדעס און משלים, וואָס פון זיי זיינען דערנאָך אויפגעבויט געוואָרן הן דער אַגדישער טייל פון תּלמוד, הן די אַלטע מדרשים. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן [74], אַז נאָכדעם ווי דער תּלמוד און די אַלטע מדרשים זיינען אויפגעשריבן געוואָרן, האָט זיך דערמיט ניט פאַרשלאָסן דער קוואַל פון אַגדה. די נאַציאָנאַלע אַגדות און לעגענדעס האָבן אויך אין דער שפּעטערדיקער תּקופה פאַרנומען זייער אַ בכבודיקן אָרט אין דעם עפנטלעכן רעליגיעזן קולט. זיי האָבן בלויז זייער הלבשה געענדערט: דער בעל־דרשן איז אין אַ פּייטן מגולגל געוואָרן; דער שטאָף פון די דרשות האָט מען אין פּיוט אומגעשמאָלצן. אונטער דער השפּעה פון דער קריסטלעך־רעליגיעזער פּאָעזיע ביי די סיריער, גריכן וכדומה איז דער יידישער פּיוט געשאַפן געוואָרן. דער פּייטן, וואָס איז על־פּי רוב געווען אויך דער פאָרבעטער פון דער קהילה [75], האָט געשפּילט די זעלביקע ראָלע, וואָס דער בעל־דרשן אין דער פריערדיקער תּקופה. אויך ער פלעגט זיך באַנוצן פאַר זיין פּיוט מיטן אַלטן שטאָף פון דער אַגדה. דער תּוך איז דער אייגענער געבליבן, נאָר די פאָרם, דער לבוש איז נשתּנה געוואָרן.

דער פּייטן האָט אָבער דעם בעל־דרשן ניט פאַרדרענגט פונם קול־טורעלן לעבן; ער האָט בלויז אין אַ געוויסער מאָס געענדערט דעם בעל־דרשנס געזעלשאַפטלעכע ראָלע. אין דער פריערדיקער תּקופה איז די דרשה

78 באַנד ו, 30.

74 אונזער ווערק, ב' ו, 31.

75 און עס איז אויך ניט אויסגעשלאָסן, אַז ער פלעגט פאַר זיינע פּיוטים ניט זעלטן נאָכשאַפן אויך ניגונים ביי דער קריסטלעכער סביבה.

געזעץ אַן אָ ר ג אַ נ י ש ע ר טייל פונם ריטוס, פון דעם גאָטעסדינסט. אין די שפּעטערדיקע דורות אָבער, נאָכדעם ווי דער סדר פון די תּפילות און פּיוטים איז שטאַרק אויסגעוואַקסן, און דער חזן מיטן פּיוטן, וואָס זיינען על־פּי רוב געווען פּאַרייניקט אין איין פּערזאָן, האָבן געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין דעם רעליגיעזן קולט, — האָט מען שוין בשעת דעם דאַווענען נעמוזט מ פ ס י ק זיין, בכדי צו הערן דעם בעל־דרשנס דרשה. מחמת דוחק אין צייט פלעגט שוין דער בעל־דרשן דרשענען בלויז אין באַשטימטע שבתים, אינדערפרי ביים דאַווענען, פאַר קריאת־התורה; אין די אַנדערע שבתים פלעגט שוין דער עולם הערן די דרשה אין שול ביינאַכט, פאַר מנחה.

אין די אייראָפּעיִשע יידישע קיבוצים האָט זיך ווייטער געשפּונען דער גאָלדענער אגדה־פאָדים. די דאָזיקע קיבוצים האָבן שוין ניט גערעדט אויף דעם דיאַלעקט, אויף וועלכן דאָס אַזיאַטישע יידנטום האָט גערעדט, בעת דער אַלטער מדרש־שטאָף איז געשאַפן געוואָרן. האָבן שוין אויך די מדרשים (ניט בלויז די תּורה) זיך געניטיקט אין תּורגמנים, וואָס זאָלן דערקלערן און טאַקע דערביי באַאַרבעטן דעם נייעם, דורכן פאָלק נע־שאַפענעם אגדישן שטאָף. און לעבן דעם בעל־דרשן איז געשטאַנען דער פּייטן, וואָס האָט שוין געשאַפן ניט לויטן מוסטער פון די סיריער, נאָר נאָך די אַראַבישע און שפּעטער אויך נאָך די קריסטלעכע אייראָפּעיִשע מוסטערן. אחימעצס „ספר היוחסין" גיט אונז אַ פאַרביק בילד[76], ווי אַזוי אינם 9טן י"ה האָט אין דער ווענעציער קהילה אַ בעל־דרשן אויס ארץ־ישׂראל יעדן שבת געהאַלטן אַ דרשה. אָנהייבן פלעגט ער יעדעס מאָל פון אַ מדרש און אויף דעם סמך פונם מדרש־טעקסט פלעגט ער בויען זיין דרשה. זיין פּרעדיק־שפּראַך איז געווען דער העברעיִש־אַראַמישער דיאַ־לעקט, און ווייל דאָס רוב צוהערער האָט דעם דיאַלעקט ניט פאַרשטאַנען, איז דערביי געשטאַנען אַ תּורגמן — דער אָרטיקער פּייטן סילאָנו, וואָס פלעגט יעדן זאַץ פונם בעל־דרשן גלייך דערקלערן אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך. און דער זעלבער סילאָנו איז אויך אַ פּייטן געווען, האָט זייער שיינע סליחות פאַרפאַסט, און די חזנים פלעגן זיי מיט אַ האַרציקן ניגון פאַרן עמוד זאָגן.

דעם אגדישן שטאָף פלעגט מען אָבער ניט בלויז אין האַרציקע פּיוטים איבערדיכטן, נייערט ניט זעלטן אויך אויסנוצן פאַר ריין עולמשע צוועקן, אים איבעראַרבעטן אַלס אינטערעסאַנטן אונטערהאַלטונגס־מאַ־טעריאַל. ס'איז געווען זיך אָפּשטעלן אויף פאָלגנדיקן כאַראַקטעריסטישן ביישפּיל. דער „עקידה"־מאָטיוו, די אגדה, ווי דער שטאַם־פאָטער פונם

76 אונזער ווערק, ב' II, 216.

יידישן פאָלק איז געווען גרייט זיין איינציקן זון פאַר א קרבן ברענגען אויס ליבע און איבערגעגעבנקייט צו גאָט דעם באַשעפער — איז זייער רייך אויסגענוצט געוואָרן אין דער מדרש־ליטעראַטור, און באַצירט מיט א פיל־פאַרביקן קראַנץ פון שיינע, פאַנטאַסטישע לעגענדעס. דער דאָזיקער מדרש־שטאָף איז אויך פּאָעטיש איבערגעדיכטעט געוואָרן אין שיינע רירנדיקע פיוטים. עס איז גענוג צו דערמאָנען דעם פראַכטפולן פיוט „עת שערי רצון״, וואָס ס׳האָט פאַרפאַסט אין אַראַבישער מעטריק א ספרדישער דיכטער פונם 12טן י״ה, יהודה־שמואל עבאַש[77]. דער דיכטער לאָזט אינ־גאַנצן אומבאַרירט דעם מאָטיוו, וואָס ווערט אַזוי אויספירלעך באַארבעט אין די מדרשים (מדרש תנחומא, ילקוט שמעוני): דער קאַמף פון אברהם מיטן שטן, וועלכער וויל ניט דערלאָזן אברהם זאָל גאָטס רצון דערפילן; זיין גאַנץ אויפמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט דער דיכטער אויף דער דראַמע, וואָס עס לעבן איבער דער פאָטער, די מוטער און דער פאַר א קרבן באַ־שטימטער זון. מיט גרויס פּאָעטישער קראַפט ווערט געשילדערט, ווי דער זון באַדויערט ניט אַזוי זיין יונג לעבן, וואָס ווערט פאַר א קרבן געבראַכט, ווי דעם גרויסן ווייט פון דער מוטער, וואָס פאַרלירט איר איינציקן זון; און פאַרציטערטע בעטן די מלאכים רחמים ביים באַשעפער פון דער וועלט:

אָנָא תְּנָה פִּדְיוֹם וְכַפֵּר הָבָה!
אַל נָא יְהִי עוֹלָם בְּלִי יָרֵחַ!

דער זעלבער „עקידה״־מאָטיוו ווערט אָבער אויך אויסגענוצט אין דעם אונז שוין באַקאַנטן „ספר הישר״[78], וואָס טראָגט נאָך אפילו דעם נאָמען „מדרש בני יעקב״, ער איז שוין אָבער פאַקטיש א העלדן־עפּאָס, אין וועלכן, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, עס פילט זיך גאַנץ שטאַרק די השפעה פון די אַלטע ראָמאַנישע באַלאַדן און לידער וועגן די וווּנדערלעכע גבורות פון די באַרימטע ריטער, און ריין־יידישע מאָטיוון זיינען צונויפ־געמישט מיט היידנישע און קריסטלעך־אייראָפּעיִשע. דער רעליגיעזער שטאָף באַקומט א ריין עולמיש־בעלעטריסטישן לבוש...

דאָס אייגענע האָט זיך אויך איבערגעחזרט אינם פאָלקס־שאַפן אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך. לויט דעם מוסטער פונם „ספר הישר״, זיינען אויך אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך געשאַפן געוואָרן פלערליי העלדישע עפּאָסן און לידער, אין וועלכע יידישע שפּילמאַנס האָבן באַארבעט יידישע און אויך פרעמדע שטאָפן. און ווי די יידישע דיכטער פון דער אַראַבישער שפּאַניע האָבן זיך באַנוצט מיט די אַראַבישע פאָרמען און מעטריס, אַזוי

---

77 דער פיוט איז איבערגעדרוקט אין דער צייטשריפט „חשפת״, 1912, ו, 15—16.

78 זע באַנד י, 268 69.

האָבן די יידישע שפּילמאַנס פון די ריין־פּראָווינצן געשאַפן זייערע ווערק אין דער מעטריק און לויט די פּאָעטישע פאָרמען פון דער שכנותדיקער סביבה. אמת, די דאָזיקע שאַפונגען פונם יידישן שפּילמאַן האָבן ווייניק צירקולירט אין בוך־פאָרם, ווייל די עפּישע ווערק פון דעם יידישן שפּילמאַן זיינען — ווי בכלל די מיטלעלטערלעכע ריטער־פּאָעזיע — אין זייער עצם געווען ריין מ י נ ד ל ע כ ע. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז נים ל י י ע נ ע ן פלעגט דער ריטער און זיין הויזגעזינד לידער און פּאָעמען, נאָר צ ו ה ע ר ן, ווי דער זשאָנגלער און שפּילמאַן דעקלאַמירט זיי מיט אַ זינגענדיקן רעטשיטאַטיוו, על־פּי רוב נאָך מיט דער באַגלייטונג פון מוזיק. דאָך איז אויסער ספק, אַז די שפּילמאַנס גופא און אויך סתם ליבהאָבער פלעגן פאַר זיך צונויפזאַמלען און אַפּשרייבן געוויסע לידער און פּאָעמען, בכדי זיי קאָנען אויסנוצן אין געהעריקן מאָמענט[79], פּונקט ווי די בעל־דרשנס און ווייבערשע פירזאָגערינס פלעגן ביי זייערע דרשות און דברי מוסר געוויס זיך באַנוצן מיט נאָטיצן און שריפטלעכע באַמערקונגען אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך.

נים אָבער בלויז ערנסטע זאַכן זיינען געשאַפן געוואָרן אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך. מיר ווייסן דאָך, אַז אפילו אין דער העברעישער ליטעראַטור האָבן געדיכטעט נים בלויז די פּאָעטיש־ערנסטע שלמה גבירול און יהודה הלוי, נאָר אויך אַזוינע לעבנסלוסטיקע טרובאַדורן און וואַנדער־דיכטער, ווי יהודה אַלחריזי, וועלכער האָט געלעבט פון דעם, וואָס ער פלעגט רעציטירן זיינע לוסטיקע עפּיגראַמען און וויציקע מאַקאַמען. נאָך אַ גרעסערע ראָלע האָט דער לעבנסלוסטיקער עלעמענט געשפּילט אין דעם שאַפן פון די ברייטע פאָלקסמאַסן. מיר ווייסן זייער גוט, אַז נים קוקנדיק אויף אַלע רדיפות און אָנשיקענישן, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין מיטלעלטער, האָט דאָך דאָס פּשוטע פאָלק געשוימט מיט חשק צום לעבן. אמת, די רבנים און מנהיגי־עם האָבן טאַקע מיט אייזערנער קאָנסעקווענץ געפּרוווט דורכפירן אין דעם יידישע אַלטעגלעכן לעבן דעם גרונט־פּרינציפּ: אל תשמחו אלי גיל כעמים — יידן טאָרן זיך נים פרייען

---

79 ל. לאַנדוי (און נאָך אים ווינגרייך און עריק) ברענגט אפילו אַלס באַווייז, אַז שוין אין יהודה חסידס צייטן האָבן יידן געווים געלייענט ראָמאַנען אין דער פאָלקס־שפּראַך, די געוויסע שטעלע אין „ספר חסידים": „ובן אל יבקש את ספרו בקלפים הכתובים בהם רומנ"ץ". ומעשה באחד שעיבה חומש שלו בעור והיה כתוב בו לעזים של דברי הבאי תגרי מלכי האומות, ובא צדיק וקרעו והסירו". (זע: Arthur legends, 21 און לאַנדוי־בוך, 129). די דאָזיקע שטעלע באַווייזט אָבער נים דאָס, וואָס לאַנדוי ווייל באַווייזן, ווייל עס רעדט זיך דאָ בלויז וועגן ד י י ט ש און פ ר אַ נ צ ו י ז י ש געשריבענע (כתוב בו לועזים) ראָמאַנסן און פאַרשיידענע געשיכטעס.

ווי אנדערע פעלקער. דאס פשוטע פאלק האט זיך אבער ניט געוואלט אונ־טערגעבן; און אט דער דאזיקער עקשנותדיקער קאמף איז געווים איינס פון די אינטערעסאנטסטע, לײדער נאך ניט אויפגעשריבענע בלעטער פון אונזער קולטור־געשיכטע. די יידישע מאסע, בפרט די יידישע יוגנט, האט זיך געהאט אירע טאנץ־ און ליבע־לידער, ס'רוב טאקע גענאשט ביי די אומות העולם; די יידישע פרוי — אירע וויג־לידער און קינדער־מעשהלעך. די יידישע „גאזעליקייטס־לייט", די בדחנים, ליצנים, און שפילמאנס, פלעגן אויף יידישע שמחות און פארזאמלונגען, אויף חתונות, תנאים, מלווה־מלכהס וכדומה, דעקלאמירן לוסטיקע לידער, וויציקע איינפאלן, אנשטעלן און עפיגראמען. מיר האבן געזען[89], ווי קלונימוס בן קלונימוס האט געשאפן אויף העברעיש א לוסטיקע פורים־פאראדיע — אזוינע פא־ראדיעס און לוסטיקע שטיק פלעגן אויסער ספק דעקלאמירט ווערן אין א גרויסער צאל אויך אויף דער אומגאנגס־שפראך אין דעם פריילעכן פורים־יום־טוב, ווען „מרבים בשמחה" איז געווען פארעכנט פאר א מצווה. געווים איז דאס אלץ צוגעגאנגען בעל־פה; די אלע זאכן פלעגט מען צ ו ־ ה ע ר ן אבער ניט ל י י ע נ ע ן. דאך האבן זיך אויסער ספק געפונען אויך אזוינע ליבהאבער, שוין ניט ריידנדיק וועגן מענטשן פון פאך, ווי בדחנים און „גאזעליקייטס־לייט", וואס פלעגן אזעלכע לידער זאמלען און פאר־שרייבן.

מיר זיינען בכן געקומען צום אויספיר, אז ניט קוקנדיק דערויף, וואס דער רוב פונם פשוטן פאלק איז זיך בכלל באגאנגען אן ביכער, דאך האבן שוין אין מיטלעלטער געווים עקסיסטירט, ווען אפילו אין זייער א באגרענעצטער צאל, געשריפטן אויף דער אומגאנגס־שפראך פונם יידישן קיבוץ. איצט וועלן מיר אין ווייטערדיקן קאפיטל זען, וואס האט זיך ווירק־לעך אויפגעהיט פון די דאזיקע געשריפטן.

---

[89] זע באנד II, ז' 299

צווייטער קאַפּיטל

די האַנטשריפטלעכע גלאָסאַרן. — דרוש־עלעמענטן אין די גלאָסאַרן. — די מיטלעלטערלעכע איבערזעצונגען פון ביבלישע ביכער און פון דעם מחזור. — „געטלעכע לידער" אין יידיש. — וועלטלעכע אַלט־יידישע ליטעראַטור. — די „בן המלך והנזיר"־איבערזעצונג. — אַלדענדאָרפס לידער־זאַמלונג. — דידאַקטיש־סאַטירישע לידער און וויכּוחים־לידער. — מיטלעלטערלעכע ליבע־לידער. — דער יידיש־פּוילישער קיבוץ און זיין אומגאַנגס־שפּראַך. — די סאָציאַל־קולטורעלע שינויים אין סוף מיטלעלטער. — די פאַרשטאַרקונג פון דער שטאָטיש־בירגערלעכער באַפעלקערונג. — די פאָלקס־שפּראַך אַלס קולטור־שפּראַך. — דער דרוק־וואַרשטאַט און זיין קולטורעלע ראָלע. — מינדערלעכער פאָלקלאָר און פאָלקס־ליטעראַטור. — די פאָלקס־ביכער און זייערע אַנאָנימע אַרויסגעבער. — דער קולטורעלער באַטייט פונם געדרוקטן בוך.

מיר האָבן אין פריערדיקן קאַפּיטל אָנגעוויזן, אַז ווען אפילו דאָס **פּשוטע** פאָלק פלעגט געוויינלעך באַקומען זיין גייסטיקע שפּייז נישט דורכן בוך, נאָר בעל־פּה — דאָך האָט אַ געוויסער טייל פון דער דאָזיקער מינדערלעכער ליטעראַטור בלי־ספק עקסיסטירט אויך אין די געשריפטן. עס דאַרף אונדז אָבער נישט וווּנדערן, וואָס עס זיינען נישט אויפגעהיט געוואָרן קיין דאַטירטע אַלט־יידישע מאַנוסקריפּטן פונעם 13טן און 14טן י״ה, און אויך די צאָל צו אונדז דערגאַנגענע האַנטשריפטן אויס דעם 15טן י״ה איז אַ גאַנץ באַגרענעצטע. דאָס יידישע פאָלק איז דאָך אַ נע־ונדניק געווען. ביי די אָפטע רדיפות, גירושים און בלוטיקע קאַטאַסטראָפעס, וואָס די יידישע קיבוצים האָבן געהאַט אויסצושטיין אין דער קריסטלעכער מיטל־עלטערלעכער אייראָפּע, האָבן די אַנטלאָפענע און פאַרטריבענע געהאַלטן פאַר נייטיק צו ראַטעווען קודם־כּל די קולטורעלע רייכטימער, וואָס זיינען געווען געהייליקט אינעם פאָלקס־באַוווסטזיין — די כּתבי־הקודש, די גמרא־פאָליאַנטן און די רבנישע ספרים. ביכער אויף דער אַלטעגלעכער אומגאַנגס־שפּראַך זיינען ביי זיי געווען צו וואָכעדיק אין די אויגן, צו קליינווערטיק זיי צו ראַטעווען אין אַ עת־צרה און מיט מסירת־נפש פירן זיי מיט זיך אין זייער שווערן וואָגל. עס איז דערפאַר גאַנץ באַגרייפלעך,

וואָס די עלטסטע אויפגעהיטע מאַנוסקריפּטן, אין וועלכע עס געפינען זיך רעשטן פון אַלט־יידיש, זיינען ווערק, וואָס האָבן אַ שייכות צו „לער־נען תורה" — די אַזוי־גערופענע „גלאָסאַרן", ד"ה ווערטערביכער, אין וועלכע עס זיינען פאַרצייכנט די טייטשן פון האַרבע ביבלישע ווערטער[1]. אַזוינע גלאָסאַרן זיינען אין יענע צייטן געווען נייטיקע הילפסביכער, מיט וועלכע עס האָבן זיך באַנוצט די מלמדים ביים קנעלן מיט די קינדער. אַזאַ ביבל־גלאָסאַר, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פון דעם באַקאַנטן משה הדרשנס אַ תלמיד אין דעם 13טן י"ה און געפינט זיך איצט אין מינכע־נער ביבליאָטעק, האָט באַשריבן י. פּערלעס[2]. אין דער זעלבער מינכענער ביבליאָטעק געפינט זיך אויך אַ צווייטער גלאָסאַר (פונם 14טן—15טן י"ה) צו ספר ישעיה און תרי עשר[3]. בכדי צו געבן דעם לייענער אַ באַ־גריף וועגן די אַמאָליקע „טייטשווערטער" און דעם דעמאָלטיקן „אויס־לייג", ברענגען מיר דאָ איינִיקע ציטאַטן[4] אויס דעם דאָזיקן גלאָסאַר:

1) גִדַלְתִּי — צוכאיך (איך האָב אויפדערצויגן), 2) הִתְבּוֹנָן — וַויש גפּרובט, 3) תוֹסִיפוּ — זולטיר מֵירן, 4) רִכְּבָה — וַויש גווייכט; 5) כִּמְלוּנָה — אַזאַ הִירבֵּירגא (ווי אַ הערבערג); 6) הוֹתִיר — לְש אובר בְּלוּבְן; 7) יאמר־דַש זַעייט (דאָס זאָגט ער); 8) מְרִיאִים — וַעיישט (פייסט־פּעט); 9) מַעַלְלֵיכֶם — אוּוְר ווערקא (אייער ווערק); 10) יַלְבִּינוּ — זוּלְנוּוִישְׁן (זאָלן ווייס ווערן); 11) כַּבּוֹר — אַזְאַ זַעייפא (ווי זייף); 12) יַשְׂפִּיקוּ — זולן קלופן; 13) בַּמֶּה נֶחְשָׁב הוּא — אוּמַוָש אִישט גְפְּרַייזט; 14) עֻנְּתָה — גְצוּגְדָא (געצייגט); 15) וְהַצְּעָדוֹת — אֶרְם בוּגן; 16) וְהַחֲרִיטִים — מַלְנְשְׁשׁוּש (מאַלשלאָס); 17) בְּרוּחַ מִשְׁפָּט — בון מוּט וַנרעכט; 18) מִקְרָאֶהָ — אוּנגְפְּרַיידְן (אַנגעפרייִדן, שטאַמט וואָרשיינלעך פונם פראַנצויזישן prier); 19) וְלְסַעֲדָה — אונצוּלַייְנְן; 20) ראש וזנב — קונינק אוּנ׳ גְרֵיבא (קיניג און גראַף); 21) כִּפָּה וְאַגְמוֹן — בְּשׁוּף אוּנ׳ אֵירצבִּישׁוּף; 22) חוֹמֶר חוּצוֹת — מוּדֶטר בון גַשְׁן; 23) צִפְעוֹנִי — אֵיגַדֶעש (אַ עקדיש); 24) בְּרוֹשִׁים —

---

1 עס זיינען אויפגעהיט אויך העברעיש־פראַנצויזישע גלאָסאַרן. זע וועגן דעם: „ראָמאַניאַ", I, 146—176, „ראָמאַנ. שטודיען", I, 163—220; שטיינשניידער, „האַנדשריפטען אין בערלין", I, 7; „רֶעווי ד. עטיוד זשוו.", II; „ליטעראַטורבלאַט דעס אָריענטס", 1844, 738; דאָרט, 1845, 90; שטערק און לייצמאַן רעכענען אַפילו, אַז די ביבל־גלאָסאַרן האָבן זיך ביי די פראַנצויזישע יידן באַוויזן פריער ווי ביי די דייטשע.

2 זע זיינע „בייטרעגע צ. געשיכטע" או"ו, 1884, 145—153. זע אויך שטערק־לייצמאַן, „די ייד.־דייט. ביבליאָגר.", 9—15.

3 זע מ. גרינבוים, „ייד.־דייט. כרעסטאָמאַטיע", 25—53; שטערק־לייצמאַן, ציט. ווו., 15—22.

4 לויט גרינבוימס ציט. ווו.

בושבוום (בוקסבוים); 25) הַבְּרֵכָה — די בֵּיבר; 26) קָרָא - לֵייא (דער איטפעראַטיוו פון לייענען); 27) חובלְיךָ — דינמערנער (דיינע שיפרו-דערער); 28) חֶרמי — מיין אורוגֿא (מיין קריג); 29) כּוֹבֶם — וַועלקרא; 30) נשמה ורוח—אודם אונ׳ מוט (אָטעם און מוט); 31) אָסִיר בּזִיקִים — גֵבישרט אין וועשלן (געפעסלט אין פעסעלן); 32) בַּשְׁרִיון — אזא הַלשפערק; 33) צָרְפַת — בון וַרנקריבא; 34) סְפָרַד — שְׁפַּנגן לַנט[5].

ניט אַלע גלאָסאַרן באַנוגענען זיך אָבער בלויז מיט אויסטייטשן איינצלנע ווערטער. צייטנווייז ווערן אויך געגעבן איבערזעצונגען פון גאַנצע זאַצן און פראַזן, און אַפילו ניט שטענדיק באַנוגנט זיך די איבערזעצונג מיט אויסטייטשן בלויז דעם פשט פונם טעקסט, נאָר גייט אויך איבער אין דרוש. צום ביישפיל אין אַ גלאָסאַר פון דעם 14טן—15טן י״ה צו ספר שמואל ווערן אין חנהס תפילה די ווערטער „מצוקי ארץ״ — די זיילן פון דער ערד, דערקלערט אויף אַזאַ אופן: „די צדיקים די דא זין די פעסט פון דר ערדן״[6]. אין אַן אַנדער גלאָסאַר צו תהילים ווערן די ווערטער „למה רגשו״ — פאַרוואָס שטורמעווען עס אַזוי די פעלקער, פאַר-טייטשט: „ווארום שטורמן בעלקר אוף מלך המשיח״. אין אַ גלאָסאַר צו ספר איוב ווערן די ווערטער „ויהי היום״ (איוב, א, 6) באַגלייט מיט די ווער-טער: „און ווש דר טג בון ראש השנה״[7].

אַזוינע גלאָסאַרן בילדן אַן איבערגאַנגס-שטופע צו פולשטענדיקע איבערזעצונגען פון ביבלישע ביכער. מיר האָבן אין ערשטן קאַפּיטל שוין אָנגעוויזן, אַז אַזעלכע איבערזעצונגען אויף „לשון אשכנז״ האָבן בלי-ספק עקסיסטירט נאָך אין מיטלעלטער; קודם-כל איבערזעצונגען פון די ביבלישע ספרים, וואָס זיינען ענג פאַרבונדן מיט דער שול און מיטן יידישן לעבנסשטייגער, ווי חומש, די הפטורות, חמש מגילות, ספר איוב. דער רוב פון די דאָזיקע האַנטשריפטן איז געגאַנגען לאיבוד; דאָך זיינען געוויסע רעשטן אויפגעהיט געוואָרן. די דאָזיקע צו אונז דערגאַנגענע האַנטשריפטן באַווייזן אונז, אַז די יידיש-דייטשע איבערזעצונגען זיינען געווען פון צוויי סאָרטן. אין אייניקע האַלט זיך די איבערזעצונג פעסט געקלאַמערט אָן דעם טעקסט, איבערזעצט קנעכטיש אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, ניט רעכענענדיק זיך אַפילו דערמיט, וואָס דער זאַצבוי ווערט דורך דעם שווער-וואַגיק און הילצערן, און אויך דער אינהאַלט ווערט דערביי ניט

5 וועגן אַנדערע צו אונז דערגאַנגענע גלאָסאַרן פון 13-15טן י״ה, זע באריכות ביי שטערק-לייצמאַן אין צים, וו. ז׳ 22—60.

6 זע שטערק-לייצמאַן, 26.

7 דאָרטן, 50.

זעלטן פאַרטונקלט און שווער פאַרשטענדלעך[8]. עס פילט זיך דאָ די גרויסע קרובעשאַפט מיטן גלאָסאַר, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַלס הילפסבוך פאַרן מלמד ביים קנעלן מיט די קינדער אין די חדרים. אַנדערע איבערזעצונגען באַנוגענען זיך אָבער ניט בלויז מיט פירוש המלות; זיי לאָזן זיך אָפּט אויף די וועגן פון דרוש, און עס פילט זיך אין זיי דער אָפּקלאַנג פונם מגיד, דעם בעל דרשן. אַלס אילוסטראַציע ברענגען מיר פראָבן אויס צוויי איבערזעצונגען פון דעם 90טן קאַפּיטל תהילים[9]. ביידע איבערזעצונגען שטאַמען אויס דעם 15טן י״ה, נאָר די ערשטע איז לויט דעם פשט־סיסטעם, די צווייטע איז מער נוטה צום דרש־סיסטעם:

א) אויס דעם פון שטיינשניידערן באַשריבענעם מאַנוסקריפּט, וואָס געפינט זיך אין דער בערלינער מלוכישער ביבליאָטעק[10]:

„געבעט צו משה מאַן דעם גאָטס. גאָט — איין וואָנונג דו געוועזן ביסטו צו אונז אין געבורט אונד געבורט (בדור ודור). זאָ נאָך בערג זאָלטן ווערדן געשאַפן, אונד געשטיפּטעט לאַנט (לאַנד) אונד וועלט, אונד פון אומערמען ביז אומערמען (ומעולם עד עולם) דו ביסט גאָט. דו ווידר קערסט מענש ביז פערדרוקונג (תשב אנוש עד דכא) אונד דו זאַגסט: ווידר קערט, קינדר מענשן (שובו בני אדם). ווען טויזנט יאר אין אויגן דין (דיין) אז טאג געסטערן ווען ער איבר פערט, אונד איין היטונג אים נאכט (ואשמורה בלילה). פער שטראָמעט האָסטו זי, שלאָף זינד זי (זרמתם שנה יהיו) אם מאָרגן אז לויך (כחציר) עס פער פערט. אם מאָרגן עס שפּראָסט אונד פער פערט, צום אָבענד עס וואַרט פער שניטן אונד איסט דור (פאַרטריקנט) ווען (ווייל) פער דארבן זין וויר אין דינעם (דיינעם) צאָרן, אונד אין גרים צאָרן דין (דיין) וויר זין וואַרדן ערשרעקט. געטאָן האָסטו זונדן אונזר צו געגן דיר, העלינג אונזר (אונזער פאַר־באָרגן טאָן) צו ליכטונג פאָר דיר. ווען (וואָרען) אַל טעג אונזר אָז גע־רימעט זין זי אין גרים צאָרן דין, פערדערבט האבן וויר יאר אונזר אז איין רעד״ (כלינו שנינו כמו הגה)[11]...

8 די פראַגע וועגן דידאַקטיק אַלט־יידישע וועלטלעכע ביבל־איבערזעצונגען באַהאַנדלט ספּעציעל נחמה לייבאָוויטש אין איר דייטשער אַרבעט „די איבערזעצונגס־טעכניק דער יידיש־דייטשען ביבעל־איבערזעצונגען דעס XV אונד XVI יאָהרהונדערטס דאַרגעשטעלט אַן דען פּסאַלמען“ (1931)

9 די פּראָבן ברענגען מיר אויס שטערק־לייצמאַנס טראַנסקריבירטן טעקסט (דאָרטן, 92, 93).

10 דאָס איז די עלטסטע ביז איצט באַקאַנטע דאַטירטע האַנטשריפט (1490) פון אַ ליטעראַריש ווערק אויף יידיש.

11 אויסלייג — מאָדערניזירט.

ב) אויס דער האַנטשריפט, וואָס געפינט זיך אין האַמבורגער ביבליאָטעק:

,,געבעט צו משה, איין מאַן פון גאָטעס וועגן. גאָט, איין וואַנער דו ביסט געוועזן צו אונז, אַזאַ זאָלסטו נאָך זיין צו געבורט אונ' געבורט. אַי די בערג זין ווארדן בעשאפן אונ' זי איסט וואָרן בעשאַפן, ארץ ישראל אונ' חוץ לאָרץ, פון אומער מער דו ביסט גאָט. דו שפּריכסט צו דען לויטן: טוט תשובה אַי דאס איר קומט צו דען גראסן זינדן, דאס איסט די רציחה אונ' שמד אונ' אשת־איש, אונ' דאס זי ניט ווערדען פער שטאסן מיט יסורים, אונ' ווען דו אין שיקסט די יסורים, דאס איסט גליך אז פיל אז העטסטו געשפּראָבן: טוט תשובה קינדר דעם מענשן. מייַן ווען טוזענט יאָר די זין אין דין אויגן אז דער טאָג פון געסטערן ווען ער איסט אובר פאָרן אונ' דער צו איין וואַרטונג איין זאמט טייל פון דער נאכט. דו האסט פער שטורמט די זעלביגן טוזענט יאָר אז איין שלאָף, זי זין ווארדן אז איין גראַז דאס זא וועקסט בי דער נאכט אונ' אן דעם מאָרגן עס פער פאַרט. איצט ווען עס וועקסט אן דעם מאָרגן אונ' עס פער פאַרט, צום אָבענט עס ווירט פער שניטן אונ' ווירד דור (פאַרטריקנט). ווען זי זין צו גאנגן מיט דינעם צאָרן אונ' מיט דינעם גרים צאָרן דער שראקן זין מיר. דו טוסט אונזר זונט (זינד) די מיר האָן (האָבן) געטאן אין אונזר יוגענט געגן ליכט דינער (דיינער) שכינה. ווען אַל אונזר טעג זי זין צו גאנגן מיט דינעם צאָרן, זי זין צו גאנגן אונזר טעג אז איין אויגן בליק''...

דער אָקאָרשט געבראַכטער פראַגמענט אויס דעם בערלינער מאַנוסקריפּט, גיט דעם לייענער אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם אַרט ביבל־איבערזעצונגען, וואָס שטעלן פאַר זיך די זעלבע אויפגאַבע ווי די גלאָסאַרן: זיין אַ הילף־בוך פאַרן מלמד, אָדער פאַרן עם־הארץ און פשוטן לאַנדס־מאַן, וואָס איז ניט שטאַרק באַהאַוונט אין ,,פירוש המלות''. נאַטירלעך קאָן אַזאַ איבערזעצונג ניט געבן קיין שום באַגריף וועגן דער דעמאָלטי־קער אומגאַנגס־שפּראַך, וואָס האָט דעמאָלט געלעבט אין מ ו י ל פונם יידישן קיבוץ. עס איז אין דער הינזיכט אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן די דאָזיקע תהילים־איבערזעצונג מיט דער האַנטשריפטלעכער מחזור־איבערזעצונג אויס דעם 15טן י''ה, וואָס געפינט זיך אין מינכענער ביבליאָטעק[12]. מיר האָבן שוין פריער געבראַכט דעם באַקאַנטן זאַץ אויס דעם ,,ספר חסידים'': ,,ווען איינער פאַרשטייט ניט קיין לשון־קודש און ער איז אַ ירא־שמים, ער וואָלט גערן פאַרשטיין, וואָס ער איז מתפּלל, איז בעסער, אַז

12 דיזאָזיקע איבערזעצונג איז באַשריבן אין גרינבוימס כרעסטאָמאַטיע, זייט 289—296.

ער זאָל זיין תּפילה טאָן אויף דעם לשון, וואָס ער פאַרשטייט, דען די תּפילה באַדאַרף זיין, אַז דאָס האַרץ זאָל פאַרשטיין, וואָס ער זאָגט". זיינען טאַקע די תּפילות אין דעם דאָזיקן מחזור געשריבן אויף דעם לשון, וואָס דאָס פּשוטע פאָלק און די יידישע פרוי האָבן גערעדט[13]:

„אלהינו ואלהי אבותינו — אונזר גאט אונ' גאָט אונזר פאָרדערן! זיי מיט מונד־באָטן דיינעם פאָלקט־געזינד ישראל, דאס זייען די חזנים די דא שטייען צו ביטן בעט אונ' ביטונג פאָן צו פאר דיר גאט אויף דיין פאָלק ישראל. וויין זיי וואס זיי זאָלן זאָגן, מאך פערשטייען זיא וואס זיא זאָלן רעדן, ענטווערט (ענפער) אין וואָס זיא פראָגן, לאָס ווסן זיא וויא זיא צו דיר זאָלן בעשיינען (יְפָארו), אים ליכט דיינער שכינה פאָר דיר זיי זאָלן גען, איר קני פאר דיך זיא קניען, דיין פאלק ישראל מיט אירעם מונד זיא בענשן אונ' פון בענשונג דיינעם מונדעם זיא אַל צו מאָל זיא ווערן געבענשט... ניט עס זאָל זאגן איר מונד איין רעד דאָס ניט אַז דיין ווילן, ווען דיין ביטונג, גאָט, זיא ביטן, אונ' דיין לערנונג זיא לערנען, אַז דאָס מיר וויסן וואָל, גאָט, דען דו לייטזעליגסט דער איז געלייטזעליגט אונ' דען דו דערבאַרמסט דער איז דערבאַרמט, אַז דא שטעט געשריבן אין דיינע תּורה: אונ' איך וויל לוייטזעליגן דען איך לוייטזעליג (וחנותי את אשר אָחון) און איך וויל דערבאַרמען דען איך דערבאַרם"[14].

עס זיינען אויך פאַרבליבן אין האַנטשריפטן אויס דעם 15טן י"ה קנאַפּע רעשטן פון די אַזוי־גערופענע „געטלעכע לידער". מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, ווי דער מהרי"ל האָט זיך מתרעם געווען, וואָס מען זינגט יידישע לידער וועגן גאָטס אייניקייט און די דרייצן עיקרים. עס זיינען אויך געווען עשרת־הדברות־לידער, מתּן־תּורה־לידער, פּסח־ און חנוכּה־לידער, וואָס מען פלעגט זינגען אין די באַטרעפנדיקע יום־טובדיקע טעג. אין דער באַוווּסטער רייך־אילוסטרירטער פאַריזער הגדה־האַנטשריפט, וואָס שטאַמט בלי־ספק אויס דער ערשטער העלפט פון 15טן י"ה, איז אויפגעהיט די יידיש־דייטשע איבערזעצונג פון דעם באַקאַנטן ליד „אדיר הוא". אויך די יידישע איבערזעצונג האַלט זיך ביים אלף־בית־סדר:

אײנגר גוט (גאָט)
נון בויא דיין טעמפּיל שירי (גיך
באלד)
אלזוי שיר, אלזו שיר אין אָנזרין
טאגין שירי

נון בוייא, נון בוייא, נון בוייא
נון בוייא, נון בוייא דיין טעמפּיל
שירי, יא שירי.
בּרם הערציגר גוט
גרעבטר גוט

13 יעדנפאַלס — זייער נאָענט צו דער גערעדטער אומגאַנגס־שפּראַך.

14 אויסלייג מאָדערניזירט.

דממוטיגר גוט
הוך גילבטר גוט
ווירדיגר גוט
זענפט־טיגר גוט
טרודיטר (געטרייער) גוט
יודן גוט
כרפטיגר גוט
לעבדיגר גוט
מעכטיגר גוט
נאָהטער גוט
עויגר גוט
פאַרכטצומר גוט
צימליכר גוט
קעניגליכר גוט
רייכר גוט
שטרקר גוט.

ד״ר שיפּער האָט גאַנץ ריכטיק אָנגעוויזן [15], אַז דער אור־טעקסט פון דעם דאָזיקן ליד איז עלטער פונם 15טן י״ה. אַלס בעסטער באַוויז דינט דער פּרט, וואָס אין דער פּאַריזער הגדה פעלן אין ליד דריי שורות (אויף די אותיות ח, ס, ת), בעת אין די געדרוקטע הגדות, ווי צום ביישפּיל אין דער ערשטער געדרוקטער הגדה (פּראָג, 1526), איז דאָס ליד אָפּגעדרוקט בשלימות. דאָס דערקלערט זיך פּשוט מיט דער אומפּינקטלעכקייט פונם שרייבער־קאָפּיסט, וואָס האָט דורך אַ פאַרזען די דאָזיקע שורות אַדורכ־געלאָזט.

אויך אויס דער וועלטלעכער אַלט־יידישער ליטעראַטור זיינען אויפגעהיט געוואָרן אַ קנאַפּע צאָל מאַנוסקריפּטן. אין מינכענער מלוכישער ביבליאָטעק געפינט זיך אַ זאַמל־באַנד אונטערן נומ׳ 347 אויס דעם 16טן י״ה בערך, און דאָרטן זיינען פאַראַן אָפּשריפטן פון צוויי אַלט־יידישע פּאָעמען, וואָס שטאַמען בלי־ספק אויס דעם 14טן י״ה. איינע איז אַ געגראַמטע מגילת־אסתר־פּאַראַפראַזע, אין וועלכער עס איז אין אַ רייכער מאָס אויסגענוצט דער אַגדישער תרגום־שני־מאַטעריאַל [16], און די צווייטע איז אַ איבערזעצונג פון אברהם בן הסדאים באַקאַנט ווערק „בן המלך והנזיר״ [17]. דער אומבאַקאַנטער איבערזעצער איז בלי־ספק געווען אַ טאַלאַנטפולער דיכטער. מיט גרויס געניטקייט גיסט ער איבער אין געגראַמטע סטראָפעס חסדאים קונסטפולע מאַקאַמען. די לידער, מיט וועלכע די מאַקאַמען זיינען דורכגעפלאָכטן, גיט דער אומבאַקאַנטער איבערזעצער אין אַ גאַנץ אַנדער מעטריק, ווי אין העברעישן אָריגינאַל. אַנשטאָט חסדאים אַראַבישע מעטריק באַנוצט דער איבערזעצער די אינטימע פאָרם

15 „יידישע וועלט״, 1928, ו, 123—124.

16 אויסצוגן אויס דער פּאָעמע ברענגען שפּערק און לייצמאַן אין זייער אויבן־ציטירטן ווערק, 235.

17 זע אונזער ווערק, ב׳ ו, 276.

פון דעם מיטלעלטערלעכן דייטשן פאָלקס־ליד. אמת, אפילו אזא געאיבטער ווערסיפיקאַטאָר ווי אונזער איבערזעצער איז דאָך ניט אימשטאַנד איבער־דיכטן אין יידיש־דייטשע סטראָפעס אַלע חסדאיס לידער, וואָס זיינען איינ־געפּאַסט אין אַזעלכע איינגאַרטיקע קאָמפּליצירט־קונסטפולע פאָרמען; ניט זיך אין אַזעלכע פאַלן אונזער איבערזעצער אַן עצה און לאָזט פשוט דורך אַ טייל פון חסדאיס לידער, און דווקא פון די שענסטע און איינ־טימסטע... בכדי צו געבן דעם לייענער אַ באַגריף וועגן דער דאָזיקער איבערזעצונג, ברענגען מיר איניקע ציטאַטן צוזאַמען מיטן העברעישן אָריגינאַל:

אוים דער 16טער מאַקאַמע:

העברעישער טעקסט

בלילה ההוא נדדה שנת המלך ויאמר למשנה כפעם בפעם, הבה נא ונלך שנינו על העיר בטח ונשמע מה בפי העם, ונראה מנהגיהם, ומה מעשיהם, בחדרי משכביהם. וילכו וישוטטו בכל המדינה לארכה ולרכבה עד אשר באו אל רחוב אחד אשר נקרא שער האשפות, כי שם היו כל אנשי המדינה משליכין ומקבצין הדומן והאשפה אשר בתוכם עד אשר נעשה מהם מקום גבוה מאוד. ויהי הם הולכים ומביטים אל המקום ההוא ויראו בתוכו כדמות להב אש מאיר ומתנוצץ.

יידיש־דייטשע איבערזעצונג[18]

דא איינער נאכט דאס גישאך (געשא)
דעש קעניגס שלאף אויף אים בראך,
ער שפראך צו דעם מרשלק גוט:
מיך באטריבט מיין זין אויך מיין מוט
דאס וויר ערגאנגן די שטאט הין
אונ' הער
אונ' היימליכן פארנעמן וואס מאן
זאג מער,
אונ' ווי זיך די נאכט האלטן
די יונגען אונ' אויך די אלטן
אונ' וואס לעבש זי טרייבן
אין אירן קאמער מיט אירן ווייבן.
דא גינגען זיביידע אן דער צייט
די שטאט די לענגע אונ' די וויט;
דא קאמען זי אין איין גאסע די וואס
(וואר) די מיסטשטאט גינאנט
ווען (ווייל) דער יעדער מאן זאנט
אלי מישט אונ' אלי אונזויבערקייט
מאן שיטעט אין די גרוב
ביז זיך דא איין גרויס הויפן הוב.
אז זי דעם הויפן בעגונדען נאהען
פיל באלד זי דא איין פלאמע ערזאען
די גאב שיין אונ' פונקען פיל.

[18] אויסלייג — מאָדערניזירט.

אויס דער 18טער מאַקאַמע:

העברעישער טעקסט	יידישע איבערזעצונג
מה תסגרי, יעלה, דלת לפני, הלא — די שומרים לך בצפעוני לחייך: או תחפצי לי בתוך שער לדבר דבר— יואב לאבנר וצור הרבו בעיניך.	וואס בעשליסטו דעריין פאַר מיר אליין, אין איינעם וואַלד ווער זי וואָל בעהיט; איזט נור איר גיר דאס זי רייד מיט מיר אז יואב הינטער דער טיר מיט אבנר פאַרגאָס זיין בליט.
תגזול לבבי בעין גוזל ואיך תאמר— עפרה בשרי לאהבתך מאוד סמר. תתאב צבי חן למטעמות ידידות כ— אמנון באות לביבות מידי תמר.	בערויבט איך בין אל מיינער זין דיין זיסע שפּראך וועלט ליבשאַפט זוכן דו פירסט איין וויז ווי דיר געליסט דער שפּייז אלס אמנון געליסט תמרס קוכן.

אויס דער 20טער מאַקאַמע:

העברעישער טעקסט	יידישע איבערזעצונג
עולם כמו מכלא והימים כמו — רועה ואדם צאן ובהמות יער: מות ככר נרחב ושם ירעה ושם — ירבץ אנוש, ישיש, ושב ונער. קבר כמו שער ובא בו כל אנוש מי ידע מה אחרי השער?	דיז וועלט איבער אל די איזט דער שטאַל די צייט איין הירט, די לויט דאס פיך זינט דער טויט די הער די אין וועלכער ווער קליין, גרויס, ווייב, אלט און קינט— דאס גראַב זיין פאַרט. האַט אימאַנט געהאָרט ווי אלדע וואס מאַן דא הינטער פינט?

די דאָזיקע איבערזעצונג איז בלי־ספק איינס פון די באַדייטנדסטע פּאָעטישע שאַפונגען אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור; און עס איז צו באַדויערן, וואָס אַזאַ וויכטיק ווערק איז געבליבן פאַרבאָרגן און פאַרגעסן אין אַ דייטשער ביבליאָטעק און קיינמאָל געדרוקט ניט געווען [10].

19 ערשט אין דער נייערער צייט האָבן עריק („אַלט־יידיש. ראָמאַן", 223—29) און שטיינרק (לאַנדוי־בוך, 58—62) פאַרעפנטלעכט גרעסערע פראַגמענטן אויס דער דאָזיקער איבערזעצונג.

מיר האָבן ביז איצט געהאַט צו טאָן אויסשליסלעך מיט איבערזעצונגען. עס זיינען אָבער אויך אויפגעהיט געוואָרן אַ געוויסע צאָל דידאַקטישע און סאַטירישע לידער אויס דעם 15טן י״ה, וואָס בילדן אַן איבערגאַנגס-שטופע פון איבערזעצונגען צו אָריגינעלע ווערק. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט אַ העברעיִש-יידישע לידער־זאַמלונג, וואָס ס׳האָט פאַרענדיקט סוף יאָר 1516 דער סופר מנחם בן נפתלי אָלדנדאָרף. געבאָרן אין פראַנקפורט אויפן מיין אין 1449, האָט ער, ווי עס שיינט, זיינע עלטערע יאָרן פאַרבראַכט אין איטאַליע. יעדנפאַלס האָט ער אין 1504 אין דעם איטאַליענישן קליין שטעטעלע מעסטרע (לעבן ווענעדיג) געשריבן פאַר דער פאַטראָנעסע „מרת חנליין״ אַ יידישן מחזור — אַ זאַמלונג פון יוצרות אויף שבת הגדול און ימים־טובים, מיט קינות, סליחות אאז״וו. ער האָט אויך אייגענע זאַכן געשריבן, ווי, צום ביישפּיל, „געדאַנקען וועגן טויט״ [20]; באַזונדערס אינטערעסאַנט איז אָבער די אויבן־דערמאָנטע לידער־זאַמלונג, וואָס ער האָט פאַרענדיקט אויף דער עלטער, ווען ער איז שוין געווען אַ זקן פון 67 יאָר. אין דעם מאַנוסקריפּט זיינען געווען פאַרשריבן 43 נומערן, די ערשטע בלעטער פעלן אָבער און די האַנטשריפט הייבט זיך אָן ביים סוף פון נומ׳ 18. די לידער שטאַמען פון פאַרשיידענע מחברים, בלויז 4 פון זיי (2 שבת־לידער, אַ סאַטיריש ליד אויף די לורקייט צו געלט, און אַ וויכוח־ליד צווישן יצר־טוב און יצר־הרע) האָט אָלדנדאָרף גופא פאַרפאַסט אין זיינע יונגע יאָרן („בימי חרפי״), ד״ה אין דער צווייטער העלפט פונם 15טן י״ה [21]. דער רוב פון די לידער זיינען העברעיִשע, בלויז פינף פון זיי האָבן חוץ דעם העברעיִשן אויך אַ יידישן טעקסט. איידער מיר גייען איבער צום אינהאַלט פון די דאָזיקע לידער, איז וויכטיק אָנצומערקן פאָלגנדיקן אינטערעסאַנטן פרט. מיר האָבן שוין פריער גוזען [22], ווי פילע העברעיִשע דיכטער: שלמה בן מזל-טוב, ישראל נאַגאַרא און אַנדערע, פלעגן גאַנץ אָפט שאַפן זייערע לידער (אַפילו מיט רעליגיעזן אינהאַלט) לויט דער מעטריק און מעלאָדיע

---

20 אויפגעהיט צום סוף פון אַ האַנטשריפט־זאַמלונג, וואָס געפינט זיך אין קעמברידזשער ביבליאָטעק (זע ווײַנרייך, „בילדער פ. ד. ייד. ליטעראַטור״ 1928, 145—148), צום שלום פון אָלדנדאָרפס „טויט-געדאַנקען״ געפינט זיך פאָלגנדיקע צושריפט: „נוט יתב׳ אישט ווארהאַפטיק און טוט נימנט אונרעכט. דש קאַן וואל דר קענן מנחם אלדנדורף זיין קנעכט. דארום זול אידרמן חינטר זיך אונ׳ בור זיך גידנקן אונ׳ זיל נים שערצן, דש לעצט דש אישט דר טוט, דש זול דער לעבענדיק געבן צו זיינם הערצן. יום ב׳ ד׳ אב רס״ד״.

21 די זאַמלונג האָט באַשריבן ל. לעווענשטיין אין הילדעסהײַמערס „יובלשריפט״ (1890), 126—144 און אין „מאָנאַטשריפט״, 1891, 79—84.

22 באַנד IV, ז׳ 354, 370.

פון פרעמדע פאָלקס־לידער. דאָס אייגענע לאָזט זיך אויך באַמערקן אין אָלדנדאָרפס זאַמלונג. עס ווערט דאָרט געבראַכט אַ העברעיִש־לומדיש ליד מיט כּללים פאַר גמרא־לערנער „הלכתא כּמאן”, וואָס ס'האָט פאַרפאַסט דעם באַקאַנטן מהרי״לס ברודער־זון, יעקב בן יקותיאל מגליינהויזן. פאַרן ליד געפינט זיך דעם זאַמלערס באַמערקונג, אַז דער „הלכתא כּמאן” איז פאַרפאַסט „בניגון הערצאָג ערנסט”, ד״ה לויט דעם גראַם־שליסל און סטראָפן־בוי פון דעם דעמאָלט שטאַרק פּאָפּולערן דייטשן ליד. „בניגון הערצאָג ערנסט” איז אויך פאַרפאַסט אַ צווייט ליד, וואָס געפינט זיך אין אָלדנדאָרפס זאַמלונג — אַ שבת־ליד פון שלמה זעלמלן בן יקר אויס ערפורט, וואָס האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט פונם 15טן י״ה. דאָס דאָזיקע ליד איז פאַרפאַסט אין ביידע שפּראַכן (העברעיִש און יידיש) און מיר באַקענען די לייענער מיט דער ערשטער סטראָפע[23]:

זייטן שפּיל אונ' אלן לושט
דיא קוניג דוד ניע געוושט,
אונ' אנדער פרופיטן מער,
אונ' וועם דיא אל ווירן קינד
אונ' ווער דר בולט (דערפולט) זיינס הערצן גרונד
זיין בוטשאפט אונ' לער.
דאך מיכט ער דרצייליז ניכט
גוטס לוב אונ' אל זיין וונדר
די אָי גשאך אונ' נאך געשיכט (געשעט)
דיא ער דא קוד (ערקאָרן) בזונדס
זיפציג פירזאָן אין ייפטן (מצרים) קאמן
קיניג פרעה יוסף פערגס
אונ' פיניגט זיינער קינדר זאכן.

(האַרפן־שפּיל און לוסטיקע געזאַנגען, און וועלכע עס האָבן אפילו ניט געוווּסט ניט דוד המלך, ניט די אַנדערע נביאים, און אויך ניט דער, פאַר וועמען דאָס אַלץ איז געווען אַנטפּלעקט און האָט דערפילט מיטן גאַנצן האַרצן גאָטס באַטשאַפט און זיין לע־רע — דאָך זיינען זיי אַלע ניט אימשטאַנד איבערדערציילן גאָטס לויב און אַלע זיינע וווּנדער, וואָס זיינען געשען אַמאָל און געשען אויך איצטער. די וואָס ער האָט באַזונ־דער אויסדערוויילט, זיינען זיי, 70 נפשות אין צאָל, קיין מצרים געקומען, דער קיניג פּרעה האָט אין יוספן פאַרגעסן און האָט שטאַרק געפּייניקט זיינע קינדער זאַמען).

דאָס אויבן־דערמאָנטע טאָפּל־שפּראַכיקע ליד „על אהבת הכּסף”, וואָס אָלדנדאָרף האָט פאַרפאַסט „בימי חרפּו”, איז אויך געשריבן „בניגון” פון אַ פּאָפּולער דייטש פאָלקס־ליד — „הוך ריף דער וועכ־טער”. דאָס סאַטירישע מוסר־ליד הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקער סטראָפע:

גוט (גאָט) וועל דש די עש ניד (ניט) אנטגעלט
די טוריכט וועלט,
די מיט אל אירן זינן
איר זיצן, איר שטיין,
איר גדנקן דא זי מיט אוב גיין

---

23. לויט לעווענשטיינס טראַנסקריבירטן טעקסט.

אויף דש געלט איר חן | דער וועלט אישט גוך (שטורמיש)
געלט צו געווינן | יאָג אונ׳ בלוג (פּלאָג) דער נארונג נוך
נידר און הוך | דש ווערט איר אלן טג אינן.

דער מוסר־השכל פון דעם גאנצן 10־סטראָפיקן ליד גיט איבער די 7טע סטראָפע:

וויש זול דש לויפן אונ׳ שערן — | טועט תשובה מיט שטערק
נֵקס מוש מן ווידר קערן | אויף אייערע בֵּזֵע ווערק
צו דר ערדן דא מן פון אישט גענומן | דא הילפט ניט זילברן בערג
(פון וועלכער מען איז גענומען). | אין ד ע ר וועלט דא מיר היין קומן...

באזונדערס אינטערעסאנט איז א צווייט סאטיריש ליד (אויך אין ביידע שפּראכן), וואָס געפינט זיך אין אַלדנדאָרפס זאמלונג — „על השחוק" (וועגן דעם שפּילן) פון שמואל בן משה הורגלן[24]. מיר האָבן פריער געזען[25], ווי לעאָן די־מאָדענא, וואָס האָט געשריבן א סאטירע „על הצחוק", איז אליין געווען אן אזארט־שפּילער כל ימיו; דאָס איינענע איז בלי־ספק געווען אויך דער פאַל מיט דעם פארפאסער פון דער באַטרעפנדיקער סאטירע, שמואל הורגלן. ער גופא, בעת ער רעדט וועגן די אזארט־שפּילער און דעם סאָציאַלן שאָדן, וואָס זיי ברענגען, איז דערביי מוסיף: „מיט מיינעם שאד איז עס געשעען, איך וואז (וואר) אויך אין דען אָרדן"[26]. מיט גרויס גענויטקייט גיט אונז דער פארפאסער איבער אַלע פּרטים וועגן קאָרטן- און טאָפּלשטיין־שפּיל. און דעם צייט־פּאַרטרייב פון די, וואָס זיינען פארשיכורט פונם אזארט־שפּיל, שילדערט ער אין פאָלגנדיקע בולטע פארבן:

מאָרגנט אונ׳ אָוונט אָהן אבגעלאָן (אָן וועלכער הפסקה)
קיין אנדר קורצווייל זי ניט אָהן (האָבן)
ווען דאס זי די צייט איבערזיצן
הונגריק אונ׳ דורשטיג און פארשמאכט
ביי די טעג און די נאכט
שפּילן זי ותן זי ערהיטצן.
זי שווערן, גריינען (קוויטשען) אונ׳ בייסען,
זי ורסן פון קיינען גוטן צו זאגן

24 דער אַקראָסטיכאָן פון דעם דאָזיקן ליד — „שמואל הקטן ברבי משה אורי ז״ל חזקו אמצו" — איז אַזוי צונויפגעשטעלט, אז דאָס ערשטע אות פון יעדער העברעיִשער סטראָפע איז פארבונדן מיטן ערשטן אות פון דער באַטרעפנדיקער יידישער סטראָפע.

25 באנד IV, ז׳ 174.

26 אויסלייג — מאָדערניזירט.

גאָטעס דינסט זי זיך לויטצל (קיינמאָל) פליסען
ביי דער נאכט אונ׳ די טאגען,
לויטצעל (קיינמאָל) האלטן זי זיין געבאָט אין הוט,
איגליכער (יעדער) געליסט זיינעם געזעלן גוט
דרום ווערדן זי נומער (נימער) זאַט נאָך וואָל גוט.

האָט ער זיך שפילס ניט גענית [27]
אונ׳ קענט איר דעם וואורפל זיטען ניט [28] —
זא איסט ער גאָר פארלאָרען
פאָר ואר וויל איך דאָס זאגען.
יונג אונ׳ אַלט ווירד אים צוגעטראָגען
מיט לאנגען אונ׳ מיט קורצן זי איהן בעטאָהרען (אָפנאַרן)
אך דער גראָסען ועלשערייא (פעלשעריי)
די האָרויף זייען ערדענקט:
מיט קוועקזילבר אונ׳ מיט בליי
זיינט זי פארקלעבט אונ׳ איינגעזענקט (איינגעטונקט)
זי האבן אויגען אונ׳ זיינד דאָך בלינד —
איר מעכער מיסען ווערדן אז זי זינד [29],
אונ׳ אַל דער זיך איר אונטערווינד [30]

וואָס מאג ער זיך באָרימען (ברומען) זיינעס געווין
פיל שיר [31] גיט עס ווידער דאהין —
אז (ווי) דאס גראז דאָרט פאָר דער זאָנען;
מאן שלאָגט אים דאס אונ׳ דאָס איין
בעהענדער (שנעלער) דען איין פאָגעלן טליין
איז עס פאָן אים צעראָנען;
איסט דער בייטל פארבונדן שווער —
ער ווירד פיל שיר [31] גערינג אונ׳ מאָגער.
מען שפריכט דאָס איין שפילער
איז דעם אנדערן בייטל־טראָגער,

---

27 ווער ס׳איז ניט גענים אין שפילן.
28 און אונבאַקאַנט זיינען אים די געזעצן פון ווירפל־שפיל.
29 ד״ה די וואָס פעלשן די טאָפלשטיינער זאָלן אויך בלינד ווערן.
30 און אויך די אַלע וואָס נעמען זיך אָן פאַר זיי.
31 נאָר איינגיכן.

אז (ווי) ער עס געווינט אזא ער עס ווידער הינגאָהט (צוריק אָפּגעבן).
נאקט אונ׳ בלויז ער בעשטאָהט (בלייבט ער שטיין)
אונ׳ נאָך בלייבט אים שאָד, שאַנד אונ׳ שפּאָט.

אין דער שלום-סטראָפע דערקלערט דער פּאַרפּאַסער, אז ער וויל „אורלופּא גיבן״ (זיך געזעגענען) מיט ביידע אַרט שפּילן — מיטן ווירפּל- און מיטן קאָרטן-שפּיל, בכדי זיי זאָלן „זיין לאַסטער ניט מערן״; ער וויל מחזיר בתשובה זיין, זיך איבערגעבן

גענצליך אין גאָטס הוט,
זא מאג איך בלייבן וואָל באָהוט
דאס געב מיר גאָט צו גוט.

ווייניקער אינטערעסאַנט זיינען די איבעריקע צוויי לידער, וואָס זיינען פאַרשריבן אין אָלדנדאָרפס זאַמלונג אין ביידע טעקסטן: דאָס ליד פון זלמן סופר[32] „זרע גפן״ — די מחלוקת צווישן וויין און וואַסער, און אָלדנדאָרפס ליד „מחלוקת וטענת יצר-טוב על יצר-הרע״. דאָס זיינען טיפּישע וויכּוחים-לידער, וואָס פון דעם דאָזיקן שטייגער זיינען אויפגעהיט געוואָרן אין די הונדערטער אין דער העברעישער מיטלעלטערלעכער ליטע-ראַטור[33]. מיר באַנוגענען זיך דערמיט, וואָס מיר ברענגען בלויז די ערשטע סטראָפעס פון די צוויי לידער אין ביידע טעקסטן:

1) אויס זלמן סופרס „מחלוקת יין והמים״[34]:

זרע גפן אני נקרא
זת דבר היין —
אני לשותי כאבן יקרה
וגם לנושאי כלי זיין.
אנוש ממני נרדם
וחזיוני אדמדם
יין ישמח לבב אדם

און דעם ווייגס בין איך געהייסן —
אַלזאָ שפּראַך זיך דער וויין —
מאַן טרינקט מיך מיט פלייסן
דאצו בין איך גאר פיין.
איך קאָן מאַכן שימפן און שערצן
איך קאָן פאַרטרייבן גרויסע שמערצן
איך דערפריי דען מענשן איר הערצן.

2) אויס מנחם אָלדנדאָרפס „מחלוקת וטענת יצר-טוב על יצר-הרע״:

מרום שאו עיניכם
למען אחי אדברה
קרעו לבבכם ואל בגדיכם
..... ד׳ מרה

צו דעם אים הימל זאָלט איר אייך פלייסן
מיינען ברידערן זאג איך עס פאַר
מיט תשובה אייער הערץ זייט רייסן
פירכטעט גאָט דאָס גאַנץ יאָר.

---

32 געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון 15טן י״ה.
33 זע, צום ביישפּיל, באַנד I, 227, 245.
34 אין ביידע טעקסטן איז איינגעפלאָכטן דער אַקראָסטיכאָן „זלמן סופר״.

רחצו הזכו	רייניגט און וואשט אייך רעכט,
אחרי ד' אלקיכם תלכו	נאך גאט יאגט און פעכט
כל עבדי ד' ברכו	לאבט גאט אל זיין קנעכט.

דער פרומער סופר מנחם אלדנדארף האט געזאמלט בלויז רעלי־גיעזע און דידאקטישע לידער, אדער סאטירישע מיט א געוויסן מוסר־השכל. ער האט ניט אויפגענומען אין זיין זאמלונג ניט נאר קיין ליבע־און טאנץ־לידער, נאר אפילו אויך ניט קיין חתונה-לידער. מיר וועלן ווייטער זען, ווי א צווייטער זאמלער, וואס האט געלעבט שפעטער פון אלדנדארפן מיט קנאפע 100 יאר, האט פאר אונז דווקא יא אויפגעהיט א גאנצע צאל פון אזעלכע לידער. אבער אויך אין א פארמעטענעם כתב־יד אוים דעם 15טן י"ה, א פירוש פון רש"י אויף נביאים וכתובים, וואס האט זיך געפונען אין דער קאלעקציע פון דעם פויפסט לעא דעם צענטנס סעקרעטאר, פיעטרא בעמבא (געבארן אין 1470), איז פארשריבן אן אלט־יידיש ליבע־ליד, וואס מיר דרוקן דא איבער אוים באסינס אנטא־לאגיע (ז' 27):

וואו זאל איך הין, וואו זאל איך הער
וואו זאל איך מיכ'ם הין קערן?
איך בינם איין ציונט*, מיין הערץ דאס ברענט,
איך קאנ'ס ניט פריי ווערן.
דא שפייט (שפירט) די הערץ אלע ליבסט מיין
די איך האב אויף דער ערדן[35].

אז די דאזיקע יידישע מיטלאלטערלעכע ליבע־ליריק איז געווען א בערך רייכע, זאגט שוין עדות דער דאזיקער פאקט, וואס אפילו היינטיקע פאלקס־לידער, ווי דאס האבן אויפגעוויזן די פארשער ד"ר שיפער און י. ל. כהן[36], טראגן נאך אויף זיך גאנץ בולטע סימנים פון זייער מיטל־עלטערלעכן אפשטאם. אזוינע לידער, ווי „עס זיצן מיידעלעך דריי" (גינז.־מאר.־זאמל. נומ' 166), „ווי עס קומט דער ליבער זומער" (דארטן, נומ' 171), „מוטער, ליבסטע מוטער" (דארטן, נומ' 356), האבן שוין געזונגען, מיט געוויסע שינויים פארשטייט זיך, אונזערע עלטער־באבעס אין די מיטלעלטערלעכע דייטשע געטאס.

---

* איך בין דורך דעם ליבע־פלאם אנגעצונדן.

35 אויסלייג — מאדערניזירט.

36 אמעריקאנער פנקס, 1927, 65—77; שיפער, יידישע פאלקס־דראמאטיק, 1928, 75—79.

ווי מיר זעען, זיינען אין די מיטלעלטערלעכע צו אונז דערגאַנגענע מאַנוסקריפּטן אויפגעהיט געוואָרן בערך גאַנץ ווייניק רעשטן פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. אַ ניט צו פאַרגלייכן גרעסערער טייל איז אָבער געראַטעוועט געוואָרן, ווען אַפילו אין אַ מער־ווייניקער געענדערטער פאָרם, אדאַנק די גוואַלטיקע שינויים, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין סוף מיטלעלטער און האָבן געהאַט אַ זייער גרויסע השפּעה אויף דעם קולטור־לעבן פון די אַשכנזישע יידן און אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, אַז שוין אין 12טן—13טן י"ה האָט דער דיאַלעקט, אויף וועלכן די דייטשע יידן פון די ריין־פּראָווינצן האָבן גערעדט, געהאַט אין אַ געוויסער מאָס זיין אייגנאַרטיקע פאַרבונג. שוין דעמאָלט האָט זיך דער „לשון אַשכנז", דאָס „יידיש־דייטש", אונטערשיידט פון דעם „קריסטלעך־דייטש". די דאָזיקע אייגנאַרטיקייט איז געוואָרן נאָך בולטער אין 14טן י"ה, ווען דער פראַנצויזישער קיבוץ איז חרוב געוואָרן (נאָך פריער איז ענגלאַנד געוואָרן „יידן־ריין") און פיל פון די פאַרטריבענע פראַנצויזישע יידן האָבן זיך איבערגעפעקלט אויף דער אַנדערער זייט ריין. אין דייטשלאַנד זיינען די רדיפות אויף יידן אויך געוואָרן אַלץ שטאַרקער[37], און ביסלעכוויז, אונטער דעם דרוק פון שטענדיקע רדיפות און געצוווּנגענע איבערוואַנדערונגען פון די מערב־פּראָווינצן אין די מזרח־סלאַווישע לענדער (פריער קיין מערן און שלעזיע, דערנאָך אין די פוילישע פּראָווינצן) — איז דער דייטש־פראַנצויזישער יידישער קיבוץ צום סוף פון מיטלעלטער מגולגל געוואָרן אינם דייטש־פּוילישן קיבוץ, וואָס רעדט איין שפּראַך — „לשון אשכנז". און טאַקע אין דער זעלבער צייט, און ענג פאַרבונדן דערמיט, האָט זיך אין אַ געוויסן זינען פאַרענדיקט דער לאַנגער פּראָצעס, וואָס האָט זיך געצויגן פילע דורות נאָכאַנאַנד: אין משך פון די לאַנגע וואַנדערונגען אויס די דייטשע דרום־פּראָווינצן צו די סלאַווישע מזרח־לענדער, און אונטער אַ געוויסער השפּעה פון דער נייער פרעמדער סביבה, איז דער מיטל־הויכדייטשער דיאַלעקט, וואָס די יידן פון די ריין־פּראָווינצן האָבן גערעדט אין 12טן י"ה, מגולגל געוואָרן אין אַן אייגנאַרטיקן יידיש־דייטשן לשון מיט אַ גאַנץ אייגענעם נוסח. עס איז אויסער ספק, אַז ביז דער מיט 13טן י"ה איז דער יידישער קיבוץ אין די רייסיש־פּוילישע שטחים דער עיקר באַשטאַנען פון איינוואַנדערער, וואָס זיינען געקומען פונם וויטן און דעם נאָענטן מזרח, אויך פון די פאַרשיידענע דרום־לענדער: פון אַראַביע, קליין־אַזיע, מצרים, גריכנלאַנד, קאַווקאַז און קודם־כל פון די

37 ז׳: אונזער ווערק, באַנד III, ז׳ 189–190.

װאָלגע־געגנטן, װוּ ס'האָט ביזן סוף פון 10טן י"ה געװעלטיקט די שטאַרקע כּוזרישע מלוכה[38]. זינט דעם מיטן פונם 13טן י"ה באַקומט אָבער די איבערהאַנט דער הויפּטשטראָם פון די ייִדישע אײַנװאַנדערער, װאָס זײַנען מאַסנװײַז אָנגעקומען פון די שכנותדיקע מערבֿ־ און דרום־לענדער, װי דײַטשלאַנד, טשעכיע, שלעזיע און אונגאַרן[39]. די נײַע אײַנגעװאַנדערטע האָבן קולטורעל באַלד באַקומען די איבערמאַכט איבער די אַלטגעזעסענע, און אין אַ בערך קורצער צײַט אַרום איז דער לשון אשכּנז געװאָרן, מיט װײניקע אויסנאַמען, די אײנציקע אומגאַנגס־שפּראַך פון דעם גרעסטן טײל פּױלישן ייִדנטום[40]. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז אין דער נײַער סבֿיבֿה האָט דער „לשון אשכּנז" אָנגענומען אַ באַמערקבאַרן טײל סלאַװישע עלעמענטן[41], און דאָס האָט אים נאָך מער דערװײַטערט פון זײַן מיטל־הויכדײַטשן אורקװאַל.

מען דאַרף אָבער אױך ניט פאַרגעסן, אַז בײַ דער אויסשליסלעכער ממשלה, װאָס דער פּילפּוליש־רבנישער גײַסט און װעלט־באַנעם האָט גע־האַט אויף דעם קהלשן און אויך פּריװאַטן לעבן פון דעם דײַטש־פּױלישן ייִדן, האָט זײַן אומגאַנגס־שפּראַך זיך אַלץ מער און מער אָנגעזאַפּט מיט װערטער און באַגריפן פון דער רבנישער ליטעראַטור; עס האָט זיך גע־ענדערט ניט נאָר די מאָרפאָלאָגיע פון דער שפּראַך, נאָר אויך איר סינ־טאַקסיס און אַרכיטעקטאָניק. שױן אויף דער שװעל פונם 16טן י"ה האָט די ייִדישע אומגאַנגס־שפּראַך אין אַ גאַנץ באַדײַטנדיקער מאָס אָנגענומען די אײגנאַרטיקע „ייִדישלעכע" פאָרמען, װאָס האָבן שפּעטער געבראַכט אין אַזאַ גרימצאָרן דעם דײַטשן געלערנטן פונם 17טן י"ה, װאַגנזײַל, װעלכער האָט ניט געקענט מוחל זײַן די דײַטשע ייִדן פאַר זײער „לעמ־

---

38 זע אויבן, באַנד V, קאַפּיטל אײנס.

39 זע ד"ר שיפּער, „קולטור־געשיכטע", 262—270.

40 װעגן דער אומגאַנגס־שפּראַך פון די ייִדן אין די פּױלישע פּראָװינצן אין די פאַרשײדענע תּקופֿות איז פיל דעבאַטירט געװאָרן. זע װעגן דעם: א. הרכּבי, „שפת היהודים" (1868); ש. דובנאָװ, זײַן באַקאַנטן אַרטיקל אין „יעװרעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", 1909, 1—30, און „דער פּנקס", 1913, 36—38; ב. רובשטײן, „די אַמאָליקע שפּראַך פון ייִדן אין רוסלאַנד" (דאָרט, 21—36), ב. באָראָכאָװ, „די ביבליאָטעק פון ייד. פילאָלאָג" (דאָרט, 56); R. Centnerszwerowa, „O języku Żydów" (װאַרשע 1907); י. װילער. „פילאָלאָג. שריפטן", II, 118—120; ד"ר י. שיפּער, קולטור־געשיכטע, 262—268, 277—280, י. לוריע, „צײַטשריפט", II, 747.

41 װעגן סלאַװישע יסודות אין ייִדיש, זע: א. לאַנדוי אין „פיל. שריפטן", II, 200—204; ד"ר שיפּער, צית. װ. 277—278; „מאָנאַטסשריפט", 929, 475; י. א. יאָפע. אַמעריקאַנער פּנקס, 1928, 235—256, 296—312; אל. שולמאַן, „עמקי שוה", „חשלח", IV.

טערלעך" באגיין זיך מיט דער דייטשער שפּראך, באשר זיי האָבן זי „פאַרדאָרבן" און געמאַכט אויס איר אַ פרעמד פאַרזעעניש[42].

צום סוף מיטלעלטער זיינען אָבער אויך אין דער דרויסנדיקער וועלט, אין דער סביבה, אין וועלכער דער גרויסער יידישער קיבוץ האָט געלעבט, פאָרגעקומען גוואַלטיקע שינויים, וואָס האָבן געמאַכט אַן איבערקערעניש אין דעם גאַנצן סדר פונם אייראָפּעיִשן לעבן און אויך געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור.

די דורות־לאַנגע קרייץ־צוגן, וואָס האָבן באַקענט די אייראָפּעיִשע פעלקער מיט דער קולטור־רייכער און פיל־פאַרביקער מזרח־וועלט, האָבן געהאַט אַ גאַנץ גרויסע השפעה אויף דעם קולטור־לעבן פון מערב־אייראָפּע. אַלץ מער וואַקסט דער באַטייט פון דער שטאָטישער באַפעלקערונג, און ביסלעכווייז לעבט אויך אויף און הייבט אָן זיך צו אַנטוויקלען די שטאָטישע קולטור. דורך די עקאָנאָמישע און ענג מיט זיי פאַרבונדענע פּאָליטישע שינויים הייבט אָן שוואַכער צו ווערן דער פאַרנעם און באַטייט פון דעם ריטער־קלאַס, און אויף דעם חשבון וואַקסט דער שטאָטישער בירגערשטאַנד. אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן הייבן אָן צו שפּילן אַ געוויסע ראָלע די סוחרים־גילדיעס און די צעכן פון די בעלי־מלאכות. דער שטאָטישער בירגער־קלאַס אין דייטשלאַנד הייבט אָן ביסלעכווייז צו ווערן דער טרעגער פון קולטור; די ריטערלעכע פּאָעזיע טרעט אָפּ איר בכבודיקן אָרט דער בירגערלעך־שטאָטישער, און די וואַנדערנדיקע טרובאַדורן און שפּילמאַנס ווערן ביסלעכווייז פאַרדרענגט דורך די געלאַסענע, פּעדאַנטיש ערנסטע מינעזינגער.

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, ווי ווייניק עס איז אפילו ביים אַדל־שטאַנד געווען פאַרשפּרייט די קונסט פון לייענען און שרייבן. דער ריטער האָט זיך קודם־כּל געניטיקט אין דער שווערד, ניט אין דער פען, און דער פריער דערמאָנטער גרויסער דיכטער וואָלפראַם פון עשענבאַך, וואָס דערציילט אַליין, אַז ער האָט ניט געלערנט די קונסט פון שרייבן, שטרייכט אָבער אַלס ריטער מיט גדלות אונטער, אַז זיין באַרוף איז צו טראָגן דאָס

---

42 יאָהאַן כר. וואַגענזייל, „בעשר. ד. יודיש־טייטשען רעד־אונד שרייבאַרט", אריינפיר 7:

„Mit keiner Sprach sind die Juden jemals so wie man zu reden pflegt lästerlich als mit unserer Teutschen umgegangen, denn sie haben solcher einen gantz fremden Thon und Laut gegeben, die guten teutshen Worten gestümmelt, gerad brecht, verkehrt, neue uns unbekante erdacht wie auch unzählich viel Hebreische wörter und Redarten in das Teutsche gemischt dass solcher gestalt wer sie teutsch rede höret nit anderst glaubt, als sie reden pur lauter Hebreisch in den fast kein einziges Wort verständlich fürkommet".

געווער אין דער האַנט („צום schildesamt בין איך געבוירן'').
אַנדערש איז אָבער מיט דעם בירגער־קלאַס. דער סוחר, דער קרעמער און אפילו דער בעל־מלאכה האָט געמוזט צו דער פרנסה קאָנען שרייבן, לייענען און רעכענען, און דאָס ניט אויף דער אַלטער שפּראַך פון די רוימער, נאָר אויף דער שפּראַך פונם אַלטעגלעכן לעבן. אין טיפן מיטל־עלטער האָבן אַפילו אין דייטשלאַנד עקסיסטירט שולן בלויז לאַטייניש. ביסלעכווייז, מיט דער אַנטוויקלונג פונם בירגער־לעבן, הייבן אָבער אָן זיך צו ווייזן אויך פּשוטע דייטשע פאָלקסשולן, וווּ די קינדער פון סוחרים און בעלי־מלאכות האָבן געלערנט לייענען, שרייבן און די ערשטע כּללים פון חשבון. די געלערנטע קרייזן האָבן אין דער התחלה געקוקט מיט גרויס ביטול אויף די דאָזיקע „ווולגערע'' פאָלקסשולן, און נאָך אין 15טן י''ה איז אין די דערמאָנטע קרייזן געווען גילטיק דער כּלל, אַז ווער עס וויל געבן בילדונג זיין זון, איז ער מחויב אים צו שיקן אין אַ „רעכטער'', ד''ה, אין אַ לאַטיינישער שול, ניט אין אַזעלכער, וווּ מען לערנט נאָר אויף דער פּשוטער פאָלקסשפּראַך[43]. אויף די משגיחים אין די לאַטיינישע שולן איז געלעגן דער חוב צו פאַרצייכענען אויפן שוואַרצן שטראָפטאָוול די שילער, „וואָס ריידן דייטש אָדער טוען אַנדערע ניט אָנשטענדיקע מעשים''[44]. מען האָט פּחד געהאַט, אַז דאָס דייטש־ריידן קאָן נאָך דעם שילער פאַרדאַרבן די ריינע לאַטיינישע אויסשפּראַך. דייטש גופא האָט מען דאָך ניט וואָס צו לערנען, מען דאַרף דאָך עס בלויז באַנוצן, כּדי זיך צונויפצוריידן מיטן „גראָבן עולם''.

מיט דער צייט אָבער, וואָס שטאַרקער עס האָט געשטיגן דער באַטייט און די ראָלע פונם „גראָבן עולם'', ד''ה פונם שטאָטישן בירגערשטאַנד, וואָס ווייטער ס'האָבן זיך אַנטוויקלט זיינע קולטורעלע הצטרכותן — אַלץ מער איז אויך געוואַקסן די ראָלע פון דער אומגאַנגס־שפּראַך. די שפּראַך פון די פאָלקסמאַסן האָט ביסלעכווייז אַרויסגעשטופּט די לאַטיינישע פון די שטאָטישע קאַנצעלאַריעס און רעגירונגס־אַנשטאַלטן. ווער עס האָט געוואָלט ווירקן אויף דעם שטאָטישן בירגערטום, וואָס איז געוואָרן אַ באַדייטנדיקע געזעלשאַפטלעכע מאַכט, דער האָט געמוזט צו אים זיך ווענדן אויף זיין אומגאַנגס־שפּראַך. דער באַרימטער הומאַניסט און קולטור־קעמפער אולריך פאָן הוטען דערציילט אַליין: „אין דער התחלה האָב איך געשריבן אויף לאַטיין, האָבן דאָס אָבער זייער ווייניק פאַרשטאַנען. איצט ווענד איך מיך צום פאָטערלאַנד, צום דייטשן פאָלק, אויף זיין אייגענער

[43] ...in die r e c h t e schul schicke, und nit in tütsch lere.

[44] ...ie deutsch reden oder sust unzüchtig sein.

שפּראַך און רוף אים צום קאַמף, ער זאָל זיך נוקם זיין פאַר אַלדאָס שלעכטס, וואָס מ'האָט אים געטאָן".

און עס איז דערפאַר לייכט באַגרייפלעך, וואָס בעת אַ גאַנצע קייט פון קולטורעלע, סאָציאַלע און פּאָליטישע סיבות האָבן אַרויסגערופן די ברייטע רעליגיעז־רעפאָרמיסטישע באַוועגונג, האָט זי זיך פאַרענדיקט דערמיט, וואָס דייטשלאַנד האָט זיך אָפּגעטיילט ניט נאָר פון דער אויסלענדישער פּויפּסט־קאַטוילישער קירך, נאָר אויך פון דער לאַטיינישער קירך. דער קולטורעל אויסגעוואַקסענער בירגערשטאַנד האָט געפאָדערט, אַז זיין גייסטיק־רעליגיעזע נערונג, די ביבל, זאָל זיין פאַר אים צוטריטלעך אויף זיין מוטערשפּראַך. די באַרימטע דייטשע ביבל־איבערזעצונג איז ניט געווען קיין גאוניש המצאה פון מאַרטין לוטער — דאָס איז געווען דער לאָגישער פּועל־יוצא פון אַ לאַנגן און וויכטיקן קולטור־פּראָצעס: ווי דער דיאַלעקט פון קנעכט און פּויערים, די פּשוטע אומאַנטוויקלטע אומגאַנגס־שפּראַך פונם מאַרק און וואָכעדיקן אַלטעגלעכן לעבן ווערט מגולגל אין אַן אויסטערליש קונציק געפעס פאַר רייכער פילפאַרביקער קולטור. און טאַקע ענג פאַרבונדן דערמיט, אויך אַלס לאָגישער פּועל־יוצא, אַלס מוז־זאַך, טרעט גוטנבערג אַרויס מיט זיין גאונישער המצאה — דעם דרוק־וואַרשטאַט, פּונקט ווי צו דער זעלבער צייט איז אויך דער פּולווער צוגעטראַכט געוואָרן, וואָס ערשט מיט זיין הילף האָט דער בירגער־קלאַס באַקומען די מעגלעכקייט צו צעשטערן די רויבערישע ריטער־שלעסער אויף די משופּעדיקע פעלזן און הויכע שפּיציקע בערג.

די המצאה פון ביכער־דרוקן האָט געהאַט אַ געוואַלטיקע השפּעה אויף דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון די אייראָפּעיִשע פעלקער. דער דרוק־וואַרשטאַט האָט אין אַ געוואַלטיקער מאָס דעמאָקראַטיזירט דאָס בוך, געמאַכט עס מיט אַמאָל צוטריטלעך פאַר די ברייטע שיכטן פון דעם פאָלק. די גאַנצע לוטערישע ביבל־איבערזעצונג האָט מען געקאָנט באַקומען פאַר אַנדערטהאַלבן גולדן. אויפן אָרט פונם מעצענאַט, דעם ברייטהאַרציקן „שר", וואָס פלעגט שטיצן די ליטעראַטור און אירע דינער און פּריסטער, איז אַרויסגעטראָטן דאָס פאָלק גופא, אָבער ניט אַלס נדבן, נאָר אַלס פּשוטער קונה. פון אַ טייערן לוקסוס־אַרטיקל איז דאָס בוך געוואָרן די ביליקסטע סחורה, עובר לסוחר...

פריער איז ניט בלויז די ריטער־פּאָעזיע, נאָר אויך די בירגערלעכע געווען ענג פאַרבונדן מיט מוזיק און געזאַנג; דעם דרוק־וואַרשטאַט איז אָבער געלונגען אָפּצוטיילן דאָס ליד פון דער מעלאָדיע, מאַכן אַ מחיצה צווישן דעם לירישן שאַפן און דער מוזיק, צווישן דעם וואָרט און דעם געזאַנג. בלויז ער, דער דרוק־וואַרשטאַט, האָט עס צום ערשטן געגעבן די

מעגלעכקייט, אז די פשוטע פאָלקס־שפּראך מיט איר מינדלעכן פאָלקלאָר
זאָל דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פון פאָלקס־ליטעראטור, וואָס
ווערט א גאנץ וויכטיקער פאקטאָר פון נאציאָנאלער קולטור. עס הייבט
זיך אָן א נייע תקופה אין דער קולטור־געשיכטע.

אין סוף פונם 15טן און אין דער ערשטער העלפט פונם 16טן י״ה
האָט זיך אין דייטשלאנד אויף דעם ביכער־מארק באוויזן א גוואלטיקער
סכום פאָלקס־ביכער. עס איז אָבער א טעות צו מיינען, אז דאָס זיינען
זיי ערשט צו יענער צייט באשאפן געוואָרן. זייער שטאף האָט זיך גע־
זאמלט אין משך פון גאנצע דורות אין די טיפענישן פונם פאָלקס־קיבוץ.
ווי נאָר דאָס בוך איז געוואָרן א גאנגבארע און ביליקע סחורה, וואָס האָט
אריינגעדרונגען אין דיברייטע פאָלקס־שיכטן, האָבן זיך גלייך געפונען
אונטערנעמער מיטן פראקטישן חוש און האָבן צונויפגעזאמלט די מענגעס
מעשיות, לעגענדעס, אנעקדאָטן און קאטאָוועסן, מיט וועלכע די פאנטא־
זיע פונם פאָלק האָט מיט באזונדערער פאָרליבע באצירט געוויסע העלדן,
ווי די ריטער פונם ארטוס־הויף, פאוסט, דער וואנדערנדיקער אהאספער,
טיל אוילענשפיגל און פיל אנדערע. זייער כאראקטעריסטיש איז דערביי
אָט דער פּרט: די באליבטסטע און פאָפּולערסטע פאָלקס־ביכער פון יענער
צייט האָבן ניט קיין טאטן — זיי זיינען אנאָנימע ווערק. די זאמלער,
רעדאקטאָרן און ארויסגעבער פון די פאָלקס־ביכער, וואָס זיינען אין יע־
נער צייט ערשינען, שטעלן פאָר אַן אמתן ערב־רב: גלחים, קרעמער, בּאָ־
נאכן, סטודענטן, קאָפּיסטן, ארכיוואריוסן, ווער עס האָט נאָר געקאָנט
האלטן א פען אין דער האנט — דער איז געוואָרן א זאמלער און ארויס־
געבער. דאָס פאָלק האָט צוריק אין בוך־פאָרם באקומען דאָס, וואָס עס
האָט אין משך פון דורות געשפונען און געשאפן. די ברייטע פאָלקס־
מאסע האָט אויפגעהערט צו זיין בלויז דער אונטערגרונט פארן נאציאָנאלן
בנין, דער פרוכטבאָדן, דער הומוס פאר דער נאציאָנאלער קולטור — זי
גופא איז געוואָרן א מיטארבעטערין אין דעם שאפן און זאמלען פון
קולטור־נאציאָנאלע אוצרות.

דאָס אלץ האָט נאטירלעך געמוזט געפינען דעם שארפסטן אָפּקלאנג
אין דער יידישער סביבה, ווו דער פּראָצענט „יודעי־ספר״ איז דאָך גע־
ווען א בערך גרעסערער ווי אין דער קריסטלעך־דייטשער באפעלקערונג.
עס איז אָבער ווייניק צו זאָגן „געפונען דעם שארפסטן אָפּקלאנג״. אָט
דאָס, וואָס דער דרוק־ווארשטאט האָט צום ערשטן געגעבן די מעג־
לעכקייט, אז די פשוטע פאָלקס־שפּראך מיט איר מינדלעכן פאָלקלאָר זאָל
דערהויבן ווערן צו דער מדרגה פון פאָלקס־ליטעראטור, וואָס ווערט

א גאנץ וויכטיקער פאקטאָר פון נאציאָנאלער קולטור — האָט געבראַכט א גאנצע איבערקערעניש אין דעם יידישן קולטור־לעבן. גוטנבערגס גלענצנדיקע המצאה האָט עס אין א באדייטנדיקער מאָס גורם געווען, זואָס דער „לשון אשכנז״, דער יידיש-דייטשער דיאַלעקט, איז צווישן די אַלע אומגאנגס־שפּראכן, מיט וועלכע דאָס וואנדער־פאָלק האָט זיך באנוצט אויף זיין לאנגן וואַגל — געוואָרן, ווי מיר וועלן ווייטער זען, דער איינ־ציקער בארעכטיקטער יורש פון דעם אמאָליקן אראמיש־העברעישן דיאַלעקט, און צוזאמען מיט אים געבילדעט די צוויי וויכטיקסטע רינגען אין דער קולטור־געשיכטע פונם יידישן פאָלק.

צוזאמען מיטן אויפבליען פון דער דייטשער פאָלקס־ליטעראַטור איז אויך ענג פארבונדן דאָס שנעלע אויפלעבן פון דער יידיש־דייטשער ליטעראַטור.

דריטער קאַפּיטל

די עלטסטע יידישע געדרוקטע פאָלקס־ביכער. — דייטשער ווערק מיט יידישע אותיות. — ר׳ אנשלס „מרכבת המשנה". — דער שפּילמאַן־רעפּערטואַר. — דער אַרטור־ראָמאַן און זיינע נוסחאות. — זיין אַרויסגעבער יוסף וויצנהויזן. — דער באַטייט פון די האַמבורגער מאַנוסקריפּטן. — פון שפּילמאַן־דיכטונג צום פאָלקס־בוך. — אליהו בחור און זיינע שפּילמאַן־דיכטונגען. — זיין „המבדיל" און זיין פּורים־ליד וועגן דער שריפה אין ווענעדיג. — זיין ריטער־ראָמאַן „בבא־בוך". — דער נוסח פון דעם ראָמאַן. — די סטאַנסן־מעטריק. — דער יידישער שטייגער אין ריטער־ראָמאַן. — דער ראָמאַן „פּאַריז און וויענאַ". — זיין אייגנאַרטיקער סטיל.

דאָס עלטסטע צו אונז דערגאַנגענע געדרוקטע יידישע ליד איז די אויבן־דערמאָנטע איבערזעצונג פון „אדיר הוא" אין דער פּראָגער הגדה־אויסגאַבע פון 1526, און דאָס עלטסטע געדרוקטע בוך, וואָס ס'איז אויפגעהיט אויף יידיש, איז ר׳ אנשלס „מרכבת המשנה" (קראָקע, 1534) — אַ מין קאָנקאָרדאַנץ, ווו די העברעישע ווערטער זיינען אויסגעשטעלט נאָכן אלף־בית מיט דער אָנווייזונג, ווו דאָס וואָרט ווערט באַנוצט אין תנ"ך, און דערנאָך גייט דאָס טייטש־וואָרט אויף „לשון אשכנז שהוא מורגל בינינו אשכנזים"[1]. עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, אַז נאָך באַדייטנדיק פריער זיינען שוין אין דייטשלאַנד (און אפשר אויך אין צפון־איטאַליע, ווו עס האָט דעמאָלט עקסיסטירט אַ בערך באַדייטנדיקער קיבוץ פון דייטשע יידן) דערשינען פיל ביכער אויף יידיש־דייטש; נאָר אלס פאָלקס־ביכער, וואָס זיינען נעגאַנגען פון האַנט צו האַנט, און דאָס צווישן אזא לייענער־פּובליקום וואָס זיינען ניט געוווינט געווען אָפּצוהיטן אַ בוך — זיינען זיי אין אַ קורצער צייט פאַרלאָרן געגאַנגען. טאַקע אין דער פאָררעדע צו „מרכבת המשנה" ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז איצט

1 לויט דער שער־בלאַט פון דער ערשטער אויסגאַבע: „מרכבת המשנה לקונקורדנציה היותו מורכב משתי לשונות לשון הקודש ולשון אשכנזי שהוא הלשון המורגל בינינו אשכנזים והוא מלמד ללמוד דברי תורה נביאים וכתובים הוא כל העשרים וארבע". וועגן דער פּאָלעמישער טענדענץ פון ספר של ר׳ אנשל, זע: פּערלעס, צייט. וו., 117; מ. חיינרייך, „שטאַפּלען", 124. זע אויך אונזער ווערק, ב׳ III, ז׳ 318—319.

איז געוואָרן „אַ נעוויינלעכע״ זאַך „אין טאָג צו ברינגען״ אַלע „פאַר־באָרגענע זאַכן״ און אַלערליי ביכער, צום צוועק „דז איין „איקליכער געמיינער מאַן מג וויסן״[2]. שוין אין די עלטסטע צו אונז דערגאַנגענע געדרוקטע יידישע ביכער, וועגן וועלכע מיר וועלן ווייטער ריידן, איז מען זיך שטאַרק מתרעם דערויף, וואָס דער פשוטער עולם פאַרטרייבט די צייט מיט „טורעכטע בויכרן״ (נאַרישע ביכער) ווי „דיטריך פון בערן״, „מייסטער הילדעבראַנט״, „דער שוינן גלויק״ און דער גלייכן, „וואָס זייער צאָל איז אַזוי גרויס״. אייניקע פון זיי זיינען צו אונז דערגאַנגען אין שפּעטערדיקע אויסגאַבן אָדער אָפּשריפטן, און פון זיי איז זיך לייכט צו איבערצייגן, אַז מיר האָבן דאָ כלל ניט צו טאָן מיט יידישע איבערזעצונגען אָדער באַאַרבעטונגען: בכדי צו באַפרידיקן די נייע נאָר־וואָס אויפגעקומענע ברייטע יידישע לייענער־קרייזן האָט מען פשוט איבערגע־דרוקט מיט יידישע אותיות דעם רוב פון די דאָזיקע דייטשע פאָלקס־ביכער, וועגן וועלכע מיר האָבן גערעדט אין סוף פונם פאָריקן קאַפּיטל. עס פלעגן בלויז געענדערט ווערן די שטעלן, וואָס האָבן געטראָגן אַ ריין־קריסטלעכע באַפאַרבונג. טיפּיש איז אין דער הינזיכט די קראָקער אויסגאַבע (1597) „דיטריך פון בערן״, וועלכע י. פּערלעס האָט באַשריבן[3]. בעת אין דייטשן אָריגינאַל שטייט: „נעמט הין מיין קריסטענליכע טרוי״, לייענען מיר אין דער יידישער אויסגאַבע: „נימט הין מיינע געטליכע טרוי״. אויף דעם זעלבן אופן זיינען אויך געמאַכט געוואָרן ווייטערדיקע שינוים:

---

[2] די פאָררעדע צום ספר של ר׳ אנשל פאַנגט זיך אָן בזה הלשון: „דיא וייל עז נימיינקליך איז גיוואָרדן דז מן אלי ורבורגני זך אונ׳ בויכר אין טאג ברענגט צו דויטש אורוך, דז איין איקליכר נימיינר מאן מג וויסן, דונקט מיך גוט זיין איין גויצט ביכליין אן טאג צו ברעננן אונ׳ דז מן אויס דיזם בויכליין מג לערנן דז גנץ עשרים וארבע, עש זיי הערבי וואָרטר עש זיי גרינגי ווארטר, ווינט (פינדעט) מן אלי גישריבן אין עברי כתיבה אונ׳ דז דויטש דער בייא גמעשים אונ׳ דערבייא גיצייכנט בייא איקליכם ווארט אונ׳ ווארט וואו כען דו וואת (וואס) ווינט אים גנצין עשרים וארבע אין וועלכים ספר אונ׳ אין וועלכים קפּיטל אונ׳ אין וועלכים פסוק״ (מיר ציטירן לויט דער צווייטער אויסגאַבע, 1584).

[3] „מאָנאַטסשריפט״, 1876, 354—361. מיר ברענגען דאָ דעם שער־בלאַט פון דער דאָזיקער אויסגאַבע: „זה השער לד׳ צדיקים יבואו בו. איין שוין, ליד אונ׳ גרוש ריטרשאפט וערט איר דרינן גיפינדן גאר קורץ וויליג צו לייען פער ווייבר אונ׳ מיידליך, ורדיישט (פאַרדייטשט) נאר בישיידליך גינגן מיט נאמן וער דיטרייך, צו קויפן ארם אונ׳ רייך. אין איינם געלט רעכטן, אזו וערט ענק גוט יתב׳ בהויטן פער וויזן אנפעכטן, נעדרוקט אין דער גילויבטי שטאט קראקא אונטער דעם גיוועלטיגן קיניג זיגמונדש יר״ה שנת שנ״ז לפרט הקטן ע״י יצחק בן הר״ר אהרן מפרוסטיץ״.

אין דייטשן טעקסט:

1) מאַריאַ דו פיל ריינע מאַגד
2) דאַס מאַן אין דער קריסטענהייט
3) הילף מיר ביסטו איין קריסטענמאַן
4) דאַנן די קיישע מאַגד הערע פון
הימעל אונד איר ליעבעם קינד
5) אַ הימעלישע קייזערין
6) אַך מילדע מוטער, ריינע מאַגד,
זיי עס דיינעם קינדעם ווילע

אין דער יידישער אויסגאַבע:

1) אַלמעכטיגער היליגער גאָט
2) דאַס מאַן אין אליר וועלט זא בריט
3) הילף מיר ביסטו איין בידערמאַן
4) דען דער אַלמעכטיגער הערי
אונ׳ זיין ליבס געזינד.
5) אַ הימלישער טרכטיין (אַלמ׳ גאָט)
6) אַך אַלמעכטיגער גיטינגער גאָט,
דו טוע דאַס פון דיינעם ווילן.

ענלעכע שינוים זיינען אויך געמאַכט געוואָרן אין אַנדערע אויס־גאַבן און אָפּשריפטן. צום ביישפּיל, אין דער אויך ביי יידן פּאָפּולערער דייטשער פּאָעמע „ווארום בעטריבסט דו דיך, מיין הערץ", איז דער פערז: „איך דאַנק דיר, קריסט, אַ גאָטעס זאָן!" פאַרביטן געוואָרן דורכן פערז: „איך דאַנק דיר, גאָט, אינם הויכן טראָן!" דער אויסדרוק „יעזוס דאָס לעמעליין" איז איבערגעמאַכט אין: „דען אַלמעכטיגן גאָט אַליין", און פאַר דעם יידישן אויער ניט אָנגענעמער „שווייננבראַטן" ווערט פאַרביטן דורך אַ „פעטן בראַטן"[4].

עס וואָלט אָבער געווען אַ טעות צו מיינען, אַז די, אדאַנק דעם דרוק־וואַרשטאַט, ניי־געשאַפענע ברייטע לייענער־קרייזן האָט מען גע־שפּייזט אויסשליסלעך מיט פּשוטע איבערדרוקן פון דייטשע פאָלקס־ביכער אין יידישער טראַנסקריפּציע. עס זיינען אויך דערשינען איבער־אַרבעטונגען און לויט פּראָטאָטיפּע מוסטערן ניי־געשאַפענע פּאָעטישע ווערק, וואָס האָבן פריער צירקולירט בלויז בעל־פּה. מיר האָבן שוין דערמאָנט די העלדן־לידער און העלדן־עפּאָסן, וואָס די יידישע שפּילמאַנס פלעגן אינם מיטלעלטער זינגען און דעקלאַמירן פאַרן ברייטן עולם. עס דאַרף אונז כלל ניט חידושן, וואָס עס איז ניט אויפגעהיט געוואָרן פון דעם דאָזיקן שפּילמאַן־רעפּערטואַר קיין איין־איינציקער מאַנוסקריפּט, אפילו אויס דעם 15טן י״ה, וואָס שליסט מיט זיך די מיטלעלטערלעכע תקופה. יידיש־דייטשע מאַנוסקריפּטן פון רעליגיעזן אָדער עטישן אינהאַלט האָבן זיך געפונען אין די הענט פון מער־ווייניקער. פאַרמעגלעכע אייגנטימער: פון איינגעזעסענע לאַנדסלייט אָדער רייכע „גענעריגס" און פּאַטראָנע־סעס. די ריטער־ און העלדן־פּאָעמעס האָבן אָבער אינם מיטלעלטער קיין

[4] זע ראָזענבערגס אַרבעט אין „צייטשריפט f. ד. געש. ד. יודען", II, 228, 269—270, 294; שיפּער, „טעאַטער־געשיכטע", I, 113. אַזוינע שינויים פלעגן אויך גע־מאַכט ווערן אין פּראָזאַישע ווערק. זע שטיינשניידער „סעראַפּעום", 1864, 74—76.

גענערינס ניט פארמאגט, ווייל, ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן, די דאזיקע פאעטישע ווערק פלעגט מען דאך ניט לייענען, נאר צוהערן בעל-פה. בלויז די שפילמאנס, די נע־ונדניקעס, פלעגן צייטנווייז פארשרייבן פאר זיך דעם טעקסט פון די פאעמעס, וואס זיי פלעגן פארלייענען און דעקלאמירן פארן עולם. ביי דעם וואגל־ און וואנדער־לעבן, וואס די שפילמאנס האבן געפירט, פלעגן די דאזיקע אפשריפטן על־פי רוב גיין לאיבוד נאך ביי זייער לעבן, און נאך זייער טויט אוודאי און אוודאי. נאכדעם אבער ווי דער דרוק־ווארשטאט האט אין א גוואלטיקער מאס דעמאקראטיזירט דאס בוך און אפגעטיילט דאס ליד פון דער מעלאדיע, געמאכט א מחיצה צווישן דעם פאעטישן שאפן און דער מוזיק, צווישן דעם ווארט און דעם געזאנג, — איז די פריער געזונגענע שפילמאן־פאעמע מגולגל געווארן אין א פאלקס־בוך, וואס האט געהערט צו דעם געווונטשענעם לייען-שטאף. און אפילו אויף די פאעמעס, וואס ווערן ניט געדרוקט, געפינען זיך שוין אויך צווישן די „גענערינס" בעלנים זיי צו לייענען, און דער קאפיסט באזארגט פאר זיי אפשריפטן. און טאקע די אפשריפטן און דרוק־אויסגאבעס פונם 16טן—17טן י"ה גיבן אונז די מעגלעכקייט זיך צו באקענען מיט דעם שפילמאן־רעפערטואר פון סוף מיטלעלטער[5].

מיר ווייסן שוין אויס דער העברעישער מיטלעלטערלעכער ליטעראטור, ווי פאפולער עס זיינען געווען ביי יידן פרעמדע ליטעראַרישע מאטיוון, ווי באליבט עס זיינען געווען ביים יידישן לייענער די איבערזעצונגען פון אזוינע אויס דעם ווייטן מזרח אימפארטירטע ווערק, ווי „כלילה ודמנה", „משלי סנדבאר", „בן המלך והנזיר" וכדומה. דער אלכסנדר־מוקדון־ראמאן איז געווען אזוי פאפולער, אז מען האט אים אפילו איינגעשלאסן אין דעם „יוסיפון". דער בעל „שש כנפים", עמנואל באנפיס, האט, ווי מיר ווייסן[6], איבערגעזעצט אויף העברעיש די לאטיינישע ווערסיע פון דעם אלכסנדר־ראמאן, און ער האלט פאר נייטיק אנצווייזן אין דער פארהרעדע: „זאל דער לייענער ניט מיינען, אז איך בין דערמיט אויסן כבוד און לויב — מיין מיין איז בלויז זיך און אויך אנדערע אנטאן א ביסל פארגעניגן. איך רעכן בלויז, אז בעת איך וועל זיין

---

5 אויף דער ראלע פון שפילמאן אין דער אלט־יידישער ליטעראטור האבן שוין בשעתם אנגעוויזן אלעזר שולמאן („שפת יהודית אשכנזית", VIII), ל. לאנדוי אין דעם אריינפיר צו זיין „Arthurian Legends" און אנדערע. פעסט באגרינדעט דורך א קריטיש־אנאליטישער באלויכטונג פון א גאנצער מענגע ליטעראַרישע דענקמעלער אויס דער אלט־יידישער ליטעראטור האט דיזאזיקע חשערת מ. עריק אין זיין „וועגן אלט־יידישן ראמאן" און „נעשיכטע".

6 אונזער ווערק, באנד III, 198.

אין א געזעלשאַפט פון געבילדעטע לייט אָדער אויף א פאַרזאַמלונג פון פשוטן עולם און איך וועל זיי דערציילן אינטערעסאַנטע פּאַסירונגען אויס דעם דאָזיקן ווערק, — וועלן זיי דערפון האָבן גרויס פאַרגעניגן, און עס וועט פאַר זיי זיין פון האָניק זיסער״[7].

אָבער ניט בלויז מזרח־מאָטיוון האָבן זיך איינגעבירגערט אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, נאָר אויך מערב-אייראָפּעיִשע. מיר האָבן שוין געזען[8], ווי דער בעל „ספר הישר״ האָט אויסגענוצט פיל אגדות און לעגענדעס פון די אייראָפּעיִשע פעלקער. בערך אויס יענער צייט (פון 1279) איז אויפגעהיט געוואָרן א העברעיִשע איבערזעצונג פון דעם אַרטור־ראָמאַן „לאַנסעלאָט דעל לאַק״ (ספר השמד הטבלה העגולה). עס דאַרף דערפאַר כּלל ניט חידושן, וואָס אויך אין יידיש־דייטש זיינען באַאַרבעט געוואָרן פיל ווערק פון דער דייטשער שפּילמאַן־דיכטונג. מיר ווייסן שוין, אז די דאָזיקע דייטשע ווערק זיינען געשאַפן געוואָרן ניט צים לייענען, נאָר צו זינגען און דעקלאַמירן פאַרן אוידיטאָריום, וואָס פלעגט בכלל ניט האַלטן קיין בוך אין דער האַנט. אויך די יידיש־דייטשע באַאַרבעטונגען זיינען געשאַפן געוואָרן דורכן יידישן שפּילמאַן מיטן באַשטימטן צוועק: זיי צו זינגען און דעקלאַמירן פאַרן יידישן עולם.

דעם אויבנאָן אין דעם דאָזיקן, אויס דער דייטשער שפּילמאַן־דיכטונג אימפּאָרטירטן שטאָף, האָט, ווי עס שיינט, פאַרנומען איינער פון די אין געריימטע סטראָפעס פאַרפאַסטע ריטער־ראָמאַנען, וואָס זיינען ענג פאַרבונדן מיטן רייכן אוצר פאַנטאַסטישע מעשיות און לעגענדעס וועגן די העלדן און גוואַלטיקע גיבורים, וואָס פלעגן זיצן ארום דעם „קיילעכדיקן טיש״ פון דעם גרויסן קעלטישן מלך אַרטור (אַרטוש).

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אז נאָך אין דרייצנטן י״ה איז שוין איין אַרטור־ראָמאַן (וועגן דעם ריטער לאַנצעלאָט) איבערזעצט געוואָרן אויף העברעיִש. אינטערעסאַנט איז דעם איבערזעצערס דערקלערונג, אויס וועלכע מאָטיוון ער האָט זיך גענומען צו דער דאָזיקער אַרבעט. די ערשטע סיבה איז געווען, וואָס אים איז אויסגעגאַנגען אין פאַרזענלעכן לעבן גרויסע צרות און אומגליקן אויסצושטיין; און מורא ער זאָל ניט אריינפאַלן אין מרה־שחורה, האָט ער זיך פאַרנומען מיט דעם אַרטור־ראָמאַן, בכדי זיך צו צעשטרייען. די צווייטע סיבה, און די, שטרייכט דער איבערזעצער אונטער, איז די וויכטיקסטע (והיא הנכבדה): ער האָפט, אז דאָס דאָזיקע בוך וועט פיל זינדיקע מחזיר בתשובה זיין און זיי וועלן צוריק־

---

7 „רעוויו ד. עט. זשוויף״, VI, 279.

8 זע באַנד I, ז׳ 268—69.

קערן צו גאָט[9]. פון דער דאָזיקער העברעיִשער איבערזעצונג איז אויפֿגעהיט געוואָרן בלויז אַ פראַגמענט[10]; פיל מזלדיקער איז געווען דער יידישער אַרטוש־ראָמאַן. דער דאָזיקער ראָמאַן איז דער איינציקער, אויס דער פרעמד גענומענער, יידיש־דייטשער ריטער־עפּאָס, וואָס איז דערגאַנגען צו אונז בשלימות: עס זיינען אויפגעהיט געוואָרן איינִיקע געדרוקטע אויסגאַבעס[11] און אויך דריי מאַנוסקריפּטן[12]. דערפאַר טאַקע האָט דער דאָזיקער ראָמאַן אַ גרויסן קולטור־היסטאָרישן באַטייט, ווייל ער גיט אונז אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם דיכטערישן שאַפן פונם יידישן מיטלעטלערלעכן שפּילמאַן: ניט נאָר אויף וואָס פאַר אַן אופן ער פלעגט אויסנוצן דעם פרעמדן שטאָף, נאָר אַפילו די מאַניער, ווי ער פלעגט דעקלאַמירן זיין דיכטונג פאַר דעם פּובליקום. אויך באַקומען מיר נאָך דערצו אָנווייזונגען, ווי אַזוי דער ריטער־ראָמאַן, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צום זינגען און דעקלאַמירן מיט אַ ספּעציעלן ניגון, ווערט מיט דער צייט מגולגל אין אַ פאָלקס־בוך צום לייענען. מיר וועלן דערפאַר זיך אָפּשטעלן אויף דעם יידישן אַרטור־ראָמאַן מער באַריכות.

די אַרטור־לעגענדעס זיינען געווען זייער באַליבט אין מיטלעלטערלעכן דייטשלאַנד און האָבן גע‏דינט אַלס דיכטערישער שטאָף פאַר פיל העלדן־ און ריטער־עפּאָסן. שוין אין אָנפאַנג פונם 13טן י"ה טרעט אַרויס דער באַרימטער וואָלפראַם פון עשענבאַך מיט זיין פאַרסעפאַל־ראָמאַן; אין איין צייט מיט אים שאַפט האַרטמאַן זיינע ראָמאַנען „ערעק" און „איוויין", און ווירנט פון גראַוועבערג זיין „וויגאַלואַ". אָט דער לעצטער ראָמאַן דאַרף באַטראַכט ווערן אַלס מקור, וועלכן אַ יידישער שפּילמאַן פונם 14טן י"ה האָט אויסגענוצט פאַר זיין אַרטור־ראָמאַן. ד"ר לעאָ לאַנדוי, דער פאַרדינסטפולער אַרויסגעבער פון דער רייַמפאָרן־ווערסיע (לויט דעם געדרוקטן טעקסט און די צוויי האַמבורגער מאַנוסקריפּטן)[13], און נאָך אים אויך מ. עריק[14], קומען צום אויספיר,

9 „פי בתכלית של זה הספר ילמדו החוטאים דרכי התשובה ויזכרו אחריתם וישובו אל השם ב"ה".

10 אין רוים אין דער וואַטיקאַנער ביבליאָטעק. געדרוקט „אין מאַגאַזין פ. וויסענשאַפט", 1885, העבר. אָפּטייל, i—11.

11 אין צוויי נוסחאות: אין ריימפאָרן, איינִיקע מאָל איבערגעדרוקט, און אין סטאַנסן, געדרוקט אין פּראָג צווישן 1652—79.

12 צוויי כתב־ידן געפינען זיך אין דער האַמבורגער מלוכה־ביבליאָטעק, אַ דריטער אין ענגלאַנד אין דער קעמברידזשער ביבליאָטעק.

13 "Arthurian Legends", 1912.

14 וועגן „אַלט־יידישן ראָמאַן", 94.

אַז די אָריגינעלע יידישע ווערסיע איז געמאַכט געוואָרן דירעקט פון ווירנטס ראָמאַן. מיר זיינען אָבער אין דעם מסופק און רעכענען, אַז אין דעם גענעזיס פונם יידישן אַרטור־ראָמאַן האָט נאָך וואָרשיינלעך גע־שפּילט די ראָלע פון אַ מיטל־רינג אַן אַנדער ווערק, וואָס ס'איז דער־שינען שפּעטער פון „ווינגאַלואַ". נאָר דערמיט איז צו דערקלערן די די־פערענצן אין דער פאַבולע און דער געפלאָנטער און אומפאַרשטענדלעכע סתירות אין דער יידישער באַאַרבעטונג.

די ערשטע דרוק־אויסגאַבע פון דעם יידישן אַרטור־ראָמאַן איז די פּראָגער פון די יאָרן 1652—1679, וואָס איז פאַרפאַסט אין סטאַנסן, ד"ה אין סטראָפעס צו 8 שורות מיטן גראַם־שליסל: אַב אַב אַב גג. פון דער דאָזיקער אויסגאַבע איז באַקאַנט סך־הכּל איין־איינציקער עקזעמפּלאַר (אין אָקספאָרדער ביבליאָטעק). דער שער־בלאַט הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע פערזן: „קעניג אַרטיש הוף טוט זיך דש בוך נענין — גרוש צייכין אונ' וונדר דרין שטענין, דש מן האט קין טַג עזן טארן — ביז מן האט נייע צייטונג אֶרפַרן"[15]. ווייל די דאָזיקע אויסגאַבע איז פון די גרעסטע יקר־המציאותן, ברענגען מיר דאָ אַ פּראָבע, לויט דער פאַקסימיליע פון ל. לאַנדוי (פון דער זייט 11, א):

נון וואַרד אלי יאר אום אוסטרן צייט
דר זיטן אין קינג אַרטֶש רעגירן,
דז אין דר היידן * דרייא מייל לאַנג אונ' ברייט
אארד (?) מן גצעלט אויף שלאָגן מיט שֵׁינה צירן
אונ' פונפציג קינגן איטליכר מיט פיל לייט
קאמן צו אים שפּאַצירן,
אונ' פיר וואוכן אין דר היידן בליבן
פיל קונצן דארטן וואַרד גטריבן.
דו דר אוסטרן דו הער קאם
וואַרד מן אויף דר היידן ווייטן
אויף שלאָגן פיל גולד אונ' זילבר קראם
אך פיל גאַר קבין דרויף צו ברייטן.
איטלכר קינג דר דו קאם
קאם ניט מיט ווינציגר אַז מיט פופציק טויזנט צו רייטן
אונ' קינג אַרטש איטלכן אנטקיגן גריטן
אונ' איטלכן אנטפנגן נוך איבליכן זיטן.

15 מיר ציטירן לויט לעאָ לאַנדויס דערמאָנט ווערק.

* אַ פלאַבער מיט גראָז באַוואַקסענער שטח.

דער ערשטער ארויסגעבער פון דער ריימפארן־ווערסיע[16] איז דער אמסטערדאמער זעצער און קארעקטאר יוזל וויצנהויזן, וואס האט זיך, ווי מיר וועלן ווייטער זען, קונה־שם געווען אלס איבערזעצער פון גאנצן תנ״ך אויף יידיש. אויס וויצנהויזנס הקדמה קען מען מיינען, אז ער האט פאר זיך געהאט אן ארטור־ראמאן געשריבן אין פראזע און ער, וויצנהויזן, האט „דיז בוך גישטעלט איןריימן״. מילער האט שוין אבער פון לאנג דערוויזן אין זיין גרינטלעכער ארבעט „דער ארטושהאף אונד יאזעף וויטצענהויזען״[17], אז וויצנהויזן איז בלויז דער ארויסגעבער פון א האנטשריפטלעכן ארטור־ראמאן, וואס איז אים צו די הענט געקומען („איך האב איינש גיפונדן גישריבן אויז, איין מיינש פאטרש הויז״).

לויט וואגנזייל̇ס איבערדרוק האט די דאזיקע ארטור־ראמאן־אויסגאבע פאלגנדיקן שער: „איין שין מעשה פון קיניג ארטיש הוף. וויא ער זיך אין זיינם קיניגרייך האט טון פירן, אונ׳ וואז ער האט גיהאט פאר מאנירן, אונ׳ פון דעם בריםטן ריטר ווידווילט, דעם שטרייטבארן העלד — גאר שין אין ריים גישטעלט — ווען איר ווערט דרינן לייאן — ווערט זיך אייער הערץ ארפרייאן״.

פאר דעם גוף־המעשה גייט א גאטספארכטיקער אריינפיר:

נאט אליין די עהר
דען ער איז דער גאנצן וועלט איין הער.
ער האט בישאפן הימל אונ׳ ערד
דרום איז ער לויב פרייז אונ׳ ערין ווערד.

אזעלכע פרומע סענטענצן האבן געהערט צום פעסטגעשטעלטן נוסח פון דער שפילמאן־דיכטונג. מיט זיי פלעגט יעדער שפילמאן אנהייבן זיין „אפיר״.

דערנאך הייבט זיך אן די מעשה גופא:

אין הויף פון קיניג ארטוס איז געווען א מנהג, אז מען האט ניט געטארט זיך זעצן צום טיש עסן, איידער מען האט דעם טאג ניט געהערט עפעס נייס. טרעפט זיך איינמאל, מען האט אפגעווארט א גאנצן טאג און ס׳איז קיין שום נייס ניט געשען. האבן אלע געמוזט זיך לייגן הונגעריק שלאפן. דעם צווייטן טאג ווארט מען שוין מיט גרויס אומגעדולד, עס זאל וואס נייס געשען, און גרויס ווערט די פרייד, ווען מען האט דערהערט די

---

16 ערשינען פאר 1680; איבערגעדרוקט אין 1699 אין וואגנזיילס אויבן ציטירטן ווערק.

17 „צייטשריפט פ. העבר. ביבל.״ VIII (1904).

בשורה, אז פאַר דער מויער פונם קיניגס שלאָס וואַרט אַן אומבאַקאַנטער ריטער רייטנדיק אויף זיין פערד, און וויל ריידן מיט דער קיניגין. ווען זי איז אַרויס צו אים, ווענדט ער זיך צו איר מיט דער בקשה, זי זאָל ביי אים אָננעמען אַ וווּנדערשיינעם גאַרטל פאַר אַ מתנה. די קיניגין פרעגט ביי איר מאַן, דעם קיניג אַרטוס, צי זאָל זי די מתנה אָננעמען. רופט דער קיניג צונויף אַלע זיינע מקורבים, די באַרימטע ריטער, און באַראַט זיך מיט זיי, צי זאָל ער דערלויבן די קיניגין זאָל אָננעמען די מתנה פונם פרעמדן ריטער. אַלע האָבן איינגעשטימט אויף יאָ, נאָר איין ריטער, און דווקא דער מעכטיקסטער, גאַביין (לויט דער סטאַנסן־ווערסיע: גאַווין) געפינט, אַז די קיניגין דאַרף די מתנה ניט אָננעמען, ווייל פאַר אַ קיניגין פאַסט צו געבן מתנות אָבער ניט ביי אַנדערע נעמען. דער קיניג האָט איינגעשטימט מיט גאַביינען, און די קיניגין האָט זיך אָפּגע־זאָגט פון דעם פרעמדן ריטערס מתנה. יענער האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט און רופט אַרויס אויף אַ צוויי־קאַמף דעם ריטער גאַביין. דער פרעמדער ריטער באַזיגט אין קאַמף דעם גוואַלטיקן העלד גאַביין, און יענער מוז מיטפאָרן אַלס געפאַנגענער מיטן פרעמדן ריטער. פיל טעג און נעכט זיינען זיי געפאָרן, ביז זיי זיינען אָנגעקומען אין אַ וווּנדערבאַר רייך לאַנד, וואָס גאַביין האָט נאָך אַזוינס אין זיין לעבן ניט געזען: אַלץ איז געווען פון גאָלד און פון זילבער. דאָס לאַנד האָט געהערט דעם פרעמדן ריטער. גאַביין ווערט געוואָר, אַז זיין באַזיגער איז אַ גוואַלטי־קער מלך, וואָס איז ספּעציעל געקומען צו דעם באַרימטן אַרטוס־הויף, בכדי פון דאָרט צו באַקומען דעם מעכטיקן ריטער גאַביין פאַר זיין איינציקער טאָכטער פאַר אַ מאַן. ווען זיי קומען אין דעם פראַכטפולן פּאַלאַץ, ווערט גאַביין איבערראַשט פון דער בת־מלכהס וווּנדערבאַרער שיינקייט, און ער וויליקט גלייך איין אויף דעם שידוך. ער האָט מיט איר חתונה, און זיי לעבן זייער צופרידן. אין אייניקע מאָנאַטן אַרום הייבט אָבער גאַביין אָן צו בענקען צוריק צום אַרטוס־הויף. ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זיין פרוי איז שוין געווען שוואַנגער, נעמט ער אָן דעם באַשלוס צו פאָרן געוואָר ווערן, וואָס ס'הערט זיך אין אַרטוס־הויף. די פרוי איז אויסער זיך, זי פרעגט אים, וואָס פאַר אַ נאָמען זאָל זי געבן דעם קינד, וואָס זי וועט געבאָרן? „ווי דו ווילסט", ענטפערט גאַביין צוטראָגן. אויפן צווייטן טאָג לאָזט זיך גאַביין, אָן זיין פרויס וויסן, אין וועג, ער קאָן אָבער צום מלך אַרטוס לאַנד דעם ריכטיקן וועג ניט געפינען. צען יאָר בלאָנדזשעט ער ביז ער דערלאַנגט זיך סוף־כל־סוף צום אַרטוס־הויף. צוריק צו זיין ווייב קאָן ער שוין אָבער ניט קומען — ער האָט דעם וועג פאַרגעסן.

גאַביינס ווייב האָט אַ יינגל געבאָרן, און האָט אים אַ נאָמען גע־

געבן „ווידוווילט", לויט דעם פאטערס ענטפער, איידער ער האט זיך אין וועג געלאזט. דאס יינגל איז אויסגעוואקסן גוואלטיק גרויס און שטארק; ער הערט אלץ דערציילן וועגן זיין פאטער און זיין גרויסער גבורה, און דערוויסט זיך פון זיין מוטער, אז דער פאטער געפינט זיך אין קיניג ארטוסעס הויף. ווען ווידווילט ווערט אלט 13 יאר, דערקלערט ער, אז ער לאזט זיך אין וועג זוכן דעם פאטער. די מוטער וויל אים ניט לאזן; מישט זיך אריין דער זיידע, און ווידווילט לאזט זיך מיט מזל אין וועג. די מוטער שענקט אים פארן אפפארן דעם וואונדערבארן צויבער־גארטל, וואס ווער עס טראגט אים אויפן לייב, דער בלאנדזשעט ניט אין וועג; און אין משך פון פיר וואכן דערלאנגט זיך ווידווילט צום ווייטסטן ארט, צו וועלכן ער וויל קומען. שוין ביים ערשטן ארויספאר באווייזט ער זיין גרויס העלדישקייט, און ווען ער קומט צום קיניג ארטוס, ווערט ער דארט אויפגענומען מיט דער גרעסטער ליבשאפט, און דער יונגער ריטער באקומט דעם גאביין פאר א דערציער.

אין איין פרימארגן קומט צו פארן, רייטנדיק אויף א פערד, א יונג־פרוי מיט א קליינעם קארליק. זי איז געקומען אין שליחות פון דער קיניגין אויס אונגערלאנד בעטן שוץ און הילף ביים קיניג ארטוס. דער קיניג אויס אונגערלאנד איז אומגעקומען, דאס גאנצע לאנד שטייט אין פלאמען, עס איז גאנץ געבליבן בלויז דער איינציקער שלאס „צום וואקסנ־שטיין", וווהין ס'איז אנטלאפן די קיניגין מיט איר וואונדערשיינער טאכטער לארל. דאס אומגליק איבערן לאנד איז געקומען פון א שרעק־לעכער מכשפה, וואס איז הויך ווי א גאנצער בארג: דערפאר, וואס דער קיניג פון אונגערן האט ניט געוואלט געבן פאר א ווייב זיין שיינע לארל איר זון, דעם אימהדיקן ריז, האט זי אים און דאס גאנצע לאנד פאר־כישופט. איז איצט די יונגפרוי געקומען צום מלך ארטוס אין זיין הויף, עס זאל איר קומען צו הילף איינער פון זיינע מוטיקע ריטער, וואס זייער שם קלינגט דאך איבער דער גאנצער וועלט; און דער וואס וועט בייקו־מען די מכשפה מיט איר זון, דער וועט אלס לוין באקומען די שיינע לארל פאר א ווייב, און נאך דעם קיניגס טויט וועט ער ירשענען די גאנצע מלוכה. קיינער פון ארטוסעס ריטער האט אבער ניט קיין חשק צו קעמפן מיט א מכשפה. די פרעמדע יונגפרוי ווערט שטארק ברוגז, זי מאכט חוזק פון דעם מלך ארטוס און זיינע ריטער, וואס זייערן אזוינע פחדנים, און פארט גלייך אפ מיט איר קארליק דעם קלוגן יועץ. דער יונגער ווידווילט נעמט זיך אן פארן כבוד פון דעם ארטוס־הויף, און ער דערקלערט, אז ער וויל גיין ראטעווען דאס פארכישופטע אונגערן־לאנד. דער קיניג ארטוס וויליקט איין און דא ביים אפפארן ערקלערט ווידווילט

אַביינען, אַז ער איז זיין זון. ער דעריאָגט אויף זיין פערד די יונגפרוי פון אונגערלאַנד; יענע איז שרעקלעך אויפגעבראַכט, וואָס פון אַלע אַרטוסעם ריטער האָט מען איר געגעבן אַ ניט דערוואַקסן יינגל, יענער זאָל קעמפן קעגן דער שרעקלעכער מכשפה און איר זון, דעם גוואַלטיקן ריז. וי ווערט אָבער באַלד וויכער, ווייל זי איבערציינגט זיך, אַז זי האָט אַ טעות געהאַט — דער יונגער ווידווילט באַווייזט גלייך, וואָס פאַר אַ שטאַרקער און אומדערשראָקענער גבור ער איז. די העלדן־מעשים, וואָס ער באַווייזט, זיינען באַפּוצט מיט פיל פאַנטאַסטישע פרטים. אָט באַגעגענען זיי אויפן וועג אַ יונג מיידל מיט צעפלאָסענע האָר, וואָס יאָמערט און קלאָגט. זי דערציילט, אַז אויף אַ טורניר איז זי אָנערקענט געוואָרן אַלס די שענסטע און האָט דערפאַר באַקומען דריי טייערע חפצים אַלס אויסצייכענונג־געשאַנק: אַ וווּנדער־שיין פערד, אַ רייד־פויגל, וואָס רעדט ווי אַ מענטש, און אַ גילדערנע שטייג דערצו. איז אָבער באַלד אָנגעקומען אַ בייזער ריטער און נעמט ביי איר צו אַלע מתּנות אויס רוגז, פאַרוואָס מען האָט דעם אויסצייכענונגס־פּריז ניט געגעבן זיין טאָכטער. דער העלד ווידווילט נעמט זיך אָן פאַר דעם באַעוולטן מיידל, ער יאָגט נאָך דעם רויבערישן ריטער און קומט אים גלייך ביי אין דעם צוויי־קאַמף. ווי דער שטייגער איז ביי ריטער, שענקט דער יונגער ווידווילט דעם בייגעקומענעם ריטער דאָס לעבן בתנאי, אַז יענער זאָל זיך לאָזן מיט אַלע זיינע פיר הונדערט מאַן צום הויף פון מלך אַרטוס און זיך דאָרט דערקלערן אַלס זיין געפאַנגענער. ווידווילט גיט צוריק אָפּ די טייערע חפצים דעם באַרויבטן מיידל, יענע איז אָבער אַזוי גערירט, אַז זי וויל ניט צוריקנעמען; סוף־כּל־סוף קומען זיי צום אויסגלייך: דאָס מיידל באַקומט צוריק דאָס פערד, און דעם רייד־פויגל מיט דער גילדערנער שטייג שענקט ווידווילט זיין באַגלייטערין, דער יונגפרוי אויס אונגערלאַנד. נאָך פיל אַזוינע העלדישע מעשים קומט ענדלעך ווידווילט אָן צום פּראַכטפולן שלאָס, ווו עס געפינט זיך די קיניגין מיט דער שיינער לאַרל. ווידווילט איז איבערראַשט פון איר שיינקייט, ער פאַרליבט זיך אין איר, נאָר קודם־כּל דאַרף ער קעמפן מיט דער מכשפה און באַפרייען דאָס פאַרכּישופטע לאַנד. יעדן טאָג, אַרום מיטאָגצייט, קומט צום שלאָס צו לויפן אַ הירש און פון זיינע אויגן רינען אים טרערן. ער קלאַפּט אָן מיט זיינע הערנער דריי מאָל אין דעם טויער פון שלאָס און לויפט גלייך אַוועק. קומט ווידווילט צום באַשלוס נאָכיאָגן דעם דאָזיקן הירש בכדי זיך צו דערוויסן, וואָס איז ער אויסן מיט זיינע באַזוכן. דעם אַנדערן טאָג יאָגט ווידווילט נאָך דעם הירש. יענער אַנטלויפט לכתחילה, ער לאָזט זיך אַוועק אויף אַ לאָנקע. דאָרט שטייט אַ ברונעם, ער שפּרינגט

אין אים האסטיק אריין, און ווי ווידוווילט קומט צו צום ברונעם, קומט פון אים ארויס אן אלטער נאקעטער מאן מיט א באָרד ביז איבער דער ברוסט. ער דערציילט ווידווילטן, אז ער איז דער פארכישופטער מלך פונם לאנד, לארלס פאָטער, און בלויז א קורצע צייט אין טאָג קאָן ער אננעמען א מענטשלעכע געשטאלט. ער וואָרנט ווידווילטן, אז ער זאָל זיך ניט אריינלאָזן אין דעם געפערלעכן קאמף, וואָרעם שרעקלעך שטארק איז די מאכט פון דער מכשפה און אירע דינער. ווידווילט בלייבט אָבער ביי זיינס. דאן גיט אים איבער דער פארכישופטער מלך אלע פרטים, ווי אזוי ער דארף זיך האלטן אין דעם קאמף מיט די שטארקע קעגנער. אינמיטן רייסט דער מלך איבער, ווייל ס'איז פארגאנגען די נעהעדיקע צייט און ער ווערט ווידער מגולגל אין א הירש. מוז שוין ווידווילט וואַרטן אויפן צווייטן טאָג. ער יאָגט דאן ווידער נאָך דעם הירש, דער מלך שטייגט ארויס אויס דעם ברונעם און דערציילט ווידווילטן ווייטער וואָסערע סכנות עס שטייען אים פאר: ווי ער וועט מוזן דורכרייטן דאָס חרובע אין פייער ברענענדיקע לאנד, דאן וועט ער קומען אין א וואלד, וווּ ער וועט מוזן קעמפן מיטן שרעקלעכן לינדוואָרעם. דאן וועלן אים באפאלן פיר הונדערט ווילדע ווייבער — דער מכשפהס דינערינס, און ערשט דערנאָך שטייט אים פאר דאָס באגעגעניש מיט דער מכשפה און איר זון. ווידווילט לאָזט זיך איבערן חרובן פארכישופטן לאנד; ער האָט דאָרט נענוג נסיונות אויסצושטיין. ער קומט דערנאָך אין א גרויסן וואלד און דאָרט דערהערט ער א שרעקלעך געשריי פון א פרוי. דאָס האָט דער לינדוואָרעם אָקערשט פארצוקט איר מאן, א קיניג פון א שכנותדיקן לאנד, מיטן זון צוזאמען. ווידווילט יאָגט נאָך דעם לינדוואָרעם און ער דערזעט באלד דעם אומגעהייערן וואָרעם, ווי ער האלט דעם מלך אין מויל און דעם זון איינגע־קלעמט אין זיין עק. דער מוטיקער ווידווילט פאלט אָן אויפן לינד־וואָרעם מיט זיין בלויזער שווערד. עס ברעכט אויס אן עקשנותדיקער קאמף, דער לינדוואָרעם לאָזט דערביי ארויס זיין קרבן פונם מויל, אויך זיין עק מוז ער בשעת דעם קאמף אויסגלייכן און אויף אזא אופן ווערט אויך דעם קיניגס זון ניצול. דער לינדוואָרעם שפייט מיט פייער אויף דעם העלדישן קעמפער, דאָך געלינגט ווידווילטן צו טויטן דעם לינדוואָרעם. אין די לעצטע קאָנוווּלסיעס שליידערט אָבער דער מויטלעך פארווונדע־טער לינדוואָרעם מיט זיין ריזיקן קערפער דעם העלדישן קעגנער וויים אויפן ברעג פון א טייך, און ווידווילט בלייבט דאָרט ליגן אין טיפן חלשות. האלב־טויט פון זיינע ווונדן. נייט פארביי א פישער מיט זיין פרוי און דערזעט ליגן דעם יונגן ריטער אין זיין רייכער קליידונג און טייערן פאנצער. זיי טוען אים אויס נאקעט; דער פישער האָט אפילן

בדעה געהאט אים צו הרגענען, נאר זיין פרוי האט רחמנות געקראגן אויף דעם פארחלשטן קריגער און ניט דערלויבט אים צו טויטן. זיי פארן אפ מיט זייער רויב; עס באמערקט זיי אבער איינע פון דער קיניגינס דינערינס און די קיניגין דערגייט ביי די פישערס, אז דער רעטער פון איר מאן און זון לעבט נאך. מען געפינט באלד דעם פארחלשטן ווידווילט, וואס קומט באלד צו זיך, און מען ברענגט אים מיט גרוים כבוד אין פאלאץ אריין. דער געראטעוועטער מלך לייגט פאר דעם יונגן העלד די העלפט פון זיין קיניגרייך און וויל אים זיין טאכטער געבן פאר א פרוי; ווידווילט זאגט זיך אבער אפ, און ער לאזט זיך ווייטער אין וועג ראטעווען דאס פארכישופטע אונגערלאנד. אין טיפן וואלד באגעגנט ער ביי א גרויסן פייער פיר הונדערט ווילדע ווייבער, דער מכשפהס דינערינס; זיי באפאלן אים מיט א גרויסן געוואלד; ער שטעלט זיך מוטיק זיי אנטקעגן און זיי אנטלויפן מיט ליארם און געפילדער צו זייער הארין, דער שרעקלעכער מכשפה. זי לויפט אנטקעגן דעם אומגעווונטשענעם גאסט; דער העלדישער ווידווילט פרוווט קעמפן קעגן איר, ער איז אבער מאכטלאז קעגן איר כישוף. זי נעמט אים געפאנגען, שפאלט א גרויסן בוים, זעצט אים איין אין דער קלעם, אז ער קאן זיך ניט רירן פון ארט, און זוויל אים הרגענען מיט זיין אייגענער שווערד. פלוצלונג דערהערט זיך א גערויש אין וואלד, דאס לויפט ארום ווידווילטס פערד; די מכשפה מיינט אבער, אז דאס קומט אן איר שטארקסטער שונא — דער איינציקער פאר וועמען זי האט מורא, דער גוואלדיקער לינדווארעם; אנטלויפט זי אויף גיך. אז דער לינדווארעם איז שוין טויט האט זי נאך ניט געוווסט. צוויי טעג און דריי נעכט שטעקט ווידווילט אין דער קלעם, עס געלינגט אים דאך אויס דעם בוים זיך צו באפרייען, און ער לאזט זיך צום שלאס פון דער מכשפה. עס קומט אים אויס פיל גבורות צו באווייזן, מיט צוויי ריזן מוז ער קעמפן, דעם ערשטן דערהרגעט ער, דעם צווייטן שענקט ער דאס לעבן, און יענער ווארנט אים, אז ער זאל אין שלאס ניט אריינגיין, ווארעם שרעקלעך איז די מאכט פון דער מכשפה מיט איר גוואלטיקן זון. ווידווילט, דער העלדישער העלד, ווייס אבער ניט פון פחד; מוטיק רייסט ער זיך אריין אין פאלאץ, אים טרעט ווידער אנטקעגן די מכשפה, נאך אמאל הייבט זיך אן א שווערער קאמף צווישן איר און ווידווילטן, און אויך דאס מאל קאן ווידווילט די מכשפה ניט בייקומען. זי שטעכט אים דורך מיט זיין אייגענעם שפיז, און דער אפגעבראכענער שפיז בלייבט שטעקן אין זיין אקסל; דער טויט שוועבט שוין איבער דעם מוטיקן קעמפער — אויף זיין גליק קומען אבער צו לויפן די וואלד־ווייבער און זאגן אן דער מכשפה די בשורה, אז ווידווילט האט דערהרגעט

איר געפערלעכן שונא, דעם לינדוואָרעם. פאַר גרויס שמחה שענקט די מכשפה אים דאָס לעבן, און דערקלערט אים, אַז זיין וווּנד אין אַקסל וועט געהיילט ווערן, אויב זיין כּלה, די שיינע לאָרל, וועט אים אַרויס־ציִען דעם שפּיץ פון דעם אָפּגעבראָכענעם שפּיז נאָכדעם, ווי ער וועט פאַר־ברענגען דריי טעג אַ שטומער און וועט ניט אויסריידן קיין איינציק וואָרט, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס לאָרל וועט צו אים קומען יעדן טאָג און ריידן צו אים אַ גאַנצע שעה נאָכאַנאַנד. זי וועט בּיי אים בעטן און פרעגן, און ער מוז אַלץ שווייגן, אויב ער וויל געזונט ווערן. דער פאַר־וווּנדעטער ווידוווילט גייט אַרויס פון שלאָס, און דאָרט באַגעגנט אים דער מכשפהס זון, דער גוואַלטיקער ריז. דאָ באַווייזט ערשט ווידוווילט זיין גאַנצע גבורה: אַ פאַרוווּנדעטער און אָפּגעשוואַכטער קומט ער דאָך בּיי דער מכשפהס זון, און ווי נאָר ער דערהרגעט אים — ווערט געבראָכן די מאַכט פון דער מכשפהס כּישוף, אויסגעלייזט ווערט דאָס פאַרצווי־בערטע אונגערלאַנד מיט איר מלך צוזאַמען. דערפילט האָט ווידוווילט זיין שליחות און דערוויזן די גרויסקייט פון אַרטוס העלדישע ריטער.

צום סוף ווערט אָבער די פּאַבּולע פון אונזער אַרטור־ראָמאַן אַ בּיסל פאַרפלאָנטערט. בעת מען פאַרגלייכט די יידיש־דייטשע ווערסיע פון דעם דאָזיקן ריטער־ראָמאַן מיט זיין פאַרבּילד דעם „וויגאַלוא", איז לייכט צו באַמערקן די שטרעבונג פון דעם יידישן שפּילמאַן צו פאַר־איינפאַכן דורך פאַרשיידענע השמטות און פאַרקירצונגען די אַקציע, קאָנצענטרירן זי און מאַכן זי ווייניקער קאָמפּליצירט[18]. צום סוף אָבער פונם ראָמאַן ברענגט דער יידישער שפּילמאַן נייע עפּיזאָדן, וואָס זיינען אין ווירנטס ראָמאַן ניט פאַראַן, און ער קומט דערבּיי צו געוויסע סתירות. אין דער התחלה ווערט אָנגעוויזן, אַז ווידוווילט קאָן געזונט ווערן נאָר בתנאי, אַז די שיינע לאָרל וועט אַרויסציִען די שפּיז אויס דער וווּנד נאָכדעם ווי ער וועט דריי טעג זיך האַלטן ווי אַ שטומער. אין דעם דאָזיקן תּנאי פאַרגעסט אָבער ווייטער דער שפּילמאַן. ווידוווילט, נאָכדעם ווי ער האָט געהרגעט דער מכשפהס זון, קומט צוריק צום מלך, וועלכן ער האָט מציל געווען פון דעם לינדוואָרעם. מען נעמט אים אויף מיט גרויס כּבוד, ווידוווילט בלייבט אָבער שטום און רעדט ניט קיין וואָרט. מען וויל אים היילן די וווּנד, לאָזט ער ניט, אָבער דאָך געלינגט עס דעם מלכּס טאָכטער אָן זיין וויסן און ווילן אַרויסנעמען דעם שפּיז אויס דער וווּנד. אָבער אויך איצט שפּילט ווידוווילט נאָך אַלץ דעם שטומען און רעדט ניט קיין וואָרט. דער מלך מעלדעט אין אַלע לענדער,

18 זע מ. עריק, „וועגן אַלט־יידישן ראָמאַן", 115.

אז אין קורצן וועט זיין די חתונה פון זיין טאָכטער מיט דעם ריטער ווידווילט. פאָרן זיך צונויף די פארבעטענע געסט — פיל מלכים און ריטער. עס קומט לאַרל מיט איר אויסגעלייזטן פאָטער, דעם געוועזענעם הירש, ס'קומט אויך דער קיניג ארטוס בכבודו ובעצמו, צוזאַמען מיט גאַביינען, אויך ווידווילטס מוטער מיט איר אַלטן פאָטער דעם מלך. און ווידווילט שווייגט אַלץ. דריי טעג איינעם נאָכן אַנדערן קומט לאַרל צו ווידווילטן און רעדט צו אים אַ גאַנצע שעה און ער ענטפערט ניט. ערשט אויפן פערטן טאָג הייבט ער אָן צו ריידן און דערקלערט פאַר אַלע פאַר־זאַמלטע געסט, אַז לאַרל איז זיין געליבטע כלה. גאַביין ווערט דערביי געוואָר, אַז זיין פרוי געפינט זיך צווישן די געסט. אַלגעמיינע שמחה, מען פראַוועט מיט גרוים פּאַראַד די חתונה פון ווידווילטן מיט לאַרל. אויך דעם צווייטן מלכס טאָכטער ווערט ניט פאַרשעמט. דער מלך ארטוס מאַכט איר חתונה מיטן „גרויש הערצוג פון מושקנא".

די אַנגעוויזענע סתירות אין דעם סוף פונם ראָמאַן זיינען אפשר צו דערקלערן דערמיט, וואָס דער יידישער שפּילמאַן האָט זיך באַנוצט ניט דירעקט מיט ווירנטס ראָמאַן, נאָר מיט אַ שפּעטערדיקער ווערסיע, אין וועלכער עס זיינען געווען איינגעפלאָכטן פיל נייע עפּיזאָדן; דער יידישער באַאַרבעטער אָבער, וואָס האָט געשטרעבט צו פאַראיינפאַכן די אַקציע, האָט פיל דעטאַלן דורכגעלאָזן, און אויף אַזאַ אופן זיינען אייניקע פּרטים פון דער פאַבולע געבליבן ניט פאַרענטפערט און געפינען זיך אפילו אין אַ געוויסער סתירה.

פון דער ריין־קינסטלערישער זייט האָט דעם יידישן ארטור־ראָמאַן גאַנץ ריכטיק אָפּגעשאַצט מ. עריק[16]. ווירנטס ראָמאַן, ווייזט עריק אָן, איז אַן אָרגאַנישער פּראָדוקט פון אַ באַשטימטער תקופה, האַרמאָניש צונויפגעוואַקסן מיט דער פעאָדאַלער סביבה, מיט דער איינגאַרטיקער ריטער־וועלט. דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פונם „ווינאַלוא" איז „זיין ריטערלעכע און רעליגיעזע כאַראַליסטיק; אויף שריט און טריט גיט דער מחבר אָנווייזונגען, ווי דאַרף זיך אַ ריטער, אַן איידלפרוי פירן אין די פאַרשיידנסטע פאַלן, און ער קאָמענטירט אין מוסר־סטראָפעס און צוזאַצן דעם גאַנג פון דער אַקציע. דער צויבער פון ווירנטס ראָמאַן באַ־שטייט טאַקע אין דעם אויסמישן פון לירישע און עפּישע, אָביעקטיווע און סוביעקטיווע דיכטערישע עלעמענטן... ביים קריסטלעכן ריטער־דיכטער באַרוט די פייערלעכקייט אויף אַ וועלט־אָנשויונג, אויפן באַ־וווסטזיין פון דער חשובער מיסיע, וואָס ווערט דערפילט דורך דער ראַ־

---

16 צים. ווערק, 113—121.

מאַן־רעציטאַציע; זי איז אויך אַ ריטערלעכע טאַט, די דאָזיקע ראָמאַן־
רעציטאַציע. וואָס האָט זי געקאָנט זיין ביי דעם יידישן שפּילמאַן, וועלכער
האָט זיך דאָך ניט געקאָנט שטיצן אויף דער דאָזיקער באַזע פון ריטער־
לעכן וועלט־באַנעמען?.. ווי האָט ער, דער ייד, אָפּערירט מיט דעם דאָזיקן,
דעם געטאָ אַזוי פרעמדן מאַטעריאַל? די ריין קריסטלעכע מאָטיוון האָט
ער איינפאַך אויסגעמיטן. ער האָט אויך דרוק באַזייטיקט ווירנטס פּאָעטיש־
לירישע און מאָראַליזירנדיקע סטראָפעס... אויב דער יידישער אַרטור־
ראָמאַן קאָן צוליב פאַרשטענדלעכע סיבות ניט אָטעמען מיט יענער
עקזאַלטירטער לופט, וואָס איז דער הויפּט־צויבער פון ווירנטס ראָמאַן —
דאָן האָט שוין דער יידישער ראָמאַן געמוזט לכתחילה זיין פאַרמשפּט
צו בלייבן בלויז אַ מעשה, אַן אינטריגן־ווערק, ווו דער פלאַנטער איז שוין
אַלץ און פילט שוין אַלץ אויס, און לאָזט שוין ניט איבער קיין פּלאַץ
פאַר אַנדערע מאָמענטן. דאָס ריטערטום איז שוין אַ פאַנטאַסטיק־אָביעקט,
די העלדן — הילצערנע אינטריגע־מאַנעקענען... אַ ריטער־ראָמאַן אָן
ריטער און אָן ריטערלעכקייט, אַ ראָמאַן, וואָס שלאָגט אויפן פלאָנטער
פון דער אינטריגע, און בלייבט דאָך שטאַרק מאָנאָטאָן״ [20].

פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפונקט איז אויך אינטערעסאַנט צו
פאַרגלייכן דעם טעקסט פון די אויפגעהיטע אַרטור־ראָמאַן־מאַנוסקריפּטן
אויס דעם 16טן י״ה מיט די געדרוקטע אויסגאַבעס, וואָס וויצנהויזן האָט
פאַרעפנטלעכט אויף דער שוועל פון די אַכציקער יאָרן פון דעם 17טן י״ה.
עס חזרט זיך דאָ איבער די אייגענע דערשיינונג ווי ביי די צוויי צו אונז
דערגאַנגענע נוסחאות פונם „ספר חסידים״ [21]. ווייל דער פאַרמער אין מאַ־
נוסקריפּט אויפגעהיטער נוסח פון „ספר חסידים״ איז געשריבן געוואָרן
אין אַ באַדייטנדיק פריערער צייט, באַקומט מען דורך אים אַ מער־ווייני־
קער קלאָרן באַגריף ווי אַזוי דאָס דאָזיקע קאָלעקטיווע ווערק איז באַ־
שאַפן געוואָרן, בעת אין דעם צווייטן, יינגערן וואַריאַנט זיינען שוין די
דאָזיקע סימנים ניט אַזוי בולט, און עס איז דערפאַר אוממעגלעך גע־
וואָרן צו דערקענען דאָרט די נעט, וואָס פאַרבינדן די פאַרשיידענע
טיילן פונם ווערק. אַן ענלעך בילד באַקומען מיר אויך ביים אויספאָרשן
דעם יידישן אַרטור־ראָמאַן־טעקסט. דער טעקסט פון די האַמבורגער מאַ־
נוסקריפּטן טראָגן נאָך אויף זיך גאַנץ בולט זיין אורשפּרינגלעכן כאַ־
ראַקטער פון אַ שפּילמאַן־דיכטונג, בעת אין דער געדרוקטער אויסגאַבע
זיינען שוין די אַלע טיפּישע סימנים אין גרויסער מאָס פאַרשוווּנדן, און

20 דאָרטן, 119—120.

21 זע אונזער װערק. באַנד II, 49.

עס מאַכן זיך באַמערקלעך גאַנץ גייע שטריכן, וועלכע ווייזן אונז ווי אַזוי די שפּילמאַן-דיכטונג ווערט מגולגל אין אַ פֿאָלקס־בוך, וואָס ווערט געלייענט, אָבער ניט דעקלאַמירט.

מ. עריק האָט גאַנץ ריכטיק אָנגעוויזן[22], אַז אויס די האַמבורגער מאַנוסקריפּטן איז ניט שווער צו באַמערקן, אַז דער אָריגינאַל איז געווען איינגעטיילט אין געזאַנגען. די דאָזיקע איינטיילונג איז געווען אייגנטלעך ניט אַזוי נאָכן אינהאַלט, נאָר אַלס נאַטירלעכע פּויזע פֿאַרן זינגער, ער זאָל קאָנען זיך אָפּרוען אַ ווײַלע. אין ביידע כּתב־ידן ווערט אונטערגע־צייכנט דער אָנהייב פון אַ נייעם „געזאַנג" מיט אַ נייער שורה, אין וועלכער דאָס ערשטע וואָרט איז געשריבן מיט גרויסע אותיות, און מיט דער ווענדונג צום פּובליקום: „וועלט איר נון שטיל גידאַגן, דאַ וויל אויך פֿר באַש זאַגן". אין דער געדרוקטער אויסגאַבע איז על־פּי רוב פון די דאָזיקע פּויזעס קיין זכר ניט געבליבן. צום ביישפּיל, דאָרט ווו עס ווערט באַשריבן דער שטול פון מירמלשטיין, וואָס שטייט פֿאַרן קיניג אַרטוסעס שלאָס, לייענען מיר אין מאַנוסקריפּט:

דא שטאַנד איין מֶירמל שטיין
אז מיר עז פאַרנומן האַן.

דאָ האָט דער שפּילמאַן, ווי עס שיינט, געמאַכט אַ הפסקה, און דערנאָך הייבט ער ווידער אָן:

וועלט איר נון שטיל גידאַגן
פון דיזם שטול וויל איך אייך פיל וונדר זאַגן.

אין דער געדרוקטער אויסגאַבע באַקומט די דאָזיקע שטעלע גאָר אַן אַנדער נוסח:

שטונד איין מערמיל שטייני שטול גאר וואל גיטאַן
ווי מיר אין דיזם בוך פר נומן האַן;
פון דעם שטול וויל איך אייך זאַגן איצונדר
גאַר פיל גרווישי וואונדר[23].

די מאַנוסקריפּטן פּאַררופן זיך בלויז איין-איינציק מאָל אויף דעם טעקסט פון אַ בוך:

ער ריט דורך מענכי לאַנט
אַז אונז טוט דאַז בוך ביקאַנט[24].

---

[22] ציט. ו., ז' 96.
[23] מיר ציטירן לויט וואַקסמאַן, ציט. ו., 184.
[24] ל. לאַנדוי, ציט. ח., 22.

דער געדרוקטער טעקסט פּאררופּט זיך אָבער אויפן בוך אויף יעדן טריט און שריט. מיר ברענגען דאָ אַ פּאָר ביישפּילן:

אין מאַנוסקריפּט לייענען מיר: „איך ווייש ניט וואַש דאַ וואַש אין דֶם שטובליין, דש וויל איך אייך ביטויטן הי״; אין געדרוקטן טעקסט: „נון אלש וואז אין דעם שטיבליין וואר גיוועזן, וויא מיר אין דיזם בוך האָבן געלעזן״ [25]. אין מאַנוסקריפּט ווערט דערציילט: „און דאַ ער וויר (פיר) וואכן דא וואז, פר וואר זאָג איך אייך דאז״; אין געדרוקטן טעקסט לייענט זיך די באַטרעפנדיקע שטעלע: „און דא ער נון פיר וואכן וואר דא גיוועזן, וויא מיר האבן פור שטאַנדן אין לעזן״ [26]. בעת ווידווילט דעריאַגט דעם לינדוואָרעם, פּאררופּט זיך דערביי דער געדרוקטער טעקסט: „נון טוט אונז דש בוך פר איין ווארהייט זאגן״ [27]; אין דעם מאַנוסקריפּט ווערט וועגן דעם בוך קיין וואָרט ניט דערמאָנט. בעת דער מלך אַרטוס באַפעלט גאַביינען, אַז ער זאָל זיין ווידווילטס דערציער: „אונד טוט ביי אים דש בעשט וואש איר קענט, אונ׳ לערנט אין אלש וואש איר ווישט ביהענט״, ווערט אינם מאַנוסקריפּט אויסגערעכנט: „שטעכן, שטורמן אָדר טורנירן, ועכטן (פעכטן), רייטן אָדר האפירן״ [28]; אין געהדוקטן טעקסט אָבער, וואָס איז שוין דערשינען אַלס פֿאָלקס־בוך צום לייענען, זאָגט אָן דער מלך אַרטוס גאַביינען:

פעכטן, שטורמן און שטרייטן,
טורנירן, שטעכן און רייטן,
איר זאָלט אויך ביי אים איין צוכט מיינסטר זיין
אונ׳ לערנט אין שרייבן אונ׳ לעזן פיין.

כאַראַקטעריסטיש איז אויך פֿאָלגנדיקע שטעלע. מיר האָבן שוין פֿריער אָנגעוויזן, אַז דער אַרטור־ראָמאַן איז געווען איינגעטיילט אין געזאַנגען, וואָס זיינען פּאַקטיש געווען בלויז פּויזעס־באַצייכענונגען, ווען דער שפּילמאַן הערט אויף צו רעציטירן, פּרישט אָפּ דעם האלז מיט אַ גלאָז ביר אָדער ווייַן און זעצט דאַן ווייטער פאָר זיין רעציטאַציע. דאָרט, וווּ דער שפּילמאַן גייט איבער פון איין ענין צום אַנדערן, באַנוצט ער זיך מיט דער טיפּישער פאָרמולע: „נון לאָזן מיר דען ריזן

25 וואַגענזייל, 174.

26 דאָרטן, 178.

27 דאָרטן, 244.

28 לאַנדוי, צײַט. וו, 30. ערשט שפּעטער ווערט אין מאַנוסקריפּט פלאחר יד דערמאָנט, אַז גאַביין האָט געלערנט ווידווילטן אויך „שרייבן אדר רייטן״.

שטיין, אונ׳ מיר וועלן זאָגן ווי עס ווידווילט טעט גיין״[29]. בכדי אויפ־צומונטערן דעם עולם, שטייגערן די אויפמערקזאַמקייט פון דער אודי־טאָריע, רופט דער שפּילמאַן פון צייט צו צייט: „וועלט איר מיר צו הערן״, „הערט צו איר ליבן לייט״, „פור וואר זאג איך אייך דז״. דאָרט אָבער ווו די שפּאַנונג איז אַזוי אויך גענוג גרויס, און דאָס פּובליקום הערט צו מיט פאַרכאַפּטן אָטעם, פאַרשטייט דער שפּילמאַן זייער גוט ווי אויסצונוצן די געשאַפענע שפּאַנונג. צוקומענדיק צום עפּיזאָד, ווי די מכשפה שפּאַלט אַ בוים און זעצט אַריין אין דער קלעם דעם ריטער ווידווילט, אַז יענער קאָן פון אָרט זיך ניט רירן, — בלייבט פּלוצלונג שטיין דער שפּילמאַן: ער וועט ווייטער ניט דערציילן, און דער ריטער ווידווילט וועט אַזוי לאַנג בלייבן שטעקן אין דעם בוים, ביז וואַנען מען וועט אים, דעם שפּילמאַן, ניט צוטראָגן אַ פולע גלאָז וויין:

נון מוש ווידווילט אזו לאַנג גיפאנגן זיין
ביש איר מיר גיבט צו טרינקן גוטן ווייןֿ
דו וויל איך אים העלפן וואל
שענקט איר מיר אנדערש איין גרוש גלאָז בול (פול)[30].

אין דער געדרוקטער אויסגאַבע פעלט די גאַנצע שטעלע. דאָס איז דאָך שוין אַ בוך בלויז צום לייענען, איז דעם שפּילמאַנס טריק געוואָרן איבעריק און אפילו ניט פאַרשטענדלעך. דערפאַר אָבער געפינען זיך אין דער דרוק־אויסגאַבע אַזוינע דעטאַלן, וואָס זיינען אין די מאַנוסקריפּטן ניט פאַראַן. אין דער הקדמה צו דער אַמסטערדאַמער אַרטור־אויסגאַבע פון 1683 שרייבט דער אַרויסגעבער יוסף וויצנהויזן: „הערט צו איר ליבע לייט — וו׳יל איז קומען די צייט — דש די לייט ניט גערן אין לשון הקדש לעזן — אונ׳ אים טויטשן ליבר גינעזן — האָב איך ניט קענן אונדר לאזן — אין זעלכם לוסטיג אונ׳ גאַטספורכטיג בוך צו דרוקן לאזן — דש זיך די לייט זאָלן דר אין ארגעצן — אונ׳ ניט די צייט פר ברינגן מיט דברים בטלים צו שוועצן — דא הוט די הקדמה אין ענט — דש גאָט באַלד משיח זענט — בלד אן אונזרן טגן — דרוף וועלן מיר אמן זגן״. האָט זיך טאַקע וויצנהויזן געפלייסט, אַז דאָס בוך זאָל זיין „גאָטספורכטיג״, און טאַקע דערביי וואָס מער „לוסטיג״, בכדי „די לייט זאָלן דר אין ארגעצן״. ווידווילט דערקלערט לויט דעם מאַנוסקריפּט:

איך הילף איך אוים אַיערע נאָט
און זאָלט איך האַלט דרום ליגן טאָט.

29 אין געדרוקטן טעקסט איז דער אויסדרוק „מיר וועלן זאָגן״ פאַרביטן מיט „מיר וועלן חייטר ש ר י י ב ן״.

30 לאַנדוי, ציט. וו., ז׳ 100.

ביי וויצנהויזן ווערט אָבער דער העלדישער ריטער „גאָטספּאָרכטי־קער", און ער דערקלערט מיט אַ פרומער מינע:

איך העלף אייך אויז אַל אייערי נוט
ווען מיר בייא שטיט דער אַלמעכטיגי גאָט [31].

אין מאַנוסקריפּט ווערט ווייטער באַשריבן דער קאַמף פון ווידוווילט מיט דעם ריז, דער מכשפהס זון:

ווידוווילט, דער דעגן ווערט
מיט אינעם שפרונג אַאז"ו.

אין דער וויצנהויזן־אויסגאַבע ווערט אָבער דערציילט:

ווידוווילט וויך אים אויס דעם שטרייך
און ריף אַן גאָט אים הימל רייך.

בכדי צו מאַכן דעם סיפור המעשה אינטערעסאַנטער און שפּאַנענ־דיקער, פאַרשטאַרקט וויצנהויזן דאָס פאַנטאַסטישע און איבערנאַטירלעכע. לויט דעם האַמבורגער מאַנוסקריפּט דערציילט די יונגפרוי אויף דעם שלאָס פאַלקענשטיין דעם מלך ארטוס וועגן דער מכשפהס זון: „שטאַרקר ריז איז ער גינאַנט"; אין דער וויצנהויזן־אויסגאַבע דערקלערט אָבער די יונגפרוי: „אין שטאַרקר ריז לוציפר איז ער גינאַנט". דער ריז ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ שד. אין דעם מאַנוסקריפּט ווערט דערציילט וועגן דער מכשפהס פיר הונדערט דינערינס: „זי וואָרן שוואַרץ אָן מאָס, זי וואָרן דעם טויפעלס גישטאַלט". אין דער וויצנהויזן־אויסגאַבע ווערן אויסגענוצט נאָך מער שוואַרצע פאַרבן: „דא ארום זאַסן פיר הונדרט פרויאַן און גיהייאַר, און וואָרן שייצליך און שוואַרץ אַלז די מורן; זא זאַכן (זאָען) אויש די טייבילשי הורן, איך זאָג אייך גיוויש אונ' פר וואָר, אונ' ליג אייך ניט אום איין האַר, זיא זאַכן אַרויש אָן צווייביל אַלז דער לעבנדיגי טייביל" [32]. ווערט אין מאַנוסקריפּט דערציילט, אַז די פרויען האָבן באַגעגנט דעם העלד „מיט אינם גראָסן שאַל", אין די וויצנהויזן־אויסגאַבע מוסיף: „גאָר מיט איינם גראָסן אָן גיהויערן שאַל". שטייט אין מאַנוסקריפּט: „די טויפלין פאַסט געגן אין ריט", דערציילט דאָ די וויצנהויזן־אויסגאַבע: „די גראַשי אַן גיהויערע טויפלין ליף נאָר הער" און אַזוי איז אויף יעדן טריט און שריט.

צום סוף נאָך איין קליינע דעטאַל, און זי באַווייזט אונז טאַקע, צו וואָסערע פאַלשע אויספירן מען קאָן קומען, בעת מען וויל אויפן סמך פון

[31] האַגענזייל, ציט. ח., 222.

[32] האַגענזייל, ציט. ח., 260.

פרעמדשטאַפיקע דיכטערישע באַארבעטונגען מאַכן השערות וועגן דער געררעדטער שפּראַך פון יענער צייט. אין דעם האַנטשריפטלעכן טעקסט פונם יידישן ארטור־ראָמאַן געפינען זיך בלויז געציילטע העבּרעיִשע ווערטער, אָבער אויך זיי האָט וויצנהויזן דערוויטערט פון דער דרוק־אויסגאַבע. אין האַמבורגער מאַנוסקריפּט ווערט אַ שטייגער דערציילט: „ער (דער מלך) שיקט נאָך דען בעסטן רופאנים אין דער זעלביגן שטונד, די רופאנים די קאמען צוואר". אין דער געדרוקטער אויסגאַבע לייענען מיר אָבער: „דא שיקט מַן איבראל נאָך גוטן ארצטן ארום הער זא וויט אלז אלי לאַנד זיא זאלטן אים אויז ציהן דש שפער". בלויז צום סוף פונם ראָמאַן גייט די איבלעכע פרומע סענטענץ: „דא מיט האָט דש בוך אין ענד, דש אונז גאָט משיח זענד, במהרה אמן".

דער נאָמען פון דעם יידישן שפּילמאַן, וואָס האָט פאַר דעם יידישן עולם באַארבעט דעם ארטור־ראָמאַן־טעקסט, איז אונז געבליבן אומבאַקאַנט; דערפאַר אָבער איז אונז באַקאַנט דער נאָמען פון אַן אַנדער דיכטער, וואָס האָט פאַר דער יידישער גאַס באַארבעט צוויי פּאָפּולערע ריטער־ראָמאַנען און דערמיט שטאַרק אויסגענומען: דאָס איז דער אונז שוין באַקאַנטער שפּראַך־פאָרשער אליה בחור, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין גערעדט באַריכות אין דעם פערטן באַנד פון אונזער „געשיכטע". אויך אַלס פילאָלאָג האָט אליה בחור געוויסע פאַרדינסטן אויפן געביט פון אַלט־יידיש־פאָרשונג; ניט בלויז מיט זיין אינטערעסאַנט יידיש־דייטש ווערטער־ביכל „שמות דברים" (איסני, 1542), נאָר אויך מיט זיין „תשבי" (1541), ווו פיל ווערטער, וואָס קומען פאָר אין תלמוד און מדרשים, ווערן אויסגעטייטשט אויך „בלשון אשכנז" — אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך פון די אשכנזישע יידן[83]. ער האָט אָבער אויך ספּעציעל יידישע ווערק[84] געשריבן אין דער ערשטער תקופה פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט, איידער ער האָט זיך באַקאַנט מיט זיין מעצענאַט דעם קאַרדינאַל עדזשידיאָ. אין דער דאָזיקער ערשטער תקופה האָט אליה בחור געלעבט אין שווערע מאַטעריעלע צושטאַנדן. אין אַן אויפגעהיטן כתב־יד פונם יאָר 1503 חתמעט ער זיך „צעיר החרזנים, שפל המדקדקים ומקרי דרדקים"[85]; ער האָט משמעות געקנעלט מיט קינדער, געשריבן

---

83 וועגן דעם באַטייט פון די דאָזיקע ווערק פאַר יידיש־פאָרשונג, זע מ. ווײַנרייך, „שטאַפּלען", 77—86.

84 „מיינע טויטשע בובר", ווי אליה בחור רופט זיי אין זיין פאָררעדע צו דער ערשטער „בבא"־אויסגאַבע.

85 זע ב. עריק, „געשיכטע פ. ד. ייד. ליט.", 179.

לידער און פארנומען זיך מיט שפּראַך־פאָרשונג. און בײַ די אַלע מלאָכות האָט עס, ווי עס שײַנט, מיט פּרנסה געהאַלטן שמאָל. וועגן דעם זאָגט עדות זײַן גאַליק־שמוציקער פּאַסקוויל „המבדיל״ [86], אין וועלכן ער רעכנט זיך אָפּ אויף אַ גאַנץ ציניש אופן מיט זײַנעם אַ קאָנקורענט אין ווענעדיג, אַ מלמד מיטן נאָמען הלל הכהן. אויס זײַנעם אַ צווייטן פּאַסקוויל, אַ פּורים־ליד (וועגן דער שריפה אין ווענעציע), וואָס הייבט זיך אָן מיט דער סטראָפע:

נון וויל איך אויך איין ווינציג זינגן
מיט מיינם בויזן קול
בון (פון) נוייא גשעהן דינגן
די אֵידרמן ווישן זול [87] —

לאָזט זיך משער זײַן, אַז אליה בחור פלעגט אויך אַלס שפּילמאַן זינגען לידער פאַרן פאַרזאַמלטן עולם. די דאָזיקע צוויי פּאַסקווילן האָבן אַ גע־ווין באַטײַט פאַר אליה בחורס ביאָגראַפיע; זיי ווײַזן, ווי אין דער ערשטער תקופה פון זײַן טעטיקייט האָט ער געלעבט אין שווערע מאַ־טעריעלע צושטאַנדן און געשטעקט אין דעם געמויזעכץ פון קליינלעכע רכילות און שמוציקע לשון־הרע. זײַער ליטעראַרישער ווערט איז אָבער אַ גאַנץ קנאַפּער. פון אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער זײַנען זײַנע צוויי באַ־אַרבעטונגען פון צוויי ריטער־ראָמאַנען: „בבא־בוך״ און „פּאַריז און וויענא״.

די פאַרפלאַנטערטע ליבע־געשיכטע וועגן דעם יונגן בבא און דער שיינער דרוזאַנה איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין דער מיטלעלטערלעכער אייראָפּע. די עלטסטע, ענגליש־נאָרמאַנישע, נוסחאות פון דעם ריטער־ראָמאַן Sir Bevis of Hamton, שטאַמען נאָך פונם 12טן י״ה, אויס דער צײַט פון די קרייץ־צוגן, ווען פאַר די שטאָק־פרומע קריסטלעכע ריטער האָט זיך אַנטפּלעקט די מוסולמענישע וועלט מיט איר פּיל־פאַרביקער קולטור און רײַכע אוצרות פון פאַנטאַסטישע לעגענדעס און וואונדערבאַרע מעשיות. דעם יידישן בבא־ראָמאַן האָט געדינט אַלס מקור די איטאַליע־נישע ווערסיע וועגן דעם ריטער „Buovo d'Antona״, און נעמלעך די שפּעטערדיקע טאָסקאַנער ווערסיע, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אַרום 1400, און באַלד נאָך דער דרוק־ערפינדונג האָבן זיך גלייך באַוויזן די

[86] פאַרעפנטלעכט דורך נ. שטיף לויט צוויי מאַנוסקריפּטן, „ציַיטשריפט״, I, 150—158; „שריפטן״, 148—179.

[87] מער באַריכות וועגן דעם דאָזיקן ליד זע: מ. עריק אין „צײַטשריפט״, I, 177—178.

ערשטע געדרוקטע אויסגאַבעס[88]. מיט איינער פון זיי האָט זיך טאַקע באַנוצט אליה בחור.

דער איטאַליעניש־טאָסקאַנער נוסח, וואָס איז געשאַפן אין דער רענעסאַנס־תקופה, טראָגט שוין אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער, ווי די עלטערע מיטלעלטערלעכע ווערסיעס. אין דער איטאַליענישער עפּישער דיכטונג פון דער רענעסאַנס־תקופה האָט די ריטערלעכע ראָמאַנטיק שוין אָנגע־וואָרן איר אַמאָליקן נאַיוון גלויבן, איר אָרטאָדאָקס־פּאַרפרומטן וועלט־באַנעם. ביי די דאָרט באַזונגענע ריטער פעלט דער אַמאָליקער רעליגיע־זער פּאַטאָס און אמת ראָמאַנטישע ליבע. דער שטאַרקער אינטערעס צו דער קלאַסישער קולטור פון די גריכן און רוימער האָט ניט ווייניק גורם געווען, וואָס אין די איטאַליענישע עפּישע דיכטונגען פון דער רענעסאַנס־תקופה איז אַזוי אויסטערליש אויסגעמישט דאָס קריסטלעכע מיטן היידנטום, דאָס פּאַטעטישע מיטן קאָמישן; דערצו קומט נאָך צו די סקעפּטישע איראָניע בנוגע גייסטלעכע, וואָס דערגייט ניט זעלטן צו אַטעיִסטישן סאַרקאַזם. ס'איז גענוג אָנצוווייזן אויף אַריאָסטאָס באַרימטן ריטער־עפּאָס „דער משוגענער ראָלאַנד" מיט זיין גראַציעזן הומאָר און סקעפּטישן שמייכל, וואָס איז אָן אָנזאָג וועגן דעם בייסנדיקן סאַרקאַזם, מיט וועלכן ס'איז מיט קאַרגע הונדערט יאָר שפּעטער אַרויסגעטראָטן קעגן דער פאַנטאַסטישער ראָמאַנטיק פון די ריטער־ראָמאַנען דער גאוניִשער שפּאַניער מיגועל סערוואַנטעס.

אָט דער איראָנישער שמייכל איז, פאַרשטייט זיך, געווען באַזונ־דערס צום האַרצן דעם יידישן דיכטער, וואָס אים איז בכלל פרעמד געווען דאָס יראת־הכבוד־געפיל צו דער ריטער־וועלט. ווי די טאָסקאַנער ווערסיע, אַזוי איז אויך אליה בחורס „בבא־בוך" געשריבן אין דער איינגאַרטיקער סטאַנסן־מעטריק (ottava rima) אָדער ווי ס'הייסט אין יידיש — „ריים אין אַכט־געזעץ", ווו די 8 פערזן פון יעדער סטראָפע זיינען איינגעפּאַסט אין דער סיסטעם פון דריי גראַמען לויט דער סכעמע: אב אב אבגג.

די צייט, ווען דאָס „בבא־בוך" איז געשריבן, ווייזט אליה בחור גאַנץ דייטלעך אָן אין די שלוס־סטראָפעס פון זיין ווערק:

דאָך וויל איך נעמן וואר
ווער דאש בוך הָט גימאַכט אונ' גישריבן:
אליהו בחור נענט ער זיך צוואר,
איין גאַנץ יאר הָט ער דאר איביר פור טריבן

88 אין משך פון 1480—1500 זיינען ערשינען זעקס אויסגאַבעס.

און' הט עש גימאכט דש זעלביג יאר
דש מן צֵילט צווייא הונדרט און' זעכציג זיבן (1507)
ער הָט עש אויש אין ניסן און' הוב עש אן אין איר
גאָט זאָל אונש געבן רוא פור אלן בויזן טיר.

ביז גאָר אין דער לעצטער צייט זיינען אָבער אויסער צוויי מאַנו־סקריפטן[39] באַקאַנט געווען פון געדרוקטע בבא־אויסגאַבעס נים קיין פריערע ווי בלויז ערשט אויס דער צווייטער העלפט 17טן י"ה: די פּראָגער פון 1660 און די אַמסטערדאַמער פון 1661. דאָך האָט שוין שטיינשניי־דער און נאָך אים בן־יעקב אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז די פּראָגער אויס־גאַבע איז געווים ניט די ערשטע, און בחורס „בבא־בוך" איז בלי־ספק געדרוקט געווען נאָך ביים מחברס לעבן. ערשט אין יאָר 1931 האָט דעם ד"ר מ. וויינרייך אָפּגעגליקט צו געפינען אין דער ציריכער „צענטראַל־ביבליאָטעק" אַן אויסגעצייכנט אויפגעהיטן עקזעמפּלאַר פון דעם דאָזיקן ערשט־דרוק, וואָס איז דערשינען אין איסני אין 1541[40].

אינטערעסאַנט ביז גאָר איז אליה בחורס דערקלערונג אין דער פאָר־רעדע, אויס וואָסערע טעמים ער האָט באַשלאָסן אויף דער עלטער צו פּאַרעפנטלעכן זיינע „טויטש־ביכער":

„איך אליה לוי דער שרייבער, דינער אַלער פרומען ווייבער, מיט אֵירן און' מיט צוכטן, און' איך לאש מיך אלזו בעדוכטן, און' שטיים אויך וואל צו גלאבן (גלויבן), דאס מיר איטליכע פרויען פאראיבל האָבן, ווארום איך ניט אויך פאר זי דרוק, מיינער טוייטש־ביכער איין שטוק, דאס זי זיך מוגען דרינן דערמייאן (גוט די צייט פארברענגען); און' שבתות און' ימים טובים דרינן לייאן. נון די ווארהייט זאגן וויל איך, עס דוכט מיך אויך זיין רעכט און' ביליך. די ווייל איך אין דער הייליגן גישריפט (אין לשון־קודש) אכט אָדער ניין ביכער הון (האָב) גישטיפט, און' מיט דער דרוק אין די וועלט הון מאכן קומן, זא הון איך מיר אויך פורגענומן, די ווייל איך האלט אין מיינער טאגן, און' הייט אָדער מאָרגן קער איך אויף די גאַנן, דא ווערן אל מיינע ביכר און' מיינע לידר, פאַר־געסן און' געלעגט דערנידר. דרום זאָל מיר קיינס דערפון רוקען, איך

---

89 איינער אין פּאַריזער נאַציאָנאַל־ביבליאָטעק, דער צווייטער אין פּריוואַטן באַזיץ אין בערלין.

40 זע „ייוואָ־בלעטער", II, 280—284. די דאַטע פון דער אויסגאַבע איז אָנגע־וויזן אויפן שער־בלאַט: „איז ווארדן געדרוקט צו אייזנה אין דער שטאט, און' אליה המחבר איז גלייך דש פרט", און אויך צום סוף פון ווערק: „גידרוקט צו אייזנה, דש יאר דש מן צֵילט דריי הונדרט און' איינש".

וויל זי אל נאכאנאנדר דרוקן, אונ' ווערן איך האלט נאך אזוי פיל, ווערט מיר אנדערש ניט צו קורץ דאס ציל, אונ' וויל אנהייבן בשעה טובה, אן דעם דאזיקן בוך דאס דא היישט בובא, אונ' דאס איז ווערליך אונ' גוט וואר, דאס עס איז נון פיר אונ' דרייסיג יאר, דאס איך עס אויז איינעם וועלש בוך הון (האב) געמאכט, אבער פיל הון איך דער צו געטראכט" [41].

אין דער ערשטער אויסגאבע הייסט נאך דאס ווערק „בָבָא דאנטונָא" [42] און ערשט אין די שפעטערדיקע אויסגאבעס איז עס מגולגל געווארן אין „באווע־בוך". אז דאס דאזיקע ווערק איז געשאפן געווארן ווי אלע אנדערע שפילמאן־דיכטונגען צום זינגען אדער רעציטירן מיט א ספעציעלן ניגון, דערויף זאגט עדות דער מחבר גופא אין דער אקארשט ציטירטער פאררעדע:

אבער דער ניגון דער דארויף ווערט גיין
דען קאן איך אייך ניט געבן צו פארשטיין,
דען איינר קאנט מוזיגה (מוזיק) אדער שולפה (סאלפעדזשיא),
זא וואלט איך אים וואל האבן געהאלפן,
אבער איך זינג עס מיט איינעם וועלשן געזאנק
קאן ער דרויף מאכן איין בעשירן — זא הָב ער דַנק.

אז די אקטאוועס פון „בבא־בוך" ווערן געזונגען, ווערט אויך אפטער אנגעוויזן אין דעם טעקסט גופא. אזוי צ"ב דערקלערט דער פאר־פאסער:

נון לאזן מיר בבא פארן מענכע מייל
און גאר איין פערן (וויטן) וועג א לאנגן.
און וויל אייך זינגען ווי עס די וייל
מיט דער ליבן דרוזאנע וואר געגאנגען.

ווי אלע שפילמאן־דיכטונגען, הייבט זיך אויך דער „בבא־בוך" אן מיט א פרומער גאטספארכטיקער מינע:

גאָט דען זאל מן אֵיביג לובן
אונ' זייני וואונדר זאל מן קונדן
ווען ער איז גיאכפרט אונ' דע־הובן
אין ורומי לייטן מונדן,
ער איז גיוועלטיג אונטן אונ' אובן
זיין לוב איז ניט צו גרונדן

41 אויסלייג — מאדערניזירט.

42 אויך צום שלוס פון ווערק ווערט אנגעוויזן: „חקלת בַסֶכֶת בָבָא דְאַנטוּנָא".

קיין מענש דער עז קאן פולענדן
ווען עש הוט נוך דרום נאך ענדן.
זיין הייליגר נאמן זאל מיך שטערקן
דש מיר ניט זאל מיסלינגן
צו פול ענדן דש דאזיג ווערקן
איין וועלש בוך צו טייטש צו ברענגן
אונ׳ דש איך זאל ור מיך מערקן
אונ׳ ניט פעלן אן קיינר־לייא דינגן
אונ׳ דש דיא לייט זאלן מיינר ניט לאכן
נון הערט אויף עש וויל זיך מאכן.

דערנאך הייבט זיך אן דער סיפור המעשה גופא:

מאן שפריכט ווי אין לאמפארטן
וואר געזעסן פאר לאנגן צייטן
איין הערציג פון הויכר ארטן
זיין גלייכן וואר ניט אין ווייטן
הערצאג גווידאן היש מאן דען צארטן
איין שטארקר דעגן אין אלן שטרייטן
מיט גרויסער ערין טרוג ער די קרונה
אין איינער שטאדט די היש אנטונה[43].

אויף דער עלטער האט דער הערצאג גווידאן חתונה געהאט מיט דער שיינער פרינצעסין בראנדאניע, און זי האט אים געבארן א זון בבא (באווע). די יונגע בראנדאניע האט פיינט געהאט איר אלטן מאן און געטראכט ווי פון אים פטור צו ווערן. זי האט בסוד אוועקגעשיקט א בריוו דעם הערצאג דאדאן אויס מאגענצע (מיינץ), מיט א פארברעכערישן פלאן, ווי אזוי ער זאל אנטאנע באצווינגען, און זי וועט אים שוין מיטהעלפן, אז איר מאן זאל אריינפאלן אין זיינע הענט. דער פלאן ווערט אויסגעפירט, גווידאן פאלט פון דאדאנס הענט, דער מערדער נעמט איין דאס לאנד און האט חתונה מיט בראנדאניען. בראנדאניע וויל אויך איר זון פארסמען; דורך א צופאל האט זיך אבער דעם יונגן בבאן איינגעגעבן אויסצומיידן דעם טויט און אנטלויפן. דא הייבט זיך אן די שפאנענדיקע געשיכטע פון בבאס וואנדער־לעבן. פארבייפארנדיקע סוחרים געפינען אים א שלאפנדיקן אויפן ברעג פון ים, ער געפעלט זיי מיט זיין שיינעם אויסזען, זיי נעמען אים מיט אויף זייער שיף און פארקויפן אים פאר א שטאלקנעכט דעם קיניג פון פלאנדערן ארמיניאן. מיט זיין וואונדערבאר־

43 אויסלייג — מאדערניזירט.

דער שיינקייט געווינט בבא דאָס האַרץ פון דער אכצניאָריקער פּרינצעסין דרוזאַנע. דער פּרינצעסינס שיינקייט קלינגט אָבער אין אַלע לענדער; קומט צו פאָרן אַ זון פון אַ מעכטיקן מלך, דער העלדישער ריטער מאַקאַבראַן, און בעט די האַנט פון דרוזאַנען. פון זיין כבוד וועגן אָרדנט איין דער קיניג אַרמיניאַן אַ ריטער־טורניר, און מאַקאַבראַן קומט אַלעמען ביי אינם טורניר. צוזעענדיק דעם קאַמף, דערוועקט זיך אין דעם יונגן שטאַלקנעכט בבא דער העלדישער ריטער און קעמפער. באוואָפנט בלויז מיט אַ קרומער שטאַנג, רייט ער געשווינד אַרויס אויפן טורניר, און ער איז מנצח דעם שטאָלצן מאַקאַבראַנען. דרוזאַנע איז אַנטציקט פון בבאס העלדישקייט, זי קושט אים און האַלדזט אים און דערקלערט זיך אים אין ליבע. בעת דאָס פאַרליבטע פאָר פירט אַ פריינדלעכן שמועס, ווערט אין שטאָט אַ מהומה. דער סולטאַן פון באַבילאָניע האָט אַרומגערינגלט די שטאָט מיט צען טויזנט העלדישע שטרייטער. ער וויל צווינגען דעם קיניג אַר־מיניאַן, ער זאָל די שיינע דרוזאַנע געבן פאַר אַ פרוי זיין זון לוציפער, וואָס איז מיאוס און שרעקלעך טאָקע ווי דער אמתער טייוול. אַרמיניאַן שטעלט זיך אַנטקעגן דעם סולטאַנס חייל; דער סולטאַן איז אָבער מנצח, און אַרמיניאַן צוזאַמען מיט מאַקאַבראַנען ווערן געפאַנגען. בבא, ווי נאָר ער דערוויסט זיך וועגן דער מפלה, דערקלערט דרוזאַנען, אַז ער איז גרייט צו קעמפן קעגן דעם סולטאַנס חייל. דרוזאַנע, וואָס דערוויסט זיך, אַז איר געליבטער איז ניט קיין פשוטער שטאַלקנעכט, נאָר אַ פּרינץ, ברענגט אים צו פירן אַ פאַרכישופטע פערד פומעלע און אַ פאַרכישופטע שווערד רונ־דעלע, וואָס זיינען געבליבן פון איר פאַרשטאָרבענעם ברודער. ווי אַ פייל איז בבא אויף זיין כישוף־פערד צום שלאַכט־פעלד:

בבא דער פריש דעגן אָן הין שנוירט,\
רונדעל ליגט ער דען צוים אויף די אורן (אָהרן)\
אונ׳ אונטר די היידן היניין ער פורט —\
זי מיינטן ער ווער גאַנץ אונזיניק גיוואָרן.\
רונדעל דש שנַרכט אונ׳ רוהעלט (רעכעלט, כראָפּעט) אונ׳ מורט\
אונ׳ ביישא אונ׳ שלוג אויף הינטן אונ׳ וארן (פאָרן).

. . . .

אונ׳ בבא מיט זיינר שרפי לאַנץ\
טעט ער מענכן מענשן בקוימרן\
קיין שילדא דער בליב פור אים ניט גאַנץ\
ער שטאַך זי אַל צו קלייני דרומרן (טרימערן)\
ער וואַר דער ערשט פאָרן אָן דעם טַנץ\
די אַנדרן פולגטן אים און צוידרן...

בבא טויט לוציפערן, צעשלאָגט דעם סולטאַנס חיל און באַפרייט דעם קיניג מיט מאַקאַבראַנען.

ערשט דאָ פאַרוויקלט זיך די אינטריגע פונם ראָמאַן, און איין פלאַנטער שפינט זיך נאָכן אַנדערן. דורך דער פאַלשקייט פון אַ ניט־פאַרגינער ווערט בבא אָפּגעשיקט צום סולטאַן פון באַבילאָניע מיט אַ פאַרחתמעטן בריוו, אין וועלכן ס'ווערט אָנגעוויזן, אַז דאָס איז דער מערדער פון זיין זון לוציפער. דער סולטאַן וויל תיכף לאָזן טויטן בבאן. דערזעט אָבער בבאן דעם סולטאַנס טאָכטער מאַרגאַרעטע, זי פאַרליבט זיך אין אים, ראַטעוועט אים פונם טויט און נאָך פיל נסיונות און העל־דישקייטן געלינגט בבאן צו אַנטלויפן. ער כאַפּט זיך אַרויף אויף אַ שיף, פאָרט איבער דעם ים און קומט גראָד אין דער רעזידענץ פון מאַקאַ־בראַנס לאַנד אין דעם טאָג, ווען עס האָט געזאָלט פאָרקומען די חתונה פון מאַקאַבראַנען מיט דרוזאַנען, וועלכע האָבן געמיינט, אַז בבא איז שוין פון לאַנג טויט. בבא אַנטדעקט זיך צו דרוזאַנען, זי גיט מאַקאַבראַנען אַ שלאָף־געטראַנק און אַנטלויפט אין דער חופּה־נאַכט מיט בבאן. מען שיקט אַרויס נאָכיאָגן דאָס פאַרליבטע פּאָר עפּעס אַ ווילד באַשעפעניש, האַלב מענטש, האַלב הונט, מיטן נאָמען פּלעקון. פּלעקון שליסט אָבער גוטברודערשאַפט מיט בבאן און ער ווערט זיין געטרייער דינער. די נסיונות ענדיקן זיך אָבער ניט דערמיט. דאָס פאַרליבטע פּאָר לעבט צו־זאַמען אַ יאָר צייט, דרוזאַנע האָט אַ צווילינג, זיי מוזן דערנאָך אַנט־לויפן פאַרן שונא, דורך אַ צופאַל ווערן זיי צעשיידט און דער פלאַנטער ציט זיך ווייטער. בבאן געלינגט איינצונעמען אַנטאָנע, ער איז זיך נוקם אין זיין פאָטערס מערדער און פאַרשפּאַרט זיין פאַרברעכערישע מוטער אין אַ קלויסטער. דרוזאַנע, וואָס מיינט, אַז בבא איז אומגעקומען, דער־לאַנגט זיך מיט אירע קינדער צום פאָטער. בבא פון זיין זייט מיינט אויך, אַז דרוזאַנע איז טויט; באַקומט ער אַמאָל אַ בריוו פון דעם סולטאַנס טאָכטער מאַרגאַרעטע: זי בעט, ער זאָל איר קומען צו הילף, ווייל אַ שונא איז איר לאַנד באַפאַלן. קומט בבא מיט זיין שטאַרקן חיל, פאַרטרייבט דעם שונא. מאַרגאַרעטע דערקלערט זיך ווידער אַמאָל אין ליבע און בבא וויליקט איין חתונה צו האָבן מיט איר. דערוויסט זיך וועגן דעם דרוזאַנע, קומט זי צו פאָרן מיט אירע ביידע קינדער אין דעם טאָג, ווען עס האָט געזאָלט געשפּילט ווערן מאַרגאַרעטעס חתונה מיט בבאן. דרוזאַנע פאַר־שטעלט זיך פאַר אַ בעטלערין, זינגט אַ ליד וועגן בבאן און דרוזאַנען, בבא דערקענט דרוזאַנען, די פרייד איז אין לשער. מאַרגאַרעטע האָט חתונה פאַר בבאס פריינד טריץ, און בבא פאָרט אָפּ מיט ווייב און קינ־דער אהיים, קיין אַנטאָנע.

ער וואר איין קיניג גראס אוים דער מאס
ער וואר איין קיניג גיוואלטיג איבר דריי קיניגרייכן
זיין צוויין זין ווארן נון בייד גראָס
אונ׳ ווארן צוויין דעגין טוגענטליכן
אונ׳ איטליכם גאב ער אין זיינם לאַנד איין שטאם
אין דער וועלט וואר ניט איר גלייכן.
זי העטן פיל לאַנד אונטר אירן הענדן
דאמיט האט דאָס בוך איין ענדן.
(לויט אמסטערדאמער אויסגאַבע)

ווי דער אַנאָנימער באַארבעטער פון דעם יידישן ארטור־ראָמאַן, אַזוי האָט אויך אליה בחור שטאַרק געקירצט דעם פרעמדן שטאָף, וואָס האָט אים געדינט אַלס מוסטער. בעת דער טאָסקאַנאָ־נוסח פונם בבא־ראָמאַן ציילט בערך 1400 אָקטאַוועס, אנטהאַלט דער יידישער בבא־ראָמאַן בלויז אַן ערך 650 אָקטאַוועס. דערפאַר אָבער איז אין פיל אַנ־דערע פרטים אליה בחור געגאַנגען אויף אַ גאַנץ אַנדער דרך, ווי דער אומבאַקאַנטער שפילמאַן־דיכטער פונם יידישן ארטור־ראָמאַן. יענער איז טויט ערנסט, עס באַווייזט זיך ניט קיין שמייכל אויף זיינע ליפּן, זיין שפּראַך איז אַ פּאַטעטיש געהויבענע, ער ערלויבט זיך ניט צו געברויכן קיין איין פשוטן פאָלקסטימלעכן אויסדרוק, און דער ייד באַמערקט זיך אין דעם שפּילמאַן בלויז אויף אַזוי ווייט, אויף וויפיל ער דערווייטערט אָדער ענדערט אַלע שאַרף קריסטלעך־געפאַרבטע אויסדרוקן. אין אַ גאַנץ אַנדער נוסח איז געשריבן דאָס „בבא־בוך״. ביי אליה בחור פילט זיך אויף יעדן טריט און שריט, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ יידישן פאַר־פאַסער. שוין אין דעם ערשטן געזאַנג, ווו עס ווערט דערציילט, אַז דער הערצאָג גווידאָן נעמט אויף דער עלטער די יונגע בראַנדאָניע, ווערט איינגעפלאָכטן דער ביבלישער מאָטיוו פון דוד המלך מיט אבישג השונמית. אויך גווידאָן „דא ער קאם אין זיין עלטר, וועז מן אין בידעקט זא וואר אים קעלטער״, און זיינע מקורבים („זיינע ווייזע רעקין״) גיבן אים אַן עצה: „שיקט צו זוכין אין אַלין עקין, אירגנט נאך איינער יונגע וואַרמי הערין, די אייך זאָל ווערמען און אייך זאָל פּפלעגן״. און ווען די פאַלשע בראַנדאָניע ברענגט אום איר אַלטן מאַן, פאַרענדיקט זיך דער ערשטער געזאַנג מיט אַ גאַנץ יידישלעכן מוסר־השכל:

דרום ליבן הערן איר זאלט שויען
וואש אונגליק קומט פון דען בייזן ווייבן
ווי זי מאַכט (מעכט) אירן מאַן צו שטיקן הויען
דאס זי אירע ביבעריי וואָלט טרייבן.

אַלע אומגליק קומט פון דעם בייזן פרויען
זעכט (זעט) וואס שלמה המלך טוט שרייבן
ווי ער זוכט איין פרוי איין ריינע
און' זיין טאג פאנד ער קיינע ".

דרוזאנעס פאָטער, בעת מען ווייזט אים אָן, אז דער „חיתּון" מיט דעם שטאָלקנעכט בבא פּאַסט כּלל ניט פאַר קיין בת־מלך — ענטפערט ער ווי א ייד א לַמדן מיט א מאמר פון אונזערע חכמים, וואָס האָבן דאָך געזאָגט, אַז „מען זאָל גוט א קערן אָנזען, וואָס העלפט דער יחוס פון פאָטער און מוטער, ווער ער זעלבערט איז א מענטש א ניט גוטער". אויך זיין מאַכטער, דרוזאנע, רעדט צייטנווייז ווי א גאַנצע מלומדת. זי ווייס דעם אויסדרוק „ימח שמך וזכרך"; דעם פאַרשטעלטן בבא דערקלערט זי:

דאָס בייז געשטאַלט גלייכן זאָל
דען איידעלן הערן דעם זיינען?
איי וואָל, המבדיל בין קודש לחול,
צווישן זיינעם ליבן פּנים און דעם דיינען.

און איר קרובה, די גרעפין, ווי נאָר זי דערזעט דרוזאנען דורכן פענסטער, רופט זי אויס: „עס איז, ביי דען בורא עולם, מיין קרובה דרוזאנע, איך וויל איר גיין געבן שלום". דרוזאנע קלאָגט זיך פאַר איר פאָטער, אז אין איר נע־ונד לעבן האָט זי ניט געהאַט די מעגלעכקייט אירע קינדער צו יידישן, און איר פאָטער טרייסט זי: „דו דאַרפסט ניט זאָרגן, איין היפּשי ברית מילה וויל איך מאַכן מאָרגן!" מאָרגנאָרעטעס חתונה ווערט באַשטימט „במזל טוב איצונד גלייך צו ראש־חודש ניסן", און צו דער דאָזיקער חתונה זיינען געקומען „פיל ליצנים" און „ביי פופציג פּרעמדע מגינים". אָט די דאָזיקע יידישיזמען זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון דעם לעבעדיקן פאָלקסטימלעכן סטיל, אין וועלכן ס'איז געשריבן דער יידישער בבא־ראָמאַן. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז אין דעם טאָסקאַנער נוסח פונם בבא־בוך, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער רענעסאַנס־תּקופה, פילט זיך שוין די סקעפּטישע איראָניע צו דער ריטער־וועלט און צו די גייסטלעכע[45]. דער לייכטער שפּאָטישער טאָן צו די העלדן און באַשריבענע געשעענישן טרעט נאָך מער בולט אַרויס אין דער יידישער באַאַרבעטונג. דער איראָנישער רענעסאַנס־שמייכל ווערט

---

44 אויסלייג — מאָדערניזירט.

45 זייער כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט די קאָמישע סצענע, ווי פלעקון באַפאַלט דעם קלויסטער, וווּ עס ווערט באַזונדער אונטערגעשטראָכן די בטלנות און פרזדנות פון די זולל־וסובאניקעס די מאָנאַכן.

אָבער ביי אליה בחור פאַרביטן דורך אַ גראָטעסקע גרימאַסע פון דעם פשוטן פאָלקס־מענטש. עס פילט זיך אינם יידישן „בבא־בוך" ניט דער רענעסאַנס־טרעגער, נאָר איינער פון די וויציקע ליצנים אויס דעם יידישן געטאָ, וואָס מאַכט אויף אַ ריין פאָלקסטימלעכן, אָפט גאַנץ גראָבלעכן, שטייגער חוזק פון דער פרעמדער ריטער־וועלט מיט איר התנהגות.

אויף נאָך איין פּרט מוז באַזונדערס אָנגעוויזן ווערן. אליה בחור האָט דער ערשטער איינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור די ottava rima; און עס איז ממש צו באַוווּנדערן, מיט וואָס פאַר אַ מייסטערשאַפט דער פאַרפאַסער פון „בבא־בוך" האָט באַהערשט די דאָזיקע קאָמפּליצירטע סטראָפעס־פאָרם. די ריימען זיינען רייכע, פּולקלאַנגיקע און אָפט איבערראַשן זיי ממש מיט זייערע אומדערוואַרטע אַסאָנאַנצן. ס'איז כדאי צו ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן:

וואש גרושי ורייד (פרייד) טריב נון זיין פאטער
דאז מעכט איר נון וואל גלאבן
נון הט ער איין בורג גרובן*, דען באט ער
דש ער אים זולט היטן דען קנאבן.

אָדער:

אורלב נאם דער ריצרד אונ' פון איר שיד ער
אונ' נאם דען בריף אונ' צוך (צאג) זיין שטרושן**
דוך גידוכט ער זיין הערין אלזו בידר
אונ' ער טריב מיט אים זעלבסט איין יאמר גרושן.

די דאָזיקע פאָרם־מייסטערשאַפט באַווייזט ערשט אליה בחור אין איר אמתן גלאַנץ אין זיין צווייטן ראָמאַן „פּאַריז און וויענע".

Habent sua fata libelli — ביכער האָבן זיך זייער באַזונדער מזל, זאָגט אַן אַלט לאַטייניש ווערטל. און דאָס זעען מיר טאַקע אָמבולטסטן ביי אליה בחורס נאָך־וואָס דערמאָנט ווערק. איין און דער זעלבער פאַרפאַסער האָט צוויי ראָמאַנען געשריבן, ביידע זיינען זיי ריטער־ראָמאַנען, ביידע אין דער אָקטאַווע־סטראָפע פאַרפאַסט, לויט די איטאַליענישע מוסטערס. „פּאַריז און וויענע" איז אָן אָן ערך העכער און רייפער פונם בבא־בוך. דער בבא־ראָמאַן איז מיט זיינע וווּלגאַרע, שטיפערישע גראָטעסקן אַ פאָלקסטימלעך פאַרווייַלונגס־בוך די צייט צו פאַרטרייבן, בעת דער „פּאַריז און וויענע"־ראָמאַן, מיט זיין שאַרף אויס־

* בורגגראַפן.

** ער האָט זיך געלאָזט זיין וועג.

געפרעגטער אינדיווידואַליטעט, מיט זיינע פיינע און צאַרטע סענטענצן און וועלט-באַטראַכטונגען — איז אַ קונסט־ווערק. און ווי פאַרשיידן איז זייער מזל: דער „בבא־בוך״ איז געוואָרן איינס פון די פּאָפּולערסטע ווערק ביים יידישן לייענער־פּובליקום, מען האָט עס איבערגעדרוקט אין משך פון הונדערטער יאָרן, און ווען דער געשמאַק פונם יידישן לייענער־פּובליקום האָט זיך שטאַרק געענדערט, און געענדערט צום שלעכטן, אויף אַזוי ווייט, אַז דער אין דער רענעסאַנס־איטאַליע געשאַפענער ריטער־ראָמאַן האָט זיך שוין געפונען אין צו שאַרפן קאָנטראַסט מיטן פּויליש־יידישן געטאָ פונם 18טן י״ה — איז דער אין סטאַנסן־פאַרפאַסטער „בבא־בוך״ מגולגל געוואָרן אין אַ פּראָזאַיש פאַנטאַסטישער „בבא־מעשה״, און אין דער דאָזיקער געענדערטער פאָרם אויסגעהאַלטן אַ גרויסע צאָל אויסגאַבעס[46], און געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, אַז דער אויס־דרוק „באָבע-מעשה״ איז געוואָרן אַ שם־דבר, אַ סימבאָל פון אומגלויב־לעכע, פאַנטאַסטישע געשיכטעס. אַ גאַנץ אַנדער מזל האָט געהאַט אליה בחורס צווייטער ראָמאַן „פּאַריז און וויענע״. אויסגעמעקט איז ער גע־וואָרן אויס דעם פאָלקס זיכרון, ער איז אינגאַנצן פאַרגעסן געוואָרן. בלויז זיך שטיצנדיק אויף אַ מעלדונג פון אַן איטאַליענישן גלח, דזשוזעפּא וועגטאַרי, האָבן איניקע ביבליאָגראַפן, ווי בן־יעקב און שטיינשניידער, געגעבן אַ טרוקענע אָנווייזונג, אַז אין 1594 איז אין ווערָאָנע אָפּגעדרוקט געוואָרן מיט שיינע ציורים אַ ראָמאַן איבערזעצט אויס לאַטיין (?) „פּאַריז און וויענע״, און דער איבערזעצער איז וואָרשיינלעך געווען אליה בחור. ערשט גאָר אין די לעצטע יאָרן, אַדאַנק די פאָרשער י. שאַצקי[47] און באַזונדערס מ. ווינרייך[48], איז דער דאָזיקער פאַרגעסענער ראָמאַן תחית־המתים אויפגעשטאַנען. עס האָט זיך אָפּגעפונען איין־איינציקער עקזעמפּלאַר פון דעם דאָזיקן ווערק[49] (לײדער אַ דעפעקטער, עס פעלן די

46 אַלס קוריאָז איז כדאי אָנצומערקן, אַז די צאַרישע „יידישע עקספּעדיציע״ (1744—1800), וואָס פלעגט צענזורירן די פון אויסלאַנד איבּפּאָרטירטע יידישע ספרים, האָט פאַרבאָטן אַריינצולאָזן אין רוסלאַנד די לעמבערגער „בבא־מעשה״, אויסגאַבע פון 1798, ווייל דאָרט ווערט אין זייער מיאוסע און אויסגעלאַסענע אויסדרוקן גערעדט וועגן כשפות, און עס ווערט דערציילט, ווי אַ קיניג ווערט געהרגעט, און זיין פרוי, די קיניגין, פאַרליבט זיך אין דעם מערדער פון איר מאַן (זע י. העסען, „יעווריי וו ראָססיי״ 428). וועגן דעם טעקסט פון דער „בבא־מעשה״ זע ביילאַגע נומ׳ 2.

47 „לאַנדוי־בוך״, 187—196.

48 „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור״, 172—191.

49 געפינט זיך איצט אין דער טריניטי־קאָלעדזש־ביבליאָטעק אין קעמברידזש. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַ פאָטאָגראַפישער קאָפּיע, וואָס האָט זיך געפונען ביים באַקאַנטן יידיש־פאָרשער נ. שטיף.

ערשטע 24 בלעטער, בערך אַ דריטל פונם גאַנצן ווערק), און ס'איז ווייניקס גרויסער פאַרדינסט, וואָס ער האָט דער ערשטער באַקענט מיט דעם דאָזיקן פּראַכטפולן דענקמאָל אויס דער וועלטלעכער אַלט־יידישער ליטעראַטור.

דער „פּאַריז און וויענע"־ראָמאַן, וואָס שטאַמט פונם פּראָוואַנסאַלישן קרייז, איז געווען זייער פּאָפּולער אין דער מיטלעלטערלעכער אייראָפּע. ער איז באַאַרבעט געוואָרן אויף פאַרשיידענע שפּראַכן[50]; באַזונדערס באַליבט איז ער געווען אין איטאַליע; בלויז אין אליה בחורס צייטן איז דער ראָמאַן דערשינען אין ניין אויסגאַבעס, און וואַרשיינלעך איינער פון זיי האָט געדינט אליה לעווי[טן] אלס מקור פאַר זיין יידישן נוסח. די פאַבולע איז גענומען אויס דער ריטער־וועלט, און איז געבויט אויף דעם זעלבן יחוס־מאָטיוו ווי די באַקאַנטע נאָוועלע „בריעה וזמרה". עס ווערט געשילדערט די ליבע פון אַ ריטער פּאַריז, דעם גראַף יאַאַקימוס אַ זון, צו דער טאָכטער פון זיין קיניג, די שיינע וויענע. דער שטאָלצער קיניג דולפין וויליקט אָבער ניט איין אויף דעם שידוך: דער חתן איז דאָך זיין וואַסאַל (אונטערטאַן), און ער וויל נעמען פאַר אַן איידעם זיין גלייכן — אַ קיניג אָדער אַ בן־מלך. דאָס פאַרליבטע פּאָר פּרוּווט אַנטלויפן בסוד, מען יאָגט זיי אָבער נאָך. פּאַריז מוז, בכדי צו ראַטעווען זיין לעבן, פאַרלאָזן זיין געליבטע, און דער אָרעמער ריטער וואַנדערט איבער דער גאַנצער וועלט. ער קומט צום סוף אָן אין ווייטן מזרח צום סולטאַן, און ווערט ביי זיין הויף שטאַרק אָנגענומען אַלס געניטער דאָקטאָר. דער פּרינצעסין וויענע לאָזט איר פאָטער ריידן שידוכים, עס ווערט אָבער גאָרניט דערפון: די שיינע וויענע בלייבט טריי איר געליבטן, יאָגט אָפּ פון זיך אַלע חתנים; דער דערצאָרנטער קיניג הייסט זי איינשליסן אין אַ תפיסה־קאַמער, זי בלייבט אָבער ביי אירן. דערווייל פאַרוויקלט זיך דער קיניג דולפין מיט נאָך אַנדערע קריסטלעכע מלכים אין אַ מלחמה מיטן סולטאַן, און דולפין ווערט גענומען געפאַנגען אין דעם סולטאַנס לאַנד אַלס שפּיאָן. ער ווערט אין תפיסה געשליידערט, און אים שטייט פאַר דער זיכערער טויט, און נאָך עינויים קשים פאַרוים. פּאַריז דערוויסט זיך דערפון, אים געלינגט דורך זיין חכמה דעם קיניג צו באַפרייען און אַנטלויפט מיט אים אויף אַ געדונגענער שיף צוריק אין זייער לאַנד. דולפין ווייס אָבער ניט ווער זיין רעטער איז; ער דערקענט ניט פּאַריזן אין זיין אָריענטאַלישער הלבשה, און ער גיט זיך אַרויס פאַר אַ מוסולמענער, וואָס פאַרשטייט ניט די „וועלשע" שפּראַך. ווען דולפין קומט בשלום

50 די ליטעראַטור, זע ביי שאַצקין, צים. וו., 193—194.

אהיים, ווײל ער אוים דאנקבארקייט נעמען זיין רעטער פאר אן איידעם. וויענע ווײל אָבער אויך פון דעם נייעם חתן ניט הערן. דער קיניג איז אויסער זיך פאר צאָרן. פּאריז לייגט דאן פאָר מען זאָל אים געבן די מעגלעכקייט פערזענלעך איבערצורײדן מיט דער איינגעשפּארטער כלה. פאר וויענען לאָזט זיך פּאריז גלייך דערקענען, די שמחה איז אין לשער. איצט, ווען דולפין בעט זיין טאָכטער, אז זי זאָל רחמנות האָבן אויף זיינע אלטע יאָרן און זאָל איינגיין אויפן שידוך, וויליקט זי גלייך איין און דערקלערט מיט א שאקלהאפּטיקן שמייכל: „אייך צוליב וועל איך דיזן מאן נעמען״. ערשט דעמאָלט אנטדעקט זיך פּאריז פארן קיניג דולפין, אלע זיינען זייער צופרידן און מען פּראוועט א פּרייעלעכע חתונה.

דער ראָמאן איז געשריבן זייער רעאַליסטיש, אלץ גייט דאָרט צו על־פּי דרך הטבע; ניטאָ דאָרט קיין מכשפים, קיין גוואַלטיקע ריזן, עס ווערן דאָרט ניט באוויזן קיין גרויסע גבורות; דער הויפּט־מאָטיוו איז אויסשליסלעך די טרייע ליבע, וואָס איז שטארקער ווי דער טויט און קומט אלץ ביי. עס איז אויסער ספק, אז „פּאריז און וויענע״ האָט אליה בחור געשריבן שפּעטער פון „בבא־בוך״. דערויף זאָגט עדות די הויכע טעכנישע מדרגה, וואָס אנטפּלעקט זיך ערשט אין דעם דאָזיקן ווערק. אין דעם „בבא־בוך״ איז די איראָניע נאָך גאנץ גראָב און ניט געשליפן; עס פילט זיך נאָך מער דער „אשכנזי״, דער שווער־וואָגיקער גייסט פון לעוויטעס געבוירן־היים. ערשט אין „פּאריז און וויענע״ באווייזט זיך אין זיין גאנצער שיינקייט דער פיקאנטער איראָנישער שמייכל פון דער רענעסאנס־תקופה, וועגן וועלכן מיר האָבן שוין גערעדט אין די פריערדיקע בענד פון אונזער ווערק [51].

51 „פּאריז און וויענע״ האָט אליה בחור וואָרשיינלעך פארפאסט אין די יאָרן 1513—1509 אין ווענעדיג. עס בלייבט דערוויל ניט אויפגעקלערט, צי האָט לעוויטע געדרוקט דאָס דאָזיקע ווערק נאָך ביי זיין לעבן, און די וועראָנער אויסגאַבע איז בלויז א איבערדרוק. אויף די לעצטע צוויי זייטלעך פון דער וועראָנער אויסגאַבע ווערט בלויז דייטלעך אָנגעוויזן, און דאָס אויף ביידע שפּראַכן — איטאַליעניש און יידיש־דייטש, אז די דאָזיקע אויסגאַבע איז געדרוקט אין 1594 אין וועראָנע אין דער דרוק פון „מֶישיר פראַנצעסק דעלי דָאני״ ("Per Francesco dalle Donne"). אויסער דעם נעגראַמטן שלום־וואָרט, וואָס ווערט געבראַכט פון איטאַליענישן גלח ווענטורי און פון דאָרט איבערגעדרוקט דורך י. שאַצקי אין זיין אויבן ציטירטן אַרטיקל, געפינט זיך אויף דער פאָרלעצטער זייט (ע״ב, עמ׳ א׳) נאָך אַן אַנדער נאָכוואָרט אין פאָלגנדיקע גראַמען: „גידרוקט אין הויז פון מֶישָיר פבנצעשק דעלי דאני דורך הַנט — אויערן דינר אלע גוט ובֿיינד (פריינד), אונ׳ מאן אונ׳ וויב, גלאבט מיר׳ז און דאז איך עז שרייב, דען איך האב עז דרום גיטון, דאז איר זאלט ניט מויסינ גון (געען), אונ׳ האב עז לאשן דרויקן אין דיזר מוש — ניט צו קליין אונ׳ אך ניט צו גרוש; וויא

אליה לעוויטע גופא ווייזט אָן, אַז ער האָט דעם „וועלשן", ד"ה דעם איטאַליענישן טעקסט שטאַרק געקירצט:

דאָס דאָזיג בוך אין וועלשן שפּראַך
דאָס שרייבט גאַר לאַנג אין אַלע עקן,
איך וויל אים ניט מײַן שרײַבן נאָך
פיל איבעריגע וואָרט לאָז איך נון שטעקן.
זווישט (זאַנסט) ווערד מיר מיין ביכליין צו האָך
און' די צייט ווירד מיר דאַצו ניט קלעקן.
דרום ווער עס האָט גילייטֶ (געלייענט) פאַראַן אין וועלשן
מיין ניט דאָס איך עס דאַרום וויל פעלשן (מ"ר, עמ' ב').

ער האָט אָבער דעם טעקסט ניט בלויז געקירצט, נאָר איבערגע־דיכט אין אַ גאַנץ אַנדערן — ייִדישן נוסח. אין „פּאַריז און וויענע" כאַפּט דער דיכטער ניט איבער די מאָס, ווי אין „באַבא־בוך", ווו די פּרינ־צעסין דרוזאַנע ווייזט אַ שטייגער אָן דעם קיניג, אַז אירע קינדער זײַנען „ניט באַשניטן", און דער קיניג באַרויקט גלייך, אַז זי דאַרף ניט זאָרגן: „איין היפּשי ברית מילה וויל איך מאַכן מאָרגן". אין דעם צווייטן ראָמאַן ווערט בײַ לעוויטען קלאָר אָנגעוויזן, אַז די העלדן זײַנען קריסטן; עס פיגורירן דאָרט מאָנאַכן, גלחים און אויך אַ בישאָף. נאָר דער דיכטער וואַרפט אָפּ מיט אַ כּיוון דעם פּאַטעטיש־געהויבענעם טאָן פון די ריטער־פּאָעמעס; מיט אַן איראָנישן שמייכל אויף די ליפּן וועבט ער אַרום די קריסטלעכע סביבה מיט אַ ייִדישער אַטמאָספער, מיט דעם וועלטבאַנעם פון דעם ייִדישן געטאָ. אין „פּאַריז און וויענע" באַגעגנט מען ניט נאָר אויף יעדן טריט און שריט אַזוינע אויסדרוקן, ווי מיתה־משונה, גן־עדן, מחילה, רחמנות, חניפות־טרייבן, למען־השם, שמועה, און עס ווערן דאָרט

וואל עז יוערט עטליכי שווער צו גֵין, אבר זי ווערן עז וואל ביענד (באַלד) פוירשטֵין, ווען זיא ווערן דריין קומן, איר האט מיך נון וואל פוירנומן, וואז הירוף איך בין גין קומן, דומיט חיל איך עז בשליסן; דיא עז וואָרן קויפין נים לאשן פוירדרישן, דען איר ווערט גוויש מיט דער וואַרהייט זאגן, איר האט זוילכיש נים גיזעהן אל אייער טאגן, דורך הַנט אויערן דינר אז אָיך האב אן גיהובן צו זאגן, דומים ווֶלן מיר גאט בעטן, ער זאל מאכן הער טרעטן, דען גיזאלבטן מאן דער משיח בן דוד הֵיבט מיט זיין נאָמן אן, אונ' זאל אונז פירן אין דעז הייליג לאנד, דא ווערן מיר דען רוא האבן, דא הירוף וואלן מיר אל אמן זאגן. אמן סלה סליק". דעם נאָמען פון דעם צווייטן מאָל דערמאָנטן „דורך הַנט אייערן דינר" ווערן מיר געוואויר אויס דער שלום־באַצירונג, וואָס פאַרענדיקט דאָס גאַנצע ווערק. אין דעמדאָזיקן טיפּיש־איטאַליענישן האָלצשניט זײַנען אײַנגעקריצט פאָלגנדיקע ווערטער: „דורך הנט און אין נאמן אויערן דינר אברהם בן לא"א החבר יש"כ (ישמרהו כבודו) מתתיהו מגזע בַת שבע י"ץ". דערדאָזיקער אברהם בת־שבע האָט עס משמעות באַזאָרגט די ווראָנער אויסגאַבע פון „פּאַריז און וויענע".

נעגראַמט סימנים מיט פּנים, הוויות מיט חיות, תּקופה מיט תּרופה, קמיעה מיט דעה, סדר מיט חדר, סכּנה מיט כּוונה אאז״וו. עס ווערט דאָרט אויך אָנגעוויזן, אַז „זווישט האבן גיזאגט אונזרי וויזן, וויא נויט דז בריכט אָפּט די שטיין אונ׳ אייזן״. וועגן אודואַרדוס פריינדשאפט צו פּאריזן ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז „די ליבשאַפט הינג ניט אַן דער זאַך, אַז די פון אמנון מיט דער שוועסטר״, נייערט „דז וואר די הולד פון דוד מיט זיין שוואָגר״ (נ״ג, עמ׳ א). וועגן דעם שווערן שלאָף פון די באַטרונקענע מאַמעליוקן ווערט דערציילט:

די וואָרן לאַם, די וואָרן טויב,
די וואָרן ני איין הערליין רירן,
איך לאז זי שלאפן דאָרט אויף יענער ערדן
ביז דאס זי צו גאַטס וויל גאַנץ בר־מצוה ווערדן (ס״ג, עמ׳ ב).

דעם הערצאָגס זון פון בורגונלאַנד, וואָס שדכנט זיך צו וויענען און וועגן וועלכן עס ווערט דערציילט, אַז „דער חתן נישטערט ווי אַ קאַץ נאָך אַ מויז״ — בעת ער איבערצייגט זיך, אַז פונם „חיתון״ וועט גאָרניט ווערן, קומט ער צו אַ גאַנץ יידישלעכן מוסר־השכל:

וואָס אנגיבירט צו נעמן מאַנן אונ׳ ווייבר
דאס קומט פון הימל, דאָרט איז דער שרייבר (מ״ה, עמ׳ א׳).

דער קיניג דולפין דערציילט „פון דער אלף ביז אַן די תּוף״, און ווי נאָר עס ווערט געשלאָסן דער שידוך צווישן פּאריז און וויענען, שיקט דער קיניג גליך „האָלן איין גאָלדן רינג, אונ׳ ליש באלד „מזל־טוב״ דריין קריצן״; פּאריז טוט וויענען „גלייך אנטשפּויזן״, און ווען די שטאָט ווערט געוואָר, אַז וויענעס חתן איז דער אהיים־געקומענער פּאריז, ווערט דערביי דערציילט, אַז

דאס שלום־עליכם און דאס מזל־טוב
דאס וואָלט ניט האבן אן אויסגאַנג (ע׳ עמ׳ ב).

וויענע טוט מתפּלל זיין אויף אַ גאַנץ יידישלעכן אופן:

אך הער פון אל דער וועלטן גרונד!
זיי דיין גענאַד נון ניט פאַרשטערן,
אונ׳ מיין פּאריז האלט פריש אונ׳ גיזונד...
זאָ אייל הער גאָט איין מאל די שטונד
דאס איך זאָל עצווש (עטוואָס) פון אים הערן. (ס״ז, עמ׳ א).

דאָס צוזאמענטרעפן זיך פון פּאריזן מיט זיין אַלטן פאָטער, וואָס האָט געמיינט, אַז זיין זון איז שוין אויף דער וועלט ניטאָ, דערמאָנט ניט ווילנדיק די ביבל־סצענע, ווי יעקב־אבינו זעט זיך ווידער מיט יוספן:

דער פאטער ווייגעט וואס ער מאַכט
און דען שפראך ער: אַ זון פאריזן!
צו זען דיין ענטליץ האָב איך ניט געדאַכט —
נון האט מיר גאָט אך דיין וויב געוויזן!
געלאָבט זיי גאָט, דער דיך הער בראַכט
דאס איך דיך זיך (זע) אן דען טאג דען דיזן.
דאס מאָל וויל איך שטערבן און איז מיר עבן
דערנאך דאס איך דיין ענטליץ זיך (זע) ביי לעבן (ע׳ עמ׳ ב).

בעת אין דעם „בבא־בוך״ זיינען די פערסאָנאַזשן בלויז סכעמאַטישע פיגורן, הילצערנע מאַנעקענען, פילט זיך אין די הויפט־פיגורן פון דעם צווייטן ראָמאַן דער הויך פון רעאַלן לעבן, דער אימפעט פון טעמפעראַמענטפולע כאַראַקטערן. די דיאַלאָגן זיינען פול מיט דינאַמיק, די געשעענישן ווערן געשילדערט אין שאַרפע בולטע פאָרמען, און די אַקטאַוועס איבערראַשן גאַנץ אָפט מיט זייער פּאַעטישן קלאַנג און הויכער מדרגה פון טעכנישער אַנטוויקלונג. אָט זיינען אַ פּאָר קורצע ביישפּילן: עס איז געקומען צום קיניג דולפין דעם בורגונדער הערצאָגס זון זיך שדכענען צו זיין טאָכטער; וויענע האָט זיך אָבער פאַרשפּאַרט און וויל בשום אופן זיך ניט לאָזן ווייזן פאַרן חתן. דער קיניג איז אויסער זיך פאַר צאָרן און בושה, און דאָס פאָלק אין דרויסן וויים פון גאָרניט, עס יובלט און מאַכט שטורמישע אָוואַציעס דעם אָנגעלייגטן גאַסט:

דער קיניג גלייך פאַר צאָרן בראַנד,
פאַר גרויסן לייד, פאַר גרויסן שרעקן;
ער זאך (האָט געזען) פאַר אים די שמאַך אונ׳ שאַנד
אונ׳ וואוסט ניט ווי ער׳ס זאָלט צו דעקן.
אונ׳ אַז ער שטונד אויף דיזם שטאַנד
דאַ הערט מאַן זייער אין אַלן עקן
יואכצן, שרייען, גרילן מיט גרויסן פריידן —
עס קומט, עס קומט דעם קיניגס איידן (איידעם) (מ״ז, עמ׳ א).

דער פריילעכער קבלת־פנים, מיט וועלכן די שטאָט־באַפעלקערונג באַגעגנט דעם קיניג דולפין ביי זיין אהיים קומען נאָכן לאַנגן געפענעניש — ווערט געשילדערט אויף פאָלגנדיקן אופן:

אזוי איין געשאָס אונ׳ איין געקלאַנג
מיט גראָסן ביקסן אונ׳ מיט גלאָקן.
מאַן הערט נייערט: טיפ טאַפּ, גינג גאַנג,
ווער׳ס ניט העט געוואוסט — ווער דערשראָקן.

פון קליין אונ' גרויס וואר פיל געדראנג...
יעדער מאן וואז דען גוטן קיניג אנפפאנגן
יעדער מאן וואלט ביזגן היים מיט אים זיין גאנגן (ס"ד, עמ' ב).

אין „פאריז און וויענע" איז אָבער ניט אַזוי וויכטיק דער סיפּור המעשה גופא, ווי די לאַנגע און אָפטע „ניט דאָס בין איך אויסן", מיט וועלכע עס טרעט אַרויס דער דיכטער אין אייגענער פּערזאָן. דער קונסט־גריף, וועלכן מיר באַגעגענען שוין ביים פּאַרפאַסער פון „מנחת יהודה", וואָס מישט זיך פּלוצלונג אין אייגענער פּערזאָן אַריין אינמיטן פון דער דער־ציילונג[53], ווערט פון אליה לעוויטען אויסגענוצט אויף אַ גאַנץ אויסטער־לישן אופן. דער דיכטער וויל זיך ניט באַנוגענען בלויז מיטן דערציילן די פּרטים פון דעם „וועלשן" מיטלעלטערלעכן ליבע־ראָמאַן. ער גופא טרעט אַרויס פאַרן לייענער מיט זיינע וועלט־באַטראַכטונגען און סענ־טענצן. מיט אַן אירא־נישן שמייכל צערייסט ער אויף טריט און שריט דאָס ראָמאַנטישע געוועב פונם ראָמאַן מיט זיינע אַלטפרענקישע העלדן, און טרעט אַרויס מיט זיין וועלטבאַנעם, מיט זיינע מיינונגען און אויס־פירן בנוגע דעם רעאַלן לעבן און די פּראַקטישע פאָדערונגען פון דער נייער ציים. דער סאַרקאַסטיש־סקעפּטישער שמייכל פון דער רענעסאַנס־תקופה גיסט זיך אין דעם יידישן „פאַריז און וויענע" האַרמאָניש צונויף מיט דעם מוסר־השכל און לעבנס־פּיקחות פון די יידישע מוסר־ספרים און אויך — פון די יידישע ליצנים. דאָס גיט צו אַ באַזונדערן חן און אַן איינגנאַרטיקן קאָלאָריט דעם גאַנצן ווערק. מיר ברענגען דאָ אַלס אילו־סטראַציע אַ פּאָר פון אַזעלכע אָפּווייכונגען, ווו דער פאַרפאַסער טרעט אַרויס מיט זיינע סענטענצן און מוסר־השכלס.

דאָס זעקסטע געזאַנג, ווו עס ווערט דערציילט, אַז וויענעס פאָטער וואַרפט אָפּ פּאַריזן, ווייל ער פּאַסט אים ניט פאַר אַן איידעם, הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע סטראָפעס:

פאַרפלוכט מוז זיין דאָס געלט און גוט
און אך וועה דאָ האָט דראן זיין גלאָבן!
דער מענטש דרום טאָג נאָך נאַכט ניט רוט,
און אָפּט מיט רעבט, און אָפּט מיט ראָבן (גערויב).
און אָפּט פאַרקויפט מען פלייש און בלוט
נאָרט דאָס מאַן איין האָהען שאַץ וויל האָבן.
דער טייוול פירטס הין אַז פייער שוועבל
און אַז איין גראָסער ווינט פירט דען נעבל.

[53] זע אונזער חערק, ב' 1, 257, 261.

ווייל איינער זיינער טאכטער געבן איין מאן
אדער זיין זינן געבן ווייבר
מען פראגט ניט אויב ער איין מזל קאן,
אויב ער איז לערנער אדער שרייבער;
נארט (נייערט) אויף דאס געלט דא טרעפט דער צאן
און ווען ער ווער איין אייזעלס-טרייבער.
איין צווערג, איין נאר, איין שטונף*, איין לאפן**,
האט ער נאר'ס געלט, דא איז מען נאך אים שנאפן.

איין קנאב, איין מייד, גע הין און שניץ
און זיי דיך דרויף מיט אים בעראטן
זיין ערשטע פראג, זיין ערשטער גיץ:
„האט זי פיל געלט?", „האט ער דוקאטן?"
מען פראגט ניט מיין אויף זין נאך וויץ,
אויף פרומקייט, נאך אויף ואל געראטן.
דאס געלט דעקט איין איטלעכע בייזע מידה,
ווען ער שוין ווער א ממזר בן הנידה (ל"ב, עמ' א).

בעת דער דיכטער דערציילט ווי טריי וויענע איז אין איר ליבע געוועזן, ווייזט ער גלייך אן מיט א קרעכץ, אז היינטיקע צייטן איז אזעלכע טרייע פרויען שוין ניט צו געפינען:

ווער איז די פרוי, ווער איז די מייד,
ווער איז די פילצל, אדער דירן —
דאס זי ניט ליידן ווירד קיין לייד?
דאס נעם איך מיר ניט אין מיין הירן.
זאג, וועלכע ווירט פארמיידן איין קלייד
וועלכע ווירט וועלן איין טאנץ פארלירן?
וועלכע ווירט וועלן ווארטן אדער פארזוכן
אן איינציק יאר, איין מאנעט אדער צוויי וואוכן?

דער ערשט פרעמד יונג, דער דא קומט דאר
און איז זי נור איין מאל אנלאכן —
האט ער מיט סעמט (סאמעט) א טאלאר
און היפשע יופע, און האזן לאזן מאכן,
ווען ער שוין ווער איין פארפלוכטער נאר

* א פארשטאפטער קאפ.
** א נארנים, א לא־יוצלח.

און אונטיכטיק אין אלן זאכן —
דא איז ער איר גאר ליב און איז איר עבן
און שטעלט זיך אז וואלט זי אין (אים) אין הימל הייבן.
און ווען נון נאך א דריטער קעם
מיט איינער היפשן גילדן קעטן —
איך זאג אייך צו, דאס זי אין נעם
און ווירט דען פאריקן אך פארצעטן *.
אל ליבשאפט ווירט זי ווייזן דעם,
דרוף וויל איך וואל מיין קאפ פארוועטן!
זיי האבן איין שטאנד גלייך אז די בלעטער,
די דא זיין אויף דעם בוים מיט ווינד און וועטער (דארטן, ע״א).

און מיט א ליצנישן שמייכל פירט אוים דער דיכטער, שוין דעמאלט א פאטער פון א פאמיליע:

נעלויבט זיי גאט, איך בין נאך פריי און לעדיק!

עס איז כדאי אנצווייזן נאך אויף איין אינטערעסאנטן פרט. לויט דעם שפילמאנישן פעסטגעזעצטן נוסח פארענדיקט לעוויטע יעדן געזאנג אין „פאריז און וויענע״ מיטן אויספיר, אז פון לאנגן זינגען און רעצי־טירן איז ער שוין שטארק מיד, און מיט אים געווים אויך דאס פובליקום. אזוי, למשל, פארענדיקט זיך דער פערטער געזאנג מיטן טאפל־פערז:

און וואלט איר ווייטער הערן פון דען פירן
זא ווארט, איך מוז מיר פאר די קעל גען שמירן
(דארטן, כ״ו, עמ׳ ב)

צום סוף פונם זעקסטן געזאנג רופט אוים דער דיכטער:

איך האב גיזונגן לאנג אונ׳ זייער
אונ׳ אויפצוהערן האט איך פארגעסן.
נון וויל איך דראן גערענק — וויל איך אויסלאסן
דאס איכ׳ם ניט לאנג הילט אוים דער מאסן (ל״ט, עמ׳ א).

אין דער פארלעצטער סטראפע פונם ניינטן געזאנג ווערט דער־מאנט וועגן שלאפן גיין. דאס נוצט אוים דער דיכטער צו פארענדיקן בזה הלשון:

מיך מאנט גלייך איץ דער דאזיג שוואנק
דאס זי פון שלאפן טונען זאגן,
דאס מיר איבר דיזן געזאנג

---

* אמעקוארפן.

איין שווינדל קומט פיר מיינע אויגן.
איך האב עס יא געהאלטן לאנג —
איר קענט יא ניט איבר מיך קלאָגן.
לאסט מיך שטרעקן אך אז זי איץ טונען —
דען וויל איך זאגן מײַן ווער איך גורט קענן (ס"א, עמ' א).

ביים אָנפאנג פונם צענטן (לעצטן) געזאנג האלט אָבער דער דיכ־טער פאר נייטיק גלייך אָנצוווייזן:

איץ זיין מיר אל גיוואָרן מיד
פון דיזן בוך, וויל איך וואָל ווען.
איר מיד צו הערן צו אין דיזן רייען
אונ' איך בין מיד אונ' זאט אייך פירצולייאן.

דאָס איז אָבער ניט בלויז אָנשטעל, סטיל־אימיטאַציע. לעוויטע, וואָס האָט געלעבט אין גרויס דחקות ביז זיין באַקאַנטשאַפט מיטן קאַר־דינאַל עדזשידיאָ, האָט העכסט וואַרשיינלעך געצויגן חיונה דערפון, וואָס ער פלעגט פאַרן פובליקום דעקלאַמירן זיינע ריטער־פּאָעמעס. ווי עס שיינט, פלעגט דאָס דעקלאַמירן די צען געזאַנגען פון „פּאַריז און וויענע" פאַרנעמען גאַנצע צוויי אָוונטן; דאָס לאָזן אונז הערן די שלום־פּערן פונם פינפטן געזאַנג:

פון דעם איך ניט מער זינגען מאַג
ווען איבער אים איך מיך דערבאַרם.
דרום וויל איך מיין גיזעץ דא לאָשן נידר
אונ' וואָלט איר הערן מײַן — זאָ קומט דען ווידר.

משמעות, מיטן פינפטן געזאַנג האָט זיך פאַרענדיקט דער ערשטער אָוונט, און די צווייטע העלפט פון דער פּאָעמע האָט שוין דער דיכטער דעקלאַמירט דעם צווייטן אָוונט.

לויט דעם פעסטגעזעצטן נוסח פאַרענדיקט אליה בחור זיינע ביידע ראָמאַנען מיטן פרומען ווּנטש משיח זאָל וואָס גיכער קומען; אָבער ווי אייגנאַרטיק, ווי שטיפעריש ווערט ביי אליה בחור אויסגעדריקט אָט די דאָזיקע סקאַרבאָווע שלום־פאָרמול.

דער „בבא־בוך" פאַרענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקער אָקטאַווע:

אונ' זאָל אונש דר לייזן אוים אונזרן פיין
אונ' זאָל אונש די גינוד געבן
דש מיר אל מושן זוכה זיין
משיח־צייט צו דער לעבן.
דער זאָל אונש פירן קיין ירושלים היניין

אודר ערגאנץ אין איין דערפל דר נעבן
אונ׳ זאל אונש דש בית המקדש ווידר בויאן
אמן וכן יהי רצון. אמן טרויאן.

דער „פאריז און וויענע״ פארענדיקט זיך אויף אזא אופן:

. . . .
דער בילבול און די האפנונג מיין
איז, דאס איינער זאל קומען צו רייטן
אויף איינעם גרויען באק מיט לאנגע ארן
און זאל אנבלאזן גאר איין שייצלעך הארן
און זאל אונז ברענגען אין די שטאט
די גאט פאר לאנגסט האט טון דערוויילן
דאמיט דאס דא זאל זיין בעשטאט
אל אונזער לייב און אונזער זיילן.
דארט׳ וועלן מיר זיך ריידן זאט
און גאטס הילף וועלן מיר דערציילן,
און נים פון פאריז אונ׳ וויענע נאך איזאבעלע,
דאס זיי וואר אין גאטס נאמען, אמן סלה.

נאך איין ווערק אוים דער אלט־יידישער ליטעראטור איז פארבונדן מיט אליה בחורס נאמען, נאר דאס דאזיקע ווערק געהערט א גאנץ אנדער געביט — דאס איז זיין תהילים־איבערזעצונג.

פערטער קאַפּיטל

דער קאַמף קעגן די „טורעכטן ביכרן”. — אײזיק וואַליכס לידער־זאַמלונג. — טאַנץ־לידער און ליבע־לידער. — די חומש־איבערזעצונגען אין אויגסבורגער און קאָנסטאַנצער דרוקן. — אליה בחורס תהילים־איבערזעצונג. — קאָרנעליוס אַדלקינד אַלס פאַרלעגער. — יוסף בר יקר און זײַן סידור־איבערזעצונג. — ייִדישע פאַרלעגער און זײערע רעקלאַמעס. — ייִדיש־דײַטשע דיכטערישע באַאַרבעטונגען פון מדרש־שטאָף. — די „שירה פון יצחק” און „דער ייִדישער שטאַם”. — דער ייִדישער „מדרש וױשע” און די אסתר־פּאָעמעס. — ביבלישע העלדן־עפּאָסן. — דאָס „שמואל־בוך” און זײַן באַטײַט. — דאָס „מלכים־בוך”. — דאָס ליד פון „אדם וחוה”. — צװײ טיפּן שפּילמענער.

אין דער פאָררעדע צו דער אין קאָנסטאַנץ אין 1544 דערשינענער חומש־איבערזעצונג, וועגן וועלכער מיר וועלן ווײַטער ריידן מער באריכות, ווערט אגב אָנגעוויזן: „עס איז אויך דאס ספר דאצו גוט, דאס די פרויען און יונגפרויען די דאָך די אַלע געמיינעקליך (געוויינלעך) וואָל טייטש ליינען קענען און אבער איר צייט פארטרייבן אין טורעכטן (נארישע) ביכערן אז דיטריך פון בערן, הילדעבראַנט און דערגלייכן, די דאָך ניט אנדערש דאן ליגן און ערדיכטעטע דינג זיין, דאש דיזעלביגי פרויען און יונגפרויען אין דיזם חומש איר קורצווייל האָבן מעגן דאש דאך ניט אנדערש איז דאן די לויטערע קלארע ווארהייט”[1]. אין אַ יאָר אַרום (1545) טרעט אַרויס מיט דער זעלבער טענה אויך דער באַקאַנטער אַרויסגעבער און דרוקער קאָרנעליוס אַדלקינד אין דער פאָררעדע צו דער דורך אים פאַר־עפנטלעכטער אליה בחורס תהילים־איבערזעצונג. ער שטרייכט אונטער, אַז די פרומע פרויען און יענע באַלעבאַטים, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין צייט צו לערנען אין די יונגע יאָרן, „וואָלטן זיי גערן אירע צייט פר טרייבן אם שבת אָדער אַם יום־טוב מיט לייענען געטלעכי שמועות, און ניט פון טיטריך פון בערן אָדער פון דער שיינען גליק”[2]. אויך אַ געוויסער

1 אויסלייג — מאָדערניזירט.

2 עס איז אָבער כדאי דאָ אָנצוּווײַזן אויף פאָלגנדיקן פיקאַנטן שטריך: „אָט דאָס זעלבע „טויריכטע בוך פון דער שיינען גליק”, האָט אַדלקינד האָט בדעה געהאַט צו

יצחק סולקעס, וואָס האָט אין 1579 אָפּגעדרוקט אין קראָקע אַ יידישע „שיר־השירים״-איבערזעצונג, האַלט פאַר נייטיק אַנצוווייזן אין זיין לאַנגער פאָררעדע: „אך גלויב איך עש איז ליב דען אַלמעכטיגן גאָט זאָלכע דייטשע ביכער צו שרייבן די דא זיין נוץ און געטליך, אָבער ניט דיטריך פון בערן און הילדעבראַנט און די אַנדרן אַל און ניט עטליך, דער דאַזינגן זיין פיל דאש איך ניט וויים צו נענען. די האבן געוויש זינד, די איר צייט דערמיט פרברענגען״.

אַזעלכע אָנפאַלן אויף די „טורעכטן בויכרן״ פון וועלטלעכן אינ־האַלט באַגעגענען מיר ביי אַ סך פאַרפאַסער פון יענער צייט. דאָס באַ־ווייזט אָמבולטסטן, ווי שטאַרק עס איז געווען דעמאָלט ביי די רבנים און רעליגיעזע פירער דער רוגז קעגן דער נייער, פון דער אויסן־וועלט אימפּאָרטירטער וועלטלעכער ליטעראַטור, וואָס האָט דעמאָלט ממש פאַר־פלייצט די יידישע גאַס. מיר ווייסן זייער גוט, ווי שטאַרק די רבנים אין דייטשלאַנד האָבן זיך געפלייסט וואָס שאַרפער קולטורעל אָפּצוטיילן דאָס יידישע פאָלק פון דער אויסערלעכער סביבה. דאָס איז זיי אָבער ניט אַזוי לייכט אָנגעקומען. מיר האָבן שוין געזען, וואָס פאַר אַ גוואַלדיקע פּאָפּו־לאַריטעט עס האָבן זיך דערוואָרבן אויף דער יידישער גאַס אַזוינע טיפּיש־דייטשע לידער, ווי „הערצאָג ערנסט״, אָדער „הילדעבראַנט״־ליד. באַ־זונדערס אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט אַ יידישע לידער־זאַמלונג פון 16טן י״ה, וואָס געפינט זיך אין מאַנוסקריפּט אין דער באַרימטער אָקספאָרדער ביבליאָטעק און איז קריטיש באַאַרבעט געוואָרן דורך פעליקס ראָזענבערג[3]. דער זאַמלער פון די דאָזיקע לידער, אייזיק בן משה וואליך ווירמייסן, האָט געשטאַמט פון אַ זייער אָנגעזעענער פאַמיליע און איז אַליין, לויט ראָזענבערגס השערה, געווען פּרנס אין וואָרמס. דער

פאַרדרענגען דורך אליה בחורס תהילים־איבערזעצונג — האָט, ווי עס שיינט, אין דרוק נעבראַכט טאַקע אליה בחור גופא. דערויף זאָגט עדות פאָלגנדיקער אָנווייז אויף דער לעצטער זייט פון דער ערשטער „בבא״־אויסגאַבע, וואָס אליה בחור האָט פאַרעפנטלעכט אין איסנאַ אין 1541: „אינ׳ דער גאָט דער אונז האט געטון די טובה, דאס מיר אויס־געדרוקט האָבן בבא, דער זאל אונז אויך העלפן דאס מיר דרוקן, דאס בוך דער שיינן קלוקן, אונ׳ אנדרי טייטשי ספרים מיין. וכן יהי רצון אמן״ („ייוואָ־בלעטער״, II, 282). דער ראָמאַן „פון דער שיינען גליקן״ איז, ווי עס שיינט, געווען נאָך שטאַרק פּאָפּולער אין דער צווייטער העלפט פון 17טן י״ה. וואָרעם אויך צום סוף פון דער פּראָגער בבא־בוך־אויסגאַבע (1661) איז דער דרוקער מודיע: „נון חיל איך ערשט רעכט צושיקן, צו דרוקן פיל שיינע שטיקן, אונד דאס בוך פין דער שיין גליקן״.

[3] „איבער איינע זאַמלונג דייטשער פאָלקס־אונד געזעלשאַפטס־לידער אין העבר. לעטטערן״, צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין גייגערס „צייטשר. פ. די געשיכטע ד. יודען אין דייטשלאַנד״, II— II (1888), —19.

דאָזיקער וואָרמסער פּרנס איז, ווי עס שיינט, געווען אַ גרויסער ליבהאָבער פון פאָלקס-לידער, אַליין אויך לידער געשריבן [4], האָט ער אין די לעצטע יאָרן פונם 16טן י״ה מיט גרויס פלייס פאַרשריבן אין אַ ספּעציעלער זאַמלונג עטלעכע צענדליק לידער, וואָס זיינען אין זיין צייט געווען באַזונדערס פּאָפּולער אויף דער יידישער גאַס. כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגנדיקער פּרט: פון די 55 נומערן, וואָס זיינען אַריין אין דער זאַמלונג, שטאַמען בלויז 12 פון יידישע פאַרפאַסער, אַלע איבעריקע זיינען ריין דייטשע פאָלקס-לידער, וואָס זיינען געווען אויך באַליבט אין די יידישע קרייזן. דעם בכבודיקסטן אָרט פאַרנעמען זינג- און טאַנץ-לידער. די רבנים און די מנהיגי עם האָבן טאַקע מיט אייזערנער קאָנסעקווענץ געפּרוווט דורכפירן אין דעם יידישן אַלטעגלעכן לעבן דעם גרונט-פּרינציפּ: אַל תשמחו אלי גיל כעמים — יידן טאָרן זיך ניט פרייען ווי אַנדערע פעלקער; דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אָבער ניט געוואָלט אונטערגעבן. די יידישע מאַסע, בפרט די יידישע יוגנט, האָט אויך אין די פינסטערע און ענגע געטאָ-געסלעך דאָך ניט פאַרלאָרן דעם לעבנס-לוסט, און הילכיק און פריילעך האָבן אין די „טאַנץ-הייזער״ געקלונגען די לוסטיקע טאַנץ-לידער-סטראָפעס:

יונגפרויליין, וואָלט איר ניכט
מיט מיר איין טענצליין טון?
איך ביט, איר וואָלט מירס ניט פאַר איבעל האַן,
פרעליך מוס איך זיין
פרעליך מוס איך זיין
דיעווייל איך עס האב און קאַן.
איער צאַרטער יונגער לייב
האָט מיך אין ליעב פערוואונדט,
אויך איער אייגליין קלאַר
דאַרצו איער ראָטער מונד.
שליעסט איער אַרעם איין.

---

4 דאָס לעצטע ליד פון דער זאַמלונג פאַרענדיקט זיך מיט דער פאָלגנדיקער סטראָפע:

איך וועלט מיך גערן שטעלן גאַנץ ווילד
מוז איבער מיין דאַנק זיין געשטילט,
עס הילפט מיך דאָך קיין שפּרייסן,
אַלע מענשן מוזן אָך דאַרפון
ווען עס גאָט דער אַלמעכטיג וויל האַן
שפּריכט אייזיק וואָלף ווירמייסן.

פיינס ליעב, וואל איין דיע מיין
זא ווירד מיין הערץ געזונד.

און דרייענדיק זיך אין דעם האסטיקן וואלס־ראָד, זינגען די טאַנצנ־דיקע פּאָרן:

נון טאַנצען ווער דען ליעבּליכען רייען
אונד וועלען איינאַנדער פריש פרעהליך זיין;
ווייל עס געשיעהט
אונד אין ערען אליין.

ווער וויל אונז ווערן איין פרעליכן מוט
ווייל אונז זאלכעס דאס גליק ניט נעמען טוט?
שענע יונגפרוי, שענע יונגפרוי,
נעמט אלזאָ פיר גוט!

„ווער וויל אונז ווערן איין פרעליכן מוט?" פרעגט אַרויסרופנדיק די טאַנצנדיקע יוגנט. „ווערן" האָבן געוואָלט די רעליגיעזע פירער פונם פאָלק. איינער פון די באַדייטנדסטע רבנים אוים יענער צייט, ר' שלמה לוריע, האָט, ווי מיר ווייסן, באַטראַכט אַלס זינד — פרייד און געלעכ־טער, און ער דערקלערט אַלס פאַרברעכן די טענץ, אין וועלכע עס באַטיי־ליקן זיך בחורים צוזאַמען מיט מיידלעך. ער האָט אפילו פאַרזיכערט, אַז ווען עס זיצן אויף אַ חתונה מאַנסבילן צוזאַמען מיט פרויען, טוט אין דעם הויז גאָטס געגנאָד ניט רוען[5]. און אָט אויף דעם שטרענגן פּסק ענטפערט די לעבנסלוסטיקע יוגנט מיט די שפּילעוודיקע זינג־טאַנץ־סטראָפעס:

זינגען און שפּרינגען
פרעליכקייט צו אַלער צייט
איסט וואָל ערלויבט.
שפּאַצירען, האָפּירען
הערצען און שערצען
דערגעטצעלט אַל מיין לייד;
געשיכט (געשיט) עס אין ערען
קאַנן עס קיין מענש ניט ווערען
אַללהיע צו דיעזער צייט.

אויך ליבע־לידער האָבן אין די געמאַ־גאַסן געקלונגען; פאַרליבטע יונגעלייט האָבן זייערע ליבע־שמערצן אין טרויעריקע יאוש־סטראָפעס אויסגעגאָסן:

---

[5] זע באַנד V, ז' 57.

לעשט אַב, לעשט אַב, מיין הערץ דאַס ברענט,
מיין פיינעס ליעב האַט עס מיר אנגעצינט.
אַך דו עדלע קראַנע, מיינעס הערצן אינע וואָנע
בין איך דיר האָלד
ווען דו עס מיר גלויבן וואָלסט;
נאָך דיר שטעט מיין הערצע
טראַגט גראָסע שמערצע
דאַס מאַכט דיין שיינער געשטאַלט.

און מיידלעך פון אומבאַפרידיקטער ליבע געפיינִיקט, גיסן אויס זייער בענקשאַפט אין עלעגישע סטראָפעס:

איינעסמאָל דאַס איך לוסט בעקאַם
צו פרייען אינען יונגען מאַן
אינע פרו צו ווערדען,
דאַ פיעל עס מיר אַלזאָ עבען אין
וואַס פאַר אין לוסט אין יונגפרוויליין
האַט אויף דיזער ערדען.

איין ליד, אין וועלכן די געליבטע קלאָגט זיך פאַר איר געליבטן, פאַרוואָס ער האָט אָן איר פאַרגעסן — האָט אַ באַזונדערן אינטערעס, ווייל דאַס דאָזיקע ליבע-ליד איז אַזוי פעסט איינגעוואָרצלט געווען אין משך פון פיל דורות אין דעם יידישן געטאָ, אַז זיין נאָכקלאַנג הערט זיך נאָך גאַנץ דייטלעך אין איינעם פון די פאָלקס-לידער, וואָס זיינען אריין אין דער באַקאַנטער, אין 1901 דערשינענער גינזבורג-מאַרעק-זאַמלונג (נומ' 178). מען קאָן זיך אין דעם לייכט איבערציי̈גן, בעת מען פאַרגלייכט ביידע טעקסטן:

אין דער וואָליד-זאַמלונג	אין גינזבורג-מאַרעק-זאַמלונג
אי וואַרום ווילסטו הינוועקען ציען,	אָי, עלנד בין איך געבליבן,
מיין הערץ, מיין איניגס טראָסט!	אָי, עלנד אַזוי ווי אַ שטיין!
אונד ווענן ווילסטו ווידער הערקומען	בעטן בעט איך דיך, מיין טייער לעבן—
אונד דאַס דו מיך ערלאַסט.	קומען זאָלסטו צו מיר גיין!
אונד ווען איך שאָן ווידער הערקאַמען	קומען וועל איך צו דיר קומען,
וואָס העלפט עס אַבער דיך?	נאָר טרייסטן קען איך דיך נישט.
ליב וויל איך דיך וואָל האַבן	ליבן ליב איך דיך געזונט פון האַרצן,
אַבער נעמען וויל איך דיך ניט.	נאָר נעמען, דושינקע, קאָנען מיר זיך נישט!

אויך דייטשע פּריוואַל־שפּאַטישע לידער האָבן זיך אין געטאָ איינ־געבירגערט; ווי, צום ביישפּיל, דאָס אדאנק וואַליכן אויפגעהיטע שפּאָט־ליד וועגן די אַלטע פרויען:

איך בין דען אַלטען ווייבערן גראָם,
איך וויים אויך וואָל וואָרום:
זיע זייען אין דען לענדען לאַם
זיע וואַקסען אין די קרום.
אַלטע ווייבער און ענטען
דיע הערען אויף די זע (אויפן וואַסער),
מען זאָל זיע ליבער דערטרענקען
דאָס זיע ניט שנאַדערן מע (מער).

טיפּיש זיינען אויך אין וואַליכס זאַמלונג די לידער, וואָס שטאַמען פון יידישע פּאַרפּאַסער. וואַליך האָט פאַרשריבן אין זיין זאַמלונג צוויי חתן־כּלה־לידער; איינס מיט צוויי טעקסטן (העברעיש און יידיש) הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

איך עפן מיין מונד מיט זיסן געזאַנג
דעם חתן צו ער, דער כּלה צו דאַנק,
איך וויל עס אייך ניט מאַכן לאַנג
גאָטס פאָרכט זאָל זיין די ערשטע אָנפאַנג.

דאָס צווייטע חתן־כּלה־ליד הייבט זיך אָן מיט לויב־סטראָפעס, ווו עס ווערט באַזונגען די שיינקייט פון דער כּלה:

גימגאָלד טוט זיך פאַרגלייכן
וואָל פאַר דער כּלה צאַרט,
זי איז אַזוי ציכטיגלייכן
זי איז כּשר און ריין
איבער אַלע געשטיין.

דער וואָרמסער פּרנס האָט אָבער געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַר־שרייבן אין זיין זאַמלונג ניט בלויז כּלה־לידער, סאַטירישע לידער פון דעם טאַלאַנטפולן שלמה זינגער, פריילעכע פּורים־לידער, וועגן וועלכע עס וועט אונז נאָך אויסקומען צו ריידן, נאָר אויך אַן עראָטיש אויסגעלאַסענעם פּאַמפלעט, וואָס ס׳האָט פאַרפאַסט איינער אַ אייזק קיטל בשותּפות מיט זיינעם אַ חבר. דאָס דאַזיקע ליד, וואָס באַשטייט אויס 27 סטראָפעס, איז געשריבן אין דער מעטריק פון דעם זייער פּאָפּולערן „עקידת יצחק״, און הייבט זיך אפילו אָן מיט דעם ערשטן פערז פון דעם דאָזיקן פרומען שפּילמאַן־ליד: „יידישער שטאַם פון עבטער אַרט״. דער „יידישער

שטאַם" — דאָס זיינען אויסגעלאַסענע יידישע רייכע לעבעמענער, וואָס דינגען אויף אַ שמוציק־ציניש אופן דער ליבע־געטין וועגוס. ברייטלעך און מיט פאַרגעניגן שטעלן זיך די פּאַרפאַסער אָפּ אויף אַלע פּרטים פון זנות און אומרייִנער עראָטיק, און פאַרענדיקן זייער פּאַמפלעט מיט פאָלגנדיקע סטראָפעס:

נון וויל איך דאָס ליד באַשליסן.
עס טוט אונז, געזעלן, זייער פאַרדריסן
דאָס זי אונז זאָ איין יקרות דריין מאַכן
דער גופל זאָל זי דערשטאָסן, דאָס הערץ זאָל אין קראַכן.

נון וויל איך אייך לעזן דען טיטול,
עס טוט אונז יונגן זייער פאַרדריסן
אַלס איך און אייזיק קיטול
זי זיין דרום קיין נאַרן
זי פאָרן אך גערן אויף זאָלכע שובקאַרן.

די רעליגיעזע פאָלקס־פירער, די רבנים, זיינען ניט געווען אים־שטאַנד צו פאַרטרייבן מיט זייערע חרמות און איסורים אויס דער יידישער גאַס די. אויס דער פרעמד אימפּאָרטירטע און לויט אירע מוסטערן גע־שאַפענע וועלטלעכע פאָלקס־ליטעראַטור, מיט אירע פאַנטאַסטישע העלדן און לוסטיקע „קורצווייליקע" געשיכטעס. אַ טייל פון די רבנים האָבן דאָס טאַקע אַליין אויך זייער גוט פאַרשטאַנען. און אָט די מער ווייט־זיכטיקע האָבן באַלד איינגעזען, אַז די דאָזיקע ביים פאָלק אַזוי באַליבטע ביכער קאָן מען פאַרדרענגען ניט מיט פאַרבאָטן, נאָר טאַקע דערמיט, וואָס מען וועט געבן דער פאָלקס־מאַסע, דעם אַדאַנק דעם דרוק־וואַר־שטאַט נייַ־געשאַפענעם לייענער־עולם, אַן אַנדערן, מער צו דער יידישער מסורה און אידעען־וועלט צוגעפּאַסטן לייען־שטאָף. און דאָס איז טאַקע ווירקלעך געשען. אין דער זעלבער צייט, ווען דאָס יידישע געמט ווערט פאַרפלייצט מיט דייטשע ריטער־ראָמאַנען און פּאָעמעס, ווערט אויך ביס־לעכווייז געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע פאָלקס־ליטעראַטור, וואָס איז טיף דורכגעדרונגען מיט איין באַשטימטן גרונט־מאָטיוו: פירן אירע לייענער און לייענערינס אויף דעם „ריכטיקן וועג" פון דרך־ארץ, יראת־שמים און מעשים טובים...

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן[6], אַז נאָך אינם מיטלעלטער האָבן שוין עקסיסטירט יידיש־דייטשע איבערזעצונגען פון באַשטימטע ביב־

6 זע אויבן ז"ז 27, 39.

לישע ביכער, וואָס זיינען ענג פאַרבונדן מיט דער שול און מיטן יידישן לעבנסשטייגער: קודם־כל דער חומש, דערנאָך די הפטורות, די מגילות, תהלים אאז״וו. א סך פון די דאָזיקע איבערזעצונגען זיינען פארלאָרן געגאנגען. נאָכדעם ווי דער דרוק־וואַרשטאַט האָט זיך באוויזן אויף דער יידישער גאַס, האָבן יידיש־דייטשע חומש־איבערזעצונגען באַלד געפונען די פאַסנדיקע פאַרלעגער. די עלטסטע צו אונז דערגאַנגענע חומש־אויסגאַבעס אין יידיש (צוזאַמען מיט די הפטורות און חמש מגילות) זיינען די, וואָס האָבן אין איין און דעם זעלבן יאָר (1544) דערשיינט אין אויגסבורג און קאָנסטאַנץ.

די אויגסבורגער אויסגאַבע האָט באַזאָרגט דער משומד פּוילוס עמיליוס. עמיליוס גופא ווייזט אָן אויפן שער־בלאַט[7] און אויך אין א ספּעציעלן בריוו[8], אַז די איבערזעצונג איז ניט קיין אייגענע, נאָר א פרעמדע, וואָס איז פאַרשריבן געוואָרן מיט פיל יאָרן צוריק. דאָס זעלבע איז אויך דער פאַל מיט דער אין דעם אייגענעם יאָר אין קאָנסטאַנץ דערשינענער חומש-איבערזעצונג. איר רעדאַקטאָר, דער משומד מיכל אדאַם, האָלט פאַר נייטיק אָנצוּווייזן, אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט עלטערע איבערזעצונגען[9]. מיכל אַדאַם ווייזט אָן אין דער פאָררעדע, אַז די איבערזעצונג באַצוועקט צו זיין א הילפס־בוך ביים קנעלן מיט די קינדער. דערפאַר טאַקע איז זי אַזוי קנעכטיש געבונדן צום העברעיִשן טעקסט. בכדי צו באַקענען דעם תלמיד מיטן ווערטלעכן פשט פונם הייליקן טעקסט, האָבן די מלמדים טריי געפאָלגט דעם וואָרט־סדר פון דעם העברעיִשן אָריגינאַל, מורא געהאַט מוסיף צו זיין אָדער צו פאַרמינערן א וואָרט, און זיך דערביי בכלל ניט גערעכנט מיטן גייסט און כאַראַקטער פון דער

7 „דש חומש אין טויטשן און וויא דער צו גיהוירט דש גנץ בייא איקליכר וואוכן סידרא אונ׳ סדרא אונ׳ דיא הפטורות בון דען ימים-טובים אויך די חמש מגילות... דש אליש רעכט אונ׳ וואול נך טויטשם אויז איינם אלטן חומש בור לאנגן צייט גשריבן איצונדר צו אוגשפורגא גידרוקט".

8 „כי לא הוספתי ולא גרעתי ולא שניתי ממנה דבר מאומה אך את העתקה אשר היתה לפני אשר הכמה שנים הועתק מלשון הקדש ללשון אשכנז, הדפסתי אותו מדיבור לדבור" (זע פערלעס, „ביטרעגע", 169; נאָש, „זענדשרייבען אן פראָפ. צארנקע", 14).

9 „דארום זיין וויר בהענט וואָרדן, בז וויר דז חומש צו דויטש גטריקט (געדרוקט) הבן, וויא די זעלביגע איטליכי גלערטי יהודים אונ׳ רבנים אויש לשון הקודש אין לשון אשכנז גר טויטשט הבן, דרום חיר אויך אויז וילן (פילן) העתקות דיא וויר ביר (פיר) אונש נהבט גנוטן האבן, דש אויש דעם לשון הקודש מלח במלה איז גר דוויטש גוועזן, דא מיט די בעלי בתים אונ׳ די שלעכטע (פשוטע) איינפלטיגע מלמדים די קינדר דש חומש אונ׳ די אנדרע ספרים דעסטר לייכטר לערנען מעגן".

שפּראַך, אויף וועלכער זיי איבערזעצן. עס האָט זיך אויף אַזאַ אופן געשאַפן אַ פעסטגעזעצטער טראַדיציאָנעלער נוסח, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן פון דור צו דור אָן שום ענדערונגען. למשל: וידבר ד׳ ווערט איבערגעזעצט — און ער זאָגט גאָט, על פני המים — אויף פיר דעם וואַסער, מעל הרקיע — פון אויבן צו דער שפּרייטונג, יום אחד — טאָג איין, טוב מאוד — גוט זייער אאז״וו. אַלס אילוסטראַציע ברענגען מיר דערפאַר די ערשטע פסוקים פון דער קאָנסטאַנצער איבערזעצונג[10]:

בראשית, אֶי דען ער האט דר שאפן גוט (גאָט) די הימל אונ׳ די ערד, אונ׳ די ערד וָוש וָואישט אונ׳ לער אונ׳ ווינשטרניש אויף אן גזיכט דש אבגרונדש; אונ׳ ווינד גוטש שוועבט אויף גזיכט דער וואשרן. אונ׳ ער שפראך גוט עש זול זיין ליכט אונ׳ עש וואר ליכט, אונ׳ ער זאך (זאַ) גוט דש ליכט דש עש גואט וואש אונ׳ ער מאכט שיידן גוט צווישן דעם ליכט אונ׳ צווישן דר ווינשטרניש, אונ׳ ער רופט גוט צום ליכט—טאָג אונ׳ צו דער ווינשטרניש האָט ער גרופט נאכט; אונ׳ עש וואר אבנט אונ׳ עש וואר מארגן.

עס איז לייכט באַגרייפלעך, אַז אַזאַ קנעכטיש־טרייע איבערזעצונג קאָן ניט געבן קיין שום באַגריף וועגן דעם צושטאַנד, אין וועלכן עס האָט זיך אין יענער צייט געפונען די שפּראַך פונם פאָלק; און אַמבּולטסטן באַווייזט דאָס טאַקע מיכל אַדאַמס אויבן־דערמאָנטע פאָררעדע. דאָ, ווו דער רעדאַקטאָר איז ניט געבונדן מיטן העברעיִשן טעקסט, האָבן מיר שוין פאַר זיך ניט דאָס הילצערנע „דייטשמעריש״ מיטן משונהדיקן סינטאַקסיס, נאָר אַ פליסיק־לעבעדיק יידיש־דייטש. „זינטמאָל מיר זעהן— שרייבט מיכל אַדאַם — דאז זיך די הערצן בון (פון) טאג צו טאג מינדרן אין דעם ורשטאַנד אונ׳ אין דער ווייסהייט... צו דעם דאז וויר זעהן די קהלות בעוונות הרבים אויך אימֶר־דַר אבנעמען אונ׳ צרשטערט ווערדן דורך ווילפאלטיג גירושים, דז וואו מאן בור צייטן הט צעהן קהילות גיבונדן (געפונדן) גיפונט מן אצונדר קום אייני בעו״ה, אונ׳ דורך זאלכי גרושים ווערדן די בעלי בתים גינויטיגט אויף דען דורפרן (דערפער) צו זיצן, אונ׳ איז אבר ניט אין איינש איטליכן נַר מיגן דז ער קאָן איין מלמד האלטן דער אים זייני קינדר לערנט, דא דורך דען גרושי עם הארצים דר־וואכסן״[11].

---

10 בלויז אַלס ראַנד־גלאָסן ערלויבט זיך מיכל אַדאַם ערטערווייז אויסטייטשן דעם טעקסט, דערקלערן אים מיט דער הילף פון דער אגדה, מדרש און עלטערע מפרשים.

11 דעם ווייטערדיקן טייל פון דער פאָררעדע, זע ביי שטערק און לייצמאַן, „די יידיש־דייטשע איבערזעצונגען“, 126—129.

דער זעלבער ריין־פּעדאַגאָגישער מאָטיוו ווערט אויך אָנגעוויזן אין דער פאָררעדע צו דער באַקאַנטער אליה בחורס תהילים־איבערזעצונג[12], וואָס קאָרנעליוס אַדלקינד האָט אין 1545 אין ווענעדיג אַרויסגעגעבן:

דרום די מלמדים די מיט דען יונגן קנאָלן
און תהלים רעכט טייטשן וואָלן
די ווערט דש דאזיג תהלים אונטער וויזן
דש זי ניט מעין אין טייטשן גרייזן.

דאָס אינטערעסאַנטסטע איז אָבער דערביי, וואָס דער אַרויס־געבער גופא, דער באַוווסטער דרוקער אַדלקינד, באַנוגנט זיך ניט מיט דער דאָזיקער מעלדונג. ער טרעט אַרויס מיט זיין אייגענער דערקלערונג: עס האַנדלט זיך וועגן צאָלן אַן אַלטן חוב די ברייטע פאָלקס־מאַסן. די דאָזיקע דערקלערונג האָט בלי־ספק אַ באַשטימטן קולטור־היסטאָרישן אינטערעס, מיר ברענגען זי דערפאַר בשלימות:

„קורניליוו אדל־קינד שרייבט דש דען ורומן (פרומען) בחורות אונ׳ דען בעלי בתים דיא דא ניט האבן צייט גיהאט צו לערנין. אין מיינר יוגענט האב איך ויל (פיל) קווישטליכי (קעסטלעבע) אונ׳ גרווישי ספרים העלפין דרוקן אונ׳ האן (הגוב) אל מיינין ולייש (פליים) דרוף געלעגט, אז מאן וואל מאג זעהן אין אל ספרים דיא מן האט גדרוקט אין דניאל באמבערגש דרוקעריי, דא איך בין אינען גיחתמת, ורנען (פון פאָרנט) אדער הינטין. איצונדר אז איך בין אין די עלטר קומן, דא הון איך מיר גידאכט וויא איך ניכם האב גימאכט נר דיא ורומן בחורות אונ׳ ור איטליכי בעלי בתים דיא דא ניט האבן צייט גיהאט צו לערנען אין אירר יוגנט נוך דונוכטר (און אויך ניט דערנאָך), וואלטן זיא גערן איר צייט פר טרייבן אן אם שבת אודר אן אם יום־טוב מיט לייאן גויטליכי שמועות אונ׳ ניט פון טיטריך פון בערן אודר פון דער שוינן גליק. אונ׳ דענזעל־ביגן צו ליב דיא דא גערן וואלטן לייאן פון גוטש (גאָטס) וואָרט, אונ׳ דאך וינט (געפינט) מן וועניג ספרים אין טויטשר שפרוך גשריבן דיא דא וואל אונ׳ רעכט געטויטשט זייאן; בין איך גנגן צו רבי אליה בחור אונ׳ הון מיך מיט אים פר טראגין ער זול מיר איטליכי ספרים טויטשן אונ׳ צום ערשטן דאש תהלים נוך דעם דקדוק. אונ׳ באלד ווילש גוט (גאָט) זא וויל איך דרויקן דש משלי אונ׳ איוב אונ׳ דניאל וואל גע־טויטשט. אונ׳ לאזט מיך גוט נאך אייני צייט לעבן, זא וויל איך מאכן

12 עס איז פּאַקטיש ניט קיין גאַנץ נייע איבערזעצונג, נאָר אַ באַאַרבעטונג פון עלטערע איבערזעצונגען. זע וועגן דעם שטערק און לייצמאַן, ציט וו., ז׳ 148.

דש קלייני אונ׳ גרוישי ווערן מויגין גרינקליך ווישין װש אים עשרים וארבע שטעט גישריבין דש איצונדר בעונות אֶידר מאן ווייש מײַן דר פון ווען מיר. דרום ביט איך אויך ליבי ורומי בחורות אונ׳ בעלי בתים, קאַפט ורויליך (פריילעך) אונ׳ מיט גוטן הערצן פון דעם תהלים אונ׳ געבט אונש געלט דש מיר מויגן בלד אן הויבן משלי [13] צו דרוקן, אָמן״.

אַדלקינד איז בכן אויף דער עלטער געקומען צום גדאַנק, אַז מען דאַרף זאָרגן אויך פאַר די גייסטיקע באַדערפענישן פון די פֿאָלקס-מאַסן. אַדאַנק אָבער דער איבערקערעניש, וואָס דער דרוק-וואַרשטאַט האָט אַרויסגערופן אין דעם קולטורעלן לעבן, האָבן ביי די פֿאָלקס-מאַסן גופא זיך באַוויזן אינטערעסאַנטע קולטור-טרעגער, וואָס האָבן אפילו געהאַט דעם מוט אַרויסצוּווייזן אַ געוויסן ביטול צו די לומדים און אָנערקענטע גייסטיקע פירער פון פאָלק. באַזונדערס אינטערעסאַנט איז אין דער הינזיכט דער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פון דער ערשטער געדרוקטער סידור־איבערזעצונג, יוסף בר יקר.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן [14], אַז עס האָבן נאָך אינם מיטל־עלטער עקסיסטירט ניט בלויז חומש־איבערזעצונגען, נאָר אויך יידישע תפילות־איבערזעצונגען. און טאַקע אין דעם זעלביקן יאָר, ווען עס זיינען אין קאָנסטאַנץ און אין אויגסבורג דערשינען די יידישע חומש־אויסגאַבעס, איז אינם קליינעם שטעטעלע איכענהויזן אויך אַרויס פון דרוק אַ סידור אין יידיש [15]. דער אַרויסגעבער, יוסף בר יקר [16], ווייזט אליין אָן, אַז ער האָט פאַר זיין אויסגאַבע אויסגענוצט עלטערע איבערזעצונגען („אויך האַב איך די תפלה ניט װר טויטשט אויש מיינם קאָפּפּא, זונדר האַב מיר אייני אויש גילעזן, דיא מיך הוט גידוכט זיא זיי דיא בעשט גיוועזן״). אָט דער דאָזיקער אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר פונם עלטסטן צו אונז דערגאַנגענעם סידור אויף יידיש־דייטש איז אַ גאַנץ אינטערע־

18 דערפון קאָן מען זיך משער זיין, אַז די משלי-איבערזעצונג איז שוין דעמאָלט ביי אליה בחור געווען פאַרטיק. וועגן אליה בחורס ניט-פאַרעפנטלעכטער איוב-איבערזעצונג, זע מ. ווינרייך, „שטאַפּלען“, 77.

14 זע אויבן ז״ז 27, 39.

15 עס איז אויפגעהיט געוואָרן בלויז איין-איינציקער עקזעמפּלאַר פון דער דאָזיקער אויסגאַבע (געפינט זיך אין מינכענער מלוכה-ביבליאָטעק). זע: „איזראַעליטישע וואָכענשריפט“, 1872, 271–2; „העבר. ביבל.“, XII, 125–7; „טאָגאַטשריפט“, 1876, 355 און באַזונדערס ביי גרינבוים, ציט. וו. 236—319. דער סידור, וואָס איז באַשטאַנען אויס 42 בויגן, האָט געקאָסט אַ קראָנע („אום איין קרונן איז זי אוייער“).

16 וויל נאָכן נאָמען יקיר קומט דער שפרוך הי״ד (ד׳ ינקום דמו), מוז מען קומען צום אויספיר, אַז דעם אַרויסגעבערס פאָטער איז אומגעקומען אַלס „קדוש“.

סאַנטע פערזענלעכקייט. ער איז, ווי עס שיינט, געווען אַ גאַנץ קנאַפּער למדן און ער גופא זאָגט אויף זיך עדות: „דען איך בין איין עם־הארץ איין טרופּפּא". ער איז געווען אַ שותף און אויך זעצער אין דער דרוקעריי פון זיין שווער, דעם באַקאַנטן דרוקער חיים שוואַרץ. ער האָט ניט נאָר רעדאַקטירט די תפילות־איבערזעצונג, נאָר זי אויך געזעצט, ווי עס ווערט טאַקע אָנגעוויזן אויפן לעצטן בלאַט פון דער אויסגאַבע, וווּ זיין נאָמען ווערט דערמאָנט צווישן די דריי זעצערס (מחוקקים) פונם ווערק[17].

איידער דער דרוק־וואַרשטאַט האָט זיך באַוויזן, און דאָס בוך האָט זיך געפונען בלויז אין די הענט פון למדנים, האָבן אַזוינע מענטשן ווי יוסף בר יקר אַפילו ניט געחלומט צו ווערן אַ מחבר אָדער רעדאַקטאָר פון ספרים. איצט אָבער, נאָך דער אַראָנס דעם דרוק־וואַרשטאַט אַרויסגע־רופענער קולטורעלער רעוואָלוציע, ווען דאָס בוך האָט אַריינגעדרונגען אין די ברייטע פאָלקס־שיכטן, טרעטן אַרויס אויפן פאָדערגרונט פשוטע פאָלקס־מענטשן, מיט קרעפטיקע חושים און נאַטירלעכער באַנאַבונג, און זיי האָבן עס הערט מיט אַפּצולאַכן פון דעם, וואָס איז אַזוי געאַכפּערט און געהייליקט ביי די לומדים און „פּירער" פון פאָלק. מיט אַ סאַר־קאַסטישן שמייכל פרעגט יוסף בר יקר אַ שאלת תם: צו וואָס טויגן עס אין דעם מחזור אַזוי פיל פיוטים מיט אַזאַ האַרבן לשון, וואָס קיין בן־אָבם איז ניט אימשטאַנד צו פאַרשטיין? אוודאי איז אַלעמען באַקאַנט, אַז „דאָס לשון הקודש איז דאָס זעמלמעל", אָבער ווייל די „געמיינע ראָט" (פשוטער עולם) איז ניט שטאַרק באַהאַוונט אין לשון־קודש, האָבן אונזערע חכמים פון אַמאָליקע צייטן פאַרפאַסט די תפילות „קורץ און גוט", אין אַ לייכטער פאַרשטענדלעכער שפּראַך. האָט מען זיך אָבער דערמיט ניט באַנוגנט און מען „מאַכט נאָך אַלע טאָג מער דאַצו": „אונ' מאַכט אין דיא תפלות גאר הערבי לשונות, דאמיט בש מן בעונות, אונטר טויזענטן וינט (פינדעט) קוים אינן, דר דא ווייש וואש זיא מיינן"[18]. דערפאַר דערקלערט אָפן יוסף בר יקר: „האלט איך נר אייטל טארן (נאַראָנים) דיא אין לשון הקדש וואלן אָרן (דאַווענען) אונ' נר שטיין

17 די אַנדערע צוויי זעצערס זיינען געווען: דער דרוקער חיים שוואַרץ גופא און זיין זון יצחק.

18 אמת, אויך אייניקע פון די ספרדישע גדולים זיינען געווען קעגן די פיוטים, אָבער אויס גאַנץ אַנדערע טעמים. אברהם אבן עזרא טרעט אַרויס קעגן די פייטנים חייל זיי זינדיקן לויט זיין מיינונג גאַנץ אָפט קעגן די געזעצן פון דער העברעישער שפּראַך (אין זיין „שפה ברורה": „קמו פייטנים ויעשו פיוטים אין קץ לחם, לא ידעו לחבר נכונה"); דער רמב"ם קאָן ניט מוחל זיין די פייטנים ווייל זיי דערלויבן זיך אַנטראָ־פּאָמאָרפיזמען (זע אונזער ווערק, ב' ו, ז' 205—6); דער ראַציאָנאַליסט יעקב אַנאַטולי

דאַרינגן קיין וואָרט. איך וואָלט דוך גערן ווישן נאָרט (בלויז), וואש זיא קענן האָבן נָר איין כונה. דארום האָבן מיר גימאכט איין מסקנה, צו דרוקן די תפלה אין טייטשער שפראך, אונ׳ אנדרי ספרים מעהר דער נאך״[19].

יוסף בר יקר איז אָבער ניט אויסן בלויז יראת שמים. דאָס גע־דרוקטע בוך איז דאָך געוואָרן אַ סחורה־אַרטיקל, און יוסף בר יקר שעמט זיך כּלל ניט אָנצוווייזן, אַז ער מיינט מיט זיין אויסגאַבע אויך דאָס ביסעלע פּרנסה. ער זוכט קונים פאַר זיין סחורה, און ווייל רעקלאַמעס זיינען נאָך דעמאָלט ניט געווען, נוצט ער דערצו אויס דעם שער-בלאַט. ,,קומט הער איר ורומן ורויאן — רופט יוסף בר יקר אויפן הויכן קול — דא ווערט איר הויפּש דינג שויאן, איר ווערט עש וואל גיוואר, איין תפלה בום גאנצן יאר, וואל בור טוויישט אונ׳ בשיידליך, דרום קומט אונ׳ קויפט ווידליך, איר ווערט זי זונשט בור זוימן, דען זי ווכשן (וואקסן) ניט אויף דען בוימן, אויך איז זי ניט צו טוייער, אום איין קרונן איז זי אוייער״. און יוסף בר יקר באַנוגנט זיך ניט דערמיט. אינם שלום־וואָרט דערמאָנט ער נאָך אַמאָל דעם לייענער: ,,איך האב זי אום איין קרונן דרלאויבט, אָבער איך שוויר בייא מיינם האויבט (הויפּט). זי איז איר וואל ווערט צען, איר ווערט עס זעלבשט וואל זען, ווען איר אנדרי תפילות ביזעכט (באַטראַכט) דערבייא, מן מאג וואל זאגן ורייא (פריי), עש איז אזא גרושה אונטר שאייד, אז צווישן איינם אלטן ווייבא אונ׳ איינר יונגן מאייד״.

אזא מין פאַרגלייך אויף די בלעטער פון אַ סידור — דאָס איז געווען עפּעס גאַנץ נייס; דאָס האָט געמוזט מאָדנע קלינגען אין די אויערן פון די לומדים, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן אויף דער רבנישער ליטע־ראַטור. יוסף בר יקר איז אָבער כּלל ניט געווען קיין אויסנאַם; זיין מאַניער

געפינט, אַז מע דאַרף ניט פאַרברענגען אַזוי פיל צייט אויף תפילות ותשבחות („המתפלל צריך שיקצר בהם וימעט אותם ולא יוסיף מהם רק מה שתקנו אנשי כנסת הגדולה״). דאָס זעלבע געפינט אויך דער בעל „המבקש״, שם טוב פלקירה, וועלכער דערקלערט, אַז מע איז פולשטענדיק יוצא בלויז מיט דוד המלכס תפילות („ראוי להשיר משיריהם אלא מקצת פיוטים ולא כלם ובשירי דוד לבדם ראוי לשבח השם יתברך ולהללו״).

19 עס איז כּמעט אויסער ספק, אַז טאַקע דער זעלבער יוסף בר יקר איז אין דעם זעלבן יאָר דערשינען אין תיים שוואַרצס דרוק דאָס באַריימטע „שמואל־בוך״. דערויף זאָגן עדות יוסף בר יקרס שלום־ווערטער אין דער הקדמה צו דער תפלות־איבערזעצונג: „נון וואלן ביר בימן גוט (גאָט), דער אונש בישהער ניהולפן הוט, דש אונש ווייטר זול שטערקן וויא די לייבן, צו דעם „שמואל־בוך״ דש וויר אן היבן, דז וויר עז באלד בילעבדן און זול אונש דיש יאר משיח זענדן״.

און סטיל איז טיפּיש פאַר דער יידיש־דייטשער ליטעראַטור פון יענער צייט. דאָס בוך, וואָס האָט זיך געווענדט צו דער ברייטער פאָלקס־מאַסע, האָט זיך גערעכנט מיטן געשמאַק פון דער דאָזיקער מאַסע, האָט געאָטעמט מיט איר לופט און וועלטבאַנעם. די העברעיִשע ספרים זײַנען געווען פאַר־זאָרגט מיט הסכמות פון רבנים און גדולי הדור, אָבער די יידיש־דייטשע ביכער, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן פאַרן פשוטן עולם, האָבן זיך כּלל ניט גענייטיקט אין קיין הסכמות: די אַרויסגעבער זייערע, על־פּי רוב אַליין פּשוטע מענטשן פונם פאָלק, פלעגן דירעקט זיך ווענדן צום עולם, אין ברחנישע גראַמען אויסלויבן זייער סחורה און פאַרבעטן וואָס מער קונים. אויף די שער־בלעטער פון זייערע אויסגאַבעס טוען זיי זיך ווענדן צום פּוב־ליקום[20], מען זאָל זיך איילן און זען וואָס גיכער קויפן דאָס העכסט־אינ־טערעסאַנטע בוך, אַ ניט וועלן זיי פאַרזאַמען[21]; אַנדערע פאַרזיכערן, אַז באָם מען וועט דאָס בוך ניט באַלד קויפן, וועט שוין זיין צו שפּעט — עס וועט אָוועקגעשיקט ווערן אין פרעמדע לענדער[22]. עס זיינען אויך געווען אַזוינע פאַרלעגער, וואָס האָבן אַליין אָפנהאַרציק דערקלערט, אַז זיי זיינען אויסן מיט זייער בוך רק דאָס ביסעלע פּרנסה: „עש דריקט מיך, דרום דרוס איך, וואָש מיך דריקט איז הש"י ביקאַנט, זנויל פאַפערש בין איך גינאַנט"[23]. די דאָזיקע אויפרופן און שער־בלאַט־רעקלאַמעס זיינען על־פּי רוב געשריבן אין דער געוויינלעכער פאָרם פון דייטשע „קניטלפערזן"; צייטנווייז האָבן זיך אָבער אונזערע פאַרלעגער ניט באַנוגנט מיט דער דאָזיקער פּשוטער דיכטונגס־פאָרם, און האָבן זיך באַנוצט מיט דער אַלטער אַראַבישער מעטריק, אין וועלכער דונש בן לברט האָט זיינע פאָלע־מישע לידער געשריבן און שלמה גבירול און אַנדערע ליטורגישע דיכטער האָבן זייערע „אזהרות" געדיכטעט. אין דער דאָזיקער קאָמפּליצירטער מעטריק איז, למשל, פאַרפאַסט יהודה ברעשס ווענדונג צום לייענער־פּובליקום אויפן שער־בלאַט פון דער קרעמאָנער חומש־אויסגאַבע (1560):

---

20 „פר חייבר אונ' כוידן, אך צו לייאן מים פריידן, בחורים אונ' בעלי־בתים אלי ביידן"; „צו ערין אלין מאנן, יונגן מיידליך און חייבר" אאז"וו.

21 „דרום קומט גישווינד צו לויפן, דיז שין מעשה צו קויפן, דען עש זיין נים פיל חארדן גידרוקט, דרום חערדן זיא באלד פרצוקט".

22 „קומט צו לויפן, אונ' ניכער קויפן, זיין נים פיעל חארין גידרוקט, דרום חערין זיא באלד פארצוקט, קויפט זיא ביהענד. אֵי זי חערין קומן אין פרעמדי לענדי".

23 זע שולמאַן, ציט. חערק, ז' VII.

איך דער שרייבער—אַלע ווייבער—און פרום לייבער—טו איך רופן...
איז עס ניט שיין—דאָס בוך זיי פיין—דאָס דאַ אַלס דריין—איז
געשלאָפן (געשליפן)...
אַלס דער ספּיר—איז דאָס פּאַפּיר—און אַך טאַפּפיר—אנצוגרייפן...
איטליכי מאַד—זיי עס ניט לאַד (לייד)—איר אֵיגן קלאַד (קלייד)—
צו פאַרקאָפין
איך אַל זאַכין—געלט צו מאַכין—זייא מיט באַכין (באַקן)—און
גענז שטאָפּפן...
און באַדי (ביידע) וועלט—גאָט עס פר געלט—ווער מיט דעם געלט,
דאָס ווערט קאָפין... אאַז״וו.

עס איז ניט בלויז קיין צופאַל, וואָס יוסף בר יקר, וועמען מיר האָבן צו פאַרדאַנקען דעם ערשטן געדרוקטן סידור אויף יידיש, האָט אויך געשטעלט זיך די אויפגאַבע, גלייך נאָכן סידור צו פאַרעפנטלעכן דעם באַרימטן „שמואל־בוך״-עפּאָס. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן [24] אויף דער ראָלע פון די פּירזאָגערס און בעלי־דרשנס. מיר האָבן דאָרט געזען, אַז אויך אין דער נאָך־תלמודישער תקופה, ווען דער תלמוד און די אַלטע מדרשים זיינען רעדאַקטירט און אויפגעשריבן געוואָרן, האָט זיך דאָך דערמיט ניט פאַרשלאָסן דער קוואַל פון דער אגדה. די נאַציאָנאַלע לעגענדעם האָבן אויך אין דער שפּעטערדיקער תקופה פאַרנומען אַ זייער בכבודיקן אָרט אין דעם עפנטלעכן רעליגיעזן קולט, ווען אפילו אין אַ געענדערטער פאָרם, און דער דרוש איז אין פּיוט איבערגעשמאָלצן געוואָרן. אויך אין די אייראָפּעיִשע יידישע קיבוצים האָט זיך דער גאָלדענער אגדה־שטאָף ווייטער געשפּונען. די דאָזיקע קיבוצים האָבן שוין ניט גערעדט אויף דעם דיאַלעקט, אויף וועלכן דאָס אַזיאַטישע יידנטום האָט גערעדט בעת דער אַלטער מדרש־שטאָף איז געשאַפן געוואָרן. האָבן שוין אויך די מדרשים, ניט בלויז די תורה זיך גענויטיקט אין מתורגמנים, וואָס זאָלן דערקלערן און אויך פּאָעטיש באַאַרבעטן דעם דורך די פריערדיקע דורות געשאַפענעם אגדישן שטאָף. ווידעראַמאָל איז לעבן דעם בעל־דרשן דער פּייטן געשטאַנען, נאָר יענער האָט שוין ניט געשאַפן ווי אין דער נאָך־תלמודישער תקופה, לויטן מוסטער פון די פּיריער און גריכן, נייערט לויט די מיטלעלטערלעכע אייראָפּעיִשע מוסטערס. ניט בלויז די תפילות זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך פון פאָלק, ניט נאָר דרשות האָט מען געהאַלטן פאַרן עולם „בלע״ז״ אָדער „בלשון אשכנז״;

[24] זע אויבן, ז׳ 32.

עס פלעגן אויך רעציטירט ווערן אויף דער אומגאנגס-שפראך פונם קיבוץ דיכטערישע באארבעטונגען פון מדרש־שטאף. ווי די פייטנים און חזנים אין העברעיש, אזוי פלעגן אויך די פירזאגערס דעקלאמירן אין שול פארן ברייטן עולם ליטורגישע דיכטונגס־שאפונגען אויף דער פאלקס־שפראך.

זייער אינטערעסאנט איז אין דעם פרט די קינה אויף תשעה־באב, וואס איז פארפאסט געווארן בערך סוף 13טן י״ה[25] אויפן איטאליעניש־יידישן דיאלעקט פון די איטאליענישע יידן אויס יענער צייט. אין דער דאזיקער קינה, וואס באקלאגט אזוי הארציק די צרות, וואס דאס פאלק ישראל שטייט אויס אין גלות, ווערט אין שטארקע סטראפעס דיכטעריש באארבעט די באקאנטע מדרש־לעגענדע וועגן די צוויי קינדער (א זון מיט א טאכטער) פון דעם כהן־גדול ישמעאל בן אלישע, וואס זיינען נאכן חורבן אלס געפאנגענע פאר קנעכט פארקויפט געווארן[26]. די דיכטונג פארענ־דיקט זיך מיט דעם געוויינלעכן פרומען ווונטש: גאט זאל וואס גיכער שיקן די גאולה, און מען זאל זוכה זיין צו דערלעבן ביאת המשיח. דער באקאנטער פארשער עמנואל קאסוטא, וואס באהאנדלט די דאזיקע עלעגיע אין זיין ספעציעלער ארבעט[27], שטרייכט באזונדערס אונטער, אז ביי דעם ריין־נאציאנאלן אינהאלט פון דער דאזיקער דיכטונג, פילט זיך אבער אין איר אויסערלעכער פארם און אין דעם סטראפעס־בוי די שארפע השפעה פון די קריסטלעכע „זשאנגלערן" — די וואנ־דערנדיקע איטאליענישע זינגער און שפילמענער פון יענער צייט. משמעות, די דאזיקע דיכטונג האט געשאפן א יידישער שפילמאן, וואס האט זיך באנוצט מיט די דיכטונגס־פארמען פון זיינע קריסטלעכע חברים פאר זיינע נאציאנאל־ליטורגישע לידער.

דאס אייגענע, און אפשר נאך אין ברייטערן פארנעם, איז פאר־געקומען אויך אין די יידיש־דייטשע קיבוצים. אין דער תקופה פון בית־שני פלעגט מען, ווי מיר ווייסן, יעדן שבת פארלייענען פארן עולם די באטרעפנדיקע סדרה און גלייך דערביי זי דערקלערן אויף „תרגום"־לשון, ד״ה אויף דער דעמאלטיקער אומגאנגס־שפראך פון פאלק. אין די קהילות פון די אייראפעישע לענדער, ווו דער תרגום־לשון איז שוין גע־ווען אומפארשטענדלעך פאר דער פאלקס־מאסע, פלעגט מען דערפאר

---

25 אויפגעהיט אין צוויי אלטע מאנוסקריפטן אוים דעם 14טן י״ה, פארעפנטלעכט אין 1913.

26 גיט׳ גיטין, דף נ״ח.

27 1929 ,"Un antichissima elegia in dialetto guideo-italiano". (באריכות וועגן דער דאזיקער ארבעט זע: „קרית ספר", VIII, 499—501).

פאַרלייענען בלויז דעם העברעישן טעקסט אָן דער אַראַמישער איבערזעצונג, אָבער אויך אָן דער איבערזעצונג אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך. בלויז אין געוויסע פאַלן פלעגט מען באַשטימטע פרשות פון דער ביבל פאַרלייענען אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך. מיר האָבן שוין פריער געבראַכט די גביית עדות פונם ריב"ש, אַז פורים איז געווען דער מנהג פאַרצולייענען פאַרן עולם די מגילה „בלע"ז", ד"ה אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך. די דאָזיקע איבערזעצונג איז אָבער ניט געווען קיין װערטלעכע, נאָר צונויפגעשמאָלצן מיט דרוש; מיר ווייסן דאָך, אַז אַפילו די אַלטע גריכישע איבערזעצונג, וואָס איז, ווי אַ לעגענדע דערציילט, געמאַכט געוואָרן דורך 70 זקנים, אַנטהאַלט שוין אין מגילת־אסתר אַ געוויסן טייל מדרש־שטאָף. אין די מיטלעלטערלעכע דינים־זאַמלונגען געפינען מיר אויך גאַנץ קלאָרע אָנווייזונגען, ווי מען פלעגט באַשטימטע פרשות פון חומש דערקלערן אויפן דרך הדרוש פאַרן עולם ביים דאַווענען אין שול. אין דעם „כל־בו"[28] און אין אהרן הכהנס „ארחות חיים"[29] ווערט אָנגעוויזן, אַז דעם ערשטן טאָג שבועות „הוסיפו לדרוש עשרת הדברות בלע"ז" — פלעגט מען די עשרת הדברות דערקלערן פאַרן עולם על דרך הדרוש, אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך, „בכדי אויך פרויען און עמי־הארצים זאָלן קאָנען פאַרשטיין". אויך שביעי של פסח און שבת שירה פלעגט מען דרשענען וועגן יציאת מצרים און דער שירת הים (מויושע עד סוף השירה, שמות, 14, 30—31, 15, 1—19), און מען פלעגט דערציילן „אויף דער שפּראַך, וואָס אַלע קאָנען פאַרשטיין, די וווּנדער, וואָס גאָט האָט מיט אונז געטאָן". אויך פלעגט מען דרשענען „וועגן די ישועות, וואָס גאָט ברוך־הוא וועט מיט אונז טאָן".

און עס איז טאַקע אויפגעהיט געוואָרן דער טעקסט פון די באַטרעפנדיקע מדרשים, וואָס פלעגן פאָרגעטראָגן ווערן אין מיטלעלטער אין די אייראָפּעישע קהילות אין די דאָזיקע יום־טוב־טעג. דער ערשטער הייסט „מדרש עשרת הדברות" אָדער אויך „הגדה של שבועות", דער אַנדערער — „מדרש ויושע" (אויפגעשריבן בערך אין 10טן—11טן

---

28 „כל בו", ערשטע אויסגאַבע, דף 57, עמ' ב'.

29 מיר ברענגען דידאָזיקע אינטערעסאַנטע שטעלע בשלמות: „ונהגו בשביעי של פסח וביום הראשון של עצרת בהרבה מקומות לתרגם כל הפרשה כדי להבין לנשים ולעמי הארץ הניסים והנפלאות ולשכך אזנם ויתנו לשם הודאה על הדבר. כי באותו הזמן שנקבע היו מדברים כולם בלשון ארמי ובזמן הזה לא זז המנהג ממקומו, אבל הוסיפו עליו לדרוש מויושע עד סוף השירה והדברות בלשון לע"ז ומספרים נפלאות שעשה לנו השם ולאבותינו בלשון שיבינו הכל וגם דורשין מה שעתיד הקב"ה לעשות לעתיד לבוא כשיוציאנו מן הגלות" („ארחות חיים", פרינצי, 1750, 57—58).

י"ה, צום ערשטן געדרוקט אין 1519 אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל). אמת, די דאָזיקע מדרשים זיינען אויפגעהיט אין העברעיש; אָבער שוין צונץ האָט גאַנץ ריכטיק אָנגעוויזן, אַז די פון מיטלעלטער אויפגעהיטע העברעישע מדרשים זיינען אָדער אויסצוגן פון עלטערע מדרשים אָדער אַן איבער־זעצונג אויס דעם מינדלעכן פּאָרטראָג, וואָס איז גע־האַלטן געוואָרן אין דער אומגאַנגס־שפּראַך [30].

באַזונדערס אינטערעסאַנט פאַר דער געשיכטע פון אַלט־יידישע געשריפטן איז דער „מדרש ויושע". אין אים זיינען צוזאַמענגעשמאָלצן צוויי באַזונדערע מדרש־מאָטיוון: די מעשה פון עקדת־יצחק און די מעשה פון יציאת מצרים. און עס איז טאַקע אויפגעהיט געוואָרן אין אַן אַלטן מאַנוסקריפּט אַ יידישע־דייטשע באַאַרבעטונג [31] פון דער עקדת־יצחק־לעגענדע געגוי אין דעם נוסח, ווי זי איז איבערגעגעבן אין „מדרש ויושע" [32]. די דאָזיקע „שירה פון יצחק" איז געשריבן אין איינפאַכער האַרציקער פּראָזע; עס איז אויסער ספק, אַז אין דעם דאָזיקן נוסח פלעגט די עקדת־יצחק אויך פאָרגעטראָגן ווערן אין שול פאַרן עולם. עס איז אָבער ניט געבליבן בלויז ביי דער פּראָזע־באַאַרבעטונג. דער מדרש איז אויך אין פּיוט, אין יידיש־דייטשן פּיוט איבערגעשמאָלצן געוואָרן. מיר ווייסן, ווי גערן די פּייטנים אין מיטלעלטער האָבן די דאָזיקע לע־גענדע דיכטעריש באַאַרבעט אין ספּעציעלע פּיוטים, און ווי דער ספרדי יהודה עבּאַס האָט בשעתו זיין פּראַכטפולן „עת שערי רצון" געדיכ־טעט [33], האָט אַ שפּעטערדיקער דיכטער, אַ רעליגיעז־געשטימטער שפּיל־מאַן, דעם זעלבן שטאָף אין אַ יידיש־דייטשער פּאָעמע באַאַרבעט, און זיין שיינעם „דער יידישער שטאַם" געשאַפן. די דאָזיקע אין אַמאָליקע צייטן זייער פּאָפּולערע פּאָעמע איז אויפגעהיט געוואָרן אין צוויי מאַ־נוסקריפּטן — איינעם, וואָס געפינט זיך אין האַמבורגער ביבליאָטעק און באַשטייט אויס 63 סטראָפעס, האָט אויפגעשריבן אין 1574 אַ גע־וויסער יצחק קוטנס [34]; דעם צווייטן מאַנוסקריפּט, וואָס האָלט 80 סטראָ־

30 זע „גאָטעסדינסטליכע פּאָרטרעגע", 2טע אויפלאַגע, ז' 37: „איין גראָסער טייל, ענדליך, דער העבּרעישן הַגָּדָה, דער יונגערן נאַמענטליך, איסט ענטוועדער שריפטשטע־לעריי אונד אַרבייט דער זאַמלער, אָדער איבערזעטצונג אויס דער לעבענדען שפּראַכע דעם מינדליכען פּאָרטראַגעס".

31 פאַרעפנטלעכט דורך מ. ווייַנרייך אין זיינע „בילדער", 134–138.

32 אויך אין תלמוד (סנהדרין, פ"ט), אין מדרש תנחומא און אין ילקוט שמעוני.

33 זע אויבן, קאַפּיטל איינס, ז' 33–34

34 מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַן אייגנהענטיקער קאָפּיע, וואָס נ. שטיף האָט אונז צוגעשיקט.

פעס, געפינט זיך אין פאריזער אוניווערסיטעט, האט אין יאר 1579 אנגע-שריבן איינער אן אנשל לוי פאר א „געגערין" פעסל בת שמואל פווישה[35]. ביידע אפשריפטן שטימען אין אלגעמיין צוזאמען, בלויז צום שלום ווערט אין דעם פאריזער מאנוסקריפט נאך צוגעגעבן דער עפיזאד וועגן שרהס טויט, און דערנאך קומט נאך אן עפילאג, וואס פעלט אין האמבורגער כתב־יד, און דארט ווערן מיט גרוים התפעלות געבענטשט „אברהם און יצחק די מאנן בידר", און אויך דאס מעסער און דער ווידער, דער בארג און דער דארן, און אפילו דעם קרבנס הויט און פלייש און הארן.

דער סטיל פון דער פאעמע איז אן ערנסט-געהויבענער, פאטעטי-שער, ווי אין די אלטע פיוטים און רעליגיעזע „אזהרות". שוין אין דער ערשטער סטראפע פילט זיך אין זיין גאנצער קראפט דער ערנסטער פאטאס פונם פרומען דיכטער: „יודישר שטאם ואן (פון) רעכטר ארט[36] — דער ואן (פון) אברהם אבינו גיבורן ווארד — אונ' ואן (פון) שרה אונזר מוטר צארט — די זיך בייד אין גאטש דינשט ניט האבן גישפארט". צום אונ-טערשייד פון דעם העברעישן פייטן אוים דעם 12טן י"ה, יהודה עבאס, וואס לאזט אין זיין אויבן־דערמאנטן פיוט אומבארירט די קטיגורישע ראלע פונם שטן, פאלגט דער אומבאקאנטער דיכטער פון „עקידת יצחק" טריי אלע עפיזאדן פונם מדרש. אלס אילוסטראציע ברענגען מיר דא א פראגמענט אוים דער אויבן־דערמאנטער כמעט ווערטלעכער פרא-זאישער מדרש־איבערזעצונג פאראלעל מיט די באטרעפנדיקע סטראפעס אוים דער „עקידת־יצחק"־פאעמע:

פראזע־איבערזעצונג (שירה פון יצחק):

דא גינג אברהם אן די שטאט (אויף דעם ארט) אונ' מאכט איין מזבח, אונ' יצהק ריכטט זעלברט צו די שטיינער אונ' דאס האלץ. דא שפראך [יצחק]: „ליבער פאטער, בינד מיר מיינע הענט אונ' מיינע פים, ווען (ווייל) איך בין איין יונגר, פריש פון דרייסיג יארן, אונ' דו ביסט אלט, אונ' ווען איך ווער זעהן דאס שעכט־מעסר, דא מעכט איך מיך לייכט ניט שטיל האלטן. אונ' אכט דאס דו מיך וואל פארברענשט אונ' פולווערשט; אונ' ברינג דאס פולווער (דאס אש) צו שרה מיין מוטער". נון שפראך יצחק: „ליבר פאטער! ווען דו מיך נון האסט גישעכט אונ' פארברענט אונ' געסט צו מיינער מוטער — וואס ווילסטו איר זאגען וואו

85 מיר האבן זיך באנוצט מיט א פאטאגראפישער קאפיע, וואס מ. עריק האט אונז פריינדלעך צוגעשיקט.

86 אין פאריזער מאנוסקריפט: „יודישר שטאם דיא ווערדי ארט".

דו מיך געלאָזן האסט? און וואס וואלט איר דען טון אין איערן אלטען טאגען?"

דא שפּראך אברהם: „ליבער זון, וויר זויסן וואָל דאס וויר ניט לאַנג נאך דיר לעבן. דער זעלביגער דער אונש האט געטרייסט פון דעם טאג דאס דו ביסט געבוירען וואָרען, דער זאָל אונז פארבאס (וויטער) אויך טרייסטען"[37].

די „עקידת־יצחק"־סטראָפעס:

פאטער אונ' זון טרייסטען זיך אננדר בייד — איר בעקימערניש אונ' שמערצין לייד — יצחק דאָס האָלץ זעלבסט אויף דעם מזבח בירייט — אַז איין חתן דער זיך אויף זיין חופה פרייט.

— שירץ אויף דיין ארים אונ' בינד מיר אַלע פיר גירעכט — דאס איך ניט דאר שרעק פיליכט — ווען איך ווערד זעהן דאָס מעסר דאר איך מיט זאָל ווערדן גישעכט — אונ' ניט צו איינם קרבן ווערד פאר שוועכט.

— אונ' ווען דו מיך צו עשי (אַש) ווערשט פר ברענט האָן — מיין עשי זאָלסט אויף העבן שאָן — אונ' צו מיינער מוטער שרה טראגן טון — אונ איר צו לעצט צו איינר גידעכניש לאָן[38].

— יצחק וואש (וואר) איבר גאסן מיט הייסן טרערן. — ליבר פאטר, וואס ווילטו צו מיינער מוטער יעהן (זאָגן) — ווען זי מיך ניט מיט דיר קומן זעהן? — ליבר זון, איך וויל דיר זאָגן, וואס אונז נאך דיינעם טויט ווערד גישעהין:

— איך אונ' שרה די מוטר דיין — ווערדן נאָך דיינעם טויט ניט לאַנג אויף ערדן זיין — ווער זאָל נון טרייסטן דאס עלנד מיין — אונ' דיין מוטר בישווערניש פיין!

— יצחק ווידער צו אברהם זייט (זאָגט): — דער אויך האָט גי־טרייסט אַלע בייד — אֵי איך וואַרד בישאפין — אונ' אויף די ערד בירייט — דער זאָל אויך טרייסטן איער לייד[39].

---

37 אויסלייג — מאָדערניזירט.

38 ביי יהודה עבאס אין זיין „עקדה":

כמאכלת יתמה מדברי.
נא חדדה, אבי, ואת מאסרי
חזק ואת יסד יקד דבשרי,
קח עמך הנשאר מאפרי
ואמר לשרה — זה ליצחק רים.

39 אויסלייג — מאָרערניזירט.

די דאָזיקע זייער פּאָפּולערע פּאָעמע, וואָס האָט געהאַט אַן אייגענע מעלאָדיע („עקידה-ניגון'') [40], פלעגט בלי־ספק רעציטירט ווערן אין שול פאַרן ברייטן עולם דעם שבת, ווען עס איז געגאַנגען די סדרה „וירא'' אָדער דעם ערשטן טאָג ראש־השנה, ווען מען לייענט די באַטרעפנדיקע פּרשה. אין שבת שירה אָדער דעם זיבעטן טאָג פּסח פלעגט מען פאַר־לייענען אַן אַנדער פּאָעמע, אויך געשריבן אין שפּילמאַנישע סטראָפעס, דאָס איז די דיכטערישע באַאַרבעטונג פון דעם צווייטן, באַדייטנד גרע־סערן טייל פון „מדרש ויושע'', ווו עס ווערט באַהאַנדלט דער מאָטיוו פון יציאת מצרים. אויך די יידיש־דייטשע דיכטונג, אין וועלכער אַן אומבאַקאַנטער יידישער שפּילמאַן־דיכטער האָט דעם מדרש־שטאָף באַ־אַרבעט, טראָגט דעם נאָמען „מדרש ויושע'' [41], און באַשטייט אויס 92 זיבן־שורהדיקע סטראָפעס מיטן גראַם־שליסל אַב אַבא גג. אַז די דאָזיקע פּאָעמע איז אַנטשטאַנען נאָך דעם אויבנדערמאָנטן „עקידת יצחק'', קאָן מען זיך משער זיין אויס דער פערטער סטראָפע, וווּ עס ווערט דער־מאָנט „דער הייליג אברהם'' מיט דער אָנווייזונג: „פון אים מן נאָך הייט זאָגט אונ' זינגטן''. אַז אויך דער יידישער „מדרש ויושע'' פלעגט דעקלאַמירט ווערן מיט אַ ספּעציעלן ניגון, דערויף זאָגט עדות די אָריינ־פיר־סטראָפע:

גוטר מער * איך אייך זינגן וויל
וויא וואול מן הערט זיא זעלטן;
לאָזט אויך (אייך) ניט זיין איין קינדער־שפּיל,
איר ווערט ניט דארום שעלטן.
דיא מער די איך ביגינן וויל,
לאָזט אייך ניט זיין צו שווערן
מיר זינגן עש גאָט דען אַלמעכטיגן צו ערין.

די פּאָעמע פאַרענדיקט זיך מיטן פעסטגעזעצטן נוסח — מיטן ווונטש, אַז משיח זאָל קומען וואָס גיכער:

---

[40] אין דער פּאָעמע גופא ווייזט אָן דער דיכטער: „נון וועלן מיר דעם שמן לאשן שטין — אונ' וועלן זינגן בון אברהם אונ' יצחק מין".

[41] אַז די דאָזיקע פּאָעמע פלעגט געלייענט ווערן אין שול זאָגט עדות די נאָטיץ אין דעם פּאַריזער כתב־יד נומ' 335: „להקורא מקיים הקריאה במשפטו עד רופאיך" (זע מ. עריק, „געשיכטע", זייט 126). די פּאָעמע „מדרש ויושע" איז צום ערשטן גע־דרוקט אין די 80ער יאָרן פונם 17טן י"הן איבערגעדרוקט דורך ל. לאַנדוי אין „פילאָ־לאָגישע שריפטן", II, און מיט דייטשער טראַנסקריפּציע אין „מאַנאַטשריפט", 1929, 601—621.

* מער — מעשה, דערציילונג.

אמן ואמן דאש ווער וואר,
דאש ביטן מיר דיך פון הערצן
אמן דאש עש גישאך דש יאָר
דש גלות לאז אונש ניט מֵין שמערצן
דא מיט מיר דיך אֵיביג לויבן גאָר
אונ׳ דיין תּורה אונ׳ מצות קאנן אז דער בעשר האלטן,
אמן זאָגט איר יונגן אונ׳ איר אַלטן [42].

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אז פּורים פלעגט מען פארן עולם פאַרלייענען אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך די מגילת־אסתּר מיט אַנדישע באַפּוצונגען. דער מדרש־שטאָף, וואָס פלעגט פאַרגעטראָגן ווערן דעם פאָלק אין די קדמונישע יאָרן, ווען די אומגאַנגס־שפּראַך פון די וויכטיקסטע יידישע קיבוצים איז געווען דער אראמישער דיאַלעקט — איז אויפגעהיט אין דעם באַרימטן תּרגום שני; דער מדרש־שטאָף, וואָס פלעגט פאַרגעטראָגן ווערן אין שול אין די שפּעטערדיקע דורות — איז אויפגעהיט אין די מיטלעלטערלעכע מדרשים: „אבא גוריון״, „מדרש מגלת אסתּר״, „חלום מרדכי״ אאז״וו. אויך דער מדרש־שטאָף איז איבערגעדיכט געוואָרן אויף יידיש־דייטש אין שפּילמאַנישע סטראָפעס און עס איז כמעט אויסער ספק, אז אין די דייטשע מיטלעלטערלעכע קהילות פלעגט מען טאַקע פּורים פאַרלייענען אָדער זינגען אָט די דאָזיקע דיכטערישע באַאַרבעטונגען [43]. עס איז אויך העכסט וואַרשיינלעך, אז אויך דער מדרש־שטאָף פון דער „הגדה של שבועות״ („מדרש עשרת הדברות״) איז געווען איבערגעדיכט אין שפּילמאַנישע סטראָפעס. די דאָזיקע פּאָעמע איז אָבער ניט אויפגעהיט געוואָרן; בלויז אַן אָנהערעניש דערויף קאָן מען געפינען אין די פראַגמענטן, וואָס נ. פּרילוצקי האָט פאַרעפנטלעכט אין זיין ערשטן באַנד „יידישע פאָלקס־לידער״ (ז׳ 99—109).

די דאָזיקע דיכטערישע באַאַרבעטונגען, ווענן וועלכע מיר האָבן

42 מיט דעמזעלבן כּאָטיוו פאַרענדיקט זיך אויך דער באַטרעפנדיקער מדרש: „מי שעשה נסים ונפלאות בימים ההם ובזמן הזה הוא יעשה לנו נסים ונפלאות בימים האלה ובזמן הזה ויקבוץ אותנו מארבע כנפות הארץ ויוליכנו לירושלים וישבח:ו בה ונאמר אמן סלה״.

43 עס זיינען אויפגעהיט אין כּתב־יד אַ גאַנצע צאָל אַזעלכע אסתּר־פּאַראַפראַזן, וואָס שטאַמען אויס דעם 14–15 י״ה. איינע פון זיי, וואָס ס׳האָט איבערגעשריבן אַ געוויסער קאָפּעלמאַן אין 1590, איז פאַרפאַסט אין אַכט־שורהדיקע סטראָפעס (אין דעם אַזוי־גערופענעם „בערנער טאָן״). פראַגמענטן פון דער דאָזיקער פּאָעמע זע ביי שטערק־שטיצמאַן, צ. ח., 229—235. ברונאָ קאָרמאַן האָט געשריבן אַ ספּעציעלע דיסערטאַציע וועגן דער „ביימטעכניק״ פון דער דאָזיקער פּאַראַפראַזע (האַמבורג, 1930).

דאָ גערעדט („עקידת יצחק‟, „מדרש ויושע‟, אסתר־פּאָעמעס), האָבן זיך געפונען אין אַ געוויסער פאַרבינדונג מיטן גאָטעסדינסט, מיט די שבתדיקע און יום־טובדיקע תפילות. דאָס איז געווען אַ מין פאָלקס־טימלעכער פיוט, אַן איבערגעדיכטעטער, אין דייטשע שפּילמאַנישע סטראָפעס־פאָרמען איינגעפאַסטער, מדרש. מיר ווייסן שוין אָבער[44], אַז ניט שטענדיק בלייבט עס בלויז ביים פרעמדן לבוש. מיר האָבן שוין דאָס ביים „ספר הישר‟ געזען, ווי אַזוי דער רעליגיעזער שטאָף באַקומט אויך אַן עולמיש־בעלעטריסטישן אינהאַלט, און דער מדרש־שטאָף ווערט מגולגל אין אַ העלדן־עפּאָס פון אַ ריין־ריטערלעכן שניט. די דאָזיקע דערשיינונג זעען מיר אין אַ באַדייטנד גרעסערער מאָס אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. כמעט אַלע דערציילנדיקע טיילן פון דער ביבל (יהושע, שופטים, שמואל, מלכים, יונה) זיינען אין העלדן־עפּאָס איבערגעדיכט, און איינגעפאַסט אין דער קלאַסישער פאָרם פון דעם באַדייטנדיקסטן אַלט־דייטשן פאָלקס־עפּאָס—אין דער ניבעלונגען־סטראָפע[45]. די קרוין פון די אַלע יידיש־דייטשע ביבל־עפּאָסן איז דאָס באַרימטע „שמואל־בוך‟.

װעגן דעם דאָזיקן מייסטערווערק האָבן מיר אַ גאַנץ רייכע ליטעראַטור[46], דאָך בלייבט עס ביז היינטיקן טאָג איינגעהילט אין אַ סודותדיקן שלייער, און עס בלייבט אומבאַקאַנט דער נאָמען פונם דיכטער און דער צייט, ווען דאָס ווערק איז געשאַפן געוואָרן. די אויפגעהיטע „שמואל־בוך‟־מאַנוסקריפּטן זיינען ניט עלטער פון די ערשטע דרוק־אויסגאַבעס[47], און טאַקע זיי האָבן נאָך מער פאַרגרעסערט דעם פלאָנטער אַרום דעם נאָמען פונם עפּאָס־דיכטער. אין דעם דעפעקטן־מאַנוסקריפּט, וואָס געפינט

44 זע אויבן, ז׳ 33 א״וו.

45 מ. ווינרייך ווייזט אַפילו אָן, אַז עס איז דאָך פאַראַן אַ קלײנער אונטערשייד צווישן דעם משקל פון די יידישע עפּאָסן אין דער מעטריק פון דעם ניבעלונגען־ליד. די סטראָפע, אין וועלכער עס איז פאַרפאַסט דאָס „שמואל־בוך‟, הייסט ביי די דייטשן „הילדעבראַנט־סטראָפע‟ (זע „בילדער‟ און ״וו, 98).

46 אַ באַריכט וועגן דער דאָזיקער ליטעראַטור גיט פּאַלק אין זיין באַרדינסטפולער, ליידער אָבער ניט פאַרענדיקטער אַרבעט („מיטטיילונגען פיר יידישע פאָלקסקונדע‟, 1908, 129—149). זע אויך: מ. ווינרייך, „בילדער‟, 68—111; מ. ערִיק, „געשיכטע‟, 112—120; שטערק־לייצמאַן, ציט. וו. 241.

47 געדרוקט צום ערשטן אין אויגסבורג 1544 אין דער דרוק פון יוסף בר יקרם שווער, חיים שוואַרץ. עס איז מעגלעך, אַז אין דער אויסגאַבע האָט זיך אויך באַטייליקט פּוילוס עמיליוס, וואָס האָט אין 1562 איבערגעדרוקט דעם שמואל־בוך מיט דייטשער טראַנסקריפּציע פאַר דייטשן פּובליקום: („Die zway ersten Bücher der Künig zu reimen weise verfast, aus den hebräischen Buchstaben mit Fleiss in unser Hochdeutsch gebracht‟).

זיך איצט אין האמבורגער ביבליאָטעק, איז אויפן לעצטן בלאט אנגע־
וויזן דער נאָמען פונם אפשרייבער:

דש בוך הון איך גשריבן מיט מיינר האנט
ליווא פון רעגנשפוק בין איך גננט
מיינר ליבן גונירין ברײדלן אישט זיא גננט
צו ברייד (פרייד) זול זיא עש נוצן אונ׳ לייאן, דש בגער איך.

האָט אָבער דער ביבליאָגראַף יאָהאַן קריסטאָף וואָלף, וואָס האָט
דער ערשטער באשריבן דעם דאָזיקן מאַנוסקריפט, א טעות געהאט אין
דעם נאָמען און געלייענט „ליטע פון רעגענסבורג" און נאָך דערביי
געקומען צו דער השערה, אַז די דאָזיקע פרוי איז טאַקע די פאַרפאַסערין
פון דעם ווערק. די דאָזיקע מעלדונג האָבן אין קריטיק איבערגענומען די
שפּעטערדיקע ביבליאָגראַפן, און אויף אַזאַ אופן איז געשאַפן געוואָרן
די לעגענדע וועגן דער „באַרימטער פרוי" ליטא אויס רעגענסבורג, וואָס
האָט דעם „שמואל"־עפּאָס געשאַפן. ערשט אין דער נייערער צייט האָט
קאַרפּעלעס, און נאָך אים קאָהוט, פּאַלק און באַראַכאָוו, געמאַכט א סוף
צו דער לעגענדע און אויפגעוויזן, אַז דער אַלטער וואָלף האָט במחילה
א טעות געהאט. א שטיקל פּלאָנטער האָט אויך מיטגעבראַכט דער צווייי־
טער מאַנוסקריפּט, וואָס געפינט זיך אין פּאַריזער ביבליאָטעק. די פאַר־
לעצטע סטראָפע פאַרענדיקט זיך דאָרט מיט פאָלגנדיקן פערז:

משה עשרים וארבע — בין איך גינאַנט
איך הון דש בוך גימאַכט — מיט מיינר האַנט.

פון דעם וויל איינער פון די נייערע פאָרשער[48] דרינגען, אַז דאָס
איז געווים דער ארץ־ישראלדיקער משולח משה עשרים וארבע, וועל־
כער האָט אַנטייל גענומען אין דער שאַרפער מחלוקת, וואָס איז אויס־
געבראָכן אין דער צווייטער העלפט 15טן י"ה צווישן די גרויסע צוויי
רבנים פון יענער צייט משה קאַפּסאַלי און יוסף קולון[49], און וואַרשיינ־
לעך איז ער עס טאַקע דער מחבר פון דעם „שמואל־בוך". רובאַשאָוס
השערה איז א גאַנץ שוואַכע. דער פאַמיליע־נאָמען „עשרים וארבע" איז
בכלל ניט קיין זעלטנהייט אין 15טן י"ה, און דאָס וואָס דער באַטרעפנ־
דיקער משולח ווערט גערופן מיטן ביינאָמען אשכנזי, איז נאָך בכלל
ניט קיין ראיה, אַז ער גופא איז געקומען פון דייטשלאַנד. יעדנפאַלס,
ווען אפילו ביידע משה עשרים וארבע זאָלן זיין איין און די זעלבע

---

48 זלמן רובאַשאָוו אין „צוקונפט", יולי, 1927.

49 זע אונזער ווערק, באַנד IV, ז׳ 258—259.

פֿערזאָן, איז דאָך אויסער ספֿק, אַז דער משולח אויס ירושלים האָט גע־קאָנט זײַן בלויז דער אָפּשרײַבער, אָבער ניט דער גײַסטרײַכער שפּילמאַן, וואָס האָט דעם „שמואל־בוך" געשאַפֿן.

ניט פֿעסטגעשטעלט איז אויך די צײַט, ווען דער דאָזיקער עפּאָס איז באַשאַפֿן געוואָרן. דאָך איז אויסער ספֿק, אַז דאָס ווערק איז באַ־קאַנט געוואָרן פֿ אַ ר ן 16טן י"ה. אַ רמז דערויף געפֿינען מיר טאַקע אין סוף פֿון דער אויגסבורגער אויסגאַבע (1544), וווּ עס ווערט אָנגעוויזן, אַז „דען ניגון פֿון דעם ספֿר שמואל — דען קאַן כּל ישׂראל". משמעות, אַז דאָס „שמואל־בוך" איז שוין פֿון לאַנג געווען באַקאַנט בכּל תּפֿוצות ישׂראל. און דער דאָזיקער „ניגון פֿון דעם ספֿר שמואל" איז געווען אַזוי באַליבט און פּאָפּולער, אַז ער האָט געדינט אַלס פֿאָרבילד און מוסטער פֿאַר אַ סך אַנדערע איבערדיכטונגען פֿון ביבלישע ביכער. „אויף דעם ניגון פֿון שמואל־בוך איז עש וואָרן גימאַכט" — דאָס איז געווען די בעסטע רעקלאַמע, אַזוי גרויס איז געווען דער שם פֿון דעם דאָזיקן ווערק. און עס האָט דעם דאָזיקן שם ווירקלעך פֿאַרדינט; עס איז בלי־ספֿק איינס פֿון די פּראַכטפֿולסטע דענקמעלער, וואָס די אַלט־ייִדישע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט.

בײַ אַ סך פֿאָרשער ווערט דאָס „שמואל־בוך" באַצייכנט אַלס דיכ־טערישע ביבלישע פּאַראַפֿראַזע[50], דאָס איז אָבער ניט אינגאַנצן ריכטיק. אַלס ווײַכטיקסטער מקור פֿאַר דעם דאָזיקן העלדן־עפּאָס האָט פּאַקטיש געדינט די מדרש־ליטעראַטור[51]. מיר האָבן שוין פֿיל מאָל אָנגעוויזן אויף דער ראָלע פֿון די פּייטנים, וואָס האָבן איבערגעדיכט דעם מדרש־שטאָף. אויך דער „שמואל־בוך"־דיכטער האָט זיך געשטיצט אויפֿן רײַכן אַגדישן שטאָף, וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דער מדרש־ליטעראַטור. דעם דאָזיקן שטאָף האָט דער דיכטער ניט באַדאַרפֿט ערשט אַרויסבאַ־קומען אויס די אַלטע ספֿרים, — ער האָט געלעבט אין מויל פֿון פֿאָלק און איז געווען אַן אָרגאַנישער טייל פֿון דער קולטורעלער סבֿיבֿה, אין וועלכער אונזער דיכטער האָט געלעבט. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אויף דער ראָלע פֿון די מגידים און פּירושאָגערס. בײַ דעם יקרות פֿון ביכער אין מיטלעלטער האָט דער פּשוטער עולם ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו האָבן יעדער פֿאַר זיך אַ חומש מיט אַן איבערזעצונג און מיט אַ פּירוש אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך. „פֿאַר צײַטן — דערציילט דער „לבֿ טובֿ"

---

50 זע, צום בײַשפּיל, בײַ שפּערק און לײַצמאַן, צ. וו. 241.

51 דערויף האָט שוין בשעתו אָנגעוויזן גרינבוים אין זײַן „כרעסטאָמאַטיע", 15—16. זע אויך נח פּרילוצקיס זאַכלעכן אַרטיקל אין דער „ייִדישער וועלט", 1930, VII—VIII.

(צום ערשטן געדרוקט אין 1620) — איז אופט אין מענכר שול נים גיוועזט איבר איין מחזור, אודר צוויי אודר דרייא אויף אליר מיינשט... דא האט עש נימנץ גיזאגט, דען דער חזן האט עש מוזן וואול פר שטין״[52]. דערויף ווייזט אויך אָן דער באַרימטער פאַרפאַסער פונם „צאינה וראינה״, יעקב אשכנזי אויס יאַנאָווע, אין זיין פאָררעדע צום „המגיד״: „למען דעת כל עמי הארץ מקטנם ועד גדולם, מעצמם ידעו ויבינו לקרות כל העשרים וארבע אשר לא היה כבר לעולמים רק אחד מעיר ושנים ממשפחה אשר היה להם יד ושם ל ה ג י ד, ועתה מלאה הארץ דעה ואין צריך ל ה ג י ד״. און טאַקע גלייך דערביי איז ער מסביר דעם זעלבן געדאַנק אויך אין יידיש: „דרום הוט מן גמכט דאז עשרים וארבע גנץ אוים, דש דער מענש בידארף נים צו זוכן איין מגיד דער אים זאָל זאָגן דש עשרים וארבע, דען ווען מן שוין איין מסקנה מכט אונ׳ תקנות דש מן זיך זול זעצן כיתות ווייש צו הירן עשרים וארבע, דא קומט פיל מאל ער מוז פר זוימן דען שיעור״[53]. די סדרות און הפטורות פון שבת און יום־טוב פלעגן די מגידים דערקלערן פאַרן ברייטן עולם ניט נאָר לויטן פשט, נייערט צונויפגעפלאָכטן מיטן אגדישן דרש־געוועב אויס דער אַלט־העברעיִשער עקזעגעטיק. פיל עלעמענטן פון דעם דאָזיקן מגידישן שטאָף זיינען דער יידישער יוגנט געווען גוט באַקאַנט שוין אויס די לערן־יאָרן אין חדר, ווו דער מלמד פלעגט איינקנעלן דעם ביבלישן טעקסט לויט אַ באַשטימטן, טראַדיציאָנעלן דרש־נוסח[54]. דער אומבאַקאַנטער באַשעפער פונם „שמואל־בוך״ האָט אין זיך פון קינדוויז אָן איינגעזאַפּט דעם דאָזיקן רייכן מדרש־שטאָף[55], אויף אים אויפגעוואַקסן; ער האָט זיך אָבער אויך נאָענט באַקענט מיט דער דייטשער עפּאָס־דיכטונג, זיך איינגעלעבט אין איר וועלט, געאָטעמט איר לופט; און ער האָט פאַר זיך געשטעלט די אויפגאַבע האַרמאָניש צונויפצושמעלצן די דאָזיקע צוויי וועלטן. אַדאַנק זיין באַדייטנדיקן דיכטערישן טאַלאַנט איז אים די דאָזיקע כלל ניט לייכטע אויפגאַבע גלענצנד געלונגען, און ער האָט באַוויזן צו שאַפן אַן אמת־נאַציאָנאַלן העלדן־עפּאָס. אים האָט באַגייסטערט דער

---

52 דאָרטן, 10a. זע אויך צונץ, „די גאָטעסדינסטליכע פאָרטרעגע", 2טע אויפלאַגע, 400.

53 מיר ציטירן לויט דער פּראָגער אויסגאַבע פון 1675.

54 וועגן דעם וועט נאָך אויסקומען ווייטער צו ריידן.

55 עס וואָלט אין דער הינזיכט אינטערעסאַנט געווען צו פאַרגלייכן די ערשטע סטראָפעס פון „שמואל־בוך" מיט דער ראש־השנהדיקער הפטורה־איבערזעצונג אין דער אויגסבורגער אָדער קרעמאָנער חומש־אויסגאַבע. עס וואָלט אויך כדאי געווען צו מאַכן פּאַראַלעלע פאַרגלייכן מיט דעם אין 11טן י״ה פאַרפאַסטן „מדרש שמואל".

מיט דראַמאַטישע עלעמענטן אַזוי רייכער שטאָף, און שוין אין די ערשטע אַריינפיר־סטראָפעס פילט זיך דער פייערדיקער פאַטאָס:

ווער מיט גאַנצם הערצן — זיין זין האָט גיקערט
צו אונזרם ליבן הערן — ווי אָפט ער אין דער גערט
זיין גינאָד אונ׳ זיין זיכערהיט — נאָך ני געלאָג
ער הילפט זיינן קנעכטן — עס זיי נאַכט אָדר טאָג.

זיין לאָב קאַן נימאַנט ענדן — וועדר פרוי נאָך מאַן
דאַרום זאָל מאַן שווייגן — ווען מאַן עס ניט פולענדן קאַן.
ער האט אונז געהאָלפן — אָפט אויס אונזר נאָט
און האָט אונז פר געבן — אונזר זינד אונ׳ מיסטאָט.

מיר האַן (האָבן) אין אָפט דער צירנט — אונ׳ ווידר אין געטאָן
זאָ האט ער אונז איין ווײלן — אונזרן פיינדן געלאָן
ווען מיר אין ווידר אַן רופטן — אונ׳ לייסטן זיין געבאָט
זאָ האט ער אונז געהאָלפן — דער לייזט אויס אונזר נאָט.

דער פון וויל איך שווייגן — עס ווער צו זינגען פיל,
פון דעם בוך שמואל — איך אייך זינגן וויל
ווי גאָט דורך זיינע גיטע — גרוייש וואונדר האט געטאָן
דער וועל אונז אין דעם גלות — אין קיינען נייטן לאָז [56]

שוין אין די ערשטע סטראָפעס באַנוגנט זיך ניט דער דיכטער מיטן טרוקענעם אָנווייז אין דעם ביבל־טעקסט, אַז פנינה האָט „דערצאָרנט איר קעגנערין" חנה, און ער נוצט דערביי קונציק אויס אַ געהעריקע מדרש־אגדה:

דאַ שפאָטעט אירער געלין* — זי שפּראָך: דו זאָלסט מיר זאָגן
חנה, מיין ליבע געלין, — וואס דו געקויפט האָסט דיינן קנאַבן,
דען גראָסן און דען קליינען? — דאַס לאָז מיך פאַר שטאָן
(פאַרשטיין)!
דו זאָלסט מיר דיינער קינדר גאָבן—אויך הער פאָרער גאָן (באַווייזן).

זיכסטו, ווי מיין קינדר — אירע גאָבן טראַגן?
דו ווייסט דאָך פון קיינר — פרייד ניט צו זאָגן.
ווען דו נון געשטירבסט — זאַ ביסטו פולענד בראַכט
דיין נאָמן ווערט פר געסן — אונ׳ נימער מער גידאַכט.

---

56 אויסלייג — מאָדערניזירט,
* אַנטשפּרעכט דעם העברעיִשן „צָרָתה".

דאָס פאר דראָס חנה — אונ׳ דענאך שווייג זי שטיל:
,,מיינעם מאַן אלקנה — איך עס ניט זאגן וויל״...

איר שווער געמיט גיסט זי אוים אין אַ הארציקער תפילה צו גאָט דעם אַלמעכטיקן [57]:

אויף האב זי איר אויגן — און זאך (זא) דען הימל אָן:
דו זאלסט מיר, הער גאָט, העלפן — דאס איך געווינען קאָן!
דו האסט מיט דיינען גענאָדען — בישאפן אויף דער ערדן
לייט צו געווינען קינדער — אלזא לאָס מיך אויך ווערדן.

זא האסטו דען אין דיינעם — (הייליקן) הימל רייך.
ענגעל די קיין קינד געווינען — און לעבן אייוויקלייך;
זאל איך קיין קינד געווינען — ליבער הערי מיין
זא לאז מיך אייוויק לעבן — אז די ענגל דיין.

זאל איך יא שטערבן — און זאל ווערדן באגראבן
זא לאז מיך, ליבער הער גאָט—ביפאָרני (פריער) קינדר טראגען *...

ווי דער בעל ,,ספר הישר״, אזוי שילדערט אויך דער דיכטער פון ,,שמואל־בוך״ זייער גערן די שלאַכט־סצענעס און די העלדישע מעשים פון די ביבלישע גבורים. דאָ פילט זיך וואָרשיינלעך די השפעה פון די דייטשע העלדן־עפּאָסן און ריטער־ראָמאַנען. די העלדן פון ,,שמואל־בוך״ זיינען אָבער דאָך ייִדישע גבורים, גאָטספאַרכטיקע און פרומע, וואָס האַלטן הייליק גאָטס תורה. ווען דער יונגער העלד דוד בן ישי דער־שיינט פאר גליתן, איז דער גוואַלטיקער ריז אויסער זיך פאר כעס:

נון ביסטו דאך איין קינדליין — אונ׳ האסט נייליך געזאגן
ווילטו מיט מיר שטרייטן — זא ביסטו וואל בעטראגן
דו מיינסט לייכט, דו קינדליין — איך זיי איין קליינער הונט
דו קאמסט מיט איינעם שטעקן — אונ׳ דו ווילט מיך מאכן וונט...

...דיין פלייש וויל איך צו רייסן — זא נים איך דיר דאס לעבן
דעם פיך (פי) אויף דעם פעלד—אונ׳ דען פעגעל וויל איכ׳ס געבן...

דערויף ענטפערט דער יונגער דרייסטער העלד, דוד בן ישי:

---

57 דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער תפילה, וואָס איז גענומען פון אַ מדרש, ווערט געבראַכט אין רש״יס פירוש אויף שמואל.

* דער גראָם איז דאָ פאַרדאָרבן. העכסטוואָרשיינלעך דאַרף דאָ שטיין: קינדער האָבן.

גאט וועט דיך ענטווערטן — נאך האט אין מיינע האנט
דיין שווערט אונ׳ דיינע וואפן—מאך איך דיר גאר איין טאנט
(ווי ליים)
איך האָר אן דיינען וואָרטן — דו ביסט איין דומער מאן
דו שפּריכסט מאן זאל מיך עסן — דאס ניכט לייכט עסן קאן.

דו שפּריכסט דו ווילט מיך געבן — אויף דעם פעלד דעם פיך (פי)
די קו אונ׳ אויך די אָקסן — די האָן (האָבן) געזיכערט מיך.
דו פאַרטומלטער היידן — איך דיר הייט דיין לעבן
דען טירן אויף דעם פעלד — דען וויל איך דיין שעלם געבן.

די וועלף אונ׳ אויך די בערן — לעווען אונ׳ אויך געווילד
זי זאלן דיך צורייסן — ווען איך דיר נים דיין שילד.
דו קאמסט זא וואל בעשלאסן — אין שטעהעליין * געוואנט
דעננאך ווערט דיך גאט — ענטווערטן ** אין מיין האנט.

אויף דען איך מיך פאר לאסען — מיט גאנצעם הערצן מיין
דער ווערט דיך באלד פערשטויסן — פאן דעם לעבן דיין.
דו האסט געשטראפט מיין הערן — דעם נימעט גלייכן מאג
דרום ווערט ער מיך לערנען — דאס איך דיר צו טאָט שלאג.

גאט פון הימעל רייך — האסטו דער צארנט זייער
דארום ווערט דיר ענטוויכן — דיין שווערט אונ׳ אל דיין ווער
מיין גאט דער ווערט דיר ווערן — דיינען בייזן שפּאָט
מיט נאמען גאט דעם הערן — וויל איך דיך שלאגן טאָט.

און ווען דוד האָט בייגעקומען אלע זיינע שונאים און קעגנער, און אלע טוען ציטערן פאַר זיין גרויס העלדישקייט, טוט ער, דער גוואַלטיקער העלד, פרום און אונטערטעניק זינגען אַ שבח און לויב דעם אַלמעכטיקן גאָט.

דאָס געזאַנג דוד [58].

איך לאָב דיך גאָט מיט פריידן — צו גאנגן איז מיין לייד
מיין פיינד די זיין פאר שיידן — דיין גינאד האט מיך דער פרייט

* מיין שטאָלענעם

** איבערגעבן, איבערענטפערן.

58 מיר ברענגען פון דעם גאַנץ לאַנגן ליד בלויז אייניקע פראַגמענטן. וועגן פאַרשיידענע וואַריאַנטן פון דעם דאָזיקן געזאַנג, זע שמערק און לייצמאַן, צ״ם, ווערק, 274 - 279.

דעם הערן קעניג שאול — האסטו מיך ניט געלאָזן *
דו הילפסט מיר, הער גאט, אל מאל — מיין פיינדי מוסטן צו גאן.

איינציגער גאט ישראל! — ווער קענט דיין לאב פולענדן,
דיין פיינדי קומן אין די העל **—דיין פריינדן הילפסט ביהענדן ***
דו העלפסט מיר מיט גרויסן וואונדר — אויף דעם פעלז זא האך
דו זענדיסט מיר ביזונדר — איין ענגל דער צו מיך צאָך.

דא ווארד איך לידיג באלדי — איך לאָב דיך, הערי מיין.
דו האלפסט מיר אין דעם וואלדי — דא שאול צאָך הין איין.
מיין שלאם אונ׳ מיינע פעסטי — מיט אל מיין הילף זא גראס,
דו ביסט גאָט דער בעסטי — אויף דען איך מיך פער לאז

דו ביסט מיין שילד מיין שווערד — דו שלאגסט מיין פיינד צו טאָט
ווער דיין הילף בעגערט — דער דארף ניט לידן נאט.
איך לאָב מיט מיינעם זינען — גאט דען הערן מיין
מיין קעל די מוז דער קלינגן — לאז דירז געהארזאם זיין.

איך רוף אין אן אין אל מיין לייד — גאט דען הערן מיין
ער הארכט מיך פון זיינער הייליקייט —מיין געבעט דאס נעמט ער איין.

מאן לאָבט גאָט מיט רעכטן — עס זיי ביי נאכט אדר ביי טאג
ער הילפט זיינען קנעכטן — זיין הילף אונז ני געלאָג...

גאט גאב אונז די תורה — אויף סיני דעם בערג
מיט צייכן אונ׳ מיט מורא — אונ׳ מיט גרויסער שטערק.
לעבעדיגער גאָט מיין שעפפער — מיין העלפער עוויקליך.
איינציגער גאט אונ׳ הערשער — אין הייליקן געניגרייך.

גאט האט מיך גיראכן **** — און דען פיינדען מיין
מיין פיינדע זיין צובראכן — זי מוזן מיין קנעכטי זיין
פון מיינן פיינדן אלן — ווער מיך יע בראכט אין נאָט
זי זיין אל מאל געפאלן — גאט יתברך מיר געהאלפן האט.

אלי שעלק אויף ערדן — איר באָסהייט האלף זי ניכט
צו כפרה מוסטן זי ווערדן — די פאלשן בייזעוויכט.

---

* איבערגעלאָזט, איבערגעגעבן.

** אין גיהנום.

*** געשווינד.

**** נקמה גענומען.

גאט קאן מיך וואל דערלייזן — איך לאב גאט מיט רעכט
ער הילפט פון אלעם בייזן — דוד זיינעם קנעכט...

אפענבאר וויל איך דיך לאבן — פאר דען פעלקרן אל
אין דיינם הימל דראבן — איך לאב דיך גאט מיט שאל
גינאד מיר ליבר הערן — דא מיט טרעט איך הין דאן
מיין הערץ זאלסטו לערן — דאס איך דיר דינען קאן.

מיט גרויסער פאטעטישער קראפט שילדערט דער דיכטער, ווי גד דער נביא דערפילט זיין שליחות און דוד המלך מוז אויסקלייבן איינע פון די דריי פורעניותן; און ווען דער מלאך־המות האט אויסגעשטרעקט זיין בלויזע שווערד איבער די געצעלטן פון ישראל און די שרעקלעכע מגפה האט אויסגעבראכן —

קיניג דוד זאך (זא) דען מלאך — ווי ער די לייט דערשלאג
ער דערשראק פון הערצן — עס וואש (וואר) אים לייד גענוג
ער ריף מיט גאנצן הערצן — צו דעם אלמעכטיגן גאט:
אך רייכער גאט פון הימל — שלאג מיך פאר צו טאט!

דאס גיריכט זאלסטו בעזיצן — אין דיינעם הימל רעכט,
הער גאט, איך בין איין פאר שפראך — אל ישראל גישלעכט
דיינע ארמע שעפליין — זאלסטו לעבן לון (לאזן)
אן מיר זאלסטו עס רעכן — איך הון די זינד גיטאן[59].

ביי דעם ערנסט־פאטעטישן טאן מיידט דאך דער דיכטער ניט אויס פריוואל־עראטישע עפיזאדן, ווי, צום ביישפיל, די סצענע, ווו אמנונס קנעכט מאכן גראבע וויצן בעת אמנון פארשפארט זיך אין צימער מיט זיין שוועסטער תמר. דאס שטערט אבער כלל ניט די הארמאנישע גאנצקייט פונם ווערק: עס איז דאך ניט קיין רעליגיעז־דידאקטיש גע־דיכט, נאר א וועלטלעך־נאציאנאלער עפאס.

דער פארשער פראנץ דעליטש האט מיט פולן רעכט באצייכנט דאס „שמואל־בוך" אלס א „דאווידידע"[60], דאס הייסט: אלס עפאס וועגן דעם העלדן־קיניג דוד. דוד המלך איז די צענטראלע פיגור פון דער גאנצער דיכטונג, און מיט זיין טויט פארענדיקט זיך דאס גאנצע ווערק...

טעמאטיש ענג פארבונדן מיטן „שמואל־בוך" איז אן אנדער

---

59 אין אלע ציטאטן — דער אויסלייג מאדערניזירט.

60 „צור געשיכטע ד. יודישען פאעזיע", 1836, 81.

ווערק, אויך פארפאסט אין דעם זעלבן סטראָפעס־מעטר — דאָס „מלכים־בוך", וואָס איז דערשינען אין דער זעלבער דרוקעריי, נאָר מיט א יאָר פריער פונם „שמואל-בוך"[61]. די ארויסגעבער האָבן גערעכנט די דאָזיקע צוויי פּאָעמעס אלס צוויי טיילן פון איין און דעם זעלבן ווערק. אויפן שער־בלאַט פון דער אויגסבורגער „שמואל־בוך"־אויסגאַבע איז אָנגעוויזן: „דער שמואל איש דש ערשט טייל בון דען ספר מלכים, דען עז קערט אלש צו איינגדר, בור האבט איר דש ספר מלכים אונ' איצונד האב איך דען שמואל דר צו גידרוקט אלש איין כתב". און אויך אין דעם נאָכוואָרט צום „שמואל־בוך", גלייך נאָך דער אָנווייזונג, אז „דען ניגון פון דעם ספר שמואל — דען קאן גאַנץ ישראל", ווערט נאָך אמאָל איבערגעחזרט: „ער אונ' דש ספר מלכים איסט אלז איינר". און אזוי איז דאָס אויך אין די שפּעטערדיקע דורות געווען אָנגענומען. דער מחבר פון „קהלת יעקב", יעקב בן יצחק סגל, מערקט אָן אין דער הקדמה: „דער דז ספר שמואל אונ' ס' מלכים האט אין איינם גיזאנג טאן מאכן". עס איז אָבער אויסער ספק, ווי ס'האָבן שוין דערויף אָנגעוויזן שטערק און לייצמאַן[62], אז דאָס זיינען צוויי גאַנץ באַזונדערע ווערק, געשאַפן העכסט וואָרשיינלעך פון צוויי פאַרשיידענע דיכטער. אויך דאָס „מלכים־בוך" הייבט זיך אָן מיט פּאַטעטישע לויב־סטראָפעס צו גאָט דעם אַלמעכטיקן:

איך לאָב דיך גאָט פון הערצן — דו ביסט וואל לאָבעם ווערט
דו האסט מיט דיינן קרעפטן — בישאפן הימל אונ' ערד
דערצו פיל וואונדר אונ' צייכן — די נימאנט ציילן קאן
צאָם אונ' אויך ווילדי — פרוי אונ' אויך די מאן.

דרום איז בעסער גישוויגן — מאן קאן עס דאך ניט ענדן
ווען דו ביסט זא מעכטיג — אל זאך קאנסטו ווענדן
דארום זאל מאן דיך פורכטן — דאס איז ביליך אונ' רעכט
אלע קרומע הענדל — קאנסטו מאכן שלעכט

דו האסט קינדר ישראל — גאר אפט צייכן גיטאָן
דרום זיין זי שולדיג — דאס זי דיך פור איין הערן האָן
אונ' זאלן דיין נאמן פורכטן — דאס איסט אין ניוץ און גוט.
דער מענטש איז גאר אינפעלטיג — דער ווידר דיין נאמן טוט.

---

61 „דש ספר מלכים אין טויטשר שפראך, הויבש אונ' בשיידליך אך גאר קורץ ווייליג דרינן צו לייאן. גידרוקט אין דער קיזרליכן שטאט אוגשפורג אים יאר דא מן צילט דרייא הונדרט אונ דרייא אין דר קליינן צאל" (1543).

62 צ״ם. וו., 242.

די קינדער ישראל וואַרן — אין מצרים לאַנד
דאַ דערצייגסט אין (זיי) פיל צייכן — דורך דיין געוועלטיג האַנט
אונ' פירסט זי אויס דעם גלות — אין די ווילדי וויסטניי
אונ' גאַבסט אין די תורה — אויף דעם בערג סיני.
דו שפּייזט זי פירציג יאָרי — מיט דעם הימלישן בראָט
אַז לאַנג ביז משה רבנו — ליידר מוזט ליגן טאָט
דערנאָך פירט זי דיין דינר — יהושע אין דאָס הייליג לאַנד
ער ביצוואַנג זי מיט געוואַלט — דורך דיין קרעפטיגע האַנט.

די דיכטער פונם „שמואל־בוך" און „מלכים־בוך" זיינען בלי־ספק שפּילמענער געווען, וואָס פלעגן פאַרלייענען זייערע דיכטונגען פאַרן עולם; אַנצוהערענישן דערויף פילן זיך נאָך אין פיל סטראָפעס. צום ביישפּיל, אין „שמואל־בוך" לייענען מיר:

עלי דער כהן גדול — די פרוי ער אנזאך —
נון מאַכט איר גערן הערן — וויער צו איר שפּראך.

די דאָזיקע פּאָעמעס זיינען שוין אָבער ניט געווען פאַרבונדן, ווי דער „מדרש ויושע" אָדער „עקידת יצחק", מיט דער שול, מיטן דאַווענען־סדר; וועלטלעכע שאַפונגען זיינען זיי געווען, יידישע העלדן־עפּאָסן, וואָס פלעגן דורך שפּילמענער דעקלאַמירט ווערן אויף פאַרוויילונגס־אַוונטן. אַזעלכע לאַנגע פּאָעמעס פלעגט מען פאַרלייענען מיט הפסקות, און אפשר אויך טיילן אויף גאַנצע אַוונטן. עס זיינען אָבער אויף ביב־לישע טעמעס געדיכט געוואָרן אויך גאַנץ קורצע פּאָעמעס, ניט לענגער פון אַ פּשוט פאָלקס־ליד אָדער באַלאַדע. איינע פון אַזעלכע פּאָעמעס איז אויפגעהיט געוואָרן אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופן. זי איז אין משך פון דורות איבערגעגאַנגען פון מויל צו מויל, און נאָך לאַנגע גילגול מחילות איז זי צוזאַמענגעוועבט געוואָרן מיט אַ באַגריסונגס־פאָרמולע פון אַ פּאַיאַץ אין אַ טעאַטער־פּיעסע, וואָס האָט ערשט אין דער נייערער צייט דעם דרוק־וואַרשטאַט דערזען[63]. נאָך דער ווענדונג פונם פּאַיאַץ צום פּובליקום, „עס זאָל זיין גערולד און געשטילט אויף קורצע צייטן, דאָס הערשאַפט פון דעם קיניג שאול וועלן מיר פאַרצייגן", הייבט זיך גלייך אָן, אָן אַ שום צוזאַמענהאַנג, פאָלגנדיקע פּאָעמע, וואָס האָט וואָר־שיינלעך געטראָגן דעם נאָמען „אדם וחוה ליד":

יעצט וועלן מיר זינגען דאָס ליד דאָס איז
פון אדאָם פון עווען פון דעם פּאַראַדיז.

[63] „מלוכת שאול גם עקדת יצחק", ווילנע, 1875. מער באריכות וועגן דער דאָזיקער אויסגאַבע זע ווייטער קאַפּ. 12.

בײ גאט דא װאר זײער װאױל געפעלן,
דא האט ער דעם אדם אין זײן בילד געטאן מעלן.
דא האט ער געלעבט א לאנגע צײט
און האט ניט געהאט קײן פאר בײ דער זײט;
דא איז ער געװעזן גאר אלײן,
האט דר עװיגע גענומען די עװען פון זײן בײן.
דער עװיגער באדאכט
און אויף אים אײן שלאף געבראכט
און האט פון זײנעם בײן די עװע געמאכט.
דער עװיגע איז געגאנגען אין זײן פאראדיז שפאצירן
און האט זײ פארשפראכן דעם עפיל ניט צו רירן.
די עװע, די עװע, זי איז זיך ניט פויל
נעמט זיך דעם עפיל און שטאפט זיך אין מויל.
דער עװיגע איז געגאנגען מיט קלאנג אין גארטן
און װײסט זיך גוט װאס טוט זיך דארטן.
דו אדאם, דו אדאם, װאס האסטו דאס געטאן?
דער אדאם ער שפראכט: װאס געט עס מיר דעראן?
די פרוי װאס דו האסט מיר געגעבן האט עס געטאן.
דו עװע, דו עװע, װאס האסטו דאס געטאן?
די עװע די שפראכט: װאס געט עס מיר דעראן?
דער בײזער שלאנג רעט מיר דאצו אן,
ער איז פיל קלוגער און ער איז דער מאן.
דו שלאנג, דו שלאנג, װאס טוסטו זיך דא געפינען?
אף דײן בלויזן בויך מוזטו אויף דער ערד שװימען (?)[64]
און אויך אויף דער עװע האט ער אויך בעשװארן
זי זאל מיט אײן שװערן געמיט קינדער געבארן.
און אויך דעם אדם האט ער אויך בעשװארן
ער זאל ניט מערן זײנע יארן"[65].

64 דאס װארט „שװימען" האט נאטירלעך קײן שום זין. אין דעם אורטעקסט האט װארשײנלעך רער באטרעפנדיקער טאפל-פערז אנדערש אויסגעזען. עס קען זײן, אז דער גראם איז דארט געװען: געפינדן — חינדן.

65 דאס דאזיקע ליד איז אין דער שפּעטערדיקער צײט סטיליסטיש אינגאנצן איבערגע-ארבעט געװארן. דער „דײטשמערישער" לבוש איז פארביטן געװארן דורך א פאלקסטימלעך יידישן, עס האט אויך א נײעם נאמען באקומען: „אנפאנג פון דער געשיכטע מיט אדם הראשון". אויך דער נײער װאריאנט איז פארעפנטלעכט געװארן צוזאמען מיט א „שלוכת-שאול"-טעקסט. זע בײלאגע נומ' 3.

פרעגט זיך אָבער: אין וואָסער באַציִונג האָבן זיך געפונען די שפּילמענער, וואָס האָבן די ביבל־עפּאָסן געשאַפן, צו יענע, וואָס האָבן באַארבעט אַזעלכע ריטער־ראָמאַנען ווי „אַרטוש־הוף" וכדומה? אַן ענדגילטיקן ענטפער איז איצט שווער צו געבן. וואָרשיינלעך האָבן עקסיסטירט צוויי טיפּן שפּילמענער. עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס זיינען לויט זייער לעבנסשטייגער געווען אין אַ געוויסער מאָס אַסימילירט[66]; מיר ווייסן דאָך, אַז צווישן די יידישע שפּילמענער זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געזונגען פאַר דייטשע פירשטן און מלכים[67]. אָט אַזעלכע שפּילמענער, וואָס האָבן זיך איינגעלעבט אין אַ פרעמדער סביבה, האָבן זייער אויפמערקזאַמקייט געשענקט פרעמדע שטאָפן; די אָבער, וואָס זיינען געווען מער איינגעוואָרצלט אין דעם יידישן לעבנס־שטייגער, און איבער זייער פאַנטאַזיע האָט געוועלטיקט די יידישע אידעען־ און לעגענדןוועלט — זיי האָבן אויסגעוויילט פאַר זייערע שאַפונגען נאַציאָנאַל־יידישע טעמעס[68]. עס איז אָבער קלאָר, אַז אינם רעפּערטואַר פונם יידישן שפּילמאַן האָבן זיך געקאָנט געפינען פּאָעמעס און לידער פון ביידע מינים, און איין און דער זעלבער שפּילמאַן פלעגט רעציטירן פאַרן פובליקום די נאַציאָנאַל־ביבלישע פּאָעמעס, הן פאַריידישטע ריטער־ראָמאַנען.

---

66 איינער פון זיי, זיסקינד אוים טרימבערג, איז געווען אַזוי ווייט אַסימילירט, אַז זיין שאַפן געהערט שוין אויסשליסלעך דער געשיכטע פון דער דייטשער שפּילמאַן־דיכטונג.

67 L. Landau, „Arthurian Legends", XXV.

68 עס קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז אַזאַ שפּילמאַן פלעגט אויך צייטנווייז אויספילן די פונקציעס פון אַ חזן און פירזאָגער אין שול.

פינפטער קאַפּיטל

די פּשט- און דרש-איבערזעצונגען. — יהודה-לייב בּרעש און די קרעמאָנער חומש-אויסגאַבּע. — יצחק כּולקעס און זיין „שיר השירים"-איבערזעצונג. — יצחק סולקעס אַלס פאָלקס-מענטש. — דער מדרש-שטאָף אַלס „לייען-שטאָף". — „די לאַנגע מגילה". — פרויען-ליטעראַטור און פאָלקס-ליטעראַטור. — יצחק פּראָסניץ װעגן דעם קולטורעלן באַטייט פון דער פרוי. — דער סטיל פון „דער לאַנגער מגילה". — מעשיות אַלס מוסר-שטאָף. — דער מגידיש-פּראָזאַישער סטיל. — ר' יצחק בּן שמשון און זיין „טייטש-חומש". — יעקב בּן יצחק אשכּנזי אויס יאַנאָווע. — דער „צאינה וראינה" אַלס המשך פון דער אַלטער מדרש-ליטעראַטור. — דער „צאינה וראינה" אַלס „חייבערשע תורה". — זיין קולטור-היסטאָרישער באַטייט. — דער קאַמף קעגן דעם דרש-נוסח און דער דערציונגס-סיסטעם. — דער „בּאר משה". — יקותיאל בּליצס און יוסף װיצנהויזנס בּיבּל-איבערזעצונגען. — זייער דערפאָלגלאָזער קאַמף קעגן דעם דרש-נוסח פונם „צאינה וראינה".

מיר האָבּן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז די מיטלעלטערלעכע יידיש-דייטשע איבּערזעצונגען זיינען געווען פון צוויי מינים: איינע — אַ פּשט-איבּערזעצונג, וואָס פלעגט זיך האַלטן גאַנץ פעסט בּיים אָריגינאַל און קנעכטיש-טריי פאַרטייטשן אַ וואָרט נאָך אַ וואָרט, און אַ צווייטע — אַ דרש-איבּערזעצונג, ווו דער טעקסט פלעגט ניט נאָר איבּערגעזעצט ווערן, נייערט אויך ד ע ר ק ל ע ר ט און אויסגעטייטשט ווערן אויפן סמך פון דער מדרש- און אַגדה-ליטעראַטור, בּאַנוצנדיק זיך דערבּיי ערטערווייז דירעקט מיט די בּאַטרעפנדיקע מקורים, נאָר אָפטער אומדירעקט מיט דער הילף פון דער מיטלעלטערלעכער עקזעגעטיק, הויפּטזעכלעך מיט רש"'ים אַזוי פּאָפּולערן און בּאַליבּטן פּירוש. בּאַזונדער'ס רייך בּאַפּוצט מיט מדרש-שטאָף זיינען געווען די איבּערזעצונגען פון די צוויי מגילות: שיר-השירים און מגילת-אסתּר. בּיי דעם יקרות פון בּיכער איידער דער דרוק-וואַרשטאַט האָט זיך בּאַוויזן, פלעגן די בּיידע מינים חומש-איבּערזעצונגען עקסיסטירן דער עיקר בּעל-פּה. עס האָט זיך מיט דער צייט אויסגעאַרבּעט אַ בּאַשטימטער נוסח, וואָס פלעגט איבּערגיין פון דור צו דור, לויט וועלכן דער מלמד פלעגט איינקנעלן מיט די קינדער אין חדר, און דער מגיד

פלעגט „זאָגן'' פאַרן עולם. נאָך דער דרוק-דערפינדונג, ווען דאָס בוך איז אַריינגעדרונגען אין די ברייטע שיכטן פון פאָלק און, ווי דער פרומער בעל „צאינה וראינה'' דריקט זיך אויס — „מלאה הארץ דעה'', — זיינען די אין משך פון דורות אויסגעאַרבעטע צוויי מינים איבערזעצונגען פון חומש און די פינף מגילות, — פון „תורה שבעל־פה'' פאַרוואַנדלט געוואָרן אין „תורה שבכתב'' — אין געדרוקטן, דורך פאַרשיידענע רעדאַקטאָרן צענזורירטן טעקסט...

די עלטסטע צו אונז דערגאַנגענע געדרוקטע חומש־איבערזעצונגען (די אויגסבורגער און קאָנסטאַנצער), ביידע אַרויסגעגעבן פון משומדים, געהערן אין אַלגעמיין צום ערשטן מין איבערזעצונג. דער רעדאַקטאָר פון דער קאָנסטאַנצער אויסגאַבע דערלויבט זיך בלויז אויפן ראַנד פונם בויגן אין פאָרם פון גלאָסן צו געבן ספּעציעלע דערקלערונגען צום טעקסט. אַן אַנדער כאַראַקטער טראָגט שוין אָבער די קרעמאָנער חומש־אויסגאַבע (1560), וואָס האָט געהאַט אַ י י ד י ש ן רעדאַקטאָר, יהודה־לייב ברעש.

ברעש גופא ווייזט אָן אין דער פאָררעדע, אַז ער גיט דאָ ניט קיין נייע איבערזעצונג, נאָר אַן אויסגעבעסערטע אויסגאַבע פון „ערשטע חומשים'', ד''ה פון די אויגסבורגער און קאָנסטאַנצער אויסגאַבעס [1]. דער אַרויסגעבער קלאָגט זיך „דאָס בעונותינו הרבים מיר ניט פיל לערנען האבן אונ' די ווייבער אונ' בחורות אונ' פילצילם (מיידלעך) די זעען עס פון די מאַנען דאָס זי ניט לערנען, דא לערנען זי אויך ניט; אונ' עטליכע בעלי־בתים וועלטן גערן לערנען, דאָס זי אין אירער יוגענט ניט האבן ווילן לערנען אדער ניט קענען לערנען, אונ' אין איר אַלטען טעגען וועלטען גערן, אונ' שיימען זיך די סדרה צו לערנען מיט דעם פירוש מיט אינעם רבי. דאָס אַללעס האב איך געזעען אונ' הון (האָב) מיר געדאַכט צו זיין מזכה את הרבים אונ' מאַכען דיעזעם חומש דרוקען אין טויטשי שפּראַך מיט גרויסער טריישאַפט די מעגלעך געוועזן איז... אזאַ ווערט איטליכע פרוי אָדער פילציל מעגען וויסען פון לערנונג גאָט יתברך אונ' וויסען וואָס פרומקייט איז, ווען זי ווערן אַל שבת אונ' יום־טוב לייען דא אינען'' [2]. כדי אָבער צו פאַראינטערעסירן די „ווייבער בחורות און פילצילם'', האָט ברעש אין דער איבערזעצונג איינגעפלאָכטן אגדתאס און מימראס אויס דעם מדרש, מייסטנס אין דער פאָרם ווי זיי ווערן געבראַכט ביי דעם

---

1 ברעש האָט אָפּטיינסטן אויסגענוצט די אויגסבורגער אויסגאַבע פון פּוליט עמיליום.

2 מיר ציטירן לויט גריגבוים, צייט. וו., 550—551;

קלאַסישן ביבל־דערקלערער, ביי רש"ין, און טאַסע ביי דער זייט ווערן אויך געבראַכט אין יידיש פראַגמענטן אוים רש"ים פירוש[3].

ברעשם אויסגאַבע איז אויפדאַסניי איבערגעדרוקט געווען אין באַזעל אין 1583. נאָר נאָך מיט פיר יאָר פריער (1579) איז אין קראָקע אין דער באַוווסטער דרוקעריי פון יצחק בן אהרן אוים פּראָסניץ, דער־שינען אַן אינטערעסאַנטע אויסגאַבע — אַ יידישע „שיר־השירים"־איבערזעצונג פון איינעם מיטן נאָמען יצחק סולקעס.

ווער דער דאָזיקער סולקעס איז געווען, איז אונז אומבאַקאַנט. בעת אָבער מען לייענט זיין אינטערעסאַנטע פאָררעדע, דערמאָנט ער ניט ווילנ־דיק אין יוסף בר יקר. אויך סולקעס האָט, ווי עס שיינט, געהערט צו דער גרופּע פשוטע אָבער באַגאַבטע פאָלקס־מענטשן, וואָס גוטנבערגס גאונישע המצאה האָט זיי אויף אַן אומדערוואַרטן אופן מיטן בוך פאַרבונדן, און אויף די בלעטער פון ליטעראַטור־געשיכטע זייערע נעמען פאַרצייכנט. מיר האָבן שוין אויבן ציטירט דעם אָרט אוים סולקעסעס פאָררעדע, וווּ ער וואָרנט קעגן די זינדיקע „דייטשי ביכר", ווי דיטריך פון בערן, הילדעבראַנט און „די אנדרן אל"[4]. מיר ווערן אָבער אַגב ביי סולקעסן געוואָר נאָך וועגן אַ זייער אינטערעסאַנטן פּרט. מיר ווייסן שוין, ווי די רבנים, לומדים און ווילקענער זיינען זייער ניט צופרידן געווען פון די אַלע ריטער־ראָמאַנען און פאַנטאַסטישע מעשיות, וואָס האָבן אַדאַנק דעם דרוק־וואַרשטאַט און די „ספרים־טרעגער" מאַסנווייז אריינגעדרונגען אין דער יידישער גאַס; זיי האָבן אָבער זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז אַרוים־רייסן דאָס אינטערעסאַנטע און „קורצווייליקע" בוך אוים די הענט פונם פאָלק איז אַ גאַנץ שווערע אויפגאַבע, נייערט מען מוז זאָרגן צוצוגרייטן פאַר די ברייטע מאַסן אַנדערע גייסטיקע שפּייז, שאַפן אויף דער פאָלקס־שפּראַך ביכער, וואָס זאָלן זיין אי יידישלעך, דורכגעדרונגען מיט יידישער מסורה, און טאַקע דערביי זאָלן זיי צוציען דעם פשוטן לייענער און זיין אים צום הארצן. צווישן די רבנים און לומדים זיינען אָבער געווען אויך אַזוינע מחמירים, וואָס זיינען געווען זייער ניט צופרידן, ניט בלויז מיט

---

8 עס איז זייער מעגלעך, אַז ברעש האָט אויף דעם נעבים געהאַט פאָרגייער־ ביים באַוווסטן ביבליאָגראַף ש. ווינער איז געווען אויפגעהיט אַן איינציק בלאַט פון אַן אַלטן האַנטשריפטלעכן טייטש־חומש (געווים ניט שפּעטער פון 16טן י"ה). דאָס דאָזיקע בלאַט, וואָס האָט געשטאַמט פון לובלין, איז באַשטאַנען פון צוויי טיילן: פון אויבן איז געווען געשריבן די יידישע איבערזעצונג פון דער פרשה „וישלח", און אונטער דעם טעקסט — פראַגמענטן פון רש"ים פירוש אין יידיש, וואָס הייבן זיך אָן מיט די ראשי־ תיבות: פ"י (פירוש יצחקי).

4 אויבן, זײַט 4.

דער וועלטלעכער ליטעראַטור, מיט די אַלע ריטער־ראָמאַנען און „בבא־מעשיות״ אויף יידיש, נאָר אפילו מיט דעם רעליגיעזן יידיש־דייטשן ספר, מיט דעם פ אָ ל ק ס ־ ב ו ך בכלל[5]. די תּביעות און באַדערפענישן פונם פּשוטן פאָלק, פונם בעל־מלאָכה און יגיע־כּפּים, זיינען גאַנץ אָפט געקומען אין קאָנפליקט מיט די באַגריפן און אויך, ווי מיר וועלן ווייטער זען, מיט די א י נ ט ע ר ע ס ן פון די לומדים. האָט עס טאַקע געמוזט קומען צו צוזאַמענשטויסן. דער פריער דערמאָנטער יוסף בר יקר מיט זיין פאָלקסטימלעכן שטייגער און איראָנישן פאַרהאַלטן זיך צו די יוצרות און פּיוטים האָט אויך ניט געקאָנט באַזונדערס אויסנעמען ביי די רבנים און למדנים. אויך דער פאַקט גופא פון „הגם שאול בנביאים״, וואָס פּשוטע „עמך״־לייט ווערן אויך מחברים, און שרייבן וועגן רעליגיעזע ענינים, האָט ניט געקאָנט געפעלן אַ געוויסן סאָרט רבנים, פון, אַ שטייגער, דעם לובלינער מהר״מס שניט[6]. קלאָגט זיך טאַקע דערויף דער יצחק סולקעס אין זיין פאָררעדע, וואָס די לומדים קוקן מיט אַזאַ ביטול אויף די רעליגיעזע ביכער, וועלכע ווערן געשריבן אויף יידיש־דייטש און באַצוועקן צו לערנען מוסר און דערוועקן יראת־שמים ביים פאָלק. „אך גלאַב (גלויב) איך, עס איז ליב דעם אַלמעכטיגן גאָט זעלבע דויטשע ביכער צו שרייבן די דא זיין נוץ און געטליך״, און זאָלן די רבנים זיך ניט מתרעם זיין דערויף, וואָס ער, אַ פּשוטער ייד פון אַ גאַנץ יאָר, נעמט זיך גאָר צו ספרים שרייבן, וואָס דערמיט פאַרנעמען זיך דאָך רבנים, גרויסע לומדים. „ליבע רבותי — פאַרענטפערט ער זיך פאַר זיי:

איך זיך (זע) דאס מיר האט מיסלונגן
אונ׳ מיך מיין שטות האט בעצוונגן
דאס איך בין געטרעטן אין אירן אמפט (אמט) היניין
דען גרויסן הערן, די פיל מיט תורה זיין,
גאַנצע טעג אונ׳ נאכט איבר אירע ספרים זיצן;
אבר איך אביון, איך טו נייערט צו צייטן דריין גויצן.
זי קענען מאכן ספרים, דאס פיל דארוים איז יוצא,
אבר איך וויים קוים וויא מאן מאכט אַ מוצא.
דארום זאלט איך מיך שיימען
זאלכע זאכן אן צו נעמען,

---

5 מער באַריכות וועגן דעם זע אונזער ספּעציעלע אַרבעט „דער קאַמף פאַר יידיש אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור״ („פילאָלאָגישע שריפטן״, II, 69—106) און אויך אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך.

6 זע וועגן אים אין פריקן באַנד פון אונזער געשיכטע, קאַפּ. 3, ז׳ 79.

אבּר פיר וואָר, דאס איז געוויס, איר זאלט מיר גלאַבּן (גלויבּן),
מאן מוז זעלבּע זאך אין דער וועלט האבּן;
דען עס פערמאג ניט איין איטליכע אין רייכע קראָמען צו לויפן
גאָלד און זילבּער און סאַמעט און זייד צו קויפן,
מאן מוז פיל מיַין האבּן אין הויז אנדערע זאכן,
דער פויערן זייען פיל מיַין אז אֵידעלע לייט קאן איך מיר׳ם מאַכן,
דרום מוז מען קליינע קרעמער אך האבּן עבּען
די דא קענען דען געמיינ(עם) מאן אך אום איר געלט געבּען;
אונ׳ די קליינען קרעמער האָבּן אַלעס וואס מאַן זי טוט פראַגן—
אליה קרעמער[7] זאל מיר דארויף עדות זאגן.
זי פערקויפן איטליכן וואס ער וויל האן (האָבּן).
אונ׳ ווען גליך קומט צו קויפן אך דער עדלמאַן,
זיינעם ווייבּ איין שפּיגל, זיינעם קינד איין פּפייפן —
ער מאַג יא פריי אין זיינעם קריימעל גרייפן,
דאס קאן דער געמיין מאן ניט טאן
ווען ער קומט צו דעם רייכן קויפמאַן,
ער קאן ניקס פון אים קויפן אום זיין געלד,
ווען אים גלייך וואס ביי אים געפעלט,
עס איז אים אַלס צו טייער אונ׳ האָך זיין באַר,
אָבּער ביי די קליינע קרעמער געפינט ער זיין בעדערפעניש גאַר.
דארום האבּ איך עס אויך טון וואגן,
האבּ איך מיין קרעמל אויפגעשלאגן
פאר די געמיינע לייט אונ׳ פאר די פרויען
אונ׳ לאָזען זיי קומען די קראָם צו באַשויען;
זי ווערן געפונדן פילערליי זאכן די דא שטעען אין אונזערע ספרים
דאס האבּ איך אלץ געפליקט צו ענאנדר אין דען שיר השירים״[8].

סולקעסעס שיר־השירים־איבּערזעצונג איז טאַקע „צוזאַמענגעפליקט״ פון ביידע אויבּן־דערמאָנטע איבּערזעצונג־מינים: פשט און־דרש. קודם־כל גיט דער איבּערזעצער דעם טייטש פונם פסוק; אָבּער ניט אין א ווערט־לעכער איבּערזעצונג, נאָר אין דעם פעסטגעזעצטן קנעל־נוסח, וואָס איז איבּערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור, און די מלמדים האלטן זיך טריי ביי אים זינט דעם טיפן מיטלעלטער ביז היינטיקן טאָג. למשל, די ערשטע צוויי ווערטער „שיר־השירים״ ווערן געטייטשט אויפן באַסאַנטן

7 משמעות, סולקעסעס א באַקאַנטער קרעמער.

8 ביר ציטירן לויט שטערק־לייצמאַנס טראַנסקריפּציע, ציט. ו. 287, 288.

שטיינער: „איין געזאַנג איבער אַלע געזאַנגן; איין אַנדער געזאַנג איז קודש, די געזאַנג איז קודש קדשים; דאָס האָט געזונגן איין נביא בן נביא, איין מלך בן מלך, איין חכם בן חכם, דאָס האָט געזונגען שלמה המלך צום קעניג הקדוש ברוך הוא דער דאָ הייסט שלמה. דאָס דער פריד פון עולם איז זיין".

דערנאָך ערשט הייבט זיך אָן דער אמתער „דרוש": אַלערליי ציטאַטן און מעשיות אויס דעם מדרש, וואָס דער פשוטער עולם פלעגט זיי פריער הערן אין די בתי־מדרשים בעל־פה אויס דעם מויל פונם מגיד און בעל-דרשן. איצט, אַז דאָס בוך איז געוואָרן אַ גאַנגבאַרער אַרטיקל און אָנגעשפּאַרט אויך אין די „קליינע קרעמלעך", וואָס באַזאָרגן די באַדערפעגישן פון „דעם געמיינעם מאַן און פון די פרויען", האָט יצחק סולקעס דעם דאָזיקן מגידישן מדרש־שטאָף אין אַ בוך־פאָרם דעם עולם דערלאַנגט. דער „דרשה־שטאָף" איז אין אַ „לייען־שטאָף" פאַרוואַנדלט געוואָרן...

אין דעם וועג פון יצחק סולקעס איז אויך געגאַנגען אַ צווייטער איבערזעצער, לייב בר' משה מעליר, וואָס האָט אין דער זעלבער פּראָסניץ־דרוקעריי פאַרעפנטלעכט (אין 1589) זיין פאַראַפראַזע אויף מגילת־אסתר[9], די „לאַנג־מגילה".

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט די מיטלעלטערלעכע מגילת-אסתר־עפּאָסן אויס דעם רעפּערטואַר פון דעם יידישן שפּילמאַן, וועלכע פלעגן אַפילו אין די געבעט־שולן דעקלאַמירט ווערן. דער רייכער מדרש־שטאָף, וואָס האָט אַרומגעוועבט די ביבלישע מעשה וועגן מרדכי און אסתר, פלעגט אויך שטאַרק אויסגענוצט ווערן פון די מגידים און בעלי־דרשנים. דער דרוק־וואַרשטאַט האָט אָבער בּיסלעכווייז אָנגעהויבן אַרויסשטופּן דעם ערנסטן עפּישן שפּילמאַן. מען האָט שוין, אַ שטייגער, ניט באַדאַרפט וואַרטן אויפן שפּילמאַן, ער זאָל דעם שמואל־בוך־עפּאָס דעקלאַמירן — דער דרוק־וואַרשטאַט האָט אים אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן פאַרשפּרייט, און ווער עס האָט געוואָלט האָט דעם „שמואל־בוך" געקויפט און זיך באַקענט מיט אים ניט דורך הערן, נאָר דורך לייענען. מען האָט שוין ניט באַדאַרפט וואַרטן אויפן מגיד און פּורזאַנגער, ער זאָל באַקענען דעם פּשוטן עולם מיטן רייכן מגילת־אסתר־שטאָף, וואָס געפינט זיך אין תרגום שני און די מדרשים — ליב בר משה מעליר האָט

---

9 „דיא מגלה אין לה"ק אונ' דערנאך דָש טייטש דרוף, גר שוין (שייז) פרפויסשט אונ' מיט דָן חיבור אונ' מיט אלי מדרשים, אונ' פשטים אונ' חידושים אונ' שִינֵי מעשים אונ' גאר לאנגי שטראף די מַן דינן (דרינען) האט געזאגט"

דעם גאנצן מאטעריאל אין א בוך־פאָרם איבערגעארבעט, און זיין „לאנגע מגילה״ געשאפן, וואָס פאַרדינט צו פאַרנעמען א בכבודיקן אָרט אין דער געשיכטע פון דער אַלט־יידישער ליטעראטור און סטיל. א קולטור־היסטאָרישן אינטערעס האָט אויך די פאָררעדע פון דעם דרוקער, יצחק בראַסניץ, צו דער „לאנגער מגילה״. די דייטש־יידישע פאָרשער, ווי גידעמאַן, גרינבוים, פערלעס, שטיינשניידער און אַנדערע, ריידן שטענדיק וועגן דער אַלט־יידישער ליטעראטור ווי וועגן א ספּעציעלער „פרויען־ליטעראטור״. דאָס איז אָבער פאקטיש ניט ריכטיק. ס'איז כדאי אנצו־ווייזן אויף אָט דעם פּרט: מיר האָבן צונויפגעזאמלט דעם טעקסט פון טיטלבלעטער און זיבעציק שער־בלעטער פון אַלט־יידישע אויסגאבעס, און צווישן זיי זיינען בלויז ניין, וואָס ווענדן זיך אויסשליסלעך צו „ורומי ווייבר, בחורות אונ׳ פוילציליש״. די איבעריקע אָבער (בערך זיבעציק) שרייבן ניט נאָר „פר ווייבר אונ׳ מיידן״, נאָר אויך פאר „בחורים אונ׳ בעלי בתים אלי ביידן״, „פאר מאַנען אונ׳ ווייבר, יונגן אונ׳ מיידן״. אייניקע ווענדן זיך צו די „ליבע ברידער״, צו „גימייני לייטן מאנין און ווייבר״, „צו געמיינע חזנים און מלמדים״, צו „ליבה לייט מאנן אונ׳ ווייבער, יונגן אונ׳ מיידן״; אנדערע ווידער צו סתם „בן אדם״... „עש זיי דר למדן אודר געמייני מַן, בעלי בתים אונ׳ נשים״. אָדער צו „איט־ליכן יהודי... ווער ער איז... זייא עז מאן אודר ווייב, ווער נייארט לייאנן קאן״ [10].

ריכטיק איז אָבער אָט וואָס: ווען אפילו די אַלט־יידישע ביכער זיינען פאַרפאַסט געוואָרן ניט ספּעציעל פאַר פרויען, דאָך האָבן די פאַר־פאַסער און פאַרלעגער זייער גוט פאַרשטאנען, וואָס פאַר א גוואַלטיקע רעוואָלוציע די פאָלקס־ליטעראטור האָט אַרויסגערופן אינם לעבן פון דער יידישער פרוי. ביז דער דרוק־וואַרשטאַט האָט געשאַפן די מעגלעכקייט, עס זאָל קאָנען אנטשטיין א פאָלקס־ליטעראטור, איז דאָך די יידישע פרוי געווען אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון דער נאַציאָנאַלער קולטור, ווייל איר איז געווען פרעמד און אומפאַרשטענדלעך די שפּראַך, אויף וועלכער די נאַציאָנאַלע קולטור־אוצרות זיינען געווען געזאַמלט. אזא מין אייגנ־אַרטיקע דערשיינונג אין יידישן לעבן ווי גליקל האַמיל, למשל, מיט איר האַרמאָנישער וועלט־אַנשויונג און לעבנס־באַנעם, איז אין דייטשן אָדער פראַנצויזישן יידנטום פון די פריערדיקע מיטלעלטערלעכע דורות געווען לחלוטין אוממעגלעך. די מעשה מיט רש״ים טאָכטער, וואָס פלעגט

10 זע ביילאַגע נומ׳ 4, וווּ עס ווערן געבראַכט די טעקסטן פון א טייל איבערגעדרוקטע שער־בלעטער.

בלומרשט שרייבן שאלות־ותשובות פאַר איר פאָטער, בעת יענער איז קראַנק געווען, האָט זיך דאָך אַרויסגעוויזן אַלס פּשוטע באָבע־מעשה: דאָס האָט ניט רש״יס טאָכטער די שו״ת געשריבן, נאָר דער טאָכטערס זון, דער באַרימטער למדן און בעל התוספות, דער רשב״ם. און טאַקע פאַר דער מיטלעלטערלעכער פרוי זיינען געווען צום פּאַסיקסטן די באַקאַנטע גאַרדאָנישע פערזן:

אשה עבריה, מי ידע חייך?
בחשך באת, בחשך תֵּלֵכִי!

די פאָלקס־ליטעראַטור, וואָס האָט אויפגעבליט אינם 16טן י״ה, האָט אָבער אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער מאָס פאַרבעסערט דעם וועלט־באַנעם פון דער יידישער פרוי. די גרויסע צאָל אויס דער פרעמד איבער־געזעצטע ביכער האָבן זי באַקענט מיט דער דרויסנדיקער, אין ראָמאַנ־טישע, אָפט אויך פאַנטאַסטישע פאַרבן געשילדערטער וועלט. באַלד זיינען געקומען מענטשן מיטן פאָלקסטימלעכן חוש, וואָס האָבן זיך גע־שטעלט די אויפגאַבע צו מאַכן צוטריטלעך פאַר די ברייטע שיכטן מיט דער הילף פון דעם פאָלקס־בוך די נאַציאָנאַלע קולטור־אוצרות. זיי האָבן דערביי שטאַרק מיטגעהאָלפן די פאַרלעגער מיט זייער ריין־פּראַקטישן חוש, וואָס האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס פאָלקס־בוך קען אין פּאַ־סיקע הענט ווערן אַ גאַנץ גאַנגבאַרער מסחר־אַרטיקל. און דאָ האָט זיך גלייך אַנטפּלעקט די גרויסע רעוואָלוציע, וואָס איז פאָרגעקומען אינם לעבן פון דער יידישער פרוי. די פרוי, די מוטער פון דעם קומענדיקן דור, איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער קולטור־פאַקטאָר אין דעם פאָלקס־לעבן. פאַר איר, דער עקרת־הבית, האָבן זיך אין אַ באַדייטנדיקער מאָס גע־עפנט די קוואַלן פון דער יידישער מסורה, פון דעם יידישן רעליגיעז־קולטורעלן היסטאָרישן עבר. דאָס איז געווען אַזאַ אויסשליסלעכע דער־שיינונג, אַז די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער פאָלקס־ליטעראַטור, האָבן עס גענוצט צום שאַרפסטן אונטערשטרייכן. אָט דערפאַר טאַקע גיסט אויס יצחק בן אהרן פראָסניץ אין דער פאָררעדע צו „מגילת־אסתר״ זיין גאַנצן כעס אויף „דיא נאַרן דיא טון קלאַפן, זיא מיינן דיא וועלט זייא פון אירן וועגן אליין בעשאַפן, אונ׳ אנדר איז אין אירן אויגן נישט״. ער אָבער געפינט, אַז „אַלץ וואַש גוט (גאָט) יתב׳ האַט בשאַפן אויף דער וועלטן, דש מאַן זאָל זיין תורה אונ׳ מצות האַלטן, עש זיי אים גרושן אדר קליינן, ווייבער אדער מאַנן, אָרם אדר רייך — ביי גוט גלאָבט איז אַלש גלייך״. „דער סדר עולם אישט — שטרייבט פראָסניץ ווייטער אונטער — מאַן האַלט בפרט פון ווייבר גאָר נישט, אונ׳ זיין

גאר פיך ניקש, עש זיי יונג אונ' אלט טוט מאן אין (זיי, די פרויען) אונרעכט אונ' גוואלט. אונ' דאש איז ווידר גוט יתברך ווילן, דאש מאן זאל אויש זיין בשעפניש שפילן. דא השם יתברך וואלט געבן די תורה אזו הייליג, דא ליש ער די גרושן הוכן בערג בלייבן, אונ' אויף דעם קלייני נידרן בערג טעט ער זיך דר צייגן; אונ' די ערשט ריידן די גוט יתברך מיט דעם פאלק ישראל היש רידן דאז ווארן די וויבר אונ' די קליין גזינדרן, אז איר אין דען חומש ווערט געפינדן"[11].

יצחק פראסניץ האלט אויך פאר נייטיק אונטערצושטרייכן, אז דאס ווערק, וואס ער גיט דא ארויס, „איז ניט אז אנדרי שלעכטי (וועלט-לעכע) ביכר, אונ' האט עש אין טויטשן טון אן שרייבן נייארט דז זי זיך זאלן די וייל פארטרייבן, ניין — עס איז ניט אזוי, עז געהט אנדרש צו". אמת, אין דער „לאנגער מגילה" זיינען איינגעוועבט פילע „קורצ-ווייליקע" מעשיות, דאס גאנצע ווערק טראגט א גאנץ בולטן דערציילע-רישן כאראקטער, און שטערק און לייצמאן באטאנען מיט רעכט, אז „דאס בוך איז אן אוצר פון די פארשיידנסטע פאלקלאריסטישע מא-טיוון"[12]. דעם פארפאסערס מיין איז אבער געווים געוועזן ניט בלויז אונטערהאלטן, נאר אויך מוסר זאגן, מאראליש דערציען, פארשפרייטן די רעליגיעז-עטישע יסודות פון דער יידישער קולטור אין די ברייטסטע שיכטן פונם פאלק. אונזער פארפאסער איז ערטערווייז שוין צופיל מאריך, צו שטארק בארעדעוודיק, דאס איז אבער אין די אויגן פון זיין לייענער-עולם כלל קיין חסרון ניט געוועזן. דערפאר אבער איז דער שטאף אזוי פילפארביק, דער סטיל אזוי אינטים פאלקסטימלעך. קונציק פלעכט דער פארפאסער צונויף דעם ביבלישן טעקסט מיט דעם רייכן אוצר לעגענדעס און סענטענצן, וואס ער שעפט מיט ברייטער האנט אויס דער אגדה און מדרש. שוין אין דעם ערשטן קאפיטל ווערט די פראכטפולע, אויס דעם „תרגום שני" גענומענע באשרייבונג פון שלמה המלכס שטול, צונויפגעוועבט מיט דער דראמאטיש-פאטעטישער סצענע, ווי נאכן חורבן ווערט דאס יידישע פאלק פונם שטארקן שונא אין גלות פארטריבן. מיט פארכאפטן אטעם האט די פשוטע פרוי אדער דער „גע-מיינער בעל-הבית" געלייענט א שורה נאך א שורה: „אונ' אליהו הנביא

11 דאס מיינט יצחק בן אהרן דעם פסוק: „כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבית ישראל", פארטייטשט איר מדרש: „בית יעקב — דאס זיין די חייבער אונ' קינדער, בית ישראל — דאס זיינען די מענער. נאט האט בכן געהייסן זאגען פריער די חייבר אונ' ערשט דערנאך די מאנען".

12 צית. וו., 291.

גינג מיט אין (זיי) ביז זי פאַר די קברים קאַמען פון די אָבות. דא שריע ער אונ׳ פיל אויף איר גראָב אונ׳ זאגט: דערבאַרמדיגע לייט אברהם, יצחק, יעקב! שטעט אויף אונ׳ זעבט (זעט) ווי מאַן איערע קינדער פירט! אונ׳ ער ליס פון אין אונ׳ לוף בעהענד (געשווינד) אויף די קברים פון שרה, רבקה, רחל, לאה אונ׳ שריע: „שטעט אויף אונ׳ זעכט, ווי מאַן איערע קינדער נאַקעט אונ׳ באַרווס אונ׳ שווער געלאַדען אין גלות פירט! אונ׳ אַזאַ פיל ער אויף אַלע קברים, משה אונ׳ אַהרן אונ׳ שמואל: זעבט ווי מאַן אייערע שעפעליך פירט, די איר מיט טרויערן געווּיידעט האַט! זעבט ווי די בייזן וועלף זיי צורייסען, אונ׳ פירען זי נאַקעט אונ׳ בלויז איבער אַלע בערג אונ׳ שווער געלאַדען אַן שיך דורך אַלע שטיין (שטיינער) אָן דערבאַרמיג. אונ׳ ווען ער אַזוי די וואָרט גערעדט האַט, דא לוף ער אַזאַ באַלד אַלוועגען וועג פון די קברים, דאָס אים די פרומען אָבות ניט זולטן פאַרשיימען אונ׳ זאַלטן זאָגען: שיימסטו דיך ניט, דאָס דו אין דיין צייטן זעלכע זאַכן לאָזען געשייען אונ׳ קומסט אונז דערצו די שמועה זאָגן? אונ׳ זא גינגען זי אַלע נאַקעט אונ׳ באַרפוס געלאַדען אין קייטן, קיניג אונ׳ הערן, אונ׳ קנעכט...״ [13].

דער פּאַרפאַסער פליסט זיך אויף יעדן טריט און שריט מוסר־זאָגן זיין לייענער־עולם, שטאַרקן אין אים דאָס עטיש־רעליגיעזע באַ־וווסטזיין, אַז איבער דעם מענטשנס לעבן רעגירט אַ העכערע מאָראַלישע קראַפט, וואָס שאַצט אָפּ דעם מענטשנס מעשים; געוויגן ווערט אַלץ מיט דער וואָג פון גערעכטיקייט, און באַצאָלט ווערט אַלץ לויט דעם ווילן פון דעם דיין אמת. און אָט די דאָזיקע מאָראַלישע סענטענצן אילוסטרירט דער פּאַרפאַסער מיט אינטימע, אמת פאָלקסטימלעכע מעשיות. בכדי צו באַקענען דעם לייענער מיט דעם אייגנאַרטיקן סטיל פון די דאָזיקע דידאַקטישע דערציילונגען, ברענגען מיר איינע פון זיי, וואָס איז אויך איבערגעדרוקט אין גרינבוימס באַקאַנטער „כרעסטאָמאַטיע״ [14].

אלס פירוש צו מרדכיס וואָרנענדיקע ווערטער, וואָס ער שיקט זאָגן אסתר־המלכה: „מיין ניט, אַז דיר, דער איינציקער פון אַלע יידן, וועט געלינגען זיך צו ראַטעווען אינם קיניגס הויף״ (מגילת־אסתר, 4, 13) — דערציילט דער פּאַרפאַסער פאָלגנדיקע מעשה, וואָס האָט פּאַסירט מיט משה רבינו:

„דער זיטן פון משה רבנו וואַז (וואַר), דאָס ער אָפּט אויף דאָס פעלד גינג אן ערטער דא ניט לייט וואַרען, אונ׳ לערנט מיט אים (מיט

[13] מיר ציטירן לויט גרינבוים, ציט. וו., 210—211.
[14] דאָרטן, 215—218.

זיך) זעלבער, אדער די נבואה קאם אויף אים, אונ' דארום ווארטעט (וואנדערט) ער אויף זאלכע ערטער. איינמאל וואר ער אונטר איינם בוים, דער וואר אנווייט פון אינען ברונן, אונ' רועט אזא, אונ' טראכטעט אין זיינעם לערנען. דא זאך (זא) ער אין מענשן דער קאם אן דען ברונן אונ' טראנק, אונ' אים אנטפיל איין בייטל מיט געלד, אונ' ער מערקעט עס ניט, אונ' גינג אזא זיין שטראס (זיין וועג). דא קאם אבער איין אנדערער צו טרינקען אונ' וואר זייער אָרעם אונ' רועט איין ווייל ביי דעם ברונען, אונ' דאס גינג ניט אין אינער שעה צו דאס אלעס, אונ' ער פאנד דען בייטל אונ' ער וואר גאר פראָה (פריילעך), אונ' גינג זיין שטראס. איבער אין ווייל (אין א קורצער צייט ארום) קאם איין דריטער, אונ' דער טראָפף (דער גארישער מענש) דער רועט זיך אזא אוים און טראנק וואל אונ' האט דא זיין וועזען. דערווייל האט דער ערשט זיין בייטל געזוכט אונ' פאנד אין ניט, אונ' גידאכט: איך האָן אין געווים ביי דעם ברונן פארלאָרן, דא איך מיך בוקעט און טראנק. און ער לוף גאר בעהענד (געשווינד) ווידער צו דעם ברונען אונ' פאנד דא דען מידן טראָפפן ביי דען ברונן רוען; אונ' ער הוב אן אונ' זאגט צו אים וואס ער דא טעט. דא שפּראך יענער טראָפף; איך בין מיד אונ' איך רו דא איין וויל, אונ' איך האב דא איין ווינציג געססן אונ' געטרונקען אונ' איך וויל איצונדר מיין שטראס גען. דא שפּראך דער אנדער ווידער: דערווייל דאס דו האסט איין ווייל גערוט, דא האסטו אך מיין בייטל געפונדן, דען איך האב דא פארלאָרן, ווען עס קאן נימץ אנדערם דא געוועזן זיין ווען נייערט דו, ווען (ווייל) עס איז נייערט איין קליינע ווייל דאס איך אין האב פארלארן. דער טראָפף זאגט: ליבר חבר, איך האב ווערליך דען בייטל ניט, אונ' זוך מיר קיין עלילות צו; איז עס אנדערם איינע קליינע וויל, דא האסטו אין ניט דא פארלארן; דרום גע אונ' זוך אין נייערט אנדערם ווא, אונ' פאלג מיין עצה, אָדער דו האסט אפשר צו מאל קיין (בייטל) פארלארן, אונ' גע נייערט דיין שטראס, דו האסט קיין גוטן מאן אן מיר ניט. אונ' זי שעלטן זיך גאר זייער מיט אנאנדר, אונ'זי שלאגן זיך מיט אנאנדר. דא לויף משה רבנו אונ' וואלט זי שיידן, אונ' ער געררייכט נאך ניט דאר, דא האט דער, דען בייטל האט פארלארן דען אנדערן געטייט אונ' ליף זיין שטראס. אונ' משה רבנו דער דערבארמט זיך איבער דען טראָפפן זייער, דאס אים אזא אונרעכט געשייען וואר, אונ' ער נאם זיך גראס וואונדר, דאס אונזר הער גאט איין זעלבע דינג זאל לאזן צוגען; ער פיגט יא אל דינג, געלאבט זיי ער. אונ' (משה רבנו) שפּראך: ליבער הער גאָט, דא האב איך דרייערליי צו געזעען די אלע אונרעכט זייען: דאס איין: דו האסט צוגעבראכט דאס

דער זיין בייטל האט פארלארן, אונ' האסט צו געבראכט דאס דער אנדערע האט היפש דען בייטל אונ' האט אין בכבוד וועג געטראָגן, אונ' נימאנט האט אים איין בייז ווארט געבן, אונ' האסט צוגעבראכט, דאס יענער איז צו אונרעכטן געטייט געווארן, אונ' איז ניט געגנוק (גענוג) אן יעדען אלעס, יענעס טראַפף דער דען ביימעל האט פארלארן דער איז דערצו איין רוצח דריבר געווארן, אונ' ווערט נימער איין כפרה האבן. דרום ליעבער הער גאט, איך וואלט אן גערן וויסן, ווי די שמועות צוגינגען. דא שפראך גאט יתברך: דו צייכסט מיך * צו אונרעכטן, אונ' אזא דוכטען (האָבן געדאכט) פיל לייט מענכערליי וואונדערליך דינג אללעס זייען די אין דער וועלט איז; אבער דער מענש וויים עס ניט דאס עס גלייך צוגעעט. דו זאלסט וויסן, ליבר משה, יענער דער דא האט דען בייטל פארלארן דער איז זעלבער פרום, אבער זיין פאטער האט אין גערויבט פון דעם פאָ־טערס־האנט דער אין געפונדן האט, דא האב איך'ס געפיגט, דאס דער זיין ירושה האט דא מוסן פינדען ביי דען ברונן; אונ' דאס דער איין האט מוסען פערלירן זיין קאפּ דאריבער, אונ' האט קיין שולד ניט דריין, דאס זאלסטו אך וויסען, דאס ער האט איין מאל דעם (יענעמס) ברודער געטייט אונ' נימאנט האט עס געוואוסט ביז אויף דען טאג, אונ' דארום דאס קיין עדות איז ניט דא געוועזן, דא איז יענעם בלוט ניט גערעכן געוואָרן; דא האב איכס איצונדר אזאָ געפיגט (געפירט), דאס דא גלייך יענעם ברודער האט מוססען ביי דעם ברונען דאס געלד פארלירן, אונ' דאס דער רוצח זאל דערצו קומען אונ' דער זאל אין חושד זיין אונ' דאס ער אין זאל טייטן, אונ' דאס ער זיין ברודער זאל רעכען (נוקם זיין), דא האט ער אין צו רעכטן געטייט. אזאָ מאַך אלע דינג פיגען אונ' קיין מענש קאן מיין מידות ניט וויסען, דרום נעמט. אויך וואוגדר אפט אין דער וועלט, ווארום עם דעם רשע צו צייטן וואל גאט אונ' איין צדיק איבלגייעט'' [15].

די ,,לאנגע מגילה'' איז אן אנזאג פון א נייעם נוסח אין דער אלט־יידישער ליטעראטור, — דעם געלאסן־פּליסיקן מדרש־נוסח, וואָס פלעכט צונויף דעם ביבל־טעקסט מיטן פילפארביקן און פאלקסטימלעכן לע־גענדעס־שטאף אין אן אייננאַרטיק קונציק־געוועב. דער דאָזיקער מגידיש־פּראזאישער סטיל פארדרענגט בּיסלעכווייז דעם פאטעטיש־דיכטערישן

* דו ווארפסט מיר פאָר.

15 אין אן אנדערן, קירצערן נוסח, ווערט די־זעלבע מעשה געבראכט אין „שמחת הנפש"; שפּעטער איז די דאָזיקע מעשה מגולגל געוואָרן אין א חסידישער לעגענדע, ווי משה רבנו און דער רבונו של עולם זיינען פאַרביטן דורך דעם מעזעריטשער מגיד ר' בער און דעם בעש"ט. דאָס האָט דער בעש"ט געוואָלט געבן זיין תלמיד א בילדערישן פּירוש צום באַקאַנטן פסוק אין „זוה"ק": „ואלה המשפטים — דא רזא דגלגולא" (זע אויך דעם אַרטיקל אין „ייוואָ־בלעטער", ב' III, 333—335).

סטיל פונם מיטלעלטערלעכן שפּילמאַן; ער באַקומט אַלץ מער די אויבער־האַנט. אַדאַנק דעם דרוק־וואַרשטאַט, וואָס האָט גוואַלטיק דעמאָקראַטיזירט דאָס בוך און דורכגעבראָכן פאַר אים דעם וועג צו די ברייטע פאָלקס־שיכטן.

באַלד נאָכדעם, ווי די „לאַנגע מגילה" איז אַרויס פון דרוק, איז דערשינען אַ בוך, וואָס איז דער קלאַסישסטער טרעגער פון דעם דאָזיקן נייעם נוסח, און האָט די זכיה געהאַט צו ווערן דאָס באַליבטסטע בוך ביים פאָלק און געקרוינט צו ווערן מיטן אחריותדיקן נאָמען „די וויי־בערשע תורה". דאָס איז דער „צאינה וראינה" פון יעקב בן יצחק אשכנזי אויס יאַנאָווע.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז דער רעדאַקטאָר פון דער קרעמאָנער חומש־אויסגאַבע, יהודה־לייב ברעש, האָט געמאַכט דעם פּרוּוו איינצופלעכטן אין דער פּשט־איבערזעצונג אַגדתאָס און מימראָס אויס דעם מדרש, און ביי דער זייט ברענגט ער אויך אין יידישער איבערזע־צונג פראַגמענטן אויס רש״יס פירוש. ברעשס אויסגאַבע, וואָס איז דער־נאָך (1583) אָן שינויים איבערגעדרוקט געוואָרן, האָט געדינט אַלס מוסטער פאַרן „טייטש־חומש", וואָס דעם מהר״ל מפּראָגס איידעם, דער רב יצחק בן שמשון, האָט אין 1610 [16] אַרויסגעגעבן. אין דער מיט פון יעדן בלאַט ווערט געגעבן די ווערטלעכע פּשט־איבערזעצונג פונם טעקסט און פון ביידע זייטן מיט אַן אַנדער שריפט גייען אין יידיש די פירושים פון פאַרשיידענע מדרשים (רעכטס) און פון רש״י (לינקס) [17].

דער „טייטש־חומש" האָט אָבער קיין גרויסן דערפאָלג ניט געהאַט; ער איז באַלד פאַרדרענגט געוואָרן דורך דער „ווייבערשער תורה", דורך יעקב יאַנאָווערס „צאינה וראינה", וווּ דער ביבלישער טעקסט איז אויף אַן איינגאַרטיקן אופן צונויפגעשמאָלצן מיט די פאַרשיידענע מדרשים און מפרשים. מיר האָבן זייער ווייניק ביאָגראַפישע פרטים וועגן דעם

16 פיל ביבליאָגראַפן ווייזן אָפילו אָן, אַז די ערשטע אויסגאַבע פון טייטש־חומש איז שוין דערשינען אין 1608 („בשנת משיחי"). עס איז אָבער פון דער דאָזיקער אויסגאַבע קיין איין עקזעמפּליאַר נים אויפגעהיט געוואָרן. מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דעם עקזעמפּליאַר, וואָס געפינט זיך אין לענינגראַדער אַזיאַטישן מוזיי. אין דעם דאָזיקן עקזעמפּליאַר פעלט דער שער־בלאַט, נאָר צום שלום איז אָנגעוויזן די דאַטע 1610. עס איז אָבער זייער מעגלעך, אַז די דאָזיקע אויסגאַבע האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן צו דרוקן אין 1608, און די דאָזיקע דאַטע איז דערפאַר געווען אָנגעוויזן אויפן שער־בלאַט, נאָר פאַרענדיקט האָט זי זיך ערשט אין 1610, און די פון די ביבליאָגראַפן אָנגעוויזענע צוויי אויסגאַבעס (1608 און 1610) זיינען איינע און דיזעלבע.

17 זע פאָלגנדיקע זייט.

באַשעפער פון דעם פּאָפּולערסטן פאָלקס־בוך, אויף וועלכן עס זיינען גאַנצע דורות דערצויגן געוואָרן. מיר ווייסן ניט, אין וואָסער יאָנאָווע האָט דער בעל „צאינה וראינה" געלעבט, וויל אין פוילן זיינען געווען עטלעכע שטעט אונטער דעם דאָזיקן נאָמען[18]; אומבאַקאַנט איז אויך דאָס יאָר פון זיין געבורט, און וועגן דעם יאָר פון זיין טויט זיינען די ביאָגראַפן אויך ניט איינשטימיק: אַל. שולמאַן ווייזט אָן, אַז יעקב בן יצחק אשכנזי איז געשטאָרבן אין פּראָג אין 1628[19], לויט וואָלף, איז ער געשטאָרבן אין 1625[20], און לויט שטערק־לייצמאַן — בערך אין 1620[21]. אַ גרויסער פּלאָנטער איז אויך מכוח די דאַטעס, ווען עס זיינען צום ערשטן דערשינען די ווערק, מיט וועלכע יעקב אשכנזי האָט זיך אַזוי קונה־שם געווען: דער „צאינה וראינה" און דער „ספר המגיד" (אַ פּראָזע פון נביאים און כתובים). בן־יעקב און שולמאַן[22] ווייזן אָן, אַז די ערשטע אויסגאַבע פון דעם „מגיד" איז שוין דערשינען אין פּראָג אין 1576, לויט שטערק און לייצמאַן איז אָבער דאָס ווערק צום ערשטן געדרוקט אין לובלין אין 1623[23]. די עלטסטע אויפגעהיטע אויסגאַבע פון „צאינה וראינה" איז פון 1622, אויפן שער־בלאַט פון דער דאָזיקער אויסגאַבע (דערשינען אין באַזעל) ווערט אָבער אָנגעוויזן, אַז דאָס איז שוין די פערטע אויסגאַבע, און די פריערדיקע זיינען דערשינען אין לובלין און קראָקע. עס איז אָבער כמעט אויסער ספק, אַז ריכטיק איז די השערה פון שולמאַן און שטערק־לייצמאַן, אַז די ערשטע אויסגאַבע איז שוין דערשינען אויף דער שוועל פון דעם 17טן י"ה (בערך אין 1600)[24].

וואָס ס'איז אויסן געווען יעקב אשכנזי אויס יאַנאָווע מיט זיין „צאינה וראינה", זעען מיר גאַנץ קלאָר אויס די שוין אויבן־ציטירטע שער־בלעטער פון יאַנאָווערס אַנדערע צוויי ווערק. אויפן שער־בלאַט פון „ספר המגיד" דערקלערט דער פאַרפאַסער: „למען דעת כל עמי הארץ מקטנם ועד גדולם מעצמם ידעו ויבינו לקרות כל העשרים וארבע אשר

---

18 זע „יידיש־רוסישע ענציקלאָפּעדיע", ב' XVI, 403—404.

19 ציט. ו., 36.

20 „ביבל. העבר.", III, 469.

21 ציט. ו, 296.

22 און מיט זיי איז אויך געווען איינשטימיק דער ביבליאָגראַף ש. ווינער.

23 ציט. ו., 308. דאָס געפינט זיך אָבער אין סתירה מיט זייער באַהויפּטונג, אַז דער פאַרפאַסער איז געשטאָרבן אין 1620.

24 זע שולמאַן, ציט. ו., 36; שטערק־לייצמאַן, ציט. ו., 296. יעקב יאַנאָווערס העברעיש ווערק „שרש יעקב" (וועגן דינים, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין „שולחן ערוך"), איז דערשינען אין קראָקע אין 1585

לא היה כבר לעולמים. כל אחד מעיר ושנים ממשפחה אשר היה להם יד ושם להגיד, ועתה מלאה הארץ דעה אין צריך להגיד". און טאקע גלייך דערביי איז ער מסביר דעם זעלבן געדאנק אויך אין יידיש: „דרום הוט מן גמאכט דאז עשרים וארבע גנץ אויס, דש דער מענש בעדארף ניט צו זוכן איין מגיד דער אים זאל זאגן דאש עשרים וארבע... און ער קאן לערנן זעלבסט, דרום האט מן גהייסן דאז ספר ספר המגיד כלומר מן בדרף קיין מגיד דער אים עשרים וארבע זאל זאגן"...[25]

דעם זעלבן געדאנק חזרט יעקב בן יצחק אויך איבער אין זיין „מליץ יושר": דען דיא לייט הערין דרשות אין שולן אונ' פארשטינן ניט ווש די דרשה איז. מן זאגט צו בלד (צו שנעל) אין דער שול. אבער אין דן ספר קאן ער בילגצום (לאנגזאם) לייאנן זעלברט צו פרשטין"[26].

אט דער ווונטש, אז דאס פאלקס־בוך זאל פארנעמען דעם ארט פונם בעל־דרשן, אז דאס געשריבענע און געדרוקטע ווארט זאל דער־פילן די אויפגאבע פון דער בימה מיט דער דרשה — איז זייער אן אינ־טערעסאנטער פונקט אין דער געשיכטע פון דער יידישער קולטור, און שטרייכט צום בולטסטן אונטער דעם קולטור־היסטארישן באטייט פון יעקב־אשכנזיס „צאינה וראינה". דער אלטער מנהג, וואס איז איינגע־פירט געווארן נאך אין עזרא הסופרס צייטן — איבערזעצן און עפנטלעך דערקלערן דעם פאלק, אויף זיין אומגאנגס-שפראך, די סדרות פון דער תורה, איז מיט דער צייט געווארן זייער באליבט און אנגענומען. פון דעם „דערקלערן" די תורה זיינען ביסלעכווייז נולד געווארן גאנצע דרשות, פול מיט מוסר און דרך־ארץ. אזוינע דרשות אויף דער אומגאנגס־שפראך פון די ברייטע פאלקס־מאסן — אויפן אראמישן דיאלעקט, פלעגן האלטן שבת און יום־טוב אין די בתי־כנסיות און בתי־מדרשים די לערער און מדריכים פון פאלק. שוין די בארימטע ראשים פונם סנהדרין, שמעיה ואבטליון, האבן געטראגן דעם נאמען „דרשנים", ווייל זיי פלעגן דרשענען פארן פאלק, זאגן אים מוסר, טרייסטן אין דער נויט און שטארקן אין אים דעם בטחון אויף גאטס באלדיקער ישועה. אזעלכע דרשות פלעגן זיך תמיד אנהייבן מיט א פסוק אויס דער סדרה. נייערט דער בעל־דרשן איז דא כלל ניט אויסן געווען צו דערקלערן דעם פשט פונם באטרעפנדיקן פסוק: דאס האט בלויז געהערט צום נוסח. דער פסוק איז געווען דער אריינפיר, די ראם, אין וועלכער דער בעל-דרשן פלעגט אויסשפינען און אויסשטיקן זיין קונציק געוועב פון הארציקן

---

[25] ציטירן לויט דער פראגער אויסגאבע, 1675.

[26] ציטירן לויט שולמאן, זייט 37.

מוסר, ערנסטע שטראָף־רייד און שיינע לעגענדעס און משלים. די דאָזיקע בעל־פּה געהאַלטענע דרשות, דאָס לעבעדיקע, צום פאָלק געווענדטע וואָרט, איז מיט דער צייט מגולגל געוואָרן אין אַ נאַציאָנאַלער ליטע־ראַטור — דער אַגדישער טייל פון תּלמוד און די אַלטע מדרשים. די דאָזיקע מדרשים, ווי דאָס פּיקחות און געניטקייט פונם חריף דעם בעל־דרשן איז צונויפגעבונדן מיט דער האַרציקער נאַיִווער פּשטות פון פאָלקסטימלעכע מעשיות און לעגענדעס — האָבן פּאַקטיש ניט קיין באַשטימטן באַשעפער. דאָס פאָלק, דער קיבוץ, האָט פאַר זיי בוי־שטיינער געליפערט, דער יחיד, דער בעל־דרשן, האָט פון זיי אַ בנין געמאַכט. אינטים־שיינע אַגדות, פון וועלכע דאָס פאָלק האָט גע־פלאָכטן ליב־קרענץ פאַר זיינע געליבטע העלדן, האָט דער למדן, דער בעל־דרשן, אויף זיין שטייגער מסביר געווען, זיי אין אַ מאַנטל פון עטישן מוסר איינגעהילט, און באַפּוצט מיט פּסוקים פון תּנ״ך. די פאַר־שריבענע מדרשים האָבן אין די שפּעטערדיקע דורות געדינט אַלס האַנט־ביכער און אומאויסשעפּלעכער קוואַל פאַר מגידים און דרשנים, וואָס פלעגן זיך שוין ווענדן צום פאָלק ניט אויף דער שפּראַך פון די מדרשים, דעם אַראַמיש־העברעיִשן דיאַלעקט, נייערט אויף די נייע אומגאַנגס־שפּראַכן. נאָר אָט האָט זיך אַ נייע תּקופה אָנגעהויבן: דאָס בוך דרינגט אַריין אין די ברייטע שיכטן פונם פאָלק, עס ווערט געשאַפן אַ פאָלקס־ליטעראַטור אויף זיין אומגאַנגס־שפּראַך, דעם „פּלאַט־יודאַאישן אידיאָם“, ווי עס הייסט בײַ היינען, אויף וועלכן עס רעדט שוין דעמאָלט דער רוב בנין און רוב מנין פונם יידישן פאָלק — און דער רב פונם פּוילישן שטעטל יאַנאָווע, דער בעל „ספר המגיד“, יעקב בן יצחק, שאַפט זיין „צאינה וראינה“, וואָס איז דער האַרמאָנישער המשך פון דער אַלטער מדרש־ליטעראַטור. ניט קוקנדיק אויף דער שפּראַך־פאַרשיידנקייט, איז דער נייער פאָלקס־מדרש אין זיין קלאַסישן פאַרטרעטער, דעם „צאינה וראינה“, דורכגעדרונגען מיט דעם זעלבן ריטם און האַרמאָנישער גאַנצקייט, ווי די אַלטע מדרשים. פאַרשיידן דורך זייער וואָרט־זאַץ, עטימאָלאָגישן בוי און אָפּשטאַמונג, זיינען די צוויי יידישע דיאַלעקטן, דער אַמאָליקער אַראַמישער און דער מיטלעלטערלעכער יידיש־דייטשער, ענג פאַרבונדן געוואָרן; איבערגעשמאָלצן און דורכגעלייטערט אין דעם שאַפונגס־גייסט פונם פאָלק — בילדן זיי צוויי רינגען אין דער „גאָלדענער קייט“ פונם אַלטן קולטור־פאָלק, דעם נע־ונדניק...״[27]

27 באריכות וועגן דעם האָבן מיר שוין גערעדט אין אונזער אַרבעט „דער קאַמף פאַר יידיש אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור“. זע אויך אויבן, דעם בוך פון צווייטן קאַפּיטל.

מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, אַז די אַלט־יידישע ליטעראַטור איז ניט קיין ספּעציעל „פרויען־ליטעראַטור", ווי אייניקע יידיש־דייטשע פאָרשער ווילן באַווייזן, נאָר אַן אמתע „פאָלקס־ליטעראַטור", וואָס ווענדט זיך צו די ברייטע שיכטן פונעם פאָלק. דערפאַר אָבער באַמערקט זיך גאַנץ בולט אינעם סטיל און כאַראַקטער פון דער דאָזיקער ליטעראַטור דאָס האַרציק־ווייבלעכע, דאָס טיפּיש־פרויענהאַפטע, ווי דאָס געפיל און די עמאָציאָנעלע שטימונג באַקומט די אויבערהאַנט איבער דעם לאָגיש־שכלדיקן און טרוקן־אַבסטראַקטן. און דער דאָזיקער ליבלעך־אינטימער „ווייבערשער" סטיל געפינט זיין בולטסטן אויסדרוק אין יעקב אשכנזים „צאינה וראינה"; און ניט אומזיסט איז דאָס דאָזיקע ווערק געוואָרן דאָס באַליבטסטע בוך ביי דער יידישער פרוי. דער האַרציקער טאָן, דער איינגאַרטיקער ריטם, וואָס אָטעמט מיט דער האַרמאָנישער גאַנצקייט פון דער טיף גלויביקער נשמה, האָבן באַגאָסן דעם דאָזיקן ספר מיט אַ באַזונדערן חן. עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס דער „צאינה וראינה" איז געוואָרן די „ווייבערשע תורה", דער וועגווייזער פון דער יידישער פרוי, איר מדריך און גייסטיקער דערציער. אין לאַנגן משך פון דורות האָט דער „צאינה וראינה" ניט געפעלט אין קיין שום יידישער שטוב[28]; פון אים פלעגט יעדן שבת די יידישע מוטער פאָרלייענען אירע קינדער וועגן די אַמאָליקע היסטאָרישע געשעענישן, וועגן די אָבות, וועגן די שטאַרקע העלדן און גרויסע חכמים און צדיקים, וואָס האָבן אין יעקב אַשכנזים איבערדערציילונג געטראָגן אַזאַ געמיטלעך־היימישן לבוש, און זיינען געווען אַזוי באַקאַנט און באַגרייפלעך...

דער מאָדערנער לייענער מוז אָבער נעמען אין באַטראַכט, אַז דער „צאינה וראינה"־טעקסט פלעגט איבערגעדרוקט ווערן אָן שום ענדערונגען (אויסער דעם אויסלייג) כל־זמן מען פלעגט די יידיש־דייטשע ביכער דרוקן מיטן ספּעציעלן שריפט, וואָס האָט געהייסן „תחינה־כתב", „ווייבעריש־דייטש"[29]. זינט די זעכציקער יאָרן פונעם 19טן י"ה זיינען אָבער די יידישע דרוקער אויף אַזוי ווייט „היינטוועלטיק" געוואָרן, אַז זיי האָבן ניט נאָר אָנגעהויבן צו דרוקן די יידישע ביכער מיט דעם זעלבן שריפט, וואָס די העברעיִשע, נייערט זיי האָבן אויך אָנגעוואָרן דעם יראת־הכבוד צו דער „ווייבערשער תורה", און ענדערן דעם „צאינה

---

28 ביז 1732 זיינען דערשינען 34 אויסגאַבעס פון „צאינה וראינה". זייט 1711 דרוקט זיך דער „צאינה וראינה" מיטן „תרגום שני" און „תרגום שיר השירים", זייט 1722 — מיט די „תרגומים" צו אַלע פינף מגלות.

29 די יידישע מיידלעך פלעגט מען ספּעציעל לערנען דעם דאָזיקן „ווייבערשן" א"ב.

וראינה"-טעקסט לויט זייער געשמאַק: וואַרפן אַרויס גאַנצע שטיקער, ענדערן דעם סטיל און שטעלן אַריין נייע ציטאַטן אויס פאַרשיידענע קוועלן. בכדי דער לייענער זאָל האָבן אַ באַגריף וועגן דעם אורשפּרינגלעכן טעקסט פון יעקב יאַנאָווערס ווערק, ברענגען מיר דאָ אייניקע ציטאַטעס אויס עלטערע אויסגאַבעס.

I.

אויס דער פּרשה נח (קאַפּ' 11, 28):

וימת הרן על פני תרח אביו... תרח, דער פאָטער פון אברהם, האָט פאַרקויפט צלמים, און' אברהם איז איין מאָל דערביי געשטאַנדען, און' ווען איינער איז געקומען און' האָט געוואָלט קויפן די עבודה זרה, דא פראגט אברהם: ווי אלט ביסטו? דא ענטפערט ער: פופציג אדער זעכציג יאר; דא זאגט ער ווידער: דו ביסט נון אלט זעכציג יאר און' דו ווילסט דאך בוקען צו איינעם דאס דא איין טאג אלט איז? דא האט זיך דער זעלביגער געשעמט און' איז בחרפה וועג געגאַנגען. איין מאָל קאם איינע פרוי און' בראכט איין שיסעל מיט זעמעל-מייל און' זי זאגט צו אברהם: נעם דאס מייל צו קרבן פור די צלמים. דא נאם אברהם די שיסעל מיט זעמעל-מייל און' שטעלט זי פור די צלמים. דא נאם אברהם אין גרויסן שטעקן און' צובראכט אל די צלמים נייערט איין גרוים פּסל ליס ער שטייען, און' גאב אים דען גרויסן שטעקן אין די האנד. דא קאם תרח דערצו, דא זאגט ער צו אברהם: ווער האט דאס געטון? דא זאגט אברהם: איינע פרוי האט געבראכט זעמעל-מייל צו קרבן, דא האבן זיך די צלמים מיט אונאנדר געקריגט, איטליכער האט וואלן פאָר עסען. דא האט דאס גרעסטע פסל איין שטעקן גענומען און' האט זי אלע צובראכן. דא זאגט תרח: און' האבן זי דען שכל, אדער האבן זי חיות אין זיך? דא זאגט אברהם: ווען זי קיין שכל האבן, ווארום זאלן מיר זי דינען? דא נאם אים תרח זיין פאָטער, און' גאב אים נמרוד אין די האנד. דא זאגט נמרוד צו אברהם: ווילסטו דיך בוקען צו דעם פייער, דא איז עס גוט, ווילסטו דען ניט, דא וויל איך דיך לאסען ווערפען אין דאס פייער. דא האט מאן אברהם געוואָרפען אין דאס פייער, אבער גאט האט אים מציל געוועזן און' ער איז גאנץ הערויסגעגאנגען אויס דעם פייער.

II.

אויס פּרשה „ויחי" צום פּסוק: ואני בבואי מפדן מתה עלי רחל בארץ כנען בדרך:

יעקב זאגט צו יוסף: אויב דו ווילסט מיך פרעגן: ווארום טו איך

דיך אזוי במיען דאס דו זאלסט מיך טראגן אין לאנד כנען צו באגראבן, און ניט אין לאנד מצרים, אונ׳ דיין מוטער רחל האב איך בגראבן אויף דעם פעלד, אויף דעם וועג וואס זי איז געשטארבן, אונ׳ איך האב זי ניט געטראגן אין די הייל ביי די אנדערע אבות; אפילו גאנץ נאהענט ביי דער שטאט בית לחם איז זי געשטארבן, און איך האב זי ניט דארט אהין געטראגן. דו האסט געוויס אויף מיר פאראיבל; אבער זיי וויסען, דאס הקב״ה האט מיר געהייסן איך זאל זי באגראבן אויף דעם וועג, דען ווען די ישראל וועלן לויפן אוים ירושלים אין גלות נבוזראדן, דא ווערן די ישראל קומן אויף דעם זעלביגן וועג, דא וועט רחל אוים איר קבר תפלה טון אויף די ישראל אונ׳ הקב״ה וועט אן נעמן איר תפלה.

III.

אוים דער פרשה „יתרו״, צום פסוק „וישמע יתרו כהן מדין״:

ווייל גאט האט געבאטן מען זאל אין ערליך האלטן אונ׳ אין דינען, דרום האט גאט געבאטן מען זאל איין טאג אין דער וואכן רוען צו געדענקען דאס גאט האט די וועלט בעשאפן, אונ׳ האט אונז פיל וואוגדר געטון אין מצרים. דו זאלסט האלטן שבת הייליק, דו זאלסט ניט טראכטן אויף געלט נייערט הייליקע זאכן זאלסטו אום שבת טון, אונ׳ דער דען שבת רעכט האלט, דעם איז גאט מוחל זיינע עבירות. איין מעשה אן טורנוסיפוס דען רשע; באגעגנט רבי עקיבא אן שבת, דא זאגט ער צו אים: ווארום איז דער טאג בעסער אז אנדרע טעג? זא זאגט רבי עקיבא צו אים: ווארום ביסטו מיין חשוב אז אנדערע לייט? דא ענטפערט ער: דער הער האט מיך חשוב געמאכט; דא ענטפערט רבי עקיבא: גאט דער איז אונזר הער, דער האט דען טאג אך קעסטליך געמאכט. דא זאגט טורנוסיפוס: ווען יא גאט וויל האבן דאס דער טאג איז מער קעסטליך אז אנדערע טעג, אונ׳ ווארום ארבעט ער זעלבערט אן שבת? ער לאזט נען רעגען אן שבת אונ׳ פירט די וואלקען פון וייטן אן שבת? זא ענפערט רבי עקיבא: דא ביסט יא בקי אין דער תורה פון ישראל: ווען צווי בעלי בתים וואוינען אין איין הויף, דא מוזען זי עירוב לייגען צו אנאנדר ווען זי וואלטן טראגען, אבער ווען איין בעל־הבית האט איין הויף, ווען ער גלייך גרוים איז דריי מייל, דא מאג ער וויל טראגען אן עירוב, אזא אויך גאט: די גאנצע וועלט איז זיין, גליין ער מעג וואל טראגען אין דער גאנצע וועלט, דען קיין בעשעפניש האט קיין חלק אן דער וועלט, דרום מאג גאט רעגנען לאזען און וואלקען אויף ברענגען צוטראגען וואסער אין דער גאנצע וועלט אן שבת. נאך מיין זאגט רבי עקיבא: דעם טו

האָבן ישראל אָן שבת ניט געגלויבט, ער וואָר ניט געפאַלן אם שבת, און' אָך דער באָך (טייך) סמבטיון רועט אן שבת, און' איין גאַנצע וואָך לויפט דער באַך.

IV.

אויס דער פרשה „כי תשא", צום פסוק: „אך את שבתותי תשמורו".

אך את שבתותי תשמורו: דער פסוק לערנט אונז, ווען גלייך הקב"ה האָט געבאָטן צו ארבייטן דאָס משכן, אבער אלע וועגן זאָלסטו שבת האַלטן און' זאָלסט קיין מלאכה טון אפילו צום משכן. אונזערע חכמים זאָגן: די תורה האָט דרום אָן געשריבן „אך את שבתותי תשמורו", כלומר — צום צייטין זאָלסטו יא מחלל שבת זיין ווען איין סכנת נפשות איז. זיי וויסען דאָס שבת איז די ערשטע מצוה די דאָ איז וואָרען געבאָטין צו ישראל, אֵיי נאָך די תורה איז וואָרן געבאָטן, דען שבת איז געוויגען קעגן די גאַנצע תורה. אונזרע חכמים האָבן געזאָגט: ירושלים איז ניט אנדרש חרוב געוואָרן נייערט פון וועגן דאָס זיי האָבן שבת און' די תורה נים רעכט געהאַלטן[30].

דער „צאינה וראינה" איז אָבער געווען ניט בלויז די „ווייבערשע תורה", דער וועגוויזער פון דער יידישער פרוי, איר מדריך און דער־ציער — זיין סטיל און נוסח האָט אויך געוועלטיקט אין חדר; אויך דער אונטערוואַקסנדיקער דור פלעגט זיך באַקענען מיטן חומש־טעקסט אויף דעם טראַדיציאָנעלן מדרשיסטישן שטייגער, וואָס האָט דערגרייכט זיין קלאַסישע פאָרם אין יעקב יאַנאָווערס מייסטערווערק. דאָס האָט אָבער דערפאַר אַרויסגערופן אַ קעגנערישע באַציִונג צום „צאינה וראינה" אין געוויסע קרייזן. עס איז פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפּונקט וויכטיק אונטערצושטרייכן, אַז דער קאַמף, וואָס אייניקע רבנים און לומדים (ווי דער מהר"ל מפראַג, אפרים לענטשיץ א"א) האָבן געפירט קעגן דעם אומ־נאָרמאַלן סדר הלימוד פון יענער צייט[31], האָט געפונען אַ געוויסן אָפּ־קלאַנג אויך אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. עס איז גענוג צו דער־מאָנען די אין פריערדיקע צייטן אַזוי פּאָפּולערע[32] גלאָסאַטאָרישע יידישע

30 אויסלייג — מאָדערניזירט.

31 זע אונזער ווערק, ב' V, ז' 108 א"ח.

32 ווי וויט שערטילס גלאָסאַר איז געווען אָנגענומען ביים עולם, זאָגן עדות די תקנות אויס דעם סוף 16טן י"ה פון דער חברה „תלמוד תורה" אין קראָקע, ווו עס ווערט אָנגעוויזן: „חלילה לשום מלמד ללמוד חומש עם פירוש אחר רק דוקא עם פירוש „באר משה" שהוא לשוננו שאנחנו מדברים בו" (גידעמאַן, „קוועלנשריפטען", 233).

איבערזעצונג פון תורה מיט חמש מגילות, משה בן יששכר הלוי שערטילס „באר משה״, וואס איז דערשינען אויף דער שוועל פונם 17טן י״ה[33]. אין דער לאנגער הקדמה[34] קלאגט זיך דער פארפאסער דערויף, וואס מען לערנט אין די חדרים דעם טעקסט פון דער תורה אן א טאלק און אן א שום סדר. די עלטערן פארשטייען גארניט, אז מען דארף קודם-כל לערנען מיט די קינדער דיקדוק און דעם פשט פון דעם ביבל־טעקסט; זיי ווילן בלויז די קינדער זייערע זאלן באוויזן זייער גאנצע חריפות אין גמרא, און עס ארט זיי כלל ניט, וואס יענע ווייסן ניט ווי געהעריק דעם פשוטן טייטש פון די סדרות.

משה שערטילס ווערטער האבן אבער געהאט א גאנץ קנאפע פעולה. בערך אין 70 יאר ארום, בעת דער באקאנטער ביבליאגראף שבתי בס האט איבערגעדרוקט דעם „באר משה״ (1669), האט אויך ער געהאלטן פאר נייטיק אנצוווייזן אין דער פארערדע, אז דער סדר הלימוד געפינט זיך נאך אלץ אין דעם זעלבן קלאגעדיקן צושטאנד: „עס זיינען פיל לומדים דז גמרות וואול קענן אונ׳ אין דקדוק ניט ביקנט זענן, ובפרט א טייל מלמדים פרטייטשן די יונגן וואש זיא קומט אויף דער צונגן״.

אין איניקע יאר ארום זעען מיר דעם זעלבן שבתי בס באטייליקט אלס רעדאקטאר אין א גרויסער ליטעראַרישער אונטערנעמונג, וואס האט באצוועקט צו געבן דעם פאלק די מעגלעכקייט זיך באקענען מיטן ביבל־טעקסט אין א געטרייער ווערטלעכער איבערזעצונג. נאך אין סוף פון 16טן י״ה (אין 1590) האט דער באקאנטער דרוקער יצחק פראסניץ געמאלדן אין דער פארערדע צו זיין מגילת־אסתר־אויסגאבע, אז ער האט בדעה אין גיכן „מיט גאטס ווילן די גאנץ עשרים וארבע אין טייטשם דרוקן״. פון דעם פלאן איז אבער גארניט געווארן, און ערשט אין די 70ער יארן פונם 17טן י״ה האבן צוויי אמסטערדאמער דרוקער גלייכצייטיק פארעפנטלעכט צוויי איבערזעצונגען פון גאנץ תנ״ך: אורי פייבוש אהרן הלוי[35] און יוסף עטיאש[36]. ווי אפרים לענטשיץ און שעפטל הורוויץ, אזוי ווייזט אויך

---

33 ווייל די קראקעווער „חברא דת למוד תורה״ דערמאנט שוין אין סוף 16טן י״ה דעם „באר משה״, מוז מען קומען צו דער השערה, אז די צו אונז דערגאנגענע פראגער אויסגאבע פון 1604 איז ניט די ערשטע.

34 גרעסערע אויסצוגן פון דער דאזיקער הקדמה, זע ביילאגע נומ׳ 5.

35 דער איבערזעצער פון פייבושעס אויסגאבע איז געווען יקותיאל בליץ. די איבערזעצונג איז דערשינען אין 1676–79.

36 דער איבערזעצער פון עטיאשס אויסגאבע איז געווען יוסף וויצנהויזן, דער ארויסגעבער פון דעם צרטור־ראמאן (זע אויבן ז׳ 68). דעם גרעסטן טייל פון דער דאזיקער איבערזעצונג האט רעדאקטירט שבתי בס. די אויסגאבע איז דערשינען אין 1679.

אַז דער פאַרלעגער אורי פייבוש אויף די ספרדישע קהילות, אַז יענע זיינען גוט בקי אין תורה נביאים און כתובים פון קליין ביז גרויס, ווייל זיי לערנען די ביבל לויטן פשט און דקדוק. בכדי די אונטערוואַקסנדיקע יוגנט זאָל אויך אין די אשכנזישע קהילות זיין אימשטאַנד צו באַקענען זיך מיטן תנ״ך־טעקסט אויף דעם זעלבן אופן, גיט ער אַרויס אַ נייע פולשטענדיקע איבערזעצונג „אויף טייטש גאַנץ כפשוטו פון פסוק, און נישט דורך מדרשים אָדער דרשות. רק דען פסוק כפשוטו״. אויך דער איבערזעצער גופא, יקותיאל בליץ, איז זיך מתרעם דערויף, וואָס ביז איצט איז נאָך די יוגנט ניט באַזאָרגט מיט אַ תנ״ך אויף יידיש איבערגעזעצט לויטן ווערטלעכן פשט. די אַלע גלאָסאַטאָרישע איבערזעצונגען פאַרטייטשן בלויז מעכאַניש יעטווידער וואָרט באַזונדער, ניט אין צונויפגעבונדענעם, סטיליסטיש אויפגעבויטן זאַץ, און ווילן זיך גאָרניט רעכענען „לפי טבע לשון אשכנז״ — מיטן גייסט פון דער שפּראַך, אויף וועלכער די איבערזעצונג ווערט געמאַכט. בליץ האָט בכן באַצוועקט צו געבן ניט קיין האַנטבוך פאַר מלמדים, נאָר אַ לייען־בוך פאַר דערוואַקסענע, דער לייענער זאָל האָבן פאַר זיך אַ מעגלעכסט גענויע און וויסנשאַפטלעך ריכטיקע איבערזעצונג פונם ביבל־טעקסט. בליץ פאַלט דערפאַר אָן מיט גרויס רוגז אויף דעם „צאינה וראינה״, וואָס „איז אייטל מדרשים ואגדות זרות און פרעגט פיל קושיות אין דען ענין הפרשה און איז זיי מתרץ ע״פ המפרשים ודרשנים, און ברינגט דען פשוטה פון פסוק אויף דאָס טויזנטסטע ניט״

אויך דער צווייטער פאַרלעגער, יוסף עטיאַש, קריטיקירט שטאַרק דעם „צאינה וראינה״, וואָס דאָרט „זיינען מיינסטנטיילס גמרות און מדרשים, אַלץ על־פּי הדרש, אָבער נישט דער עיקר פון דער תורה, דאָס מען זעלטן פאַרשטייט ווי דער פסוק אין דעם פשוטה נאָך אַנאַנדער רעדט״. אגב קלאָגט זיך עטיאַש בכלל אויפן סדר ווי עס ווערט געלערנט מיט די קינדער אין די חדרים. דער רבי לערנט מיטן תלמיד בלויז „איין פרשה אָדער עטוואָס מער״, און שוין הייבט ער אָן מיט אים גמרא צו לערנען „און לייגט זיך אויף חריפות און חלוקים, אָבער דער עיקר יסוד, דען באר מים חיים, די תורה שבכתב, לאָזט מען שטיין״. דער איבערזעצער גופא, יוסף וויצנהויזן, באַקלאָגט זיך, אַז דערפאַר, וואָס מיר דערקלערן דעם ביבל־טעקסט בלויז אויפן דרך דרוש, לאַכן פון אונז די קריסטן און פאַרזיכערן „דאָס מיר די תורה פאַרפעלשן״.

ביידע איבערזעצונגען זיינען דערשינען מיט אויסשליסלעכן יידישן טעקסט, אָן דעם אָריגינאַל. ביידע האָבן, ווי מיר האָבן געזען, געשטעלט פאַר זיך די אויפגאַבע צו געבן אַ פשט־איבערזעצונג, ריכטיק און געטריי

איבערגעבן דעם ביבלישן טעקסט, אָבער „לפי טבע לשון אשכנז", ד"ה איבערזעצן ניט מעכאַניש ווי די גלאָסאַרן, נייערט זיך רעכענענדיק מיטן גייסט פון דער איבערזעצונגס־שפּראַך. עס איז אָבער שווער צו באַשליסן, וואָס האָבן אייגנטלעך די איבערזעצער פאַרשטאַנען אונטער „לשון אשכנז" — צי דייטש, צי יידיש. שטערק און לייצמאַן וואַרפן, אַ שטייגער, פאָר אין זייער באַקאַנט ווערק[87] בליצן און וויצנהויזענען, אַז זיי „בילדן" אָפּט „אונדייטשע קאָנסטרוקציאָנען". עס איז קלאָר, אַז ניט בליץ, ניט וויצנהויזן זיינען אויסן געווען צו געבן אַ ריין דייטשע ביבל־איבערזעצונג. זיי האָבן אָבער איבערזעצט ניט אויף דער געוויינלעכער אומגאַנגס־שפּראַך פון דער דעמאָלטיקער יידישער באַפעלקערונג, און אויך ניט אויף דער ווייניקער דיאַלעקטיש־באַפאַרבטער ליטעראַרישער שפּראַך אויף וועלכער עס זיינען פאַרפאַסט די מוסר־ספרים, רייזע־באַשרייבונגען און מעמואַרן פון יענער צייט, נאָר אויף אַ געקינסטלטער „פּאַרטייטשונג"־שפּראַך, וואָס האָט שוין געהאַט איר אַלטע טראַדיציע. בכדי צו ווייזן דעם מערקלעכן אונטערשייד צווישן דער דאָזיקער „פּאַרטייטשונגס"־שפּראַך און דער געוויינלעכער שפּראַך, אויף וועלכער דער ייד פון יענער צייט האָט געדענקט און געשריבן, ווען מיר דאָ ברענגען צו צוויי פּאַראַלעלע שטעלן פון בליצס און וויצנהויזנס פאָררעדעס * און פון זייערע איבערזעצונגען.

I. אויס בליצס חומש־איבערזעצונג: אונ' ער הוב אן זיין בייא שפּיל אונ' שפּראַך: עש רֵידט בלעם דער זון בעור; עש זאגט דער מאַן דעם דיא אויגן גיעפנט זיין, עש זאגט דער דא הערט געטליכע רֵיד, דער דען אלמעכטיגן שַיין זיכט (זיעט), די אויגן ווערדן גיעפינט אלש ער נידערפאלט! ווי פיין זיין דייני היטן יעקב, אונ' דייני וואָינונג ישראל. גלייך וואו זיך די בעכי אויז שפּרייטן, וויא דאן גערטן אין דען וואשרן.

אויס בליצס פאָררעדע: „איז דאש ניט אים צו בקלאגן אונ' צו בֵוֵיינן, דאש אונזרי גלערנטי ביז אלשהער אונש ניט פערזארגט האבן מיט איין עשרים וארבע אין לשון אשכנז אייגנטליך אויש גילייגט דען צחצחות פשט, וואָרט פער וואָרט מלה"ק לל"א. חי נפשי, הרבה פעמים עצמו מספור האב איך גיהערט, דאש זי שפּרעכן: ווארום קאָן מן אויש ספרי גוים איין הבנה האבן, אונ' אויש אונזרי ספרים קאָן מן קיין באשלום פון רֵידן גיפונדן, אונ' דיא רייד אן זיך זעלבשט זיינן

87 „די יידיש־דייטשע ביבעל־איבערזעצונגען", 1923, 162.

* וואָס זיינען ניט געבונדן מיטן העברעישן טעקסט.

קינדיש... אלי טויטש ספרים זיינן אין איר שרייבונג פערמישט מיט עגדות זרות אונ' מדרשים, אונ' דיא מלמדים האבן עש ווייטר אין דען פורם איבר ליברט (איבערליווערט, איבערגעגעבן) אירי תלמידים''...

II. אוים וויצנהויזנס חומש־איבערזעצונג:

,,ער היב זיין ביישפיל אויף אונ' שפראך: ער שפריכט בלעם דער זון פון בעור, אונ' ער שפריכט דער מאן דעם דאש אויג גיעפנט איז. ער שפריכט דער דא הערט גאטש רֵיד, דער דא זוכט דען שֵין פון דעם אלמעכטיגען גאט, דער דא פעלט, אונ' דיא אויגן ווערדן אים גיעפינט. ווי גאר גוט זיין דיינן גיצעלט יעקב, ווי דייני וואינונגען ישראל. גלייך אז וויא בעך (טייכן) בריטן זיא זיך אויש, גלייך אן די גערטן בייא דעם באך''.

אוים וויצנהויזנס פאררעדע, ווו ער פאלעמיזירט מיט זיין קאנקורענט, יקותיאל בליץ: ,,כל הפוסל במומו פוסל, דאש האט גיטאן ה''ר כוסיל, ער האט פאלשי הסכמות גיבראכט צו טראגן אונ' האט מיר וועלן דען חרם אויף דען האלז יאגן, אונ' מיך פאר איין מוסר אויש גישאלטן, אונ' האט ביגערט דש מיך קהל יצ''ו אין חרם האלטן זאלטן; אונ' קהל יצ''ו אונ' דאש ב''ד מיט אייטל שקרים בירירכט; הערט אבר צו וועש זא ווייטר גישיכט: ער האט זיך זייער בירופין אויף זייני הסכמות, אונ' האט עורר גיוועזן אויף די גרוישי שווערי חרמות...

דער פרווו צו פארדרענגען דעם ,,צאינה וראינה'' און אנדערע דרש־איבערזעצונגען האט קיין דערפאלג ניט געהאט. דער דרש-נוסח פונם ,,צאינה וראינה'' איז געווען מער צום הארצן דעם דעמאלטיקן לייענער־עולם. צו דער אלט־פרענקישער דערציִונגס־סיסטעם, וואס אפילו אזא אויטאריטעט ווי דער מהר''ל פון פראג איז ניט אימשטאנד געווען צו דערשיטערן, איז געווען באדייטנד מער צוגעפאסט דער טראַדיציאנעלער נוסח, איידער בליצס און וויצנהויזנס נייע אויפטוען. דער ,,צאינה וראינה'' האט דעם קאמף געוווּנען און פארדרענגט ביידע נייע איבערזעצונגען. וויצנהויזנס איבערזעצונג האט נאך ווייניקסטנס זוכה געווען איבערגעדרוקט צו ווערן (אין 1687)[88], בליצס איבערזעצונג דאס אויך ניט. און דער ,,צאינה וראינה'' האט זיך נצחונדיק פארשפרייט אין די צענדליקער אויסגאבעס בכל תפוצות ישראל, און דורות־לאנג געוועלטיקט אומבאגרענעצט איבער די מוחות און די הערצער פון די יידישע פרויען.

88 וויצנהויזנס איבערזעצונג איז אויך איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער באַקאַנטער „ביבליאַ פּענטאַפּלאַ" (וואַנדסבעק, 1711) צוזאַמען מיט דער קאַטוילישער, רעפאָרמירטער שוטרישער, און האָלענדישער ביבל-איבערזעצונג.

זעקסטער קאַפּיטל

מוסר־ספרים אין יידיש. — „איין שיין פרויאַן ביכליין" („סדר נשים"). — די יידישע איבערזעצונג פון „ספר היראה" (1546 און 1583) און די געגראַמטע פּאַראַפראַזע „חיי עולם" („דש בוך דש אויבינן לעבנש"). — דער העברעישער „ספר מדות" און זיין יידישע איבערזעצונג. — דער „רויזן־גאָרטן" („ספר הגן") און אברהם אשכנזים „סם חיים". — דער עטנאָגראַפישער אינטערעס פון אשכנזים „דברי מוסר". — משה אַלטשולערס „בראַנטשפּיגל". — אַלטשולער וועגן דער יידישער פרוי. — יצחק בן אליקום און זיין „לב טוב". — דער סטיל פון „לב טוב". — יצחק בן אליקום וועגן תפלות אין יידיש און וועגן קינדער־דערציונג. — אין טעמפּן חינקל. — שלמה־זלמן בן אלעזר אויפהויזן און זיין „יודשר טֿיריאַק". — דער באַטייט פון דעם ווערק.

אין דעם „צאינה וראינה", ווי אויך אין דער „לאַנגער מגילה" פילט זיך אמבולטסטן די גרונד־טענדענץ — מוסר־זאָגן דעם עולם, מאָראַליש דערציען, פאַרשפּרייטן רעליגיעז־עטישע יסודות פון דער יידישער קולטור אין די ברייטסטע שיכטן פונם פאָלק. דאָך האָט דער לייענער שוין אויס די געבראַכטע ציטאַטן זיך לייכט געקאָנט איבערצייגן, אַז אין די דאָזיקע ווערק מאַכט זיך גאַנץ באַמערקלעך נאָך אַ כאַראַקטעריסטישער מאָמענט: דער ריין דערציילערישער. דעם פּשוטן לייענער פאַר־אינטערעסירט ניט בלויז דער מוסר־השכל, נאָר טאַקע די „קורצווייליקע" געשיכטע גופא, דער ריין בעלעטריסטישער טייל. אָט די דאָזיקע ווערס האָבן אין זיך פאַקטיש פאַראייניקט צוויי פאַרשיידענע ליטעראַרישע זשאַנרען, וועלכע האָבן גראָד צו יענער צייט, צום סוף פונם 16טן י"ה, געבילדעט די מערכטיקסטע צוויי שטראָמען אין דער יידישער ליטעראַטור: מוסר־ספרים און מעשה־ביכער. די דאָזיקע צוויי שטראָמען האָבן אָבער ניט געפלאָסן גאַנץ אָפּגעזונדערט איינער פונם אַנדערן: זיי פלעגן גאַנץ אָפט זיך צוזאַמענהעפטן און ברידערלעך בייאַנאַנדערפליסן, און אויס דער דאָזיקער באַהעפטונג פלעגן, ווי מיר וועלן ווייטער זען, ניט זעלטן געשמאָלצן ווערן אַזוינע אַנדרוגינוס־ווערק, ביי וועלכע עס איז גאַנץ שווער געווען פעסטצושטעלן, צו וועלכן זשאַנר זיי געהערן: צי האָבן מיר

פאַר זיך אַ מוסר-ספר, צי אַ בעלעטריסטיש ווערק, וואָס איז בלויז אויסן „די ווייל צו פֿרטרייבן".

מיר האָבן שוין אין ערשטן קאַפּיטל אָנגעוויזן אויף דער ראָלע פון די אַזוי־גערופענע „פּאַטראָנעסעס" און „געגעריגס" אין דעם מיטל־עלטערלעכן געטאָ, וואָס פלעגן אַלס פּאַרמעגלעכע פרויען באַשטעלן ביי ספּעציעלע אָפּשרייבערס און קאָפּיסטן באַשרייבונגען פון „מצוות נשים" און אויך אַנדערע מנהגים־ביכער, וואָס באַהאַנדלען די דינים פון דעם רעליגיעזן יידישן פאַמיליע־לעבן, צונויפגעפלאָכטן מיט מוסר און די־דאַקטישע סענטענצן.

אַ האַנטשריפטלעכע אָפּשריפט פון אַ „סדר נשים", דאַטירט 1504, איז אויפגעהיט אין דער ביבליאָטעק פון קעמברידזשער אוניווערסיטעט[1]. מיט קאַרגע 50 יאָר שפּעטער (1552) איז אַ נעגראַמטער „סדר נשים" (הייסט אויך „איין שיין פרויאַן־ביכליין") דערשינען, געדרוקט אין ווענעציע און רעדאַקטירט, ווי עס ווייזט אָן צום סוף פון דער אויסגאַבע דער אונז שוין באַקאַנטער קאָרנעליאָ אַדלקינד, „דורך אַ פרומן רב און אַ קעסטליכע רביצין". דאָס ווערק האָט שטאַרק אויסגענומען ביים עולם, און אין 1577 דערשיינט עס שוין אין אַ פאַרגרעסערטער פאָרם אין פוילן (אין קראָקע) דורך בנימין בן אברהם סלאָנים, און דערנאָך אין באַזעל אין 1602[2]. מיט אַ ווייכן האַרציקן טאָן באַלערנט דאָס „פרויאַן־ביכליין" די יידישע פרוי, ווי אַזוי זי דאַרף זיך נוהג זיין אין דעם פאַ־מיליע־ און רעליגיעז־געזעלשאַפטלעכן לעבן. „מיין ליבע טאָכטער — אַזוי הייבט זיך אָן דאָס ווערק אין דער באַזעלער אויסגאַבע — זיך (זע) אונ' מערק עבן אויף וואס איך דיר דא טוא לערנן; ווערסטו מיר פאָלגן, זא ווערסטו לעבן אין ציכטן אונ' אין עֶירן, און גאט דער אַלמעכטיג ווערט דיר גליק אונ' הייל באשערן, אונ' פרייד ווערשטו זעהן אן דיין קינדערן אונ' דיין טאג ווערען זיך טון מיירן, אונ' דיין גוט אונ' דיין קעסטליכע קינדר ווערן זיין אזא פול אז שטערן אין הימל, אונ' אלע אנהיישונג דיין הערץ * ווערט דיר גאט שמו יתברך בייןויירן, אונ' יעדער־מאן ווערט דיינען געבענטשטן זאמען זוכען און טוען בעגערן. אונ'

1 זע וועגן דער דאָזיקער האַנטשריפט ביי ב. וויינרייך, „בילדער", ז"ז 149—150.

2 אין דער ווענעציאַנער אויסגאַבע האָט דאָס ווערק 123 קאַפּיטלעך, אין די ווייטער־דיקע — 139. מער באריכות וועגן די פאַרשיידענע אויסגאַבן פון דעם „פרויאַן ביכליין", זע ביי שטיינשניידער, „העבר. ביבל." XIX, 82—83.

* אַלע ווונטשן פון דיין האַרץ.

דרום מיין ליבע טאָכטער וויל איך דיך לערנען גייען דען רעכטן וועג, אונ' ווערשטו מיר פאָלגן זא וואָל דיינען לייב אונ' דיינער זעל''.[3]

דער „מצוות נשים'' איז, ווי מיר האָבן געזען, באַשטימט אויס־שליסלעך פאַר פרויען. אָבער נאָך מיט אייניקע יאָר פריער (אין 1546) איז דערשינען אין יידיש אַ מוסר־ספר, וואָס ווענדט זיך דערהויפּט צום מאַנסביל — דאָס איז די איבערזעצונג פון ר' יונה גירונדים העברעישן „ספר היראה''[4]:

„...דיזס ספר — ווערט אָנגעוויזן אויפן שער־בלאַט — האָט גימאַכט דער גאַנץ ורום (פרומער) חסיד רבי יונה בון גירונדי עליו השלום, אונ' ער האט עש גינענט ספר היראה, דארום דאז ער דארינן ניכם אנדערש גישריבן הוט דען נויארט יראת שמים אונ' אין איינר קורצן מיינונג וויא זיך איין איטליכער מענש האלטן זול אין זיינם גאַנצן לעבן הן במילי דעלמא הן במילי דשמיא, דאז ער אין דיזם עולם וואל גיבאלן (געפעלן) ווירט אין דען אויגן גוטש אונ' אין דען אויגן דער מענשן, אונ' צו לעטשט (צולעצט) דאס ער ווירט זוכה זיין לחיי העולם הבא. דש ורלייה (פערליי) אונש גוט ית' אלען מיט איננדער — אמן וכן יהי רצון''[5].

די איבערזעצונג איז אין אַלגעמיין אַ גאַנץ געטרייע; ערטערווייז גיט דער איבערזעצער ניט בלויז דעם טייטש פונם טעקסט, נאָר אויך אַ קורצן פּירוש דערצו, אָבער מיט אַן אומבאַהאָלפענער שווער־וואַגיקער שפּראַך. מיר ברענגען דאָ אייניקע ציטאַטן פּאַראַלעל מיטן אָריגינאַל־טעקסט:

---

8 מיר ציטירן לויט גרינבוים, צים. ווו., 269; זע אויך שולמאַן, ציטירטע ווערק, 74—75.

4 זע אונזער ווערק, ב' II, 175.

5 צום ערשטן געדרוקט אין ציריך, אין 1546, איבערגעדרוקט אין פרייבורג — ברייסגוי, 1583. גרעסערע אויסצוגן פון דער דאָזיקער איצט זייער זעלטענער איבערזעצונג, זע: ביי שטיפן אין „פיל. שר." II, 164—165, און ביי ווינערייכן, דאָרטן, 513—515. נ. שטיף פרובט דערוויזן („פיל. שר." II, 135—168), אַז די איבערזעצונג געהערט דעם אַרויסגעבער פון דער קאָנסטאַנצער חומש־איבערזעצונג, מיכל אדאָם. שטיפס ראיות זיינען אָבער ניט גענוג איבערצייגנדיק. עס איז זייער שווער צו גלויבן, אַז אַ משומד און מיסיאָנער זאָל זיך שטעלן די אויפגאַבע צו פאַרשפּרייטן צווישן די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן אַזאַ שטאָק־פרום מוסר־ספר, ווי דער „ספר היראה".

ספר הירא ה

(וועגן הכנסת אורחים):

ואף אם יש לו מאה עבדים או שפחות מטריח הוא בעצמו ויעמוד עליהם. מי לך גדול כאברהם אבינו ששימש למלאכים... ואם ילינו אצלו משכיבם במיטב מטותיו, כי גדולה מנוחת העיף בהיותו שוכב בטוב, ויותר עושה לו נחת רוח המשכיבו היטב יותר מן המאכילו ומשקהו... ובבוקר הלוהו וסעדהו בפת לחם ויחשוב כי גלגל הוא החוזר בעולם, היום עשיר למחר רש ונבלם...

יידישע איבערזעצונג

און׳ אפילו ווען ער העטי טויזנט קנעכט און׳ מעגט (דינסטן), נאך דענוך זאל ער זיך זעלבר מיהן און׳ ער זאל שטיין צו פאר אינן (פאר די אורחים) צו דינען אינן, דען ווער איז אַכפּערער צו אונז דען אברהם אבינו עליו השלום, און׳ דער האט זעלבר געדינט צו די מלאכים... און׳ ער טוט אים (דעם אורח) מֵיא (מער) נחת רוח מיט דעם דאָזיגן דאס ער אין לייגט אין איין גוט בעט ווידער מיט דעם דאז ער אים הוט צו עסן און׳ צו טרינקן געבן... און׳ עס איז איין גלגל דאס אלזו אום לויפט אין דעם עולם: איצונדר איז דער אונפאל אויף איינם און׳ מארגן איז ער אויף דעם אנדרן.

(וועגן גניבת הדעת):

אל תגנוב דעת חברך ודעתו של נכרי ואל תסרב בו יותר מדאי ואל תאמר לו דבר אשר ידעת כי בשום פנים לא יעשה ואל תאמר לו דבר זה עשיתי בשבילך ולא עשית בשבילו. כללו של דבר כל צד גניבת דעת אסור.

אל תגנוב, דו זאלסט ניט זיין גונב דעת הבריות צו קיינם מענשן, און׳ אפילו צו קיינם גוי, דאס מיינט דאס איינער מיט זיינעם מוּנד עט־וואס רֶעט און׳ אין זיינעם הערצן גידענקט ער עטוואס אנדערש; און׳ דו זאלט ניט ווידער שפעניגן ווידער דיינן גיזעלן מֵיא (מער) דען צופיל. און׳ דו זאלסט ניט זאגן צו אים: דיזע און׳ דיזע זאך האב איך געטאן אום דיינן ווילן, ווען דו זי אים זיינן ווילן ניט געטאן האסט, נייערט ווען ער זיך זעלבר טועה ווער, און׳ דאס ער פרמיינט דו העטשט אים זיינם ווילן עטוואס גיטאן, זא באדארפסט דו ניט צו אים צו זאגן: איך האב

עס ניט גיטאן אום דיינן ווילן, דען ער איז זיך אן דעם דאזיגן זעלבר טועה אונ' דו האסט אים ארום ניט גונב דעת גיוועזן. זה הכלל: אין אלע וויז אונ' וועג. זא איז עס אסור דאס מן ניט זאל גונב דעת זיין צו קיינם מענשן.

(ווענן איבערגעטריבענער פרומקייט):

אל תהי צדיק הרבה: ראית אשה ערומה טובעת בנהר ואל תאמר אניח ולא אראנה, אלא תציל אותה ותעצים עיניך ביותר שתוכל וכיוצא בזה. אם שמעת אדם אומר על חבירו להכותו, אל תאמר לא אגלה לו ואהיה רכיל, כי אדרבה לא תעמוד על דם רעך ואמור לו כפי יכלתך שלא בלשון רכילות.

אל תהי, דו זאלסט ניט זיין איין צדיק מיא דען צו פיל, זיכסט (זיעסט) דו איין נאך נדינג וייב דאס זי דער טרינקן וויל אין דעם באך, דא זאלט דו ניט זאגן: איך וויל פליהן אונ איך וויל איר ניט העלפן, דען איך וויל זי ניט אן זעען די ווייל זי נאקנדיק איז, אונ' אלזו אויך וואס דער גלייכן איז. הערסט דו פון איינעם מאן דאס ער אין זיינם ווילן האט צו דערשלאגן זיינן גיזעלן, זא זאלט דו ניט זאגן צו אים (?) איך וויל שטיל שוויגן אונ' איך וויל ניט זיין איין רכילות טרייבר, דען עס איז געשריבן: לא תעמוד על דם רעך, דאס איז אין טייטש: דו זאלט ניט שטיין אויף דאס בלוט דיינעם גיזעלן, אונ' דו זאלסטעם זאגן צו אים נאך אל דיינם פר מיינן, אונ' ניט אין דער מיינונג אלס אויב דו רכילות טרייבסט, אונ' אלס דען דא האסט דו דיינן לייב באשירמט פון דען זינדן.

אין דעם זעלבן יאר (1583), ווען עס איז דערשינען די צווייטע אויסגאבע פון דער דאזיקער ניט גאר געלונגענער איבערזעצונג, האט אן אומבאקאנטער פראפעסאר פארעפנטלעכט אין פרייבורג א נעגראמטע

פאראפראזע פון יונה גירונדים „ספר היראה", אונטערן נאמען „דש בוך דעש אויבינן לעבנש" (אויך „חיי עולם")[6].

דאס דאזיקע קליינע ווערק האט א באשטימטן ליטעראַרישן ווערט. ס'איז ניט קיין פשוטע איבערזעצונג, נאר א איבערדיכטונג. דער טעקסט איז ערטערווייז געקירצט, די איבערגעארבעטע שטעלן ווערן געגעבן אין א קערנדיק־זאפטיקער, פאלקסטימלעכער שפראך.

„גוט אונ' זעליק — אזוי הייבט אן דער „חיי עולם" — איז דער מאן ווען ער וויל טראגן — דאס יאך פון דער תורה אין זיינן יונגן טאגן. — דאס אין זיין רבי האט געשלאגן — דאס זאל ער ניט קלאגן. — בעדענק דיך רעכט — זיי גאטס קנעכט".

אין דעם זעלבן טאן ווענדט ער זיך צו דעם יונגן דור, צו די חדר־יינגלעך: „הערט צו מיר ליבן, ליבן קנאבן — דען בורא זאלט איר ליב האבן — זיין געבאט היט אלע צייט — זא ביסטו אל זינדן קווייט (קוויט).

בכדי צו געבן דעם לייענער א באגריף, ווי אזוי דער אומבאקאנטער דיכטער האט אויסגענוצט דעם העברעישן טעקסט, ברענגען מיר איינִיקע פאראלעלע ציטאטן:

ספר היראה:

אל יעמוד ממטתו ערום, אך מלבוש מיושב, כמו שהיה מתפאר ר' יוסי: מימי לא ראו קורות ביתי אימרי חלוקי...

ומעת קומו להתהלך על הארץ יכפוף קומתו וישוח ראשו כי השכינה למעלה מראשו ולכך נכון לכסות ראשו ואל יהיה בגלוי ראש.

יידישער „חיי עולם":

אונ' זיי ציכטיג אונ' ניט לאז — די באלקן זאלטן דיך ניט זעען בלאז — אזו וואס זיך בערומען רבי יוסי: אל מיין טאג בין איך געוועזען בעהינד (געשווינד) — ניט זי האן (האבן) געזעען די באלקען די זווים מיינעם העמד... אונ' געה אין וויניג בוקען (געבוקט) אונ' ניט צו גאנץ אויף גריכט — אונ' געדעק דער בורא ווייס וואל וואס נור הער נאך געשיכט (געשעעט) — דו זאלסט אך געדענקען אונ' טון צו רעכטער מוס — ניט געפיר אילען ווען דיין הייבט (הויפט) איז בלום (בלויז).

[6] „דש בוך דעש אייבינן לעבענש, וועלכש דענין דוא עש לעזין אונ' מיט ולייש (פלייס) וואס דרינן באגריפן אישט בהאלטן אונ' אין צו ווערק ריכטן, גנאד אין דיזר וועלט בייא גאט אונ' אונטר מענשן דר נאך אבר דש אויבינ' לעבן ער ווירקט

ספר היראה:

אחרי כן ילך לעסקיו, כי יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ, כי לא יוכל אדם לעבוד את הבורא אם לא יטריח לבקש מזונותיו, וכן אמר דוד: יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך. ויהיו עסקיו באמונה ויתרחק מדבר שקר וממחברת אנשים רעים וממושב לצים, ואם יצטרך לשבת עמהם יזהר פן ילעיגו ויתלוצצו עליו ויראה בעושה עצמו חשוב, אל יכנס לתוך דבריהם ואל ישוב להם כי אם בקוצר רוח ויקום מיד אם יוכל.

ואם יבואו אורחים לביתו יכניסם בסבר פנים יפות ומיד בבואם ישים לפניהם לאכול, כי פעמים רבות בא העני ולא אכל כיבוש הוא לשאול ויתן להם לתמו ומימין; והכל יהיה בפנים מאירות ואף אם לבבו בעצב ודאגה ישתנה מלבו בפניהם וינחמם בדבריו להם למשיב נפש.

יידישער „חיי עולם":

אונ' מיט גאט און מיט ערען — זאלטו דיך דער ניירן — געדענק דאס דיך דעם הונגערס קאנסט דער ווערן — שֵׁיים דיך ניט דו זאלסט איינעם זיין בארט שֵׁיירן — אונ' ווילטו האבן גוטן מוט — שטיי ניט נאך גראסן גוט — עס איסט גע־שריבן: גאט זאלסטו ניט פר געסן— ברויט פון ערביט (ארבעט) דיינער הענט זאלטו עסן — קיין ליגן זאל דיר אוים דיינעם מויל געען — אונ' ביי דעם מיססיג גענגער זאלטו ניט שטייען — אויב עס דיר פון דער ערען וועגן ווירד געבירן — זא זאלסטו אין דאך ניט לאנג צוהערן— נעם דיך אַן דו האבסט עטוואס דא היים פר געסן — דאס זי דיר עס ניט פער איין העפפאַרט אויפמעסן.

קומט אין דיין הויז איין גאסט געגאנגן — גיטליך זאלסטו אים אנטפאנגן—ער שֵׁימט זיך צו עסן— דרום זאלסטו עס ניט פר געסן — מיט גוטליכן אנצליט (פנים) זאלטן אים זעען עסן אונ' טרינקען פָּר טראגן — דיינען קומער אונ' גע־ברעכען זאלטו אים ניט קלאגן — מאך אים לייכט זיין מוט — טייל אים אַך מיט פון דיינעם גוט — גיטליך וואָרט זאלטו אים צו שפרעכן — פון דיינער אֵיגען האנט לאס אים נישט געברעכן.

דאר צו אונש דאן דער גוטיכי גוט (גוטיגער גאט) זאטטליכי וועלע פר העלפין". דאָס דאָזיקע איצט זייער זעלטענע ווערק איז איבערגעדרוקט אין אויסצוגן אין לאַטיי־נישער טראַנסקריפּציע אין גרינבוימס „כרעסטאָמאַטיע", 251—265, און ביי א. בריל אין „יאַהרבוך פ. יידישע געשיכטע", 1877, 100—115. זע אויך שטיף אין „פילאלאג' שר"

ספר הירא ה:

אל תפרוש מן הצבור כי לא תקבל שכר עמהם אם תפרוש, ושני מלאכים המלוים לו לאדם מניחים ידיהם על ראשו ואומרים: פלוני הפורש מן הציבור אל יראה בנחמת ציבור. אם מינוך ציבור פרנס עליהם אל תתגאה עליהם, ואל תטיל עליהם אימה שלא לשם שמים וסבול טרחם כי גדול שכר פרנסי הדור.

יידישער „חיי עולם":

אין קיינערליי האָפאַרט זאלטו דיך קליידן — אונ׳ פון דיינעם קהל זאלטו דיך ניט שיידן — אונ׳ ווער זיך פון זיינער געמיין (געמיינדע) שייט — ווען עס אים וויל גיט זא איסט עס אים לייט — אונ׳ ווען דער זעלוויג פון דער וועלט מוז שיידן — צוויי מלאכים די אין געלַיידן — זי ווערדן אין פריגן — אונ׳ איר הענד אויף זיין הייבט לעגן — זי שפרעכן פלוני דו האסט דיך געשיידן פון דיינער געמיין — איר פרייד ווערד זיין גרויס אונ׳ דיינע קליין — גרויס גענאַד אונ׳ פרייד ווערד אין געשייען — די זאלטו ניט זעען. — הערווילט דיך איין קהל צום פרנס זאלטו דיך שיימען — קיין האפארט זאלטו דיך אן נעמען — פורכט דעם בורא זאלט איר האָן,. דאס זאלטו זאגען — אונ׳ איר לאסט זאלטו וויליקליכן (מיט גוטן ווילן) טראגן.

די אויבן־ציטירטע שטעלע אויס דעם „ספר הירא ה" וועגן דעם מעביר זיין די סדרה אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך, ווערט איבערגעגעבן אין דעם „ספר חיי עולם" אויף פאָלגנדיקן אופן: „אך ווען וויל איך דיר בעטייטן — אל וואָך די סדרה זולטו לייען מיט מינדרן לייטן — צוויי מאל עברי אונ׳ תרגום איין מאָל — דאס שטעט דיר אך וואָל. האסטו ניט איין תרגום, צו איינעם מאל טויטש זאלטו זיין בערייט — אונ׳ דאס טראָפף מיט דאס איסט דער תורה קלייט".

ווי דער „ספר הירא ה" און דער „ספר חיי עולם", אַזוי איז אויך אויס העברעיש איבערזעצט דאָס עלטסטע און פונדאַמענטאַלסטע מוסר־ספר, וואָס ס׳איז אין יידיש אין 16טן י״ה דערשינען — דאָס „זיטן־בוך" (ספר מידות).

אָט מיט דעם אַלטן „זיטן־בוך" האָבן זיך ביי אונז אינטערעסירט פיל פאָרשער. זאָל זיין, ס׳איז נאָך ניט פעסטגעשטעלט, צי איז דאָס דאָס

ערשטע מוסר-ספר אויף יידיש, וואָס האָט געהאַט די זכיה זיך צו באַקענען מיט דעם דרוק-וואַרשטאַט[7], יעדנפאַלס איז עס דאָך דאָס עלטסטע יידישע מוסר-ספר, וואָס איז צו אונז דערגאַנגען. די אַנט-שטייונג פון דעם דאָזיקן בוך איז אָבער נאָך עד־היום ניט אויפגעקלערט. ניט נאָר דער פאַרפאַסער איז געבליבן אומבאַקאַנט, עס איז נאָך אפילו אַ פּלוגתא מכּוח דער שפּראַך, אין וועלכער עס איז לכתחילה פאַרפאַסט געוואָרן. ווייל דאָס „זיטנבוך״ („ספר מידות״) איז צום ערשטן גע-דרוקט געוואָרן אין יידיש (איסני, 1542) און ערשט אין 1581[8] איז דאָס ווערק דערשינען אין העברעיִש אונטער דעם טיטול „ארחות צדיקים״; האָבן לכתחילה אפילו אַזוינע גענייטע ביבליאָגראַפן ווי שטיינשניידער (קאַט. באָדל. 521—522), צעדנער (קאַט. בריט. מוז. 623) און בן־יעקב („אוצר הספרים״, 51) גערעכנט, אַז דער יידישער טעקסט איז דער אָריגינאַל, און דער „ארחות צדיקים״ איז בלויז אַן איבערזעצונג. שפּע-טער האָט אָבער שטיינשניידער איינגעזען, אַז ער האָט אַ טעות געהאַט, און אַרויסגעזאָגט אַ השערה, אַז דאָס דאָזיקע מוסר־ספר איז קודם־כּל געשריבן געוואָרן אין העברעיִש („סעראַפּעום״, 1869, 135). צו דעם זעלבן אויספיר זיינען אויך שפּעטער געקומען פערלעס („בייטרעגע״, 175—177) און גידעמאַן (אין זיין „געש. ד. ערצ.״, III, קאַפּ׳ 6). קעגן דער דאָזיקער מיינונג טרעט אָבער קאַטעגאָריש אַרויס אלעזר שולמאַן אין „שפת יהודית־אשכנזית״, און פאַרזיכערט גאַנץ באַשטימט, אַז דער העברעיִשער „ארחות צדיקים״ איז בלויז אַן איבערזעצונג פון דעם „זיטנבוך״[9].

עס איז אָבער קיין שום ספק ניט, אַז גערעכט איז ניט שולמאַן, נאָר טאַקע שטיינשניידער און פערלעס, און דאָס בוך „ספר מידות״ איז פאַרפאַסט געוואָרן אין העברעיִש נאָך איידער גוטנבערג האָט אויסגע-

7 יעדנפאַלס איז לויט דער מיינונג פון דעם ביבליאָגראַף ש. ווינער שוין אין 1537 געדרוקט געווען אַ מנהגים-בוך אין יידיש.

8 מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1582, איז אויך אַרויס די צווייטע אויסגאַבע פונם יידישן „זיטן-בוך״ אין דער באַקאַנטער דרוק פון דעם קראָקעווער אַרויסגעבער יצחק פּראָסטיץ. אויפן שער-בלאַט שטייט געשריבן: „ספר המדות, דאש ספר שרייבט וועלכש גוטי מדות זיין דא דען מענשן און ווי ער זיך דראן גיהפטן זאל ווען דורך דען גוטן מדות קאן איין מענש די תורה אונ׳ מעשים טובים טון דיא דא וואול גיפאַלין אין אוינן גוטש יתברך שמו לעד אונ׳ אויך אין אוינן דער לייט. גידרוקט אין דער הויפט-שטאָט ק״ק קראקא אין דער צאל שמ״ב לפ״ק על ידי יצחק בן הח׳ אהרן זע״ל מפרוסטיץ״.

9 צים. ו., 86—88.

פונעם זיין דרוק־ווארשטאַט. אַז דאָס מוסר־ספר האָט אויך אין העברעיש געטראָגן דעם נאָמען „ספר מידות" ניט „ארחות צדיקים", זעט מען ארוים אוים דער העברעישער פאָררעדע, ווו עס ווערט אָנגעוויזן, אַז „זה ספר מידות נכתב". עס איז אָבער כמעט אויסער יעדן ספק, אַז די פאָררעדע צו דער העברעישער אויסגאַבע געהערט ניט דעם מחבר, נאָר דעם ארויסגעבער. אין דער ערשטער, פראָגער, אויסגאַבע, איז טאַקע די פאָררעדע געדרוקט אונטער דעם קעפּל סתם „הקדמה", און ערשט אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס שטייט שוין „הקדמת המחבר". עס איז אַפילו מעגלעך, אַז נאָך פאַר דער פראָגער אויסגאַבע, 1581, איז שוין דער „ספר מידות" געווען געדרוקט אין העברעיש. דערויף זאָגט עדות פאָלגנדיקער זאַץ אויפן שער־בלאַט פון דער פראָגער אויסגאַבע: „ויען אשר אינו מצוי אצלינו, כי לא נדפס בימינו, לכן עלתה ברוחנו להשתדל בו ולהדפיסו כדי לזכות בו הרבים לקרות וללמוד בו". אמת, דאָס איז ניט מער ווי אַ השערה, וואָרעם עס איז אויך מעגלעך, אַז דאָס וואָרט „בימינו" איז דאָ געבראַכט בלויז ווייל עס פּאַסט צום גראַם. עס איז אָבער דערפאַר אָן אַ שום ספק, אַז מאַנוסקריפּטן פונעם העברעישן טעקסט האָבן שוין עקסיסטירט באַדייטנדיק פריער, פאַר דער יידישער אויסגאַבע, 1542. אין דער ביבליאָטעק פון דער לענינגראַדער „חברה מפיצי השכלה" האָט זיך געפונען אין דער הרכביאַנער מאַנו־סקריפּטן־קאָלעקציע אַן אַלטער כתב־יד פונעם העברעישן „ספר מידות" אויף פּאַרמעט געשריבן[10], ליידער איז דער מאַנוסקריפּט דעפעקט: עס פעלן פון פאָרנט אייניקע בלעטער און אויך אַ פּאָר בלעטער צום סוף. דער מאַנוסקריפּט איז געשריבן אין אַ שיין רש"י־כתב פון אַ געניטער סופר־האַנט. אויף פיל בלעטער זיינען אָבער פון אַלטקייט די אותיות אָפּגעשפּרונגען, און מען קאָן דאָרט לייענען דעם טעקסט בלויז נאָר לויט די איינקריצונגען אין דעם פּאַרמעט. דער מאַנוסקריפּט האָט אויך אויף זיך אַ ספּעציעלן שטעמפּל, וועלכן עס טראָגן אויף זיך, ווי מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן[11], פיל אַלטע העברעישע פּאַרמעטענע כתב־ידן אוים דעם מיטלעלטער: פיל בלעטער זיינען אונטן איינגעשניטן טיף „ביז אין פליייש אריין", ד"ה פעסט ביז צום טעקסט. אין אונזער מאַנוסקריפּט, וואָס באַשטייט אוים 80 בלאַט קוואַרטאָ, זיינען באַשניטן גאַנצע 20 בלעטער: אין 18 זיינען אָפּגעשניטן גאַנצע פּאַסן, און אין צוויי בלויז די העלפט.

10 דעם דאָזיקן מאַנוסקריפּט האָבן מיר באַש־יבן אין אונזער אַרטיקל אין „פילאָלאָגישע שריפטן", III; וועגן דעם האַמבורגער העברעישן מאַנוסקריפּט, וואָס איז פאַרענדיקט אין 1504; זע מ. עריק, „געשיכטע", 273–274.

11 זים. וו, 86–88

עס איז קיין שום ספק ניט, אַז דער דאָזיקער כתב־יד איז געשריבן שפּעטסטנס אין דער צווייטער העלפט פונם 15טן י״ה, מיט אַ יאָר זיבעציק און אפשר מיט גאַנצע הונדערט יאָר פריער פאַר דער ערשטער יידישער אויסגאַבע פון דעם דאָזיקן מוסר־ספר. בעת מיר האָבן פאַרגליכן דעם טעקסט פון אונזער מאַנוסקריפּט מיט דער ערשטער העברעישער אויסגאַבע פון 1581, האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז דער אַרויסגעבער האָט זיך ביים דרוקן באַנוצט מיט אַ שפּעטערדיקער אָפּשריפט, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרגרייזט אין פאַרגלייך מיט אונזער פאַרמעטענעם מאַנוסקריפּט. ניט דאָ איז דער אָרט זיך לענגער דערויף אָפּצושטעלן. בלויז אַלס ביישפּיל ברענגען מיר דאָ צוויי שטיַלן אויס איין און דעם זעלבן בלאַט (קאַפּ׳ 27). אין אונזער מאַנוסקריפּט שטייט געשריבן: „לפי שהתלמוד עמוק הוא מאוד שהוא מעורב בלשון ארמי״, אין דער ערשטער געדרוקטער אויסגאַבע איז אָבער דער דאָזיקער זאַץ פאַרגרייזט און עס שטייט „בלשון ערבי״ (?). אין אונזער מאַנוסקריפּט ווערט דערציילט: „ואחר כך עמד ר׳ משה מיימון וכלל כל התורה בעל פה בספר אחד בלשון קל מאוד, אחריו קם ר׳ משה מקוצי וחבר ספר אחד וליקטו מאותו ספר של מיימוני״. אין דער ערשטער העברעישער געדרוקטער אויסגאַבע פעלט דער גאַנצער זאַץ וועגן דעם רמב״ם, און עס הייבט זיך גלייך אָן: „ואחר כך עמד רבינו משה מקוצה וכו׳ ״.

ווי פערלעס האָט שוין בשעתו גאַנץ ריכטיק אָנגעוויזן, קאָן מען שוין אויס דעם יידישן טעקסט גופא זיך איבערצייגן, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַן איבערזעצונג, ניט קיין אָריגינעל ווערק. צום סוף פונם יידישן „זיטן־בוך״ גייט נאָך אַ ספּעציעלע הוספה, וואָס הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע שורות: „גוט (גאָט) דעם אלמעכטיגן אליין דיא אֵיר (ערע) אַל ורויאן (פרויען) אונ׳ יונס ורויאן אן ביטן וויר אונזרן ולייזינן גרוז אונ׳ צו ואָר (פאָר) אויש דער ערברן אונ׳ צויכטיגן ורויאן, ורויא מוראדא דוקטרין דער ורייאן קונשט דער ארצנייא, וואַנהאפטיג צו גוינשפורג. גוינשטיגי ורויא! נאָך דעם איך וַר שטאנדן האב דש איר לושט אונ׳ ביגיר האבט צו דעם ספר מידות, זא האב איך מיך אונטרשטאנדן מיט דער הילף גוטש יתברך דעש אלמעכטיגן אונ׳ האב עז אם טאג גיבראכט״[12].

מיר זעען בכן, אַז די „דאָקטאָרין דער פרייען קונסט דער אַרצניי״,

---

[12] די ערשטע אויסגאַבע פון 1542 האָבן מיר ניט גזען, די לעצטע צוויי זייטלעך פון „ספר מדות״ זיינען אָבער איבערגעדרוקט אין יצחק בן אליקומס „לב טוב״, אַמסטערדאַמער אויסגאַבע, 1670. זע אויך מ. וויינרייך, „שטאַפּלען״, 108–109.

פרוי מאראדא האט שוין געוווסט פארוים וועגן דעם „ספר מידות״, זי האט אבער, ווי עס שיינט, ניט געקאנט זיך מיט אים באקענען, ווייל ער איז געווען געשריבן אויף העברעיש, דערפאר האט איר באקאנטער און פארערער באשלאסן איבערצוזעצן דאס ווערק אויף דער איר באקאנטער אומגאנגס־שפראך. איניקע אנדערע שטעלן באווייזן נאך בולטער, אז מיר האבן פאר זיך בלויז אן איבערזעצונג: צום ביישפיל, צום סוף פונם 25טן קאפיטל לייענען מיר פאלגנדיקע באמערקונג: „דאס וועניג דאס דא שטייט האב איך געפונדן אין אינעם אנדערן ספר (וואס) רעט פון יצר הרע, אזא האב איך דאס זעלביג הער געשריבן, אונ׳ געהערט ניט איין דאס ספר מידות״[13]. אן ענלעכע באמערקונג געפינט זיך אויך אין ווייטערדיקן קאפיטל (שער התשובה): „דאס וועניג, דאס דא געשריבן שטייט, דאס געהערט ניט אין דאס „ספר מידות״, עס איז אוים איינעם אנדערן ספר גענומען געווארן, אונ׳ דא הער געשריבן״[14].

ווער דער פארפאסער איז געווען פונם העברעישן „ארחות צדיקים״, איז געבליבן פונקט אזוי אומבאקאנט, ווי דער נאמען פון זיין איבער־זעצער אויף יידיש. גידעמאן פרווט אפילו באווייזן[15], אז דאס דאזיקע ווערק האט געשאפן דער באוווסטער בעל „הנצחון״, יום־טוב ליפמאן מילהויזן; און די דאזיקע השערה נעמען אן אלס זיכערן פאקט די פאר־שער שיפער[16] און עריק[17]. מיר האלטן אבער גידעמאנס השערה פאר אומבאגרינדעט: עס איז שווער צו גלויבן, אז דעם „ספר מידות״ זאל האבן פארפאסט אזא הייסער מקובל, ווי יום־טוב ליפמאן איז געווען[18]. איינס איז אבער זיכער: דער דאזיקער נעלם, דער אומבאקאנטער פאר־פאסער פונם „ספר מידות״, וואס האט העכסט ווארשיינלעך געלעבט אין 15טן י״ה[19], איז געווען א מענטש פוןברייטן וויסן, און מיט א קלארן

[18] מיר ציטירן לויט שלמה־זלמן לאנדאנס אויסגאבע (אמסטערדאם, 75, 1735), וואס איז זייער נאענט צום טעקסט פון דער ערשטער איסנער אויסגאבע. די ציטאטע שטימט וואָרט ביי וואָרט מיטן טעקסט, וואס פעלט ברענגט אוים דער ערשטער אויסגאבע (ביימרעגע, 175). דערפאר איז אבער די שפעטערדיקע אויסגאבע (הוראדנא, 1795) פון „ספר מדות״ שטארק געקירצט און געענדערט. די דאזיקע אויסגאבע איז אויך געווען איבערגעדרוקט מיט ווייטערדיקע קירצונגען אין 1835.

[14] דארטן, דף, 92, עמ׳ ב׳.

[15] „געש. ד. ערציהונגס־וועזען״, III, 223‑226.

[16] „די קולטור־געשיכטע״, 75—77.

[17] צים. וו., 279—280.

[13] זע אונזער ווערק, ב׳ III, ז״ז 196—197.

[19] אין דעם 27טן קאפיטל („שער התורה״) דערמאנט דער פארפאסער דעם ענדגילטיקן גירוש פון די יידן פון פראנקרייך (1395). עס איז פילייכט טענלעך, אז דער פארפאסער גופא שטאמט פון די „גולי צרפת״.

שׂכל, וואָס האָט מיט גיכטערע אויגן באַטראַכט די אַרומיקע וועלט. זיין מוסר־ספר איז לחלוטין פריי פון מיסטישע עלעמענטן און אויך פון דעם שטרענג אַסקעטישן גייסט, מיט וועלכן עס זיינען דורכגעדרונגען דער רוב מוסר־ווערק פון יענער צייט. דער פאַרפאַסער דערמאָנט, אמת, אַז ,,ווייל דער גלות איז אַזוי לאַנג, דאַרפן יידן זיך ,,אָפּטיילן'' פון די ,,הבלי העולם''[20], ער וואָרנט אָבער, אַז דער מענטש טאָר ניט קוקן מיט ביטול אויף ,,עולם הזה'', און ער דאַרף זיך פלייסן אין דעם מיאוסן און עקלהאַפטן אַרויסגעפינען דאָס שיינע: ,,עס גינג איין חכם אונ' נאָך איינער מיט אַנגדער אויף דען מאַרק, דאָ לאַג אין נבלה אים וועג די שטינקט גאַר זייער; דאַ שפּראַך דער מיט דעם חכם גינג: ,,פפוי, ווי שטינקט די נבלה אַזוי איבל!'' דאַ שפּראַך דער חכם: ,,זיך (זע) ווי האָט די נבלה היפּשע ווייסע ציין!'' דאַמיט — דערקלערט דער ,,ארחות צדיקים'' — גאַב ער אים צו פאַרשטיין, דאָס מאַן אַלע מאָל דאָס בעסט זאָל רעדן פון אַלע זאַכן[21]; אפילו פון איינער נבלה, ווי פיל מער פון איינעם מענשן''[22]. בעת דער פאַרפאַסער וואָרנט פאַר שיכּרות, האַלט ער דאָך פאַר נייטיק אָנצוווייזן, אַז ,,עס איז גוט דאָס מאַן וויין טרינקט צו רעכטער מאָס'', דער וויין הייבט די שטימונג פונם מענטשן ,,און דאָס ער שטאַרק דער פון ווערן זאָל, דאָס ער תּורה קען לערנען און דאָס ער רעכט בכּוונה קאַן תּפלה טוען''; און אפילו ,,ווען צוויי פריינד מיט אַנגדער וויין טרינקען, זאָ האָבן זיי זיך אויך פיל ליבער אַן אַנגדר דען פאַר (ווי פריער)''[23]. ,,אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה'' — דער־קלערט דער ,,ארחות צדיקים'', אויך אויף די נביאים האָט די שכינה ניט אַנדערש גערוט ווי נאָר ,,מכּח שמחה''[24]. אינטערעסאַנט איז אויך, ווי דער בעל ,,ארחות צדיקים'' פלייסט זיך צו דערקלערן דעם לייענער, אַז דער מענטש איז ניט אימשטאַנד צו באַגרייפן דעם מהות פון עולם־הבא און פון זיינע תּענוגים. ,,דאַרום מוז דו פאַר שטיין און מוזט וויסען, אַז ווי ווענייג אַלס דער פויגל דער אין לופטען פליגט קאַן ניט וויסען דען תּענוג פון דען פיש, דער דאַ שווימט אין וואַסער, און דער פיש קאַן ניט

---

20 „ארחות צדיקים", אַמסטערדאַמער אויסגאַבע, 1735, בל' 75, עמ' ב': „עתּה שהאריך הגלות בעו"ה יותר מדאי, יש לישראל להבדיל מהבלי העולם".

21 אין העברעישן טעקסט: „למה תּאמר הגנאי שלה — תּאמר השבח, כּי לעולם יספר בשבחו של עולם."

22 שער לשון הרע, בל' 73, עמ' ב'.

23 דאָרטן, בל' 29, עמ' ב'.

24 דאָרטן, בל' 35, עמ' ב'.

וויסען דען תענוג פון דען פויגל, דען די נאטור פון די צוויי איז ניט גלייך: דער פויגעל דערשטיקט אין וואסער, און דער פיש פיגרט אויף דער טרוקעניש, אלזו אויך וויל מיר פארמעגנגש זייען אויף דיזן עולם מיט לייבליכע תענוגים, אלזו קענען מיר ניט גרייכן צו קענן וויסן די תענוגים פון דער נשמה די זי ווערן האבן לעה״ב; דען די תענוגים אויף דיזן עולם זיינען לויטער פערלוירענע און פארגענגליכע זאכן, אבער די תענוגים פון דער נשמה לעה״ב די זייען בעשטענדיג, זאנדר אויפהערונג, און די הנאות פון דיזן עולם האבן גאר קיין פארגלייכן צו די הנאות לעה״ב״ [25].

באזונדערס אינטערעסאנט איז דער 27סטער קאפיטל, דער „שער התורה״. מיר האבן שוין אין פריערדיקן באנד באריכות גערעדט וועגן דעם קאמף, וואס אייניקע רבנים (ווי דער מהר״ל אוים פראג, אפרים לענטשיצער אאז״וו) האבן געפירט קעגן דעם אומנארמאלן סדר הלימוד פון יענער צייט, און ווי אזוי די דאזיקע רבנים זיינען באזונדערס שארף ארויסגעטראטן קעגן דעם פילפול, וואס האט דעמאלט געהערשט אין די ישיבות. אבער נאך באדייטנד פריער פון ר׳ ליווא אוים פראג, און נאך איידער יעקב פאליאקס „סדר החילוקים״ [26], האט זיך איינגעבירגערט אין די פוילישע ישיבות, האט שוין דער פארפאסער פונם „ספר מידות״ דערקלערט א שארפן קאמף דעם סדר הלימוד פון זיין צייט, און ער קלאגט זיך דערויף, וואס אין זיין דור „יעדער וויל קודם־כל שארפן זיין מוח אין תוספות, חידושים און קונציקע אויפטועו, ניט קענענדיק ווי געהעריק דעם טעקסט פונם תלמוד... זיי פארנעמען זיך מיט ווילדע שטיק, פארפלאנטערן זייער מוח און פטרן די צייט מיט נארישקייטן, און פארגעסן אין יראת שמים״ [27]. „א סך פון די לערנער — ווייזט ווייטער אן דער פארפאסער — זיינען אצינד אליין מודה, אז זייער סדר הלימוד טויג לחלוטין ניט. זיי זעען אליין איין, אז די אלע נארישע קונצן ברענגען דערצו, אז זיי לערנען גארנישט, און דורך די אלע פארדרייטע שטיק זייערע קענען זיי ניט קיין תורה, ניט נביאים וכתובים, ניט קיין אגדות און מדרשים און קיין שום אנדער חכמה״ [28].

---

25 דארטן, בל׳ 33, עמ׳ ב׳.

26 אונזער ווערק, באנד V, ז׳ 34.

27 „עוסקים בשגעון ובליצנות ומבלבלין ומבטלים ועוסקים במיני תחבולות ואין להם יראת שמים״.

28 „וכן עתה רוב הלומדים מודים בעצמם שאין לימודם כהוגן ויודעים שאינם לומדים דרך הישר. כי מרום פורח הפטפטים שהם מפטפטים, הם מתבטלין לגמרי ולא ישינו ללמוד לא תורה ולא נביאים וכתובים ולא אגדות ולא מדרשים ולא שום חכמת מחמת רוב תחבולות שלהם״.

אַט די דאָזיקע שאַרפֿע אָנפֿאַלן אויף דעמאָלטיקער לערן־מעטאָדע פֿעלן אָבער אינגאַנצן אין דער יידישער אויסגאַבע (איסנא, 1542). דער יידישער איבערזעצער האָט, ווי עס שיינט, געהאַלטן פֿאַר ניט פּאַסיק צו באַקענען מיט אַזוינע „אַפּיקורסישע" געדאַנקען דעם „געמיינעם" עולם, וואָס לייענט די יידיש־דייטשע מוסר־ספרים.

דער „ספר מידות" און דער אין צייט דערשינענער „ספר היראה" זיינען ביידע איבערזעצט פֿון העברעיִשע אָריגינאַלן. דאָס ערשטע מוסר־ספר, וואָס ס'איז, ווי עס שיינט, אין דער התחלה געשריבן געוואָרן אין יידיש, און ערשט דערנאָך איבערזעצט געוואָרן אין העברעיִש, איז דאָס קליינע ביכעלע „רויזן־גרטן" (ספר הגן), וואָס ס'איז איינגעטיילט אין זיבן קאַפּיטלעך, אַ קאַפּיטל אויף יעדן טאָג אין דער וואָך. דעם „רויזן־גאָרטן" האָט פֿאַרפֿאַסט, נאָך אין 15טן י״ה, יצחק בן אליעזר אויס וואָרמס, נאָר אין דרוק צום ערשטן מאָל דערשינען אין קראָקע אין 1571 [29], און דער אויבן־דערמאָנטער משה שערטילס האָט דאָס ווערק אויף העברעיִש איבערזעצט און עס פֿאַרעפֿנטלעכט אין 1597.

דאָס ערשטע יידישע מוסר־ספר, וואָס ס'איז אין דרוק דערשינען נאָך ביים פֿאַרפֿאַסערס לעבן, איז אברהם אשכנזים „סם חיים" (פּראָג, 1590) [30]. דאָס דאָזיקע קליין ספרל האָט דער פֿאַרפֿאַסער, אַן אַפּטייקער אויס לודמיר (וואָלין), געשריבן אין ביידע שפּראַכן: העברעיִש און יידיש. אויף דעם שער־בלאַט איז מען דעם לייענער מודיע: „סם חיים איז דש ספר גינאַנד, עז איז קומן אויז וויטן לאַנד, אך הט עז גימאַכט איין זעליגה האַנד, הר״ר אברהם אשכנזי אַפּטייקר איז ער גינאַנד, ער שיקט עש דעם עולם נֵר (פֿאַר) איין פֿריינד (פּריזענט), דען עז ווייזט ווי זיך איטליכר זול היטן נֵר זינד און שַנד, אך ווי דֶר מענש רעכט וואָל זאָל זיין אין גָטש דינשט בקאַנד, דרום לוט (לאָזט) עז ניט אויז איער הֶנד, דער דורך ווערט איר קומן אין דאש הייליג לאַנד" [31].

---

29 שטיינשניידער האָט אָנגעגעבן אַ ניט־ריכטיקע דאַטע (1579). זע וועגן דעם „ציימשר פ. העבר. ביבל.", III, 62. דער „רויזן־גאָרטן" איז דערשינען אונטער פֿאָלגנ־דיקן שער: „דז בויכלין הייסט „דער רויזן־גרטן", אז וואול דער ווערט גאר לוסטיג אונ׳ ער שטֶרקט אין מענשן זיין הערץ, אזוי אויך דער דא לייאנט אין דעם בויכליין, דעם ווערט אך גישטערקט דיין הערץ, אונ׳ גוט יוארנט פורכט אונ׳ זיין זִיל ווערט וְביא (פֿריי) בון אלי זינד די בִיזן".

30 די דאָזיקע אויסגאַבע איז פֿון די גרעסטע יקר־המציאותן. — וועגן דער צווייטער אויסגאַבע, וואָס אַ פּלאַגיאַטאָר האָט אונטער זיין אייגענעם נאָמען פֿאַר־עפֿנטלעכט אין 1727, זע אונזער אַרטיקל אין „פֿילאָלאָגישע שריפֿטן", III, 177—180.

31 אין העברעיִש שטייט אויפֿן שער־בלאַט: „כפר חיים למוצאין הוא נותן חיים

דער „סם חיים'' אלס דאָס עלטסטע מוסר־ספר, וואָס שטאַמט פון די פוילישע מדינות, און אויך זיין פארפאַסער גופא פאַרדינען, מען זאָל זיך אויף זיי אָפּשטעלן מער באַריכות.

דער בעל „סם חיים'' איז ניט קיין רב, קיין בעל־דרשן, נאָר אַ פּשוטער אַפּטייקער. ער זאָגט אַליין אויף זיך עדות, אַז ער „האָט ניט געלערנט תוספות און הלכות'', און „איז ניט אין לערנען אַזוי גאָר טיף''. ער ברענגט ניט קיין ציטאַטן פון די הייליקע ספרים, באַווייזט ניט קיין לומדות; אים אינטערעסירן בלויז פּראַקטישע, רעאַלע לעבנספראַגן, זיין אויג איז געווענדט דערהויפּט צו דער ערד, ניט צו די הימלען. כאַראַקטעריסטיש איז אין דער הינזיכט די הקדמה זיינע:

„דער סדר פון קהלות קדושות זאלין זיך פירן, דז זיא מיט אירי מעשים זיך קיגן גאט זאלין צירן, אזוא ווערט זיא הש''י ב''ה טאן בייא שטנד, דז אויף זיא ניט ווערט קומין זינד אָדר שאנד; נון וויל איך דיא זאך רעכט אן טראגין, ווי די ראשים רעכט טאן זאלין אונ' נאך גימנט פראגין. דערנאָך וויל איך דז ביכליין אויז שפּרייטן צו אלי יודן גאטש דינר אלי צייטן, דאמיט איך אברהם אונ' ווער עש ברענגט אין די דרוק זאל עש גניסין, איך בּיט אלי לייט אונ' פאל זיא צו פיסן, דיא דז ביכליין ווערין לעזין, עש זייא גלייך פיל לייט, אבר אליין איז איין וועזען, דז ער איז מיר זאל ניט טרייבן הצרכות (?) ווייל ער ווערט מָריב[82]. איך העט ניט גלערינט תוספות אָדר הלכות, איך בין עבין אז וויא דער קנעכט פון חוזאי דיא שטאט, דער וואר קראנק ווען ער קיין ארביט האט, אך זאלט איר ניט זאגין: וואז זאגט ער מער אז אנדרי רבנים. גלויבט מיר איך הָבּש נור גשריבן פר בנות ובנים, עש שרייבט אך אונזרי תורה דער מענש זאל אימר לערנן, ווען שוין דיא לייט איבר אים וואלטן צערנן; נון בין איך גיאכט אז איין הינליין וואש נאך אין דער אֵייער שאַל[83], אונ' ביט אלי מענשין איבעראל, דז איך זאל פינדן גינאָד בייא אלי קרֶעַטייר[84], מיט מיין רופין אז וויא איין אויז־שרייאר; דען איך באָהער ניט אויז מיין אייגנען זין עפּיז צו זאגין, זונדערן איך וויל אליז אויז

ותושיה פּפּלים, מנות ך' ברה מאירת עינים, מי האיש החפץ חיים, יבוא הנה לקנות סם חיים שעשה הרב אברהם אשכנזי אפּטיקר מ''קק וולאדימיר ממדינות וואלין'' (פּראָג ש''ן).

[82] דער אָרט איז אין אונזער עקזעמפּלאַר אַ ביסל באַשעדיקט, און מיר זיינען ניט זיכער, אַז מיר האָבן דאָס וואָרט ריכטיק געלייענט; אויב יאָ, מוז עס באַדייטן: „murren'' — ברוגז זיין, אומצופרידן.

[83] דער זין פון דעם זאַץ: „ווי אַ הינדעלע אין דער אֵייער־שאָלעכץ''.

[84] קרעאַטור, באַשעפעניש.

פיל ספרים דער צו טראגין, דער מיט איר מיך ניט זאלט האלטין אין עולם, אז ווען איך ווער דער גרעשט גולם. וויל אליז בשיידן [35] מיט פרנופט (פארנונפט), ניט נאר אלז ווען עז ווער לויטר לופט. אזוי וויל איך אלי שלעכטי וועג אויז-רוימן, אונ' וויל פון דיא ראשים אן פנגין אן זוימן, דערנאך דען סדר פון דיא רבנים דז זענין דיא שטאט-וועכטער, דערנאך וויא מן זאל ציהן זין אונ' טעכטר, אונ' דערנאך וועלין מיר רידן פון גבאות, ווי זי זאלין אום גין מיט דער קהיל-המעות, אונ' ווי מן זל נימן דיא תקיפים צו געבין, דערמיט אז מן זאל זיין גומל חסד נאר עבין, אדר ווען מאן עפיז צום עסק הקהל זאלט בדרפן, וויא מן זיא זאל גיטן איין צו ווערפן".

אלס מענטש פון פאָלק ווענדט זיך אשכנזי קודם-כל צו די „שטאָט-וועכטער" — צו די רבנים, ראשים און פרנסים, און פאָדערט פון זיי, זיי זאָלן ניט באַוועלן דעם געמיינעם מאַן, און זען וואָס לייכטער מאַכן די לאַסט פון שטייערן. „דרום דער דא וויל זיין איין פרנס איבר דיא לייט, מוז זיך דר בַרמין איבער זיא אלי צייט... אונ' ווער מיט גאווה דש ראשות [36] וויל פירן, שטיט אים אין גיהנם אויפין אלי טירן... זיי זאלין ניט טרייבן חניפות, אונ' זיי זאלין אך ניט אלי צייט ברויכן איר תקיפות, זיי זאלין קיין שוחד בגערין, גוט (גאָט) ווערט עש אינן אויך איין אנדר אורט בשערין". אַ סך מאָל דערמאָנט ער די פרנסים, אַז „אויך ווען זיא מסים פעדרין אונ' לאזין געבין, אונ' ווישן וואָל דש דיא עניים האבן ניט צו לעבן, זלין זיי אווייל, אהער לייאן טון, דרום שטענין [37], זיי אַן די שפיץ פָר אן די זאלן יתומים ואלמנות בשינין, אזו זיין זיא ווערט דש מן זיא זאל קרינין". ווייל אין יענער צייט האָבן נאָך די הויפּט-דעה אין קהלשע זאַכן געהאַט ניט די פרנסים און די תקיפים, נאָר די רבנים, דערמאָנט אונזער פאַרפאַסער די ראשים פון קהל „זיי זאלן זיך ניט שייען פור דיא רבנים".

די דברי-מוסר פון דעם דאָזיקן אַפּטייקער האָבן בלי-ספק אויך אַ ריין-עטנאָגראַפישן אינטערעס: זיי גיבן אונז כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעם דעמאָלטיקן לעבנסשטייגער. פון די רבנים, ראשי-ישיבות, פאָדערט ער „דש מיינסטן זאל ער שטראפן דיא בחורים, זונשטן האלטן זיי דען גנצין זמן פורים"; ער איז אויך מתרה די ישיבה-בחורים: „נון וויל איך פון דיא רבנים שווייגן, זיי מוזין פיל לידן, אונ' וויל

35 אנטשיידן, באַשטימען.

36 פון תאָרש ראש — הויפּט=פירערשאַפט.

37 די אַלטערטימלעכע פאָרם פון שטיין.

זאגין פון דיא בחורים דש זיי ניט אימר זאלין זיין אויף דיא מיידין״. די קרעמער מוסרט ער, זיי זאָלן האַנדלען אָן רמאות און ניט האָבן קיין פאַלשע וואָג, און דער שטאָט־דאָקטאָר, „דר דא גיט (גייט) אום מיט רפואות״, לייגט ער פאָר, איידער אָפּשפּאָטן פון יענעם און זיך פאַרנעמען מיט פוסטע רייד, זאָל ער בעסער אַריינקוקן אין אַ מוסר־ספר, ווי „ספר מידות״ און „מנורת המאור״. ווער עס איז ניט שטאַרק באַהאַוונט אין לשון־קודש, שטרייכט אשכנזי אונטער, זאָל ער לייענען יידיש־דייטשע ביכער: „ווען איינר... דש ער לשון הקדש ניט רעכט פאר שטיט, דא קאן ער עש ליינען אין טייטשן שין גדרוקט... דן דיא דרוק איז דרום דר לויבנש[38] געבין, צו דרוקן אין אלי שפראך גר עבין״. אין העברעישן טעקסט ווערט נאָך שאַרפער אונטערגעשטראָכן דער געדאַנק, אַז ווער עס איז אַן עם־הארץ אין לשון־קודש, זאָל לייענען אין יידיש־דייטש אָדער אין וועלכער ס׳איז אַנדערער שפּראַך[39].

דער „סם חיים״ איז, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, אַ קליין ספרל; אין איניקע יאָר אַרום איז אָבער דערשינען אין יידיש אַן אמתער „כל־בו״ פון עטיק און מוסר, משה הענוכס ירושלמי אַלטשולערס דיקבאַנדיקער „בראַנטשפּיגל״[40].

„איר פרומי לייט קומט הער — ווענדט זיך דער פאַרפאַסער צו זיין לייענער־עולם, — אונ׳ קויפט מיינע אונטערווייזונג אונ׳ לער, טוט דעם שייני נייעי בראַנט־שפּיגל קויפן, אטליכר מאַן וואל דער צו לויפן״. אין ערשטן קאַפּיטל, ווו ער דערקלערט די טעמים, פאַרוואָס ער האָט זיין מוסר־ספר אין דייטש געשריבן („ווארום איך עס טויטש מאך״), ווייזט ער אויך אָן, אַז „דאס בוך ווערט געמאַכט טויטש דען ווייבערן אונ׳ מאנען די דא זיין אז ווייבער אונ׳ קענען ניט פיל לערנען״, און ווען עס „קומט אם שבת אונ׳ לעזען דרין, דא קענן זי עס פארשטיין וואז זי לעזען, דען אונזערע ספרים זיין אין לשון הקודש אונ׳ שרייבן צו ווילן פלפול אוים דער גמרא, מעכטען זי ניט פארשטיין״. דאך זענען

---

38 דר לויבניש — דערלויבעניש, געגעבן רשות. מיר ציטירן לויט דער צווייטער אויסגאַבע פון 1727.

39 „שהוא עם הארץ ואינו מבין היטיב בלשון הקודש .. יעיין בספרים שנדפסו בלשון אשכנז או בכל לשון שיבין, אפילו בלשון לעז, כי לכך נתנה רשות להדפיס בכל לשון״.

40 די עלטסטע צו אונז דערגאַנגענע אויסגאַבע פון „בראַנטשפּיגל״ איז די באַזעלער פון 1602; מ. עריק, וואָס האָט וועגן דעם „בראַנטשפּיגל״ אַ ספּעציעלן אַרטיקל געשריבן („צייטשריפט״ I, 173—180), האָט אָבער ריכטיק דערוויזן, אַז פאַר דער דאָזיקער אויסגאַבע איז געווען נאָך אַ פריערדיקע, וואָס איז דערשינען אין די ניינציקער יאָרן פון 16טן יאָרהונדערט.

אין נעוויסן זין נערעכט מ. עריק און מ. גרינבוים, בעת זיי דערקלערן דעם בראַנטשפּיגל אלס אַ ספּעציעל „פרויען־בוך“. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ווי אַזוי די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דעם שאַפן און פאַרשפּרייטן די פאָלקס־ליטעראַטור, זיינען געווען איבערראַשט פון דער גוואַלטיקער רעוואָלוציע, וואָס דער דרוק־וואַרשטאַט האָט אַרויסגערופן אינם לעבן פון דער יידישער פרוי. די פרוי, די מוטער פונם קומענדיקן דור, איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער קולטור־פאַקטאָר אינם פאָלקס־לעבן. מיר האָבן דאָרט געבראַכט אַ לענגערע ציטאַט פון דעם באַקאַנטן פאַרלענער און איבערזעצער, יצחק בן אהרן פּראָסניץ, וווּ עס ווערט אָנגעוויזן אויף דער גרויסער קולטורעלער ראָלע פון „די ווייבר“. כמעט אין די זעלבע אויסדרוקן, ווי יצחק פּראָסניץ, פלייסט זיך אויך דער פאַרפאַסער פונם „בראַנטשפּיגל“ אינם ערשטן אַריינפיר־קאַפּיטל[41] צו דערווייזן, אַז די פרוי איז דאָס „זעמל־מעל“; און ער שטיצט זיך דערביי אויף דער זילבער הגדה, וואָס ווערט אויך דערמאָנט ביי פּראָסניצן.

„אין חומש שטייט, — ווייזט אָן משה העגוכש, — כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבית ישראל! דא דרשן דיא חכמים אין מכילתא: דש גזינד יעקב זיין דיא ווייבר אונ׳ קינדר, ישראל — זיין דיא מַנען דא האט ער עש דֶן ווייברן פֿוּר גיזאָגט אונ׳ דר נאָך דֶן מנען. שטייט אין מדרש, זיא פרגטען דיא רבנים: וואו־ער־מיט* זיין דיא ווייבר זוכה גוועזן, דש אינן משה הָט גוטש (גאָטס) וואָרט מישן פֿר דען מַנען זאגן? שפרעכן זיא: דֶר ווייל זיא דיא קינדער גְוויינן פון יוגנט אויף צו לערנען תורה אונ׳ פירן זיא צום רבי אונ׳ האבן אויף דיא קינדר אכטונג אונ׳ רֵידן מיט זיא גוטש (גאָטס) וואָרט“...

ווייל די פרוי איז דאָס „זעמל־מעל“ און איז געוואָרן אַ וויכטיקער קולטור־פאַקטאָר אינם פאָלקס־לעבן, האָט זי אויך פילע התחייבותן; און פיל קאַפּיטלען אין דעם „בראַנטשפּיגל“ באַהאַנדלען ספּעציעל די פליכטן פון דער יידישער פרוי. „דער פּרק בּישייט ווי זיך די ציכטיג פרוי זאל פאר האלטן אים הויז“; „דער פּרק בּישייט ווי זיך איין פרוי פאַרהאלטן זאל מיט דינשט געזינט אין הויז“; „דער פּרק בּישייט וועלכעס איז איין גוט ווייב אָדער איין בייז ווייב“. „דער פּרק בּישייט ווי די פרוי נימט קלוגהייט צו ערמאנען צום גוטן אירן מאן“. קומט דער מאן

---

41 אין די ערשטע אויסגאַבעס איז דער „בראַנטשפּיגל“ געווען איינגעטיילט אין 68 פּרקים, אין די שפּעטערדיקע זיינען געבאַכט געוואָרן נעוויסע הוספות און ער איז שוין באַשטאַנען פון 74 פּרקים.

* וואו־ער־מיט — מיט וואָס.

אהיים פארחושכט און פארמאטערט פון דאגת פרנסה, דארף די ציכטיקע פרוי אים טרייסטן, ריידן מיט אים ווייכע רייד: „ליבר מאן, זיי זיך ניט אזוי מצער, גאט יתברך איז דערבארמיג; ליבער מאן, מיר וועלן זיך פאר זיכערן אן זיין הייליקן נאמען און וועלן אלץ פאר גוט נעמען". אן אנדער קאפיטל (פרק י"א) גיט בישייט „דאס עס זיך טריפט דז איין צדיק האט איין בייז ווייב אונ' דער רשע איין פרומס". מיר ברענגען דעם דאזיקן פרק כמעט בשלימות, בכדי צו באקענען דעם לייענער מיטן כאראקטער און סטיל פון דעם דאזיקן, אין אמאליקע יארן אזוי פאפולערן מוסר־ספר: „לייט נעמען וואונדר דז איין פרומר בידרמאן (ערנטלעבער מאן) האט איין בייז ווייב. אין מסכת תענית שטייט: רבי יוסף הגלילי איז איין קעסטליך מאן גיוועזן אונ' האט איין בייז ווייב געהאט; האט ער זי הייסן קאכען ערבז האט זי געקאכט גרויפן, האט ער זי גע־הייסן קאכן גרויפן, האט זי ערבז געקאכט. זי טעט (טוט) אימס אלץ להכעים, דרום דאס ער איר ניט וואלט פאלגען בייז צו טון. אויך טריפט עס זיך, דאס איין בייזער מאן האט איין פרום־זעליגס ווייב. שטייט אין שמואל: האט איינער געהייסן נבל אונ' האט געהאט אביגיל די איז איין גרויסע צנועה געוועזן מיט אלע אירע מעשים. דוד המלך בענשט זי אונט שפראך: ברוך טעמך וברוכה את, דז איז טייטש: געבענשט זיי דיינע רעד, געבענשט זיי דו. עס זייען אונזערן חכמים אונ' נביאים זייער וואונדערליך געוועזן, דאס עס דעם צדיק איבל גייט אונ' דעם רשע וואל. נון שרייבן זי פיל תרוצים אויך אין אונזרר גמרא, דאך בלייבט די מסקנה אונטער אינען, דז הייסט הקב"ה וויל דען צדיק פרזוכן מיט דעם בייזן ווייב אויב זי אין ניט ווערט קערן צו בייזן, אונ' דען רשע מיט איינעם גוטן ווייב פיליכט קערט זי אין צו גוטן... דער רשע ווערט גישטראפט אונד אונטערגיוויזן אל צייט דורך זיין פרום ווייב, פלייכט מעכט ער זיך דראן קערן אונ' טעט תשובה. אונ' די חכמים ברענגן איין ביישפיל: איין מלך האט צוויי קנעכט, איינר איז אים פליסיג אין זיינעם דינסט, אונ' וואו ער איין ווייניג אויסטריט געגן אים, דא שרייט ער אין אן אונט שטראפט אין; איינער טוט דעם מלך אל צייט דאס אים ניט גיפעלט, דער מלך לאסט אין גיין אונ' טוט אים ניקס. דער מלך זיכט (זעט) דאס זיך זיינע קנעכט פארוונדערן, דאס ער דען שטראפט אונ' דעם רעט ער ניקס. ער שפריכט: קומט הער, איך וויל אייך דאס בשיידן. דען קנעכט דען גוטן האב איך האלט אונ' האב אים גערן ביי מיר; דא ער איין ווניג אויסטריט, דא וויז איך אים דאס ער'ס ניט זאל טון, דאס ער ביי מיר קאן בלייבן. דען קנעכט דען בייזן דען זיך (זע) איך ניט גערן אונ' ווערט אויף די נעכסט מלחמה די זא ווערט זיין, דא שיק איך אין אין באפעל.

דאס מאַן אין פאַרן שטעלט דא קומט ער אום, דא ווערט אים זיין איבל טון געצאָלט. אויף דען זאגט שלמה המלך אין משלי: אשר יאהב ד' יוכיח, דאז איז טייטש: דאס ער ליב האט גאט דען שטראפט ער. אונ' אויף דען רשע זאגט דוד המלך אין תהלים: ועוד מעט ואין רשע, והתבוננת על מקומו ואיננו. דאס איז טייטש: נאך איין ווייניג אונ' ער איז ניט דער רשע, אונ' זיי פרוועז אויף זיין שטאט (אויף זיין אָרט) אונ' ער איז ניט דא. דאס ער האט זאלען זיין אים גן-עדן אונ' איז ניט דארטן, אונ' קומט הקב״ה נימער אונטער זיין שיין אונ' מוס פארפאלען. אבער דען צדיק דער דא איז באשטאנדן — קומט צו אנדרע צדיקים אונט עמפפאנגט (אין אָריגינאל: אפפנגט) דען גרויסן לאָן אונט זיכט (זעט) די ליפשפט (ליבשאפט) פון הקב״ה דאס ער אין הייסט מיין קנעכט. אז ער (גאָט) האט געהייסן אונשרי (אונזערע) עלטערן מיינע קנעכט״.

דער „בראַנטשפיגל״, דאָס ערשטע אָריגינעל מוסר־ספר פון גרויסן פארנעם אין יידיש, איז גלייך געוואָרן זייער פאָפולער און נאָך ביים פארפאסערס לעבן [42] האָט עס אויסגעהאלטן דריי אויפלאגעס. דער עיקר־פארשפרייטונג האָט ער אָבער געפונען בלויז ביים דייטשן יידנטום; אין די פוילישע קהילות האָט אים באַלד פארדרענגט זיין שטארקער קאָנקור־רענט, יצחק בן אליקומס „לב טוב״, וואָס איז צום ערשטן דערשינען אין פראַג, 1620. וועגן דער גרויסער פאָפולאַריטעט פון דעם פויזנער יצחק בן אליקומס מוסר־ספר זאָגט עדות דער פאַקט, אז דער באַרימטער רב ר' שעפטל הורוויץ [43] זאָגט אָן אין זיין צוואה די טעכטער זיינע, זיי זאָלן וואָס אָפטער לייענען דעם טייטשחומש און דעם „לב טוב״; און דער פראַסטיצער רב יחיאל־מיכל עפשטיין, וועגן וועלכן עס וועט נאָך זיין ווייטער די רייד, דערקלערט אין זיין „דרך הישר״: „דש ספר לב טוב איז איין מעכטיג ספר, עש האט אין גרויסר תלמיד חכם גימאכט דער איין גרויסר למדן איז גיוועזן״.

טיפיש איז דער שער־בלאַט פון דעם „לב-טוב״. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן אויף דעם ליטעראַריש־עטנאָגראַפישן אינטערעס פון די שער־בלעטער, וואָס אויף די אַלט־יידישע אויסגאַבעס. מיר ברענגען דער־פאַר בשלימות דעם אייגנאַרטיקן שער־בלאַט פון דעם פאָפולערן מוסר־ספר:

42 משה אַלטשולער איז געשטאָרבן נאָך 1610, ווען די דריטע אויסגאַבע איז דערשינען.

43 זע אונזער ווערק, באַנד V, ז' 156.

„איר אלי מאנן אונ׳ פרויען — אונ׳ אל די פון באשעפר זיינן גיהויען — די די אונ׳ יענע וועלט וואלען בויען. — קומט אל דאש הערליך בוך אן צו שויען — איך גלויב עס ווערט נימנץ גירויען * — דער עס דורך אויס לייאט — דער פינט דרין די גאנץ יידישקייט — נאך דער לענג אונ׳ נאך דער ברייט — גאר פרשטיינדליך מיט גוטם בישייט — אין צוואנציג פרקים אויס גישטרייט — ווער׳ס ווערט דורך לייען — דער ווערט זיך מיט גאנצן הארצן פרייען — אונ׳ מיט גרוים זענפטיקייט דער מייען ** — אונטר אלע לערנער מאג ער פירן דען רייען — אבער פאר אלע דינג פאראן — וויל איך ענק וויסען לאן *** — אם קענין אונ׳ לייאנען ליגט נישט דראן — עס ליגט גייארט אם האלטען אונ׳ טאן — זיי וואס עס וויל פיר איין פארשוין — עס האלט אינן אין זיין געוואלט — אלע דעם מענשן דינים ווי מאן זיך האלט — פון זיינער געבורט ביז ער גאר פאראלט ****, — אונ׳ אלע הנהגות אין אלער געשטאלט. — זוימט ניט קויפט באלד — ווייל איר׳ס נאך פייל ***** פינט — עס איז אך גוט פאפיר אונ׳ טינט — עס זיכט׳ס (זעט עס) איינער דער גלייך ווער האלב בלינט — נעמט׳ס פאר אייך אונ׳ פאר ווייב אונ׳ קינד — דער׳ס ניט וואויל בעצאלט דער זינט ****** — עולם הבא ווערט איר מיט פארדינען — אייך אונ׳ אל טעכטרן אונ׳ זינען — די איר ביז צום איבינן גיבערדן ווערט געווינען — גרוים עהר אונ׳ רייכטום ווערט אייך נימער מער אנטרינען — אונ׳ מיט גוטער גרייזקייט ווערט איר שיידען פון אינען. אמן״.

דער פאַרפאַסער פונם „לב טוב״, דער שטאַרק-פרומער למדן אויס פויזן, איז כלל ניט אומגערעכט, בעת ער באַרימט זיך, אז ווער עס וועט זיין בוך לייענען, „דער פינט דרינען די גאנץ יידישקייט״, דעם מענטשנס „אלע דינים ווי מאן זיך האלט״ פון געבורט ביז מען ווערט גאַר אַלט. בעת דער „בראַנטשפּיגל״ ווענדט זיך מייניסטנס צו „די ווייבר״, רעדט דער „לב טוב״ צו די ביידע געשלעכטער. זיינע באַליבטע ווענדונגען זיינען: „איר ליבן לייט״ און „בעלי־בתּים און ווייבערן״. און טאַקע פריער צו די באַלעבאַטים און דערנאָך ערשט צו די ווייבער. דער „בראַנטשפּיגל״ לערנט די פרויען ווי זיי דאַרפן זיך פאַרהאַלטן צו

* עס חעט קיינער קיין חרטה ניט האָבן.

** דערפרייען.

*** לאַן — לאָזן.

**** ווערט אַלט.

***** ביליג.

****** זינדיקט

זייערע מענער, דער „לב טוב״ — די באַלעבאַטים, ווי אַזוי זיי דאַרפֿן שעצן און אין כבוד האַלטן זייערע ווייבער, ווייל די פֿרוי איז דאָך די עקרת הבית און די דערציערין פֿון קינדער. רעדט אַ שטייגער דער בעל „לב טוב״ וועגן „הלכות דרך־ארץ״ (קאַפּ׳ 5), ווייזט ער אָן, אַז „דער דרך־ארץ איז געטיילט אויף פֿיר טייל: איין טייל רעט פֿון איין תלמיד־חכם, ווי ער זיך האַלטן זאָל בדרך ארץ; דאָס אַנדער טייל רעט פֿון אַלטן לייטן ווי זיי זיך זאָלן האַלטן בדרך־ארץ, דאָס דריטע טייל רעט ווי זיך זאָלן האַלטן די בעלי־בתּים און בחורים און יונגען בדרך־ארץ״; און ערשט צום סוף גייט: „דאָס פֿירדע טייל רעט ווי זיי זיך זאָלען האַלטן ווייבר און מיידן בדרך־ארץ״.

דרך־ארץ און יראת־שמים; און ווייל יראת־שמים איז דאָך ענג פֿאַרבונדן מיט אַלע מצוות און געבאָטן, וואָס שטייען אין דער תּורה, און די חכמי התּלמוד האָבן זיי אַזוי קונציק פֿאַרטייטשט און דערקלערט, רעכנט דער „לב טוב״ אויס די אַלע מצוות, וואָס נעמען אַרום דעם מענטשנס פֿאַמיליע־ און געזעלשאַפֿטלעך לעבן. באַשרייבט זיי באַריכות, שאַצט אָפּ זייער גרויסן באַטייט און פֿלעכט דאָס צוזאַמען מיט גאַנץ לאַנגע דברי־מוסר און שטראָף־רייד. אויף דעם מאָדערנעם לייענער מאַכן די דאָזיקע לאַנגע מוסר־רייד אַ שווערן איינדרוק, נאָר אין דעם פּאַר־גאַטיקן און פֿאַרמרה־שחורהטן גייסט פֿונם 17טן און 18טן י״ה איז דער אַסקעטיש־פֿרומער „לב טוב״ געווען זייער צום הארצן; זיין שטראָפֿנדיק־וואָרנענדיקער סטיל האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם, און מיט אַ הכנעה־געפֿיל און מיט אַ פֿאַרציטערט האַרץ פֿלעגט דער פּשוטער עולם לייענען די מוסר־בלעטער פֿון דעם דאָזיקן „מעכטיקן ספֿר״. נאָר אויך איצט האָט דער „לב טוב״ פֿאַרן קולטור־היסטאָריקער אַ באַדייטנ־דיקן אינטערעס, ווייל אין דעם דאָזיקן ווערק זיינען אויפֿגעהיט פֿיל איינגאַרטיקע פּרטים אויס דעם דעמאָלטיקן יידישן קולטור־לעבן.

בנוגע דער אַרכיטעקטאָניק פֿונם גאַנצן ווערק, אַפֿילו אין דעם סדר און צאָל פֿון די קאַפּיטלעך, האָט דער „לב טוב״ פֿיל צו פֿאַרדאַנקען דעם העברעישן „ספֿר המוסר״ פֿון יהודה כּלץ״. יצחק בן אליקום מאַכט טאַקע דערפֿון קיין סוד ניט, און ווייזט אָפּטערס אָן ווי שטאַרק ער האָט אויסגענוצט כּלצס מוסר־ספֿר. אַ שטייגער, אין אָנהייב פֿונם אויבן־דער־

44 צונץ („צור געש. א. ליט.״, 253) און איניקע אַנדערע ביבליאָגראַפֿן ברענגען דעם דאָזיקן נאָמען אין אַ פֿאַרגרייזטער פֿאָרם: Velez און Welez. דאָס ווערק האָט דעם פֿאַרפֿאַסערס אַ קרוב, משה כּלץ, געבראַכט „פֿון די ווייטע לענדער״ („מארץ מרחקים״) און עס צום ערשטן פֿאַרעפֿנטלעכט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, 1537.

מאַנטן פינפטן קאַפּיטל דערקלערט גלייך דער בעל „לב טוב'': „נון וויל איך שרייבן הלכות דרך ארץ וויא וואול דש עש אין ספר המוסר שטיט''.

און דאָך אונטערשיידט זיך גאַנץ שטאַרק דער „לב טוב'' פון זיין העברעישן פאָרבילד, אונטערשיידט זיך דערפאַר, ווייל ער איז, אין קעגנזאַץ צום „ספר המוסר'', אַן אמת פאָלקס־בוך לויט זיין גאַנצן סטיל און כאַראַקטער. כמעט די העלפט פונם „ספר המוסר'' פאַרנעמט דער פערטער קאַפּיטל, וואָס באַהאַנדלט דעם גרויסן באַטייט און ווערט פון תפילה טאָן[45]. דער קאַפּיטל איז פול מיט ציטאַטן אויס דעם „זוהר'', מיט אימהדיקע „צירופי אותיות'' און טיפע סודות, וואָס זיינען באַהאַלטן אין יעדער תפילה באַזונדער. גאַנץ אַנדערש טרעט צו צו דער זעלבער טעמע דער בעל „לב טוב''. פאַר אים איז וויכטיק קודם־כל צו דערווייזן, אַז „תפילה בלא כוונה כגוף בלא נשמה''. דערפאַר דערקלערט ער פאַר אמתער גאָט־לעסטערונג (מחרף ומגדף), ווען פשוטע באַלעבאַטים, וואָס זיינען ניט שטאַרק באַהאַוונט אין העברעיש, דאַווענען פונם מחזור מיט זיינע האַרבע פיוטים: „דאז מויל רעט, די לעפצן פרעפלען אונ' דש הערץ ווייז נישט דרפון''. און דער פרומער יצחק בן אליקום אויס פוזן קומט דערפאַר צום לאָגישן אויספיר: „דארום זאל איין איטליכער זיינע תפילה וואל פארשטיין, אונ' ער זאל זיך וויסן וואש ער זאגט אונ' וואס ער ביגערט פון הקדוש ברוך הוא; אונ' ווער דאז לשון קודש ניט פאַרשטייט, זאל ער זיין תפילה טאן אין אזוי איינם לשון דאז ער וואול פרשטייט, עש זיי נון וואס פאר איין לשון דאז עש זיי נון, טייטש אדער וועלש, עס זיי נון ווינציג עש זיי פיל, דען עש איז בעשר איין ווינציג תפילה אז ער פרשטייט, אונ' ער אָרט (דאַוונט) דש ווינציג בכוונה איז טויזינט מאל בעשר דען דאז איינר פיל אָרט אונ' פרשטייט עז ניט אדער דש ער העט קיין כוונה ניט''[46].

דער בעל „לב טוב'' האַלט דעריבער פאַר נייטיק איבערצוחזרן: „איז ער איין עני, דאש ער זיך ניט פר מאג איין רבי צו דינגן, זא וואל ער לייאן אין טויטש, איין טויטש־חומש אדער טויטש־תהלים אדער זונשט טויטש גוטליכע (געטלעכע) ספרים''[47]. דער פרומער בעל „לב טוב'' האַלט אָבער פאַר נייטיק מתרה צו זיין דערביי דעם עולם: „אבר די

45 מיר ציטירן לויט דער ערשטער קאָנסטאַנטינאָפּאָלער אויסגאַבע פון 1537.

46 „לב טוב", בל' 7—8. מיר ציטירן לויט דער פראַנקפורטער אויסגאַבע פון 1681.

47 דער בעל „לב טוב" רעקאָמענדירט דערביי באַזונדערס דעם „ספר מדות" דעם „ספר המוסר" און דעם „בראַנטשפּיגל".

טויטשע ביכער די ניט רֵידן פון דער תורה אָדר פון מצות די הייסן דברי־לצים, דא איז איין עבירה דרויס צו לייאן, די זעלביגן ביכר זיינען איטל שיבושים".

ווי דער „בראַנטשפּיגל", אַזוי שטרייכט אויך דער „לב טוב" באַזונדערס אונטער דעם באַטייט פון דער פרוי. אויך ער פּאַררופט זיך דערביי אויף דעם אויבן־ציטירטן מדרש מיט זיין פירוש צום פסוק „כה תאמר לבית יעקב וכו'"; באַזונדערס פליסט זיך דער בעל „לב טוב" איינקריצן אינם באַוווסטזיין פון זיינע לייענער, אַז אין דער פאַמיליע דאַרף די פרוי זיין גלייכגעשטעלט דעם מאַן. אין אַ מילד־האַר־ציקן טאָן לערנט אינם „לב טוב" די מוטער איר טאָכטער, ווי צו שעצן און ערלעך האַלטן איר מאַן: „מיין ליבע טאָכטער, שטיי פאַר דיינעם מאַן אונ' דין אים. ווען דו אים ווערשט דינן אונ' ווערשט זיין צו אים איין מַייד (אים באַדינען), דא ווערט ער דיר ווידער דינען אונ' ער ווערט זיין דיין קנעכט; אבער ווען דו דיך ווערשט הויך האַלטן אונ' קעשטליך, אונ' דו ווילשט איבער אים הערשן, דא ווייס דאס ער ווערט וועלן זיין דיין הער איבר דיין דאנק אונ' דוא ווערשט שפּל זיין אין זיינן אויגן אז די אלער שלעכסטי מַייד"[48].

אויפהויבן אַ האַנט קעגן דער אייגענער ווייב איז ביים בעל „לב טוב" פאַררעכנט פאַר דער האַרבסטער עבירה. „מכל שכן קל וחומר — וואָרנט ר' יצחק בן אליקום — דאס קיין בר ישראל ניט טאר זיין ווייב שלאגן, דאס שטייט קיין יידן ניט צו, דאס איז ניט יידישליך, אך איז עס איין גרויסע הארבע עבירה, עס איז פיל הארבר, אז ווען ער אין אנדרן יידן שלאגט... איינער דער ניט שלאגט, נייערט ער הייבט זיין האנט אויף צו שלאגן — נאך הייסט ער איין רשע אונ' ער איז פסול לעדות אז ווי איין אנדר רשע, אונ' ער טאר ניט ווערדן אויפגערופן אויף דער ספר תורה... אך ווען ער וועהר געחתמעט אויף איין בריוו — דא וועהר דער בריוו פסול אזוי לאנג ביז ער דאס רעכט תשובה טוט כּראוי"[49].

גאַנץ אַנדערש פאַרהאַלט זיך דער „לב טוב" בנוגע צו קינדער־דערציִונג. דער הייליקסטער הוב איז קינדער צו דערציען פון קליינער־הייט אָן צו תורה, יראת־שמים און מעשים־טובים, און דאָס דאַרף געשען אויפן שטרענגן אופן. קינדער דאַרפן מורא האָבן פאַר טאַטע און מאַמע. „דער זיינע קינדר — לערנט דער „לב טוב" — וויל ציען צו

[48] דאָרטן, קאַפּ. 9, בל' 44. די דאָזיקע סענטענצן געפינען זיך אויך אין „ספר המוסר", קאַפּ. 6.

[49] דאָרטן, בל' 45.

תּורה און׳ צו מעשׂים טובים, דער זאָל זיינע ליבשאַפט ניט ווייזן פאַר זיינן קינד... און׳ איטליכר איז מחויב זיינע קינדער צו דערציִען, דאַס זיי זאָלן מורא האָבן פאַר זיינם פאָטר און׳ פאַר זיינער מוטר״[50]. נאָר אויף אַזאַ אופן — פאַרזיכערט דער „לב טוב״, — קאָן מען דעם אויפוואַקסנ־דיקן דור מדריך זיין אין דרך־הישר, ער זאָל זיין פרום און גערעכט צו גאָט און צו לייט. ניט דער מענטש אַלס פּערזענלעכקייט איז דאָס חשובסטע בײַ אונזער פאַרפרומטן פאַרפאַסער — ער איז פּעסט איבער־צייגט, אַז פיל וויכטיקער און טייערער זיינען די מצוות, גאָטס געבאָטן פון מאָראַל און עטיק, וואָס דער בן־אָדם איז מחוייב צו דערפילן אויפן שטרענגסטן אופן, און טאָר ניט עובר זיין אַפילו אויף קיין קוצו של יוד. און ווי איז צו דעם, וואָס ווערט „ווידערשפּעניק״ און טרעט אָפּ פון דער תּורהס געבאָטן — מען טאָר צו אַזעלכן קיין רחמנות ניט האָבן, באַשטראָפט מוז ער ווערן אויפן גרויזאַמסטן אופן. און דער זעלבער פאַר־פאַסער, וואָס געפינט אַזוינע האַרציק־ווייכע ווערטער בעת ער רעדט וועגן שלום־בית, וועגן דעם פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון מאַן און ווייב — ווערט ממש גרויזאַם ווילד, בעת ער רעדט וועגן דעם, וואָס איז עובר אויפן זיבעטן געבאָט, און דערלויבט זיך האָבן געשלעכטלעכן פאַרקער מיט אַ קריסטלעכער פרוי. די דאָזיקע שטעלע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש, אַז מיר ברענגען זי דאָ וואָרט בײַ וואָרט: „דען די עבירה דאָס איינר מונח איז מיט איינר גויה, דאָס איז האַרבר אַז אשת איש, און׳ אינער דער הין פינד, דאָס ער מונח איז מיט איינער גויה, דער טור אין פריי הרגנן, אָך איז עס איין גרויסע מצוה דער אין הרגט גלייך אַז ברעכט (ברענגט) ער איין קרבן, אַז פּנחס געטון האָט; אָך בדאַרף מַן אים קיין התראה ניט צו טון, אָך בעדאַרף מן קיין רשות ניט צו נעמן פון איינעם רב אָדער פון איין דיין אָדער פון איינעם ראש הקהל, נייערט דער אין פינט... דער זאָל אין תּיכּף הרגנן, דער טועט איין גרויסע מצוה דער אין הרגעט אָן דין און אָן משפּט״[51].

דערמאָנט מען זיך דערבײַ אין דער געוויסער שטעלע אויס דעם רמב״מס „מורה נבוכים״[52] וועגן די „ווידערשפּעניקסטע נאַראָנים״ (הסכלים הממרים), זעט מען ערשט רעכט בולט ווי אַזוי דער איינזייטיקער טרו־קענער ריגאָריזם ברענגט מענטשן פון גאַנץ אַנטקעגנגעזעצטע ריכטונגען און וועלט־באַנעמונגען צו איין און דעם זעלבן טעמפּן ווינקל...

---

50 דאָרטן, בל׳ 43.

51 דאָרטן, קאַפּ. 6, בל׳ 45.

52 אונזער געשיכטע, 1טער באַנד, 210—211.

כמעט אין איין צייט מיטן „לב טוב'' איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אַנדער ווערק, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע דער־שיינונג אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור. — דאָס איז דער „יודישר טירייאַק''[53] (טעריאַק) פון שלמה־זלמן צבי־הירש אויפהויזן[54].

פאַלעמיק מכוח רעליגיעזע פראַגן, וואָס מיט איר איז אַזוי רייך די העברעיִשע ליטעראַטור, איז אין דער יידישער ליטעראַטור אַ העכסט זעלטענער גאַסט, און דער „יודישר טירייאַק'' איז פאַקטיש דאָס איינ־ציקע רעליגיעז־פאַלעמיש ווערק, וואָס די אַלט־יידישע ליטעראַטור פאַר־מאָגט. און אויך דאָס ווערק טראָגט, ווי מיר וועלן ווייטער זען, מער אַ געזעלשאַפטלעכן, ווי אַ ריין רעליגיעזן כאַראַקטער. די קנאַפע ידיעות, וואָס זיינען אונז באַקאַנט וועגן דעם פאַרפאַסער פון דעם דאָזיקן אינטע־רעסאַנטן ווערק, האָבן מיר צו פאַרדאַנקען דעם פאַרפאַסער גופא. אויס פאַרבייגייענדיקע באַמערקונגען אין דעם „טירייאַק'' קאָן מען זיך משער זיין, אַז שלמה־זלמן אויפהויזן איז געבאָרן בערך אין 1550—1560; מיר ווערן אויך געוואָר, אַז „פאַר פילן יאָרן'' האָבן דעם פאַרפאַסער „בייזי יודן'' אויס זיין היים פאַריאָגט, געוועזן נע־ונד, לאַנג גערייזט און

---

58 דאָס וואָרט „טעריאַק" באַטייט — אַ אוניווערסאַל הייל־מיטל קעגן שלאַנגענ־גיפט און קעגן פאַרשיידענע אַנדערע שלאַפקייטן. מיר ברענגען דאָ דעם פולשטענדיקן טיטל־בלאַט פון אויפהויזנס ווערק: „יודישר טירייאַק. דש איז איין רפואה אונט הייל־זאמש ספר דא מיט זיך אַל גימייני יודן אונט יודינש גיגן דען קריסטן מיט וואַרהייט פורנירן אונ׳ ורַאנטוואָרטן אויך מיט ביוויז דער תורה ונביאים, משנה ותלמוד ושאר פוסקים, זא וואל מיט ראיות חכמי וספרי הנוצרים דארטן קענן, דש מומר סמאל זרידריך פרענץ פון עֶטינגנן אין זיינם בייא גידרוקטן ספר, דער יודיש שלאַנגן־באַלג גינאַנט די יודן ועֶלשליך ביציכטיגט. מיט שִׁינן קונקורדאנציאן ומראה מקום גיצירט איך הינטן סיבנים איבר דש גאַנץ ספר וואו אלש צו וִינדן איז ורצֵייכינט. צו ערן אַלר מאַנן אונט ווַייבן, אויף נוט הויך טייטש דאמיט עש מעניגליך ורשטֵין קן אונ׳ צו נוצן קומט דער גלייבן ניט מער אין דרוק קומן איז. דורך זלמן צבי מאויפן הויזן אונדורם שענקן־שטיין, אין זיבן קאַפיטל ורפאסט איין דרוק ורפערטיגט. פה ק״ק האנוואה ברשיון השררה המהוללה יר״ה. ראש חודש אדר השני שלמ״ח לפ״ק" (מיר ציטירן לויט דער צווייטער אויסגאַבע פון 1680)

54 זיין ווערק איז צום ערשטן דערשינען אין האַנוי 1615, אַ צווייטע אויסגאַבע האָט באַזאָרגט אין 1680—81 אַ קריסטלעכער געלערנטער ווילפער, וועלכער האָט פאַר־עפנטלעכט אַ לאַטייניש איבערזעצונג פון אויפהויזנס ווערק מיט אַ סך באַמערקונגען און נאָטן. צום דריטן מאָל האָט דעם „טעריאַק" איבערגעדרוקט אין 1737 זוסמן בן יצחק דודלסום, וועלכער האָט די שפּראַך פון ווערק אַ ביסל מער פאַריידישט און ערטערווייז פאַרביטן ריין־דייטשע ווערטער אויף מער יידישע. אַזוי ווערט פון וואָרט — „רומפלט" — „וועבט", פון „געפונקירט" — „געפינטלט", „עס זיי" — „עס איז", „איינעם לייט — קלאָצן נעמען" — „איין שטיק לעם נעמען", „איך האָב ניע" — „איך האָב קיין מאָל", „ווידער יודן נאָך קריסטן פערשאָנען" — „יהודים און נוצרים ניט פאַרשוינגן" אאז"וו

געוואַנדערט איבער שטעט און לענדער. די דאָזיקע וואַנדערונגען האָבן באַדייטנד פאַרברייטערט זיין וועלטבאַנעם און בילדונגס־גראַד. ער איז גוט געווען באַהאַוונט אין דער דייטשער שפּראַך, האָט פלייסיק שטודירט לוטערס ביבל־איבערזעצונג, איז געווען באַקאַנט מיט די ווערק פון יוסף פלאַוויוס (זע „יודישר טירייאַק", קאַפּ' א', סימ' 13; דאָרטן, קאַפּ' ג', סימ' 7, 14, 15), פון דעם עלטערן בוקסדאָרף [55], פון דעם משומד אַנטאָניוס מאַרגאַריטאַ אויס רעגענסבורג [56]; ער ווייסט ווי אַזוי פּיקאָ מיראַנדאָלאַ און רייכלין האָבן זיך פאַרהאַלטן צו דער יידישער קבלה [57], און אַז דער מדקדק אליה בחור האָט קריסטלעכע געלערנטע באַקענט מיט דער העברעיִשער שפּראַך, און „האָט שול געהאַלטן צו רוים און ווענעדיג" [58]. ער ווייזט אויך אַרויס גרויס בקיאות אין דער תלמודישער ליטעראַטור, און אַז ער האָט געשריבן גאַנץ פיין העברעיִש זאָגט עדות זיין אין פאָדערבלאַט פונם „טירייאַק" געדרוקטער שיר, וואָס איז געשריבן אין דער באַקאַנטער אזהרות־מעטריק [59]:

מומר—קם—מטוב ריקם—תפש חקם—מקרוב בא וחדשים.
יאפיל המאורות—זלזל התורות—מסיני נאמרות—בלפידים ורעשים.
הרפים ספרים—עתק דוברים—כי נקלל השרים—ודתיהם מביישים...

אויפן יסוד פון דעם פאַרפאַסערס באַמערקונגען, קען מען זיך משער זיין, אַז ער איז געווען אַ שוחט [60] און אַ מוהל [61], נאָר די דאָזיקע פּראָפעסיעס האָבן אים, ווי עס שיינט, געגעבן קנאַפּ פרנסה, און זיין פרוי מיט די זעקס קינדער זיינען ניט תמיד זאַט געווען.

אין דער פאָררעדע דערציילט דער פאַרפאַסער באריכות, אויס וואָסערע מאָטיוון און ביי וועלכע אומשטענדן ער האָט זיין ווערק פאַרפאַסט. איינער אַ משומד, שמואל־פרידריך ברענץ אויס עטינגען, האָט אין 1614 פאַרעפנטלעכט אַ גיפטיקן פאַמפלעט קעגן יידן און זייער אמונה „Jüdischer abgestreifter Schlangen-Balg" [62]. שלמה־זלמן

55 דאָרטן, קאַפּ. א' סימ' 20
56 דאָרטן, קאַפּ. ב' סימ' 3.
57 דאָרטן, קאַפּ. א', סימ' 11.
58 דאָרטן, קאַפּ. ו', סימ' 2.
59 זע אונזער ווערק, ב' ו, 98.
60 דאָרטן, קאַפּ. ד', סימ' 12.
61 דאָרטן, סימ' 23.
62 דעם פולשטענדיקן, געוואַלטיק־לאַנגן נאָמען פון דעם דאָזיקן פאַמפלעט, זע ביי גרינבוימען, ציט. ווו. 560—561.

אויפהויזן האָט גוט געקענט דעם דאָזיקן משומד, און גיט וועגן אים איבער אייניקע ביאָגראַפישע פּרטים. ברענץ איז געווען אַ געפערלעכער וואָכערניק[63], און ווען מען זאָל צונויפזאַמלען אַלע פערד, אויף וועלכע ער האָט געלט אויסגעבאָרגט, וואָלט מען געקענט, — פאַרזיכערט אויפהויזן, — אַ רעגימענט רייטער „צו פעלד שטעלן". אַט דאָס האָט אים טאַקע „צו דעם טויפן געבראַכט", ווייל די יידן האָבן אים פיינט געקראָגן פאַר זיינע מיאוסע שטיק און האָבן אים „בשתי ידים דוחה געווען"[64]. ברענץ איז געווען אַ גרויסער עם-הארץ און בכלל אַ נישטיקע בריאה; זיין פאַמפלעט איז געשריבן אָן טאַקט און אָן סדר[65]; דאָך, דערציילט אויפהויזן, האָט ברענצעס טאַלאַנטלאָז ווערק געהאַט אַ ווירקונג אויפן המון. דערפאַר האָט אויפהויזן געהאַלטן פאַר נייטיק עפנטלעך דערקלערן, פאַר אַ גרויסן עולם, אַז דער „שלאַנגנבאַלג" איז פול מיט שקרים און פאַלשע בילבולים. אַז דער משומד ברענץ האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט, איז ער אין גרויס צאָרן געקומען צו רייטן פאַר שלמה-זלמן אויפהויזנס וואוינונג, אים שטאַרק געזידלט און נאָך אַמאָל פאַרזיכערט פאַרן גאַנצן עולם, אַז אַלץ, וואָס אין זיין ווערק איז געשריבן, איז רק אמת וצדק. אויפהויזן האָט אַזאַ חילול-השם ניט געקענט פאַרטראָגן. ער האָט ברענצן אין די אויגן דערקלערט דעם פּראָפעסער פונם „שלאַנגנבאַלג" פאַר אַן אומפאַרשעמטן ליגנער, און האָט דערביי געשוואָרן אָנצושרייבן אַ ספּעציעלן ספר קעגן ברענצעס אַלע בילבולים און שקרים. און אויפהויזן האָט טאַקע וואָרט געהאַלטן. אינם קומענדיקן יאָר איז שוין געווען פאַרטיק, אין דער דייטשער שפּראַך, זיין קעגנשריפט. און אין דעם זעלבן יאָר האָט ער, אין אַ געקירצטער פאָרם, פאַרעפנטלעכט זיין ווערק אין יידיש אונטער דעם אויבן-דערמאָנטן נאָמען „יודישר טירייאַק"[66].

63 „טעריאַק", קאַפּ. ג', סימ' 11.

64 דאָרטן, קאַפּ' ח', סימ' 17.

65 אַ באַגריף וועגן דעם ווילדן מיש-מאַש, וואָס הערשט אין ברענצעס „שלאַנגענבאַלג", קאָן שוין געבן דער איינהאַלטס-אָנווייז צום ערשטן קאַפּיטל: „אין דען ערשטן קאַפּיטעל ווירד געהאַנדעלט פאָן גאָטעסלעסטערונג דער יודן, פאָן שם המפורש-צויבעריי אונד קנאָבלויכפרעססען אין דער קריסט-נאַכט".

66 אין דעם „טעריאַק" דערמאָנט דער פּראָפעסער אַ סך מאָל זיין דייטש ווערק, וואָס ער האָט פאַרפאַסט ספּעציעל פאַר דעם קריסטלעכן לייענער-עולם: „בזה הארכתי יותר בצרי (בטעריאַק) אשר הכינותי לנוצרים; בספר אשר הכינותי לנוצרים; הארכתי בספר אשר הכינותי לנוצרים; בספר אשר הכינותי לנוצרים הרחבתי הדברים", דאָרטן, קאַפּיטל א', סימ' 2, סימ' 9, סימ' 13; קאַפּיטל ב, סימ' 27; קאַפּיטל ג', סימ' 11; קאַפּיטל 2, סימ' 4). עס איז אָבער אַ גרויסער ספק, צי

זוי דער „שלאַנגנבאַלג“, אַזוי איז אויך די קעגנשריפט, איינגעטיילט אין זיבן קאַפּיטלעך. „איך — דערקלערט דער פּראָפעסער — ברינג אויך אַלע זיינע רשעות וואָרט פאַר וואָרט ווי ער עס אַרויסרעדט און פאַר־ענטפער אַך אַלע שטיק קליין אונ' גראָס. זאָ האָט אָבער דער מומר עם־הארץ זיין ספר שלא כסדר געשריבן אונ' אַלע שמועות דורך איינאַנדער געמישט... ער רומפּעלט אַלעם דורכאיינאַנדער, זאָ מוז איך אויך זיינעם אָנסֶדֶר נאָכפאָלגן“.

פון ריין־וויסנשאַפטלעכן שטאַנדפּונקט איז כּדאי אָנצוּווייזן, מיט וואָס פאַר אַ חריפות און אמת־היסטאָרישן חוש דער פּראָפעסער פלייסט זיך צו דערווייזן[67], אַז דער ישו, וועגן וועלכן עס ווערט דערמאָנט אין אַ פּאָר שטעלן אין תּלמוד, האָט קיין שום שייכות ניט צום באַגרינדער פון דער קריסטלעכער אמונה, ווייל דער ערשטער האָט געלעבט מיט הע־כער הונדערט יאָר פאַר דער הורדוס־תּקופה. ניט אָבער אין טעאָלאָגיש־וויסנשאַפטלעכע פראַגן ליגט דער הויפּט־אינטערעס פונם „יודישן טירייאַק“, נאָר אין זיין פּאָלעמישן טאָן און ריין עולמיש־געזעלשאַפט־לעכן כאַראַקטער.

לויט דעם געשמאַק פון יענער צייט, זשאַלעוועט ניט שלמה אויפ־הויזן קיין זילזולים און זידל־ווערטער זיין קעגנער, דעם עם־האַרצישן פּראָפּאָסער פונם „שלאַנגנבאַלג“. ברענצס נאָמען שמואל ווערט אינם „טירייאַק“ פאַרוואַנדלט אין „סמאל“. אויך ווערט ער באַקרוינט מיט אַזוינע מיני עפּיטעטן: „עם הארץ, גראָבער בענגל, דער עהרפאַרגעסענער פויגל, דער גראָבער אייזל, גראָבר שטרינגלר, וואַסערטרעגער, שעלם, דיב, בייזעוויכט“ און אַזוי ווייטער. „אין דקדוק — פאַרזיכערט אויפ־הויזן — איז דער פּראָפּאָסער פונם „שלאַנגנבאַלג“ זאָ געשווינד אַז איין עליפאַנט“. דער משומד באַשולדיקט די יידן, אַז זיי קענטן אַ גולם אויס ליים, און מאַכן אים לעבעדיק דורך השבעות און שמות. זיין אָפּאָנענט לייקנט עס אָפּ. אמת, זאָגט ער, בימי חכמי התּלמוד זיינען אַזעלכע זאַכן יאָ פאָרגעקומען, אפשר קומט אַזוינס פאָר אויך היינטיקע צייטן אין ארץ־ישׂראל; אָבער, פאַרענדיקט ער מיט אַ סאַרקאַסטישן שמייכל: „אונזרי גולמים אין דייזן לאַנדן האָבן מיר ניט אויס ליימן, זונדערן אויס

אין וועגן דער דייטשער טעקסט פון אויפהויזנס פּאָלעמיש ווערק אין דרוק דערשינען יעדנפאַלס האָט קיינער פון די ביבליאָגראַפן אַזאַ ווערק אין די אויגן ניט געזען. מער באַריכות וועגן דעם זע ביי נ. פּרילוצקין אין „ייוואָ־בלעטער“, 1931, I, 423. דער „יידישער טירייאַק“ איז איבערזעצט געוואָרן אויף העברעיִש, די איבערזעצונג איז אָבער געבליבן אין מאַנוסקריפּט.

67 דאָרטן, קאַפּ. א' סיי' 7.

מוטר ליב ווערין זוי געבארן... אונ׳ זיין פאטר מאג זא איין בעל־שם זיין גוועזן״[68]. דער משומד ברענץ מסרט די יידן פארוואס זיי בעטן אין שמונה־עשרה: „ולמשומדים אל תהי תקוה״; דערויף ענטפערט זיין קעגנער קאלטבלוטיק: „עס איז וויסנליך דאס איינער אונטער הונדערט זיך לאזט טויפן דער גלויבן האלבן, זונדער אליין ער האט איין שעלם־שטיק גיטאן, אדער האט איין שעלם־שטיק בדיעה, גלייך מאן די ערפא־רונג טעגליך האט דאס די מומרים אדער משומדים געראטן אין די מדינות פון טייטשלאנד אלז ווי די זאתרוגים אין מאסקוואי. איינער לאזט זיך טויפן אום דאס ער גערן חזיר עסט, דער אנדר וויל גערן פריי זיין פון צאל, דער דריטער האט לוסט צו איין קריסטין אדער האט זיין ווייב פיינד; איינער טוט עס זיין משפחה צו להכעיס אונ׳ פיל דערגלייכן מיטלן, דרום טויפן זוי זיך, און ווען דער נאך די קריסטן איר פאטן[69] מיד זיין, אונ׳ דאס מאן זי ניט מער טרויען וויל — מאכן זי ביכר אדער פאסקווילן אויף אונז אום זיך דאמיט כלומר צו ווייזן דאס זיא גוטע קריסטן זיין. אונ׳ דאס מאן זיא פארטרויען זאל, אונ׳ ווען אונז פיינדשאפט מאכן אין די נוצרים אויגין אום אונז צו פארטרייבן אונ׳ פאר יאגן״[70].

אין דעם „טירייאק״ געפינען זיך פיל אינטערעסאנטע פרטים בנוגע דעם דעמאלטיקן לעבנס־שטייגער. דער פארפאסער דערציילט אונז וועגן דער ראלע, וואס יידישע דאקטוירים האבן געשפילט אין אזוינע צענטערס ווי רוים, ווענעדיג, פראג, קאנסטאנטינאפאל; ער ווייזט אן, אז קריסט־לעכע הייבאמען פלעגן אפט איינגעלאדן ווערן צו יידישע גע־ווינערינס, און אויך דאס גלייכן יידישע הייבאמען אין קריסטלעכע הייזער. פון דעם „טירייאק״ דערוויסן מיר זיך, אז די יידישע באפעל־קערונג פלעגט זיך אין יענע צייטן באנוצן דער עיקר מיט קריסטלעכע בארבירער „אין אלן ארטן אין דייטש און וועלש לאנדן״. באזונדערס אינטערעסאנט איז דעם פארפאסערס ענטפער אויף דער באשולדיקונג פארוואס יידן לעבן פון וואכער: „פרעג ווארום? זאג איך דיר דארום: זיך (זע), עס איז ניקש אין עולם (אין דער וועלט) בעסער אלס פעלדער אקערלאנדן. איין פויער זייט איין מולטער קארן אויס, אונ׳ שניידעט דרייסיג דערפאר ווידר אין. ער האט זיין ברויט געווים, זיין קי, קעלבער, פוטר, מילך, שמאלץ, מייל, פלייש, הינער, גענז, אונ׳ אלץ וואס ער דארף.

---

68 דארטן, קאפ. א׳, סימ׳ 13.

69 טויפקינדער.

70 דארטן, קאפ ד׳, סימ׳ 14.

מיר יידען אבער האבן קיין לאנד אונ' זאנד, מוזן האפן אונ' הארן ווער אונז עטוואס צו קויפן גיבט. דארויף זאגן חכמינו ז"ל, דאס אזא לעבן קיין לעבן הייסט... דען רבית האט מאן אונז דערגעגן פארגעגנט (פאר־גונען), דער מאכט אונז גרויס פיינדשאפט, פאראכטונג אונ' אלעם אונגליק ביי די קריסטן. איך מעכט ליידן (איך וואָלט בעסער איינגע־גאנגען) דאס אונז פעלדבוי (פעלד־ארבעט) אונ' אלע האנטירונגען (מלאכות און באשעפטיקונגען) מותר ווער, אונ' זאלטן דען רבית־רבית (צינזנס־צינז) זיין לאזן. דער מאכט אונז גלות אונ' אלעם אונגליק, עס בלייבט אויך אָפט קרן אונ' רבית אויסן, מאן קומט אום'ס געלט (מען פארלירט דאָס געלט). זאלכעס האט איין פויער אלס בעסר אונ' זיכערער, דען מאן קאן אים זיין פעלד ניט אוועקטראָגן... דאס וואס אונז דאס רבית פאר גונין האט, איז גלייך אלז ווי שפעק אויף די פאל גע־בונדן, דאס מיר דאדורך געפאנגן ווערן... ועל זה אמר הכתוב: והיו חייך תלואים לך מנגד... איז דיזער רבית איין קללה אונ' תוכחה אין דער תורה, מאכט אונז קנאה, שנאה, תחרות ורוגז. מאג ניט מאריך זיין ודי בזה לכל מבין"[71].

ביי דעם דאָזיקן פארפאסער פונם אָנהייב 17טן י"ה לאָזן זיך שוין הערן די זעלביקע טענות, וואָס האבן אין צוויי הונדערט יאָר ארום פאר־נומען אזא בכבודיקן אָרט ביי די קעמפער פאר דער השכלה. שלמה אויפהויזן זעט איין, ווי אומנאָרמאל און פויל עס זיינען די עקאָנאָמישע יסודות פונם יידישן געטאָ; ער געפינט אפילו, אז אין דער קריסטלעכער אויסערלעכער וועלט איז ניט בלויז די עקאָנאָמישע לאגע נאָרמאלער ווי אין יידישן געטאָ, נאָר אויך אויפן גייסטיקן געביט. „די קריסטן — לייענען מיר אינם „טירויאק" — זונדרליך אין דיזן צייטן... זי שטודירן פלייסיג, אונ' לערנען איז ביי זיי גאר הויך געאכט, אבער ביי אונז בעוונות איז להיפך: די תורה איז מונח בקרן זווית, גילד גאר וועניג, אלץ געלט, געלט! שרייט די גאנצע וועלט... דער רייכע קאן (לערנען) אונ' וויל נים, דער ארמע וואלט גערן (געלערנט) און פארמאג ניט, ודי בזה לכל מבין"[72].

דאָ באַרירן מיר די אינטערעסאַנטסטע זייט פון אויפהויזנס פאָ־לעמיש ווערק. דער פארפאסער פונם „טירייאק" איז א געאיבטער און טעמפעראמענטפולער פאָלעמיקער; און דאָך מוז מען מודה זיין, אז ניט שטענדיק געלינגט אים אָפצוווענדן דעם קעגנערס טענות און באשול־

71 דאָרטן, קאפ. ג', סימן 11.

72 דאָרטן, קאפ ד', סימ' 7.

דיקונגען; און ער פּלייסט זיך דאָן אויסצודרייען מיט ריין סאָפיסטישע פּשטלעך און תירוצים. מיר האָבן שוין מערערע מאָל אָנגעוויזן, ווי אַזוי ביי דער פעסטער מויער פון גאַליקער שנאה און קאַלטער פאַראַכטונג, מיט וועלכע די קריסטלעכע וועלט האָט אַרומגעצוימט דאָס יידישע געטאָ, האָבן זיך אויך דאָרט געשטאַרקט די טענדענצן פון אָפּגעזונדערטקייט, דער פּרינציפּ פון „עם לבדד ישכון". אויף שנאה און ביטול פון אויסן האָט מען פון אינעווייניק געענטפערט מיט די זעלבע געפילן. באַשולדיקט טאָקע דער משומד ברענץ זיינע געוועזענע ברידער, אַז זיי פאַרהאַלטן זיך מיט שנאה און פאַראַכטונג צו דער קריסטלעכער וועלט און דער קריסטלעכער אמונה. ער דערמאָנט די פּסוקים, וואָס מען זאָגט אויס־ווייניק ביי „עלינו לשבח" און מען לאָזט אויס מיט אַ שפּיי[73]; לאָז מען — טענהט דער משומד — אַ מינדסט יידיש קינד פרעגן[74], וועט עס אייך גלייך זאָגן, אַז אַ קריסטלעכע קירך הייסט „תועבה", אַניף אַ געשטאָרבענעם קריסט זאָגט מען ער איז געפּגרט[75], אויף ווײַ־וואַסער זאָגט מען — מים טמא[76], אויף קריסטוסן — דער תלוי און ממזר בן הנדה[77] אאַז"וו. דער פאַרפאַסער פונם „טירייאַק" געפינט זיך דאָ אין דער אומגינסטיקער לאַגע פון אַ קעמפער מיט געבונדענע הענט. ער איז דאָך ניט אימשטאַנד צו באַהאַנדלען די פראַגע אָפן און אַלזייטיק, מוז ער אָנקומען צו פּשטלעך. ערטערווייז קומט ער אָפּ מיט שווייגן. אויף ברענצס אָנווייזונג, אַז די יידן אין פּוילן און פּיהם (בעמען) ברענגען אום די מוסרים אָדער די, וואָס ווילן זיך שמדן, ענטפערט דער „טירייאַק": איך האָב עס קיין מאָל געהערט"[78]. דער עם־הארץ ברענץ האָט געהערט וועגן דעם מגושמדיקן פאַמפלעט „תולדות ישו", וואָס איז געווען פאַרשפּרייט צווישן יידן אין פילע מאַנוסקריפּטן[79], ער ווייס אָבער ניט זיין ריכטיקן נאָמען, און ער הייסט דערפאַר ביי אים „מעשה תולע". מאַכט זיך דער־פאַר דער פאַרפאַסער פונם „טירייאַק" כלא ידע, און דערקלערט: „איך כל ימי זאָ איין ספר ניט האָב געזעען". ברענצס באַשולדיקונג, אַז אויף

78 דאָרטן, קאַפּ. ה', סימ' 4.

74 דאָרטן, קאַפּ. ג', סימ' 17.

75 דאָרטן, קאַפּ. ד', סימ' 2.

76 דאָרטן, קאַפּ. ב', סימ' 25.

77 דאָרטן, קאַפּ. א', סימ' 3.

78 דאָרטן, קאַפּ. ג', סימ' 16

79 אין איין האַרקאַווי־מאַנוסקריפּטן־קאָלעקציע אין דער לענינגראַדער פּאָפּ־ביב־ליאָטעק האָבן זיך געפונען איבער צען פראַגמענטן פון פאַרשיידענע העברעישע און אַראַמישע „תולדות ישו"־מאַנוסקריפּטן.

אַ קירך זאָגן די יידן „תּועבה“, וואַרפֿט דער „טירייאַק“ אָפּ מיטן בשטל, אַז דער משומד האָט אַ טעות: מען זאָגט ניט „תּועבה“ נאָר „תּיבה“, דאָס נעמט זיך פֿונם זאַץ: „היורד לפני התיבה להתפּלל“. אויף אַן ענ־לעכן אופֿן טייטשט ער אויך אויס דאָס וואָרט „פּגר“, „מים טמא“ אאַז״וו.

מאַקס גרינבוים[80] און נאָך אים מ. עריק[81] ווייזן אָן, אַז „אַ יידישע אויסגאַבע פֿון דעם „טירייאַק“ איז אייגנטלעך ניט נייטיק געווען“, באשר „די יידישע לייענער־קרייזן האָבן זיך כּלל ניט גענייטיקט מען זאָל זיי באַקענען מיט די אַלע בילבולים, נאַרישקייטן און שקרים פֿון ברענצעס „שלאַנגענבאַלג“. ניט דאָס האָט אָבער באַצוועקט דער פֿאַרפֿאַסער מיט זיין יידישן „טירייאַק“. און ער ווייזט טאַקע דערויף אַליין אָן אין דעם סוף פֿונם לעצטן קאַפּיטל: „אויף דער י ו ד ן ט ו ב ה אונ' בעגערן האָב איכ'ם אויך אויף דייטש אין יהדות אותיות דרוקן לאָזן, דאַמיט זיך איינער אין צוטראָגענדן פֿעלן קעגן קריסטן וויסע צו פֿאַרענפֿערן, אויך ד אַ ר ו י ס פֿ אַ ר ש ט ע ע א ו נ' אַ ב נ ע מ ע, ו ו י א י י ן ג ר ו י ס ע ע ב י ר ה ע ס א י ז א י י נ ן ק ר י ס ט ן צ ו ב ע ט ר י ג ן מ י ט וו אָ ר ט ן אָ ד ע ר וו ע ר ק ן“. דער פֿיל גרייזטער אויפֿהויזן, וואָס האָט זיך דער־וואָרבן אַ געוויסע בילדונג און געהאַט פֿיל קריסטלעכע באַקאַנטע אויס פֿאַר־שיידענע לענדער, האָט גוט איינגעזען ווי ענג און אָפּגעשטאַנען ס'איז דער וועלט־באַנעם פֿונם יידישן געטאָ. און ניט אויס פּאָלעמיש־אַפּאָלאָ־געטישע, נאָר אויס ריין א ו י פֿ ק ל ע ר ע ר י ש ע צילן האָט ער זיין ווערק אין יידיש פֿאַרעפֿנטלעכט. דעם משומדס באַשולדיקונגען נוצט אויפֿהויזן אויס בכדי טאַקע קלאָר מאַכן זיין לייענער־עולם, אַז מען דאַרף זיך פֿאַרהאַלטן גלייך צו אַלע מענטשן, טאָלעראַנט זיין צו די באַגריפֿן און אַנשוויונגען פֿון אַנדערש־גלויביקע. ברענץ וואַרפֿט פֿאַר די יידן, אַז זיי גיבן קיין קריסט ניט קיין צדקה, זיי ענטפֿערן אים מיט פֿאַלשע ווערטער און זאָגן: „ל ו ט העלף דיר און פּלאַטץ“; אויפֿהויזן לייקנט דאָס אָפּ, און פֿאַרזיכערט, אַז דאָס איז שווא ושקר. ער האַלט אָבער דערביי פֿאַר אַ שעת הכּושר צו באַלערנען דעם לייענער, אַז „אַלע אונזערע ספֿרים“ שטרייכן אונטער, „דז מיר זא וואָל די קריסטן אַלס יידן שולדיג זיין צדקה צו געבן... איין איטלעכער איז מחויב די אומות העולם צו שפּייזן און צו ערנערן זא וואָל אַלס אַן די יידן“. און ער לאָזט דערביי אויס מיט אַ שטאָך: „וואָס זאָל איך פֿיל שרייבן, אַז מאַן זאָל צדקה געבן אַן גוים, גיבט מאַן דאָך לײדער אַן יהודים ניט פֿיל, אַפּילו איין פֿריינד ניט אַן

---

[80] צים. ח., ז' 561.

[81] צים. וו., ז' 270.

דען אנדערן! הושיענו אלהי ישענו, רחם על העניים הנעלבים, אל העשיר תנה לב בשר, ולב האבן הסר (האב רחמנות, גאט, אויף די נעפלאגטע ארעמע לייט, גיב דעם רייכן א מענטשלעך הארץ און טו פון אים אפ דאס שטיינערנע) [82]. „מאן מוז — שרייבט אויפהויזן אויף אן אנדער ארט — איין איטליכם, עז זיי איין ייד אדער גוי, מיט טרייהערציקייט אנטפאנגן, ווי חכמינו ז"ל זאגן אין פרקי אבות: הֱוֵי מקדים בשלום כל אדם, דאס איז — זיי פלייסיג אלי מענשן גריסן און אנטפאנגן; אונ׳ שטייט דרום כל אדם, דז עס קיין חילוק זאל זיין צווישן יהודי אדער גוי, נייערט אלע מענשן גלייך" [83].

אזעלכע געדאנקען חזרט דער פארפאסער איבער מערערע מאל. נאטירלעך, פארשטייט ער זייער גוט, אז מען דארף מיט די זעלבע פאדע־רונגען זיך ווענדן אויך צום קריסטלעכן עולם. דערצו האט אבער אין יענער רעכטלאזער צייט דער פארפאסער פונם יידישן „טירייאק" ניט געהאט דעם געהעריקן מוט, און אויך ניט די מעגלעכקייט.

82 קאפ. ד׳ סימ׳ 9.

83 דארטן, קאפ. ד׳, סימ׳ 4.

זיבעטער קאַפּיטל

מעשיות־ליטעראַטור. — פון פאָלקס־מעשיות צו פאָלקס־ליטעראַטור. — רבנו נסים „חיבור יפה״. — האַנטשריפטלעכע מעשיות־זאַמלונגען. — די „וווּנדערלעכע מעשה״ וועגן מאיר דעם חזן. — „מעשה בריעה וזמרה״. — די השפּעה פון דער אייראָפּעיִשער ראָמאַנען־ און פאָלקס־בוך־ליטעראַטור. — דאָס „מעשה־בוך״ און זיין באַטייט. — אַ מעשה אויס רעגענסבורג. — די פאַנטאַסטישע מעשה וועגן ר׳ חנניא. — די מעשה וועגן יידישן פּויפּסט. — ר׳ יוזפּא שטשס „מעשה נסים״. — וווּנדערלעכע און רעאַליסטישע מעשיות. — „ספר עמנואל״.

מיר האָבן שוין אין אָנהייב פונם פאָריקן קאַפּיטל אָנגעוויזן, ווי אַזוי אַזעלכע ביבל־פּאַראַפראַזן ווי „צאינה וראינה״ און „די לאַנגע מגילה״ האָבן אין זיך פאַראייניקט צוויי פאַרשיידענע ליטעראַרישע זשאַנרען, וועלכע האָבן גראָד צו יענער צייט, צום סוף פונם 16טן י״ה, געבילדעט די וויכטיקסטע צוויי שטראָמען אין דער יידישער ליטעראַטור: מוסר־ספרים און מעשה־ביכער. דער דערציילערישער עלעמענט האָט זיך אָבער שוין גאַנץ בולט געמאַכט באַמערקבאַר אויך אין די ספּעציעלע מוסר־ספרים. שוין אין „רויזן־גאָרטן״, און אין אַ נאָך גרעסערער מאָס אינם „בראַנט־שפּיגל״ און „לב טוב״, ווערן די דברי־מוסר גאַנץ אָפט באַפּוצט מיט מעשיות און משלים. דאָס איז כלל ניט געווען קיין נייער אויפטו — ס׳איז געווען דער המשך פונם אַלטן פעסטגעזעצטן נוסח. מיר האָבן שוין אינם ערשטן באַנד פון אונזער ווערק אָנגעוויזן, ווי קונציק די אייראָפּעיִשע יידן האָבן אינם מיטלעלטער איבערגענומען דעם אייגנאַרטיקן ליטעראַרישן זשאַנר, וואָס איז זייער באַליבט געווען אין די מדינות הודו און ביי די אַראַבער: אונטערהאַלטן, אַמוזירן, און טאַקע דערביי אויך באַלערנען און מוסר־זאָגן; און דאָס אַלץ מיט דער הילף פון לייכטע אַנעקדאָטן און שיינע מעשהלעך. מיר האָבן שוין דאָרט אָנגעוויזן[1] אויף דעם יעדן קולטור־היסטאָריקער באַקאַנטן פאַקט, ווי וויכ־

[1] דאָרטן, 265—266; זע אויך אונזער אַרטיקל „וועגן די מקורים פון „מעשה־בוך״ („ליטעראַרישע בלעטער״, 1927, נומ׳ 131).

טיק און באדייטנדיק ס'איז געווען די פארמיטלער־ראָלע פון יידן אויפן געביט פון אייראָפּעיִשן פאָלקלאָר. אליין א מזרח־פאָלק, באקאנט מיט די אראבישע און גריכישע קוועלן, וואָס האָבן אין זיך אויפגענומען פיל אָריענטאל־אינדישע אגדות, משלים און מעשיות, זיינען די יידן אין דעם מיטלעלטער געווען דער פארבינדונגס־רינג און פארמיטלער צווישן דער מזרח־ און מערב־וועלט. די יידן האָבן זיך אָבער ניט באנוגנט מיט דער פארמיטלער־ראָלע, וואָס אדאנק איר האָט זיך דער אייראָפּעיִשער מערב באקאנט מיט פיל אָריענטאלישע מאָטיוון, מיט די אוצרות פון דער אינדישער און פערסיש־גריבישער אגדות־ און לעגענדעס־וועלט. דער יידישער קיבוץ האָט אליין אויך געשאפן זיינע אייגענע אגדות און מעשיות, ארומגעשפּונען זיינע באליבטע העלדן מיט די גאָלדענע פעדים פון די וווּנדערבארסטע לעגענדעס, זיי צונויפגעפלאָכטן מיט די שענסטע האָפענונגען פון באלדיקער גאולה, און אויך איבערגעענדערט און צוגע־פאסט צו זיין געשמאק און באגריפן דעם פאָלקלאָרישן מאטעריאל, וואָס ער האָט באקומען בירושה פון די פריערדיקע דורות. דאָס אלץ איז אָבער אין זיין גרעסטן טייל געבליבן א „תורה שבעל פה", איבערגע־גאנגען בלויז פון מויל צו מויל. בלויז צופעליק זיינען אייניקע עלעמענטן פון דעם דאָזיקן ריין־פאָלקלאָריסטישן מאטעריאל אויפגעהיט געוואָרן, און דאָס ניט אין דער אומגאנגס־שפּראך, נאָר אין העברעיִשער איבער־זעצונג אין דער רעליגיעז־עטישער ליטעראטור פון יענער צייט, ווי, צום ביישפּיל, אין דעם בארימטן מוסר־ספר „ספר חסידים", אין דער היס־טאָרישער כראָנאָגראפיע „ספר יוחסין", אין די מיטלעלטערלעכע מדרשים, ווי, צום ביישפּיל, אין „תנא דבי אליהו", „מדרש עשרת הדברות"[2] און פיל אנדערע. אויך זיינען אין העברעיִשע מאנוסקריפּטן אויפגעהיט איינציקע מעשיות, ווי, צום ביישפּיל, די שיינע מעשה וועגן שלמה המלך מיט דער מערעשקע[3], די מעשה וועגן די צוויי טרייע פריינד (מעשה בשני אנשים)[4], וועגן דעם יידישן פּויפּסט[5]. עס זיינען אויך אויפגעהיט געוואָרן ספּעציעלע זאמלביכער פון מעשיות און לעגענדעס, ווי, צום ביישפּיל, די אויס דעם טיפּן מיטלעלטער שטאמענדיקע „משלים של שלמה המלך"[6] און דאָס אין אראביש פארפאסטע זאמלבוך פון שלמה

---

[2] אין דעם דאָזיקן מדרש געפינט זיך א גאנצע קאָלעקציע פון 17 מעשיות.

[3] צום ערשטן פארעפנטלעכט אין „בית־המדרש", V, 22—26.

[4] פארעפנטלעכט דורך מנחם די לונזאנו צום סוף „מעריך".

[5] „בית המדרש", V, 148—152; דאָרטן, VI, 137—139.

[6] „בית המדרש", IV, 145—152.

גבירולס אַן עלטערן בן־דור, דעם באַרימטן רב, רבינו נסים אויס קוריאַן[7]. בכדי צו טרייסטן זיין איידעם דונאַש, וואָס האָט זיין געליבטן זון פאַרלאָרן, האָט רבנו נסים געשריבן פאַר אים (בערך אין 1030) אַ ספּעציעלע זאַמלונג פון ספורי מעשיות. די דאָזיקע זאַמלונג איז באַלד איבערגעאַרבעט געוואָרן אין העברעיִש אין צוויי נוסחאות[8], איינע אונטער דעם נאָמען „חיבור יפה מהישועה" (צום ערשטן פאַרעפנטלעכט אין פעראַרע, 1557) און די צווייטע „מעשיות שבתלמוד" (צום ערשטן געדרוקט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, 1519). באַדייטנד אינטערעסאַנטער פאַרן מיטלעלטערלעכן פאָלקלאָר איז אַן אַנדער זאַמלונג פון מעשיות און לעגענדעס, וואָס איזראַעל לעווי האָט ערשט אין דער נייערער צייט פאַרעפנטלעכט[9]. עס איז ניט פעסטגעשטעלט ניט דער נאָמען פונם זאַמלער, ניט די צייט, ווען די זאַמלונג איז אויפגעשריבן געוואָרן; עס איז אָבער אויסער ספק, אַז די דאָזיקע זאַמלונג שטאַמט פון די דייטשע פּראָווינצן. אויסער פיל מעשיות, וואָס זיינען גענומען אויס דעם תלמוד און די מדרשים, געפינען זיך אויך אין דער דאָזיקער זאַמלונג דערציילונגען אויס דער שפּעטערדיקער תקופה און אין זיי פילט זיך שטאַרק די השפּעה פון דעם מערב־אייראָפּעיִשן פאָלקלאָר. דער זאַמלער איז, ווי עס שיינט, ניט געווען קיין גענײטער העברעיִשער סטיליסט, און אין זיין שפּראַך באַמערקן זיך פיל גערמאַניזמען, ריכטיקער — יידישיזמען[10]. מען זעט אין דעם דעם שטאַרקסטן באַווייז, אַז דער זאַמלער האָט די מעשיות געהערט אויס דעם מויל פונם פאָלק אין דער אומגאַנגס־שפּראַך, און זיי פאַר זיין זאַמלבוך אויף העברעיִש איבערזעצט.

מעשה־ביכער אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך זיינען ערשט געשאַפן געוואָרן נאָך דער רעוואָלוציע, וואָס דער דרוק־וואַרשטאַט האָט אַרויסגערופן אין דייטשלאַנד אין דעם קולטורעלן פאָלקס־לעבן. מיר האָבן

---

[7] פראַגמענטן פון דעם אַראַבישן אָריגינאַל האָט אין דער נייערער צייט פאַרעפנטלעכט חרכבי (אין „שטיינשניידער־פעסטשריפט", 9—27).

[8] אין דער נייערער צייט איז אויך דערשינען רבנו נסימס זאַמלונג אין יידיש. די ערשטע אויסגאַבע אין 1815, און די צווייטע אין וואַרשע (1837), אונטער פאָלגנדיקן שער־בלאַט: „ספורי מעשיות פון רבנו נסים בר יעקב, וואָס ער האָט געשריבן צו זיין איידעם דונש אום אים צו טרייסטן זיין טרויעריג הערץ זוי ווי אין דער הקדמה שטייט".

[9] „Revue d. et. J." ,XXXIII, XXXIV.

[10] דאָרט באַגעגנט מען אַ שטיינער צאָלכע אויסדרוקן: יודעת את ללמוד („Rev. d. et. Juives", 33,238); זה השער יש מראשה (דאָרטן, 245); לא מנעת אותך מליחנות לי (דאָרטן, 242); אהיה שלים ומושל מאותה עיר (דאָרטן, 74); לא היה לעני שום דבר במה לקנות חטים (דאָרטן, 35, 68); ותהיה יורש מבל אשר לי (דאָרטן, 79) אאז"וו.

שוין פריער אָנגעוויזן, אַז ערשט דעם דרוק-ווארשטאַט איז עס געלונגען אָפּצוטיילן דאָס ליד פון דער מעלאָדיע, מאַכן אַ מחיצה צווישן דעם לי־רישן שאַפן און דער מוזיק, צווישן דעם וואָרט און דעם געזאַנג. די מיטל־עלטערלעכע ריטערלעכע פּאָעזיע איז אין איר עצם געווען אַ ריין מינד־לעכע[11]. דער ריטער האָט על־פּי רוב ניט געקאָנט שרייבן און אויך ניט לייענען; און ניט לייענען פלעגט דער ריטער און זיין הויזגעזינד לידער און פּאָעמעס, נאָר צוהערן, ווי דער זשאָנגלער און שפּילמאַן דעקלאַמירט זיי. דער שטאָטישער בירגער־קלאַס, דער סוחר, דער קרעמער און אַפילו דער בעל־מלאכה האָט געמוזט צו דער פּרנסה קענען שרייבן, לייענען און רעכענען און דאָס אויף דער שפּראַך פונם אַלטעגלעכן לעבן. ניט דורך הערן, נאָר דורך לייענען האָט דער שטאָטישער בירגער באַפרידיקט זיינע קולטורעלע הצטרכותן; און ווען דער דרוק־ווארשטאַט האָט אין אַ גוואַלטיקער מאָס דעמאָקראַטיזירט דאָס בוך, איז גאַנץ באַ־גרייפלעך, וואָס עס האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן אַזאַ אימהדיקער סכום דערציילערישן לייען־שטאָף אין פאָרם פון פאָלקס־ביכער, ווי עס זיינען אויפגעזאַמלט געווען די מענגעס מעשיות, לעגענדעס, אַנעקדאָטן און קאַטאָוועסן, מיט וועלכע די פאַנטאַזיע פונם פאָלק האָט מיט באַזונדע־רער פאַרליבע באַצירט געוויסע העלדן און פערזאָנען. דאָס זעלבע האָט זיך אויך איבערגעחזרט אויף דער יידישער גאַס. דער רייכער דערציילע־רישער שטאָף, וואָס האָט פריער געלעבט אינם מויל פונם פאָלק, ווערט אינם 16טן י"ה פאַרשריבן און דורכן דרוק־ווארשטאַט פאַרשפּרייט צווישן די ברייטע שיכטן פון דעם פאָלק.

מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט[12] און ווילן זיך דערפאַר דערויף לענגער דאָ ניט אָפּשטעלן, ווי אַזוי פיל פון די נאַר־וואָס דערמאָנטע דייטשע פאָלקס־ביכער זיינען באַלד מיט העברעישע אותיות, כמעט אָן וועלכע ענדערונגען, פאַר דעם יידישן לייענער־עולם איבערגעדרוקט גע־וואָרן. אַזעלכע אויסגאַבעס קאָנען האָבן בלויז אַ קולטור־היסטאָרישן, אָבער קיין שום ליטעראַרישן אינטערעס, ווייל זיי געהערן פאַקטיש ניט צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור און סטיל.

די עלטסטע אין יידיש אויפגעהיטע מעשיות שטאַמען פונם אָנהייב 16טן י"ה. די ליטעראַטור־פאָרשער מ. ווייַנרייך[13] און מ. עריק[14] האָבן

11 זע אויבן, קאַפּיטל צוויי, ז' 35.

12 זע אויבן, ז' 62

13 „בילדער", 1928, 143–144.

14 „געשיכטע", 243—344.

באַשריבן אַ קעמבּרידזשער כּתב־יד פון אָנהייב 16טן י״ה, ווו עס זײַנען פאַרשריבן דרײַ ייִדישע מעשׂיות. יעדע מעשׂה שטאַמט פון אַן אַנדער שטאָט: מעשׂה מִבַנצק, מעשׂה ממענץ (אויס מאַינץ), און מעשׂה מוורמש. אין דער ערשטער ווערט דערציילט וועגן אַ ייִדישער פרוי, אַ שײנע נייטערין אין דאַנציג, וואָס ווערט צעשיידט מיט איר מאַן. יענער איז אַוועק אין אַ ווײַטער מדינה. זי קומט אָן אין דעם זעלביקן לאַנד, פאַרשטעלט אין מאַנסבּילשע קליידער. דעם קיניגס טאָכטער ווערט קראַנק אויס ליבּע צו איר. עס ווערט געשלאָסן צווישן זיי בּיידן אַ שידוך; דער ווײַל געפינט די שײנע נייטערין איר מאַן און אַנשטאָט איר קומט איר מאַן אין דער חופּה־נאַכט צו דער כּלה. אויף מאָרגן אַנטלויפט די נייטאָרין מיט איר מאַן אויף אַ גאַלייע (אַ שיף) בּאַלאָדן מיטן קיניגס אוצר און זיי לעבּן גליקלעך. די צווייטע מעשׂה דערציילט וועגן צוויי בּרידער פון צוויי פאַרשיידענע מאַמעס, ווי זיי פאָרן אַרויס אויף דער וועלט, בּכדי אויסגעפּרוווט צו ווערן, ווער דאַרף חתונה האָבּן פאַר דער שענסטער בּתולה פון מאַינץ. איין בּרודער באַשווינדלט, בּאַרויבּט און מאַכט בּלינד דעם צווייטן. דאָך בּאַקומט יענער על־פּי נס צוריק די ראיה, ווערט רײַך און קומט צוריק אַלס שר פון מאַינץ. קיינער ווייס ניט, אַז ער איז אַ ייִד. אין דעם טאָג פון דער חופּה פאַרטרײַבּט ער זײַן מערדערישן בּרודער און האָט חתונה מיט דער שײנער כּלה. צומאַינטערעסאַנטסטן איז די דריטע מעשׂה וועגן דעם וואָרמסער רבּס אַ זון. איינמאָל, ל״ג בּעומר, שפּילן די בּחורים אין אַ בּאַהעלטעניש־שפּיל; דעם רבּס זון, וואָס בּאַטווי־ליקט זיך אין דער דאָזיקער שפּיל, זוכט זײַן חבר אין אַ הוילן בּוים, דערזעט אַ האַנט אויסגעשטרעקט אויס דער בּאַהעלטעניש, מיינט דאָס איז זײַן חבר, און איז די האַנט מקדש אין שפּאַס מיט אַ פינגערל. ס׳איז אָבּער געווען אַ שדיכע, וואָס איז געווען אין בּוים בּאַהאַלטן און האָט דאָס פינגערל צוגענומען. קומט זי דערנאָך אין זײַן חופּה־נאַכט און דערהרגעט זײַן ווײַבּ. אויף דעם זעלבּן אופן קומט אויך אום זײַן צווייטע ווײַבּ; בּלויז די דריטע כּלה זײַנע, אַן אָרעם מיידל, האָט זיך אָפּגעבּעטן פון דער שדיכע און איז געבּליבּן לעבּן בּתנאי, אַז איר מאַן זאָל יעדן טאָג איין שעה פאַרבּרענגען מיט דער שדיכע. איינמאָל געפינט דאָס ווײַבּ אין דער בּאַשטימטער שעה איר מאַן מיט דער שדיכע פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. דאָס ווײַבּ, די צנועה, לייגט צערטלעך די לאַנגע האָר פון דער שדיכע אויף אַ בּענקל. די שדיכע כאַפּט זיך אויף מיט גרויס כּעס, איז אָבּער גערירט פון דער פרויס העפלעכקייט. גיט זי אָפּ דאָס פינגערל און פאַרשווינדט.

די לעצטע מעשׂה איז געווען זייער בּאַליבּט אויף דער ייִדישער

נאָס. מיר באַגעגענען זי דערנאָך אין דער זאַמלונג „מעשה נסים“, ווו די שריבע ווערט מגולגל אין דער מלכּת־שבא; און אויך דער פאַרמרה־שחורהטער בעל „קב הישר“, צבי־הירש קוידאַנאָווער, ברענגט זי אין זיין מוסר־ספר אַלס אמתע געשיכטע, וואָס האָט פּאַסירט אין פּויזן [15].

עס איז לייכט איינצוזען, אַז די אַלע מעשיות טראָגן ניט קיין בולטן יידישן קאָלאָריט. די מאָטיוון זיינען העכסט־וואַרשיינלעך גענומען פון דער אַרומיקער סביבה, און איבערגעאַרבעט אויפן יידישן שטייגער. אַזעלכע מעשיות האָבן אַ גאַנץ באַשטימטן צוועק: אונטערהאַלטן און פאַרוויילן. אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער טראָגט די „ווונדערלעכע מעשה“ וועגן ר' מאיר דעם חזן [16].

די דאָזיקע „ווונדערליכע מעשה“ שטיצט זיך אויף אַ היסטאָרישער דאַטע: „עס איז געוועזן אין דעם יאָר דאָס מאַן האַט געשריבן קכ"א לפרט (1361)“, אַזוי הייבט זיך אָן די מעשה. אויך דער העלד פון דער דערציילונג איז אַ היסטאָרישע פּערזענלעכקייט — דער באַרימטער ר' מאיר בן יצחק שיף, דער פאַרפאַסער פונם פּאָפּולערן תרגום־ליד „אקדמות“; נאָר געלעבט האָט ער מיט דריי הונדערט יאָר פריער, איין דור פאַר רש"ין, און איז געשטאָרבן אין 1096. ר' מאיר שליח־ציבור האָט זיך שטאַרק קונה־שם געווען מיט זיינע פּיוטים און סליחות [17], אויך האָט ער פּירושים געשריבן, וואָס רש"י גופא ציטירט זיי אָפט מיט גרויס כּבוד [18], און פאַרפאַסט אַ מנהגים־בוך, וואָס ווערט אָפט דערמאָנט פונם מהרי"ל און פון אַנדערע חשובע רבנים [19]. זיינע פיל פּיוטים און סליחות, און אויך דער אָרט און שטייגער, ווי ר' מאיר פלעגט אַלס חזן פאַרלייענען פאַרן עולם זיינע אייגענע און אויך אַנדערע תּפילות, האָבן

---

15 זע אונזער ווערק, ב' V, ז"ז 191—193.

16 אויפגעהיט אין מאַנוסקריפּט, וואָס שטאַמט ניט שפּעטער ווי פון אָנפאַנג 16טן י"ה. די עלטסטע אויפגעהיטע דרוק־אויסגאַבע איז פון 1694; עס איז אָבער אויסער ספק, אַז עס איז געווען נאָך אַ באַדייטנד עלטערע. דערויף זאָגט עדות דער פּראָגער רב ר' אליה בר בנימין שאַפּיראָ, וואָס האָט געלעבט אין דער ערשטער העלפט פון 18טן י"ה. אין זיין „אליה רבא“ ווייזט ער אָן: „נמצא נדפס בלשון אשכנז ישן נושן מעשה באריכות דעל מה תקנו אקדמות וסיים, שכיון המעשה היה במדבר לכן תקנו לומר אחר במדבר סיני זכר לנס“ (זע לאַנדסהוט, „עמודי העבודה“, 165). ביידע טעקסטן צוזאַמען, מיט אַ קריטיש־היסטאָרישן אַריינפיר, האָט איבערגעדרוקט י. ריווקינד אין די „פילאָלאָגישע שריפטן“, III. עס איז אָבער שווער מספּים צו זיין מיט ריווקינדן, וועלכער פּרווט זוכן אַ היסטאָרישן קערן אין דער דאָזיקער לעגענדע.

17 וועגן ר' מאיר בן יצחקס שאַפן זע: צונץ, „ליטעראַטור־געשיכטע“, 146—151, 248—250; „סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע“, 187—188; לאַנדסהוט, „עמודי העבודה“, 162—167.

18 אַ. גייגער, „נטעי נעמנים“, 8.

19 לאַנדסהוט, צ. וו 162, און אַ. עפּשטיין אין „קויפמאַן־דענק־בוך“ 291.

אים געמאַכט שטאַרק פּאָפּולער אין מאַינצער און וואָרמסער קהילות, ווו ער האָט רוב ימיו פאַרבראַכט. אַרום זיין נאָמען האָט די פאָלקס-פאַנטאַזיע אַ גאַנצן קראַנץ פון לעגענדעס געפלאָכטן, און אויף אַזאַ אופן איז ער אין די שפּעטערדיקע דורות געוואָרן דער העלד פון דער וואַנדערבאַרער „געשיכטנים", וועגן דעם בייזן „מינך", דעם צורר ישראל און מכשף, און דעם רויטן יידל פון יענער זייט סמבטיון.

דער סיפּור־המעשה איז פאָלגנדיקער: אין די צייטן פון דעם מלך מאַרטין די לאַנץ „וואַר נון גימערט צויבעריי אין די וועלט". אייניקע פון די צויבערער „מאַכטן זיך צו מענכין (מאָנאַכן) מיט לאַנגע קוטן"[20]. אָט די דאָזיקע מאָנאַכן־מכשפים „מאַכטן פאַר זיך זעלבערט שלעסיר אונ' קלויסטר אונ' זאַסען דארינן". „דא רענעגירטן[21] זי יענש מאָל די וועלט, דאָס מַן ניט קאָנט וויסן ווער זי וואַרען; זי מאַכטן[23] צו זיך ברענגען אַלע שֶינסטע ווייבר אונ' מֵיידן די זי וואוסטן". דער גרעסטער מכשף צווישן זיי איז געווען אַ „שוואַרצער מענך", אַ גיפטיקער שונא־ישראל. יעדן יידן, וואָס ער פלעגט באַגעגענען, האָט ער גלייך פאַרכּישופט מיט אַ פּשוטער האַנט־באַרירונג, און יענער, ווי נאָר ער קומט אַהיים, פאַלט ער אַנידער און שטאַרבט. אויף אַזאַ אופן האָט דער „שוואַרצער מענך" דורך כּישוף אומגעבראַכט איבער דרייסיק טויזנט יידן. האָבן די פאָרשטייער פון די יידישע קהילות געשיקט אַ דעפּוטאַציע צום קיסר, אַז ער זאָל זיי באַשיצן פאַר דעם צורר היהודים. דער קיסר לאָזט צו זיך פאַרבעטן דעם שוואַרצן מאָנאַך און נאָך לאַנגע טענות דערקלערט דער מאָנאַך, אַז ער גיט די יידן אַ יאָר צייט, און אין דעם משך מוזן זיי צושטעלן אַזאַ יידן, וואָס זאָל זיין געניטער פון אים אויפן געביט פון קונצן און צויבעריי. פילן די יידן אויס דעם דאָזיקן תּנאַי — גיט ער אַ תּקיעת־כּף, אַז ער וועט זיי מער קיין שלעכטס ניט טאָן, וויבאַלד אָבער ניט — וועט ער זיי אַלע אויסהרגענען, זאָל ער דערביי אַפילו אַליין געטויט ווערן. האָבן די יידן קיין ברירה ניט געהאַט און געמוזט דערויף איינגיין. קודם־כּל האָבן יידן זיך גענומען צו זייער אויסגעפּרוווטן כּלי־זיין: גוזר תּענית זיין און טאָן תּשובה, תּפילה וצדקה. דערנאָך האָט מען צעשיקט בריוו בכל תּפוצות ישראל און זיך נאָכגעפרעגט נאָך אַזאַ בעל־מופת, וואָס זאָל קענען מיט דער הילף פון „שמות" דעם שרעקלעכן מכשף בייקומען. אַזאַ בעל־מופת האָט זיך אָבער ניט באַוויזן. טרעפט זיך אָבער.

20 קוטן — תּלבשת פון קאַטוילישע גייסטלעכע.

21 רענעגירטן — זיי האָבן רעגירט.

22 זיי זיינען געווען אימשטאַנד.

אז איינער א תלמיד־חכם פון יענער צייט איז „איבער זיינעם לערנען אנטשלאָפן געוואָרען״, און אין חלום האָט ער געזען, אז דעם גייטישן מאַן וועט מען ניט געפינען „ניט אין דיזעם לאַנד, און אויך ניט אין ארץ־ישראל, דען נייערט איר מוזט ציען איבער דעם באַך (טייך) סמבטיון״. דאָרטן וווינען די פארטריבענע עשרת השבטים, „די זיין בעלי שמות, די ווערן איך קומן צו הילף, ווערט די גזירה איין ענד האבן. זי זיין גע־הייסן בני מושיעים, אז דער פסוק זאָגט: ועלו מושיעים בהר ציון, דאָס מיינט: זי ווערן קומן די רויט־יידן און ווערן העלפן אונז אין ציון״. האָט מען געשיקט נאָך די בעלי־עצות, זיי זאָלן באַשליסן, וועמען מען זאָל שיקן צו די בני מושיעים. „אזוי וואָרן זי אַלע מסכים אויף רבי מאיר, דער וואָר איין גרויסער לערנער אונ׳ איין פרומער מאַן, אונ׳ ער האָט שטעץ געדינט קהל לטובה. אונ׳ זי גאָבן אים מיט צערונג (עסנ־וואָרג) גענוג אונ׳ דריי פרומע רבנים די מיט אים ציען״.

נאָך לאַנגע מאַטערנישן האָבן זיי זיך דערלאַנגט צום טייך סמבטיון גענוי מיט אכט טאָג פאַר דעם יאָר-טערמין, וואָס דער שוואַרצער מאַנאַך האָט באַשטימט. איז דאָס אָבער געווען דינסטאָג, האָט מען געמוזט וואַרטן ביז שבת, ווען דער טייך סמבטיון רוט און וואַרפט ניט מיט שטיינער. שבת זאָגט ר׳ מאיר צו זיינע באַגלייטער, זיי זאָלן אויפן אָרט בלייבן, „וואָרום זאָלען מיר אַלע מחלל שבת זיין״; נאָר ער איינער זעצט זיך אויפן שיף און לאָזט זיך פאָרן איבערן סמבטיון צו די רויטע יידעלעך. ווי ער קומט אהין, וואַרפט מען אים גלייך אריין אין תפיסה, ווייל ער „מחלל שבת האָט געוועזן״. ווייזט ער אָבער דעם בריוו, וואָס קהל האָט מיט אים געשיקט, ווערן זיי געוואָר פון דער גזירה, באַפרייען זיי גלייך ר׳ מאירן אוים דער תפיסה, און וואַרפן צווישן זיך גורל ווער פון זיי זאָל מחלל שבת זיין, און לאָזן זיך מיטן שיף, בכדי ארויסהעלפן אן עדה יידן פון א גרויסער צרה. איז דער גורל געפאַלן אויף א קליין הינקענדיק רויט יידל מיטן נאָמען דן. ר׳ מאירן האָבן די רויטע יידעלעך דערקלערט, אז ער מוז מיט זיי בלייבן בכדי ער זאָל ניט דאַרפן דאָס צווייטע מאָל מחלל שבת זיין און דאָס נאָך במיזד. איז ר׳ מאיר אויף שטענדיק פאַר־בליבן ביי די רויטע יידן אויף יענער זייט סמבטיון. דאָס הינקענדיקע רויטע יידל האָט זיך גלייך געזעצט אויפן שיף, פאָרט איבערן סמבטיון און טרעפט דאָרט זיצן די דריי רבנים. מיט דער הילף פון השבעות געלינגט דעם הינקענדיקן דן דורך קפיצת הדרך זיך דערלאַנגען מיט זיינע באַגלייטער אין משך פון צוויי טעג קיין וואָרמס, פונקט צום באַשטימטן טערמין. אז די עדה האָט דערזען דאָס קליינע הינקענדיקע מענטשעלע פון יענער זייט סמבטיון, זיינען זיי געוועזן אויסער זיך פאַר שרעק, ווייל זיי האָבן

נים געקענט גלויבן, אַז אַזא שוואַך באַשעפעניש זאָל זיין בכוח בייצוקו־מען דעם שרעקלעכן מכשף, דעם שווארצן מאַנאַך. דאָ קומט דער דראַמאַ־טישסטער טייל פון דער גאַנצער „געשיכטנים": אין אַנוועזנהייט פונם קיסר און פון אַ גוואַלטיק גרויסן עולם („די יידן שטונדן אונטן הערום אַן דעם פּלאַן, אונ' די אַנדרע פעלקר אויבן"), קומט פאָר דער געראַנגל צווישן דעם מאַנאַך און דעם רויטן יידל. דעם מאַנאַך העלפן מיט אין געראַנגל כּלערליי שדים און בייזע גייסטער, דאָס רויטע יידל מאַכט אָבער מיט דער הילף פון „שמות" צו נישט אַלע קונצן און צויבעריי פונם מאַנאַך. דער מאַנאַך קומט אום, די קהילה ווערט געהאָלפן, און די פרייד איז אין לשער. דער טאָג פון ישועה איז געווען ערב שבועות. דערציילט דאָס רויטע יידל דן דער קהילה, אַז בעת ער האָט זיך אין יענעם שבת צום שיף געלאָזט, האָט אים ר' מאיר באַגלייט, און אויפן וועג אים פאַר־געזונגען אַ זמר, וואָס ער האָט אָקאָרשט פאַרפאַסט, און אים געבעטן ער זאָל דעם דאָזיקן זמר, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „אקדמות מלין", פּאַרזאָגן פאַר דער קהילה, און ר' מאירס ווונטש איז, די קהילה זאָל יעדן שבועות ביים דאַוונען דעם זמר „פון וועגן זיינעם נאָמען זאָגען", ווייל דער זמר איז מיט זיין נאָמען געחתמעט (רבי מאיר בר רבי יצחק גדול בתורה ובמעשים טובים אמן חזק ואמץ). די מעשה פאַר־ענדיקט זיך מיט צוויי חתונות. דאָס רויטע יידל איז שוין פאַרבליבן אין דער קהילה, ווייל ער האָט דאָך אוים מורא פאַר חילול־שבת נים געקאָנט אין זיין היים צוריקקערן; האָט ער חתונה געהאַט מיט ר' מאירס טאָכטער. און ר' מאיר, וואָס איז ביי די רויטע יידעלעך פאַרבליבן, האָט גענומען פאַר אַ ווייב דעם דערוואַקסענע טאָכטער.

די דאָזיקע „וואונדערבאַרע געשיכטנים" איז אַ טיפּישע מיטלעל־טערלעכע פאָלקס־מעשה, וואָס פלעגן אין די הונדערטער איבערגיין פון מויל צו מויל, און ווען ס'איז אדאנק דעם דרוק־וואָרשטאַט דאָס פאָלקס־בוך געשאַפן געוואָרן, האָט מען די מעשה אויפגעשריבן און אין דרוק געבראַכט. אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער טראָגט אַ צווייטע מעשה (ריכטי־קער — אַ נאָוועלע), וואָס איז אויך אויפגעהיט געוואָרן אין אַ מאַנוס־קריפּט פונם 16טן י"ה. דאָס איז „מעשה בריעה וזמרה", אַ מעשה וועגן אַ ליבע, וואָס איז שטאַרקער פונם טויט, און הקב"ה בכבודו ובעצמו באַגריסט זי מיט זיין ברכה...

עס איז געווים אַ גרויסער פאַרדינסט פון מ. עריקן, וואָס האָט דער ערשטער קריטיש אויסגעפאָרשט ביידע נוסחאות פון דער דאָזיקער אויס־טערליש שיינער נאָוועלע און אויפסניי איבערגעדרוקט דעם עלטער־

אויפגעהיטן טעקסט[23]. דער דאָזיקער עלטערער טעקסט איז אויפגעהיט אין אַ מינכענער כּתב־יד (נומ' 100), אויפגעשריבן צוזאַמען מיט אייניקע אַנדערע זאַכן פון יצחק רויטלינגען אין 1580. עס איז אָבער קיין ספק ניט, אַז רויטלינגען האָט בלויז אָפּגעשריבן פון אַן עלטערער, וואָרשיינ־לעך געדרוקטער, אויסגאַבע. אַז יצחק רויטלינגען איז ניט דער מחבר פון דער נאָוועלע, זעט מען שוין אַרויס אויס דעם אָנהייב פון דער דער־ציילונג, ווי עס קומט פאָר אַ גאַנצער פּלאָנטער מיט נעמען. עס ווערט דאָרט דערציילט: „איינער היש הורקניש". עס איז אָבער אויס דעם ווייטערדיקן טעקסט שווער צו דערגיין, ווער איז געווען דער דאָזיקער הורקניש, און וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער בכלל צו דער גאַנצער דער־ציילונג. ערשט אויס דער ווענעציאַנער אויסגאַבע (1597) ווערט מען געוואָר, אַז הורקניש איז געווען זימרהס זיידע. אויך ווערט אין רויטלינ־גענס מאַנוסקריפּט אָנגעוויזן, אַז זימרה איז געווען טובֿתעס זון, און גלייך דערנאָך ווערט דערציילט, ווי דער קיניג זאָגט „צו זייני צוויין זונין טובת און זימרה". עס איז קלאָר, אַז יצחק רויטלינגען האָט אָפּגעשריבן פון אַן עלטערן טעקסט, ווו דאָס ערשטע בלאַט איז געווען דעפעקט, מיט בלויזן אין אייניקע ערטער. ווייטער, אינמיטן פון דער מעשה, נאָכדעם ווי די העלדין פון דער נאָוועלע קומט אַריין אין דעם ליכטיקן גן־עדן, גייט גלייך אומדערוואַרט פאָלגנדיקע באַמערקונג מיט שטריכעלעך אויף יעדן וואָרט: „וו"ערש נ"יט גלב ד"ער אין א"ויך א"יין י"וד". עס איז קלאָר, אַז די דאָזיקע סקעפּטישע באַמערקונג געהערט דעם אָפּשרייבער, יצחק רויט־לינגען, ניט דעם פאַרפאַסער. צום סוף, נאָכן שלום פון דער דערציילונג, גייט ווידער אַ צוזאַץ פונם אָפּשרייבער, וואָס הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „נון איר ליבע לייט, האט איר וואל אין דעם ביכליין געלעזן". משמעות, אַז דער אָפּשרייבער האָט געהאַט פאַר זיך אַ גע־דרוקט פאָלקס־ביכל.

דער אינהאַלט פון דער נאָוועלע איז פאָלגנדיקער: דער יונגער זימרה, זון פון טובֿת, איז זייער באַליבט ביי דעם יידישן מלך אין ירושלים, און פאַרנעמט ביי זיין הויף אַ זייער בכּבֿודיקע שטעלע. זימרה און זיין פאָטער ווערן איינמאָל איינגעלאַדן צוזאַמען מיטן מלך אויף אַ סעודה צום כּהן גדול פּייגין[24]. דאָ דערזעט זימרה פּייגינס טאָכטער

---

[23] זע מ. ערי, אין לאַנדוי־בוך, 153—162; .ib, וועגן אַלט־יידישן ראָמאַן, 147—172; .ib, „געשיכטע", 347—353.

[24] אין דער ווענעציאַנער אויסגאַבע טראָגט דער כּהן גדול אַ ביבלישן נאָמען: עתליה

בריעה, וואָס „איר שיינהייט איז ניט צו שרייבן, דרום מוש איכש לושן בלייבן". דאָס יונגע פּאָר באַקומען זיך ביידע שטאַרק ליב און זאָגן זיך צו טריי זיין איינער דעם אַנדערן. זימרה דערציילט זיין פאָטער וועגן זיין שטאַרקע ליבע צום כהן גדולס טאָכטער, שיקט טובת פיר פּרנסים צום כהן־גדול בעטן, ער זאָל מסכים זיין אויף דעם שידוך. ווי אין דעם ראָמאַן „פּאַריז און וויענע", אַזוי טרעט אויך דאָ אַרויס אַלס שטערונג דער יחוס־מאָטיוו. דער כהן גדול איז אַ גרויסער גדלן, בלאָזט שטאַרק פון זיך, און דערקלערט די פּרנסים, אַז עס שטייט אים ניט אָן דער שידוך מיט זימרהן, טובתעס זון. עס מישט זיך אריין דער מלך, וואָס האָט זייער ליב זימרהן; צוויי מאָל לאָזט ער צו זיך רופן דעם כהן גדול און לייגט אים פאָר זימרהן זיין טאָכטער בריעהן פאַר אַ חתן. דער שטאָלצער כהן גדול האַלט זיך אָבער ביי זיינעם. „ליבער הער קעניג — דערקלערט ער — וועלט איר מיר'ס ראָטן דאָס איך מיך זאָלט צו איינעם נידערן געשלעכט געבן דען איך בין? אַלע יידן ווערן מיינער שפּעטען". ער וועט גיכער זיין טאָכטער דערטרינקען, איידער זי חתונה מאַכן מיט אַ נידעריקן פון זיך. דערוויייל זעט זיך דאָס פאַרליבטע פּאָר גאַנץ אָפט טאָקע אינם הויז פונם כהן־גדול, בעת אַלע גייען אוועק דאַווענען אין שול, און זיי „קושן זיך דאָביי טויזענד מאָל". „אחר הדברים האלה", מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דער איפּיפיור (פּויפּסט) פון רוים, וואָס איז געוועזן אַ גרויסער רשע, איז גוזר, אַז יידישע פרויען זאָלן ניט טאָרן גיין צו דער טבילה, און יידן זאָל זיין פאַרבאָטן זייערע קינדער יידישן. דערצו לאָזט נאָך דער פּויפּסט, דער רשע, צו זיך ניט אריין קיין שום יידישן שתדלן, און די טויער־היטער האָבן אַ באַפעל ממיתן יעדן יידן, וואָס וועט וועלן די שוועל איבערטרעטן. דאָ געפינט דער כהן־גדול די פּאַסיקע געלעגנהייט פּטור צו ווערן פון זימרהן. ער לייגט אים פאָר גיין אַלס שתדלן צום פּויפּסט און אויב ער וועט פּועלן ביים פּויפּסט מבטל זיין די שווערע גזירה, זאָגט ער זימרהן צו אַלס לוין זיין טאָכטער בריעה. דער כהן־גדול איז זיכער, אַז זימרה וועט קיין לעבעדיקער ניט אַרויס פון זיין שליחות. זימרה גילט אָבער ניט אומזיסט אַלס גרויסער חכם. אים געלינגט אריינצודרינגען צום פּויפּסט און אים צו איבערצייגן, אַז אויס דער גזירה וועט אַרויסקומען די גרעסטע רעה ניט פאַר די יידן, נאָר פאַר די קריסטן. דער פּויפּסט באַוואונדערט זימרהס חכמה, איז גלייך מבטל די גזירה, באַשענקט זימרהן מיט אַ סך מתנות, און יענער קומט אַהיים מיט גרויס טריומף. דער עקשן, דער כהן־גדול, ברעכט אָבער זיין וואָרט און וויל אויך איצט ניט געבן זימרהן זיין טאָכטער. טרויעריק איז די באַגעגעניש פון די פאַרליבטע. מיט געוויין האַלדזן זיי איינער דעם

אנדערן, „אונ' ער קוסט זי, אונ' זי קוסט אין, עס וואר איין זאלכעס געקושט (קושעריי), ותען זי נים שיין וואר געוועזן, זא איצונדר שיין געווארדען". באלד נאכדעם איז בריעה פון עגמת־נפש געשטארבן. דא נעמט אן מיטאמאל די ביז איצט רעאליסטישע פאבולע פון דער ראמאנטישער נאוועלע פאנטאסטישע פארבן. נאך בריעהס טויט פארפירט דעם פאראומערטן זימרהן א געהיימעגישפול פערד אויף יענער וועלט. מיט דער הילף פון תפילה גייט ער דורך דאס „שער מעסער", דערנאך וואנדערט ער דורך א הויז, וואס איז פול מיט לויטער מתים, און צום סוף דערזעט ער זיין „שיינע ליבליכע בריעה" אונטער די טרעפ זיצן. דאס איז א מין כף־הקלע, אלס שטראף דערפאר, וואס זי האט זיך מיט אים אזוי פיל מאל געקושט. „ליבער זימרה, דערקלערט זי איר געליבטן, איך האב קיין זינד געטון אויף ערדן, דען דאס איך דיר דערלויבט דאס דו מיך קיסען זאלסט". זי ווארנט אים, אז ער זאל זי נים אנרירן, אניט וועט ער מוזן שטארבן אויפן דריטן טאג. די ליבע איז אבער שטארקער פארן טויט. „איך וויל דיך קושן, זא שטירב איך און בלייב ביי דיר היא (דא)". ער קושט בריעהן, און טוט תפילה בריעה זאל גיט דארפן מער אין כף־הקלע זיצן, און זי גייט גלייך אריבער אין גן־עדן. ביים שיידן זיך דערקלערט בריעה זימרהן: „גע הין ווידער היים, און זאג עס דיינעם פאטער און מיינעם פאטער: עס זיי אים ליב אדער לייד, זא וועלסט דו מיך יא האבן. ער וואלט מיך דיר ניט געבן ביי מיינעם לעבן, זא מוז ער ליידן דאס דו מיך האסט אין יענער וועלט, אן זילבר אונד געלט". דא באווייזט זיך אליהו הנביא, ער נעמט אן זימרהן ביי דער האנט, טרייסט אים: „דו האסט קיין זינד געטון", און פירט אים ארויס פון יענער וועלט. אויפן דריטן טאג שטארבט זימרה. די מלאכים מיכאל און גבריאל טראגן אוועק דעם טויטן זימרהן אין גן־עדן, „דען ער האט נאך ני קיין זינד געטון". און דארט אין גן־עדן ווערט געפראוועט מיט גרויס פאראד זיין חתונה מיט „זיינער ליבסטן בריעה". „הקב"ה מאכט די ברכה, אונ' די מלאכים ווערען די לצנים, משה אונ' אהרן פורטן דען חתן אונ' כלה אונטר די חופה. דערנאך אס מאן, אונ' טראנק אונ' טאנץ, אונ' שלמה המלך בענשט די שבע ברכות. עס וואר איין זאלכע קעסטליכע ברייליפט (חתונה) די ני איז אין קיינער קהלה געוועזן".

מיט רעכט האבן שוין אייניקע פארשער אנגעוויזן, אז אין דער דאזיקער נאוועלע פילט זיך שטארק די השפעה פון דער אייראפעישער ראמאנען־ און פאלקסבוך־ליטעראטור. וועגן דעם זאגט אפילו עדות דער מאדנער נאמען פונם כהן־גדול אין דער עלטערער ווערסיע (פייגין), וואס שיינט געווים צו זיין דער פארגרייזטער ראמאנישער נאמען וואגנען. פיל

פרטים אויס דעם צווייטן, פאנטאסטישן טייל, פון דער דערציילונג, דאס געהיימנישפולע פערד, די שארפע שער־מעסער אאז"ו, שטאמען בלי־ספק אויס דעם דייטשן ראמאנען־ און לעגענדעס־קרייז. דער מאטיוו, ווי דער געליב־טער געפינט זיין הארציקע געליבטע ביי די טויערן פון גיהנום, און ער באַ־פרייט זי פון דארט — דערמאנט די באקאנטע גריכישע אגדה וועגן דעם פון גאט געבענטשטן קינסטלער ארפעוס.

דער הויפט־מאטיוו, דער דראמאטישער באוועגונגס־נערוו פון דער גאנצער נאוועלע — די שטארקע ליבע, וואס איז גובר אפילו דעם לעבנס־דורשט און מאכט צו נישט די ווילדסטע עקשנות מיטן יחוס־גדלות צו־זאמען — דאס אלץ איז געוויס גענומען פון דער פרעמדער ריטערלעכער סביבה. דער פון דער פרעמד גענומענער שטאף באקומט אבער א יידישן לבוש, ווערט צוזאמענגעשפונען מיט נאציאנאל־יידישע מאטיוון, גענומען אויס דעם רייכן אוצר פון יידישע פאלקס־מעשיות. צום ביישפיל, דער מאטיוו וועגן דעם פויפסט מיט זיינע שווערע גזירות קעגן יידן חזרט זיך איבער אין די יידישע פאלקס־מעשיות אין פארשיידענע װאריאנטן. און אויס דעם פארשיידנארטיקן שטאף איז דעם אומבאקאנטן יידישן פארפא־סער געלונגען צו שאפן אן אמת קונסט־ווערק. ווי קונציק און צניעותדיק עס פארשטייט דער פארפאסער דורכצופירן זיין ניט גאנץ כשרן אין דער מיטלעלטערלעכער סביבה הויפט־מאטיוו — באזינגען די ליבע, וואס איז שטארקער פונם טויט! בריעה שטארבט טאקע נאכן קושן זיך מיט זימרהן, זי זאגט אבער אליין פארויס, אז זי ווייס, זי וועט באלד מוזן שטארבן „פאר ליידן" — אויס צער, וואס דער פאטער צעשיידט זי מיט זימרהן. דער פארפאסער װארנט מיט א פרומער מינע „דרום זאל קיינער איינעם קושן". נאר די דאזיקע התראה שוואכט ער אליין אפ מיטן צוגאב: „ווען איינער פון איינעם וועק גייט". בריעה געפינט זיך טאקע אין כף־הקלע דערפאר, וואס זי האט דערלויבט זימרהן ער זאל זי קושן, נאר אליהו הנביא אליין פארזיכערט דאך זימרהן „דו האסט קיין זינד געטוען". זימרה פארבינדט זיך דורך דעם מיט בריעהן, וואס ער טוט זי קושן, און די מלאכים מיכאל און גבריאל ברענגען זימרהן גלייך אין גן־עדן „צו זיינער ליבסטן בריעה" טאקע דערפאר, וואס „ער האט נאך ני קיין זינד געטון". און ווי הארמאניש עס פארענדיקט זיך די ליבע־עפאפעע מיט דער אויסטערלישער „ברייליפט"־באשרייבונג „די ני איז אין קיינער קהלה געוועזן"! און דאס כאראקטעריסטישע איז דערביי, וואס דווקא די דאזיקע „ברייליפט"־באשרייבונג, וואס טראגט אזא טיפיש נאציאנאל־יידישן לבוש, איז פון דער פרעמד גענומען, און געפינט זיך בלי־ספק אונטער דער השפעה פון דער שלום־סצענע אין דער שווין אין טיפן מיטל־

עלטער זייער באַליבטער נאָוועלע „קופּידאָן און פּסיכעע״, וואָס איז אויפֿגעהיט אין דעם „גאָלדענעם אייזל״ פֿון אַפּאָלעאָס[25]. דאָרט איז די פֿיינדלעכע קראַפֿט, וואָס צעשיידט די געליבטע — דאָס קנאה־געפֿיל מצד פּסיכעעס שוועסטער און קופּידאָנס מוטער — די ווענוס; די ליבע איז אָבער אַלץ גובר, פּסיכעע ווערט אויפֿן הימל געגומען און עס ווערט געפּראַוועט אַ פֿריילעכע חתונה: דער גאָט וווּלקאַן איז דער סאַרווער געווען, די אָרען האָבן אַלץ באַשאָטן מיט רויטע רויזן און אַנדערע בלומען, די גראַציעס האָבן מיט בשמים און ווייִרויכן באַשפּריצט און באַגאָסן, דער אַפּאָלאָ האָט געזונגען מיט דער האַרפֿע אין דער האַנט, די שיינע ווענוס האָט געטאַנצט צום טאַקט פֿון דער זיסער מוזיק, אַלע האָבן אַנאַנדער אַקאָמפּאַנירט. די מוזעס האָבן אויף די פֿלייטן געשפּילט, און די פֿאַנען און סאַטירן אויף שאַלמייען און אַנדערע כּלי־זמר. אָט אַזוי האָט מען עס מיט גרויס שטאַט פּסיכעען איבערגעגעבן אין קופּידאָנס הענט[26].

אָט דאָס צונויפֿפֿלעכטן פֿון פֿרעמדע מאָטיוון מיט נאַציאָנאַל־אייגענע, דאָס קונציקע באַאַרבעטן פֿון פֿרעמדן שטאָף אויף ריין יידישן נוסח, באַגעגענען מיר גאַנץ אָפֿט אין דעם ווינטיקסטן אוצר פֿון יידישע פֿאָלקס־מעשיות און נאָוועלן, וואָס איז אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור אויפֿגעהיט געוואָרן — אין דעם „מעשה־בוך״.

די עלטסטע דרוק־אויסגאַבע, וואָס איז צו אונדז דערגאַנגען, און דאָס אויך בלויז אין דריי געציילטע עקזעמפּלאַרן, איז דערשינען אין באַזעל 1602. דער אַרויסגעבער איז געווען דער „ספרים־טרעגער״ יעקב בן אברהם אויס מעזריטש, וואָס האָט פֿאַרעפֿנטלעכט אין באַזעל אייניקע ספרים אין משך פֿון 1598—1603. אויפֿן שער־בלאַט לייענען מיר:

„איין שוין (שיין) מעשה בוך. קומט הער איר ליבן מאַנן אונ׳ ורויאַן, אונ׳ טוט דאש שֵין מעשה בוד אן שויאַן, דאש נאך ניִן (ניע) ווייל דער עולם שטיט אין דרוק איז וואָרדן גיבראַכט, מיט דרייאַ הונדרט אונ׳ עטליכה מעשים דיא דא זיין אַל אויש דיא גמרא גימאַכט, אונ׳ אך אויש דען רבתה אונ׳ בחיי אונ׳ אך רבי יהודא החסיד מעשים וועט אייך אך קיינש טון פֿעלין, אונ׳ אך אויש דען ספר החסידים אונ׳ ספר מוסר אונ׳ אויש דען ילקוט וויא איר וועט הינטון אין מיינן סמנים טון זעהן. דרום איר ליבן ורויאַן, איר האָט נון דיא טייטש ביכר אַל ואר, איצונדר האָט איר אך דיא טייטשי גמרא, אַזוי וועט איר האָבן כּל התורה כולה גאָר״

25 געלעבט אין צווייטן י״ה לויט דער קריסטלעכער צייט־רעכענונג. זיין באַרימט ווערק הייסט אין לאַטיין: Metamorphoseon libri XI (De asino aureo).

26 זע אונזער אַרטיקל אין „יוואָ־בלעטער״, ב׳ III, 332—33.

ניט ווײַנקער טיפּיש איז די פּאָררעדע, וואָס איז אָפּגעדרוקט אויף דער צווייטער זייט פונם שער-בלאַט: „גאָט יתברך שמו אליין דיא איר (ערע), דער מיר האט געהאלפין מיין ביגיר, וועלכש איך מיך האב לַנג ויר (פיר) גינומן, צו דינן דיא ווייבר דיא ורומן (פרומען). איך האב נון ויל (פיל) ספרים אויף גיריכט, נאָך אישט דאך גֶיגן דיזם ווערק אלער ניכט. דען דא ארויש ווערט לייאנֶן, רב אונ' רבצין אונ' אֶידר מאן, טרוץ איינעם דער דא ויל (פיל) גמרא קאן, ווערט ער מדרשים ומעשים והגדות הערוישר ווערפין (שאפן?), דש זיך כל עולם אויף אים ווערט וַארגאפֶּין אונ' אידר מאן זאגן מוש: איך גלויב ער קאן כל התורה אויף אינם פויש (פוס); וויא קאן ער בקיאות אויש דר גמרא, איך גלויב ער קאן כל התורה, ווער האט זיין גלייכנש גיזעהן, צו אלי זאכן זאגט ער איין הלכה למעשה וואש דא אישט גישעהן. צו צייטן וואַרדן זיך מענכיר אן אינם מעשה שטאָשן (שטויסן), זיין בויזי (בייזע) מחשבות אונ' בויזי ווערק אב-לאשן. דען מענכים משל ומעשה טוט מענכן ויל גוטש לֵירן, ער הֶלט מענכין בייא גוט (גאָט) אונ' ביי אֶירן. הדום איר ליבן מאנן אונ' ורויאן, לייאנט איר אופט דארויש, זא ווערט איר דרינן ביהויען אונ' ניט צו לייאן אויש דעם ביכר פון קויאן (קו־בוך), אונ' פון דיטריך פון בערן אונ' מיינשטר הילדאבראנט זולט איר אך אייך ניט טון מַיאן, נון עש זיין ווערליך איטל שטיץ, זיא געבן איך ניט ווארם נוך היטץ, אך זיַיען זיא ניט געטליך דר בייא, איר בדרפט וואָל אז איכ'ש גוט (גאָט) פַר צייא. אונזרי ספרים שרייבן עש איז איין זינט אז איין הויש (הויז) צו לייאן אן דעם הייליגן שבת דַר אויש. וועלט איר איער צייט מיט לייאנען וַר טרייבן, אזו וויל איך אין שֵין מעשה בוך שרייבן; דרום איר ליבן ורויאן קויפט איר זי ביהֶינד (געשווינד), אֶי זיא ווערדן קומן אין פרעמדן לענד, אין פיהם אונ' אין רייסין אונ' אין פוילן. אזו ווערט מַן זיא אך טון ווײַדליך הוילן און אנדרן לענדרן מער; דרום קויפט איר זיא זער. דערנאָך ווערט איר זאגן: ווארום האב איך קיינש גיקויפט דא זיא זיין גוועזן אין לאנד, איצונדר וועלט איך גערן איינש צאלין וען איך קענן ניט נייערט איינש ביקומן בַלד. דרום לאשט אייכש אום איין טאלער ניט זיין צו טייער, אזו ווערט אייך גוט (גאָט) בהיטן וַר בֵיזן און־גיהייאר, אמן סלה".

דער אַלטמייסטער שטיינשניידער האָט נאָך אין 1866 אָנגעוויזן [27], אַז די באַזעלער אויסגאַבע פון 1602 איז ניט די „עדיציאָ פּרינצעפּס" (ערשטע אויפלאַגע) פונם „מעשה־בוך", ניט קוקנדיק דערויף, וואָס אין דעם אויבן־ציטירטן שער־בלאַט ווערט אָנגעוויזן „דאָש נאָך ניין ווייל דער

[27] „סעראַפּעום", 1866, 11—12.

עולם שטים אין דרוק איז ווארדן גיבראכט״, וואָרעם גלייך דערביי לייענען מיר דאָך אין דעם באַטרעפנדיקן שער־בלאַט: „מיט דרייא הונדרט אונ׳ עטליכה מעשים דיא דא זיין אל אויש דיא גמרא גימאכט״, בעת די באַזעלער אויסגאַבע פאַרמאָגט בסך־הכל 257 מעשיות. משמעות, דער אַרויסגעבער פון דער באַזעלער אויסגאַבע, יעקב בן אברהם, האָט נעקירצט די ערשטע אויסגאַבע, ניט אַלע מעשיות איבערגעדרוקט, דעם שער־בלאַט האָט ער אָבער געלאָזט אומגעענדערט און בלויז צום סוף אָנגעמערקט די נעמען פונם אַרויסגעבער און דרוקער[28]. מיט פיל יאָרן שפּעטער האָט שטיינשניידער אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז דאָס „מעשה־בוך״ איז צום ערשטן געווען געדרוקט ניט פריער פון 1550[29]. דאָס איז ניט אינגאַנצן ריכטיק; אין דער געשטאַלט פון דער באַזעלער אויסגאַבע איז דאָס „מעשה־בוך״ געשאַפן געוואָרן ניט פריער פון די אכציקער יאָרן פונם 16טן י״ה, ווייל שוין מאַקס גרינבוים[30] און נאָך אים אויך מ. עריק[31] האָבן דערוויזן, אַז דער לעצטער רעדאַקטאָר פון דעם באַזעלער „מעשה־בוך״ האָט אָן שום ספק באַנוצט יעקב בן יצחק לוצאַטאָס ווערק „כפתור ופרח״[32], וואָס איז דערשינען אין באַזעל אין 1580.

לחלוטין אומבאַגרינדעט איז די מעלדונג פון דעם באַקאַנטן ביבליאָגראַף בן־יעקב, אַז דער פאַרפאַסער פונם „מעשה־בוך״ איז אשר אנשל ב״ר לייזר חזן אויס פוילן, וואָס האָט פאַרבראַכט רוב ימיו אין דייטשלאַנד. די אַנטשטייונגס־געשיכטע פון דעם „מעשה־בוך״ איז דערווייל נאָך ניט אויפגעקלערט; עס איז אָבער קלאָר, אַז עס קאָן דאָ געשטעלט ווערן די פראַגע ניט וועגן אַ פ אַ ר פ אַ ס ע ר, נאָר וועגן אַ רעדאַקטאָר. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, אַז עס זיינען אויס דעם מיטלעלטער אויפגעהיט געוואָרן אין העברעיִש ספּעציעלע זאַמלביכער פון מעשיות און לעגענדעס; אויך אין אַזעלכע ווערק, ווי „ספר חסידים״, „ספר שעשועים״ א״אַ, זיינען אויפגעזאַמלט פאָלקס־מעשיות אין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער צאָל, און זייער פיל פון די דאָזיקע מעשיות געפינען מיר אויך אין דעם „מעשה־בוך״. עס זיינען צו אונז דערגאַנגען אויך יידישע כתב־ידן אויס דעם 16טן י״ה, ווו עס איז פאַרשריבן אַ געוויסער סכום

---

28 „במצות יעקב בר אברהם ז״ל סק״ק מעזריטש דליטא, פה בזליאה בשנת שס״ב לפ״ק, ע״י האדון קונראד וואלדקירך״.

29 „Jew. Quart. Rev.“, 1904, 761.

30 „יידיש־דייטשע כרעסטאָמאַטיע“, 449—453.

31 „ליטעראַרישע בלעטער“, 1927, נומ׳ 22, 412; „געשיכטע“, 360—61.

32 זע אונזער ווערק, באַנד IV, ז׳ 165.

פאלקס־מעשיות, וואס מיר באגעגענען אויך אין „מעשה־בוך"; צום ביישפיל, דער שוין פריער דערמאנטער מינכענער כתב־יד נומ׳ 100, אין וועלכן יצחק רויטלינגען האט פארשריבן 22 מעשיות, פון וועלכע בלויז צוויי פעלן אינם „מעשה־בוך". געוויס האט דער רעדאקטאר פון דעם דאזיקן זאמלווערק געהאט פאר זיך פארטיקן בוי־מאטעריאל; די אלע פון אים צונויפגעזאמלטע מעשיות האט ער גענומען פון געדרוקטע און אויך אויפגעשריבענע אדער בעל־פה איבערגעגעבענע קוועלן. ער איז אבער געווען „דער ריכטיקער מאן אויפן ריכטיקן פלאץ", אן אמתער מייסטער אלס רעדאקטאר. דער דורך אים צונויפגעזאמלטער מאטעריאל איז געווען א גאנץ פארשיידנארטיקער; דאס רוב מעשיות האט ער גענומען אוים דער תלמודישער און מדרשיסטישער ליטעראטור, ער האט אבער אויך פיל גענומען אוים דעם מיטלעלטערלעכן ריין־אייראפעישן פאלקלאר, ווי אויך אוים דעם ספעציעל יידישן. שוין אוים אבן יחיאס „שלשלת הקבלה", וואס איז פארעפנטלעכט בערך אין איין צייט מיטן „מעשה בוך", זעען מיר, מיט וואס פאר א רייכע „לעגענדעס־ציקלען" די פאלקס־פאנטאזיע האט באקרוינט אירע באליבטע העלדן, די גדולי ישראל, ווי אברהם אבן עזרא, יהודה הלוי, רש"י, דער רמב"ן, יהודה חסיד, אליעזר אוים וואָרמס אאז"וו. אויך די דאזיקע לעגענדעס, וואס זיינען געגאנגען פון מויל צו מויל און פון דור צו דור, זיינען רייך פארטראטן אין דעם „מעשה־בוך". און אט דער פארשיידנארטיקער און פילפארבי־קער מאטעריאל איז הארמאניש צונויפגעפאסט, אזן ווערט איבערגע־געבן אין אן איינהייטלעכן, נאיוו־פאלקסטימלעכן סטיל; אלץ אטעמט מיט איין און דער זעלבער לופט. די ריטער און העלדן פון די אוים דער פרעמד גענומענע מעשיות ווערן מגולגל אין צדיקים און למד־וואוניקעס, די גבורות און ישועות באווייזט ניט די שטארקע, מיט דער שווערד און שפיז באוואפנטע האנט, נאר דער „שם" און די הארציקע תפילה; און דאס אלץ ווערט איינגעפאסט אין א ראם פון פרומע מוסר־השכלם, ווי גוט און וויל ס'איז דעם, וואס גייט אין דרך־הישר און טוט מצוות און מעשים־טובים. געוויס געהערן ניט אלע באארבעטונגען דעם רעדאקטאר גופא, ער איז אבער געווען באשאנקען אין א רייכער מאס מיט דעם ריין־פאלקסטימלעכן חוש אויסצוקלייבן פון די פארשיידענע נוסחאות די הארציקסטע און די זאפטיקסטע...

דערפאר טאקע פארמאגן אזא גרויסן אינטערעס די אין „מעשה־בוך" אויפגעזאמלטע מעשיות. פארגלייכט מען וועלכע ס'איז פון די דאזיקע מעשיות מיט די אלטע יידישע מקורים, וואס באהאנדלען דעם זעלבן שטאף, אנטפלעקט זיך דער קוואל פון פאלקס־שאפן: מען זעט באשיינ־

פערלעך, ווי אזוי אין איין און דער זעלבער סביבה ווערט דער אייגענער מאָטיוו, די אייגענע מעשה, ביסלעכווייז נשתנה, ווערט באוואקסן מיט נייע פּרטים, אנדערע דעטאַלן ווידער פאַלן אָפּ. צום ביישפּיל, די באַקאַנטע מעשה וועגן יוסף מוקיר שבת, וואָס ווערט איבערגעגעבן קורץ און טרוקן אין מסכתא שבת און אין די אַלטע העברעיִשע זאַמלונגען „חיבור יפה" און „חיבור המעשיות", ווערט איבערדערציילט אין דעם „מעשה־בוך" אין פיל לעבעדיקערע און פאָלקסטימלעכערע פאַרבן[33]. אין פיל אַנדערע מעשיות ווערט דער סוזשעט מער קאָמפּליצירט, און עס טרעפט ניט זעלטן, אַז אַן אַגדה אויס דעם תלמוד אָדער אַנדערע קוועלן ווערט דאָרט איינגעפלאָכטן אַלס זייטיקער עפּיזאָד. אזוי, צום ביישפּיל, זיינען אין דער מעשה פון דעם חסידס צוואָה, וואָס ער האָט געלאָזן זיינע דריי זין, אויסגענוצט אַלס זייטיקע דעטאַלן אַן אַגדה פון תלמוד (סנהדרין, 104) און אַ מעשה פון רבנו נסימס זאַמלונג („חיבור יפה", 38, לויט אַמסטערדאַמער אויסגאַבע, 1746). עס פּאַסירט אויך ניט זעלטן, אַז אַגדות אויס דעם תלמוד און מדרשים ווערן צונויפגעשמאָלצן מיט פרעמדע אָריענטאַלישע לעגענדעס, ווי, צום ביישפּיל, די ריין־אינדישע מעשה מיטן פויער, וואָס האָט זיך דערבאַרעמט אויף דער האַלב־פאַר־פראָרענער שלאַנג, ווערט אין דעם „מעשה־בוך" צוזאַמענגעשפּונען מיט די מאָטיוון פון „משלי שלמה המלך", און דער פויער מיטן שלאַנג קומען אויפן משפּט צום קלוגן יידישן מלך. אייניקע מעשיות זיינען אויך זייער אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס אין זיי שפּיגלט זיך גאַנץ בולט אָפּ די שטיקנדיקע שרעק־אַטמאָספער פון דעם יידישן געטאָ אינם מיטלעלטער. טיפּיש איז אין דער הינזיכט פאָלגנדיקע מעשה, וואָס געהערט צו די „מעשים רבי יודא", ד"ה צו דעם לעגענדעס־ציקל, וואָס דערציילן שבחים וועגן ר' יהודה חסיד:

„מעשה גישאך* צו רעגענסבורג: דא וואָרן צוויי מייאַרש (מויערער), די ארבטן ביי איינם יודן אין דער יודן־גאַסן, אונ' ווי זי אַרבטן דא זאכן (זעען) זי אין די יודן־קאמיר פיל זילבר אונ' גאלד ליגן. דא בעראטן זי זיך מיט אננדר, דאז זי וואלטן מיט אננדר אין די קאמיר איין שטייגן, דרווייל די יודן אין די שול וואָרן, אונ' אלז איין וועק נעמן. אונ' זי טעטן אך אזו אונ' שטייגטן דא אניין אונ' נאמן פיל חפצים פון זילבר אונ' פון גאלד. דא גידאכט זיך איינר פון די מייארר:

33 פּראַי צו פאַרגלייכן די דאָזיקע מעשה ווי זי ווערט דערציילט אין „מעשה־בוך" מיטן נוסח אין „מדרש עשרת הדברות".

* האָט געשען.

וואז זאל מיר מיין חבר? איך וויל עז וואול אליינינ אוישריכטן. אונ' גינג הין אונ' שלאג זיין חבר, דא ער האט וועלן צום לאָך ארוישקריכן, מיט איין האמיר אין זיין קאפּף, דש ער איין ראָב פיל (אראָפּגעפאלן) אין די קאמיר אונ' וואר טויט. אונ' נאם דאש זילבר אונ' גאלד אלש פון דען פגר, אונ' לויפט איין וועק דער מיט. דא ווארן נון כל ישראל אין דער שולן, אונ' ווי זי נון אויש דער שולן קאמן, דא גיפאנד דער בעל הבית פון דעם הויז אין זיין קאמיר איין פגר ליגן. דא דערשראקן זי גאר זייער, אלז נון וואול צו דר שרעקן וואר. דא וואָלטן זי דען פגר אים סוד איין וועק טון, דען זי פערכטן זיך פאר איין איבער־לויף (איבער־פאל) חס ושלום, אלז אך שיר גשאך (געשא). דא האָט מען עז נון באווישן אין די גוים־גאס גיווארדן * ווי יהודים העטן איין גוי ממית גיוועזן, אונ' קאמן פיל גוים אין די יודן גאסן צו לויפן אונ' וואלטן ח"ו א גזירה מאכין. דא קאם ר' יהודא חסיד אך צו גין אונ' ליף פלוקס צום ראש־עִירָן (בורגמייסטער) אונ' זאגט: אדוני! וואש וועלט איר דא טון? וועלט איר פון איינעם טויטן מאן אזוי פיל פאלק אום ברענגן, אונ' איר ווישט דאך וואול, דאז מיר עז ניט געטאן האבן, דען די צוויי האבן הינן גיארבעט, אונ' איך וויל עז אייך ביווייזן, דאז איינער דען אנדערן האט אום גע־בראכט. דא שפּראך דער ראש־עירן צו אים: ווען דוווילשט מיר דאז באווייזן, זא זאל קיינעם פון אייך קיין לייד מאן גישעהן. אונ' הייסט די גוים ** איין ווייל שטיל האלטן אין די גאסן. דא שפּראך דער חסיד: לאזט גייארט די פפורטן (די שטאט־טויערן) צו טון, דאש מיר דער רוצח ניט קאן איין וועק לויפן. דאז גישאך אזו באלד. דא גינג דער חסיד הין אונ' שריב איין קמיעה מיט הייליגן שמות אונ' גאב זי דעם הרוג אין די האנד. דא שטאנד דער הרוג ווידר אויף, אונ' זאך זיך אום נאך דעם רוצח; דא דערזאך ער אים הינטר איין אנדרן שטין פרבארגן. דא לויפט ער צו אים אונ' זאגט צו אים: דו מאָרדנר (מערדער), דו האשט מיך אום מיין לעבן גיבראכט, אונ' דאש האשטו דרום גיטאן אום דאש דו די גניבה האשט גערן אליינינ האבן, אונ' דו בישט הין גיגאנגען אונ' האשט מיר דען האמער אין מיין קאפּף גישלאגן, דאם איך בין אראָב־געפאלן ווידער אין די קאמער אניין. דא נאם מאן אים אונ' לעגט אין תּופש, אונ' וואר גלייך זוא ווארם פַר אורטיילט צום טוט[84], אלש אים

* מען האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט אין דער גויים־גאַס.

** אין אייניקע אויסגאַבעס שטייט: „כותים".

84 דער דאָזיקער מאָטיוו ווי מען מאַכט פאַרן געריכט דורך השבעות לעבעדיק דעם הרוג, און יענער אַנטפּלעקט פאַר די ריכטער דעם אמתן מערדער, איז געווען זייער פּאָפּולער אין אַלטערטום ביי די אָריענטאַלישע פעלקער. ער ווערט שוין אויסגענוצט ביי אַפּוּלעוס אין זיין „גאָלדענעם אייזל".

אך גישאך. דא זאגט דער חסיד צו דען ראש־עירן: זעכט (זעט) נון, וועון איך אייך האט ניט אויף גיהאלטן, אזו העט איר פיל אונשולדיג בלוט פֿרגאָסן. דא זאגט דער ראש־עירן: עש ווער וואר גיוועזן, דרום ליבער מיישטער, פרצייאט עש מיר, עש זאל נימר גישעהן, דש ער אזוי גנעך וועלט איין פֿלין, נייארט ער וועלט פאר אויף דען רעכטן גרונד קומן. נון דער פגר האט פיל רייכע פריינט, זוא באטן זי דעם חסיד ער זאלט דען פגר לאזן לעבן, זי וואלטן אים פיל געלד צו לון געבן, אבער עש וואר קיין מיינונג ביי דעם חסיד, דען ער זאגט ער דארף עש עס ניט טון. אזוי נאם ער די קמיעה ווידר פון דעם הרוג, דא פיל ער ווידר איין נידר ווי אין אנדר פגר אך, אונ׳ דער ראש־עירן טעט דעם חסיד פיל גוטש דערנאך".

איינע פון די שענסטע מעשיות, וואס דאס „מעשה־בוך" פאר־מאגט, איז די אויסטערלישע פאלקס־מעשה וועגן דעם צדיק ר' חנינה. עס איז שווער צו זאגן, אויף וואס פאר אן אופן די דאזיקע נאוועלע האט זיך אויף דער יידישער גאס באוויזן. אין די אלטע קוועלן איז וועגן איר קיין זכר ניטא, מיר באגעגענען זי בלויז אין דער העברעישער האנט־שריפטלעכער זאמלונג, וואס לעווי האט פארעפנטלעכט[35] (דארט הייסט דער צדיק יוחנן), נאר אין אן אנדער נוסח; פיל פרטים ווערן דארט גאנץ אנדערש דערציילט, ווי אין „מעשה־בוך", און אייניקע אנדערע דעטאלן פעלן דארט לחלוטין. ווי עס שיינט האבן די דאזיקע נאוועלע ביידע קוועלן געשעפט דירעקט אוים דעם מויל פון פאלק. די מעשה איז א זייער קאמפליצירטע, פול מיט פאנטאסטיק:

אין ארץ־ישראל[86] האט געלעבט א פארמעגלעכער ייד, און ער האט געהאט א בן־יחיד מיטן נאמען חנינה. פארן טויט גיט דער פאטער איבער חנינהן בצוואה, ער זאל יום ולילה לערנען תורה און שטיצן מיט א ברייטער האנט ארעמעלייט; נאך האט דער פאטער אים אנגעזאגט, אז ווי נאר ער וועט אויפשטיין פון „שבעה", זאל ער גיין אויפן מארק און קויפן דאס, וואס מען וועט אים צום ערשטן אנבאטן. ר' חנינה איז אלץ מקיים, וואס דער פאטער האט אים אנגעזאגט. ווי נאר ער איז אפגעזעסן שבעה, גייט ער גלייך אין מארק. ליגט אים דארט איינער פאר א זילבערן געפעס פאר 80 גילדן, קויפט עס ר' חנינה. ברענגט עס אהיים, שטעלט עס אויפן

35 „Rew. d. etud. Juives", 33, 239—254.

86 אין דער העברעישער האנטשריפטלעכער זאמלונג הערט דאס לאנד ניט אנגעוויזן.

טיש און עסנט עס. געפינט ער אין דעם אַן אַנדער געפעס, און דאָרט גע־פינט ער אַ לעבעדיקן פראָש. נערט ער דעם פראָש, גיט אים עסן און טרינקען. יענער וואַקסט מיט יעדן טאָג, אים ווערט שוין ענג דאָס געפעס. מאַכט ר׳ חנינה פאַר אים אַ שאַפּעלע, און ווען יענץ ווערט אויך קליין פאַרן פראָש, בויט ער פאַר אים אַ קליינע קאַמער. און דער פראָש האַלט אין איין עסן, ביז ער האָט אַלץ אויפגעצערט, וואָס ר׳ חנינה האָט פאַר־מאָגט. זאָגט ר׳ חנינה און זיין ווייב צום פראָש: „ליבער פריינד, מיר קענען דיך לענגער ניט דערנערן״[37]; ענטפערט דער פראָש ר׳ חנינהן, אַז ער זאָל דערפון קיין עגמת־נפש ניט האָבן. און אַלס דאַנק דערפאַר, וואָס ער האָט אים אַזוי גוט און ליב אויפגענומען, לערנט דער פראָש מיט אים אַלע שבעים לשונות, און באַקענט אים אויך מיט דעם לשון פון עופות און חיות. ער נעמט אָפּשייד פון ר׳ חנינהן און זיין ווייב, און יענע באַגלייטן אים ביז צום וואַלד; דאָרט ברענגען, אויפן באַפעל פון דעם פראָש, פויגל און חיות אַ גוואַלדיקע צאָל אבנים טובות און אַלערליי וואָרצלען און קרייטעכצער. דער פראָש שענקט ר׳ חנינהן די אַלע די־מענטן און טייערע שטיינער, און לערנט אים ווי אַזוי מען דאַרף זיך באַנוצן מיט די אַלע קרייטעכצער. איידער דער פראָש נעמט רשות פון ר׳ חנינהן און צעשיידט זיך מיט אים, דערקלערט ער אים, אַז די לילית איז זיין מוטער, וואָס האָט אים געבאָרן פון אָדם הראשון, און ער האָט די מעגלעכקייט צו באַווייזן זיך אין אַלערליי געשטאַלטן. דער שם פון ר׳ חנינהס עשירות און גרויס חכמה איז זיך צעגאַנגען איבערן גאַנצן לאַנד; ווען דעם האָט זיך אויך דערוווּסט דער מלך און האָט אים איינ־געלאַדן צו זיך אין זיין הויף און איז געוואָרן ביי אים דער געליבטער יועץ. דער דאָזיקער מלך האָט ניט חתונה געהאַט, און געלעבט אָן אַ פאַ־מיליע. זיינען געקומען צו אים די זקני ישראל און אים דערקלערט, אַז עס וואָלט געווען זייער געווינטשן, עס זאָל ביי דער זייט פונם מלך זיך געפינען אויך אַ מלכה, און מען וואָלט דאַן געקאָנט האָפן אויף אַ טראָנ־יורש, וואָרעם אַ מלך איז דאָך אויך ניט מער ווי אַ בשר־ודם און לעבט ניט אייביק. די עלטסטע פון ישראל האָבן אָבער דערביי געהאַט נאָך אַ טעם, נאָר דעם האָבן זיי פאַרשוויגן: דער מלך איז געווען אַ גרויסער רשע, האָבן זיי געהאָפט, אפשר, אַז ער וועט נעמען אַ פרוי, וועט יענע אים מחזיר למוטב זיין, און ער וועט גוט און פרום ווערן. ענטפערט דער מלך, זיי זאָלן צו אים קומען אין אַכט טעג אַרום, וועט ער זיי געבן

37 אין דער ווערסיע פונם העברעישן מאַנוסקריפּט ווערט דער דאָזיקער דעטאַל איבערגעגעבן מיט אַ סך פרטים, וואָס פעלן אין „מעשה־בוך".

א תשובה. ווען די זקני ישראל דערשיינען צום באשטימטן טערמין פארן מלך, קומט פלוצלונג א פויגל צו פליען מיט א לאנגער האר אין דעם שנאבל, און לאזט אראפפאלן די האר אויף דעם קיניגס אקסל. באטראכט דער קיניג די האר, ס'איז געווען א פרויען־האר פון אומגעוויינלעכער לענג און פראכטפולער גאלד־געלבלעכער פארב. זאגט דער מלך: ער וועט קיין אנדערע ניט נעמען פאר א ווייב, נאר די, וואס איר געהערט די האר. זאלן די זקני ישראל זען וואס גיכער ברענגען אין זיין פאלאץ די דאזיקע פרוי, אניט וועט ער זיי אלעמען ממיתן. באשליסן אלע, אז ר' חנינה, וואס איז אזא גרויסער חכם און ער קען אלע שבעים לשונות, דארף אויף זיך נעמען די שליחות, אויפזוכן די באזיצערין פון דער גאלד־געפארבטער האר[88]. געזעגנט זיך ר' חנינה מיט זיין ווייב און קינדער, נעמט מיט זיך צוועלף גילדן און דריי לאבנס ברויט, און לאזט זיך אין וועג. די תלמידים זיינען באגלייטן אים ביז חוץ לעיר, ווייטער גייט ער שוין אליין; דער וועג איז זייער א שווערער, ווערט ער נעבעך מיד, לענט ער זיך אן אין א בוים בכדי א ביסל זיך אפצורוען. הערט ער ווי פון דעם בוים שרייט א קרא און קלאגט זיך, אז זי האט שוין דריי טעג גארניט געגעסן. ר' חנינה האט דאך פארשטאנען דעם לשון פון די פייגלען, האט ער רחמנות געהאט אויף דער קרא און איר א שטיק ברויט געגעבן. דעם אנדער טאג הערט ער ווי א הונט בילט אזוי יאמערלעך; ר' חנינה פארשטייט דאך דעם לשון פון אלע חיות, הערט ער ווי דער הונט קלאגט זיך: ער הונגערט שוין גאנצע זעקס טעג. גיט ער אויך דעם הונט א שטיק ברויט. אויפן דריטן טאג טרעפט ר' חנינה א פישער ביים טייך, ווי יענער מיט זיך שטארק ארויסצושלעפן מיט זיין נעץ א זייער גרויסן פיש. העלפט אים ר' חנינה אין זיין ארבעט. דערנאך קויפט ער ביי אים אפ דעם געפאנגענעם פיש און לאזט אים צוריק אין וואסער ארײַן[89]. אויף יענער זייט טייך דערזעט ר' חנינה א גרויסע שטאט מיט א שיינעם פאלאץ אינדערמיט. אט אין דעם דאזיקן פאלאץ וווינט עס טאקע די אייגנטימערין פון דער גאלדענער האר — א וואונדער־שיינע בת־מלכה. ווי נאר די שיינע פרינצעסין האט דורכן פענסטער פון איר פאלאץ דערזען ר' חנינהן, האט זי גלייך איינ־געזען, אז דאס איז א זייער גרויסער חכם, לאזט זי אים צו זיך פארבעטן. דערציילט איר ר' חנינה וועגן דעם מלכס גזירה, און באם זי וועט ניט

---

88 אין דער העברעיִשער ווערסיע זיינען פאראן דערביי אייניקע פרטים, וואס פעלן אין „מעשה־בוך".

89 לויט דער העברעיִשער ווערסיע בעט דער פיש גופא ביי ר' חנינהן, ער זאל אים צוריק אין וואסער ווארפן, און ער איז אים דערביי מבטיח, אז ער וועט אים דערפאר שפעטער אפדאנקען.

איינוויליקן דעם מלכס פרוי צו ווערן, וועלן חס־ושלום אַלע זקני ישראל זייער לעבן פאַרלירן. באַשטעטיקט טאַקע די פּרינצעסין, אַז די גאָלדענע האָר איז טאַקע פון איר קאָפּ געגומען: זי האָט זיך אַגומלט אין איר גאָרטן געצוואָגן, איז געקומען אַ פויגל צו פליען און האָט פון איר קאָפּ אַ האָר גענומען. זי דערקלערט ר׳ חנינהן, אַז זי וועט איינוויליקן זיין פאַר־שלאָג אָנצונעמען, אויב ער וועט אירע צוויי באַדינגונגען דערפילן. דער־ווייל אַנטפּלעקט זי פאַר אים בלויז דעם ערשטן: ער זאָל איר צוויי קריגעלעך וואַסער ברענגען: איין קריגעלע מיט גן־עדן־וואַסער, און דאָס צווייטע מיט גיהנום־וואַסער. וואָס טוט ר׳ חנינה? ער גייט אַרויס פון שלאָס זייער באַטריבט, און טוט תפילה פאַר הקב״ה, ער זאָל קענען דעם פאַרלאַנג פון דער בת־מלכה דערפילן, בכדי די יהודים מציל זיין פון טויט. קומט אַ קראָ צו פליען און רופט צו אים: „ליבער רבי, איר דערקענט מיך שוין נית? איך בין דאָך דער פויגל, וואָס איר האָט אין וואַלד מיט אייער ברויט דערנערט!״ און די קראָ פאַרשפּרעכט ר׳ חנינהן, אַז זי וועט אים די געווינטשטע צוויי וואַסערן ברענגען, ער זאָל איר נאָר צו די פליגלען צוויי קריגעלעך צובינדן. די קראָ באַקומט די קריגעלעך אויף די פליגלען און ברענגט באַלד ר׳ חנינהן פולע קריגעלעך מיט גן־עדן־וואַסער און גיהנום־וואַסער. די פּרינצעסין איז צופרידן; איצט שטעלט זי אים דעם צווייטן תנאי: זי איז אַמאָל איבערן ים געפאָרן, איז ביי איר פונם פינגער אין וואַסער אַריינגעפאַלן אַ גאָלדן פינגערל מיט אַ זייער טייערן אבן־טוב; זאָל ער עס איצט איר זען ברענגען. ר׳ חנינה איז אויסער זיך פאַר צער; הקב״ה האָט אים אָבער דאָך געהאָלפן. ווי ר׳ חנינה קומט צום ברעג פונם ים, באַווייזט זיך גלייך דער פיש, וואָס ר׳ חנינה האָט זיך איבער אים דערבאַרעמט, און יענער איז אים מבטיח, אַז ער וועט אים דאָס פינגערל אַרויסבאַקומען. דער פיש לאָזט זיך שווימען צום לויתן און דערציילט אים די גאַנצע מעשה. לאָזט דער לויתן אַרויס אַ שאַרפן באַ־פעל, און באַשווערט אַלע פיש בחרם, אַז דאָס פינגערל מוז אַרויסגעגעבן ווערן. איז געקומען אַ פיש און דערלאַנגט דאָס פינגערל, עס ווערט גלייך איבערגעגעבן דעם פיש, וואָס וויל אָפּדאַנקען ר׳ חנינהן, און יענער שפּייט אויס דאָס פינגערל אויפן ברעג פונם ים. קומט אָבער גלייך צו־לויפן אַ ווילדער חזיר און שלינגט איין דאָס פינגערל. דאָ לויפט צו צו ר׳ חנינהן דער הונט, וועלכן ר׳ חנינה האָט מיט זיין ברויט פון הונגער־טויט געראַטעוועט, און לייגט אים זיין הילף פאָר. בעט אים ר׳ חנינה, ער זאָל אים באַהילפיק זיין. יענער יאָגט אָן דעם חזיר, צערייסט אים, באַקומט אויס זיינע געדערים דאָס פינגערל און ר׳ חנינה ברענגט עס דער בת־מלכה. די פּרינצעסין האַלט וואָרט, זי פאָרט מיט ר׳ חנינהן צום

מלך, יענעם געפעלט זי זייער שטארק, און מען פראוועט באלד א חתונה. ר' חנינה ווערט נאך מער חשוב ביים מלך און דער מלכה, דאס דערוועקט גרויס קנאה ביי פיל פון די הויפלייט, יענע „ווארטעטען אים אויף" אין א פארבארגן ארט און דערהרגענען אים. ווי נאר די קיניגין האט זיך דערפון דערוווסט, איז זי גלייך אוועק אויף דעם ארט, וווּ דער טויטער ר' חנינה איז געלעגן, און האט אים מיטן גן־עדן־וואסער באגאסן. ר' חנינה איז גלייך לעבעדיק געווארן; שטארק פארוווּנדערט זעט דאס צו דער מלך. אים איז דאס זייער געפעלן געווארן, און ער באקומט חשק אויף זיך אליין אויספרוּוון די ווונדערבארע קראפט פון דעם מערקוויר־דיקן וואסער. ער פאדערט פון דער קיניגין, זי זאל אים טויטן און מיט דעם וואסער ווידער לעבעדיק מאכן. ווארנט אים די קיניגין. זי דערקלערט אים, אז זי קאן מיט דעם וואסער לעבעדיק מאכן בלויז דעם, וואס איז א צדיק גמור. גלויבט דאס אבער ניט דער קיניג, דער רשע, און באפעלט איינעם פון זיינע דינער, ער זאל אים הרגענען[40]. האט דאן די בת־מלכה באגאסן דעם טויטן קערפער מיטן גיהנם־וואסער און דער קערפער איז גלייך אויף אש פארברענט געווארן. זאגט די מלכה: איר זעט, ווען דער קיניג וואלט פרום געווען, וואלט ער ווידער לעבעדיק געווארן; איך זע אבער, אז ער איז א גרויסער רשע געווען. די יועצים פון דער מלכה האבן איינגעזען, אז ר' חנינה איז ניט בלויז א גרויסער חכם, נאר אויך אן אמתער צדיק, האבן זיי באשלאסן באשטימען אים פאר א מלך איבער ישראל; און וויל זיין ווייב איז אים ניט לאנג געשטארבן, האבן זיי אים די מלכה פאר א ווייב געגעבן, און ער האט רעגירט איבער ישראל א סך יארן[41].

ניט ווייניקער אינטערעסאנט, אבער פון א גאנץ אנדערן, רייַן־רעאליסטישן שטייגער, איז די מעשה מיטן יידישן פויפסט. אין צוועלפטן י"ה איז אין משך פון אכט יאר (1138—1130) אויפן רוימישן פויפסט־שטול געזעסן אנאלעקט דער צווייטער, וואס האט געשטאמט פון יידן, דערצו איז ער נאך געווען א אוהב ישראל, און זיינע קעגנער האבן אים דערפאר גערופן „יידישער פויפסט" (Judaeo pontifex). דאס האט געמאכט אזא רושם אין דער יידישער סביבה, אז עס איז געשאפן געווארן

40 לויט דער העברעישער חברסיע האט דער מלך, פארלאזנדיק זיך אויף דער הילף פון דעם ווונדער־וואסער, געלאזט זיך אין א שווערע מלחמה מיט א שטארקן שונא, און איז אין דער מלחמה אומגעקומען.

41 די דאזיקע מעשה איז אין דער נייערער צייט (פעטראגראד 1917) דערשינען אלס קינדער־אויסגאבע אונטערן טיטול: „מעשה פון פרומען רבי חנינא, פריי איבער־געגעבן דורך בעל־דמיון (נ. שטיף)".

א גאנצע לעגענדע ווען א יידיש קינד, וואס מען האט עס קליינערהייט אוועקגעגנבעט ביי זיינע עלטערן און עס אפגעשמדט. דאס קינד האט גאונישע פעיקייטן געהאט, איז עס מיט דער צייט עולה לגדולה געווארן, דערגרייכט די שטעלע פון א ביסקופ און דערנאך האט מען אים אויסגעקליבן פאר א פויפסט. צום סוף איז ער א בעל־תשובה געווארן און אלס פרומער ייד געשטארבן. די דאזיקע מעשה איז געווען זייער פאפולער הן ביי די אשכנזישע יידן, הן ביי די ספרדים, און זי געפינט זיך אין פארשיידענע נוסחאות אין העברעישע קוועלן[42]. לויט דער אשכנזישער ווערסיע שטאמט דער יידישער פויפסט אויס מאינץ, לויט דער ספרדישער — אויס בארצעלאנע, און זיין פאטער איז דער בארימטער רב ר' שלמה בן אדרת (רשב"א)[43]. זי געפינט זיך אויך אין „מעשה־בוך", און טאקע די ווערסיע פון דעם „מעשה־בוך" איז די זאפטיקסטע; עס פילט זיך אין איר צומבולטסטן דער לעבעדיקער אטעם פונם פאלקסטימלעכן דערציילערישן נוסח. מיר ברענגען דערפאר די מעשה בשלימות[44]:

גישאך (געשא) אז רבי שמעון הגדול[45], דער האט גיווינט אין מענץ (מאינץ) אז ריין. נון דיזער רבי שמעון דער האט דריי גרויסע שפיגלס אין זיין הויז הענגען. דא האט ער אלס דרינן געזען וואס געשעען איז און וואס געשעען זאל. און אך האט ער געהאט צו קאפן אויס זיין קבר אויף דעם בית החיים איין קוועל־ברונן ארויסגען. דער רבי שמעון איז איין גדול גיוועזן, און ער האט איין זון דער הייסט אלחנן, דער וואר נאך איין קליינר יונג. נון עס גישאך איין מאל, דאס די שבת־גויא וואלט אויף איין שבת די שטוב איין הייצן גלייך דער סדר וואר. אזוי נאם די גויא דאס קינד אויף איר ארים און גינג מיט אים אוועק. די מייד (דינסטמיידל) די אין הויז וואר גיוועזן איז ניט פיל קשה, דען זי האט גימיינט די גויא ווערט דאס קינד ווידער ברענגן, און יעדער וואר עבן אין דער שול גיוועזן. אלזו נאם די גויא דאס קינד און צוג מיט אים אוועק און ליס דאס קינד שמדן; דא מיינט זי נון זי האט איין קרבן געבראכט, דען פאר צייטן האבן זי גאר פיל אויף דאס שמדן געהאלטן. דא רבי שמעון הגדול אהיים קאם אויס דער שולן, דא איז די מייד ניט דער היים געוועזן, דען זי וואר נאך דער גויא געלאפן, אבר זי האט די גויא ניט געפונדן; אלזא פאנד דער רבי שמעון זיין מייד ניט און זיין קינד אך ניט. אור־

---

42 זע גידעמאן, ציט. ווי, II, 58—62; „בית המדרש", V, 148—152; דארסן, VI, 137—139.

43 זע שטיינשניידער, „לעטערבאָדע", VII, 170—176.

44 דער אויסלייג — מאָדערניזירט.

45 א באקאנטער פייטן, וואס האט געלעבט אין מאינץ אין 10טן י"ה.

בליצליך (פלוצים) קאם די מייד צו גען און שרי גאר זייער. דער רבי שמעון פראגט די מייד ווארום זי אלזו שרייט, דא זאגט זי צו אים: ליבר רבי! בעונותינו הרבים די שבת גויא האט דאס קינד אוועק געטראגן, אבער איך ווייס ניט וואו זי מיט אים איז הין געקומן. אלזו ליסן זי דאס קינד איבראל זוכן, אבר זי קאנטן עס נערגוטש (נירגענדס) פינדן — דאס קינד וואר איין וועק. נון פאטר און מוטר טריבן איין גרויסן יאמר אום איר ליבם קינד. גליך וואל צו גלויבן שטייט (ווי מען קאן זיך גלייך גלויבן). דער רבי שמעון פאסטעט טאג און נאכט, אבר הקב"ה האט עס פאר אים פאר העלט (פארהוילן) וואו דאס קינד איז הין קומן.

נון דאס קינד קאם אזוי ווייט, דאס עס אין די גלחים הענד קאם, און זי ציטען דאס קינד אויף, דאס עס איין גרויסער משומד וואר גע־ווארדן, דען דאס לב וואר פון רבי שמעון הגדול געוועזן. אלזו צאג דער יונג פון איינער הויך־שול צו דער אנדערן, ביז עס קאם נאך רוים און לערנט גאר ערנסטליך פילערליי לשונות, דאס עס איין קארדינאל צו רוים וואר, און זיין נאמן גינג אזוי ווייט דאס מן ניט נינוגן פון אים זאגן קאנט... און ווארט גאר חשוב און וואר גאר היפש; סוף דבר, עס ביגאב זיך דאס דער אפיפיור שטורב און דער יונג פון וועגן זיין גרויסן חריפות און זיין וואויל לערנען אין אלערליי לשונות, דא איז ער צו איין אפיפיור גימאכט ווארדן.

נון האט ער וואויל גיוויסט דאס ער איין יוד איז געוועזן, און וואר פון מענץ רבי שמעון הגדול זיין זון. נון עס גינג אים אזוי גאר וואויל דאס ער אונטער גוים בליב, גלייך מאן וואול געדענקן קאן אזוי איין גרויסער חשוב צו זיין. אזוי גידאכט ער זיך איין מאל: איך וויל זעען דאס איך מיין פאטר פון מענץ וויל הער ברענגן נאך רוים. דא שרייבט ער איין בריוו נאך מענץ אן דען הגמון, דען ער איז נון אפיפיור גיוועזן דער אלע הגמונים אונטר זיך האט, דאס ער זאלט דען יודן פר ביטן קיין שבת צו האלטן, נאך קיין קינדר יודישן צו לאזן, און קיין פרוי ניט טבילה צו גיין. דא גידאכט זיך דער אפיפיור וואל, דאס נון מיין פאטער ווערד הער געשיקט ווערדן פאר מיך אום זאלכין זאכין ווידער אויס צו ריכטן. גלייך אך געשאך: דא נון דער בריוו אן דען הגמון פון דעם אפיפיור קאם, אלזו ליס דער הגמון די יודן שטראקס די גזרה זויסן. אזו וואלטן די יודן פיל משתדל זיין ביי דעם הגמון, אבער דער הגמון וויזט אינען דען בריוו דער פון דעם אפיפיור גיקומען וואר, דארום קאן ער זיי ניקש העלפן; ווען זי וועלן משתדל זיין, זא מוזן זיי זעלברט נאך רוים ביי דען אפיפיור ציען. ווער וואר איבלער דראן אז די ארמע יודן! זי טעטן תשובה, תפלה וצדקה, אלזו ווארן זי צו ראט דאס זי וואלטן שיקן רבי

שמעון הגדול מיט צוויי רבנים הניין נאך רוים, דאס ער בײַ דעם אפּיפיור מעכט משתדל זיין, פיליכט ווערט אונז הקב"ה איין נס טון. אבר דאך וואָרן זיי די קינדר אין סוד אל יידישן, דען זיי האטן פון הגמון דערוויל אוים געריבט, אבר בסוד גדול. אלזו הֵיבטן זיי זיך אויף און צוגן ביז נאך רוים צו דען אפּיפיור. ווי זי נון דא קאמען, ליסען זיי זיך אן זאגן בײַ די יהודים און הלטן די יהודים די זאך פאַר. דא זיי עס הערטן, דא פארוואונדערטן זיי זיך גאר זייער, דען זיי זאגטן, זיי העטן בײַ מענשן גידענקין קיין בעסרן אפּיפיור גיהאט פאר יהודים, דען ער קענט לעבן און יהודים, און האט אלצייט יהודים אין סוד בײַ זיך און מוזטן אך שוך־צוביל[46] מיט אים ציען. אך העטן זיי ניקש פון דער גזירה גיהערט, דען מיר קענן עס ניט גלויבן, דאס די גזירה פון דען אפּיפיור איז אוים גאַנגן, דער הגמון מוסט עס זעלבסט גיטאן האבן. אזוי וויַיזט דער רבי שמעון הגדול דעם אפּיפיור בריוו וחותם, דאס עס די יהודים מוסט גלויבן; און הֵיבטן אן, דאס מוז איין פארדינט זאך בײַ אייך אין טייטשילאנד זיין. און די יהודים אין רוים טעטן אך תשובה ותפילה וצדקה, און די פרנסים צו רוים גינגן צו דעם קאַרדינאַל וואו זיי נון ביקאנט מיט וואָרן און וואלטן פיל משתדל זיין. דא זאגט דער קאַרדינאַל: דער בריוו איז פון זיינער אֵיגענע האנד אן דען הגמון פון מענץ געשריבן גיוואָרדן, אזו דאס מיר ניט פיל קענן אוים ריכטן. דאך פאר הייסט ער זיי דאס בעסט צו טון וואָס אינן מעגליך ווערט זיין, און הייסטן זיי איין אַפּילקאציון (אַ בקשה־בריוו) מאכן, דען ווען זיי מאכן דאס זיי דער אַפּיפיור און די הענט באַקומט, דען וועלן זיי זעען דאס בעסט דערבײַ צו טון. אלזו מאכן די יהודים אין אַפּילקאציון, און גאבן זי דען אַפּיפיור. אזוי באַלד דער אפּיפיור די אַפּילקאציון לייאנט, קאַנט ער וואויל גידענקין ווי דאס די זאך גישטעלט וואר, און הייסט די יהודים זעלברט פאר אים קומן. אלזא קאַם דער רבי שמעון הגדול פאר דען איברשטן קאַרדינאַל, דער צייגט די יהודים קעגן דעם אַפּיפיור אן אלס דאן וואָרן די יהודים פון מענץ און וואלטן אים זעלברט גערן זעען און שפּרעכן. אלזו גאַב ער בעשייד דאס דער עלטסטער אונטר איינן בײַ אים קומן זאלט. נון דער רבי שמעון הגדול וואר דער עלשט אונטר אינן, איז איין מאן גיוועזן כמלאך ד' צבאות, און אזוי באַלד אז ער היניין קאַם פיל ער אויף זיין קני. דא זאָס עבן דער אפּיפיור מיט איינעם קרדינאל און ציעט שוך־צובל. ווי ער נון דען רבי שמעון זאך, דא דערשראַק דער אפּיפיור גאר זייער, און הייסט

---

46 שוך־צוביל — שאָך־שפּיל. די דאָזיקע שפּיל איז געווען זייער פּאָפּולער בײַ יידן אין מיטלעלטער. זע יועגן דעם בײַ שטיינשניידער, „שאָך בײַ דען יודען", 1873.

אים אויף שטיין, און דערווייל זיצן ביז ער פערטיג ווער מיט דעם שפילן; דען ער קענט גלייך זיין פאטר, ווי וואול דאס אים דער פאטר ניט קענט. חי זי נון אויסגעשפילט האבן פרייגט דער אפיפיור וואס זיין ביגער ווער. דער גדול זאגט עס אים מיט וויינען און שרייען און וואלט ווידער איין נידער פאלן פאר דען אפיפיור. דאס וואלט אבר דער אפיפיור ניט ליידן און שפראך: איער אן ליגנש האב איך נון וואול גיהערט, דען עס זיינען פיל זעלצומע (זעלטזאמע) בריוו פון מענץ קומען, דאס מיר עס אייך האבן מוזן פאר בייטן. דער אפיפיור הוב מיט דעם רבי שמעון אן צו רעדן אין פילפול, דאס ער דען רבי שמעון הגדול ח"ו שיר האט מנצח גיוועזן, דאס אים זעלבסט וואונדר נאם, דאס איין זאלכן לב אונטר גוים זאל זיין. זי בליבן וואויל איין האלבן טאג ביי אנגדר, דאס דער אפיפיור זאגט: מיין ליבר גילערנטר! איך מערק וואויל דאס דו בישט גאר וואויל גילערנט, אך ווערן דיך די יהודים ניט פאר געבנש געשיקט האבן. נון האב איך יהודים אלע טעג ביי מיר, די ציען שוך-צאבל מיט מיר, צי דו אך איין מאלט שוך-צאבל מיט מיר, דיין זאך ווערד ניט אזוי ביז ווערן. אזו וואר דער רבי שמעון איין אומן אויף איין שוך-צאבל ציען, דאס מאן זיין גלייכן ניט פאנד אין גאנצן עולם. נאך מאטיט אים דער אפיפיור. דאס נאם דעם גדול גרויס וואונדער. און אלזו היבטן זי ווידער אין פון דער אמונה צו רעדן דאס דער רבי שמעון גרויס וואונדר נאם. לסוף, דא ער נון לאנג געקלאגט האט און זיין בקשה אן אים געטון האט, אזוי הייסט ער אל די קארדינאל פון אין וועג גען, אזו פיל אים דער אפיפיור אום דען האלז מיט טרויאנדיגן (טרערנדיקע) אויגן, און זאגט: ליבר אלטר פאטר! קענט איר מיך ניט? דער פאטר ענפערט: וואהער וואלט איך איער קיניגלעכע גנאדן קענן? דער אפיפיור זאגט: ליבר אלטר פאטר! האט איר ניט איין מאל איין זון פארלוירן? דא דער גדול דאס הערט, דא דער־שראק ער גאר זייער און זאגט: יא! דא זאגט דער אפיפיור: איך בין דיין זון אלחנן דער דיר פארלוירן איז גיווארן דורך די שבת־גויא. דאס איך נון זאל זאגן וואס די עבירה איז, אדר ווי עס איז, דאס קאן איך ניט וויסן; איך דענק הש"י האט עס אזוי וועלן האבן, און איך האב דארום דאס ניבאט לאזן אויסגען, דערווארטן דאס דו זעלבסט צו מיר קומן, אז אך נישעען איז. דען איך וויל ווידער אויסקומען, דער האלבן — וויל איך די גזירה ווידר מבטל זיין. און גאב אים ווידער גוטע בריוו צום הגמון קיין מענץ דאס די גזירה ווידר בטל וואר. דא פראגט אים דער זון: ליבר פאטר! קאנסטו מיר קיין עצה דערצו געבן, ווי איך ווידר כפרה קאן האבן? דא זאגט ר' שמעון: מיין ליבר זון: זארג ניט, דו בישט איין אנוס, דען דו בישט נאך איין קינד געוועזן, דא דו בישט פון מיר אוועק גיקומען. דא

שפּראַך ער: מיין ליבר פאטר! די ווייל איך בין אזוי לאַנג אונטר גוים געוועזן און איך האָב עס געוויסט דאס איך איין ייד בין געבוירן, און די גוטע טעג גלייך דו זיכשט (זעסט) די האבן מיר דרביי גיהאלטן דאס איך בין ניט אויסגיקומן, קאן איך דען כפרה האבן? איין טייל זאגן דער רבי שמעון הגדול האט עפּיס אן דען שוך־צאַבּל גימערסט, דאס ער ווער מזרע היהודים הער. דא זאגט דער זון ווידר צום פאטר: ציך איין היים בשם אלהי ישראל, און ברענג די בריוו ווידר אן דיינן הגמון און זאג ניקש ווייטער פון מיר. איך וויל באלד ביי דיר זיין צו מענץ, אבער איך וויל פאר מיין זכרון הינטר מיך לאזן אַז איך איין וועק צי דאס גוט פאר יהודים זאל זיין.

אלזו קאַם דער רבי שמעון ווידר צו דען יהודים און וויזט איגן דען בריוו דאס די גזירה ב"ה בטל איז. דא ווארן זיי זייער פראו (פריילער). אלזו ציעט רבי שמעון מיט זיין חברים ווידר איין הגמון, און בראַכט דען בריוו אן דען הגמון דאס די גזירה ווידער בטל איז ב"ה, און ווארן אלע פרייליך. און רבי שמעון זאגט זיין וויב די שמועה ווי עס אים גאַנגען וואר, און ווי איר זון זעלברט אפּיפיור וואר. דא זי דאס הערט זא טריב זי איין גרושן יאָמר, אבר רבי שמעון זאגט צו איר: זיי דיך ניט מצער, מיר ווערדן אונזרן זון באלד ביי אונז האבן. אלזו מאכט דער אפּיפיור איין ספר ווידר די אמונה און שליסט עס אין איין גיוועלב און מאכט: וועלכר דער אפּיפיור זאלט ווערן דער מוז דרינן לייאנן.

עס איז נון פיל דער פון צו שרייבן וואס אין דעם זעלביגן ספר שטייט. און ניט לאַנג דערנאך הייבט ער זיך אויף מיט גרויסן ממון און ציעט נאך מענץ און וואר ווידער איין חשובער יהודי, און צו רוים האט מען ניט גיוווּשט וואו ער איז הין קומן. און אויף דאס מעשה האט רבי שמעון הגדול גימאכט צום אנדרן טאג פון ראש השנה איין יוצר „אלחנן נחלתו בנועם להשפר"[47]. דער האלבן זאלט איר ניט מיינן דאס עס שלעכטע זאכן זיין[48], זאנדערן עס איז געווים גישעען ווי עס דא שטייט. איין טייל זאגט דער רבי שמעון הגדול האט דען זון גיקענט אן שוך־צאַביל, דען ער האט איין צוג גילערנט דא ער נאך גאר קליין וואר, און דען זעלבינן צוג האט ער נון מיט דעם פאטר געטון, דא האט ער גימערקט דש זיין זון איז גיוועזן. הקב"ה זאל אונז אונזר עבירות פאר געבן דורך רבי שמעון זיין זכות אמן סלה.

47 שומרי מצות עדיך ועובדיך, נשלם וכו' ברחמים יקר צעירי... חקם וכו' אל חנן נחלתו בנועם וכו'" (ראשי תיבות: שמעון בר יצחק און אלחנן.

48 שלעכטע זאכן זיין — חעלמלעבע, אויסגעטראַכטע מעשיות.

דאס „מעשה־בוך" איז ניט בלויז א זאמלבוך, וואס איז געווען זייער באליבט און פארשפרייט[49] — עס איז א גרויסע ליטעראַרישע געשעעניש; עס איז איינער פון די וויכטיקסטע מערקשטיינער אין דער אלט־יידישער ליטעראטור. מיט זיין דערשיינען האט דער דערציילערישער פראָזע־סטיל אפגעהאלטן דעם ענדגילטיקן נצחון איבער דעם פאעטישן פערזן־נוסח פון די ריטער־ראמאנען און העלדן־עפאסן. ווי אין דער פריערדיקער תקופה דער „שמואל־בוך־ניגון" אין דער פערזן־דיכטונג, אזוי איז דער „מעשה־בוך"־נוסח געווארן מוסטער־גילטיק פאר דער גאנצער שפעטערדיקער דערציילערישער ליטעראטור[50]. לויטן מוסטער פון דעם „מעשה־בוך" איז געשאפן געווארן א גאנצער סכום קלענערע און גרעסערע זאמלונגען פון מעשיות און לעגענדעס. די אינטערעסאנטסטע און וויכטיקסטע פון זיי איז דער „מעשה נסים" פון דעם אונז שוין באקאנטן פארפאסער פון די „מנהגים דק"ק ווירמישא"[51], יפתח יוזפא בן נפתלי, דער שמש און נאמן אין דער אלטער ווארמסער קהילה.

געבארן אין פיורדא איז יוזפא אלס 19־יאריקער יונגערמאן געקומען קיין ווארמס און דארט זיין גאנץ לעבן פארבראכט. די אלטע פארמרה־שחורהטע שטאט ווארמס מיט אירע מיטלעלטערלעכע סודות און וווּנדערלעכע מעשיות ציִען צו מיט זייער פאעטישן כישוף זיין קינדיש־נאיווע פארחלומטע נשמה, און ער פילט זיך בארופן צו פארצייכענען פאר די קומענדיקע דורות אט די אלע אגדות און מיסטישע לעגענדעס, וואס לויערן אין די שאטנס פון די ווארמסער מויערן, אין די ענגע קרומע געסלעך פונם יידישן געטא. אט אזוי איז געשאפן געווארן יוזפא שמשס לעגענדעס־זאמלונג „מעשה נסים". די זאמלונג האט דער פארפאסער געשריבן אין העברעיִש. דער ביבליאגראף בן־יעקב פארזיכערט אפילו[52], אז דער העברעיִשער טעקסט איז דערשינען בײַם פארפאסערס לעבן (1662) אין פראנקפורט אויפן מײַן. עס איז אבער א גרויסער ספק, צי האט ווירקלעך אזא אויסגאבע עקסיסטירט, ווייל עס איז ניט אויפגעהיט געווארן קיין איינציקער עקזעמפלאר. ווי עס שיינט, האט בן־יעקב א טעות

---

49 אין 1612 האט א דייטשער פראפעסאר ה. העלוויג איבערזעצט דאס „מעשה־בוך" אויף הויכדייטש.

50 אויף ווי ווייט דאס „מעשה־בוך" האט געווירקט אויף דעם „צאינה וראינה"־סטיל — דארף ערשט ספעציעל אויסגעפארשט ווערן.

51 זע אונזער ווערק, ב' V, קאפ. 4.

52 „אוצר הספרים", 356.

געהאט. ערשט 18 יאר נאך יוזפאס טויט האט זיין זון אליעזר איבערזעצט דעם „מעשה נסים" אין יידיש און געדרוקט אין אמסטערדאם (1696)[53].

ווייל די אלע 25 מעשיות, וואס זיינען פארעפנטלעכט אין דעם „מעשה נסים", טראגן א לאקאלן כאראקטער און זיינען פארבונדן מיט דער געשיכטע און סביבה פון ווארמס, איז לייכט באגרייפלעך, אז די דאזיקע זאמלונג טראגט מעמאטיש אן אנדער כאראקטער, ווי דאס „מעשה-בוך". אין יוזפא שמשס זאמלונג פעלן, צום ביישפיל, מעשיות אוים דעם תלמוד און מדרשים; אלע מעשיות אין דעם „מעשה נסים" שטאמען אוים דעם מיטלעלטער, און א באדייטנדיקער טייל פון זיי איז טאקע געשאפן געווארן אין די ענגע גאסן פון ווארמס. צומבולטסטן טרעטן דא ארוים צוויי מאטיוון, וואס זיינען אזוי כאראקטעריסטיש פארן מיטל-עלטערלעכן יידישן לעבן אין דייטשלאנד: 1) טויט-פארכט און שרעק פאר דער פיינדלעכער סביבה, פאר מסירות און רדיפות, וואס קאנען אויסברעכן יעדן טאג און יעדע שעה, און ברענגען דעם גרויסן חורבן, 2) און פון דער אנדערער זייט דער פינסטערער אבערגלויבן, די שטאל-פעסטע אמונה אין כישוף און השבעות, אין גילגולים און אלערליי מחבלים. אט די צוויי דאמינירנדיקע מאטיוון בילדן דעם גרונד-טאן פון די אלע „ווונדערלעכע" מעשיות, וואס דער פרומער ווארמסער שמש באַ-שרייבט פאר די קומענדיקע דורות. געלאסן, רויק דערציילט דער „מעשה נסים", ווי מען האט די יידן אוים ווארמס פארטריבן, דערציילט וועגן די שחיטות, וואס זיי האבן געהאט אויסצושטיין אין די צייטן פון די קרייץ-צוגן, וועגן די בלוטיקע שרעקן פון „עלילת דם", וועגן די ווילדע סטודענטן-אנפאלן. דער „שילער-געלויף" איז, ווי עס שיינט, געווען א גאנץ געוויינלעכע, כמעט צלטעגלעכע דערשיינונג. די האלב-דערוואק-סענע שילער פון די מיטלשולן האבן זיך געוויינלעך באנוגנט בלויז דער-מיט, וואס זיי פלעגן אפשפאטן פון די יידן, וואס גייען אויף די גאסן, באווארפן זיי מיט שמוץ און מיט שטויב; דערפאר אבער האבן די סטו-דענטן פון די סעמינארן און אוניווערסיטעטן באוויזן זייער גבורה דער-מיט, וואס זיי פלעגן באפאלן די יידישע קווארטאלן, חרוב מאכן די הייזער און שלאגן די איינוווינער מכות-רצח. די ווארמסער יידן זיינען אזוי געוויינט געווארן צו די דאזיקע „גבורישע מעשים" פון דער ארטיקער שטודירנדיקער יוגנט, אז בעת דער „מעשה נסים" דערציילט וועגן דעם טראגישן חורבן פון ר' אליעזר דעם בעל „הרוקחם" פאמיליע[54], ווערן די קרייץ-טרעגער (מסומנים), וואס האבן דערהרגעט אליעזרס פרוי און

---

53 מיר האבן זיך באנוצט מיט דער אויסגאבע פון 1776.

54 זע אונזער ווערק, ב' II, 96.

זיינע דריי קינדער פארוואנדלט אין סטודענטן. די אלע רדיפות און רציחות ווערן גאנץ אפט באצירט מיט פאנטאסטיש־וואונדערלעכע פרטים. אזוי, א שטייגער, ווערט דערציילט, ווי אין א שרעקלעכער גזירות־צייט (בשעת די קרייץ־צוגן, אדער אין די יארן פון דער „שווארצער מגפה״), בעת די קריסטלעכע באפעלקערונג איז באפאלן און האט חרוב געמאכט די ווארמסער קהילה, האבן די קריסטן פארכישופט א גאנדז, וואס פלעגט אנווייזן אויף יעדן הויז, וווּ יידן האבן זיך באהאלטן, און אויף אזא אופן זיינען כמעט אלע יידן אומגעקומען (מעשה נומ׳ 10). וועגן צרות, וואס קומען דורך כישוף, דערציילן אויך אייניקע אנדערע מעשיות. מעשה נומ׳ 4 דערציילט וועגן א „ריק״ (א לומפ), ווי ער האט דורך כישוף פארפירט א פרומע יידישע טאכטער; דער ראזיקער לומפ האט געלאזט אייננייען אין דעם מיידלס אויבער־ראק א פארכישופטן ליבע־ווארצל, און ווי נאר די אומגליקלעכע יידישע טאכטער האט דעם ראק אנגעטאן, האט זי איר ווילן פארלארן און געטאן אלץ, וואס דער פארפירער האט באפוילן: זי האט ביי איר פאטער די געלט־קאסע אויפגעבראכן, דאס געלט דעם „ריק״ געבראכט און אים זיך איבערגעגעבן. ווי נאר זי פלעגט אבער דעם ראק אויסטאן, איז ביי איר די ליבע צום לומפ, וואס איז נאך דערצו געווען א קריסט, גלייך פארשוואונדן. זי האט ענדלעך פארשטאנען, אז אין איר קליידונג שטעקט א כישוף, איז זי אנטלאפן פון איר געליבטן אהיים א נאקעטע אין איין העמד און דערציילט אלץ, וואס מיט איר האט פאסירט. זי האט תשובה געטאן און מען האט איר חתונה געמאכט מיט אן ארעמען נאר פרומען בחור. אן אנדער מעשה (נומ׳ 22) דערציילט וועגן א סטודענט א מכשף און וועגן א שיינער בת־יחידה „צו דעם שפרונג־ברונן צו ווירמש״. די ווייטערדיקע מעשה (נומ׳ 23) דערציילט די טרויעריקע געשיכטע וועגן חתן־כלה, וואס מען געפינט זיי נאך דער חופה־נאכט אין קעלער פארפאקט אין א פאס. דאס איז געשען — דערקלערט דער פארפאסער — אדער דורך כישוף, אדער אפשר איז דאס א שפיצל פון די סטודענטן. נומ׳ 21 דערציילט וועגן דער „מלכה־שבא אין דעם הויז צו דער זון״. די מלכה־שבא בכבודה ובעצמה באווייזט זיך צו א ווארמסער באלעבאס, איבערדעדט אים דורך כישוף, אז ער זאל וווינען מיט איר, און באשענקט אים דערפאר מיט גרויס רייכטום. אין א צייט ארום איז דעם יידנס פרוי געוואר געווארן פון דעם סוד, אז איר מאן וווינט מיט א מכשפה; די מלכה־שבא פארשווינדט און מיט איר צוזאמען די גאנצע עשירות[55].

55 וואריאנטן וועגן דער דאזיקער לעגענדע זע אויבן ז״ז 201, 202 און אויך אונזער ווערק ב׳ V, ז׳ 191.

נאָר פון אַן אַנדערער שניט איז די ליבע פאָלקסטימלעכע מעשה וועגן דעם שלים־מזל (נומ׳ 20). „עש וואונט איין בעל הבית אין דז הויז צו דר קרונן"; איז דעם דאָזיקן יידן געגאַנגען זייער שלעכט: וואָס ער האָט געטאָן איז געווען שלים־מזל. האָט ער באַשלאָסן די שטאָט צו פאַר־לאָזן, רעכענענדיק, אַז משנה מקום משנה מזל. ער האָט זיך וועגן דעם מיטן רב מיישב געווען, און יענער האָט אים אויך געראָטן, ער זאָל אריי־בערפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט. פאַרנעמט ער ווייב און קינד, מיט זיין אָרעם באַלעבאַטישקייט, זעצט זיי אויס אויף דער פור, און פאַרשליסט די טיר פונם הייזל, ווו ער האָט געוווינט. ווי נאָר ער וויל זיך אריינ־זעצן אין דעם וואָגן, דערהערט זיך אַ שטאַרק געקלאַפעריי אויס דעם הייזל אַן דער אָפּגעשלאָסענער טיר. דער דערשראָקענער באַלע־באָס פרעגט, ווער קלאַפט עס דאָרט, און ער באַקומט גלייך פון דאָרט אַן ענטפער: „שלים מזל איז נאָך, דאָש מוז איך מיט דיר אין דיין ישוב". דערשראָקן און נשתומם זיינען אַלע געוואָרן. וויבאַלד אַזוי, טראַכט זיך דער באַלעבאָס, „ווען שלים־מזל מיט וויל, בלייב איך פיל ליבר היר אין דר קהילה". האָט ער זיין הייזל בחצי חנם פאַרקויפט, באַ־זעצט זיך ביי אַן אַנדערן אין שכנות, און דאָס מזל האָט זיך געענדערט. „אזוי גינג אים ווידר וואול".

בכדי צו געבן דעם לייענער אַ קלאָרן באַגריף וועגן דעם סטיל און מאַניער פון דעם „מעשה נסים", ווי אויך וועגן דער סביבה, אין וועל־כער די דאָזיקע וואונדער־מעשיות זיינען געשאַפן געוואָרן, ברענגען מיר דאָ בשלימות[56] די וואונדערלעכע מעשה וועגן צוויי וואָרמסער בעלי־שמות:

מעשה פון מהר"ר משה ראובן אונ׳ מוהר"ר ליזר בעלי שמות:

איינר וואונט אין וואָרמש אין הויז ווי די שווארצין בערין־שילט אויס הענגט. דער וואר איין קעסטליכר מאַן, איין מורנו רב, ער הייסט רבי ליזר ממשפחות אולמא, ער איז גוועזן דער פאטר פון הפרנס רבי יעקב, מען האָט אים גערופן מיט זיין צו־נאָמען רבי יעקב וויין־שטיין. גשאָך (געשאַ) איין מאָל אויף איין צייט דא דער רבי ליזר בּרייאט נון בחורים צו שלש סעודות מיט אים צו מאַכן אַן שביתות צו נאַכט. די בחורים וואָרן זייער לוסטיג, אונ׳ בּיטן דען רבי ליזר ער זאָלט זיי איין וואונדר מיט שמות מאַכן, דען ער וואר איין גרויסער בעל־שם. ער זאגט: איך מוז האָבן איין קאַן די נאך גאַנץ ניי איז אונ׳ דא נאך קיין דעקיל דרויף איז, גייארט ווי זי דער קאַנין־גיסר געגאָסן האָט, און די נאך ניט געברויכט איז געווארן. די בחורים בראַכטן אַזוי איין קאַן. ער מאַכט מיט זיין

---

[56] אויסלייג — מאָדערניזירט.

שמות דאס די קאן גאר גרוים וואר, און וואר משביע דען יואב בן צרויה, דער דוד המלך זיין יעדנעראל איז געוועזן; דער מוזט צו דער קאן הערוים גיין. צום ערשטן קאם איין פאנצער־הוט ארוים, דערנאך דער קאפף ביז אין די אקסל, דערנאך דאס לייב, אלץ געפאנצערט, און אין זיינר האנט איין גרויסע איזערנע שטאנג. דערנאך קומן די קני אונ׳ די פיס אלץ ארוים אויס דער קאן איז; לאנצום (לאנגזאם) איינציגווייז קאם עס אזוי נאך אינאנדר ארוים אין דאס חדר ווי די בחורים דרינן וואַרן. דאס חדר וואר גרייליך גרוים אונ׳ גאר הויך, דען דער יואב וואר איין גרייליג גרויסר מאן. די בחורים בקומן גרויסע פורכט, דען ער גייט אין דעם חדר הערום, אזוי פיל טריט אלס ער האט געטרעטן, האט דאס גאנצע הויז געשאקעלט דערפון. די בחורים העטן געוואלט דאס זיי קיין קונסט העטן באגערט צו זעען, אונ׳ בעטן דען רבי ליזר ער זאלט דאך מאכן דאס דער יואב ווידר אוועק קום. ער מאכט ווידר מיט שֵמות דאס ער ווידר צו דער קאן היניין שטייגט, אלץ איינציג וויין. נון ווי ער ביז אן די ארעם ווידר דרינן וואר, וואלט ער ניט ווייטר היניין. דעם רבי ליזר קאם זעלבסט איין מורא אן, אונ׳ געדאכט ער (יואב בן צרויה) מעכט זיי ח״ו מזיק זיין. דער רבי ליזר שיקט גישווינד נאך מהר״ר משה ראובן, דער וואר אויך איין בעל שם, ער ווינט אונטער דער שול אין הויז ווי דער שפיגל אויסהענגט. דער רבי משה ראובן זאגט: עס געשיכט אים רעכט! ווארום מאכט ער איין קונסט אונ׳ קאן זי ניט רעכט? לויף געשווינד אונ׳ זאג אים: איך וויל תיכף קומן, אונ׳ ווען איך ווער די שטובן־טיר אויף מאכין אונ׳ ווער ווען היניין געען, אזוי ווערט ער (יואב בן צרויה) פאר מיר דערשרעקן, אונ׳ ווערט אין איין אויגען־בליק אריין לויפן אין די קאן, אונ׳ דאס חדר ווערט ווידר קליין ווערן ווי עס צו פאר איז געוועזן. נון רבי משה ראובן גינג אין דאס הויז. אלזו ווי ער די שטוב־טיר אויף מאכט, לויפט ער ווידער אין די קאן, אונ׳ קאם אויך אלץ ווידר צו רעכט ווי עס צו פאר איז געוועזן. דא האבן די בחורים איין גרויסע שמחה, דאס עס זונדר היזק וואר אפגעלאפן.

אין דעם „מעשה־בוך״ איז דער באליבטסטער העלד ר׳ יהודה חסיד אויס רעגענסבורג, אינם „מעשה נסים״ פארנעמט אויס לאקאלן פאטריאטיזם דעם זעלבן פלאץ ר׳ יהודה חסידס תלמיד, דער ווארמסער תושב ר׳ אליעזר דער בעל „הרוקח״. דערציילט דער „מעשה נסים״ זיינע גרויסע שבחים און באשרייבט, ווי אזוי ר׳ אליעזר פליט ערב־פסח אויף א וואלקן לשם מצווה קיין שפאניע צום רמב״ן; דער שר פון דער שטאט פארהאלט אים אין א גאס וווהין יידן איז שטרענג פארבאטן צו גיין, און איז אים דן לשריפה. דער „רוקח״ מאכט אבער א שם, און

אויף דעם שייטערהויפן ווערט פאַרברענט אָנשטאָט אים דער שר. פון דער שטאָט, וואָס איז אַ גרויסער רשע. און ר׳ אליעזר בלייבט אַ לענגערע צייט ביים רמב״ן און באַקענט אים מיט די מיסטישע סודות, וואָס זיינען באַהאַלטן אין דער תורה [57].

צווישן די ווונדערלעכע מעשיות, וואָס זיינען צונויפגעזאַמלט אין דעם „מעשה נסים״, פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט אַ ריין־רעאַליסטישע געשיכטע וועגן אַן ערל, וואָס האָט געוואָלט זיין קינד די יידן פאַרקויפן אויף מצות פאַר פסח. די דאָזיקע מעשה האָט אַ גאַנץ באַשטימטן עטנאָגראַפישן אינטערעס, און עס איז כדאי באַקענען דעם לייענער מיט איר אינהאַלט: אַן ערל קומט צו אַ יידישן באַלעבאָס אין וואָרמס און זאָגט: „ער האָט איין קינד פון פינף אדער זעקס יאָר, דאָס קינד וואָלט ער גערן אַן יהודים פאַרקויפן, דען ער האָט געהערט דאָס די יהודים מוסטן דַם ערלים האָבן, ער ווייסט געווים דאָס מאַן פיל דם פון דעם קינד קריגן קענט״. דער יהודי זידלט דעם ערל; ער רופט אים „שעלם אונ׳ דיב״, פאַרוואָס זיר טוט אַזוינס אויף די יהודים רעדן. דעם אַנדערן טאָג קומט אָבער דער ערל ווידער, און זאָגט דעם יהודי: „דו האסט מיך געסטרן אָפּגעוויזן אונ׳ מיר נאָך בייזע רעד דער צו געבן, אבער איך וויים דאָס וואויל, דאָס עס איז אמת, דו האסט דיך פאַר מיר ניקש צו שייַען (מורא האָבן): דו מייַנגסט מיר וואָל אַלץ גלויבן, דש דאַרפסט ניקס צו זאָרגן, איך ווער קיינעם ניקש זאָגן, עס שטונד מיר יא חיות דרויף, ווען מאַן וואָלט געוויר ווערדן, דאָס איך מיין קינד זאָלט זא צו פאַרקויפן און זאָלט עס אום געלטס האַלבן לאָזען טייטן״. וואָס דער יהודי טענהט, דער ערל לאָזט זיך ניט אָפּווענדן, „אונ׳ ער לאָזט דען יהודי קיין מנוחה״. דער יהודי גייט דאַן צו די פרנסים אַן עצה פרעגן. זיינען די פרנסים גלייך אוועק אין שטאָט־מאַגיסטראַט און דערציילן די גאַנצע מעשה פאַר די יועצים (ראַטמענער). „די יועצים פאַרזאַמלטן זיך אונ׳ האַלטן איין עצה דריבער וואָס זי דאָ צו טוען זעלטן״. איז געבליבן אַז צוויי „ראַטהערן״ זאָלן זיך פאַרקליידן פאַר פרנסים, מיטנעמען מיט זיך צוויי באַדינטע אויף אָנגעטאָן אין קליידער פון יידישע שמשים, און גיין זען „וואָס הינטער דעם ערל שטעקט״. די פאַרקליידטע צוויי יועצים זעצן זיך צוזאַמען מיט די פרנסים אין קהל־שטוב, זייערע צוויי באַדינער שטייען אָנגעטאָן אין קליידער פון שמשים אונטער דער טיר און מען שיקט נאָך דעם יהודי, אַז ער זאָל נאָך דעם ערל גיין, יענער זאָל זיין קינד אויפן קהלס־שטיבל

[57] די דאָזיקע לעגענדע איז שוין פאַרשריבן געווען בלויז איין דור נאָכן בעל „הרוקח״, נאָך ביים רטב״נס לעבן, דורך דעם מקובל ר׳ יצחק בן יעקב (זע „מדעי היהדות״, וו, 1927, ז׳ 254).

ברענגען, אויב ער וויל ווירקלעך זיין קינד פארקויפן. „דער יהודי פאר־ ריכט זיין שליחות", און דער ערל קומט באלד מיטן קינד פאר די פרנסים און די צוויי פארשטעלטע יועצים. דער ערל מיינט, נאטירלעך, אז די צוויי יועצים זיינען אויך פרנסים. די צוויי יועצים באשווערן דעם ערל ער זאל למ"ה „מויל האלטן", און זאל קיינעם ניט דערציילן וועגן זיינע אונטערהאנדלונגען מיט יהודים. יענער טענהט ווידער: „ווי דארף איך עטוואס זאגן, איך ווער דאך אין איין גרעסערער סכנה זיין, אלס איר יידן מיט אינאנדער, ווייל איך מיין אייגן קינד פארקויפן וויל צו טייטן און זיין דם אפצוצאפן". נאכדעם ווי די יועצים האבן זיך מיט דעם ערל אויסגעגלייכט וועגן דעם סכום, וואס ער וויל פאר זיין קינד, זאגן זיי צו אים: „מיר טייטן קיין מענשן, נעם איין שנור אונ' בינד דיין קינד הענט אונ' פים אונ' שעכט עס; דען עס מוז געשאכטן זיין, זונסט אין עס אונז ניקש". דער ערל איז דערויף אויך מרוצה. מען ברענגט א זויבערן קעסל „אום דאס בלוט דרינן אויף צו פאנגען, אונ' לאזן זיך דאס בהמות שעכט־מעסר ברייננן". אין דעם מאמענט, ווען דער ערל נעמט דאס שעכט־מעסער אין דער האנט און איז שוין גרייט זיין אייגן קינד צו שעכטן, „דא רופטן די צוויי יועצים אירע צווי באדינטע, די באדינטעווארפטן אירע שווארצע מאנטל אונ' די ברייטע הויב (קאפ־ מיצן) אב, אונ' טוען אן אירע רויטע מאנטל מיט אירע הוט אויף, אונ' גריפטן דען ערל מיט מאכט". „אונ' די יהודים האבן גרויס כבוד, דאס זי דאס צו קענען האבן געבן, אונ' דאס קינד האבן די יועצים אין דאס וייזן־הויז (יתומים־הויז) געטון. אבער דען ערל וואס מאן שטראפן מיט שווערע מיתות. אזוי זאל עס אלע רשעים אויסגען, אבער כל ישראל אונ' אלע פרומע לייט זאל עס וויל גען, אונ' השם יתברך זאל אונז ווייטער קיין לייד מער לאזן דערלעבן, אמן".

אזוינע ריין־רעאליסטישע מעשיות פלעגן גאנץ אפט געדרוקט ווערן אין באזונדערע אויסגאבעס אין פארם פון קליינע פאלקס־ביכלעך. א סך אזעלכע מעשיות זיינען אימפארטירט געווארן אויס דער פרעמד, נאר דערלאנגט געווארן דעם יידישן לייענער אין א כשר יידישן לבוש. אויף אזא אופן איז אויך אריינגעדרונגען אין דער יידישער גאס א געוויסע צאל נאוועלן אויס באקאטשיאס „דעקאמעראן", נאכדעם ווי דער עראטי־ שער עלעמענט איז זארגזאם צוגעדעקט געווארן מיט א געדיכטן צניעות־ דיקן מאנטל. מיט דעם דאזיקן רעאליסטיש־דערציילערישן שטאף האבן אבער מיט גרויס דערפאלג קאנקורירט פאנטאסטישע מעשיות און ווונ־ דערלעכע לעגענדעס, וואס מיט זיי האט די פאלקס־פאנטאזיע באקרוינט אירע באליבטע נאציאנאלע העלדן. ווי מיר האבן שוין אנגעוויזן אין

אָנהייב פון דעם דאָזיקן קאַפּיטל, האָבן פריער די דאָזיקע לעגענדעס גע-לעבט אויסשליסלעך אין מויל פון פאָלק, געוואַנדערט פון דור צו דור; איצט זיינען זיי אין דער פאָלקס-ליטעראַטור אַריינגעדרונגען, מען האָט זיי אין ספּעציעלע זאַמלביכער געדרוקט, ווי, צום ביישפּיל, דער „כּבוד חכמים", וווּ עס ווערט גלייך אויפן שער־בלאַט דערקלערט, אַז „אין דעם ספר שטייט וואונדערליכע מעשיות פון דעם רמב"ם מיט רש"י, מיט דעם אבן־עזרא, מיט דעם רמב"ן, און עס שטייט דרינען דער כּבוד וואָס די ישׂראל האָבן געהאַט אין יענע צייטן אַפילו צווישן די אומות, בשעת אַז צווישן זיי איז געווען ראשי ישיבות". עס פלעגן אויך גע־דרוקט ווערן אין באַזונדערע ביכלעך איינציקע וווּנדערלעכע מעשיות וועגן אַ גרויסן צדיק אָדער חידושימדיקן בעל־נס, און עס פלעגט דערביי ניט זעלטן טרעפן, אַז אַ היסטאָרישע רעאַלע פּערזענלעכקייט באַקומט גאַנץ פאַנטאַסטישע פאָרמען, ווערט איבערגעטראָגן אין אַ גאַנץ אַנדער תּקופה און לעגענדאַרער סביבה. טיפּיש איז אין דער הינזיכט דאָס מעשה־ביכל „ספר עמנואל" מיט פאָלגנדיקן שער־בלאַט: „איר ליבה לייט, נעמט די מעשה אייך אין אכט, דען איך האָב זיא מעתיק געוועזן פון לשון הקודש אויף טייטש צו וויסן זויא השם יתברך נעמט גערן אן דיא תּשובה פון די לייט, און טוט קיינם ניט פאַרשעמען. ווען ער תּשובה טוט מיט גאַנצן הארצן הײלט אים השם יתברך אלי זייני שמארצן. ווי דעם עמנואל איז געשעהן ווערט איר לייאנן אין דער מעשה, דרום איר ליבה לייט טוט לויפן און דאָס ביכל קויפין, בזכות זה יבוא לציון גואל אמן".

עס ווערט דערציילט וועגן רבי ישמעאל כּהן גדול, וואָס „האָט כּל סודות התּורה געלערנט מפּי מלאך, און מיט שמות איז ער גיגַנגן אין הימל". דער דאָזיקער כּהן גדול „האט איין זון גיהאט ער האט גיהייסן דניאל און אויף דער עלטר הָט ער גיהאט נאך איין זון הָט ער גהייסן עמנואל. נוא וויא דיא מוטער אין טראגן גווארן מיט דעם קינד, אזוי איז דער פאטער רבי ישמעאל געשטארבן, אז וויא די מוטער הָט אים גהאט אזו איז דיא מוטער אויך גשטארבן. אזוי איז ער גבליבן איין יתום. אזוי האט אים דר ברודר דניאל אויף־גצוגן צו גוטן, אָבר דער עמנואל הט אים ניט גוואלט פאלגן, און איז נאך גגאנגן מעשה נערות... לסוף ער איז אלט גיווארין צוועלף יאר און הָט קיין דאווינן און קיין חומש נקענט".

דערנאָך ווערט דערציילט, ווי צו עמנואלן איז אַמאָל דער פאָטער געקומען צו חלום און אים געשטראָפט, פאַרוואָס ער לערנט קיין תּורה ניט — דער מענטש איז דאָך דערצו באַשאַפן געוואָרן תּורה לערנען און מצוות טאָן. עמנואל איז מרוצה חוזר בתּשובה צו זיין, און דער פאָטער איז אים מבטיח, אַז זיין תּשובה וועט אָנגענומען ווערן ביי גאָט און ער וועט

זיין א גרויסער תלמיד־חכם. צומארגנס איז עמנואל אויפגעשטאנען „ווי־ נאר איין אנדער בריה", און בעט ביים ברודער, יענער זאל אים ארויס־ געבן א תשובה. מען איז עמנואלן מטהר ווי א מת, טוט אים אן תכריכים און מען לייגט אים אריין אין ארון; ווי מען וויל אים אין מויל ארייג־ גיסן א לעפל געשמאלצן בליי, געשעט א נס: דאס געשמאלצענע בליי ווערט פארוואנדלט אין האניק. דאס איז געווען א סימן, אז די תשובה, וואס ער האט געטאן בכוונה און מיטן גאנצן הארצן, איז פון גאט בא־ וויליקט געווארן (א ווייטער אפקלאנג פונם טאנהייזער־מאטיוו). עמנואל ווערט א גרויסער למדן און פרומער צדיק. איינמאל האט עמנואל שטארק תפילה געטאן און געבעטן ביי גאט, ער זאל זוכה זיין ביי זיין לעבן זען זיין חלק עולם־הבא און דעם ברודערס חלק. האט זיך דערהערט א בת־ קול: „אז דו וועסט פאסטן פערציק טעג און יעדן טאג האבן ניין און פערציק טבילות, אזוי וועסטו האבן דיין באגער". ער האט אזוי געטאן. און אויפן פערציקסטן טאג, בעת ער איז אויפן פעלד געווען און תפילה געטאן, אזוי פאלט ער אויפן פנים און ווערט אנטשלאפן. „אזוי שיקט אים גאט דניאל איש חמודות, און יענער זאגט צו עמנואלן: שטיי אויף און עפן דיינע אויגן, דו וועסט זוכה זיין זען מער ווי די לייט, וואס זיינען געווען פאר דיר". און עס ווערט גאנץ בפרוטרוט דערציילט, ווי אזוי דניאל איש חמודות, דער געטלעכער מאן, האט עמנואלן דורך אלע מדורי־גיהנום געפירט און דערנאך אים באוויזן דעם גן־עדן התחתון והעליון. ווי נאר איר הייבט אבער אן צו לייענען די באשרייבונג, וואס און וועמען עמנואל האט אין גיהנום געזען — דערקענט איר גלייך פון וואסער קוועלע דאס שטאמט: דאס איז דאך א פאראפראזע פון עמנואל רומים „התופת והעדן"[68]. דאס איז ער, דער גייסטרייכער וויצלינג, דער פרייז־ עכער דיכטער פון ליבע און ליידנשאפט, דער „היינע פון מיטל־ עלטער", מגולגל געווארן אין דעם כהן גדולם א זון, א בעל־תשובה. דעם טאלאנטפולן דיכטערס העברעישע פאעמע — אן אפקלאנג פון דאנטעס „געטלעכע קאמעדיע", ווערט אויסגענוצט אלס בוי־מאטעריאל פאר א טיפיש יידיש מעשה־ביכל מיטן שטארק אונטערגעשטראכענעם פרומען מוסר־השכל...

---

68 א ווערטלעכע יידישע איבערזעצונג פון עמנואל רומים פאעמע איז דערשינען אין פראג ארום 1660—62 (זע מ. עריק, „געשיכטע" 333).

אכטער קאַפּיטל

מוסר־ספרים אין פֿאָרם פֿון מעשׂה־ביכער. — אלחנן קירכהאַן און זיין „שמחת הנפש". — קירכהאַן און זיין אייגנאַרטיקער סטיל — קירכהאַן אַלס דערציילער. — דער „קב הישר" און דער „שמחת הנפש". — אברהם בן יחיאל־מיכל און זיין „ברך אברהם". — די דיני שלחן ערוך אויף יידיש. — דער פּראָטעסט פֿון די רבנים — דער קאַמף פֿאַר יידיש. — דער פּראָטעסטצער רב יחיאל־מיכל עפּשטיין אַלס יידישיסט. — רבנים אַלס קענער פֿון פֿאָלקס־ביכער. — אַ קאָנפֿליקט פֿון אינטערעסן. — דער בעל „עשרים וארבע" וועגן דער שפּראַך־פֿראַגע. — בילה פּערל און איר מאַנס חיבור „באר שבע". — משה פֿראַנקפֿורט אַלס קעמפֿער פֿאַר יידיש. — אהרן בן שמואל אויס הערגערסהויזן און זיין „ליבליכע תפילה". — דער באַטייט פֿון אהרן בן שמואלס ווערק. — דער פּעס פֿון די רבנים. — אהרן בן שמואלס סידור אין חרם.

מיר האָבן אין פֿאַריקן קאַפּיטל געזען, ווי אַזוי דער פֿרומער מוסר־השׂכּל, וואָס פֿלעגט דורכוועבן דאָס רוב מעשׂה־ביכלעך, האָט אין אַ געוויסער מאָס אָפּגעווישט די גרענעץ צווישן די, זינט דעם סוף 16טן י"ה, שטאַרקסטע צוויי שטראָמען אין דער יידישער ליטעראַטור: מעשׂה־ביכער און מוסר־ספרים. און עס טרעפֿט טאַקע גאַנץ אָפֿט, אַז דעם ליטעראַטור־פֿאָרשער איז ניט לייכט צו אַנטשיידן, צו וועלכער גאַטונג דאַרף ער פֿאַררעכענען דאָס אָדער יענץ ווערק: צו די מוסר־ספרים, אָדער אפשר גאָר צו דער דערציילערישער ליטעראַטור. מיר וועלן זיך דאָ אָפּשטעלן אויף איינעם פֿון אַזעלכע ווערק; אמת, אויף איינעם פֿון די טיפּישסטע און אינטערעסאַנטסטע — אויף דעם אין זיין צייט אַזוי פּאָפּולערן און באַליבטן „שמחת הנפש" פֿון אלחנן הענלה ב"ר בנימין וואָלף קירכהאַן.

געבאָרן אין אַ קליין העסענער שטעטעלע קירכהאַן (לעבן מאַרבורג) אין די פֿופֿציקער יאָרן פֿונם 17טן י"ה[1], האָט אלחנן קירכהאַן אין די יונגע יאָרן געוואַנדערט איבער פֿאַרשיידענע לענדער; געווען אין האָ־

---

[1] געשטאָרבן: נאָך 1731.

לאנד און פוילן[2], דארט האט ער חתונה געהאט פאר דעם בעל „קב הישר״ס״ טאכטער; האט פארבראכט א שטיק צייט אין קיידאנאוו[3], דער־נאך צוריקגעקומען אין זיין געבורטס־שטאט און דארט פארבראכט זיין גאנץ לעבן. ער האט געשריבן א גרויסן פירוש אויף תורה און דער פאר־פאסער גופא אטעסטירט אפילו דאס דאזיקע ווערק אלס „איין שיינעס חיבור״[4], אבער ניט דערמיט האט ער זיך קונה־שם געווען, נאר מיט זיין הארציקן „שמחת הנפש״, וואס איז דערשינען אין 1707.

ערשט מיט א יאר פריער איז דערשינען זיין שווערס מוסר־ספר „קב הישר״; דער „שמחת הנפש״ ציטירט אפילו ניט זעלטן דעם צבי הירש קיידאנאווערס ווערק, עס איז אבער ממש צו שטוינען, ווי גרויס ס׳איז די דיסטאנץ צווישן די דאזיקע צוויי מוסר־ספרים. דער בעל „קב הישר״ וויל אנווארפן אן אימה אויפן לייענער, מיט דער בייטש פון ווילדן פחד און שרעק טרייבט ער אים אויפן דרך פון תשובה און יראת שמים; דער גוטהארציקער אלחנן קירכהאן טראכט אבער קודם־כל וועגן — שמחת הנפש. ער דערקלערט גלייך אין אנהייב פון זיין ספר, אז ער וועט ברענגען „פיל לויטערע ראיות דען מענשן צו וויזן דש ער ניט זארגן זאל... דען ווערט זיין שמחה גאר גרויש זיין... דרום האב איך דש ספר איין נאמען גינעבן שמחת הנפש... ווער דא ווערט לייאנן דיא רפואה, ווערין זיך זיין זארג פון אים אבטון... ווערט איר גיפינדן גרושי נחמות אונ׳ לויטר ראיות צו וויזן דעם בן־אדם דז ער זיך אין קיינרלייא זאך זאל מצער זיין. דען אליש וואש דעם מענשן צו קומט, דש אלש פון גאט אונ׳ איז אים אלש לטובה״. דער עניוותדיקער בעל „שמחת הנפש״ האלט פאר נייטיק גלייך אויפמערקזאם מאכן דעם לייענער: „ניט מיינט איך האב עפים נייעם ממציא געוועזן, נייערט אלץ וואש אין אונזרי ליבה תורה שטייט״. און אין אן אנדער שטעלע ווייזט ער ווייטער אן: „ניט מיינט אז איך עפעש שטראף אונ׳ מוסר ודינים אויש מיינם קאפ שרייב. איך בין פיל צו גרינג דאצו, בין איין שלעכטער (פשוטער) מאן, מיין שרייבן איז איין מלאכה אונ׳ ווייניג חכמה דאביי, נייארט אלע מוסר ודינים וואש אין אונזר הייליגר תורה שטעט, — ווער ווערט אזו איין

[2] קירכהאן גופא דערציילט אין זיין „שמחת הנפש״: „איך נעהאונט האב במדינות פוילין״.

[3] דער בעל „שמחת הנפש״ דערציילט: „חי מיין מוטר ע״ה הצנועת מרת עהלת געשטארבן, האב איך גזעהן בק״ק קאיידנב אין חלום חיא מן האט ארויש גטראגן אויף איין מטה און אדוני אבי תאריך ימיו האט גוויינט אונ׳ בטרויארט״. דארט דער־ציילט אויך דער מחבר אגב אורחא, אז ביי אים איז געשטארבן א זון משה.

[4] זע „שמחת הנפש״, חלק שני, דף כ״ב.

רשע זיין אונ' די תורה ניט האלטן... דרום בעט איך דעם עולם ניט פאר אום גוט צו נעמן: אלש דש ספר שרייב איך ניט אויש מיין קאפ, שטייט אלש אין אונזר תורה; נייארט צו אַנַנדר גישטעלט עטוואש דעם עולם צו דער מאנן, דער מענש זאל בדענקן אונ' דעם אמת דערקלערן".

דער עניו אלחנן קירכהאַן איז טאַקע אפשר גערעכט, ווען ער שרייבט, אז ער איז גאָרניט מחדש און טראַכט גאָרניט אויס „אויס זיינם קאפ"; עס איז אָבער געווים ניט ריכטיק, ווען ער פאַרזיכערט, אז ער האָט גאָרניט „ממציא געוועזן", און זיין שרייבן איז פשוט „אַ מלאכה". אין יעדן בלעטל פונם „שמחת הנפש", אין דעם אַרט איבערדערציילן פילט זיך קירכהאַנס היים ליבנדיק האַרץ, זיין אייגנאַרטיקער סטיל און נוסח. און טאַקע אין דעם ליגט דער סוד פון דעם אויסטערלישן חן, וואָס איז אויסגעגאָסן איבער דעם דאָזיקן ספר, און וואָס ס'האָט אַזוי שטאַרק צוגעצויגן צו זיך די דאַנקבאַרע הערצער פונם פשוטן עולם.

אַ בן־דור פונם בעל „קב הישר" און דעם בעל „שבט מוסר", איז אויך אלחנן קירכהאַן שטאַרק פאַרגלויבט אין שדים און מחבלים, און ווייס וועגן כל המיני מעשים, וואָס ווערן אָפּגעטאָן דורך כישוף, רחמנא ליצלן. ער ווייס אויף זיכער, אז „די שדים זכרים האָבן האָר אויף אירע קעפ, און די שדים נקבות האָבן קיין האָר אויף אירע קעפ". ער דערציילט וועגן אַ אישה, וואָס „אַ שד האָט זיך צו איר באַהעפט", דערמאָנט די מעשה וועגן דעם גאָלדשמיד אוים פויזן, וואָס דער „קב הישר" דערציילט וועגן אים[5]; ער פאַרזיכערט, אז ער „האָט גיקענט איין קינד בק"ק טשאָכאָטשאָב פון דריי יאָר, האָט עס גיזאגט גרוישי סודות התורה און האָט אליין ניט געוואושט וואש עס זאגט". ער איז אַ פייערדיקער חסיד פון ר' יצחק לוריא (דער אר"י) און דערציילט פיל וווּנדער וועגן אים. ער וואָרנט דעם לייענער: „הש"י האט גרוישן צער ווען דר מענש זינדיגט, דען דר מענש איז בשאפן גוואָרן בצלם אלהים, ווען ער זינדיגט מאכט ער איין גרוישע פגימה, ווידר אַרום — ווען ער איין מצוה טוט גיבט ער כוח אין די עולמות און ברינגט גרוישע שפע אויף דער וועלט גלייך ווען איינר אן איינער לאַנגי קייט רירט, ווען אונטן אן ענד שאָקלט, רירט זיך די קייט אויבן". „דרום — פירט אויס דער בעל „שמחת הנפש" — לאָשט אייך ניט פאַרפירען פון יצר הרע!"

ער ווייס, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע שטראָף עס וואַרט אויפן מענטשן ווי נאָר יענער לאָזט זיך פאַרפירן פונם יצר־הרע. „פיל איז דער פון

[5] זע אונזער חערק, ב' V, ז' 191

צו שרייבן״, ווייזט אָן דער פּראָפעסאָר. פּיל, מיט די קלענסטע פּרטים, שרייבן טאָקע וועגן דעם אַלץ דער „קב הישר״ און דער „שבט מוסר״, דער גוטמוטיקער אַלחנן קירכהאַן פליסט זיך אָבער וואָס ווייניקער וועגן דעם צו ריידן, ער וויל ניט אָנוואַרפן קיין מורא אויף זיינע לייענער. ניט מיט אַ ירגזון און מיט פּחד וויל ער דעם עולם אַרויפפירן אויפן דרך הישר, נאָר מיט ווייכע און האַרציקע דברי־מוסר, מיט שיינע, דאָס האַרץ דער־קוויקנדיקע מעשיות און משלים. „מעשה, איין מלך״ — אָט דערמיט הייבט זיך אָן דער „שמחת הנפש״; און נאָך דער מעשה גייט גלייך אַ משל מיט אַ מוסר השכל אין נאַיוו־ליבלעכן, אמת פאָלקסטימלעכן נוסח. קומט אָבער אויף אַ מענטשן אַ צרה, זאָל ער ניט מיינען, אַז ער איינער לעבט אין צער. „עס איז קיין מענטש אין דער וועלט — ווייזט אָן קירכ־האַן — דער ניט צרות דערלעבט האָט״. און גלייך ברענגט דער „שמחת הנפש״ די אין דער העברעיִשער מיטלעלטערלעכער ליטעראַטור פּאָפּו־לערע מעשה וועגן דער צוואה, וואָס אַלכּסנדר מוקדון האָט איבערגעלאָזט פאַר זיין מוטער; און דערנאָך גייט אויך דעם פּראָפעסאָרס מוסר־השכל: „די וועלט זיי געגליכן צו איינער לאַטיר (לייטער), איינער גייט אַרויף, דער אַנדרר גייט אַרונטער, דער שטערבט — דער אַנדרר ווערט געבוירן, דער טוט פיל געווינען, דער אַנדרר האָט פיל פאַרלוירן, איינער האָט באַרויט (באַרויִקט) לעבן, דער אַנדערער טוט אין דער וועלט אַרומשוועבן, אײנר איז געאַכפּערט און געערט, דען אַנדערן רעכענט מען פאַר ניקס ווערט, אָבער אַרעם אָדער רייך, איז ביי גאָט אַלס גלייך״.

דער מענטש איז אַזוי בלינד; טרעפט עפּעס מיט אים אַ צרה, איז ער אויסער זיך פאַר עגמת־נפש, און ער ווייס ניט און פאַרשטייט ניט, אַז אַלץ איז נאָר צו גוטן, עס פּאַסירט רק פון זיין טובה וועגן. און גלייך דערויף גייט אַ מעשה מיט ר׳ עקיבאַן, וואָס פלעגט שטענדיק זאָגן, אַז אַלץ, וואָס גאָט טוט צושיקן, איז אַלץ לטובה: „אַמאָל איז ער (ר׳ עקיבא) גרייזט אונטער וועגן, האָט ער ווילן איבערנעכטיגן אין איינער שטאָדט, האָט מען אים קיין הערבערג (אכסניה) ווערן געבן, האָט ער געזאָגט: דאָס איז אויך צום גוטן, און האָט נעכטיגן אין איין וואַלד, און האָט מיט זיך געהאַט איין אײזל און איין האָן און איין ליכט. אַזוי איז איין לייב געקומען און האָט דען אײזל אויפגעגעסן, דערנאָך איז איין קאַץ גע־קומען און האָט דען האָן אויפגעגעסן, און איין ווינט האָט דאָס ליכט אויס־געלאָשן. זאָ האָט ער געשפּראָכן: דאָס איז אויך אַלץ לטובה. די זעלבּיגע נאַכט זענען בעלי מלחמות קומען און האבן די שטאָדט געפּלינדערט, און האבן די לייט געפאַנגען גענומען; האָט ער שבח געגעבן־צו גאָט, אַז ער איין נס האָט געטאָן און איי אַלץ לטובה געוועזן. ווען איך ווער אין דער

שטאָט געבליבן, ווער איך אויך געפאנגן געוואָרן און ווען דער אֵיזל אדער דער האָן העטן געשריען און דאס ליכט העט געברענט — העטן די גלזנים געזעהן און געהערט וואו איך בין; זאָ האט מיך גאט מציל געווען״. און צום סוף גייט דער מוסר-השכל: „דרום, בן אדם, לעג דיין טרויערן און דאגות אויף אַ זייט, און נעם אַלץ פאר ליב וואס גאט צושיקט״.

און איין מעשה ציט זיך ביים בעל „שמחת הנפש״ נאָך דער אנדערער. „מעשה, איין איש חשוב אין בבל דער האט זיינעם זון חתונה געמאכט און האט איין מעכטיגע סעודה געמאכט פאר די תלמידי חכמים. אזוי האט ער דעם חתן געהייסן ער זאל אויף דעם בוידם גען און זאל פון גוטן וויין דערלאנגען צו. זוי איז דער זון אויף דעם בוידם געגאנגען, האט אים איין שלאנג געביסן און איז געשטארבן. נון דעם פאָטער איז די צייט לאנג געווארן, און איז גאנגן צו זען וואו דער זון בלייבט, האט ער אים געפונדן טויט ליגן. אבער ער האט שטיל געשוויגען ביז די תלמידי חכמים האבן אפגעסן און געטרונקען און האבן זיך לוסטיג געמאכט. נון ווי עס איז געקומען צום בענשן האט ער צו די תלמידי חכמים געזאגט: ניט מיינט אלס איר זאלט שבע ברכות בענשן, ניט מיינט אלש איר זייט קומען מיין זון אונטער דער חופה צו פירען, נייערט אויף דעם קברות אים ארויס צו טראגען״...

באזונדערס טיפיש איז אויף וואָס פאר אַן אופן דער בעל „שמחת הנפש״ טוט איבערדערציילן די באקאנטע מעשה אוים דעם מדרש וועגן ר׳ מאירס צוויי קינדער, וואָס זיינען אום שבת אין ברונעם ארייגעפאלן און דערטרונקען געוואָרן. ר׳ מאירס ווייב, די פרומע ברוריה, האָט ניט געוואָלט דעם שבת פארשטערן, האָט זי דערפאר, ווען ר׳ מאיר איז אוים דער שול געקומען, אים וועגן דעם אומגליק ניט דערציילט; זיי האָבן זיך געזעצט עסן און טרינקען און ערשט נאָכן עסן ווענדט זיך ברוריה צו איר מאַן מיט דער פראגע: „מיין מאַן, איינער האָט מיר צוויי גאָלדגולדן אויפצוואָרן געגעבן, אצונד קומט ער און וויל זיי צוריק באַקומען, זאל איך זיי אים ווידער געבן, אָדער ניט?״ האָט ר׳ מאיר צו איר געזאָגט: „פשיטא, דארפסט אים מיט פריידן דאָס זייניקע ווידער געבן!״ האָט זי דאַן געזאָגט צום מאַן: „דיינע צוויי קינדער זיינען אין ברונען געפאלען און זענען געשטאָרבן. גאָט האָט זיין פקדון ווידערגענומען״. דערמיט ענדיקט זיך די מעשה אין דעם מדרש; דער גוטהארציקער קירכהאן וויל אָבער ניט זיינע פרומע לייענער מצער זיין, ער וויל זיי זאָלן „שמחת הנפש״ האָבן, פארענדיקט ער די מעשה בכי טוב: „אזוי האָבן זיי (ר׳ מאיר און זיין ווייב) געוואַרט ביז שבת אויסגעגאַנגען איז, און האבן שבת מכבד געווען און זיך ניט מצער געוועזן, האט זיי גאט

איין נס געטאָן: ווי מען זיי האָט וועלן מוציא שבת אַרויסנעמען, האָבן זיי נאָך געלעבט בזכות ווייל זיי עס האָבן אַזוי בשמחה אָן גענומען פון גאָט. נון קאָן מען זען איין גרויסע זאַך איז ווער פון גאָט אַלס בשמחה אָננעמט״.

דער בעל „שמחת הנפש״ איז טאַקע ניט קיין מחדש, די אַלע מעשיות און משלים זיינען טאַקע ניט אויסגעטראַכט „אויס זיינעם קאָפּ״, ער האָט זיי גענומען פון עלטערע קוועלן. אלחנן קירכהאַן פּאַרמאָגט אָבער אַ זעלטענעם כּשרון איבערדערציילן אויף זיין אייגענעם שטייגער; יעדע אַלט־באַקאַנטע מעשה באַקומט ביי אים אַ גאַנץ נייעם לבוש, שימע־רירט מיט אייגנאַרטיקע פאַרבן. בכדי דער לייענער זאָל האָבן אַ באַגריף וועגן קירכהאַנס אייגנאַרטיקן סטיל, איז כּדאי זיך אָפּשטעלן אויף דער באַקאַנטער, ביי אַלץ פעלקער פאַרשפּרייטער מעשה, וועגן דעם מנהג, וואָס איז געווען איינגעפירט אויף אַ וויטן אינזל, ווו די איינוווינער פלעגן יעדעס יאָר קלויבן פון דער פרעמד אַ נייעם מלך[6]. די דאָזיקע נאַיִוו־פאָלקסטימלעכע מעשה באַגעגענען מיר שוין אין דעם „חובת הלבבות״[7]; אין אַ נייעם לבוש האָט זי אָבער דער בעל „שמחת הנפש״ איינגעהילט, ביי אים באַקומט זי אַ גאַנץ אַנדער נוסח:

משל, איין מדינה איז גוועזן זי האָבן קיין מלך גענומן דער איין חשוב איז, נייאַרט איר מנהג איז גוועזן ווען זי האָבן נייטיג געהאַט איין מלך, אַזוי האָבן זי אויז גשיקט רייטערש די האָבן גערייזט ביז זי האָבן אָן געטראָפן איין בעטל־מאַן דער גאַר צוריסן איז געגאַנגען און האָט ניט איין שוה פּרוטה זיין אייגנס געהאַט. אַזוי האָבן זיי דעם זעלביגן בעט־לער איין שלאָף־טראַנק איין געגעבן און האָבן אים אין שלאָף גענומען און זענען מיט אים אין איר מדינה גריטן און האָבן אים אָפּגעוואַשען און געשמירט מיט גוטע געשמאַקע אייל און בשמים און האָבן אים אין שטאָט אַריינגעבראַכט און האָבן אים אין איין בעט אַריין געלעגט, ווי עס געבירט צו איין מלך. דרינען האָט ער געשלאָפן; זאַלכעס האָט געווערט דריי טאָג און ער האָט פון אַלעם נישט געוואוסט ווי אים געשעען איז. דערווייל האָט מען זיינע וואַכען געשטעלט אין אַלע טויערן און טירן, און כּל שרי המלוכה האָבן אויפגעפּאַסט אים אויפצוּוואַרטן, ווען ער אויף וועט וואַכן, אויך זיינע עבדים ומשרתים. נון ווי ער איז אויף געוואַכט געוואָרען, זענען צו אים געקומען כּל שרי המלוכה און זיינע

---

6 דעם דאָזיקן סיזשעט האָט אויף אַן אייגנאַרטיקן אופן אויסגענוצט דער באַקאַנטער דייטשער דיכטער גערהאַרד האופּטמאַן אין זיין פּיעסע „שלוק אונד יאַו״.

7 זע אונזער ווערק, ב׳ ו, 167—169.

עבדים ומשרתים און האבן זיך בורעים ומשתחוים קעגן אים געווען, און האבן אים געפרעגט וואס ער פארלאנגט. ווי ער זעלבסט זעעט אזוי איז אים איין גרוים וואונדער, און גדענקט זיך (טראכט זיך): וואס איז דאס? ווי קום איך אין דען בעט אריין? בין איך איין מלך? איך בין דאך איין בעטלער געווען, און האב די וועלט ארום געשנאָרט! און איז אים א גרוים וואונדר געווען. אזוי איז ער זיך מישב: דאס איז ניט אנדערש איך בין איין מלך און בלייב איין מלך; אי איך בין דאך איין בעטלער געווען. דאס זעלביג איז איין חלום געווען, עס האט מיך אזוי געחלומט, איך ווער איין בעטלער, און בלייב אזוי איין מלך. נון אלע דריי יאר איז דער מנהג געווען ביי דער מדינה האבן זיי איין אנדערן מלך גענומען, און דעם ערשטן מלך האבן זיי אים ווידער איין שלאף-טראנק איינגעגעבן, און האבן אים ווידער זיין בעטל-קליידער אנגעטאן, און האבן אים ווידער געטראגן אויף זיין ערשטן פלאץ וואו זיי אים גענומען האבן, און זענען איר זועג געריטען און האבן אים אזוי ליגען געלאזט. נון ער איז אויפגעוואכט, אזוי פארוואונדערט ער זיך: וואו בין איך געווען? איך בין דאך איין מלך געווען, און היינט בין איך א בעטלער. אזוי דענקט ער: עס איז ניט אנדערש, איין בעטלר בין איך געווען, איין בעטלער בין איך נאך, און דש איך בין איין מלך געווען דאס זעלביג איז איין חלום געווען. עס האט מיך אזוי געטרוימט.

אמאל האבן זיי גענומען געהאט איין בעטלער צו איין מלך, דער זעלביגר בעטלר איז איין גרויסער חכם געווען. דער האט פארשטאנדן דאס ער איין רעכטער מלך איז געווארען, און דאס ער איין בעטלר איז געווען, דאס זעלביג איז אמת און קיין חלום. ער האט וואויל פארשטאנען, ער האט געזעען ווי אים אלע אויף וואכטן ווי איינעם מלך און האט די שליסעל געהאט פון אלע אוצרות. אזוי האט ער געשוויגן איין גאנץ יאר. נאך דעם יאר האט ער איינעם פון זיינע קנעכט גענומען אין איין קאמער און האט צו דעם די זאך פארטרויאט און צו אים געזאגט: דו מוזט מיר שווערן דאס דו מיר זאלסט דען אמת זאגן; אזוי איז די זאך, איך בין מלך איצונדר, און איין בעטלר בין איך פאראן געווען. זעלט איר מיך גרענקן דאס איך בין איין בעטלר געווען זעלכס איז איין חלום געווען — דאס קאן ניט זיין, דען ווי איך בין איין בעטלר געווען אזוי בין איך אין איין גרוב געפאלן און האב מיר וואונדן געשלאגן, און די זעלבע מכות זענן מיר אויסגעהיילט געווארן. אבער די צייכן פון די וואונדן שטענן נאך אין מיינעם לייב. ממילא איז עס ניט קיין טרוים געווען; דרום זאג מיר דען אמת ווי עס מיט מיר שטייט און ווי עס ווערד מיט מיר דערגען. ווערסטו מיר דעם אמת זאגן וויל איך דיך צו איינעם

גרויסן הערן מאכן און וויל דיר פיל געלד געבן דש קיין שאַץ זאָל האָבן, ווערסטו מיר אבער ניט אמת זאגן, ברענג איך דיך אום דיין לעבן, דרום זאג מיר דעם אמת. נון דער קנעכט האט געזעען עס קאן ניט אנדערש זיין, אזוי האט ער אים דען אמת גזאגט ווי עס מיט אים דערגאַנגן, און ווי איר סדר איז, און אז די דריי יאר וועלן פאַרביי זיין, ווערן זיי אייך ווידר איין שלאַף־טראנק איין געבן, און ווערן אייך ווידערבּרענגן אויף דעם פּלאַץ וואו זיי אייך גנומן האבן, און דאראן קענט איר וויסן, דאס איך וואר האב, דען אדוני מלך האט דעם שליסל פון אלע אוצרות, זאנדער אליין פון איין חדר האבט איר דען שליסעל ניט, דען אין דעם זעלבּיגן חדר האבן זי ליגן אייערע בעטל־קליידער ביז צו דער צייט ווערט קומן, אזוי וועלן זיי אייך ווידר אָן טאָן. נון דער מלך איז דערשראָקן, אבער ער האט שטיל געשוויגן און דעם קנעכט זיינע רעד וואויל אין אכט גענומען, און האט געוואר געווארן אז דאס אמת איז אזוי. האָט דער מלך א טייל שרים בלבולים צוגעוואָרפן און זיי אום חיות געבראכט, און האט דעם קנעכט דער אים די זאך טרויעט האט, צו איין שני למלך גמאכט, און אונטער דער צייט האט ער אלע אוצרות אויסגעלערט, און האט זיך אנדערש וואו געקויפט גרויסע גיטער און האט זיך גרויסע אוצרות געזאמעלט, און פיל קנעכט געקויפט און האט זיינע קנעכט באַשטעלט, אז זיי זאלן ווארטן מיט קארעטעס דעם און דעם טאג אויף דעם פעלד, אויף דעם פּלאַץ וואו ער פאַראַן געלעגן איז, און די בני המדינה האבן פון דעם אלעם ניט געווסט.

נון די דריי יאָר זענען אוים געוועזן, אזוי האבן זיי אים ווידער איין שלאף־טראנק איין געגעבן, און האבן אים זיין בעטל־קליידער אָן גיטאן און האבן אים ווידער געבראכט אויף זיין שטעל וואו זיי אים גענומען האבן. נון, ווי ער איז אויף געוואכט געווארן, דא זענען זיינע קנעכט געשטאנען מיט וועגן ווי ער באפוילט האט און האבן אים אין זיינע מדינה געבראכט און איין גרויסער הער געווארן. און זיי זיינען דער היים איבער אירע אוצרות געגאנגן אזוי האבן זיי גרויסע חורבנות געפונען, דען דער מלך האט אלץ ארויסגעפירט געהאט".

נאָך דער מעשה גייט גלייך דער מוסר־השכל:

אזוי איז אויך דער מענש: ווען ער באשאפן ווערט, נעמט ער זיך ניט צום הארצן אז די נשמה איז געקומען פון יענער וועלט, און ער איז איין בעטלר געוועזן; ער איז נאקעט געבוירן, ער זעעט, ער איז איין מלך איבער אלע באשעפעניש און האט אלע תענוגי עולם הזה פאר זיך, אזוי דענקט ער: איך בין אזוי געקומן פון יענער וועלט, דאס זעלביגע איז איין חלום געוועזן, איך בין איין מלך און ווער איין מלך בלייבן. און נעט אלע

זיינע וואללוסט נאך, די וועלט אין תענוגים צו פארברייננגן, און גערענקט נים אן תורה ומצות. נון זיינע צייט איז אוים, ער בלייבט קיין מלך מער, געבט אים איין שלאף־טראנק איין, דאס זעלבינע איז דער טויט, מאן לעגט אים אויף זיין ערשטן פלאץ. ער איז געקומען פון דער ערד און מאן לעגט אים ווידער אין דער ערד. דען טראכט ער דאס ער איז איין מלך געוועזן אויף דער וועלט דאס זעלביגע איז איין חלום געוועזן. אבער ער בלייבט איין בעטלער, ער מוז נע־ונד זיין, מען שליידערט אים בכף הקלע פון איין עק וועלט צו דער אנדערער און קומט אין גיהנם דערצו; אבער וועלכער איין חכם איז, דער טראכט, דאס איז קיין חלום ניט, איך בין פון ערד באשאפן געווארן אונד בין נאקט געבוירן דאס איז אמת, צו ווארט צייכן האב איך נאך איין צייכן די נשמה און דער גוף ווי איך בין געוועזן אין מוטר־לייב. און ער נעמט זיין טרייען קנעכט, דאס איז דער יצר־טוב, אזוי זאגט ער אים דעם אמת און זאגט אים צו ווארט צייכן: אלע שליסעל פון די אוצרות האט מען דיר געגעבן נייערט איינעם שליסל, דאס זעלביג איז די נשמה, דאס איז דיין קלייד, וואס דו פאראן געהאט האסט. און טראכט: וויל איך אויך איין מלך בלייבן. איך וויל מיר אוצרות מאכן. און איז מקיים תורה ומצות און טוט גרויסע צדקות, דערמיט קויפט ער זיך עולם הבא. נון ווען ער שטארבט, קומען אים זיינע קנעכט און ברייננגן אים אין זיינער מדינה, דאס מיינט מען די מלאכים די פירען אים אין דעם גן־עדן און איז זוכה לעולם הבא. דאס האט דוד המלך געזאגט: בשוב ד׳ את שיבת ציון היינו כחולמים, איז טייטש: זוען הש״י ווערט אונז דערלייזן און אונז ווידער ברענגען אין א״י ווערן מיר זאגן: וואס מיר זענען אין גלות געוועזן, דאס איז ווי איין חלום געוועזן [8].

גאנץ לויט דעם מוסטער פון דעם „שמחת הנפש״ [9], האט אברהם בן יחיאל מיכל, דער זון פון דעם פארפאסער פון די באקאנטע מוסר־ספרים „דרך הישר לעולם הבא״ און „דרך ישרה״ — געשריבן זיין „ברך אברהם״ (געדרוקט אין ווילמערסדארף, אין 1731). אויך דארט איז דער מוסר שטארק איבערלאדן מיט בעלעטריסטישן שטאף. יעדער פרק (דאס ווערק באשטייט אוים 39 פרקים) איז אנגעפיקעוועט מיט מעשיות און משלים אן א שיעור, נאר די דאזיקע מעשיות און בכלל דער גאנצער מא־טעריאל איז צונויפגעווארפן אן א שום סדר. דערצו איז נאך דער פאר־

---

[8] אויסלייג — מאדערניזירט.

[9] דער צווייטער טייל „שמחת הנפש״, וואס איז דערשינען מיט צוואנציק יאר שפעטער פונם ערשטן, איז געשריבן לויט א גאנץ אנדער נוסח, און מיר וועלן וועגן אים ריידן ערשט אין די שפעטערדיקע קאפיטלען.

פאסער א גאנץ אומבאהאלפענער דערציילער, און די מעשיות ציען זיך ביי אים פארבלאז און לאנגווייליק. בכדי דער לייענער זאל האבן א באגריף וועגן דעם דאזיקן ספר, גיבן מיר דא איבער[10] דעם אינהאלט פון אייניקע זיינע פרקים:

„פרק כ"ה: אין דיזן פרק ווערט בשיידן וואס פאר צייטן פאר פרומע לייט געווען, גאט זאל געבן מיר זאלן איר זכות מיט צו געניסען האבן.

פרק כ"ו: אין דיזן פרק ווערט בשיידן וואס די חדושים פון מלאך המות זיין די פארצייטן פֿרגאנגן זיין, גאט זאל אונז פאר אים מציל זיין.

פרק כ"ט: אין דיזן פרק ווערט בשיידן ווי איטלעכער זאל זיך אין אכט נעמן דאס דער יצר הרע זאל אים ניט בייקומען, און ווערט ער פאר געווים אין דאס גן־עדן קומען קענען.

פרק ל': אין דיזן פרק ווערט בשיידן די חדושים פון ירושלים.

פרק ל"ב: אין דיזן פרק ווערט בשיידן ווי אונזערע חכמים מיט דוכסים און שרים גערעט האבן. מאן האט זיך צו פארוואונדערן ווייל זיי גרויסע חכמים ווארן.

פרק ל"ג: אין דיזן פרק ווערט בשיידן ווי איטלעכער זאל זיך אין אכט נעמן פאר אלי זאכען וואס בישוף זיין, גאט זאל כל ישראל דיפאר מציל זיין".

„אונזערע חכמים שרייבן: די מזיקים זיינען מער אין עולם אז ווי די לייט, און זיי שטייען אן דען בן אדם גאר פיל, דז זיי אים ווען מזיק זיין, און אלער וועגן וואו די קדושה אן גרעסטן איז דא זיינען זיי אן מייסטן. צו צייטן איז איין דרשה אין די שול, און איז איין גרויס געדראנג ביי די לייט — דאס קומט אלץ פון די שדים. די קליידער דער פון די רבנן, דאס זי צוריסען זיין, דאס איז פון די שדים, זיי רייבן זיך אן זיי ווייל קדושה אין זיי איז פון די תורה. אבי טונען איינן די קני ווייי און זיינען גאר מיד, דאס איז אלץ פון די שדים. ווען דער מענש זעלט זי קענען זעען, אזוי קאנט קיין מענש ח"ו לעבן בלייבן, דען עס שטעעט טויזענט שדים ביי דען מענשן אויף זיינע לינקע זייט און צען טויזענט אויף די רעכטע זייט, דרום האבן אונזערע חכמים געזאגט צו דען מענשן איין רפואה ווען ער קריאת שמע בכוונה אויף זיין בעט אלע נאכט לייאנט, אזוי מוזן זיי פון אים אוועקגען. איטליכער זאל געווארנט זיין ניט צו גען איבער איין רין* וואו מאן בייזע וואסער אוים גיסט"...

---

10 מיר ציטירן לויט דער שקלאווער אויסגאבע פון 1799.

* א רער פון אפגוס־וואסער.

און ליתר תוקף ברענגט דער פארפאסער א לאנגע מעשה, ווי צוויי זיינען אמאל געגאנגען מיט א פאס ווין און זיי האבן זיך אין א ריין אפ־רוען געזעצט; איז דארט א שד געזעסן און האט דאס פאס „אויף צוויי שטיקן צושפרונגען".

„פרק ל"ד: אין דיזן פרק ווערד בשיידן ווי די חדושים פון די טויטע לייט זיין געוועזן, ווארייבער איין איטליכער זיך דריבער פאר וואונדערן.

פרק ל"ו: אין דיזן פרק ווערט בשיידן אלע די חדושים וואס אונזערע חכמים האבן געזעען ווי זיי זענען די שיף געפארען.

פרק ל"ח: אין דיזן פרק ווערט בשיידן וועלכע טעג די ניט גוט זיין אויך די טעג וואס יא גוט אדער לאזען, דש כל ישראל איין רפואה זיין.

פרק ל"ט: אין דיזן פרק ווערט בשיידן דז מעשה ווי אליהו הנביא מיט איינעם שפאצירן איז גאנגען אין דעם גיהנם היניין און אים וואונדערליכע זאכן געוויזן".

דער „ברך אברהם" איז ניט געווען אימשטאנד צו קאנקורירן מיטן „שמחת הנפש". ביז צום סוף פון 18טן י"ה איז דער „ברך אברהם" בסך־הכל איין מאל איבערגעדרוקט געווארן (אין פיורדא, 1739), בעת דער „שמחת הנפש" האט אין משך פונם 18טן י"ה אויסגעהאלטן א גאנץ גרויסע צאל אויפלאגעס, און איז געווארן איינס פון די באליבטסטע פאלקס־ביכער ביי יידן. דער בארימטער יונתן אייבשיץ האט געהאלטן פאר נייטיק אנצווייזן (אין זיין „יערות דבש"), אז אלע פרויען און בתולות דארפן לייענען יעדן טאג דעם „שמחת הנפש". די אויסשליסלעכע פאפולאריטעט פון קירכהאנס ווערק אין יענער צייט שטרייכן אויך אונטער בערטאלד אויערבאך אין זיין ראמאן „דער דיכטער און דער קויפמאן", און אהרן בערנשטיין אין זיין „פיינעלע מגיד". און דאך האט איין אויפלאגע פון דעם דאזיקן פאפולערן פאלקס־בוך דערוועקט דעם גרויסן גרימצארן פון די רבנים, און עס איז אפילו פארגעקומען א לעגענדע, אז מען האט די דאזיקע אויסגאבע פארברענט. זייער כאראקטעריסטיש זיינען די מאטיוון, וואס האבן ארויסגערופן ביי די רבנים אזא צארן קעגן קירכהאנס פרומען מוסר־ספר. דער בעל „שמחת הנפש" ווערט ניט מיד אונטערצושטרייכן, אז „אן עם־הארץ קען ניט זיין פרום, דער וויל ער ניט לערנט און אין דער תורה איז ער שטום". דערפאר דערמאנט ער יעדעס מאל דעם פשוטן לייענער, אז „איצונד קען קיינער קיין תירוץ ניט זאגען, ער וויים ניט אלס דאס איין עבירה איז, דען זענען אזוי פיל ספרי מוסר ודינים אויף טייטש געדרוקט, עס קאן איטליכער אלש דערפארען

זעלבסטן״[11], און אויף אן אנדער אָרט[12] רעכנט ער אפילו אוים ביי די נעמען די „טייטשע״ ספרי מוסר, וואָס מען קאָן אין זיי געפינען „גרויסע תורה און דינים״: „קב הישר״, „ספר דרך הישר״, תפלה דרך ישרה״, „מעשה ד׳״, „אביר יעקב״, „ארחות צדיקים״, „לב טוב״, „בראנד־שפיגל״. „און זונשטן אנדרע ספרים״. דער בעל „שמחת הנפש״ ווערט דערפאר ניט מיד דערמאָנען דעם לייענער „טייטשע ספרים איין צו קויפן; טו קיין געלד שפארין, דאס די אלע דינים רעכט טוסט ער פארין, ווי דו דיך זאלסט פארהאלטען״.

בכדי צו פארגרעסערן דעם נוצן פון זיין אייגן מוסר־ספר, האָט ער צום סוף פון דעם „שמחת הנפש״ צוגעגעבן א ספעציעלע אָפּטיילונג מיט דינים פון א גאַנץ יאָר. די דאָזיקע אָפּטיילונג, וואָס פארנעמט בערך א העלפט פונם גאנצן ספר, הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „דינים ווי זיך דער מענש זאָל נוהג זיין צו מארגנש״. דער סדר און די באשרייבונג פון די דאָזיקע דינים איז אין „שמחת הנפש״ דירעקט גענומען פונם „שלחן ערוך״. קיין באזונדער קעפל האָט די דאָזיקע אָפּטיילונג ניט געהאָט. א שפּעטערדיקער פארלעגער אוים ווילנע[13] האָט, בכדי צו פארגרעסערן דעם אויטאָריטעט פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג, געהאלטן פאר נייטיק אָנווייזן דעם לייענער, אז ער האָט דאָ א קיצור „שלחן ערוך״ אויף מאמע־לשון. האָט דערפאר דער פארלעגער צום סוף פון דער ערשטער אָפּטיילונג צוגעשטעלט: „סליק ספר שמחת הנפש״, און דערנאָך, פאר דער צווייטער אָפּטיילונג, אָפּגעדרוקט מיט גרויסע אותיות: „שולחן ערוך אורח חיים ויורה דעה ומנהגים של כל השנה״. דער פארלעגער איז אָבער מיט זיין אויפטו גרייליך ארייננעפאלן. די רבנים איז דאָס שטארק ניט געפעלן געוואָרן: סטייטש, געבן דעם „שולחן ערוך״, ווען אפילו בלויז אין אויסצוגן, אין די הענט פונם פשוטן המון! וועט דאָך יעדער עם־הארץ מיינען, אז ער איז שוין בקי אין דיני איסר והיתר, און קאָן שוין אליין פסקענען שאלות. האָט מען טאקע געאסרט די גאנצע אויסגאבע[14].

---

11 דאָרטן, ל״א עמ׳ א (מיר ציטירן לויט דער שקלאָווער אויסגאבע פון 1796)

12 דאָרטן, דף כ׳ עמ׳ ב׳.

13 די דאַטע פון דער אויסגאבע איז אונז לײדער אומבאַקאַנט. מיר האָבן אפילו געזען אן עקזעמפלאר פון דער דאָזיקער העכסט־זעלטענער אויסגאבע, לײדער איז אָבער דער שער־בלאַט געווען אויסגעריסן. יעדנפאלס איז דאָס געווען פאר 1796, ווײַל ס׳איז דערשינען די שקלאָווער אויסגאבע פון „שמחת הנפש״.

14 עס איז אויסער ספק, אז טאַקע וועגן דער דאָזיקער אויסגאבע דערציילט ר׳ אליעזר שולמאַן אין זיין „שפת יהודית אשכנזית״, 74: „לפי אגדה אשר שמעתי...

ס'איז פון קולטור־היסטאָרישן שטאַנדפונקט כדאי אָנצוווייזן, אַז ניט בלויז פוילישע רבנים זיינען געווען קעגן דעם, מען זאָל געבן אין די הענט פון דעם פשוטן המון אַ דינים־זאַמלונג אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך. אויך אין איטאַליע האָבן זיי געהאַט מיטקעמפער, וואָס זיינען בנוגע דער פראַגע געווען מיט זיי איין דעה. אין 1565 האָט אַ איטאַליענישער תלמיד־חכם יחיאל הכהן אוים אַנוסקריווי צונויפגעשטעלט אין איטאַליעניש אַ האַנטבוך פאַר פרויען „חכמת נשים" אין זיבן אָפּטיילונגען, ווו עס ווערן געגעבן די וויכטיקסטע דינים און אויך דברי־מוסר דערצו. אין דער פאָררעדע האַלט דער פאַרפאַסער פאַר נייטיק אָנצוווייזן, אַז פיל זיינען אויף אים ברוגז, פאַרוואָס ער אונטערשטייט זיך צו דערקלערן די מצוות פון דער תורה אויף דער וואָכעדיקער שפּראַך פון פאָלק. ער פלייסט זיך צו דערווייזן, אַז דאָס איז לכל הדעות אַ גאַנץ כשרע זאַך, און ער פאַררופט זיך דערביי אויף די בעלי התלמוד, אויף דעם בעל הזוהר און אויף דעם רמב"ם, וואָס האָבן דערקלערט די דינים פון דער תורה ניט בלויז אויף לשון־קודש, נאָר טאַקע אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך[15]. די דאָזיקע התנצלות האָט אָבער, ווי עס שיינט, אויך ניט געהאָלפן און יחיאל הכהנס האַנטבוך איז אין דרוק ניט דערשינען.

דער דאָזיקער רוגז מצד אַ באַשטימטן טייל רבנים קעגן רעליגיעז־עטישע ווערק אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך איז כלל ניט קיין אויסשליס־

בילדותי תעלו לפני דורות רבים על המוקד בווילנא את העתקת השולחן ערוך לתלשון המדוברת, על כי החלו ההמונים ביחד הנשים לפסוק בעצמן פסקי דינים". ס'איז אינטערעסאַנט, וואָס אין 1796 איז אין שקלאָוו דערשינען אַ נייע אויסגאַבע פון דעם „שמחת הנפש" אָבער אָן דער ד י נ י ם ־ אָ פּ ט י י ל ו נ ג. אויפן שער־בלאַט איז אָנגעוויזן: „נדפס בשקלאוו תחת ממשלת האדון הגדול החסיד יעניראַל־מאַיאָר קאַוואַליער סעמאָן גאַוורילאָוויץ זאָריץ יר"ה". די ווילנער און די שקלאָווער אויסגאַבעס זיינען ניט פאַרנאָטירט ניט ביי שטיינשניידערן, ניט ביי בן־יעקבן און אויך ניט ביי י. שאַצקין אין דעם אַריינפיר צו זיין אויסגאַבע פונם צווייטן חלק „שמחת הנפש" (1926). אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן פיל קירצונגען און ענדערונגען אין די שפּעטערדיקע רוסלענדישע אויסגאַבעס פון „שמחת הנפש" מצד די צאַרישע צענזאָרן זע ביי נ. פּרילוצקין אין „ייחאָ־בלעטער", I, 222–227.

[15] „גם כי שמעתי, דבר רבים אומרים: „מי התיר לך להוציא מצוות התורה מ ל ש ו ן ק ו ד ש אל ל ש ו ן ח ו ל, כי אם התירו רבותינו ז"ל לכתוב התורה שבע"פ משום עת לעשות לד', אין לכתבם כי אם בלשון הקודש; אשיב להם, כי הכל בהתר אחד נכ"ל, כי כן עשו כמה גאוני עולם, כמו הרמב"ם ז"ל, שחבר ספרים הרבה חמשניות וס' בנין המצוות אשר לו [בלשון ערב], וכבר קדמו לו בעלי התלמוד אשר כולו נכתב בלשון בבלי שהית הלשון חול ולעז שלהם, וגדולה מזו ספר הזוהר שהוא מסורת הקבלה, לא נכתב בלה"ק. אם כן אלפה לא נשיתי מדרך המלכים מאן מלכי רבנן". דער „חכמת נשים" איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט; מיר ציטירן לויט שטיינשניידערי אין „מאָנאַטשריפט", 1903, 179.

לעבע דערשיינונג. מיר האָבן שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך אָנגעוויזן, ווי פיינדלעך עס האָבן זיך פאַרהאַלטן די לומדישע קרייזן צו די „טוריכטע בויכרן" פון ריין־וועלטלעכן אינהאַלט, צו די אַלע אוים דער פרעמד אימפּאָרטירטע ריטער־ראָמאַנען און העלדן־עפּאָסן. די רעליגיעזע פאָלקס־פירער זיינען אָבער ניט געווען אימשטאַנד צו פאַרטרייבן מיט זייערע חרמות און איסורים אוים דער יידישער גאַס די לויט פרעמדע מוסטערן געשאַפענע וועלטלעכע פאָלקס־ליטעראַטור. א טייל פון די רבנים האָבן דאָס טאַקע אליין אויך זייער גוט פאַרשטאַנען; די מער ווייטזיכטיקע האָבן טאַקע באַלד איינגעזען, אַז די דאָזיקע, ביים פאָלק אזוי באַליבטע ביכער קען מען פאַרניכטן ניט מיט פאַרבאָטן, נאָר דערמיט, וואָס מען וועט געבן דעם פאָלק, דעם אַדאַנק דעם דרוק־וואַרשטאַט ניי־געשאַפענעם לייענער־עולם — אַן אַנדערן, מער צו דער יידישער מסורה און אידעען־וועלט צו־געפאַסטן לייען־שטאָף. די „טעריכטע ביכער" האָט מען זיך געפלייסט צו פאַרדרענגען דורך „געטליכע ביכער". מיר האָבן פריער געזען, ווי דער פרומער און גאָטספאָרכטיקער יצחק בן אליקום, וואָס האָט דערקלערט, אַז די „טויטשי ביכער די ניט ריידן פון דער תורה אָדער פון מצות, די הייסן דברי לצים, דא איז איין עבירה דרוים צו לייאַן, די זעלביגע ביכער זיינען אייטל שיבושים" — שטרייכט גלייך דערביי אונטער, אַז „ווער ס'איז איין עני, דאש ער זיך ניט פר מאג אין רבי צו דינגן, זוא זאל ער לייאַן אין טויטש, איין טויטש־חומש אָדער איין טויטש־תהלים, אָדער זונשט טויטש גוטליכע (געטלעכע) ספרים". ער אליין האָט פאַרפאַסט אַזאַ „טויטש־גוטליך" ספר, דעם „לב טוב", וועגן וועלכן ער פאַרזיכערט אין דער פאָררעדע, אַז ווער „עש דורך אויש לייענט דר פינט דיא גאַנץ יידישקייט". ארויסגייענדיק פון דעם גרונדזאַץ, אַז „תפילה בלא כוונה כגוף בלא נשמה", איז ער זיך שטאַרק מתרעם דערויף, וואָס דאָס פשוטע פאָלק זאָגט תפילות און פיוטים אויף אַזאַ לשון, וואָס עס פאַרשטייט ניט. ער האַלט דאָס ממש פאַר א גאָטלעסטערונג (מחרף ומגדף): „דאז מויל רעט, די לעפצן פרעפלן אונ' דז הערץ ווייז נישט דרפון"... (זע אויבן, קאַפּ' 6, ז' 185)[16].

אָט אַזוי זיינען די, אין וועלכע עס איז וואַך געווען דער חוש פון פאָלקסטימלעכקייט, און האָבן געזאָרגט פאַר די גייסטיקע באַדערפעניש פונם פשוטן פאָלק, טריט ביי טריט געוואָרן איבערצייגטע קעמפער פאַר יידיש און פאַר דער יידישער ליטעראַטור. זייער אינטערעסאַנט איז אין

16 די דאָזיקע טענות באַגעגענען מיר דערנאָך מערערע מאָל איבערגעחזרט אין פאַרשיידענע ווערק, דער עיקר אין פאָררעדעס צו תפילות־איבערזעצונגען.

דער הינזיכט א צווייטער פּאַרפאסער פונם 17טן י״ה, יחיאל-מיכל עפשטיין, רב אין פּראָסטיץ (דער פאָטער פון דעם בעל „ברך אברהם״), ער האָט געלעבט אין א צייט, ווען דאָס יידישע געטאָ איז געווען איינגעהילט אין מרה־שחורה, און אומבאַגרענעצט האָט דאָרט געוועלטיקט דער אַס־קעטיש־מיסטישער וועלטבאַנעם פון יצחק לוריע. אויך יחיאל־מיכל איז געווען א הייסער מיסטיקער[17], געחלומט וועגן באַלדיקער גאולה; נאָר מער פון אלץ האָט ער זיך געפלייסט צו דערווייזן „דש איין געמיינר מאַן קאַן קומען אין דער העכשטער מעלה וואו דיא תלמידי חכמים אהין קומען״. אין זיין מוסר־ספר „דרך הישר לעולם הבא״[18], בעת ער רעדט וועגן דער „הנהגה פון דען וואס קיין למדן איז״, שטרייכט ער באַזונ־דערס אונטער, אז „ווען איין איטליכער טוט נאך זיין פארמעגן נאך, איז שוין גענוג, הש״י באַגערט ניט מער״. „אזוי אויך — פירט אויס דער רב יחיאל־מיכל — מיט דעם לערנן. איין איטליכר איז שולדיג צו לערנן נאך זיין פרשטנד נאך; ווען איינר דער קיין לשון הקודש פר שטייט אונ׳ לערנט אלע טאג אין איין טייטשן ספר פון דיא דינים ווי א מענש זאל זיך נוהג זיין, אדר זונסט ספרים די דא זיינן גימאכט גווארן, דהיינו ספר לב טוב[19], ספר טייטש חומש, ספר ארחות צדיקים אויף טייטש, ספר היראה — דאש אזעלכי לערנן ווערט פאר הש״י אן גינומן אזו וואויל אלץ דער תלמיד חכמים לערנט אין זיינע ספרים די לשון הקודש זיינען נאך זיין פר שטאנד״.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז דער 31סטער קאַפּיטל פון דעם דאָזיקן ווערק. „אין דיזן פרק — דערקלערט דער פרומער פאַרפאסער — ווערט בשייד, דש איז פיל בעשר ווער קיין לשון הקודש פר שטייט אונ׳ טוט זיין תפלה אויף אזוי איין לשון וויא ער פר שטייט. עש גיבט פיל ווייבר ווען מאן צו זייא זאגט: עש איז בעשר ווען זיי איר תפלה טוהן אויף טייטש וויא זיא עש פר שטיין, אזוי ענטפערן זיי: עש איז אונז גע־זאגט גווארן דש דיא מלאכים פר שטייען קיין אנדערן לשון אלש לשון

---

17 א הייסער אָנהענגער פונם „של״ה הקדוש״, האָט ער אין 1683 אַרויסגעגעבן א „קיצור של״ה״.

18 דערשינען אין 1703. מיר ציטירן לויט דער ווילנער אויסגאַבע פון 1874. אויך אין דעם דאָזיקן ווערק פילט זיך שטאַרק דער אַסקעטישער גייסט פון הורוויצעס „שני לוחות הברית״. אין גרעלע פאַרבן שילדערט ער די יסורים, וואָס שטייען פאַר די רשעים אין גיהנום, און די גרויסע פרייד, וואָס וואַרט אויף די צדיקים אין גן־עדן.

19 דער בעל „דרך הישר״ איז געמיינט א שטאַרקער פאַרערער פונם „לב טוב״. „דש ספר לב טוב — לייענען מיר אין דעם 26טן קאַפּיטל, איז אין טעכטיג ספר. עש האָט איין גרויסער תלמיד חכם געמאַכט, דער איין גרויסער למדן איז געווען״.

הקודש; אבר אין אמת זיינן זיי זיך טועה, דען די זעלביגן דיא אים דש ניזאגט האבן ניט פיל ספרים גילערנט... ווען איינר קיין לשון הקודש פר שטייט אונ׳ טוט זיין תפלה אויף זא איין לשון דש ער פר שטייט מיט זיינם גנצן הערצן, מיט איינם צו בראכן הערצן, זעלכי תפלה איז פר הש״י פיל מֶין אן גינעם ווייל זי פון הערצן קומט, אלש איין תפלה די מן טוט אויף לשון הקודש די מן ניט פר שטייט; דען וייל הש״י איז בוחן לבבות דש ער פרובט אלע הערצער, דא בדארף מן קיין מלאך דר צו, דֶן הש״י נעמט אזו איין תפלה זעלבסט אן... אין תהלים ק״ב שטייט: תפלה לעני כי יעטוף ולפני ד׳ ישפוך שיחו... עני איז טייטש דער דא אָרֶם איז אין זיין דעה, דהיינו ער איז ארם אין פר שטַנד, ער פר שטייט קיין לשון הקודש אונ׳ טוט זיין תפלה אויף אזו איין לשון וויא ער פר שטייט אונ׳ טוט זיין תפלה פר גאט דש קיין מלאך ניט דר מיט צו שאפן האט נייערט הש״י נעמט זי זעלבסט אן. אזוי שרייבן אויך עטלעכע ספרים: איין ווארט דש מן פר שטייט טוט מער פעולה אלש הונדרט ווערטר די מן ניט פר שטייט... דרום מייני גוטי פריינד, זעכט (זעט) דש אונזרי פאר עלטֶרין האבן אלי אונזרי תפלות אודר תהלים אדר אנדערי בקשות אונ׳ אלץ אויף טייטש גימאכט. די גנצי תפלה איז אויף טייטש גמאכט, אויך תהלים, אויך סליחות, אויך די יוצרות פון אלי ימים טובים אויך איין טייל מחזורים גידרוקט, אויך מעמדות אונ׳ אלי תחנות אונ׳ בקשות. אפילו ביי די תפלות האט מן פר לאנג יארן דש טייטש דר בייא גידרוקט. אונ׳ וואש מן זאגט דש דיא מלאכים קיין טייטש פר שטייען העטין אונזרי עלטערין זעלכי מיה אונ׳ ארבייט דש זיי אלץ אויף טייטש גמאכט האבן וואול שפָּרין קאנן, אלם זייא האבן דרום אלץ פר טייטשט דש האבן זיי דרום גטאן דש זעלכי לייט די קיין לשון הקודש פר שטיין זאלין אלץ אויף טייטש זאגן. דען ווש מן פר שטייט דש גייט צום הערצן, דש טוט מן גווים מיט גאנצער כונה, זא ווערט פר גווים איר תפילה אן גינומן״.

ביי די באדינגונגען, אין וועלכע דאס יידישע געטא האט געלעבט אין יענע דורות, ווען די אסקעטיש־רעליגיעזע וועלט־אנשויונג האט גע־וועלטיקט אומבאגרענעצט איבער דעם לעבן און די קולטורעלע הצטרכותן, האט נאטירלעך אויך דער קאמף פאר יידיש געמוזט טראגן א שטרענג רעליגיעזן כאראקטער. די נייטיקייט פון ביכער אויף יידיש ווערט דער עיקר באלויכטן פונם ריין רעליגיעזן שטאנדפונקט: „דער וואש ניט קאן לערנען אונ׳ אויך די ווייבר זאלן ליינן ספרי טייטש כדי זייא זאלן ווישן אונ׳ פר שטיין וויא גאט צו דינן״, און אום שבת־קודש זאלן זיי „רואן פון אלי ארבייט אונ׳ אויך פון ווערטר וואש מן דארף ניט ריידן

גייארט צו רידן דברי תורה אונ' צו לערנן איטליכער נאך זיין יכולת נאך". דער ארויסגעבער פון „שבט יהודה" אויף יידיש, אליקום שץ, שטרייכט אונטער, אז ער גיט ארויס דאס דאזיקע היסטארישע ווערק „וויל דיא לייט אין שבתות וימים טובים שטענין (שטייען) בשוקים וברחובות, אונ' רידן מיט אנגדר שמועות לא טובות אלערליי ליצנות ולשון הרע ושקרים, איז בעשר זיא לייאנן אין זעלכי ספרים, קן מן זעהן נסים ונפלאות שנעשו לאבותינו בימים ההם". באזונדערס טיפיש איז אין דער הינזיכט אין דעם ספר „מנהגים", וואס שמעון הענוי אויס פראנקפורט האט ארויסגעגעבן[20], דער קאפיטל „שבת צו מארגן": „נאך טיש זאל מן לערנן, אונ' וועלכר ניט קן לערנן זאל אין טייטשן געטליכן ביכר לייאן, דן דר שבת בקלאגט זיך גיגן הקב"ה וויא אלי זאכן זיין בן זוג הוט אונ' דער שבת הוט ניט זיין זוג. דא זאגט הקב"ה: ישראל זאל דיין זוג זיין, דז איז די תורה זאלן לערנן אן דיר די וויל זי מיסיג זיין. אך די תורה ביקלאגט זיך אונ' זאגט: צו ווען ישראל אין ארץ ישראל (וועט) קומן, דר ווערט אין זיין פעלד גין, דער אין זיין גארטען, ווער ווערט מיך לערנן. דא זאגט הקב"ה: אם שבת זיין זיא מיסיג, דא זאלן זיא דיך לערנן".

און דאך זיינען פיל פון די רבנים געווען זייער ניט צופרידן ניט נאר מיט דער וועלטלעכער ליטעראטור, מיט די ריטער־ראמאנען און „בבא־מעשיות" אויף יידיש, קעגן וועלכע עס האבן אויך געקעמפט, ווי מיר האבן פריער געזען, אזעלכע „יידישיסטן" ווי אדלקינד, דער בעל „לב טוב" וכדומה, נאר אפילו מיטן רעליגיעז־דידאקטישן יידיש־דייטשן ספר, מיט דעם פאלקס־בוך בכלל. מיר האבן געזען[21], ווי שוין א פאר־פאסער פונם 16טן י"ה, דער פאלקס־מענטש יצחק סולקעס, קלאגט זיך אין דער פאררעדע צו זיין „שיר השירים"־איבערזעצונג דערויף, וואס די לומדים קוקן מיט ביטול און אומצוטרוי אויף די רעליגיעזע ביכער, וואס ווערן געשריבן אויף יידיש־דייטש און באצוועקן צו לערנען מוסר און יראת־שמים דאס פשוטע פאלק. מיר האבן דארט געזען, ווי סולקעס פרווט באווייזן די לומדים „די גרויסע הערן, די פול מיט תורה זיין, גאנצע טעג און נעכט איבער אירע ספרים זיצן", זיי זאלן ניט מורא האבן, אז ער און נאך אזוינע ווי ער ווילן די לומדים מסיג גבול זיין. ער פלייסט זיך צו דערווייזן, אז לעבן די „רייכע קרומען", וואס באפרידיקן די באדערפענישן פון די „איידלע לייט", מוזן אויך עקסיסטירן „קליינע

20 מיר ציטירן לויט דער אויסגאבע 1733, דף כ"ו, עמ' ב'.

21 זע אויבן, קאפ' 5, ז' 140—141.

פרעמער... די דא קענען דען געטיינעם מאן אך אום איר געלט געבען". עס האט אבער ניט געהאלפן. די תביעות און באדערפעניש פונם פשוטן פאלק, פונם בעל־מלאכה און יגיע כפים, זיינען גאנץ אפט געקומען אין קאנפליקט מיט די באגריפן און אויך אינטערעסן פון די לומדים. האט עס טאקע געמוזט קומען צו צוזאמענשטויסן. דער פריער דערמאנטער יוסף בר יקר[22] מיט זיין פאלקסטימלעכן באנעמען און איראנישן פאר־האלטן זיך צו די יוצרות און פיוטים האט ניט געקאנט באזונדער אוים־נעמען ביי די רבנים און למדנים. מיר האבן אבער געזען, אז אפילו אזא גאטספארכטיקער און פארפרומטער פארפאסער, ווי דער בעל „לב טוב", האט נעהאט דעם מוט צו דערקלערן, אז ווען דער פשוטער מענטש זאגט אין שול די אים ניט פארשטענדלעכע שטיקער פיוט מיט זייער הארבער שפראך, איז ער א „מחרף ומגדף", און יחיאל־מיכל עפשטיין טענהט אין זיין „דרך הישר": „אבער דיא ווייבער זאלן קיין מעמדות זאגן, קיינע קרבנות זאגין... וויא וויינינר דאס מען זאגט וואס מען ניט פר שטייט וויא בעסער איז עס". יוסף בר יקר האט נאך ווייניקסטנס אנערקענט, אז „דאס לשון הקודש איז דאס זעמלמעל"; עס זיינען אבער צווישן די פארפאסער אויף „יידיש־טייטש" געווען אויך אזעלכע, וואס זיינען גע־גאנגען נאך ווייטער און דערקלערט, אז ס'איז בכלל אלץ איינס, צי מען לייענט אויף העברעיש צי אויף דער אומגאנגס־שפראך. „דען — דער־קלערט דער פארפאסער פון טייטש „עשרים וארבע", חיים בן נתן אוים פראג (1674) — עש דארף זיך אפילו קיין מאן צו שעמין אין דיזי ספרים צו לייאינן, דען עש איז קיין שאנד ווען ער שוין (שיין) טייטש לייאנט, דען פער צייט (פארצייטן) האבן אינרי (אונזערע) חכמים פר טייטשט די גמרא אונ' משניות אויף דר מן זיא האט קענן פרשטין; דען ווען ער ניקש קאן — אלש דען איז עש איין שנד... איין אייביקה שנד; עש נילט נון גלייך ער לערנט עש אויף לשון הקודש אודר אויף טייטש. דען ווען מן יוא איין הלכה לערנט דוא רעט מען יוא אויך טייטש דער מיט. דרום הענגט עש נייארט דש מן עש גאר וואול פער שטייט"[23]. „עש איזט קיין אונטערשייד — טענהט נעבעך די אומגליקלעכע פרוי ביילה בת יעקב פערל, וואס האט אלע אירע זיבן קינדער באגראבן — מיט וואש מן מזכה רבים איזט, הן לשון הקודש הן טייטש". דאס האט זי צו איר מאן יששכר־בער אייבשיץ, דעם רב דעם למדן, געטענהט און אים געבעטן, ער זאל זייערע „זיבן

22 זע אויבן, קאפ. 4.

23 מיר ציטירן לויט שולמאן, „השלח", VIII, 135

קינדר וואז געשטאָרבן זיין צו איין גדעכנס'' א טרייסט־ און מוסר־ספר אָנשרייבן אויף יידיש ,,דש ער מיר דיא ווארטונג זיינה טרייסט בשרייבן זול, פיליכט מעכט ער איין אנדרן מענשן דער אין דיזם בוך לייאנן אונ' ווערט זייני טרייסטונג פינדן''. האָט אָבער דער רב דער למדן ניט גע־וואָלט זיך פאַרנעמען מיט א ספר אויף פּראָסט יידיש, ער וויל בעסער זיינע למדנישע העברעישע ווערק, א פירוש אויף תורה און חידושים אויף תלמוד ניכער פאַרענדיקן (,,ער וואלט עש אבר ניט טוהן, דערווייל ער מוז זיין ספר פארטיג מאכין''). האָט די אומגליקלעכע מוטער געבעטן ,,פון טאָג צו טאָג'', ביז ענדלעך ,,דורך מיין פיל רידן האט ער גיזאגט, וויל איך בפינדן האָב, דש דר רמב''ם איין זולכר למדן וואהר אונ' ער שרייבט זיינה ספרים אין צרפת (?) דא מיט אלז יעדוועדער עש פר שטיין לאזן זאל... דא האט ער זיך אהין זעצט אונ' האט דאש בוך גימאכט''. אָבער דרוקן א פּראָסט יידיש ספר האָט דער למדן יששכר־בער דאָך ניט געוואָלט, איז טאַקע זיין חיבור (,,באר שבע'' האָט עס געהייסן) אין כתב־יד געבליבן[24].

די פאָלקס־ליטעראַטור האָט זיך אָבער אַלץ מער פאַרברייטערט, און ווען דער אַרויסגעבער פונם ,,מעשה־בוך'' שרייבט: ,,איר האט נון די טויטשי בויכר אלי וואר, איצונדר האט איר אך דיא טויטשי גמרא, אזו ווערט איר האָבן כל התורה כולה גאַר'' — דערקלערט מיט שטאָלץ אין עטלעכע דורות שפּעטער דער בעל ,,אמונת ישראל'', גדליה טייקוס: ,,אין אמת אלי שמועות, זואס ער (דאָס חדר־יינגל) הערט צו פון דעם מלמד, קאן עש בעשר לייאנן אין טייטש ספרים, דען היינט אין אונזרי צייטן איז ממש דיא גאנצי תורה אונ' אלי דינים אויף טייטש'' (מיר ציטירן נאָך דער ווילנער אויסגאַבע, 1816).

אַט טאַקע דערמיט זיינען אָבער פיל ניט שטאַרק צופרידן געווען. ניט די מלמדים האָבן געקאָנט פיל נחת קלויבן דערפון, וואָס די ,,טייטשע ספרים'' דערקלערן בעסער ווי זיי[25], און אויך ניט אַלע רבנים איז עס געפעלן געוואָרן, וואָס ,,ממש דיא גאנצע תורה אונ' אלי דינים'' זיינען לייכט צוטריטלעך פאַרן פשוטן עולם. עס האָט אויך די מגידים ווייניק געקאָנט געפעלן דעם בעל ,,צאינה וראינה''ס דערקלערונג אין דער פאַר־

---

24 א פולשטענדיקע אָפּשריפט פון דעם „באר שבע" איז געווען ביי אל. שולמאַנען אין די הענט (זע זיין ווערק, 104—105).

25 דער פאַרפאַסער פון דעם „מסך הפתח", פייוויש אוים מעץ, האָלט אויך פאַר נייטיק אָנצווייזן, אַז ער גיט אין זיין לערנבוך: „איין פיל קומליכי בעריכטיגונג פיר ניבייני לייטן, מאנין און ווייבר, וויא זיא קענין מיט איר קינדר זעלבשט דען דקדוק לערנין זונדר רבי".

רעדע צו זיין „המגיד״: „דרום הוט מַן גימאכט דאז עשרים וארבע גנץ אוים, דש דער מענש בידארף ניט צו זוכן איין מגיד דער אים זאל זאגן דאש עשרים וארבע... און ער קאן לערנן זעלבסט. דרום האט מן געהייסן דאז ספר „ספר המגיד״, כלומר מן בַדַרף קֵיין מגיד דער אים עשרים וארבע זאל זאגן״. דאָס אַלץ מאַכט גאַנץ דערקלערלעך דעם כעס פון די רבנים, בעת דער ווילנער פאַרלעגער האָט פאַרעפנטלעכט די צווייטע אָפּטיילונג פונם „שמחת הנפש״ אונטער דעם קעפּל „שולחן ערוך״.

דער „שולחן ערוך״ איז אָבער ניט געווען דער איינציקער ספר, וואָס די רבנים האָבן ניט געפונען פאַר פּאַסיק, נשים און עמי־הארצים זאָלן זיך מיט אים קאָנען באַנוצן. זיי האָבן בכלל געפונען, אַז מען טאָר ניט אַנטפּלעקן פאַרן פּשוטן עולם די טיפע סודות, וואָס זיינען באַהאַלטן אין מדרשים און אַנדערע הייליקע ספרים. זיי האָבן אויך געפונען, אַז אַזוינע מוסר־ספרים, ווי „חובות הלבבות״[26] און „מנורת המאור״, זיינען צו הייליק און טיף, זיי זאָלן איבערגעזעצט ווערן אויף „לשון אשכנז״. ערשט נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט, ווערט באַגרייפלעך דאָס אַרויסטרעטן פון דעם אַמסטערדאַמער דיין משה פראַנקפורט[27]. אין 1722 האָט ער פאַרעפנטלעכט דעם „מנורת המאור״ מיט זיין יידישער איבער־זעצונג. אין דער הקדמה[28] האַלט משה פראַנקפורט פאַר נייטיק אַרויס־צוטרעטן קעגן די „לומדים״, וואָס מיינען „דש עש ניט רעכט גטאן ווער, דש מַן זעלכי ספרים אין לשון אשכנז שרייבט און דש מן איטליכן מגלה איז דיא זאכן וואש אין מדרשים און גמרות שטֵיט; דארום האב איך זיֵא אן גוויזן דש עש להפוך איז, עש איז איין מצוה דש מן זאל אין אלי לשונות ספרים מאכן... דער קיין לשון הקודש קען לערנן זאל אין זיין לשון לערנן״.

„וגדולה מזו, שרייבט משה פראַנקפורט ווייטער, נאך אין גרעשרי זַך וויל איך זיא אן וייזן, דש איינשט אלי אונזרי ספרים דיא צום

---

[26] צום ערשטן דערשינען אין יידישער איבערזעצונג ערשט אין 1716 אונטער־פאַלגנדיקן שער־בלאַט: „דש ספר ווערט חובית הלבבות גמעלט, עש איז נאר איינציג אין דער וועלט, דאש האט גמאכט אונ׳ גַר וואויל בירואכט הגאון הגדול החסיד רבנו בחיי פון כֵר צייטן, דז זאלין זיך דראן קערן מאנין און וייבר אונ׳ אלי לייטן. עז איז גישטעלט אין צען שערים אונ׳ פורטן. דז עש זלין פר שטֵיין יונגן אונ׳ אלטין.

[27] דער היסטאָריאָגראַף כנחם מַן שרייבט אין זיין „שארית ישראל״ וועגן משה פראַנקפורט: „הדיין המפורסם כהור״ר משה פראנקפארט, דער אך וואַר רבי מחברת־קדושה גמילות חסדים״.

[28] וועגן דער דאָזיקער הקדמה האָבן מיר געשריבן מיט פיל יאָרן צוריק אין ־ונזער אַרטיקל „די ערשטע יידישיסטען״ („מאָמענט״, 1911, נומ׳ 26).

האַרבשטי און שווערשטי זיין צו לערנן, זיין גאַר ווייניג אין לשון הקודש געמאַכט געוואָרן נייערט אין דש לשון וואַש דער געמיינר מאַן גירעט האָט: פֿר ערשט דער תּלמוד ירושלמי איז געמאַכט אין דש לשון וואַש מאַנין, ווייבר, קינדר אין ארץ ישראל גירעט האָבן, און ניט אין לשון הקודש; אַך אונזר גמרא וועלכי געהיישן ווערט תּלמוד בבלי איז גאַר פֿיל דרינן וואַש קיין לשון הקודש איז. דער מדרש איז גאַר פֿיל דאַש קיין לשון הקודש איז, נייאַרט אין דש לשון ווי דער געמיינר מאַן אין דיא לענדר גירעדט האָט וואו דש ספר געמאַכט איז; דער תּרגום יונתן און ירושלמי וואו פֿיל סודות דרינן שטין, איז גימאַכט אין גמיין לשון דש איטליכר זאָל קענין פֿר שטין; דער זוהר איז איין ספר קדוש ונורא מאוד וועלכס איטל סודות התּורה איז — איז געמאַכט ניט אין לשון הקודש, נייאַרט אין דען לשון וואַש מן אין דאַש לאַנד פֿון בבל גירעט האָט, אונ' דר גלייכן נאָך פֿיל מער ספרים".

פֿיל ווייטער ווי דער אַמסטערדאַמער דיין איז אין זיין קאַמף פֿאַר יידיש אַלס ליטעראַטור־שפּראַך געגאַנגען משה פֿראַנקפֿורטס אַ בן־דור, אַ „געמיינר מַן", אַ תּושב פֿון אַ קליין שטעטעלע אין דרום־דייטשלאַנד, אהרן בן שמואל אויס הערגערסהויזן. זייער פֿרי אַ יתום געבליבן, האָט ער זיך פֿון קינדווייז אָן צווישן פֿרעמדע מענטשן געוואַלגערט, ווו ער פֿלעגט דורך „פֿלעטן" עסן טעג. אָן ליכט און פֿרייד איז זיין יוגנט פֿאַרגאַנגען. „אליין דלות ועניות צרות אונ' ווידר ווירדיקייט דער שונאים האָט מיך גיצוואונגן דש איך הב השם יתברך מוזן אום הילף אָן רופֿן דער וויל מיך מיינה עלטערן אליין גילאַזין האָבן און קיין פֿריינט אין דער גאַנצה וועלט, הב איך מיין גנצה הפֿנונג צו השם ית' גישטעלט". האָט ער „טרושט גוזוכט" אין דער תּורה און אין די הייליקע ספרים, האָט ער אָבער זייער ווייניק לשון־קודש געקענט. געפֿונען האָט ער דאָס, נאָך וואָס עס האָט אַזוי געבענקט זיין פֿאַראיינזאַמטע נשמה, אין די יידישע „ליבליכי ספרים", אין דער פֿאָלקס־ליטעראַטור. אין איר האָט ער דעם געזוכטן טרייען פֿריינד און מורה־דרך געפֿונען, זי איז געוואָרן זיין טרייסט און שטיצע אויף זיין גאַנץ לעבן. אין האַרציקע רירנדיקע תּפֿילות גיסט ער אויס זיין שבח און דאַנק דעם באַשעפֿער פֿאַר דער גרויסער גנאָד, וואָס ער האָט מיט אים געטאָן. ער באַנוגנט זיך אָבער ניט דערמיט. ער וויל אויך אַנדערע מזכּה זיין, עפֿענען די אויגן, דער־לייכטערן די הערצער אַזוינע ווי ער. זאָלן — דערקלערט ער — יענע דורך אים פֿיל פֿרייד און גליק געניסן, זאָלן דורך אים מענשן אַזוינע ווי ער, אַזוי אויך מענער, פֿרויען און קינדער, וואָס שטייען נאָך נידעריקער

דעם גוטן און ריכטיקן זועג דערזוען, וואָס פירט צום קוואל פון לעבע־דיקן וואַסער, וואָס ער גופא האָט געשעפּט פון די ספרים אויף יידיש! און ער שרייבט אַן איינגאַרטיק געבעטבוך „ליבליכה תפלה אודר גרעפטינה אַרטצנייא פאַר גוף אונ׳ נשמה״ (פיורדא, 1709) [29].

איך ווייס, — זאָגט פאַרויס דער פּראָפעסער — מאַנכער שטאָל־צער למדן וועט לאַכן איבער מיינע פשוטע רייד, נאָר בן־סירא האָט דאָך געזאָגט: בעסער ווייניק למדנות אָבער מיט יראת־שמים, איידער אַ סך חכמה געמישט מיט צביעות... זאָלן די גאַוותדיקע מענטשן מיט די פאַלשע הערצער לאַכן פון מיר און ניט וועלן פאַרשטיין מיין האַר־ציקן ווונטש, איך האָף אָבער, אַז אַלע אויפריכטיקע גוטע הערצער וועלן אין מיין ווערק דערקענען דעם גוטן ווילן פון מיין האַרץ...

דער פּראָפּעסער איז כלל ניט מגזם, בעת ער דערקלערט אויפן שער־בלאַט, אַז דאָס איז אַ ווערק „דיא ניט אין זולכעם טייטשן דרוק גיוועזן איז ווייל (זינט) דיא וועלט שטיט״. דערויף זאָגט שוין געגוג עדות די גרויסע הקדמה, וואָס דער מחבר האָט פאַרויסגעשיקט זיין „ליבליכער תפלה״ [30]. אהרן בן שמואל, אָט דער פשוטער פאָלקס־מענטש („לנטש־מן״), ווי ער גופא דריקט זיך אויס), האָט געהאַט דעם מוט אַנט־שיידן אַרויסצוטרעטן אַנטקעגן דעם גאַנצן דעמאָלטיקן סדר פון קינדער־דערציִונג ביי יידן. און ער שטרייכט נאָך דערביי אונטער, אַז ער האָט מאַקע מהאי טעמא די „גאַנץ לאַנגע הקדמה אויף טייטש געמאַכט״, בכדי אויך דער פשוטער געמיינער מאַן זאָל זען און פאַרשטיין די גרויסע פעלערן, וואָס ווערן ביי אונז געמאַכט; פון די העברעיִשע ספרים קענען דאָך מיר „לנטש־לייט״ גאַנץ ווייניק פאַרשטיין.

אין „ספר חכמות״ — ווייזט אָן אהרן בן שמואל — שטייט גע־שריבן, אַז באַם מען וויל, עס זאָל אויפוואַקסן אַ קלוג דור, דאַרף מען זען, מען זאָל די קינדער גוט דערציִען און אויף אַ קלאָרער פאַרשטענד־

29 דאָס שער־בלאַט פון אהרן בן שמואלס „ליבליכה תפלה״: „ליבה ברידר, קויפט דיזה ליבליכה תפלה אודר גרעפטינה אַרטצנייא פאַר גוף אונ׳ נשמה דיא ניט אין זולכעם טייטשן דרוק גיוועזן איז חייל דיא וועלט שטיט, אונ לאזט אייער חייב אונ׳ קינדר פלייסיג דארין לייאנן, זא ווערדן זיא גוף אונ׳ נשמה רעכט ערקוויקן, דען דיזעס ליכט חערט לייכטן ביז אין איהרם הערצן. זא באלד אלז דיא קינדר איבר לייאנן חער; זא ווערן זיא גלייך אך ורשטין אירה תפילות, דאדורך ווערן זיא גניסן עולם הזה אונ׳ עולם הבא וכי״ר״.

30 די הקדמה האָט צוריק מיט אַ יאָר 85 אַ דייטשער ראַבינער פאַרעפנטלעכט אין בוטס „יאַהרבוך״ (1846), ליידער אָבער שטאַרק פאַרדייטשמערישט. עס וואָלט נעווען כדאי געווען זי איבערדרוקן אויפסניי.

לעבער שפראך באקענען מיט מוכר און דרך־ארץ. דאס אלץ מוז דערפאר געשען אין דעם „מוטר־לשון", אלא ניט, וועט דאך דאס קינד ניט פארשטיין. ווייטער פאררופט זיך דער פארפאסער אויפן „ארחות צדיקים", וו עס שטיט געשריבן, אז „דעם קינדס הערץ איז אז וויא איין נוי בוך דש מן דרויף שרייבן וויל: נון קומט דש בוך אין איינעם נארן האנט אונ' שרייבט אלערליי שטות דארויף ביז עש פר דארבן איז". קומט דאס קינד צו א נארישן רבין אין די הענט, לערנט ער דערמיט אויף זיין נארישן אופן און פילט אן מיט לויטער שטות דעם קינדס הארץ. ווארעם, שטרייכט אהרן בן שמואל אונטער, א קינד פון פינף ביז צוועלף יאר איז ווי א ניי נאך ניט באשריבן בוך, און דאס וואס ווערט אין משך פון די דאזיקע יארן איינגעקריצט אינם קינדס הארץ, דאס בלייבט אויף זיין גאנץ לעבן. פארצייכנט מען דערויף קלוגע זאכן, קלאר און פארשטענדלעך, אז דאס קינד זאל עס באגרייפן און פארשטיין, דאן קאן דאס קינד א חכם ווערן. לערנט מען אבער אין די דאזיקע קינדישע יארן אויף אזא אופן, אז דאס קינד איז ניט אימשטאנד עס משיג צו זיין, בלייבט זיין מוח און זיין הארץ פארשטאפט אויף אלע זיינע יארן. „דרום זאל מן מיט דעם קינט לערנען אין דר מוטר לשון", חזרט דער פארפאסער איבער. לערנט מען אבער מיטן קינד אויף אן אנדער שפראך, דאן אקערט מען מיטן קינד זעקס־זיבן יאר דורכ[...]אנד און זיין הארץ בלייבט פארשטאקט און ווייס ניט „ניט פון יראה ניט פון אהבה". לײדער, שטרייכט אהרן בן שמואל אונטער, „בייא אונז איז דער מנהג, דאש איין קינט פון יוגנט אויף מוז לשון הקודש לערנן, וועלכש זיין יונג לֵב גאר ניט ֿ[פ]רשטֵיט, אונ' אויך דר רבי ניט אנדרש קאן אלז וויא ער אך גילֶרנט האט, אלזא קאן קיינר יראה טהורה הָבֵן, ווי אלישע בן אבויה זאגט, דען אין דער יוגֶנט האט ערש ניט ֿ[פ]ר שטנדן; אונ' ווען ער קומט בייא יארן, דש ער דאש טייטש לייאנן ֿ[פ]ר שטֵיט זא איז זיין לב ור שטאקט אונ' קאן אויז דעם טייטשן קיין רעכט געמיאט פַּסֶן דען ער לייענט עז איבר הין אונ' נימט צו הרצן פיל וֶויניגר דש לשון הקודש, דארום קומן אלי לייכט פרטיג דרכים דער פון, אונט פון אלי אונזר בוזהייט איז דש די אֹרזַך דש מן דען קינדר אין דער יוגנט אירן למוד ניט צו הערצן ברינגט".

דערפאר טאקע, דערקלערט ווייטער אהרן בן שמואל, „זעלכס איבל שטנד אב צו הֶלפן הָבּ איכש גיוואגט אונ' הָב מיך אונטר שטַנדן דיא פאר גֶמשטה צו זַמֶן גילֶזנה תפלות אונ' כוונות זמט איין מייל קאפיטל תהלים זא גוט אלש איכש גיקענט האב אין טייטש מוטר לשון דרוקן צו לוזן זֶלכה תפלות וֶורן דורך דרינגן, ביי גאט דעם אלמֶכטיגן אונד אויך דעם מענשן אין זיינם הערצן, דש ער זיך אין פיל מעשים ווערט בֶּסרן

און׳ ווָרט ניט זא בֵּיז מעֶר זיין און׳ ווָרט גרויס שלום ברינגן... אונט אך דיא קינדר ווָרן לערנן מיט איין שֵׁין לשון רידן און׳ אך שרייבן אַגן גרייזן״.

פאַקטיש האָט אהרן בן שמואל ניט געגעבן קיין פשוטע איבערזעצונג פון דעם געברויכלעכן סידור, נייערט אַ נ ײ ע ם סידור. בלויז אַ באַשטימטע צאָל פעסטגעזעצטע תּפילות און אויך געוויסע קאַפּיטלעך תהלים האָט ער איבערגעזעצט, דאָס רוב האָט ער אָבער גאַנץ נייע פון אים גופא פאַרפאַסטע תּפילות געגעבן: תּפילות פאַר קינדער, אַ תּפילה ווען מען „אין דיא שואל (שול) גֵיט״, „איין שין תחנה וַר איין לַנטץ מן דער קיין למדן איז״, „איין שֵין תּפלה וַר איין משרת אודר פילצל (מיידל)״, „איין שינה תּפלה צו ביטן דז מאן אונ׳ ווייב ליבליך לעבן זאלן״ און פיל אַנדערע. און געדרוקט האָט ער זיין „ליבליכה תּפלה״ ניט ווי אַלע יידישע ביכער פלעגן געדרוקט ווערן מיט ספּעציעלן „ווייבער־כּתב״, נאָר טאַקע מיט העברעיִשע קוואַדראַט־אותיות מיט נקודות, ווי אַלע סידורים און מחזורים פלעגן געדרוקט ווערן.

אהרן בן שמואל האָט געמיינט, אַז זיין ווערק „ווָרט גרויס שלום בריֶנגן״, ער האָט אָבער אַ טעות געהאַט: ניט שלום האָט זיין סידור געבראַכט, נאָר צאָרן און פאַרדראָס. די רבנים האָבן אין זיין הקדמה און בכלל אין זיין גאַנצער אונטערנעמונג געזען לויטער אפּיקורסות און הפקרות, און זיי האָבן זיין ווערק, גלייך ווי עס איז נאָר אַרויס פון דרוק, מחרים געווען. קיינער האָט ניט געוואַגט דעם אפּיקורסישן סידור אין די הענט צו נעמען, און מיט איייניקע דורות שפּעטער, אין 1830, האָט מען אויפן בוידעם אינם בית־המדרש פון אהרן בן שמואלס געבורט־שטאָט געפונען פיל הונדערטער עקזעמפּלאַרן פון דעם דאָזיקן קאָנפיסקירטן סידור.

ניינטער קאַפּיטל

די היסטאָרישע ליטעראַטור אויף יידיש. — די יידישע איבערזעצונגען פון „יוסיפון", „תם וישר", „שבט יהודה", „ספרים חיצונים" און „צמח דוד". — די כראָניקעס: „באַשרייבונג פון שבתי צבי" און „גזירות ווערמייזע". — מנחם מן אַמעלאַנדער און זיין „שארית ישראל". — דער באַטייט פון אַמעלאַנדערס כראָניק. — רייזע־באַשרייבונגען אין יידיש. — די לעגענדאַרע און פאַנטאַסטישע עלעמענטן אין די דאָזיקע באַשרייבונגען. — דער „גבולות ארץ־ישראל" און „מעשה אמסטרדם". — אברהם לוים „רייזע־באַשרייבונג". — מגילות אין דער פאָלקס ליטעראַטור. — „מגלת שמואל", „מגלת איבה", „מגלת וינא" און „מגלת בערנס". — די מחברים פון גליקל האַמלען און זייער באַטייט. — די פרוי אין דער פאָלקס־ליטעראַטור. — די ווייבערשע תחינות. — דער תחינה סטיל. — תחינות פאַר פרויען און תחינות פון פרויען. — שרה בת טובים אַלס לעגענדע. — שרה בת טובים אַלס רעאַלע פערזענלעכקייט. — תחינות פאַרפאַסערינס.

מיר האָבן שוין אין די פריערדיקע קאַפּיטלעך אָנגעוויזן, ווי ענג צונויפגעבונדן עס זיינען געווען די צוויי הויפּט־שטראָמען אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור: מעשה־ביכער און מוסר־ספרים. אין גרויס קרובעשאַפט מיט דער מוסר־ליטעראַטור האָט זיך אויך געפונען דער דריטער צווייג פון דער אַלט־יידישער פּראָזע — די היסטאָריאָגראַפיע. אויך דאָ איז דער דערציילערישער שטאָף, די באַשרייבונג פון היסטאָרישע געשעענישן איינגעפאַסט אין אַ דידאַקטישער ראַם, דורכגעוועבט מיט אַ מוסר־השכל, מיט אַ פרומען פירוש און אויספיר. די מעשה דאַרף אונז עפּעס „לאָזן הערן", מיר זאָלן זיך נעמען אַ מוסר; די זינד און שטרויכלונגען פון אונזערע עלטערן דאַרפן זיין פאַר אונז אַ וואָרנונג, ניט צו בלאָנדזשען אויף שלעכטע וועגן, און די מעשים טובים און מסירת־נפש פון די אַמאָליקע דורות זאָל זיין פאַר אונז אַ שפּיגל און וועגווייזער אין אונזער שווערן וואַנגל...

און דעם ערשטן גרונטשטיין פאַר היסטאָריאָגראַפיע האָט געלייגט אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור דער משומד מיכל אדאַם, דער באַוווסטער אַרויסגעבער פון דער קאָנסטאַנצער חומש־איבערזעצונג. אין

1546 האט מיכל אדאם אין ציריך פארעפנטלעכט א יידישע איבערזעצונג פון דעם בארימטן „יוסיפון", לויט דעם שפעטערדיקן נוסח, וואס תם אבן יחיא האט ארויסגעגעבן אין קאנסטאנטינאפאל אין 1510[1]. די דאזיקע ציריכער אויסגאבע איז אן אמתער פראכט־מאנומענט פון יידישער בוכדרוקער־קונסט; עס איז בכלל די שענסטע, מיט האלץ־שניטן רייך־אילוסטרירטע אויסגאבע, וואס די אלט־יידישע ליטעראטור פארמאגט. דאס דאזיקע אינטערעסאנטע, מיט גרוים טאלאנט געשריבענע ווערק האט שטארק נושא חן געווען ביים פשוטן יידישן לייענער, און עס איז איניקע מאל איבערגעדרוקט געווארן אין פארשיידענע איבערזעצונגען און באארבעטונגען. ניט ווייניקער אויסגענומען האט די יידישע איבערזעצונג פונם „ספר הישר", וואס יעקב בן מתתיהו האט פארעפנטלעכט אין 1670 אונטערן נאמען „תם וישר". „וייל — דערקלערט דער ארויסגעבער אויפן שער־בלאט — אין דעם ספר ווערט דערציילט די מעשים וואש גאט ב"ה האט גטאן פון בריאת העולם ביז יהושע האט ניבראכט דאש פאלק ישראל קיין ארץ־ישראל, דרום האבן מיר דאס מעתיק געווען פון לשון הקודש אויף יודיש־דייטש כדי אלע זאלין וויסין דיא נסים ונפלאות".

שוין אין 1591 איז אין קראקע דערשינען אן אנאנימע איבערזעצונג פון אבן ווערגאס פאפולערער היסטארישער כראניק „שבט יהודה"[2]. „וואול פרטייטשט — ווערט דערקלערט אויפן שער־בלאט — גאר קורצליך דרינן צו לייאנן פר גמייני בעלי־בתים מאנין אונ' ווייביר. מן ווערט דרינן גיפינן וואונדערליכי גישיכטניש דיא גישעהן זיין אונזרן עלטרן אין דען גלות, אונ' וויא פיל מאל זיא האבן מקדש שם שמים גיוועזן... דאמיט דער מענש ווערט זיין הערץ דערוועקען צו גאטש פארכט. השם יתברך זאל ווייטר זיין פאלק באהיטן אונ' זאל אונז זענדן דען דער ליזר משיח בן דוד במהרה בימינו אכי"ר". אויך דאס ווערק האט געהאט גרויס דערפאלג ביים עולם און איז מערערע מאל איבערגעדרוקט געווארן.

שטארק אויסגענומען האט דער אויבן־דערמאנטער חיים בן נתן מיט זיין געלונגענער איבערזעצונג פון די היסטארישע אפאקריפן־ביכער (ספר יהודית, ספר שושנה, מעשה טוביה א"א), וואס ער האט ארויסגעגעבן אין 1625 אונטערן נאמען „ספר המעשים". „דיזי ספרים — דערקלערט דער איבערזעצער — האב איך מעתיק געוועזן ווארט נר ווארט

1 זע אונזער ווערק, ב' II, 189—193.

2 זע אונזער ווערק, ב' IV, ז' 90—99.

אויז דעם גלחות עשרים וארבע (ד״ה אויס דער קריסטלעכער ביבל־אויס־גאבע), האב זיא שלעכט (איינפאך) מקצר גיוועזן אין עטליכע אורטן. זיא זענין היפש צו לייאנן אונ׳ ברענגן פיל יראת שמים; דען מן זיכט (זעט) וויא אונזרי עלטערן ויל (פיל) צרות געליטן הובן, אונ׳ דאך ביי גאט געבליבן, דרום הוט זיא גוט (גאט) אויך ווידער גיהולפן. האב זיא דרום געהייסן „ספר המעשים״ ווייל זי ניט אלזו האך גערעכנעט זייען אלש דש עשרים וארבע, אבער דאך זענן זיא היפשע געטליכע ספרים״.

דערפאר אבער האט די „צמח־דוד״־איבערזעצונג, וואס זלמן העננא האט פארעפנטלעכט אין פראנקפורט אויפן מאין אין 1698, געהאט א קנאפן דערפאלג. דוד גאנזס כראניק[3] איז געשריבן אין א צו טרוקענעם, פראגמאטיש־מעסיקן טאן, איז ער ניט געווען ביכולת צוצוציען צו זיך דעם פשוטן לייענער פונם פאלק. מער מזל האט שוין געהאט נתן האנאווערס „יון מצולה״[4]; ווי נאר די דאזיקע טרויעריקע כראניק איז ארויס פון דרוק, איז באלד דערשינען (אין 1655) א יידישע נעגראמטע איבערזע־צונג[5] און אין אייניקע צענדליק יאר ארום איז זי אויך דערשינען אין א נייער איבערזעצונג.

די היסטאריאגראפישע ליטעראטור אין יידיש באשטייט אבער ניט בלויז פון איבערזעצונגען. אלט־יידיש פארמאגט אויך אריגינעלע באשריי־בונגען פון וויכטיקע היסטארישע געשעענישן. אזוי, למשל, האט אונז געגעבן די באגלויביקסטע באשרייבונג פון דער שבתי־צבי באוועגונג אן אמסטערדאמער תושב פון יענער צייט, יהודה־לייב בן עוזר, אין זיין „באשרייבונג פון שבתי־צבי״. „מאחר — דערקלערט דער פארפאסער אין דער פארעדע — דז איך כל ימי האב חקירה ודרישה גהאט בכל מה דאפשר לי מאנשים חשובים ואמתים וועלכי נור איין שורש גוויסט האבן מן שבתי־צבי, אויך מיט פיל לייט גירעט דיא זעלבסטן פרשזינליך (פער־זענלעך) בייא אים גוועזן זיין, און מיט אים גינעשן און גטרונקן האבן, און פון זיין עסקים גר וואיל גוויסט האבן, גלייך ווייטר פר מעלט ווערט ווערן בעזרת השם יתברך און אלס בפירוש בשרייבן ווער זא ווייט אז מיין ידיעה פון איז, ווערט איר הערן מעשים נוראים די געשעהן זיין

---

3 זע אונזער ווערק, ב׳ V, ז׳ 60.

4 דארטן, ז׳ 148.

5 „דיא גזירות רעות דיא גיוועזן זיין בשנת ת״ח אונ׳ ת״ט, אין רייסן ליטא און פוילין, און זיין בעו״ה פיל טויזנט נפשות פון רבנים און לומדים אנשים ונשים בחורים ובתולות אליר הנד מיתות משונות אום קומן, השם ינקם את דמם; אונ׳ איז אויס דעם לשון הקדש אויף טייטש אין גרייט גימאכט גיווארדן פון משה בר׳ אברהם אמשטרדם ת״ט״ן (1655).

בימים ההם, און ממש כל העולם מטעה גוועזן, דז נמולים וערלים להבדל, אלי בכלל האבן מאמין גוועזין, דז דיזר שבתי צבי העט זאלן זיין גואל צדק, און ממש מרעיש עולמות גוועזן. ולא זו בלבד דז יהודים מאמינים בני מאמינים האבן אן אין מאמין גוועזן, רק אפילו הנוצרים נפל פחדו עליהם ונבהלו אלופי אדום, און פר ממשות גהאלטן ווען כאן אמשטרדם באותו פעם איין פאשט קומן, איז זעלבע גדרענג גוועזן, דז איין מענש דעם אנדרן שיר ערדריגגן האט אום נייאצייטונג פון שבתי צבי צו הערן. וכן אין גאנץ אירופא מלבד דעם אויף־דיר וועלכן ער דרוועקט האט אין טורקייא, מצרים וארץ ישראל. זא האב דא פון איין בשרייבונג גמאכט לזכרון, מיין נאך־קומלינג דא פון איין עקסעמפל צו נעמן".

פיל טרויעריקע פאסירונגען און בלוטיקע גזירות זיינען אויך פאר־שריבן געווארן לזכרון פאר די קומענדיקע דורות אויף דער פאלקס־שפראך. בערך אין 1609 איז אין קראקע דערשינען די „ווינער גזירה", ווו עס ווערט באשריבן, ווי בשעת דער הוסיטן־מלחמה (1420) האט א גאנצע קהילה זיך מוסר־נפש געווען אויף קידוש־השם[6]. אבער שוין אין 1582, בכן נאך פאר דער קראקער אויסגאבע, האט איינער א יחיאל בן ידידיה אוים אראווטשיק איבערגעזעצט דעם דאזיקן באריכט פון יידיש אויף העברעיש[7]. איינעם פון די טראגישע עפיזאדן אוים דעם דרייסיק־יאריקן קריג, די באלאגערונג פון ווארמס אין 1636, האט באריכות באשריבן אין זיין „צרות ווערמייזע" איינער פון די ווארמסער איינוווינער אוים יענער צייט (פארעפנטלעכט אין „קובץ על יד", 1898). די אומרועןן אין אמסטערדאם פון 1696 האבן אויך געפונען זייער יידישן היסטאריאגראף, וואס שילדערט זיי אין זיין „איין בישרייבונג פון דער רבעלירייי צו אמשטרדם". אויך די בלוטיקע עלילות־דם האבן געפונען זייער אפקלאנג אין דער יידישער היסטאריאגראפישער ליטעראטור. די מעצער עלילת־דם פון 1669 האט מיט אלע פרטים באשריבן אן אומ־באקאנטער מעצער תושב. אין דעם אריינפיר דערקלערט דער פארפאסער, אז ער האט זיין באריכט געשריבן אין יידיש־דייטש, כדי יעדער מענטש, פרויען און מענער, בחורים און בתולות זאלן עס אויך קענען לייענען און זען, וויפיל ניסים השי"ת האט געטאן און האט אונז באשיצט פון די שונאי ישראל; יעדער זאל זיך אלזא פון דאנען א משל אראפנעמען

---

6 אין אן אנדער נוסח ווערט די „גזירה" באשריבן אין „גזירה ממדינת עסטרייך" וואס איז געדרוקט צום סוף פון עקיבא העגאכס „מעשה ד'" מיט דעם אונטערקעפל: „די גזירה איז גוועזן אין יאר אז מן האט געיילט ח' אלפים ק"פ יוד סיון אונ' ט' ניסן קפ"א".

7 זע שטיינשניידער, „געשיכטסליטעראטור דער יודען", 1905, 67.

צו דינען השי"ת מיט פאַרכט און מיט דער גאַנצער נשמה ביז ביאת הגואל אָמן"[8].

נעמענדיק אין באַטראַכט די אָפטע עלילות-דם, וואָס זיינען פאַר־געקומען אין די ערשטע יאָרצענדליקער פונם 18טן י"ה אין פאַרשיידענע פּוילישע פּראָווינצן, האָט אַ יידישער כּלל־טוער, חיים אַלשיך, פאַרעפנט־לעכט אַ ווערק „תשועת ישראל", וווּ ער גיט אין יידישער איבערזעצונג דריי וויכטיקע אַפּאָלאָגעטישע שריפטן, וואָס באַהאַנדלען דעם בלוט־בילבול פון יאָר 1706 אין דעם איטאַליענישן שטעטל וויטערבאָ. „דיזן ספר תשועת ישראל — שרייבט חיים אַלשיך אין דער הקדמה — האב איך מיך במיהט צו בקומען אין רום, וועלכש גדרוקט איזט ווארדן אין רום מיט רשות האדון פופס יר"ה. אבר זעלביג איזט גדרוקט געוועזן אויף אַטַליענש אונ' לשון לַטיין, וועלכער אין דיזע מדינות וויניג לייט גיבט אלז זאלכש לשון פר'שטין. אלז דען האב איך מיט גרויזאמי מיא אונ' קאשטן פון דיזה לשונות אין טייטשין גברויכט אונ' דען אין־האלט ווירט יעדר מעניש קענן זעהן, ווען ער אלי דרייא ביכר דורך לייאנט"[9].

דאָס באַדייטנדסטע ווערק פון דער גאַנצער אַלט־יידישער היסטאָ־ריאָגראַפישער ליטעראַטור איז בלי־ספק דער „שארית־ישראל", וואָס משה פראַנקפורטס תּלמיד, מנחם מַן בן שלמה הלוי אַמעלאַנדער, האָט פאַרעפנטלעכט אין אַמסטערדאַם אין 1743. מנחם מַן איז געווען אַ ייד־אַ למדן און פאַר זיינע גרויסע ידיעות אין דיקדוק האָט ער געשמט אונ־טערן נאָמען „דער מדקדק". אַלס משה פראַנקפורטס אַ טרייער תּלמיד, האָט ער אָבער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו פאַרשפּרייטן ביכער אויף דער פאָלקס־שפּראַך. צוזאַמען מיט זיין שוואָגער, אליעזר זוסמאַן רודולסום[10], האָט מַן אין 1725 גענומען ארויסגעבן דעם „מנישי מנחה", אַ פּראַכט־פולע אויסגאַבע פון תּנ"ך; דעם העברעישן טעקסט מיט רש"י, מיט אַ יידישער איבערזעצונג. און ווייל די שותפים זיינען נ.ט געווען אימ־שטאַנד אויפן אייגענעם חשבון ארויסגעבן אַזאַ אומפאַנגרייך ווערק (716 בלעטער אין פאָליא־פאָרמאַט), האָבן זיי אויסגענוצט דאָס אַבאָ־נענטן־סיסטעם: די באַלעבאַטים פלעגן אָפּנעמען דאָס ווערק בוויגנווייז

8 צום ערשטן פולשטענדיק פאַרעפנטלעכט דורך ד"ר מאיר הלוי אין „פילאָלאָגישע שריפטן", III, 243—282.

9 מער באריכות וועגן דעם דאָזיקן ווערק זע ד"ר י. שאַצקיס נאָטיץ אין „פנקס", ב' I, 1928, 12.

10 וואָס האָט דערנאָך אין 1737 איבערגעדרוקט דעם „יידישן סטרויאַק" (זע אויבן, קאַפּיטל 6, ז' 188).

און צאָלן פאַר יעדן בויגן באַזונדער[11]. אין 1743 גיט מַן ארויס אַ פאַר־בעסערטע אויסגאַבע פון דער „יוסיפון״־איבערזעצונג, און טאַקע אין דעם זעלבן יאָר איז דערשינען זיין אָריגינעל היסטאָריש ווערק „שארית ישראל״, וואָס איז פאַרטראַכט אַלס המשך (חלק שני) פונם „יוסיפון״, אָנהייבנדיק פון נאָכן חורבן בית־שני ביז דער לעצטער צייט. „איר ליבה לייט — ווערט געמאָלדן אויפן שער־בלאַט — טוט גשווינד לויפן, אונ׳ טוט אייך באַלד אזוי איין מעכטיג ספר קויפן, דען דאַ אין ווערט דר צילט אלי דיא וואונדר גשיכטן, דיא גאט האט אן אונש יהודים טאָן ריכטן, פון דיא צייט דאס יוסיפון האט אויף געהערט צו שרייבן, אונ׳ ווען מיר יהודים אין גלות האבן טון בלייבן, דען מיר יהודים זיין פר שפרייט גווארן אין עקין פון דר וועלט, מזרח מערב צפון דרום וויא זיא ווערן גמעלט, הש״י זאל ווייטר היטן דיא איבר בלייבונג פון ישראל, אונ׳ זאל אונש שיקן אונזר רעכטר גואל, דז זאל גשעהן אין קארצי טאגן, דרויף וועלן מיר אמן זאגן״.

פאַר זיין היסטאָרישער כראָניק האָט מנחם מַן פליייסיק געזאַמלט דעם נייטיקן מאַטעריאַל, ניט בלויז אויס יידישע קוועלן, נאָר אויך אויס פאַרשיידענע אייראָפּעיִשע. ווי דער רוב היסטאָריאָגראַפן פון יענער צייט, איז אויך מַן ניט שטענדיק געווען אימשטאַנד קריטיש אָפּצוטיילן פשוטע לעגענדעס פון באַגלויביקטע היסטאָרישע פאַקטן, דאָך אַנטהאַלט זיין ווערק גאַנץ פיל ווערטפולע ידיעות בנוגע דער יידישער געשיכטע אין דייטשלאַנד און פּוילן. אַ באַזונדערס רייכן מאַטעריאַל גיט דער „שארית ישראל״ וועגן דעם יידישן ישוב אין האָלאַנד, בפרט אין אַמ־סטערדאַם. בכדי צו באַקענען דעם לייענער מיט מנחם מַנס סטיל און אַרט שרייבן, ברענגען מיר דאָ צוויי גרעסערע ציטאַטן פון זיין „שארית ישראל״[12]:

I.

אָנהייב קאַפּיטל ט״ו: „אמר המחבר, ער זאגט דער דאס ספר האט גמאכט: וויל דער אינהאַלט פון דיזן ספר איז אום צו בשרייבן וויא עש איז גנאנגן מיט אונש יהודים ביז דעם היינטיגן טאג, דארום האב איך ניט קענן פר בייא גין אום ארויש צו נעמן דער עיקר אונ׳ חידושים דאש דא שטיט אין דאש ספר מסעות בנימן. דאש ספר האט איינער גשריבן דער געהייסן האט רבי בנימן רופא בן ר׳ יונה, ער וואס אויס דיא שטאט טודילה, דש דא איז אין דש לאנד נאבארה. דר האט

11 זע נ. שטיף נאָטיץ אין „יידישע פילאָלאָגיע״, 1924, 388—389.

12 מיר ציטירן לויט דער אויסגאַבע פון 1771.

בשריבן וואש ער זעלבסט האט גזעהן אין דען עולם, וואו ער גרייזט איז אין דיא דרייא חלקים פון דען עולם, דיא גהיישן ווערן אראפיא, אסיא, אפריקה. אונ' וואש ער גזעהן האט, דאש האט ער אלש אויף גשריבן, אונ' ער שרייבט אויף וועלכש אורט דאש ער יהודים האט גפונדן, אונ' וויא עש זיא אין דיא צייט גגאנגן איז, אונ' פון וואש פר איין שבט דאש זיא זיין, אונ' ווער איר רבנים אונ' נשיאים אין דיא זעלביגי צייט גוועזן זיין, אונ' אונטר וואש פאר איין מלכות דש זיא זיצן. אונ' דר מאן וואר איין ווארהאפטיגער מאן, דעם מן גלאבן מאג, דען וויא ער זיין רייז פולבראכט האט, דא איז ער ווידר צוריק גקומן אין דש לאנד קאשטיליאה, דש וואר אין דאש יאר דאש מן צילט פיר טויזנט ניין הונדערט דרייא אונ' דרייסיג. דא האט מן אים פר זוכט אוב אן אים צו גלאבן איז, דא האט מן בפונדן דש ער איז גוועזן איין גרושר חכם אונ' פארשטאנדיג אין דיא תורה, אונ' אין אלי זאכן דאש מן אים פאר זוכט האט. דא האט מן אים בפונדן דאש ער איין ווארהאפטיגער מאן איז''.

II.

אנהייב קאפיטל ל''ב: „בימי, אין די טעג פון דען קינג ולדיסלאוו, דער קינג וואר אין פולין, דער וואר איין זער גוטר אונ' פרומר קינג, ער איז ראוי גוועזן אום גצילט צו ווערן צווישן דיא צדיקים. דען ער האט אל צייט זער פיל גוטש גטאן מיט דיא יהודים אין פולין. אין דעם זיין צייטן האט זיך אויף גשטעלט איין שפלה אומה דא גהיישן ווערן קאזאקן, דש זיינן דיא יוונים. עש ווארן פוארן (פויערים) אקיר־לייט, דיא האבן מורד גוועזן קיגן דען קינג ולאדיסלאוו אונ' קיגן זייני הערן. דש וואר אין דש יאר ת''ח לפ''ק, אונ' דיא גזירה האט זיך אנגפאנגן אין חודש ניסן, אונ' האבן אן גפאנגן צו טיטן אונטר דיא יהודים כמה מאות נפשות. דא זיינן אויף גשטאנדן פיל גרוישי שרים מיט נאך פיל פאלק פון דיא פלאקן אום צו שטרייטן קיגן דיא קאזאקן. אונ' עס גשאך דא דיא פלאקן קאמן נאהנט צו איר שאר אין דז לנד פון די רשעים, דיש גהיישן ווערט אוקריינא, דא זיינן דיא קאזאקן קיגן זיא גקומן אום צו שטרייטן''...

דער „שארית ישראל'' האט געהאט גרויס דערפאלג; עס איז צוויי מאל איבערגעדרוקט געווארן נאך ביים מחברס לעבן (פיורדא, 1751 און 1757), דערנאך שוין נאך זיין טויט אין 1771 (אין אמסטערדאם), ווו עס איז צוגעגעבן א שלום־קאפיטל, אין וועלכן עס ווערן איבערגעגעבן די וויטערדיקע היסטארישע געשעענישן ביז 1770. באלד דערנאך איז דער „שארית ישראל'' דערשינען אין העברעישער איבערזעצונג, און אין

19טן י״ה איז מַנם ווערק אויך דערשינען אין דער האָלענדישער שפּראַך.

צו דער היסטאָרישער ליטעראַטור דאַרפן אויך צוגערעכנט ווערן די רייזע־באַשרייבונגען, וואָס אויף זייער היסטאָרישן ווערט ווייזט מאַקע אָן דער בעל „שארית ישראל״. די יידן, די „וועג־וואַסנדיקע״, פלעגן זיך דאָך אַזוי אָפט לאָזן אין ווייטע רייזעס. עס זיינען אפילו ספּעציעלע האַנטביכער פאַר רייזנדע געשאַפן געוואָרן, מיט פאַרשיידענע פּראַקטישע אָנווייזונגען און דערקלערונגען, ווי, למשל, דאָס ווערק „דרך ארץ״, וואָס דער באַוווסטער שבתי באַס האָט אין יידיש פאַרעפנטלעכט (1680) פאַר סוחרים און רייזנדיקע אַגענטן. איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס עס זיינען ביי יידן אויפגעהיט רייזע־באַשרייבונגען אין אַ גאַנץ גהעריקער צאָל. אין יידישער איבערזעצונג זיינען דערשינען ניט נאָר די באַרימטע רייזע־באַשרייבונגען פון דעם אָקאָרשט־דערמאָנטן בנימין אויס טאָלעדאָ[13]. און פון פתחיה אויס רעגענסבורג[14], נייערט אויך דער פאַנטאַסטישער באַריכט פון דעם באַקאַנטן אַוואַנטוריסט אויס דעם 9טן י״ה, אֶלְדָד הדני, וועלכער האָט פאַרזיכערט, אַז ער שטאַמט פון שבט דן, און איז געקומען פון אַ מדינה אויס מזרח־אַפריקע, וווּ עס וווינט אַ באַדייטנדיקער טייל פון די „עשרת השבטים״. אַלע די לעגענדעס און באַבע־מעשיות, וואָס דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער פאַרשטייער פון די „רויטע יידעלעך״ דער־ציילט אין זיין באַריכט, ווערן פון דעם איבערזעצער אָנגענומען אַלס ריינער אמת: „ספר אלדד הדני — ווערט געמאָלדן אויפן שער־בלאַט פון דער יידישער איבערזעצונג[15] — אשר היה משבט דן וסיפר מטוב חיות השבטים ובני משה כאשר מבואר בפנים. דרונן ווערט דער ציילט דיא גבורות פון גאט ב״ה וויא ער טוט חסדים מיט דיא ישראל. און אויך ווערט דרונן דערציילט וויא דיא צעהן שבטים זענין, און וויא זייא האבן איבר זיך איין מלך. און דער צדיק אלדד איז פון שבט דן; ער האט עש אליץ דער ציילט און אויך וויא אונטר דעם סמבטיון זענין פאר האנדין די בני משה רבנו ע״ה, און די אלי זענין גרוסי צדיקים און חסידים, און גאט ב״ה טוט זייא תמיד גרושי נסים און ווּנדר. דרום

---

13 זע אונזער װערק, ב׳ II, ז׳ 105—107. אין יידיש דערשינען אין אַמסטערדאַם אין 1691.

14 פתחיה פון רעגענסבורג האָט דורכגעמאַכט זיין וועלט־רייזע אין משך פון 1170 — 1180, די יידישע איבערזעצונג פון זיין „סיבוב העולם“ איז דערשינען אין פּראָג אין 1600 אונטער דעם שער־בלאַט: „דיא אויסרינגלונג רבנו פתחיה החסיד טרענשפורק“.

15 דאָס יאָר און דער אָרט פון דרוק זייגען ניט אָנגעגעבן. לויט דעם אויסזע־ן שטאַמט די אויסגאַבע פון 18טן י״ה

האבין מיר עש מעתיק גיוועז אוף עברי טייטש כדי איטליכר זאל זעהן דיא גרושי נסים און ווינדר און חסדים וואש גאט ב"ה טוט מיט דיא ישראל. הש"י זאל אונז שיקען דעם גואל צדק מיר זאלין זיין דיא אלי צו זעהן מיט אונזרי אויגן אמן".

מעשיות וועגן די „עשרת השבטים" און די בני משה פון יענער זייט סמבטיון זיינען בכלל שטאַרק באַליבט געווען ביים פאָלק און עס זיינען דערשינען אַ גאַנצע צאָל פאָלקס־ביכלעך מיט אַזעלכע באַשרייבונגען. איינס פון זיי („תלאות משה") האט אין 1712 פאַרעפנטלעכט דער גר־צדק משה בן אברהם אָבינו[16]. ניט ווייניקער באַליבט זיינען געווען רייזע־באַשרייבונגען וועגן ארץ־ישראל און די שכנותדיקע לענדער. די פאַרפאַסער פון אַזעלכע באַשרייבונגען פאַרזיכערן אַפילו, אַז אַלץ, וואָס זיי דערציילן, האָבן זיי מיט זייערע אויגן בייגעזען, דאָך זיינען זייערע באַריכטן איבערפולט מיט די פאַנטאַסטישסטע און וואונדערבאַרסטע מעשיות. אין דער הינזיכט איז באַזונדערס טיפּיש דאָס אין לובלין אין 1635 דערשינענע ווערק „גלילות ארץ ישראל". דאָס איז אַ באַריכט פון איינעם אַ גרשון בן אליעזר איידלס אוים פּראָג, וועגן זיין רייזע, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט איבער פאַרשיידענע מזרח־לענדער אויפן וועג קיין ארץ־ישראל. און אָט אין דעם דאָזיקן באַריכט ווערן דערציילט אַלס „מעשה שהיה", וואָס דער פאַרפאַסער זאָל האָבן געזען מיט זיינע אייגענע אויגן — די וואונדערבאַרסטע הידושים פון דער וועלט. אונטער דמשק, אַ שטייגער, האָט אונזער רייזנדער געזען אימהדיק גרויסע פילפאַרביקע חיות מיט דריי אויגן, און אין אַ אַנדער אָרט האָט ער באַגעגנט ריזיקע באַשעפענישן מיט פינף פיס און דריי אויגן. ווייטער פאַרזיכערט אונזער מחבר, אַז ער האָט אַליין געזען אַ מענטשן אָן אַ קאָפּ, דאָס מויל און די אויגן זיינען ביי אים אויף דער ברוסט געווען, געגעסן האָט ער בלויז איין מאכל — פיש, און זיין לשון איז געווען אַ מין גריכיש. איצט דאַרף שוין דער לייענער זיך ניט חידושן, אַז אונזער רייזנדער האָט אויך געזען פייגלען, וואָס שפייען מיט פייער, האָט באַטראַכט דעם טורעם פון בבל, וואָס דער דור ההפלגה האָט אויפגעבויט, און האָט ביים מעבור־יבוק באַוואונדערט דעם ענגן דורכגאַנג, ווו יעקב אבינו האָט זיך מיטן מלאך גערانגלט. און גרשון בן אליעזר פאַרזיכערט אַפילו, אַז ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, ווי אין שטיין זיינען נאָך דאָרט איינגעקריצט די פוס־טריט־צייכנס פון די גוואַלטיקע קעמפער. אין שושן האָט ער מיט אַנטציקונג געזען דעם אָרון פון דניאל איש חמודות, ווי ער

---

16 זע צונץ, „געזאַמ. שריפטן", 3, 193; שולמאַן, זייט 126.

הענגט אין דער הויך איבערן טייך און שיינט ווי גילד־גאָלד. אויך ביים טייך סמבטיון איז אונזער רייזנדער געווען, און האָט אַליין געהערט דעם רעש און געפּילדער פון דעם שרעקלעכן שטיינער־האָגל, וואָס גוואַלדעוועט אָן אויפהער אין משך פון די זעקס וואָכנטעג. ניט ווייט פונם קדרון־שטראָם האָט אונזער רייזנדער געזען די זאַלץ־קאָלאָנע, וואָס אין איר איז לוטס ווייב מגולגל געוואָרן. אין דער האַלבער נאַכט, דערציילט אונזער באַגלויבטער רייזנדער, קען מען זען דעם „נציב מלח" אין זיין נאַטיר־לעכער גרויס; צום באַגינען אָבער איז ער בסך־הכל צוויי צאָל די גרויס. און גרשון בן אליעזר דערקלערט דאָס דווקא „על־פי דרך הטבע". שאָף זיינען, כידוע, גרויסע ליבהאָבער פון זאַלץ; קומען זיי אין דער טיפער נאַכט און די הונדערטער און לעקן דעם זאַלץ־הויפן; אין משך פונם טאָג וואַקסט ער אָבער ווידער אויס ביז צו זיין געוועזענער גרויס.

און דאָס כאַראַקטעריסטישסטע איז דערביי, וואָס אויף דעם פאַנ־טאַסטישן באַריכט פון אונזער יידישן מינכהויזן[17] האָבן געגעבן זייערע הסכמות די גרעסטע רבנים פון יענער צייט, ווי, צום ביישפּיל, דער באַ־וווסטער „ב״ח" — יואל סירקיס. דער „גלילות ארץ־ישראל" האָט אָבער עפּעס ניט נושא־חן געווען ביי די יעזויִטן אין פּוילן, און אויף זייער באַפעל האָט מען דאָס ווערק פאַרברענט אין וואַרשע. מען האָט עס אָבער באַלד איבערגעדרוקט אונטער אַן אַנדער נאָמען — „דרך הקודש"[18], ס'איז אויך איבערזעצט געוואָרן אויף העברעיִש און מערערע מאָל איבערגע־דרוקט געוואָרן.

עס זיינען אָבער אויך דערשינען פיל רייזע־באַשרייבונגען, וואָס זיינען לכתחילה געשריבן געוואָרן מיטן באַשטימטן צוועק אונטערהאַלטן דעם לייענער, געבן אים אַן אינטערעסאַנטן לייען־שטאָף. דאָס זיינען פאַקטיש פּשוטע מעשה־ביכלעך אין פאָרם פון רייזע־באַשרייבונגען. איינס פון אַזעלכע ביכלעך טראָגט דעם נאָמען „מעשה אמשטרדאם"[19]. „מעשה פון אמשטרדאם — לייענען מיר אויפן שער־בלאַט — רייזע־באַשרייבונג דאָס האָט גימאַכט הרב רבי לוי פון אמשטרדאם, וויא ער מיט נאָך ניין יהודים זיין אַוועק פון אמשטרדם אוף דען אוקרט[20]. מעשה

---

17 באַראָן מינכהויזן — דער העלד פון די אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור פּאָפּולערע זאַמלונגען פון אויסטערלישע ליגן־מעשיות.

18 דער נאָמען איז גענומען פון דער ערשטער שורה, מיט וועלכער דער פאַר־פאַסער הייבט אָן זיין הקדמה: „אל תתמהו על חפץ איש עני בדעת פטוני, כי אחז דרכו דרך הקודש לעלות בית אלהים".

19 אָרט און יאָר פון דרוק זיינען ניט אָנגעוויזן.

20 אוקרט — אַ שיף.

אַמשטרדם אין דש יאָר תמ"ב האט מן אויש גיריכט איין אוקרט פון אַמשטרדם מיט גאנץ פיל שפייז און מענטשן און אויך פיל כלי זין, דש זייא זאלן רייזן אויף דען ים צו געפינען אינזלן וועלכע ניט ביקאַנט זיין. זוא האבן מיר זיך יהודים אויך מישב גיוועזן מיט צושיקן עטליכע יהודים צו דער גיין אויב עס געפינן זיך ניט ערטר וואו יהודים זיין וואש מיר האבן נאך פון זייא ניט געוואסט".

עס זיינען אָבער אויך דערשינען אין יידיש, ווען אפילו אין זייער אַ קנאַפּער צאָל, אויך גאַנץ רעאַלע רייזע־באַשרייבונגען, אָן וועלכע ס'איז לעגענדאַרע און פאַנטאַסטישע באַפּוצונגען. די וויכטיקסטע צווישן זיי איז בלי־ספק די „רייזבשרייבונג פון אברהם לוי דורך טייטש לאַנד אונ' בעהמען, מעהרין, אונגרין, שטיירמארק, איסטרייך, טיראָהל אין איטאליא, לומבּרדיא, מארקה, רומאניא, טושקאניא, בולוניענסים".

אַברהם לוי איז געבאָרן אין 1702 אין דעם שטעטעלע האָרן (גראַפ־שאַפט ליפּע). ווי ער דערציילט אין זיין באַריכט, האָבן שוין ייִנגלווייז די „היסטאָריע ביכר" אין אים דערוועקט אַזאַ שטאַרקן חשק צו רייזן איבער דער וועלט, אַז ער האָט שוין דעמאָלט באַשלאָסן צו לאָזן זיך אין וועג אַריין ווי נאָר ער וועט אונטערוואַקסן. „צו ענדע זיבעצן יאָר מיינעם עלטערס — דערציילט ער ווייטער — אין יאָר פינף טויזענט פיר הונדערט ניין און זיבציג (1719) מיין אנפאנג גענומען, דורך דייטש־לאַנד נאך פיהם, אונגרן, עסטריך, שטייערמארק, טיראָל ביז אין איטאליע, און געענדיגט... אין יאָר פיר הונדערט אַכציג פיר"[21].

אויס דעם העבּרעיִשן אַקראָסטיכאָן, וואָס דער פּאַרפאַסער האָט פאָרויסגעשיקט זיין „רייזע־באַשרייבונג", איז לייכט איינצוזען, אַז אַברהם לוי איז געווען אַ יודע ספר, און ניט שלעכט באַהערשט די ביבל־שפּראַך. ער איז אָבער לחלוטין פריי געווען פון דעם מיסטישן וועלט־גאַנג, וואָס האָט דעמאָלט געוועלטיקט אין דעם יידישן געטאָ. דאָס איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט געקוקט מיט ניכטערע אָפענע אויגן אויף גאָטס וועלט, און אַלץ, וואָס אים האָט פאַראינטערעסירט און צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט, פאַרנאָטירט ער אין זיין כראָניק זאַכלעך, טרוקן, פּראָטאָקאָלמעסיק, אָן ליריק, אָן דעם מינדסטן השתפכות הנפש[22]. יונג און וויסנבאַגיריק, קוקט ער זיך צו אַלץ אויפמערקזאַם צו און זיין באַריכט

---

21 אויסלייג — מאָדערניזירט. אַברהם לוי איז געשטאָרבן אין זיבן עלטער אין יאָר 1785.

22 אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך: אַברהם לוי טיידט באַחוסטזיניק אויס אין זיין באַריכט העבּרעיִשע ווערטער און אויסדרוקן; דאָס מאַכט נאָך טרוקענער און איינ־טאָניקער זיין פּראָטאָקאָל־מעסיקן סטיל.

ניט דערפאר א שלל אינטערעסאנטע און באגלויבטע פרטים בנוגע דעם דעמאָלטיקן לעבן. אברהם לוי גיט אונז אָן די צאָל איינוווינער פון פיל יידישע קהילות, וואָס ער האָט באזוכט; מיר געפינען א געטרייע שילדערונג פונם שטייגער־לעבן אין אזוינע באדייטנדיקע יידישע צענטערס, ווי פראָג און ניקעלסבורג; ער באקענט אונז מיט די רייכע מוכסים, באנקירן און הויף־יידן פון יענער צייט, ווי שמשון ווערטהיימער, מענדל אָפּענהיימער און אברהם אולמא. און גלייך דערביי באשרייבט ער אויך די קליינע דאָרפישע הייזלעך אין מערן, די האָדעוואניע פון זייד־ווערים אין איטאליע, די פּאָמפּעזע מיליטער־פאראדן פארן קיסרס הויף אין ווין, און די וואונדערבארע פּאנאָראמע, וואָס אנטפּלעקט זיך פאר די אנטציקטע אויגן פונם רייזנדן, בשעת ער דערנענטערט זיך אויפן שיף צו דער פראכטפולער שטאָט ווענעדיג. מען קאָן נאָר באדויערן, וואָס די דאָזיקע רייזע־באשרייבונגען האָט זיך געוואַלגערט העכער 160 יאָר אין כתב־יד און ערשט דערנאָך איז זי פארעפנטלעכט געוואָרן אין אזא וויניק גאַנגבארער צייטשריפט, ווי דער אַמסטערדאמער „איזראעליטישע לעטטערבאָדע"[23]. מיר ברענגען דערפאר צוויי גרעסערע אויסצוגן פון אברהם לוים „רייזע־באשרייבונג":

I. דאָס יידישע געטאָ אין ניקעלסבורג:

זא איז אויך די יודנגאס איינע פון די פארשטעדט, איזט אונגעפעהר זעקס הונדרט הייזער. זי האבן צוויי גרויסע שולען, וועלכע מיט נאמען: די אלטשול און די נייע שול. זי זיין אויך גלייך אין פּראג נאר פלייסיג אין שטודירען, זא דאס מאן היר אויך פיל פרעמדע פון דעניגן יודען־שטודענטן פינדעט. די קליידונג דער יודען איז היר גלייך אין פּוילן מיט לאנגע רעק, און זי הייסען די לאנגע רעק־שובּיץ, און נאָך איינעם דריבער, דען הייסען זי הילראָק... אוןברייטן פּעלץ וועלכש זי הייסן אוישוּב. די ווייבר אבער אירע קליידער הייסן איין מידר און איין פונטי, טראגען אויך מענטיל מיט איין פירעקידיג שטיק שווארצן סאמעט אויף דען ריקן, דאס איז אן מאנטיל אנגענעהט; אויף דען קאפּ איין שלייער גלייכט איינעם טרעכטער אדער איינעם ווייטהארן. די מעדכיר (מיידלעך) געהן אלע גאר אין געפלאָכטענע האר, ארעם רייך — אלע גלייך. די געהייראטע מֶינשן טראגען אלע בערט, גרויסע בערט, און לאזען אויך מיט קיין מעסער שערען, זי זיינען פרומע לייט. באקלאגען גאר שטארק אירע טויטען; ווען איינער שטערבּט, זא געען די ווייבער זא וואהל אלס מאנען

---

[23] בּ' X, 1884—1885.

נאך, און העבען איין יעמערליך געהייל, דאס מאן זי נון דורך אלע גאסען הערן שרייען. און די באגרייבנים איז אויך נאענט ביי יודען־גאסען. זי מאכן קיין ארון נים ווען איינער שטארבט, זונדערן אין די גרוב לעגן זי אים בלויז אויף די ערד, מאכען אבער אן יעדר זייט איין ברעט דאס איין דעקיל קאן דרויף ליגען. ווען עס אבער איין כהן איז, זא מאכען זי איין ארון.

וואס אנבעלאנגט דער יהודים איר צערעמאניע איז אין אלעס נאר וואל צו פרייזען. זי האבן אכט אן פרייטאג, זא באלד נאך מיטאג קומט זא שליסען זי אירע קרעם צו, און האנדלען נים מער, זאנדערן קליידען זיך אוים און גען זיך באדען. און וועשין זיך איר לייב זויבער, טונען אירע שבת־קליידער אן, און טונען איר געוועגליכע פרייטאגש־אויפפירונג וועלכעס אין דאס העברעיש היים שמו"ת (שנים מקרא ואחד תרגום). פוצען זעלבסט דאס הויז מיט ציראד, אל זיין די ריינסטע דינסטבאדין אין הויז, זיי בעגערען זעלביגש נים פון אירה דינשט, מאכען זעלבסט דען שבת צו עהרען. איין יעדער האט איין באק־אויווען אין די קיך, און באקען אלע פרייטאג פריש ברויט. מוזען אויך אלע גאר האבען דרייערליי זאכען: זיין ווין, פיש, פלייש, אל זיינען עס די ארמסטע, זא מוזען זיי דיזע דריי זאכען האבן און אן פרייטאג קויפן דען שבת צו עהרין. אלס עס נון זא שפייט ווירט, זא קומט איין קירכענדינער מיט זיין בעסטע קליידער אן און רופט: מיט איין האלב פירטעל שטונד וועהרינדש גלוים קבלת שבת, דאס איז צו זאגען צו אנטפאנגען דען שבת אונד זא יעדער זיך צו דער שול בינעבט. ווירד היר (ד"ה אין דער שול) געהאנדעלט גלייך ווי אויך געהאנדעלט אונד געשריבן ביי פראג, מיט זינגען אונד מוזיק שפילען מיט שיינע נאכשפיל וועלכעס גאר אפט לאנג געווערט. איהרע פארזינגערס זיין אויך בארימט, דאס מאן דערגלייכען נים פיל פינדעט; דער פארנעמסטער הייסט ר' מרדכי חזן.

II. די יידן אין ווין.

...זי (די יידן) האבן אלהיר (אין ווין) איין גערוטעס (רויק) לעבען, ביהאלבען איינערליי זאך, וואס זי היר פאר אין בעשווערנים האבן, איז וועגען זא גענאמטן גלעקעלי. דאס איז ווען די פאפען (גלחים) וועלען געען איינעם קראנקען באזוכען, זא קומען זי מיט איין קליין פון זילבער מענשענבילד (קריסטוס־בילד) טראגען, און איין גלעקל פאראן; פאר דיזעם פאלען אלע גאר נידער אויף די קני. וואן נוהען זאלכעס באגעגנים איין יודן זאלטע אנטקעגען קומען, זא האבן די פאפען אדער ביי זיך האבענדע טמורדענטען איין פולמאכט אום דען יודן צו נייטיגן נידער צו קניען.

אדער מאג אים אויף דעו פלאטץ דערשלאגען. אלז זאלכעס נוהען איינעם יודען באגעגניט, מוז ער זעען איבער זייטען אדער הינטער זיך צו רעטירירען. איך האב מיך אין דיזען געפאר צוויי דריי מאל זעלבסטן בעפונדען. אלס איך איין מאל נאך דעם פרינץ יעגעניום זיין גארטען וואלטע געען, אונד אין די פארשטאדט קומטע, זא זיכיטע (האב געזען) אויך פון וויטען אנקומען גאנ׳ז שטארק נאך מיר צו. איך מיך זעעט צו רעטירירען, זא גינג איך אין איין הויז. וואו איך די מייד פון הויז (דאס דינסט־מיידל) ערקענט און זאלכעס זאגט דאס איין יוד אין הויז וואר. די לייט נוהען באמערקטן ווארום איך היר קאם, זא וואלט איינער האבן דאס מן מיך מיט געוואלט זאלט ארויספירען וואן זי פארביי קומטן. איך דער מייד איין זיבענצענער גיב עס, זא ליז זי מיר די הינטערטיר ארויס, און איך לויפט דערפון. נאך איין אנדער מאל, זא שטעעט איך אויף דען מארק אום צו קויפען איניגע זאכען, זא זאה איך ווי איין שטודענט מיר אנזיכט (קוקט אויף מיר) און מיך מיט איינם פראגעט אויב איך איין יוד ווער. איך אים מיט יא באאנטוואורטעט, זאגיט ער: זיך (זע) דיך אמאל אום. דא זיכט איך ווי איין פארטיי ליכטיר מיט פיל געפאלק אנקומען. איך גלייך באמערק עס דאס זי מיט דעם גלעקיל ווארען; זא לויפט איך, דער שטודענט ועלכער מיך גיקענט האט לויפט מיר נאך, און רופט אלע צייט: יוד, נעם דיין הוט אפ! איך לויפט אלפארט, ער מיר אלש נאך, ביז ער מיר דען הוט פון דען קאפ אפנעמט פון הינטען. איך זא ניט וואלט שטיין בלייבן, וואר באנג פאר בייזער געפאלג. לויפיט ווייט אוועק אין איין אנדרע גאסען, און קויפט מיר אנדרע הוט אויף דען קאפ״[24].

אברהם לוים „רייזע־באשרייבונג״ איז לויט איר מאניער און טאן גאנ׳ץ נאענט צו אן אנדער ליטעראטור־היסטארישן זשאנר — מעמוארן. דער דאזיקער זשאנר איז גאנץ ארעם פארטראטן הן אין דער העברעישער, הן אין דער יידישער ליטעראטור. דאס רוב מעמוארן, וואס זיינען אויפגעהיט אין דער אלט־יידישער ליטעראטור, טראגן דעם נאמען „מגילה״. אזעלכע מגילות דערציילן וועגן טראגישע געשעענישן, וואס האבן איבערגעלעבט באשטימטע פאמיליעס אדער איינצלנע פערזאנען. אט איז, א שטייגער, „מגילת שמואל״. שוין אוים דעם שער־בלאט ווערן מיר נעוואר: „מגילת שמואל דער פרימוס פון פראג. אין דיזער ווערט דערציילט דיא נסים ונפלאות וואס השי״ת ב״ה ברוב רחמיו וברוב חסדיו להראש והקצין פרנס ושתדלן המפורסם כהר״ר שמואל טויסק ר״ה ופרימוס דק״ק פראג אונד דען נגצן כלל ישראל בשנת תס״ד גטין האט.

24 אויסלייג ערפ׳ערהייז מאָדערניזירט.

וויא ער פון שקר בלבול נצול געווארן איז. הקב"ה זאל וויטער כל ישראל מציל זיין וישלח משיחנו". אין דער דאזיקער מגילה, וואס איז געשריבן אין 1720 [25], ווערט באריכות דערציילט, ווי מען האט דעם פרימוס פון דער פראגער קהילה דורך א שקר-בילבול אין תפיסה איינגעזעצט אין 1704, און די גאנצע קהילה איז אין גרויס געפאר געווען. אן ענלעכן כאראקטער טראגן אויך די שוין אונז באקאנטע מעמוארן פון דעם באַרימטן רב יום-טוב העלער, "מגילת איבה", וואס איז אויך אין דער התחלה געשריבן געווען אין יידיש [26], און די "מגילה", וואס דערציילט וועגן דעם שווערן מזל פון די ברידער בערענס, וועלכע מען האט אויך אין אנהייב פונם 18טן י"ה, אויפן סמך פון א שקר-בילבול, איינגעזעצט אין תפיסה [27]. די "מגילת גנש" (פארעפנטלעכט דורך ד. קויפמאן אין 1896) גיט אונז א טרויעריק בילד וועגן דעם יידישן לעבן אין דייטשלאנד אין מיטן 17טן י"ה. א באדייטנדיקן אינטערעס דערוועקט אויך די "מגילת ר' מאיר" (צום ערשטן פארעפנטלעכט אין "קובץ על יד", 1904), וואס שטאמט פון 1631. איר פארפאסער, מאיר בן יחיאל, דערציילט, ווי אזוי ער האט אלס 15-יאריק ייִנגל אין 1608 זיך געלאזט, מיט נאך 8 ייִנגלעך, אויס אונגאריש-בראד קיין קראקע לערנען אין דער דארטיקער ישיבה, נאר אויפן וועג האט זיי אלעמען געפאנגען גענומען עפעס א "פריץ".

דער אמתער שטאלץ און גלאנץ פון דער יידישער מעמוארן-ליטעראטור זיינען אבער די זכרונות פון דער באוווסטער גליקל האמיל. מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, ווי אזוי אדאנק דעם דרוק-ווארשטאט און דער מיט אים פארבונדענער אנטוויקלונג פון דער פאלקס-ליטעראטור,

25 צוערשט פארעפנטלעכט אין "קובץ על יד", 1899.

26 זע אונזער ווערק, ב' V, ז' 124. ר' יום-טוב העלער האט אויך געהאלטן פאר נייטיק איבערזעצן אויף יידיש (1626) דעם רא"ש באקאנטע צוואה ("ספר ההנהגה", זע אונזער ווערק, ב' III, 108), בכדי אלע "קליין ווי גרויס זאלן דאס פארשטיין". ("כדי שהנשים אשר לא ידעו ולא יבינו בלה"ק, הנשים צדקניות תאבים וחפצים לשמוע מוסר שיועיל להם מאוד מאוד לשון האשכנזי, וכן לנערים וחכרי דעת כל זה, לבעבור ישמעו ויבינו ויקחו מוסר כקטן כגדול אליו ישמעו"). אין יידיש האט אויך ר' יום-טוב העלער ארויסגעגעבן א קליין ביכעלע "ברית מלח" (דינים וועגן פלייש זאלצן), וואס איז איינציקע מאל איבערגעדרוקט געווארן.

27 די דאזיקע "מגילה" איז געווען אין די הענט פונם געשיכטע-פארשער יאסט. ער האט שטארק באדויערט, וואס אזא אינטערעסאנטער דאקומענט איז געשריבן אין א "פארדארבענעם זשארגאן", האט ער אים דערפאר "אויסגעבעסערט" און אים פארעפנטלעכט אין א "פארדייטשטער" באארבעטונג (אין "יאהרבוך פ. געשיכטע ד. יודען א. ד. יודענטומס", II).

ווערט די פרוי אַ וויכטיקער קולטור-פאַקטאָר. אין דעם יידישן פאַמיליע־לעבן. עס ווערן ספּעציעל פאַר איר ביכער געשאַפן, מען פלייסט זיך אָנ־צווייזן אויף איר אויסגעוואַקסענעם קולטורעלן ווערט. די פרוי באַנוגנט זיך אָבער ניט דערמיט, וואָס זי באַהעפט זיך דורך דעם פאָלקס־בוך מיט דער נאַציאָנאַלער קולטור, זי פאַרמעסט זיך אויך אַליין אָנטיילצונעמען לויט אייגענע קרעפטן אין איר שאַפן, היטן און פאַרשפּרייטן אירע אָנגע־זאַמלטע אוצרות. שוין אינמיטן פון 16טן י"ה האָט זיך שטאַרק קונה־שם געווען מיט איר לומדות די זאָגערקע (הרבנית הדרשנית)[28] רבקה בת מאיר טיקטינער. זי האָט אפילו דערוועקט צו זיך אַן אינטערעס אין דער קריסטלעכער געלערנטער וועלט; דער געלערנטער וואַגענזייל רעדט וועגן איר מיט התפעלות אין זיין ווערק וועגן מסכת סוטה (געדרוקט אין 1674), און אין 1719 האָט אַ דייטשער פּראָפעסאָר געשריבן אַ ספּעציעלע לאַ־טיינישע אָפּהאַנדלונג וועגן רבקה טיקטינער. זי האָט אַ מוסר־ספר פאַר־פאַסט „מינקת רבקה", אין וועלכן זי ברענגט אַ סך מאמרים פון דער גמרא און מדרשים. דאָס ווערק איז ערשט פאַרעפנטלעכט געוואָרן פיל יאָרן נאָך איר טויט, צוערשט אין פּראָג (1609) און דערנאָך אין קראָקע (1618); עס איז שוין אָבער אין וואַגענזיילס צייטן געווען פון די גרעסטע יקר־המציאות, און מיר האָבן ליידער ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיטן ווערק פון דער „ערשטער שריפטשטעלערין אין יידיש", ווי זי הייסט ביי וואַגענזיילן[29]. אין 1586 האָט רויזל פישלס פאַרעפנט־לעכט משה שטענדאַלס תהילים־איבערזעצונג, און דערביי פאַרויסגעשיקט אַ לאַנגע פאָררעדע אין גראַמען:

„רוזל בר' פישל מהון מיך דיא לויט נענן — בש מאַכט דש זיא מיין פאטר ז"ל ניט קענין — הרב ר' יוסף לוי איז זיין נאָמען פון דר לויים גישלעכט — די זיין אלי גאטש ית' קנעכט — אונ' זיין פאטר מוה"ר יהודה לוי ע"ה דער אלטן — דער האט פנפציג יאר צו קהלת הקודש לודמיר ישיבה גיהאלטן"[30]. עליש בת ר' מרדכי מיכלש אוים סלוצק האָט זיך באַקאַנט געמאַכט מיט איר „מעבר יבוק"־איבערזעצונג (1704), און אויך תפילות־איבערזעצונג. אַן אַנדער תפילות־איבערזעצונג האָט אויס־געזעצט דעם גר־צדק משה בן אברהם 11־יאָריקע טאָכטער גנעלע[31], און די יונגינקע זעצערין האָט פאָרויסגעשיקט דער אויסגאַבע פאָלגנדיקע תמימותדיקע שורות:

---

28 וועגן פירזאָגערקעס זע אויבן, קאַפּ. 1, ז' 31.

29 וועגן רבקה טיקטינערס „שמחת־תורה־ליד" אין חיימערדיקן קאַפּיטל.

30 זע שולמאַן, צית. וו. ז' 24—25.

31 געבוירן אין 1702.

דיזע שיינע נייע תפלה פון אנפאנג ביז צו ענד
האב איך גיזעצט אלע אותיות מיט מיינע אייגענע הענד,
געלה בת ר׳ משה המדפיס ואמי מרת פריידע בת הר״ר
ישראל כ״ץ ז״ל.

די האט מיך צווישן צען קינדר גיבארן,
איך בין איין בתולה נאך עטוואס אונטר צוועלף יארין.
נעמט אייך קיין חידוש דאס איך מוז ארבייטן
הרכה והענוגה בת ישראל זיצט אין גלות לנגע צייטן.
איין יאר גייט אהין, און דאס אנדרע טוט קומן
און מיר האבן פון קיינער גאולה נאך ניט פארנומן,
מיר שרייען און מיר בייטן אן גאט אלע יאר
ער וואלט דאס אונזרע תפלות ביי השם יתברך זולטן קומן פאר
ווי ווייל איך מוז שוויגן שטיל.
איך און מיין פאטערש הויז טורן ניט ריידן פיל[32],
ווי עס כל ישראל ווירט דער גיין
אלזא זאל אונז אויך געשעען,
דען דער פסוק טוט זאגן
עס ווערן זיך פרייען אלע לייט
די אויף חורבן פון ירושלים האבן אהנן קלאגן
און די אויף דאס גלות האבן פארטראגן גרויסע לייד
די ווערין מיט דער גאולה האבן גרויס פרייד.

אט די תמימות־נאיווע שורות פון דער יונגער זעצערין פירן אונז אריין אין דער אינטימער גייסטיקער וועלט, אין וועלכער עס האט געלעבט די יידישע פרוי; עס פילט זיך אין זיי דער אטעם פון דער אייגנארטיקער אטמאספער, וואס איז געשאפן געווארן ארום דער ווייבערישער געמא־באפעלקערונג אדאנק דער אויפגעבליטער פאלקס־ליטעראטור מיט איר דערציילעריש־דידאקטישן שטייגער... אין דער הינזיכט זיינען אויסער־געוויינלעך אינטערעסאנט די אויבן־דערמאנטע זכרונות פון גליקל האמילן.

גליקל איז געבארן אין 1645 אין האמבורג אין דער רייכער פא־מיליע פון דעם פרנס הקהילה לייב פינקערלע. צו 14 יאר האט זי חתונה מיט דעם רייכן יוועליר, חיים האמילן, לעבט מיט אים גליקלעך אפ דרייסיק יאר, דאן איז איר מאן געשטארבן און זי איבערגעלאזט מיט צוועלף קינדער יתומים. די שווער־באטריבטע אלמנה איז געווארן שטארק מעלאנכאליש, און אין די שלאפלאזע נעכט, פול מיט ביטערן יאוש, איז

---

[32] א אנצוהערעניש, אז איר פאטער שטאמט ניט פון יידן.

זי, ווי זי דערציילט אליין אין אירע מעמוארן, געקומען אויפן געדאנק צו באשרייבן פאר אירע קינדער לזכּרון דאס לעבן פון זייער פאטער, און אגב זיי באקענען מיטן גרויסן יחוס פון וועלכן זיי שטאמען, און מיט די מעשׂים־טובים און יראת־שמים פון זייערע אור־עלטערן... „מיינע ליבע קינדער — מעלדעט גליקל אויף די ערשטע זייטלעך פון אירע זכרונות — איך האבע דיזעס אנגעפאנגען בס״ד צו שרייבן נאך דען טויט פון אייער פרומען פאטער, דאס עס מיר איזט געוועזן לקצת נחת רוח, ווען מיר די מאלקוליש (מעלאנכאלישע) געדאנקען זיינען געקומען און פון שווערע דאגות שהיינו כצאן בלא רועה און מיר אונזרן געטרייען הירטן האבן פארלארן. אלזו איך מעניכי לילה שלאפלאז צו געבראכט און איך בע־זארגט, דאס איך ח״ו אין מאליקולי געדאנקן זאלטע קומען, אלזו איך אפט בלילה אויף געשטאנדן און די שלאפלאזען שעות דער מיט צו געבראכט...״[33].

זי האט פון דער התחלה אן זיך פארגענומען צו געבן א בילד פון א גאנץ ברייטן פארנעם, און אנשרייבן אירע זכרונות אין זיבן ביכער. און זי האט טאקע איר אונטערנעמען בשלימות דערפילט. אין 1691, אלס פרוי אין די מיטעלע יארן, איז גליקל האמיל צו איר לעבנס־ווערק צוגעטראטן, און פארענדיקט האט זי עס אלס 74־יאריקע זקנה אין 1719[34]. גליקלס זכרונות האבן בלי־ספק א באדייטנדיקן היסטאריש־געזעלשאפטלעכן ווערט; זיי גיבן א שלל זייער וויכטיקע ידיעות וועגן דער עקאנאמיש־גע־זעלשאפטלעכער לאגע פון יידן אין יענער צייט, וועגן זייערע האנדלס־באציִונגען, וועגן דעם גאנצן דעמאלטיקן ישוב אין דייטשלאנד און אין די שכנותדיקע לענדער. עס איז אוממעגלעך צו שרייבן די געשיכטע פון די קהילות אין האמבורג, אלטאנע, האנאווער, הילדעסהיים און מעץ פאר דער צווייטער העלפט פונם 17טן י״ה, ניט באנוצנדיק זיך דערביי מיט גליקלס מעמוארן. די דאזיקע מעמוארן זיינען אבער וויכטיק ניט בלויז אלס היסטארישער דענקמאל, נאר אויך אלס באדייטנדיקע ליטערארישע דערשיינונג און העכסט־אינטערעסאנטער מענטשלעכער דאקומענט. דעם סוחר חיים האמילס פרוי, די פרומע און גאטספארכטיקע גליקל, איז געווען באשאנקען ניט בלויז מיט א גוואלטיקן זיכּרון, וואס האט ווי א שוואם איינגעזאפט אין זיך אלע וויכטיקע געשעעניש פון איר פאר־גאנגענעם לעבן; זי איז אויך געבענטשט געווען מיט א פאעטישער טיף־פילנדיקער נשמה, מיט א פונק פון אן אמתן קינסטלער. גליקל באנוגנט זיך

33 „זכרונות״, 1896, 3—4, 20. אויסלייג — מאדערניזירט.

34 גליקל איז געשטארבן אין 1724.

ניט דערמיט, וואָס זי דערציילט וועגן אירע פאַרגאַנגענע יאָרן, זי שילדערט מאָלעריש איר סביבה, דעם אַרומיקן שטייגער לעבן. עס איז אין דער הינזיכט באַזונדערס אינטערעסאַנט צו פאַרגלייכן אַברהם לוים רייזע־באַשרייבונג מיט גליקלס זכרונות. דאָרט ווערט אַזוי פּראָטאָקאָל־אַרטיק און טרוקן דערציילט וועגן פּערזענלעכע איבערלעבונגען און געזעלשאַפטלעכע געשעענישן, און דאָ וואַקסט אויס פאַרן לייענער אַ פילפאַרביק בילד פונם יידישן אַלטמאָדישן לעבן, און אין דעם צענטער פון דעם דאָזיקן בילד טרעט בולט אַרויס אין איר גאַנץ אויסטערלישער געשטאַלט אָט די מערקווירדיקע יידישע פרוי, וואָס איז געווען באַשאָנקען ניט בלויז מיט אַ קלאָרן פּראַקטישן פאַרשטאַנד, נאָר אויך מיט אַ היים ליבנדיק האַרץ און פּאָעטישער פאַנטאַזיע־רייכער נשמה.

גליקל האָט ניט באַזעסן קיין אייראָפּעיִשע בילדונג; זי ווייזט אפילו אָן, אַז זי אַלס קינד „אין חדר האַט זיצען מוזין" (ז' 26), דאָך איז אַ גרויסער ספק, צי זי איז אימשטאַנד געווען דעם ביבל־טעקסט און די העברעיִשע מוסר־ספרים אין אָריגינאַל צו לייענען. איר גאַנץ בקיאות, וואָס זי ווייזט אַרויס אין אַ ברייטער מאָס אין אירע מעמוארן, האָט זי געשעפּט דער עיקר, אויב ניט אויסשליסלעך, אויס דער פאָלקס־ליטעראַטור. די יידיש־דייטשע „געטלעכע" ביכער האָבן פאַר איר אַנטפּלעקט די אוצרות פון נאַציאָנאַלער קולטור, זי באַקענט מיט דעם עטישן וועלטבאַנעם פונם יידנטום און מיט דעם פילפאַרביקן געוועב פון אגדות און לעגענדעס. די אייגנאַרטיקע וועלט פון פאָרשטעלונגען און באַגריפן, וואָס געוועלטיקט אין דער יידישער מוסר־ליטעראַטור, איז געוואָרן די אינטימע געפיל־ און עמפּפינדונגס־וועלט פון אונזער מעמואַריסטין. פון דאָרט האָט זי אויך געשעפּט איר אייזנפעסטן גלויבן אין גאָטס אומענדלעכן גנאָד און חסד, וואָס איז אויסגעגאָסן איבער דער וועלט, ניט קוקנדיק אויף אַלע ליידן און צרות, וואָס דער מענטש מוז אויסשטיין אין לעבן. און דעם דאָזיקן גלויבן פלייסט זי זיך איינצופלאַנצן אויך אין אירע קינדער. „דאַרום — ווייזט אָן גליקל אירע קינדער — איין יעדער מענטש דער גאָטספורכט אין זיך האָט, זאָל די שטראָף מן המקום ב"ה וויליג ובשמחה אָן נעמען, דען די יסורים זיינען איין ערלייזונג צו זיינען גוף און זיין זכיות בעה"ב די איביג איזט און איזט מובטח אַן זיין באַשעפּר, דאַס ער אים ווערט אַלעם גוטס געבען, דען ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין באַשעפּער... ליבע קינדר, איך מאַגע מיך ניט ווייטער איין לאַזען, דען איך קען זאָגסט אַל צו טיף הָנין און ווערען מיר י' (צען) ביכר ניט גענוג; לייאַיט (לייענט) אים טייטשן בראַנדשפּיגל, אים לב־טוב, אָדער דער לערנ;ין קאַן — אין די ספרי־מוסר, פינדעט מאַן אַלעם אין. דיזוש

(דערפאר) ביטע איך מיינע ליבע קינדער זייט געדולדיג! שיקט אייך המקום ב״ה אין שטראָף, נעמט אַלעס מיט געדולד אָן, און הערט ניט אויף צו בעטן, אולי ירחם ומי יודע וואס אונז זינדיגע מענשן גוט איזט, אויב עס אונז גוט איזט דאס מיר בעה״ז אין גרויס עשירות לעבען און וואויל-טעג האָבן און אין אַלע וואוללוסט אונזער צייט אין דיזער פארגענגליכן וועלט צו ברענגן, אדער אויב עס אונזער בעסער איזט דאס אונז דער הימילשע פאטער אַלע צייט אין זיינער גענאדן־הוט האלט אויף דיזער זינדיגן וועלט כדי מיר אונזערע אויגן אַלע צייט קענן הימעל האָבן און אונזרן גינעדיגן פאטער אַלע צייט מיט גאנצן הערצן און אונזרע הייסן טרערן אנרופען זאָ בין איך מובטח, דאס דער געטרייע גוטיגע גאט אונזרער ווערט מרחם זיין און אויס דען לאנגן בעטריפטן גלות ערלייזען, זיינע בארמהערציקייט איזט גרויס, זיינע גענאַד איזט פיל, וואס ער אונז פאר־שפראַכען ווערט בוודאי קומען, לאזען מיר נאָר מיט געדולד ערוואַרטן״[35].

די גרויסע השפעה פון דער מוסר-ליטעראַטור פילט זיך אויך זייער שטאַרק אין גליקלס סטיל. זי חזרט אַפילו יעדעס מאָל איבער: „מיינע ליבע קינדער, איך בין אַך ניט אויסן אייך איין ספר־מוסר צו מאַכן און צו שרייבן״[36]. דער נוסח, דער סטיל פון דער מוסר־ליטעראַטור געוועלטיקט אָבער אַזוי שטאַרק איבער איר גאַנצן וועלטבאַנעם, איבער איר אַרט דענקען און פילן. אירע מעמואַרן זיינען ניט נאָר פול מיט מאַמרי חז״ל און דברי־מוסר, זי באַנוצט זיך אויך זייער גערן מיט משלים, פאַבלען, מעשיות און אַלערליי „ספר מוסר גשיכט״. זי פאַר־ענטפערט זיך אַפילו צייטנווייז, און בעת זי ברענגט אַ מעשה „וויא מאַן פינט אן דער בישרייבונג פון אַלכסנדר מוקדון״, באַמערקט זי גלייך: „דיזי גשיכט שרייב איך ניט פאַר איין אמת, עס מאַג נאך איין היידישער פאַביל זיין, איך האבי עש דרום היר אן גישטעלט דיא צייט מיר צו פאַר־קירטצין״[37]. אָט דער רייכער דערציילערישער און פאָלקלאָרישער טייל פון דער מוסר־ליטעראַטור איז געווען אַזוי נאָענט איר פּאָעטישער נשמה, געוואָרן אַן אָרגאַנישער כאַראַקטעריסטישער טייל פון איר סטיל. די משלי חז״ל, די אַלע „ספר מוסר גשיכט״ און „היידישע פאַביל״ זיינען איינ־געוואקסן אין גליקלס אינטימער וועלט, זיינען די לופט, מיט וועלכער זי אָטעמט, דער אומבאַדינגטער שטאָף, אויס וועלכן זי שטיקט און טוט מיט אים באַצירן איר זכרונות־געוועב. און דאָס ווערט געטאָן מיט אַזאַ

---

35 דאָרטן, 13—14. דער אויסלייג — מאָדערניזירט.

36 דאָרטן, 4, א״א ערטער.

37 דאָרטן, 21.

תמימותדיקער פשטות און ליבער הארציקייט, אַז אפילו דער מאָדערנער ליינער ווערט ניט ווילנדיק צוגעצויגן דורך דעם כּישוף פון דער איינגאַרטיקער האַרמאָניש־גאַנצער און גלויבן־פעסטער וועלט. אַט אַזוי ווערן פּשוטע פאַמיליע־זכרונות פון אַ פּאַראָומערטער, דורך שווערן צער נידערגעשלאָגענער פרוי, דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ קונסט־ווערק פון ברייטן פאַרנעם און באַטייט[38].

אין גליקל האַמילס סטיל פילט זיך אָבער די השפעה ניט בלויז פון די ייִדישע מוסר־ספרים. אין יעדן בלעטל פון אירע מעמוארן פילט זיך אויך די פ ר ו י, די אַלט־מאָדיש־ייִדישע פרוי מיט איר הכנעהדיק פאַרטרויערט געמיט, מיט איר אינטימער הארציקייט. דורכדעם באַקומט איר סטיל די ספּעציפישע פאַרבונג, וועלכע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גאַנץ אייגנאַרטיקן צווייג פון דער רעליגיעז־ייִדישער ליטעראַטור, וואָס זיין בלי־תקופה האָט זיך אָנגעהויבן אין 17טן י״ה, און איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „תחינות‟.

מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן[39], אַז נאָך אינם מיטלעלטער, איידער דער דרוק־וואַרשטאַט איז געשאַפן געוואָרן, האָבן שוין עקסיסטירט ייִדיש־דייטשע תּפילות־איבערזעצונגען. איינס פון די עלטסטע, אויף דער פאָלקס־שפּראַך אויפגעהיטע, געדרוקטע ביכער, איז יוסף בר יקרם סידור־איבערזעצונגען (1544). נאָך בר יקרס איבערזעצונג קומט אַ צווייטע, וואָס איז אין מאַנטואַ דערשינען (1562), און פיל אַנדערע[40]. עס זיינען אויך דערשינען פיל מחזורים־איבערזעצונגען און איבערזעצונגען פון „מנהגים‟־זאַמלביכער. „ספר הנהגות חיים בו ימצא חיים — לייענען מיר אויף דעם שער־בלאַט פון אַזאַ „מנהגים‟־איבערזעצונג — דז קליין ביכליין איז וואהל בטראַכט, ווער דר נאָך ווערט לעבין ווערט גפינדן דז איבגי לעבן, אונ׳ אך פיל תחנות ובקשות דרבייא גאר עבין, דרמיט דער מענש קען אין גאָטש דינשט לעבן. דרום האב איך עש אויף טייטש געשטעלט, אליז זאל פר שטײן דיא גאנצי וועלט, וויא זיך דער מינש זאל אין שול פירן ווערט, מאן דרינן וואהל שפירן. וואס דרינן שטײט קען מאן ניט אלש הער שטעלן, ווער אביר דרינן ווערט לעזין דעם ווערט עס וואהל גפֿלן, דרום איר ליבן לייט לאזט אייך דאז קליין געלד פר דען ביכליין ניט פר

38 וועגן גליקלס שפּראַך זע אַ. לאַנדוים אַרבעט אין „סיסטייל, ד. געזעלשאַפט פ. י. פאָלקסקונדע‟, 1901.

39 זע אויבן, ז׳ 30—31.

40 אויך דער אויבן־דערמאָנטער יחיאל מיכל עפּשטיין האָט פאַרעפנטלעכט אַ תּפילות־איבערזעצונג („דרך ישרה‟, 1697).

דריסן, דר גינן ווען איר עז ווערט האלטין זווערט איר עש לעולם הבא גניסן'' (ווילמערסדארף, 1724) [41].

„דרמיט דער מענש קען אין גאטש דינשט לעבן'' — צו דעם צוועק האט אויך שמשון פראנקפורט דעם צווייטן טייל פון זיין „ספר החיים'' (היני אבלים און אנווייזונגען, ווי מען דארף מטהר זיין מתים) אין יידיש געדרוקט (1703): „אלי דינים פון פריידן, אויף טייטש גאר וואול בישיידן מאנן אונ' ווייבר יונגן אונ' מיידן''. און אין דער הקדמה ווערט אנגעוויזן: „הערט צו איר ליבע לייט, ווארום אז איך האב דאש ספר אויף טייטש גימאכט, דש ברענגט מיט די צייט, דש ישראל זיין אויף אלי ערטר פר שפרייט, אונ' האבן ניט איבר אל רבנים דש מיט זיא לערנן אונ' מדריך זיין וואש אלש ביטייט, אונ' מיט מתים אום צו גין ווייש ניט איטליכר דיא רעכטי בישייט'' [42].

אויך דעם „טייטשי מענה לשון'' האט מען „טוהן שענקן'', בכדי יעדער זאל ויסן „וואז מן זאל זאגין אויף דיא עלטרין אונ' פריינדש קברים, אויך ערב ראש השנה אונ' ערב יום כפור דאש מען זאל בעטין אויף איין שנה טובה, דאש השם יתברך ברוך הוא זאל אונז מוחל זיין אונזרי זינד אונד אונש בשערן וואש מיר פון איהם ביטן אונד אין אלי אונזרי וועג בגליקן'' [43]. עס זיינען אפילו געדרוקט געווארן ספעציעלע האנטביכער מיט רעליגיעזע אנווייזונגען, ווי דער מענטש דארף זיך נוהג זיין אונטערוועגס („שיח השדה'', פיורדא, 1736) [44].

אט די אלע אויסגאבעס זיינען דורכגעדרונגען מיט א גאנץ באשטימטער טענדענץ: געבן די מעגלעכקייט דעם פשוטן עולם, ער זאל קאנען מתפלל זיין אויף דער שפראך, וואס ער פארשטייט, ד''ה אויף

---

41 דאס דורך שבתי הענוי אין האמבורג אין 1733 פארעפנטלעכטער כנהגים-בוך האט פאלגנדיקן שער-בלאט: „פיל היפשר דען דיא ערשטין זיין גיוועזן, דאש ווערט מאן וואול מערקן אים לעזן, פון אלי מנהגים אין אשכנז דורך דאש גאנצי יאר, אויך פולין, פיהם, מעהרען פאר וואר, און פיל דינים גיזעצט גאר עבן, דער מיט אלש איר ווישט אין גאטש דינשט צו לעבן, אויך דער בייא דאש ספר וואל פאר מירט, און מיט אליר האנד שיני נייאי קופרשטיך גיצירט".

42 מיר ציטירן לויט דער זאלצבאכער אויסגאבע פון 1767.

43 מיר ציטירן לויט דער פיורדער אויסגאבע, 1766.

44 עס זיינען אבער אויך דערשינען אין יידיש ריין פראקטישע האנטביכער פאר רייזנדע סוחרים. אזא האנטבוך איז אנאנים דערשינען אין 1680. אין דעם זעלבן יאר האט דער באוואוסטער שבתי באס (זע אונזער ווערק ב' V, ז' 18) פארעפנטלעכט זיין אויבן דערמאנטן האנטבוך „מסכת דרך ארץ" מיט אלע נויטיקע אנווייזונגען פאר רייזנדע געשעפטס-לייט.

יידיש. די דאָזיקע טענדענץ איז צומדייטלעכסטן אויסגעדריקט אין דער פאָרורעדע צו דער מחזור־איבערזעצונג, וואָס איז פאַרעפנטלעכט אין אַמסטערדאַם אין 1721[45]:

„תפלה בלא כונה כגוף בלא נשמה, דאָס מיינט, ווענן איינר תפלה טוט פאר הקב"ה, און טוט זי ניט פלייסיקן הארצן, דא איז די זעלביגע תפלה גלייך אז איין קריפל בון איין מענשן דער קיין לעבן און חיים האָט. נון האָבן אונזרע חכמים ז"ל געזאָגט: איין איטליכער יהודי דער דא וויל האבן דאס זיין תפילה זאָל נשמעת זיין צו ימים נוראים, דער זאל זי פאר ראש השנה און פאר יום הכפורים לייאנן, דאס ער זאל רגיל דרינן זיין און דאס ער פארשטייט וואס ער זאָגט. עס זאָל זיך איין איטליכער איין משל נעמן ווען איינר האט צו רעדן פאר איין מלך בשר ודם דאס אים אָנטרעפט זיין לייב אָדער זיין גוט, דא זיכט (זעט) ער פאָר ער זיך זוואול באדענקט וואס ער זאל רעדן, דאס ער ניש שטרויכלט אונ' דאס ער פארשטעט וואס ער רעט; קל וחומר לפני מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, און טרעפט איין איטליכן מענשן אן גוף און ממון און נשמה, דא איז דאס עיקר דאס ער זאל וויסן, וואס ער זאגט. נון זיינן די פרושים אך ניט פאר דען געמיינן מענען, דען זי באגרייפן ניט אזוי וואול אלע ווערטער... און בפרט די ווייבר די פרשטֶינן נאר קיין פירוש נאך וואס זיי זאגן. נון האבן אונזרע חכמים ז"ל געזאגט: וואס תפלה אנטרעפט זיינן די ווייבר גלייך אזוי וואול געבאָטן אז די מאנין. דרום האָבן מיר זאס בדאכט און לאזען דרוקן דאס מחזר אין טייטשן וואול פאַרטייטשט אויף דאס אלער בעסט און מיט חיבור און מיט גוטע פשטים דאס עס איין איטליכן יהודי נוץ און גוט איז, זיי ער ווער ער איז, אז אים וואול ווערט זעען. זה הכלל, זיי עס מאן אדער ווייב, ווער נייארט לייאנן קאן מוז מודה זיין דאס איין זעלבעס מחזור איז נוץ און גוט אן זיינער נשמה אז גאלד און זילבר, און ווען מאן פלייסיג דרינן לייאנט און ווערט זיין תפלה בכונה טון און ווערט שטיין וואס מאן זאגט, זא ווערט די תפלה געוויס דערהערט, דאן ווערן מיר זוכה זיין לביאת משיח אמן"[46].

אין אייניקע אויסגאַבעס פילט זיך אָבער נאָך אַן אַנדער טענדענץ. מיר האָבן שוין פריער געזען[47], מיט וואָס פאַר אַ ביטול יוסף בר יקר רעדט וועגן די פיוטים און אַנדערע תפילות, וואָס זיינען געשריבן „אין

45 עס איז לייכט מעגלעך, אַז דאָס איז אַן איבערדרוק פון אַ פריערדיקער אויסגאַבע.

46 אויסלייג — מאָדערניזירט.

47 זע אויבן, ז' 114.

נאָר הערבי לשונות", אַז עס איז שווער צו געפינען אפשר איינעם צווישן טויזנט „דער דא ווייס וואס זיי מיינען"; אהרן בן שמואל, דער פאַרפאַסער פון דער „ליבליכער תפלה"[48], האָט דערקלערט אַ קאַמף דעם קאַנאָניזירטן העברעישן סידור, און אפילו דער פרומער רב יחיאל מיכל עפּשטיין דערקלערט אין זיין „דרך הישר לעולם הבא" (סוף קאפּיטל 31): „אבער דיא ווייבער זאלן קיין מעמדות זאגן, קיינע קרבנות זאגען... וויא וויניגער דאס מען זאגט וואס מען ניט פארשטייט, וויא בעסער איז עס". עס איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס פּאַראַלעל מיט די קאַנאָניזירטע תפילות זיינען אויך געשאַפן געוואָרן פרייע יידישע „תחנות ובקשות", געשריבן אין גאַנץ פּשוטן, ריין־פאָלקסטימלעכן סטיל. אַזעלכע געדרוקטע תחינות זיינען שוין אויפגעהיט פונם 16טן י"ה. דער בעל „סמא דחיי", אברהם אַפּטייקער, האָט אין 1590 פאַרעפנטלעכט אַ תחינות־זאַמלונג; אַ יידישע תחינה איז אויך געדרוקט צום סוף „מעשה בית דוד בימי פרס", וואָס איז דערשינען אין באַזעל אין 1599[49]. אמת, אויך אַ טייל פון די דאָזיקע תחינות זיינען איבערזעצט אויס העברעיש. אין די אונטערקעפּלעך פון פיל אַלטע תחינות ווערט דירעקט אָנגעוויזן, אַז זיי זיינען „ארויש גנומן אויש פיל ספרים", אָדער „ארוש גענומן גווארן אויש הויבע ספרים". איין תחינה[50] הייבט זיך אָן מיט פאָלגנדיקע שורות: „דיזע שיינע תחנה פון לשון קודש אין טייטש געשטעלט—פון אל בקשות אויף דער וועלט — ווי איר לייאנען אך ווערט דאם זיך איער הערץ דער פרייען... צווי און צוואנציג תפילות און בקשות זיינען דרינען פאר מעלט — אך כ"ב אותיות פון אלף־בית פון תמניא אפי געשטעלט — איין איטליכע פרוי זאל שטעץ די תחנה ביי זיך טראגען עס זיי אויף דעם בית חיים אדער איין די שול מאג מאן זי זאגען"[51]. ביי אַנדערע תחינות ווערט אָנגעוויזן, אַז עס האָט זיי פאַרפאַסט אַ פרומער און גאָטספאָרכטיקער מאַן, ווי, צום ביישפּיל, ביי דער „תחנה קודם התפלה" לייענען מיר די מעלדונג: „די הייליקע תחנה פון נייען וואר זי אויס געטראכט — עס האט זי איין פרומער און גוטער מאן גמאכט—דער גאטס פורכט האט אימער אין זיינער אכט—ווער עס וועט בכוונה בעטן און נעמען אין זיין אכט — וועט ער פארזיכערט זיין פאר בייזע געשעכנעש (געשעעניש) ביי טאג און

48 אויבן, קאַפּ. 8.

49 זע נ. שטיף אין „צייטשריפט", II—III, 544.

50 געפינט זיך אין דער זאַמלונג „תחינות ובקשות", נומ' 50 (דרוק־יאָר ניט אָנגעוויזן).

51 אויסלייג — מאָדערניזירט

בײַ נאַכט". און בײַ אַן אַנדער תחינה (תחנה שערי רצון) ווערט אָנגע־וויזן: „דיא תחנה איז אַרויש גיבּרענגט גיוואָרן אויש ירושלים, גיהער מַן זיא צו זאָגן אלי טאָג מיטן וויינן אונ' קלאָגן"[52].

די דאָזיקע מעלדונג, אַז די תחינה איז „אַרויש גיבּרענגט" אויף ירושלים, איז כּלל ניט קיין צופעליקע. מיר האָבן שוין געהאַט די געלעגנ־הייט אָנצוווייזן[53], אַז אין דער תפילות־זאַמלונג „שערי ציון", וואָס נאָטע האַנאָווער האָט פאַרעפנטלעכט, געפינען זיך אַ סך תפילות, וועלכע האָבן בלי־ספק געהאַט אַ געוויסע השפעה אויף דער תחינה־ליטעראַטור. די „גורי האר"י", די צפתער מקובלים, וואָס בײַ זיי איז די תפילה געווען די טיפסטע מיסטעריע, האָבן זיך ניט געקאָנט באַנוגענען מיטן קאַנאָני־זירטן סידור; זיי האָבן אַליין פּאָעטישע הימנען און האַרציקע תפילות פאַרפאַסט, אין וועלכע זיי האָבן אויסגעגאָסן זייער פּאַטאָס, זייער הייסע ליבע צו גאָט. פיל פון די דאָזיקע תפילות צייכענען זיך אויס מיט זייער פשוטן, פאָלקסטימלעכן נוסח; זיי זײַנען ניט נאָר טיילווייז איבערזעצט געוואָרן אויף יידיש[54], נייערט האָבן אויך געדינט אַלס מוסטער און פאָר־בילד פאַר דער תחינה־ליטעראַטור מיט איר אייגנאַרטיקן מאַניער און סטיל[55].

די צאָל פון די תחינות איז אומגעהייער גרויס. אויף יעדן טאָג, אויף יעדן צופאַל און געשעעניש אין דעם מענטשנס לעבן איז פאַראַן אַ תחינה די „מאַן זאָגן זאָל". עס זײַנען פאַראַן תחינות, וואָס מען דאַרף זאָגן ווען מען גייט אין שול, און אַזוינע, וואָס מען זאָגט גייענדיק פון דער שול; איין תחינה זאָגט מען פאַר ליכט־בענטשן, אַן אַנדערע נאָך ליכט־בענטשן; עס איז פאַראַן אַ ספּעציעלע „מעכטיקע תפילה", וואָס דער מאַן דאַרף זאָגן אין משך פון די לעצטע צוויי חדשים פון זיין ווייבס שוואַנגערשאַפט; עס זײַנען אויך פאַראַן ספּעציעלע תחינות פאַר אַן אַלמנה, פאַר אַ אשה ווען איר מאַן איז אונטערוועגס, ווען זי גייט פון טבילה, ווען זי איז מעוברת, ווען זי גייט צו קינד, ווען זי גייט אויפן בית־עולם

52 מיר ציטירן לויט דער אויסגאַבע פון נאָווידוואָר, 1813.

53 זע אונזער ווערק, באַנד IV, ז' 344.

54 צום בײַשפּיל, דעם אר"יס תפילות, וואָס זײַנען געדרוקט אין „שערי ציון", און אויך אַנדערע.

55 לויט אַ נאָטיץ אין אַמעריקאַנער „פנקס" (1928, 171) זאָל שלמה פריהאָף אין זיין ענגלישער שטודיע וועגן תחינות האָבן אָנגעוויזן, אַז האַנאָווערס „שערי ציון" האָט שטאַרק באַאיינפלוסט די תחינות־ליטעראַטור. מיר האָבן אָבער ליידער ניט געהאַט די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער דאָזיקער אַרבעט.

און „אזו באלד אז זי קראנק ווערט און' ליגט צו בעט". דאן תחינות אויף פרנסה, אויף פרומע און גוטע קינדער אאז"וו, אאז"וו.

ווי מיר זעען, זיינען געוויסע תחינות באשטימט געווארן ספעציעל פאר מענער; דער גוואלדיק גרעסטער רוב תחינות איז אבער פארפאסט געווארן אויסשליסלעך פארן ווייבער-געברויך. זיי זיינען דערפאר צוגע-פאסט צו דעם ווייבערשן געמיט, צו די אייגנארטן און פסיכיק פון דער פרוי. מיר האבן שוין אנגעוויזן, אז א טייל תחינות זיינען איבערזעצט פון העברעיש; אויף א טייל ווידער ווערט אנגעמערקט, אז עס האט זיי „א גוטער און פרומער מאן געמאכט". אבער צוזאמען מיט די תחינות, וואס זיינען געשאפן געווארן פאר פרויען, האבן זיך אויך באוויזן אין אן אומפארגלייכלעך גרעסערער צאל תחינות פארפאסטע דורך פרויען גופא. און ערשט די פרוי אלס תחינה-פארפאסערין, ערשט זי האט עס געשאפן דעם קלאסישן תחינה-סטיל, אט דעם אייגנארטיקן, צע-פלאסן-בארײדעוודיקן, אינטים-הארציקן, הכנעהדיק-ווייבערשן נוסח. עס איז אויסער ספק, אז די וויג פון דער תחינה איז געשטאנען ביי דער פיר-זאגערין, וואס פלעגט פארלעזן אדער זינגען פארן ווייבערשן עולם תפילות און סליחות אין דער אומגאנגס-שפראך[56]. די פירזאגערינס פלעגן זיך ניט באנוגענען בלויז מיט דעם איבערזעצן פארן ווייבערשן אודיטאריום די קאנאניזירטע תפילות, נאר פלעגן זיי איבערגעבן אין פאראפראזע, איבער-גיסן אין פשוטערע, מער פאלקסטימלעכערע פארמען. דער שרייבער פון די דאזיקע שורות האט געזען אין דער קאלעקציע פונם פארשטארבענעם ביבליאגראף ש. ווינער א בלעטל פון אן אלטער האנטשריפטלעכער תחינה, וואס איז לויט ווינערס השערה געשריבן ניט שפעטער ווי פונם אנהייב 17טן י"ה. אויף דעם בלעטל איז פארשריבן דער טעקסט פון א תחינה, וואס איז שפעטער אריין אין דער אפט-איבערגעדרוקטער זאמלונג „תחנות ובקשות" מיט דער אנווייזונג: „זאגען אלע דאנערשטאג מיט גרוים כוונה". די דאזיקע תחינה איז בלי-ספק א פאראפראזע פון א העברעישער תפילה, ווארשיינלעך איבערגעארבעט דורך א פירזאגערין. „עס זאל זיין בוויליגט צו פַר דיר — אזוי הייבט זיך אן די תחינה[57] — גאט אונזר גאט, גוט אונזר עלטרין אונזר בישעפיר, בישעפיר דיא גאנצי וועלט פון אן פאנג דער וועלט מיט ווארט דיינר הייליקייט, מיט דיינן ווילן אונ'

---

56 זע אויבן, ז' 31.

57 ליידער איז ביי אונז אויפגעהיט אן אפשריפט געמאכט דורך א פרעמדער, ניט-אייגענער האנט, און מיר זיינען שטארק מסופק, צי דער אויסלייג איז ריכטיק איבערגעגעבן

ווילן דייני פורכטר אונ' ווילן דיין געזינד ישראל. דוא בישט גיוועזן אליין אונ' קיינר מער אין איביקייט זיין אליין, אונ' אֵיניג אייניגליך אונ' קיינר אַן דיר צו רעגנגירן דיא וועלט אונ' יענע וועלט... דאָ קום איך מיַיד, טאָכטר דיינר מיַיד, מיט גרושי דעמוטיקייט פאר דיר דיינר הייליקייט, דש דוא מיך גיבאט אַיין ערליכי נערונג... מיך אונ' מיין מאן אונ' קינדר אונ' אלי דיא זיך פאר זיכרן אן דיך''...

בכדי צו האָבן אַ באַגריף, ווי אַזוי די תחינה־פאַרפאַסערינס פלעגן אויסנוצן און באַאַרבעטן די העברעיִשע מוסטערן, איז כּדאַי זיך אָפּצו־שטעלן אויף דער „שינה תחנה זאל מן אלי טאג מתפלל זיין אויף פרנסה''. מיר האָבן אין פערטן באַנד געבראַכט[58] אויס דעם „שערי ציון'' אין ווערטלעכער איבערזעצונג די תפילה „אנא האל המכין פרנסה לכל בריה''. איצט וועלן מיר ברענגען צום פאַרגלייך די „שינה תחינה'': „גאָט אַל־מעכטיגער! דו ביסט אין קיניג פון דער גאנצר וועלט אונ' דו בישט איין העלפער איבער אלע העלפער. אזוי בעט איך דיך דו גרויסער באַרמהער־ציגער פאַטער־קיניג, דאס דו איבער מיר אונ' איבער מיין מאַן זאלסט דיך דערבאַרמען, אונ' דו זאלסט אונז באַהיטן אונ' בשערמין פון אלעם בּייזן אונ' זאלסט אונז שטעג אונ' וועג וויזן דאס מיר פרנסה זאלן האבן בכבוד אונ' מיר חלילה ניט זאָלן געשפייזט ווערן פון איינם מענשן אונ' מיר זאלן ניט פאַרשעמט ווערן, גייערט דורך דיינע געטריי־מילדע האַנט זאלן מיר אל צייט גשפייזט ווערן; אונ' דו זאלסט אונז שפייזען גלייך אז דו האסט געשפייזט די פרוי פון עובדיה מיט אירע קינדער דורך האַנט אלישע הנביא, דען פרומען געטליכן מאַן; אונ' זאלסט מיין מאַן פירן דען רעכטן וועג אונ' דו זאלסט אים שיקען גוטע מלאכים די זאלען אים באַלייטן אונ' זאלן מיט אים זיין; גלייך אז ווי דו האסט געשיקט מלאכים מיט יעקב אָבינו ע''ה, זאלסטו מיט אים אויך שיקען זעלכע מלאכים די דאַ אים זאלען היטן אין אל זיין וועג און שטעג, וואו ער טרעט זאלן זיי אים באַהיטן פאַר אלים בּייזן אונ' ער זאל מיט געזונט אונ' שלום אַייטל שמחה אונ' ששון אין זיין הויז קומן צו זיין ווייב אונ' קינדר. לאַז אים דאָך דער זכות פון זיינע קליינע קינדר ביישטיין די דאָ נאָך ריין זיין פון עבירות. איך בּייט דיך דו האַר פון דער גאַנצי וועלט! אויב מיין מאַן האט געזינדיגט צו פאַר דיר אונ' דו האסט אים אויף געלייגט דאס ער זאל חלילה וחלילה געשטראָפט ווערן אויף דעם וועג, אַזוי בעט איך דיך דו אַלמעכטיגער, באַרמהערציגער, דאס דו זאלסט צורייסן פון אים אל בייזי גזירות אונ' דו זאלסט מיט אים ניט אומגען מיט מידת הדין נאָר מיט

58 דאָרטן, ז' 346.

אייטל מדת הרחמים, אונ' דו זאלסט אים חלילה ניט בודק זיין ווען ער געט במקום סכנה. אונ' לאז אונז ביישטען דער זכות פון אונזרע עלטרין אברהם, יצחק ויעקב, אונ' דער זכות פון אונזרע קליינע קינדער די דא נאך ריין זיין פון עבירות אונ' איר זכות זאל אונז אלע צייט ביישטען''...

דער באדייטנדיק גרעסטער טייל ווייבערשע תחינות זיינען אנאנים, דאך זיינען אויך אייניקע נעמען פון די תחינות־פארפאסערינס אויפגעהיט געווארן אין דעם פאלקס־זיכרון, און דער פאפולערסטער צווישן זיי איז שרה בת טובים. דער דאזיקער נאמען איז געווען אזוי באליבט און באקאנט אין דער יידישער וועלט, אז ער איז געווארן א שטיק לעגענדע, דער לע־בעדיקער סימבאל פון דער ווייבערשער תחינה מיט איר ליריש הארציקן סטיל. ש. ניגער דערציילט אין זיין אינטערעסאנטער ארבעט „שטודיעס צו דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור'', אז ווען ער האט אמאל אין א געשפרעך ביים אלטן מֵחן, געפרעגט, ווער איז די שרה בת טובים, האט יענער אים צוגעפירט צום שפיגל און אנווייזנדיק אויף זיין פאר־וואקסענעם געזיכט, געזאגט מיט א שמייכל: „אט דאס איז זי''...[59]

די דאזיקע ווערטער פון יהושע מזח נייטיקן זיך אין א געוויסער דערקלערונג. ביז דער צווייטער העלפט פונם 19טן י''ה, כל־זמן די יידישע רעליגיעזע ביכער האט מען נאך געדרוקט מיטן ספעציעלן „ווייבער־כתב'', האבן די אלטמאדישע און גאטספארכטיקע פארלעגער זיך פארהאלטן צו די ווייבערשע תחינות מיט א געוויסן רעספעקט, און זיי איבערגעדרוקט אן קיינע טעקסט־ענדערונגען. אמת, דער „בחור הזעצער'' פלעגט אפט אנמאכן צרות, און דורך אימהדיקע גרייזן שטארק פארקריפלען דעם טעקסט[60]. אבער דאס אלץ איז געווען „בלא יודעים'', אן א פארויס־באשטימטער כוונה. גאנץ אנדערש איז געווארן די לאגע שפעטער, זינט די זעכציקער יארן פונם 19טן י''ה. די פארלעגער זיינען „היינטוועלטיק'' געווארן, און אין די תחינות־אויסגאבעס האבן זיי קודם־כל געזען א גאנג־בארן סחורה־ארטיקל; האט אויסגעפעלט אלטע סחורה, האט מען געמוזט גלייך צושטעלן נייע. פלעגט מען ביי די משכילים־שריפטשטעלער בא־

59 ווילנער „פנקס", 1913, 127.

60 צום ביישפיל: אין שרה בת טובימס „תחינה פון ראש־חודש־בענטשן" איז פאראן א פראזע: „ד' אלהי צבאות, דו פרובשט אלי קאמרן פון אלי גדאנקן, פון אלי הערצר". אין א אויסגאבע פון אנהייב 19טן י"ה (די דאטע איז נים אנגעגעבן) האט אבער די דאזיקע פראזע באקומען פאלגנדיקע אומגעלומפערטע פארמען: „ד' אלהי צבאות, דא זעה איך אלי קאמרן, דו פרובשט אלי די גדאנקן פון אלי הערצר". ווייטער אין דערזעלביקער תחינה ווערט דער אויסדרוק „רבש"ע ווי צעברעכט זיך מיר מיין הארץ", פארוואנדלט אין: „ווי צוברעכט זיך מיר מיין קאפ".

שטעלן „נייע שיינע תחינות'' פון שרה בת טובים, און זיי, די קעמפער פאַר השכלה, א. מ. דיק, מ. א. שאַצקעס א''א, וואָס האָבן זיך פאַרהאַלטן צו די אַלטמאָדישע „נאַרישע און געשמאַקלאָזע'' ווייבערשע תחינות מיטן גרעסטן ביטול און עקל[61], פלעגן פאַר א גאַנץ נישטיקן האָנאָראַר אימי־טירן דעם תחינה־סטיל, פאַלסיפיצירן און נאָכמאַכן די הכנעהדיק־האַר־ציקע עלעגישע געבעטן פון דער יידישער פרוי צו איר טרייען באַשיצער, צו איר דערבאַרעמדיקן גאָט, איר באַרעמהאַרציקן פאָטער אין הימל. אויך יהושע מזח פלעגט פאַר קנאַפּע עטלעכע גראָשן פאַבריצירן תחינות אונ־טערן נאָמען פון שרה בת טובים, האָט ער נאַיוו געמיינט, אַז די שרה בת טובים איז „לא היה ולא נברא'', ס'איז אַ פשוטע לעגענדע, וואָס די „נאַרישע'' ווייבער האָבן אויסגעטראַכט, בעת אין דער אמתן האָט אַלע תחינות, וואָס טראָגן איר נאָמען, פאַבריצירט פאַר קליינגעלט ער גופא און נאָך אַזוינע אימיטאַטאָרס ווי ער. דער אַלטער מזח האָט אָבער אַ טעות געהאַט; שרה בת טובים איז אַ רעאַלע היסטאָרישע פיגור, און עס איז כּלל ניט שווער אַרויסצוגעפינען איר יחוס און פעסטשטעלן איר ליטעראַרישע ירושה. דער ביינאָמען „בת טובים'' איז אַן אָנווייז, אַז די תחינות־פאַרפאַסערין שרה שטאַמט פון יחוס. זי שטאַמט טאַקע ווירקלעך פון אַ גאַנץ מיוחסדיקער פאַמיליע. איר פאָטער מרדכי איז געווען אַ גרויסער למדן, איר זיידע יצחק איז געווען רב אין סאַטאַנאָוו[62], און איר זיידעס פאָטער, אויך מרדכי מיטן נאָמען, איז געווען רב אין בריסק דליטע[63]. אין בריסק האָבן אין דער צווייטער העלפט פונם 17טן י''ה געלעבט צוויי רבנים מיטן נאָמען מרדכי: מרדכי זיסקינד (געשטאָרבן אין 1684) און מרדכי גינזבורג (געשטאָרבן אין 1688). העכסט־וואַרשיינלעך איז די תחינות־פאַרפאַסערין שרה געווען אַן אוראייניקל פון איינעם פון די צוויי רבנים, און זי האָט בכן געלעבט אין די ערשטע יאָרצענדליקער פון דעם 18טן י'ה. אויס אירע תחינות ווערן מיר אויך געוואָר, אַז די מאַמע אירע

61 ווענן דיקס פאַרהאַלטן זיך צו די ווייבערשע תחינות זע אין ניגערס ציטירטער אַרבעט, ז' 129.

62 אין דעם אונטערקעפּל פון דער תחינה „שער היחוד" לייענען מיר: „די תחינה האָט גמאַכט האשה החשובה מרת שרה בת טובים: התורני והרבני המופלג בתורה המפורסם מוהר"ר מרדכי בן הרב המאור הגדול מוהר"ר יצחק זצ"ל מק"ק סאַטנוב".

63 אין דעם אונטערקעפּל פון דער תחינות־זאַמלונג „שלשה שערים" ווערט אָנגעוויזן: „דיא תחינה האָט גמאַכט האשה הצנועה מרת שרה תחיה בת מוהר"ר מרדכי זצ"ל נכד הרב מוהר"ר מרדכי זלה"ה שהיה אב"ד בק"ק בריסק יע"א".

האָט געהייסן לאה[64]. אין איר פּערזענלעך לעבן איז זי געווען אומגליקלעך („געשטראָפט געוואָרן”, ווי זי גופא דריקט זיך אויס). געווען אַ לענגערע צייט נע־ונד, וואָרשיינלעך געווען אַ זאַגערין אין די ווייבערשע שולן, און איר פאַרביטערט און שווער באַטריבט האַרץ האָט זי אויסגעגאָסן אין עלעגישע געבעטן, אין לירישע האַרציקע תחינות. פון שרה בת טובים זיינען אויפגעהיט געוואָרן צוויי תחינות־זאַמלונגען. די ערשטע הייסט „שקר־החן”. „דאַש ספר שקר־החן הב איך אויף טייטש גשטעלט — לייענען מיר אויפן שער־בלאַט — דש איז איין רפואה צו דר נשמה אויף דר וועלט אונ’ אויף יענר וועלט, אונ’ עטץ זאָלט ניט קאַרג זיין אויף אייער געלט, ווייל איר דש ספר בקומן קענט, דר מיט ווערן מיר זוכה זיין צו עולם הבא אויף יענר וועלט, און משיח זאָל קומן אין אונזרה טעגן במהרה בימינו אמן”. דערנאָך גייט דער אריינפיר פון דער פאַרפאַסערין, שרה בת טובים:

„איר ליבה ווייבר אונ’ מיידן, טוט לייאנן די תחנה, ווער אייך אייער האַרץ דר פרייאן. זי זענן אַרוש גנומן גוואָרן אויש* ספרים, בזכות זה ווערט איר זוכה זיין אין ארץ ישראל צו קומן. אויך הָב איך גשטעלט איין שיינה נייאה תחנה וָוש מַן זאָל זאָגן מאָנטיג און דונרשטיג און אום תענית אונ’ אום ימים נוראים: שקֶר החן והבל היופי — דש שיינקייט איז גאָר נישט, נאָר מעשים טובים איז גוט; חכמת נשים בנתה ביתה, דר עיקר איז די אשה זאָל פירן דש הויז מן זאָל דרינן קענן לערנן תורה און זאָל אירה קינדר מדריך זיין בדרך הישר צו גאָטש דינשט. איך אָרמי פרוי, איך בין גוועזן מפוזר ומפורד, הָב איך ניט גקאָנט שלומן, אזוי הָט מיין האַרץ גטאָן אין מיר ברומן, הב איך מיך דרמאָנט פון וואנן איך בין גקומן, און ווי (וואוהין) איך וועל קומן, און ווי איך וויל ווערן גנומן. איז אויף מיר איין גרוש פאָרכט גקומן, הב איך גבעטן דעם לעבדיגן גאָט ב”ה בדמעות שָליש, אַז די תחנה זאָל פון מיר ארויש קומן.

„איך אשה שרה בת טובים המיוחסת המפורסמת, ווש איך הב קיין מחשבה זרה ניט, נייערט פון ליבן גאָט ב”ה ווענן הב איך די תחנה גמאַכט, עש זאָל אין גדעכניש זיין נאָך מיין טויט[65]. ווער די תחנה ווער

---

64 אין דער פאָררעדע צו „שלשה שערים” ווערט אָנגעוויזן: „איך זאָל ניט דאַרפן לאַנג נע־ונד צו זיין בזכות אונזרי מוטר שרה רבקה רחל לאה, אונ’ מיין ליבה מוטר לאה זאָל אויך מיט מיר בעטן גאָט ב”ה (מיר ציטירן לויט אַן אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען בערך אין אָנהייב 19טן י”ה, די דאַטע איז ניט אָנגעוויזן).

* דאָ פעלט געוויס אַ וואָרט.

65 משמעות שרה בת טובים האָט קיין קינדער ניט געהאַט.

ליינען וועט די תפלה פר גוויש אן גנומן ווערן פר השם יתברך. איך אשה שרה בת טובים התורני והרבני המופלג בתורה המפורסם מוהר"ר מרדכי בן הרב המאור הגדול מוהר"ר רבי יצחק זצ"ל מק"ק סאטנוב יע"א".

אויך אין דער פאָררעדע צו דער צווייטער תחינות-זאַמלונג „שלשה שערים", טוט שרה בת טובים דערקלערן פאַרוואָס די זאַמלונג טראָגט דעם דאָזיקן נאָמען. אגב גיט זי אויך דערביי איבער איניקע אויטאָביאָגראַ-פישע פרטים:

„איך שרה בת טובים, איך טוא דאש פון ליבן גאט ב"ה וב"ש וועגן, בין איך מסדר פעם שנית נאך שיינה נייאה תחנה על שלש שערים. שער ראשון איז געשטעלט געווארן אויף דיא דרייא מצות וואש די נשים זענן וואר גבאטן — חנ"ה. זייער נאמן איז חנ"ה, כלומר: חלה, נדה און הדלקת נרות; און דער שער השני — איין תחנה צו בעטן אז מען בענשט ראש חודש, און שער השלישי איז פון ימים נוראים.

„איך נעם צו הילף דעם לעבדיגן גאט ב"ה וואש לעבט צימער (שטענדיק) אונ' איביג, אונ' שטעל די אנדרי שיינה נייאה תחנה אויף טייטש מיט גרויש ליבשאפט מיט גרויש פארכט אונ' מיט ציטרניש, מיט דער שרעקניש מיט צו בראכני גלידר, מיט גרויש גבעט, מיט גרויש...*; רחמנות זאל גאט האבן אויף מיר אונ' אויף כל ישראל, איך זאל ניט דארפן לאנג נע־ונד צו זיין בזכות אונזר מוטר שרה, רבקה, רחל, לאה, אונ' מיין ליבה מוטר לאה זאל אויך מיט מיר בעטן גאט ב"ה, אז דאש וואש איך בין נע־ונד, זאל מיר זיין איין כפרה אויף מיינע עונות, אונ' השי"י זאל מיר מוחל זיין וואש איך האב אין מיין יוגנט גשמושט אין שול ווען מען האט גדוונט אונ' געלייאנט אין דער ליבר תורה.

„הער פון דער גאנצר וועלט, איך מאך פאלין מיין גבעט פר דיר, אונ' וויא איך הייב אן מסדר צו זיין מיין תחנה מיט מיין גאנצר כוונה אונ' מיטן גרונט פון מיינם הרצן, זאלשטו אונז היטן פון פיין אונ' שמארצין. איך בעט דעם ליבן גאט ב"ה, אז ער זאל שון האבן גרויש רחמנות אויף כל ישראל אונ' אויף מייני אלטי יאר. איך זאל שון ניט דארפן נע־ונד צו זיין...** אזוי וויא ער האט דער הערט דאש געבעט פון אונזרי אבות ואמהות. גדענק ווען אברהם אבינו האט מיט זיין לינקי האנט בגריפן אן דעם האלז פון יצחק, אונ' אין זיין רעכטר האנט נעם ער דאש שעכט-מעשר צו שעכטן זיין זון יצחק, דאש האט ער דיר צו ליב גיטאן אונ' האט זיך ניט אויף גהאלטן דייני שליחות צו טאן ווי דו האשט

---

* פעלט אַ וואָרט.

** עס פעלן דאָ, ווי עס שיינט, איניקע ווערטער.

אים גשיקט, אזו קערשטו דיך צו דער בארמן איבר אונז, אונ' איך בעט הימל אונ' ערד אונ' אלי היילִיגי מלאכים זאלין פר מיר בעטן אז מיינה בײדה תחנות זאלן ווערן איין קרוין אויף זיין היילינן קאָפּ, אָמן".

אין דעם „שער השלישי", וואָס „איז פון ימים נוראים", געפינט זיך שרה בת טובימס תחינה צו קניטלעך לייגן, וועגן וועלכער דער אַלטער מענדעלע מוכר־ספרים רעדט מיט אַזאַ התפעלות אין זיין „שלמה ר' חיימס"[69]. דעם „שלשה שערים" פאַרענדיקט שרה בת טובים מיט פאַלגנדיקן „מוסר פר דיא ווייבר":

„איך שרה טוא בעטן אייך יונגה ווייבר איר זאלט ניט שמוסן אין דר ליבר שול, דען עש איז איין גרושי זינד, דען איך טוא גידענקן וואָש דר תנא ר' אליעזר בר' שמעון הט ביגעגינט דיא ממונים וואש האבן גיפירט צווייִ אייזלען [וועלכע] האבן גיטראגן פורעניות. הָט ער גיפרעגט די ממונים: פון ווענש וועגן איז דאש? האבן זיי גיזאגט: דאש איז פון די לייטנש וועגן וואש שמוסן אין דער שול פון נאך ברוך שאמר ביז נאך שמונה עשרה. דרום טוא איך אייך ווארנן איר זאלט ניט גישטראפט ווערן ח"ו, וויא איך בין גישטראפט גיווארן מיט נע־ונד; בכן זאלט איר אייך פון מיר איין ראיה נעמן אונ' זאלט פַר הש"י אייערי זינד ביקענן. אויך טוא איך אייך בעטן איר זאלט רחמנות האבן אויף אלמנות אונ' יתומים אונ' גרים אונ' שבוים (געפאנגענע) אונ אויף אלטי לייט אונ' קראנקי לייט; דען וועז איר טוט פאסטן איז דוך אייך אייער הערץ ביטר, אזו אויך זאלט איר גלויבן דעם ארומן מאן וויא איהם ביטר איז, ער הָט זיך ניט מיט וואש צו דרקוויקן. דרום טוא איך אייך בעטן איר זאלט דרויף האבן השגחה, ווערט אייך הש"י געבן גרויש הצלחה. אויך טוא איך אייך בעטן איר זאלט פון אנדרי לייט ניט לאכן און שפעטן, דען הש"י טוט ניט שענקן. איר זאלט אייך פון מיר איין ראיה נעמן, איר זאָלט ח"ו ניט געשטראָפט ווערן ווי איך בין גישטראפט גיווארן מיט נע־ונד, אונ' איר זאלט שטֵין אין דר ליבר שול ביראה ופחד. אויך האב איך די שיינה נייאה תחנה די אנדרי מסדר גיוועזן איך זאל פון מייני גרוישי זינד זיין גנעזן. מיט דעם וואש מיר טואן אן אונזר זינד גידענקן, זאל אונז הש"י ב"ה דאש לעבן שענקן. אָמן סלה. אשה שרה בת טובים מהור"ר מרדכי זצ"ל.

שרה בת טובים איז די פּאָפּולערסטע, אָבער ניט די איינציקע תחינות־פארפאַסערין, וואָס איר נאָמען איז אויפגעהיט געוואָרן. די דער־גאַנגענע נעמען זיינען אָבער לויטער מיוחסדיקע נעמען — אַלץ פון רבנישע טעכטער און רבנישע ווייבער. זייער פּאָפּולער איז, אַ שטייגער,

[69] דאָרטן, קאַפּ. 5.

בשעתה געווען אַ „תחנה אמהות פון ראש חודש אלול", וואָס עס האָט פאַרפאַסט, ווי עס איז אָנגעוויזן אויפן שער־בלאַט, „האשה הרבנית סעריל בת הרב המפורסם מוהר"ר יעקב הלוי סגל מדובנא, אשת הרב המאור הגדול המפורסם בחכמה מוהר"ר מרדכי כ"ץ זצ"ל ראַפּאָפּורט אב"ד דק"ק אָלעקסניץ" [67]. מיר ברענגען פון דאָרט אייניקע ציטאַטן, בכדי צו באַקענען דעם מאָדערנעם לייענער מיט דעם טיפּישן תחינה־סטיל:

„עשה עמדי כחסדך הגדול. טוא מיט מיר חסד אונ' משפט מיט גרויש דערבאַרימקייט, איך טוא דיך בעטן: נעם אָן מיין גיבעט... איך טוא בעטן אַז דוא זאָלשט אָן נעמן מיינע ביטערע טרערן, אַז וויא דוא האָשט אָן גנומן דיא טרעהרן פון דיא מלאכים וואָש האָבן גוויינט אַז אברהם אבינו האָט גבראַכט זיין ליבן זון יצחק צו דער עקידה זיינען דיא טרעהרן פון די מלאכים נעפאַלן אויף דעם מעסר פון אברהם אונ' האָבן אים ניט גלאָזט שעכטן זיין זון יצחק, אַזוי זאָלן אויך מייני טרעהרן פאַלן פאַר דיר אונ' זאָלן ניט לאָזן אַוועק ברייננגן מיך אדר מיין מאַן אָדער מייני קינדר אונ' אלי מייני גוטי פריינד פון דער וועלט...

„כלם ננעלו רק שערי דמעות לא ננעלו: אַלע טויערן זיינן פאַרשלאָסן, נאָר די טויערן פון טרעהרן זיינן ניט פאַרשלאָסן, דרום פאַטר דערבאַרמיגר נעם מייני טרעהרן וואָש איך טוא דיך בעטן. טוא אַריין אין דיין לאָגל, וואָש אָפּ מיט די טרעהרן אונזרי זינד אונ' זאָלשט דיר זעצן פון מדת הדין אויף דעם מדת הרחמים, אָמן"...

„תחנה אמהות" הייסן די דאָזיקע תחינות, ווייל די פאַרפאַסערין ווענדט זיך יעדעס מאָל צו די „אמהות" פונם יידישן שטאַם, צו שרה, רבקה, רחל, לאה, זיי זאָלן ביישטיין מיט זייער זכות און באַשיצן זייערע זינדיקע פאַרוואָגלטע קינדער. אין דער תחינה צו שופר בלאָזן ווענדט זיך סעריל בת יעקב מיט פאָלגנדיקן געבעט: „זאָל אונז ביישטיין ביי דעם משפט דער זכות פון די פיר אמהות אונ' דער זכות פון די דריי אבות אונ' זכות פון משה ואהרן... צום ערשטן בעטן מיר אונזער מוטער שרה אַז זי זאָל פאַר אונז בעטן בשעת משפט אַז מיר זאָלן פריי אַרויס גיין פון דעם משפט... דערבאַרם דיך אונזר מוטר אויף דיינע קינדר, אונ' בפרט טוא בעטן פאַר אונזרע קינדר זיי זאָלן זיך ניט אָפּשיידן פון אונז. דו ווייסט דאָך וואויל אַז עס איז זייער ביטר אַז מען נעמט אַוועק אַ קינד פון דער מוטער, ווי עס איז דיר גוועזן, אַז מען האָט אַוועקגנומן דיין יצחק פון דיר האָט דיר באַנק גטאָן, אונ' היינט האָסטו צייט צו בעטן דען מען

67 ביי שטיינשניידערן איז פאַרצײַכנט די אויסגאַבע פון 1783 (אין פראַנקפורט אויפן אָדער). זע אויך ביי א. שולמאַן, ז. 69. מיר באַנוצן זיך מיט דער ווילנער אויסגאַבע פון 1852.

טוט איצונד בלאזין מיט איין שופר של איל, כדי ער זאל גדיינקן דעם זכות פון יצחק, וואס ער האט זיך גלאזט בינדן ווי איין שאף צו דער עקידה, דרום ווערט דער שטן צו מישט אונ׳ קאן איצונד אויף אונז ניט מקטרג זיין, דרום האסטו איצונד צייט פאר אונז צו בעטן, אז עס זאל מתעורר ווערן אויף אונז די מדה פון רחמים. אויך טו איך בעטן אונזר מוטר רבקה זי זאל בעטן פאר אירע קינדר אונ׳ זי זאל בעטן פר אונזר פאטר אונ׳ מוטר, אז זיי זאלן זיך ח״ו ניט אפשיידן פון אונז, דען דו ווייסט וואויל ווי עס טוט באנק נאך פאטער אונ׳ מוטר, דען אז אליעזר דער קנעכט האט דיך אוועק גנומן פון דיין פאטר אונ׳ מוטר צו דיין מאן יצחק האסטו אויך זייער גוויינט; דרום ווייסטו ווי עס איז שלעכט אן איין פאטר אונ׳ מוטר. דרום בעט פאר אונזר פאטר אונ׳ מוטר אז זיי זאלן האבן שנת חיים יארן פון לעבן, שנה טובה איין גוט יאר, אז איך מיט מיין מאן אונ׳ קינדר זאלן האבן פרנסה. אויך טוען מיר בעטן אונזר מוטר רחל אז דו זאלסט פאר אונז בעטן, אז מיר זאלן איין כתיבה וחתימה טובה האבן אונ׳ מיר זאלן קיין מאל קיין צער ניט האבן. מיר ווייסן וואויל אז דו קאנסט קיין צער ניט הערן, דען אז מען האט דיין ליבן זון יוסף גפירט קיין מצרים, האבן אים די ישמעאלים גרויס צער אנגעטון, איז ער גפאלן אויף דיין קבר אונ׳ האט אן געהייבן צו וויינן: מוטר, דערבארם דיך איבער דיין קינד! ווי קאנסטו צוזעהן מיין צער אזוי ליב האסטו מיך געהאט, אונ׳ היינט בין איך אזוי פארפינצטערט, אונ׳ דו דערבארמסט זיך ניט איבער מיר. אזוי האסטו ניט גקענט צוהערן דעם צער פון דיין קינד, האסטו אים גענטפערט: מיין ליב קינד, איך הער דיין גוויין און דיין ביטר גשריי, איך וועל מיך תמיד דערבארמן אונ׳ בעטן פאר אייך אונ׳ וועל הערן אייער צער. דרום דערבארם דיך אויף אונזר צער אונ׳ אנגשט אונ׳ ציטערניש פאר דעם משפט, אונ׳ בעט פאר אונז עס זאל אונז אן גשריבן ווערן איין גוט יאר אז מיר זאלן קיין מאל קיין צער ניט-האבן, אמן״...

עס איז אויך באקאנט א צווייטע „תחנה אמהות״, אויך פארפאסט פון א רבס א טאכטער, וואס זי גופא טראגט דעם נאמען פון אלע פיר אמהות צוזאמען, ווי עס איז דערויף אנגעוויזן אין דעם אונטערקעפל פון דער תחינה: „דיזה תחנה האט מתקן גוועזן האשה הרבנית מרת שרה רבקה רחל לאה בת הרב הגאון המפורסם מוהר״ר יוקיל סגל הורוויץ אב״ד דק״ק גלונא רבתי, אשת הרב המאור הגדול החריף מו״ה שבתי יצ״ו אב״ד ד״קק קראסני״. אויך זי אפעלירט צו די אמהות פון יידישן פאלק, זיי זאלן מיט זייער גרויסן זכות באשיצן זייערע קינדער אין דער שווערער נוי״...

אפעלירן צו די הייליקע אמהות, צו נשים צדקניות — דאָס איז דער באַליבטער מאָטיוו אין די ווייבערשע תחינות. „ליבר גאט — לייענען מיר אין א תחינה, וואָס ס׳האָט פאַרפאַסט די רביצין מַמָאַל [68] — לאז מיך גניסן דעם זכות פון אונזר פרומער חנה. זיא איז גיגאנגן אין בית המקדש תפלה טאָן פאר עלי הכהן האט זי נאר גרירט מיט אירע לעפצן, דא האט ער גזאגט: גיי ארויש דו פארטרונקנע פרוי. דא האט זי געענפרט: ניין, מיין האר, איך בין אזוי איין פרוי די איין שווער גימיט האט. און דו האשט איר גיענטפרט. דרום בעט איך דיך דו זאלסט מיר אויך ענטפערען. און בעט דיך, ליבער גאט, שטראף מיך ניט מיט קיין צארן און׳ גיי מיט מיר אום במדת הרחמים ווי יעקב אָבינו עליו השלום האט געבעטן, ווען זיינע קינדער ווערין חס ושלום חייב זיין, זאלסטו גידענקן וואס פאר צרות ער האט גליטן אין ער האט זיי אויף געצויגן, מכל שכן ווי דארף איך בעטן אז איך זאל קיין צער ניט האבן אן מיינע קינדער. איך וויים וואויל דאס איך בעט צו פיל, איך בין ניט ווערט צו שטיין פאר דיר, נאר דו בגערשט אז דער מענש זאל דיך בעטן, אזוי דערבארמשטו דיך איבר אים, דא בעט איך דיך, גאט, אז דו זאלשט מיך ניט אוועק ווארפן אויף מיין עלטר״...

---

[68] „תחינה תשובה תפלה וצדקה, דיא נייע שיינע תחינה האט גימאכט האשה הרבנית מרת מַמָאַל בת הרב המפורסם יגאמן מוהר״ר צבי הירש, אשת הרב המאור הגדול והקדוש מוהר״ר יצחק זצ״ל אב״ד דק״ק בָלעז״. מיר ציטירן לויט דער ווילנער אויסגאַבע פון 1855.

צענטער קאַפּיטל

די שפּעטערדיקע פּאָעטישע ליטעראַטור — פאַבל־זאַמלונגען אין יידיש. — די איבערזעצונגען פון „משלי שועלים" און „משל הקדמוני". — אברהם בן מתתיהם „קו־בוך" און משה וואַליכס „ספר משלים". — דער באַטייט פונם „קו־בוך". — סאָציאַלע מאָטיוון אין „קו־בוך". — דער „צוכטשפּיגל" און „דער קליינער בראַנטשפּיגל". — יעקב סגלס „קהלת יעקב". — היסטאָרישע לידער. — אלחנן העלינס „מגילת ווינץ". — „שריפה־לידער" און „עיפּוש־לידער". — דער היסטאָרישער באַטייט פון קלאָג־לידער בנוגע גזירות און רדיפות. — קינות אויף גזירות ת״ח. — דאָס ליד וועגן שבתי־צבי פון יוסף טויסק. — דער סאָציאַלער מאָמענט אין דעם דאָזיקן ליד. — פּיוטים אין יידיש. — רבקה טיקטינס „שמחת־תורה־ליד". — „שבת־לידער. — אלחנן קירכהאַנס צווייטער טייל „שמחת הנפש". — דער ווונטש פאַרשפּרייטן מוסר און גאָטס געבאָטן מיט דער הילף פון געזאַנג. — די באַשרייבונג פון דאָרפס־יידן אין „שמחת הנפש". — אַנאָנימע רעליגיעזע לידער. — סאָציאַלע לידער און שפּאָט־לידער. — „די באַשרייבונג פון אַשכּנז און פּאָלאַק". — די פּאָלעמיק וועגן חזנים. — יואל בן אליעזרס געגראַמטע אַפּאָלאָגיע „ריח ניחוח".

מיר האָבן שוין אויבן אָנגעוויזן[1], אַז אויף דער שוועל פונם 17טן י״ה האָט אין דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור דער פּראָזאַיִש־דערציילערישער סטיל ענדגילטיק באַקומען די אויבערהאַנט איבער דעם עפּיש־שפּילמאַנישן. דעם „שמואל־בוך"־עפּאָס און דעם „אַרטוס־הויף"־ראָמאַן האָבן פאַרדרענגט דער „צאינה וראינה" און דאָס „מעשה־בוך". דאָס וויל אָבער כּלל ניט זאָגן, אַז די געגראַמטע פּאָעטישע פאָרמען זיינען פאַרשוונדן פון דער פאָלקס־ליטעראַטור. זיי האָבן בלויז אָנגעוואָרן דעם אויבנאָן, האָבן אויפגעהערט צו זיין דער וויכטיקסטער שאַפונגס־פאַקטאָר; זייער באַטייט איז בלויז געמינערט געוואָרן, אָבער ניט פאַרשוונדן און פאַרלאָרן געגאַנגען. עס ווערן אויך אין דער שפּעטערדיקער תקופה פיל ווערק געשאַפן אין געריימטע פערזן און אין לויט די כּללים פון מעטריק געבויטע סטראָפעס. די דאָזיקע ווערק זיינען אָבער, בנוגע סטיל און אינ־

1 זע אויבן, ז׳ 226.

האלט, פון גאנץ פארשיידענע גאַטונגען. קודם־כל פילט זיך אין זיי די השפעה פון דריי באַזונדערע מקורים: איין גרופּע שעפּט יניקה פון דער העברעיש־וועלטלעכער און רעליגיעז־פּאָעטישער ליטעראַטור; אין דער צווייטער פילט זיך די השפעה פון דעם דייטשן עפּאָס, עס הערט זיך דאָרט דער נאָכקלאַנג פונם „שמואל־בוך"־ניגון; און די דריטע וואַקסט דירעקט אויס דעם פאָלקס־ליד, איז ענג מיט אים צונויפגעוואַקסן. וועלן מיר פּרווון אין איצטיקן קאַפּיטל באַקענען אונזערע לייענער מיט די דאָזיקע דריי גרופּעס.

מיר האָבן שוין אין ערשטן באַנד פון אונזער ווערק אָנגעוויזן[2], ווי שטאַרק פּאָפּולער עס איז ביי יידן געווען די משלים־ און פאַבל־ליטעראַטור. ס'איז דערפאַר קיין חידוש ניט, וואָס די אין העברעיש דערשינענע פאַבל־זאַמלונגען זיינען אויך פארשפּרייט געוואָרן אין יידיש־דייטשע איבערזעצונגען. נאָך אין 1583 האָט אין פרייבורג יעקב קאָפּעלמאַן פאַרעפנטלעכט[3] זיין „משלי שועלים"־איבערזעצונג, פון וועלכער מיר האָבן שוין געבראַכט אייניקע אויסצוגן[4]; אין 1693 האָט אין פראַנקפורט אויפן מיין גרשון ווינער ארויסגעגעבן א יידישע איבערזעצונג פון יצחק סהולהם „משל הקדמוני". „דאָש שפּרעכט — ווערט דערקלערט אויפן שער־בלאַט — פון פיל שיני משלים וויא מן עש ווירט אין דיזן ספר פינדן, ווען מן ווערט עז דורך לייאנן פון פורנן ביז הינדן". צומפּאָפּולערסטן איז אָבער געווען די אין ווענעציע אין 1594[5] דערשינענע משלים־זאַמלונג פון אברהם בן מתתיה אונטער דעם אייגנאַרטיקן נאָמען „קו־בוך". דער ארויסגעבער פון דעם „מעשה־בוך", יעקב בן אברהם אויס מעזעריטש, וויל האָפן, אז זיין אויסגאַבע וועט אזוי פאַראינטערעסירן די „ליבן מאנן אונ' ורויאן", אז זיי וועלן שוין מער קיין חשק ניט האָבן „צו לייאן אויש דעם ביכר פון קויאן"[6]. דאָס „קו־בוך" איז דורך די „ליבן מאנן אונ' ורויאן" אזוי גרינדלעך „אויסגעלייענט" געוואָרן, אז עס איז ניט אויפגעהיט געוואָרן קיין איין־איינציקער עקזעמפּלאַר. און פון אלע ביבליאָגראַפן האָט בלויז דער אַלטער שבתי באַס אין זיין „שפתי ישנים" פאַרנאָטירט מתתיהס פאַבל־בוך אלס עד־ראיה, וואָס האָט נאָך געהאַט די מעגלעכקייט זיך מיט דעם דאָזיקן ווערק צו באַקענען. עס איז אָבער כמעט אויסער ספק, אז מתתיהס „קו־בוך" איז

[2] דאָרטן, ז' 290.

[3] איבערגעדרוקט אין פראַנקפורט אין 1767.

[4] זע ב' I, ז' 309–310.

[5] לויט בן־יעקב און שולמאַן — אין 1555.

[6] זע אויבן, ז' 211.

ניט פארלארן געגאנגען, מער ניט עס איז דערגאנגען צו אונז אונטער אן אנדער נאמען. אין 1697 האט אין פראנקפורט אויפן מיין משה בן אליעזר וולך (וואליך) אויס ווארמס ארויסגעגעבן א פאבל־בוך „ספר משלים" מיט פיל שיינע האלץ־שניטן. אז משה וואליך איז בלויז דער ארויסגעבער און ניט דער פארפאסער, ווערט אנגעוויזן אויפן שער־בלאט (הביא לדפוס הנעלה כמר משה וולך). אויך אין דער לאנגער גע־גראמטער הקדמה מיט דעם אקראסטיכאן „אני משה בר אליעזר וולך זצ"ל מק"ק וורמש", געשריבן אין דעם מעטר פון ברעשס הקדמה צו זיין באקאנטער חומש־אויסגאבע[7] — ווייזט משה וואליך אן: „עז ווערט זונשט גהייסן קוא־בוך — גיא איינער אונט זוך — יאר אונט וואוך — אונט דיא שיך צו רייסן". און ווייל דאס „קו־בוך" איז אזא זעלטנהייט געווארן, האט ער, משה וואליך, באשלאסן איבערצודרוקן אויף „ריין אונ' ווייס פאפיר — דיא אותיות וויא איין ספיר — מיט היפשן ציר — וויא איין אפפיל דז מאן דוט (טוט) הריין בייסן"[8]. עס איז קלאר, אז דער „ספר משלים" איז בלויז אן איבערדרוק פון דעם אלטן „קו־בוך". ווי עס שיינט, האט דער ארויסגעבער משה וואליך דאס ווערק איבער־געדרוקט מיט געוויסע סטיליסטישע ענדערונגען; א געוויסע אנצוהערעניש דערויף געפינען מיר אין דעם שער־בלאט: „איצונד ווידר אויף גליגט מיט פלייס — אין טרוק גטראכט אויף איין נייאן ווייס (וויזע, ארט)".

די משלים פאר זיין „קו־בוך" האט אברהם בן מתתיה הויפטזעכ־לעך געשעפט פון די צוויי פאפולערע העברעישע פאלקס־ביכער „משלי שועלים" און „משל הקדמוני"[9]; ער האט זיי אבער ניט איבערזעצט, נאר אויפסניי איבערגעדיכטעט. ס'איז גענוג, א שטייגער, צו פארגלייכן די פאבלען פון דעם „קו־בוך": דער הונט מיטן שטיק פלייש אין מויל, די שטאט־מויז און די פעלד־מויז, דער קראנקער לייב אויף דער עלטער, און די באקאנטע דערציילונג וועגן דער אלמנה און דעם יונגן שומר[10], — מיט דעם העברעישן ווארינאנט אין „משלי שועלים", אדער צו זען, וואס פאר א געשטאלט עס האבן אינם „קו־בוך" באקומען די אויס דעם

---

7 זע אויבן, ז' 117.

8 אויך דער „ספר משלים" איז איצט א גרויס יקר המציאות. עס זיינען פון דער דאזיקער אויסגאבע אויפגעהיט סך־הכל דריי עקזעמפלארן: אין אקספארד, האמבורג און אמסטערדאם. אין יאר 1925 האט אבער די „סאנטשינא־געזעלשאפט" פארעפנטלעכט אין בערלין א פראכטפולן פאקסימילישן איבערדרוק פון דעם „ספר משלים", און דערביי נאך צוגעגעבן א דייטשע איבערזעצונג פון ד"ר ר. בעאטוס (1926).

9 בערך צוויי דריטל פאבלען אינם „קו־בוך" שטאמען פון די צוויי קוועלן.

10 זע אונזער ווערק, באנד ג, 262.

„משל הקדמוני" באַאַרבעטע הומאָריסטישע מעשיות וועגן דעם פֿויער מיטן שרײַבער[11] און וועגן דער יונגער פֿרוי מיט איר געליבטן — מען זאָל זיך איבערצײַגן, אַז דער פֿאַרפֿאַסער פֿונם „קו־בוך" איז טאַקע געווען אַ טאַלאַנטפֿולער פֿאָבל־דיכטער מיט זײַן אייגענעם סטיל און נוסח.

ניט אומזיסט איז דער פֿרומער אַרויסגעבער פֿונם „מעשה־בוך" זיך אַזוי מתרעם אויף דעם „קו־בוך", און פֿאַררעכנט עס צו די „טויַרעכטן ביכער". ניט קוקנדיק אויף די אָפֿטע מוסר־השכּלס, מיט וועלכע אברהם בן מתתיה פֿאַרענדיקט פֿיל פֿון זײַנע פֿאַבלען, פֿילט זיך אין זײַן ווערק דער הויך פֿון דעם איטאַליענישן רענעסאַנס (ניט צופֿעליק איז דאָס „קו־בוך" געדרוקט אין איטאַליע). ווי דער בעל „משל הקדמוני", אַזוי מאַכט אויך דער פֿאַרפֿאַסער פֿונם „קו־בוך" קיין חילוק ניט צווישן חיה־פֿאַבלען און מענטשן־מעשהלעך; און עס דערמאָנט ניט ווילנדיק אין עמנואלס „מחברות" און באָקאַטשיאָס „דעקאַמעראָן", בעת אברהם בן מתתיה דערציילט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ווי אַזוי אַ יונגע פֿרוי טוט נאַרן איר פֿרומען מאַן, און בעת יענער „געט אין דער שול מיט גאַנצעם הערצן, אונ' אין זײַנר האַנט דיא יום־טוב קערצן" און איז דאָרט מתפּלל פֿאַר גאָט — טוט זײַן פֿרוי זיך משמח זײַן מיט איר געליבטן. און דאָס „קו־בוך" וויל ניט וויסן פֿון קיין שלייער, און פֿון קיין שעמעוודיקע רמזים; און וואָס עס ווערט ניט דערזאָגט מיטן וואָרט, ווערט אַנטבלויזט דורכן בילד, ווו דאָס פֿאַרליבטע פּאָר ליגט אין בעט, און גלײַך דערנאָך שטייט אויסגעמאָלט דער אָפּגענאַרטער מאַן מיט צוויי הערנער אויפֿן שטערן; און איבער דעם בילד — די אויפֿשריפֿט: „אַל היא איז דער מאַן מיט דען הערניר גראָס—זײַן קלאָג איז אָון ציל אונ' אָון מאָס".

מיט וואָס פֿאַר אַ בײַסנדיקן סאַרקאַזם עס ווערט אין „קו־בוך" געשילדערט אַ ייִדישער טאַרטיוף, אַן אַלטער וואַכערער און רמאי, וואָס טוט בלערליי פֿאַלשקייטן, נאָר מיט אַ פֿאַרגאָטיקט פּנים. אָט איז זײַן פּאָרטרעט: „זײַן צורה וואָר גאָר במורא — אונ' קונט זיך שטעלן גאָר בסברא — אַז ווער ער גאָר פֿרום אונ' גאָר גוט — דוך האָט ער איין פֿאַלשן מוט. — ער טראָט וואָל הערײַן מיט קלוגהייט אונ' מיט זינן — אַלי טאָג שטונד ער אויף צו ביגינן — אונ' אורט (דאַוונט) גאָר בכוונה — אַז ווער אַלי טאָג יום כּיפּורים אדר ראש השנה — מיט פֿיל נײַגן אונ' פֿיל בוקן — אונ' איבר זיך גען הימל צו גוקן — מיט העלר שטימן ער צו גאָט ריף — אונ' מודים בוקיט ער גאָר טיף — ער זאַגט פֿיל מזמורים און תהלים — דען גאַנצן טאָג גינג ער אין טלית אונ' תפֿילין".

---

11 דאַבזאָן, ז' 298.

דעם סוחר, וועלכן דער טארטיוף נארט אפ מיט זיינע פרומע שטיק אויפן נידערטרעכטיקסטן אופן, לאזט ער לאנג ווארטן, באשר ער דארף גאט דינען: „דרום ליבר גיזעל ווארטי איין קלייני ווייל ביז דען — איך מאג איצונדר ניט רידן מיט קיין מענשן — איך מוז פאר אתרוג און׳ לולב בענשן — און׳ אך האב נון פאר וידוי צו זאגן — און׳ מיין נויט דארף גיגן גאט צו קלאגן — און׳ איך האב אך צו זאגן-על חטא — איין שעה לאשט מיך און־גירעט״.

אין „קו־בוך״ זיינען די חיות און עופות פיל בארעדעוודיקער ווי אין ברכיה הנקדנס „משלי שועלים״, דער דיאלאג איז אבער דערפאר פול מיט לעבן; יעדער פערסאנאזש רעדט אויף זיין שטייגער. ווען דער הונט שדכנט זיך צו דער קו, וועלכע ער האט בדעה אומצוברענגען [12] און זאגט איר צו, אז ער וועט איר „וואל איין קעשטליך סבלנות שענקען, און׳ איין קעשטליכע כתובה מאכן, מיט אלן דינגן און׳ פון גוטן זאכן״, דערקלערט די קו תמעוואטע: „די הונט זענן אל גרושי עזי פנים, דען גאנצן טאג טונן זיא נישט אנדרש אז בילן און׳ שרייאן״. דער הונט ענטפערט גלייך אפ: „איך בין אבר פרום און׳ בידר — און׳ טוא נישט אנדרש דען רעכט — דען איך בין פון איין גוטן גישלעכט — הוט מיך נון דיא פרומקייט אן־גיבארן — פיר מענכן איביגן יארן — פון דיא פרומן און׳ דיא שטילן — דיא אין לנד מצרים ניט וואלטן בילן — דיא זעלביגע נאכט דא ישראל אויז לאנד מצרים גינגן — און׳ דרום זיא נון איין גוטן לון פון גאט אנטפינגן — דאז ער האט נון גיבוטן אין (אינען) אלי טריפות צו געבן — דאז זיא זאלן נון אך וואל לעבן — אז עז נון וואל ביליך איז כן הדין. — פון דעז הונטש גישלעכטן איך מיך מיחס בין — פון דיא אליר בעשטן און׳ דיא פרומן — פון דיא זעלביגן בין איך נון דא הער קומן — דער הונט שלאגר* איז גיוועזן מיט מיר גישוויסטר קינד — און׳ מופטיל* הונט גיהערט מיר צו מיט גיזינד״...

עס פילט זיך אויך ניט זעלטן אינם „קו־בוך״ דער שארף־אויס־געשפראכענער סאציאלער מאטיוו. אין דער הינזיכט איז באזונדערס טיפיש די פאבל וועגן דעם וואלף דעם ריכטער, צו וועלכן עס קומען זיך לאדן דער „ווילדער הירש״ און די „שטילע שאף״. די דאזיקע פאבל וואקסט אויס ביי אונזער דיכטער אין א שארפער סאציאלער סאטירע. מיט בייסנדיקן סארקאזם ווערט דערציילט, ווי דער מלך, דער לייב, האט קיין פאסיקערן ריכטער אין גאנצן לאנד ניט געקענט געפינען, ווי דעם

12 דארטן, ל״ח — ל״ט.

* א נאמען פון א הונט

וואָלף. יענער לאָזט זיך ניט לאַנג בעטן און טוט שווערן „רעכט צו ריכטן אַל די וועלט". קומען צו אים מיט אַ דין־תּורה דער הירש, אַ וואָכערניק און פּראַצענטניק, און די אָרעמע שאָף, וואָס דער וואָכערניק האָט שוין פון איר אויסגעסמאָקטשעט דעם מאַרך פון די ביינער, און יענער מאָנט נאָך אַלץ און מאַכט חשבונות, אַז עס קומט אים נאָך פון דער שאָף „צוויי אונ' צוואַנציג פפונט". די שאָף קלאָגט: „אײַנגעש מאַנס רֵיד איז איין האַלבּי רֵיד — אויז גינומן מאַן הערט זי בייד — אזוי שטיט צו נערנבערג אם ראַט־הויז גשריבן". און זי באַווייזט באותות ובמופתים, אַז זי האָט שוין איר חוב אויסגעצאָלט מיט גוואַלטיקע פּראָצענטן. דער הירש ברענגט פאַלשע עדות און יענע „אַל זאַגטן וויא עז וואר ווער". נאַטירלעך איז דער וואָלף געווען „דעם הירש גענייגט גאַר זער". לאָזט ער ניט „די אָרום שאָף צו רֵיד קומן" און גיט באַלד אַרויס דעם ריכטיקן פּסק: מען זאָל דער שאָף „די וואל אבשערן, אונ' זאלט אים לושן קיין פּפעניג צו צערן, מאַן זאלט דיא וואָל פאַר קויפן אונ' דאַז שאָף נאַקנדיג לאַשן לויפן". צום סוף קומט דעם דיכטערס מוסר־השכּל: „דאַז ביישפּיל איז מיר גאַר וואָל ביקאַנד — איין ראַט־הער אונ' איין ריכטר דעש לאַנד — ווי מענכן (מאַנכע) זיצן אַן דעם גֶריכט — אונ' דאַז רעכט איז פור אים גאַר קוגליכט (קיילעכדיק), נוך אַל זיינם ווילן ער'ש אומקערט — דרנוך דאַז איינער ביגערט — דאַז נון אָופט דר געלטן מוס. פאַלשהייט הוט אירן פוס — אזוי גשטעלט איז דיזע וועלט — אונ' האַט אויף גישלאָגן זיין גיצעלט — פאַשט (פעסט) גשטֶרקט אירן גרונד — דיא וואַרהייט הוט בשלוסן אירן מונד — דען די פאַלשהייט איז דיא וועלט איבר צוהן[13] — דאַז רעכט איז נון גאַנץ אַנטפלוהן — מאַן קאַן שיר קיין וואַרהייט מֵין גיפינדן — די ליגן דיא מאַכט דיא לייט בלינדן — דאַ מאַן נון ניט וויל דאַז רעכט אַן זעהן — וויא קאַן נון רעכט אין דער וועלט גישעהן — דען גְוואַלט גֵיט פאַר רעכט — דאַז קלאַג איך אָרמר קנעכט"[14].

עס טרעפט אויך ניט זעלטן בײַ אונזער דיכטער, אַז אונטער זײַנע פרומע מוסר־השכּלס לאָזט זיך מיט אַמאָל שפּירן דער שפּאַסמאַכער, דער לץ מיטן סאַרקאַסטישן שמייכל, ווי צום בײַשפּיל, אין דעם שלום־וואָרט צו דער פאַבל וועגן דער שטאָט־מויז און דער פעלד־מויז. עס גייט דער מוסר־השכּל, אַז דער מענטש דאַרף זיך באַנוגענען מיט ווייניק; ס'איז בעסער רויִק עסן אַ דאַר שטיקל ברויט אײדער „שפּייז פון אײַנעם

---

13 די פאַלשקייט האָט די וועלט איבערצויגן, ד"ה באַדעקט.

14 דאָרטן, דף כ"ב, עמ' א'.

קיניג מיט יאָמר אונ׳ נויט״. און פֿלוצלונג רייסט דער דיכטער איבער, און ווענדט זיך צום לייענער מיט אַ שמייכל: „דאז מאכט מיר וואָל גלאָבן (גלויבן) — איינר זאָל אָיא (בעסער) איין יונג ווייב אונ׳ היפּש נעמן — אלז איין אַלטי דיא מאכט דען מאַן פארשעמן״[15].

ווי די פֿאַבל־דיכטונג, אַזוי איז אויך געווען זינט קדמונישע צייטן זייער פּאָפּולער ביי יידן דער צווייטער מין דידאַקטישע דיכטונג — דער משל, דער מוסר־השכל, די פיין־צוגעשפּיצטע גנאָמישע סענטענץ. וועגן דעם זאָגן עדות די קלאַסישע ווערק פֿון דער אַלטער העברעיִשער ליטע־ראַטור: משלי, ספר בן סירא, פּרקי אָבות און די ממש אומצאָליקע שפּריכווערטער, וואָס עס פֿאַרמאָגט דער יידישער פֿאָלקלאָר.

עס איז דערפֿאַר גאַנץ באַגרייפֿלעך, וואָס אין איין צייט מיט די יידישע איבערזעצונגען און איבערדיכטונגען פֿון העברעיִשע פֿאַבל־זאַמלונגען און פֿון דידאַקטישע ביכער, ווי „בן המלך והנזיר״[16], זיינען אויך דערשינען יידישע באַאַרבעטונגען פֿון געגראַמטע סענטענצן און מוסר־השכלס, צונויפגעזאַמלט אויס דער אַלטער העברעיִשער ליטעראַטור. צום־פּאָפּולערסטן און באַקאַנטסטן איז געווען זעליגמאַן אולמאַס (אויס דער פֿאַמיליע גענצבורגער)[17] „דער צוכטשפּיגל״[18], וואָס איז צוערשט דערשינען אין האַנוי, 1610, דערנאָך מערערע מאָל איבערגעדרוקט. אויפֿן דעם שער־בלאַט ווערן מיר געוואָר, אַז דאָס איז „איין געטליך אונ׳ וועלטליך ספר אויז דברי חכמים גינומן, דאז זיינש גלייכן איז ניא אין דיא דרוק גיקומן. איז גיקלויבט גיוואָרדן אויז גנץ ששה סדרים, אונ׳ זונשט אויז אנדרי ספרים; אלי שפּריך־ווערטר דורך צוכט גימאכט, וואול פֿר טייטשט אונ׳ וואול ביטראכט, אונ׳ נאך דעם אלף בית מסדר גיוועזן, עס ווערט זיך פֿרייאַן דער דרינן ווערט לעזן״. אין דער פֿאָררעדע קלאָגט זיך דער פֿאַרפֿאַסער אויף „די ווייבער און מיידלעך״, וואָס פֿאַרברענגען די הייליקע טעג שבת ויום־טוב״ מיט דברים בטלים, „איין טייל שעלטן

15 דאָרטן, דף י״ג, עמ׳ ב׳.

16 זע אויבן, ז׳ 43 א״וו.

17 א. א. ראָבאַק („פֿיל. שר.״, II, 390) ווייזט אָן, אַז זעליגמאַן אולמאַ איז געווען אַ רב. מיר זיינען אָבער אין דעם שטאַרק מסופּק. עס איז שווער צו גלויבן, אַז אַ דייטשער רב אויפֿן דעם סוף 16טן י״ה זאָל זיך דערלויבן אָפּן אַרויסטרעטן מיט אַזוינע לייכטזיניק־וויציקע און פֿריוואָלע פֿערזן, ווי מיר באַגעגענען ניט זעלטן אינם „צוכטשפּיגל״.

18 אין איניקע שפּעטערע אויסגאַבן (פּראָג, 1678, פֿראַנקפֿורט אויפֿן מיין 1680 און 169[illegible], אָפֿענבאַך 1716) אויך אונטער דעם העברעיִשן טיטל: „ספר בראה מוסר, דער צוכטשפּיגל, איין געטליך און איין וועלטליך ספר״.

און פלוכען, איין טייל מיט שפּאַצירן, און איין טייל מיט האפירן, אָדער דברים בטלים און אַנדרע גאַסן געשוועץ''; זיי לאָזן קיינעם ניט דורך „ער זייא גלייך פרעמד אדער היימיש, ווייב אָדער מאַן, זיא הענגען אים איין קלעקין אָן, מיט ליצנות און אַנדרע שטעך-ווערטער, מיט צונגען די שניידן הערטער אַלס די שווערטער''. עס איז קלאָר, אַז דער לוסטיקער און וויציקער פּראָפעסער מיינט עס כּלל ניט ערנסט, עס געהערט בלויז צום סטיל.

ווי מיר ווייסן שוין אויס דעם שער־בלאַט, האָט דער פּראָפעסער אין דעם „צוכטשפּיגל'' צונויפגענומען לויט דעם אַלף־בית ווערטלעך און עפּיגראַמען (איבער 500) פונם תּלמוד און מדרשים און אויך פון אַנדערע קוועלן, און זיי איבערזעצט אין גראַמען. בלויז אין געציילטע פאַלן איז די איבערזעצונג אַ טרייע און אַ ווערטלעכע, און אולמאַ באַווייזט זיך דאָן אַלס אמת־קונציקער איבערזעצער, וואָס ווייס דעם סוד ווי איבערצוגיסן דעם פרעמדן טעקסט אין נייע קונסטפולע פאָרמען. צום ביישפּיל, די תּלמודישע עפּיגראַם „טובל והשרץ בידו הולה, ואהבה שאינה מלב עולה ובלא כוונה תּפילה, השטן ימצאם לעלילה'', פאַרטייטשט אולמאַ: טוקן אָן ריינאַן (חרטה), ליבן אָן טרייאַן, בעטין אונ' אָן אַנדאַכט — די דריי האָט דער שטן דער דאַכט''. די וויציקע סענטענץ, וואָס ווערט געבראַכט אין סנהדרין (דף ז' עמ' א'): „כי רחימתין הוה עזיזא — אפּותיא דספּסירא שכיבן, השתּא דלא עזיזא רחימתין — פּוריא בר שתּין גרמידי לא סגי לן'' — ווערט איבערגעגעבן אין „צוכטשפּיגל'' אין פאָלגנדיקע פערזן:

דאַ די ליב וואַר גרוים צווישן מיין ווייב און מיר —
אויף איין שנייד פון איין מעסר לאַג איך מיט איר,
איצונדערט, דאַ די ליב איז נימער אזוי שטרענג,
איין בעט פון זעכציג איילן איז אונזר צו ענג.

דאָס ווערטל „דאגה ורוב שנים יעשו לבנים'' איבערזעצט אולמאַ: „זאָרג און פיל יאָר מאַכן גראָע און ווייסע האָר''. און דער באַקאַנטער זאָץ „יותר ממה שהעגל רוצה לינק, הפּרה רוצה להניק'' — ווערט איבערגעאַרבעט אין פאָלגנדיקן פערז:

דאָס קאַלב האָט נימער צו זייגען זאָפיל לוסט,
נאָך פיל ליבער רייכט אים די מוטער די ברוסט.

אולמאַ גיט אָבער זייער זעלטן אַ טרייע איבערזעצונג. מייסטנס פּאַראַפראַזירט ער דעם טעקסט; עס טרעפט אויך גאַנץ אָפט, אַז דער זין פון דעם העברעישן אָדער אַראַמישן ווערטל ווערט באַדייטנד געענדערט. אויך באַנוצט זיך גאַנץ אָפט דער פּראָפעסער פונם „צוכטשפּיגל'' אין

זיין פירוש און פאראפראזע פון די אלטע עפיגראמען אויס דער תלמודי־שער ליטעראטור מיט גלייכווערטלעך, וואס ער האט גענומען אויס דער שפעטערדיקער יידישער אדער דייטשער פאלקס־ליטעראטור, און אויך דירעקט פונם פאלקס־מויל. דאס תלמודישע ווערטל „או חברותא או מיתותא" איז אולמא מסביר דעם לייענער מיט פאלגנדיקן דייטשן שפריכ־ווארט: „אליין ערבן (ירשענען), זעלב אנדער צו בעט, זעלב דריט אויף דעם וועג, זעלב פירט צום שפיל, זעלב פינפט צום טרינקען". אייניקע סענטענצן וואקסן אויס אין דעם „צוכטשפיגל" אין גאנצע דידאקטישע לידער, ווי, צום ביישפיל, דאס אפט ציטירטע שטראף־ליד:

די ווארהייט איז געשטארבען,
די פרומקייט איז פערדארבען,
לאסטער און שאנד
האט גענומען אויבערהאנד אאז"וו[19].

זיין גאנצן צארן גיסט אבער זעליגמאן אויס אויף די ווייבער. ער נוצט אויס שטעכווערטלעך, וואס געפינען זיך אין דער תלמודישער ליטעראטור בנוגע צו פרויען, און מאכט אויס זיי שארפע, ווען ניט שטענ־דיק אפילו, פיין־צוגעשפיצטע עפיגראמען. מיט פארגעניגן ברענגט ער דעם באקאנטן שפראך: „דעתן של נשים קלות ומלבושיהן ארוכות רחבות גדולות", און איבערזעצט אים גלייך:

פון ווייבר חכמות ווערסטו האבן קליינע געווין
זי האבן לאנגע קליידער און קורצי זין
דרום ביטראכט וואול אֵ דו פאלגסט אין.

דעם תלמודישן זאץ: „לא יאה יוהרא לנשים", פאראפראזירט אולמא אין פאלגנדיקער סטראפע:

דאס חשיבות שטייט דען ווייבר איבל אן
דען עס געבירט (פאסט) נאר דעם מאן;
די ווייבר איבר נעמן זיך אירעם געוואלט
אונ׳ ווערדן האפערדיג גאר באלד.

דאס באוווסטע תלמודישע ווערטל: „בת שיתין כבת שית, לקל טבלה ריהטא", דינט אולמאן אלס מאטא פאר פאלגנדיקע ניט באזונדערס צניעותדיקע פערזן:

---

19 איז ציטירט ביי ברילן אין „יארביכער פ. יידישע געשיכטע א. ליטעראטור", 1877, 118; מ. באסין, „אנטאלאגיע", באנד 1, ז׳ 30; ז. רייזען, „לעקסיקאן", 1914, 35, און ביי פיל אנדערע.

אײן אלט ווייב פון זעבציג יאָרן
אז איין מייד פון זעקס יארן געבאָרן,
זי לוסט (גלוסט) פון גאנצן הערצן
צו זינגען, און צו טאנצן,
אונ׳ זיין זא גערן ביי אלער פרייד
אלס די שענסט יונגע מייד.
איך גלויב אך זי גערן מאנען האבן וועלן
אלס ני קיין בתולה איין יונגען געזעלן.
מיך וואונדערט אז איר ני פארגעט דער שערץ,
פראג מאן דרום איר הערץ
וואס זי אפט באגערט
אים זומער איינער דער איר די פליגן ווערט
דאס איבריג וויל איך ניט שרייבן...
איך לאז ביי דעם געמיינע שפריך־וואָרט בלייבן:
אלטע קיא די דא געבן ווערר מילך נאך שמאלץ
די לעקן אך גערן זאליץ.

עס איז אויך אויסער ספק, אז אין זיינע גאליקע עפיגראמען קענן די פרויען באנוצט זיך אולמא ניט בלויז מיט דער תלמודישער, נאָר אויך מיט דער דייטשער פאלקס־ליטעראטור. דאָס לאָזט זיך פילן אין אזעלכע, א שטייגער, עפיגראמען:

גרויסע הערן אונ׳ שיינע פרויען
זאל מען וואויל דינען און איבל טרויען,
דען איר הערץ איז אז ווי איין באד־הויז
איינער גייט אין, דער אנדער גייט אויס.

עס איז מעגלעך, אז דעם פארפאסער פונם „צוכטשפיגל" האָבן, ווי בשעתו דער דיכטער יהודה בן שבתי[20], געוויסע אומשטענדן אין פער־זענלעכן לעבן געבראכט דערצו, ער זאָל ווערן א „שונא הנשים" — א פרויען־פיינד. און אולמא ווערט ניט מיד צו ווארפן זיינע שטעכיקע פיילן אין די „בייזע פרויען":

ווילסטו איינעם ווייבס בייזקייט דעמען (צוימען)
זא לאז דיך הערן דו ווילסט איין אנדר ווייב נעמען;
דען דאס קאנען די ווייבער גאר ניט ליידען.
איטליכע פרוי טוט זיך אין אירער חברטע ניידען...

20 זע אונזער ווערק, באנד I, ז׳ 257.

מיט זעלכן טראַכט רעכטסטו מײַן אלז מיט שלאָגן אויס
דען דו שלאָגסט אַ צען טייבל אַנײַן אַלס אײַן אַרויס.

און ווייטער קלאָגט זיך זעליגמאַן אולמא:

איין בייזהאפטיג צענקיש ווייב
איז דעם מאַן איין צרעת אַן זיינען לייב,
ווילסטו האבן רו,
זאָ שיק זי דעם שטן צו,
גיב זי איר כתובה און גט,
דו פינדסט וואָל איין אַנדערע די מיט דיר געט צו בעט.

און וואָרנען טוט דער „צוכטשפיגל״:

דער איבער די פפלאַסטר רענט,
אָדער איבער איין בריק שפּרינגט,
און איין ווייב נעמט די ער ניט קענט —
דער בלייבט איין נאר איבער זיין ענד.

שטאַרק פּאָפּולער איז אויך געווען אַ צווייטער „שפּיגל״, אויך אַ זאַמלונג פון שפּריכווערטער און סענטענצן — דער „קליין בראַנט־שפּיגל״, וואָס איז צום ערשטן דערשינען (ווענעדיג, 1566) אונטער דעם טיטל „משלי חכמים״. דער רוב סענטענצן (50 פון 70) איז גענומען אויס אַלחריזים „תחכמוני״ (מאַקאַמע 44), ווי עס ווייזט דערויף אָן אין זיין נאָכוואָרט דער זאַמלער גופא: „איך יהודה בר׳ ישראל רעגנס־פורג — המכונה ליב שֵׁיבְּרִיל מק״ק לומפּינבורג — האב אין איינעם עברי בוך טון לעזן — דאָס פּופציג דיזער חכמים רעד זיין געוועזן — אונ׳ איך האב צוואנציג געזעץ עברי און טייטש טון צו זעצן — איך האָף מאַן וועדט מיך ניט טון דארום באשוועצן — איך האב עס אויף זיבציג מיינונג געבראַכט — קעגן זיבציג סנהדרין האב איך עס בעדאַכט״ [21].

די קאָנסטרוקציע פונם ווערק איז אַ גאַנץ איינפאַכע. עס גייט פאָרויס איין איינלייטונגס־סטראָפע:

21 צום סוף ווייזט נאָך אָן דער פאַרפאַסער:
איך האף צו נאָך צו לאזען דרוקען פיל אנדערע ספרים ביין
די איך האב געמאכט, די בא זיין נאר לוסטיג און נאר שיין,
עטליכע די דא עברי זיין גאנץ אונ׳ גאר
און נישט געריימט איז גאר
און עטליכע זיין גאנץ טייטש געריימט נאר וואָל
און עטליכע זיין אין עברי און טייטש געריימט גאר שיין אן צאל.

עס וואר געוועזן איין קעניג פון ישראל, פון דען קעסטליכן
און ווייזן
דער האט ביי אים זיבנציג חכמים, די וואָרען וואל צו פרייזן.
איין מאלט שפראך ער: איטליכער זאג עטוואס רעד דער ניצליכקייט
דאס דא מיט ווערט געפרובט זיין ווייזעקייט.

דערנאָך טרעט אַרויס יעדער חכם מיט זיין סענטענץ. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס אויך דער „בראַנטשפּיגל" רעדט מיט גרויס רוגז וועגן די „בייזע" פרויען:

דער ניין און זעכציגער חכם שפּראך:

מען האט געפרעגט איין חכם, ווארום ער זיך האט געשנעלט
(אָפּגענאַרט)
דאס ער זיך מיט איינעם קליינען, מאגערן ווייב האט געזעלט?
ער ענטפערט: ער האט אַן ווייב ניט קענען פירן זיין וועזן,
דא האט ער פון פיל בייז דאָס ווינציגסט טון אויסלעזן.

און גלייך נאָך אים טרעט אַרויס „דער זיבציג" מיט זיין סענטענץ:

איין חכם וואר איבער זיינער הויז-טיר שרייבן:
גאט געב דאס אלעם בייז פון זיינער טיר זאלט אויסן בלייבן.
דא וואר איין אנדרר חכם דער פיר געפארן,
דאס טעט אים באַנג אונ' צאָרן,
אונ' שריב דארונטער: ווען דו דיך דאס האסט פיר גענומן,
ווען דיין ווייב אויסגעט—צו וועלכער טיר זאל זי ווידר היימן קומן?

צווישן די גערייַמטע יידישע ווערק, וואָס שטיצן זיך אויף אַ באַשטימטן העברעיִשן טעקסט, פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט דער „קהלת יעקב", וואָס דער חזן אויס דעם פראַנקאַנישן שטעטעלע ריטליזיא, יעקב בר יצחק סגל, האָט פאַרעפנטלעכט אין 1692[22]. דער פאַרפאַסער גופא ווייזט אָן, אַז ער איז במחילה זייער שלאַבעריק אין „דער שפּראַך פון די רבנים" (בלישנא דאמרי רבנן נתעלפתי) און ער פילט זיך שטאַרק בלויז „בלשון אשכנז", ד"ה אין דער יידישער אומגאַנגס-שפּראַך. אָט אויף דער איינציקער, אים צוגעוויינטלעכער שפּראַך, האָט ער באַשלאָסן צו שאַפן אַ גרויסע ביבלישע פּאָעמע „אין דעם ניגון פון שמואל-בוך". בעת דער „שמואל-בוך"-דיכטער האָט אויסגענוצט די אַלטע מדרשים און לעגענדעס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אַרום דעם טעקסט פונם ביבלישן ספר שמואל, האָט אונזער פאַרפאַסער זיך הויפּטזעכלעך געשטיצט אויף דעם

---

[22] מיר האָבן זיך באַנוצט מיט דער ווילהעלמדאָרפער אויסגאַבע פון 1718.

מדרש פון דער שפעטערדיקער תקופה — אויף דעם אונזערע לייענער שוין באקאנטן „ספר הישר״ [23]. עס איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז אונזער נאיווער פארפאסער, דער חזן פונם קליינעם שטעטעלע, איז גאנץ זיכער, אז דער דאזיקער „גבורים־עפאס״ איז טאקע אידענטיש מיט דעם קדמונישן „ספר הישר״. אויף וועלכן די ביבל פאררופט זיך אפט [24].

אויפן שער־בלאט ווערט געמאלדן, אז דער „קהלת יעקב״ איז „גאר היפש דרינן צו לעזן, איז קיין נארטיי, זאנדר אליין איין פרום געטליכס וועזן, אין דעם ניגון פון שמואל־בוך געמאכט, און׳ היפש גע־ריימט אך גאנץ וואל באטראכט. דעם ערשט חלק דאס מיינסט אויס דען ספר הישר גענומן, דאך אך צו צייטן עטליכע שיינע משלים דער צו בעקומן, אבער דאס אנדר חלק דא האט ספר הישר איין ענד, דא האב איך מיך צו לויטר מדרשים און גמרות גיווענט״.

דעם פארפאסערס דערקלערונג, אז ער האט זיין ווערק אין „דעם ניגון פון שמואל־בוך געמאכט״, איז ניט גאנץ ריכטיק. די פערזן זיינען אינם „קהלת יעקב״ כלל ניט געבויט לויט דער מעטריק פון די „שמואל־בוך״־סטראפעס; מער ניט איינס איז זיכער: דער „קהלת יעקב״ האט, ווי דער „שמואל־בוך״, געהאט זיין ניגון, לויט וועלכן זיינע סטראפעס פלעגן געזונגען ווערן. דער פארפאסער פון „קהלת יעקב״ איז דאך א חזן געווען, האט ער צו זיינע פערזן א ניגון צוגעטראכט, און פלעגט זיין ווערק ניט נאר דעקלאמירן, נאר אויך זינגען, ווי עס ווערט טאקע דערויף אנגעוויזן אין דער פארעדע: „דער דאש בוך האט טאן ריימן און׳ זינגן״. דער פארפאסער דערציילט, אז אלע וואס האבן זיך באקענט מיט זיין ווערק אין מאנוסקריפט, האבן אים געראטן ער זאל עס וואס גיכער פארעפנטלעכן, און ער פארהאפט, דאס זיין פאעמע וועט אזוי פאראינטערעסירן דעם עולם, „אז מענכר וועט לאזן בלייבן דאז ווערפל און׳ קארטן שפילן, און׳ ווערט זיך די זעלביג ווייל איז דיזם שיינע ספר זיין הערץ דרקילן״.

דער פאעטישער ווערט פון דעם „קהלת יעקב״ איז א גאנץ קנאפער; דאס ווערק איז צו צעצויגן, די פערזן הינקען ערטערווייז אונטער; דאך מוז מען מודה זיין, אז דער חזן אויס פראנקאניע איז ניט געווען אינ־גאנצן אן טאלאנט, און געוויסע שטעלן לייענען זיך מיט אינטערעס. בכדי צו געבן דעם לייענער א באגריף וועגן דעם סטיל אינם „קהלת יעקב״,

---

[23] זע אונזער װערק, ב׳ ו, 266—270.

[24] זע די פארעדע צו „קהלת יעקב״, װעלכע מיר ברענגען בשלמות אין דער ביילאגע נומ׳ 6.

ברענגען מיר דאָ אַ באַשרייבונג, ווי אַזוי מען האָט אָוועקגערויבט די שיינע טעכטער פון סאַבינע[25]:

די פון כּתּים[26] טעטן זיך בעזינען, ווי זי עס זאָלטן מאַכן
דאַס זי אַך שיינע ווייבער מעכטן קריגן דען זי העטן פאַר שיסען איר זאַכן
דאָך טעטן זי זיך בעזינען ווי זי עס וואָלטן אַנגרייפן,
זי דאַכטן עס ווערט באַלד קומן די צייט אַז מאַן די תּבואה מוז שניידן...
דאַ וועלן מיר יונגען גזעלן אַלע לויפן אין דער שטאַט ספּינע
דאָרטן וועלן מיר אונז נעמען כּלות אַזוי שיין אַז מיר זי פינע.
דער האַנדל גאַנג אין אַן, זי גענגן אַנויס און ליססען די שטאַט אָפן,
וויבאַלד קאַמען די בּחורים פון כּתּים געשווינד דאַ הער געלאָפן,
זי וואָרן נעביך פראָ און וואָרן דאָך לויטר מורא,
דאָך וואַר אין יעדערער זאָ קלוג און גריף נאָך זיינער סחורה.
די סחורה די גענג אַב, און זי פינגען מיט זי אַן היים צו לויפן,
זי העטן קיין פּפעניג אין בייטל און טעטן דאָך היפּשע סחורה איינקופן,
אָבער זי העטן הויכע צייט, זי דאַרפטן זיך ניט לאַנג זוימן,
דען ווען איינער ווער דער טאַפּט וואָרדן, זאָ העט מאַן אים זיין פּוקיל* גוויס טון אַברוימן.
אָבער די גוטן מיידלעך העלפטן געוויס אַך טרייליך דער צו
זי ליפען וואַס זי קענטען, זי זענען אַך גערן ווי עס וואָל גענג צו...[27].

דאָס ביסעלע טאַלאַנט, וואָס שפּירט זיך אין דעם „קהלת יעקבֿ“, ווערט אָבער דערטרונקען אין דעם ים פון וואַסערדיקע גראַמען; דערצו שטערט נאָך דעם פאַרפאַסערס גרויסער חסרון — זיין געשמאַקלאָזיקייט. איייניקע לעגענדעס ווערן אין „קהלת יעקבֿ“ איבערגעגעבן אין אַזאַ פאָרם און מיט אַזוינע פּרטים, אַז אַ לעזער מיט אַ ווערלכן ס'איז ליטעראַרישן געשמאַק קאָן זיי ניט פאַרדייען[28].

יעקבֿ סגל, דער פאַרפאַסער פון „קהלת יעקבֿ“, האָט נאַיִוו געמיינט, אַז די לעגענדעס און מעשׂיות, וואָס ער האָט אויסגענוצט אויס דעם „ספר הישר“, זיינען באַגלויבטע היסטאָרישע געשעענישן. די אַלט־יידישע ליטעראַטור איז אָבער גאַנץ רייך מיט פּאָעמעס, קינות און

---

25 דער פאַרפאַסער שטיצט זיך דערביי אויף דעם „ספר הישר“.
26 די רוימער.
* פלייצע, שולטער (פונם דייטשן וואָרט בוקעל).
27 „קהלת יעקבֿ“, 12.
28 למשל די סטראָפעס, ווו עס ווערט באַשריבן, ווי די בנות מואָב האָבן פאַרפירט די בני ישׂראל (דאָרטן, 85—86).

לידער, וואָס שטיצן זיך ווירקלעך אויף רעאַלע היסטאָרישע פאַקטן. עס איז שוועד אָנצוּווייזן אַ וועלכע ס'איז באַדייטנדיקע געשעעניש אין דעם יידישן לעבן פאַר די לעצטע יאָרהונדערטער, וואָס האָט גלייך ניט גע־פונען קיין געווין אָפּקלאַנג אין דער יידישער דיכטונג. די דאָזיקע היס־טאָרישע לידער און פּאָעמעס פלעגט מען ניט בלויז דעקלאַמירן, נאָר מערסטנטייל אויך זינגען מיט אַ ספּעציעלער מעלאָדיע. און ביי פיל פון די דאָזיקע לידער איז אפילו אָנגעוויזן, מיט וואָס פאַר אַ ניגון מען פלעגט זיי זינגען [29].

איינע פון די באַדייטנדסטע און פּאָפּולערסטע היסטאָרישע פּאָע־מעס איז די „מגילת ווינץ" (אָדער „ווינץ האַנס ליד"), אין וועלכער עס ווערט געשילדערט דער אָנפאַל, וועלכן דער קריסטלעכער המון האָט אין פראַנקפורט אויפן מיין געמאַכט אין 1614 אויף דער יידישער קהילה אונטער דער אָנפירונג פון דעם לעקעך־בעקער ווינצענץ פעטמילך [30]. די פּאָעמע האָט פאַרפאַסט אויף העברעיִש און יידיש דער פראַנקפורטער תושב אלחנן בר אברהם העלין [31].

אויך „דש וינץ הנש ליד" פלעגט מען זינגען מיט אַ ספּעציעלן ניגון ווי עס איז אָנגעוויזן אויפן שער־בלאַט: „דער ניגון איז דרויף גיטראַכט, אַז ווי פון פּאַביא איז די שלאַכט". דער העברעיִשער טעקסט איז ערטערווייז צו שווערוואָגיק, עס שפּירט זיך, אַז דער פאַרפאַסער באַ־הערשט ניט אינגאַנצן פריי די העברעיִשע דיכט-קונסט. ניט אין פאַרגלייך שטאַרקער איז דער יידישער טעקסט; דאָ פילט זיך דער פאַרפאַסער פיל היימישער און פרייער, דאָ קאָן ער אומגעשטערט אויסדריקן זיין פּאַטאָס

---

29 איניקע ביישפּילן: 1) „איין נייע קלאַנ־ליד פון גרויש שנהויין. דאש ליד האָט גימאכט איין בחור חשוב זעליגמן בן בהרב איצק שלים מטנהויזן במדינת שוואבן, בשנת תס״א לפ״ק בניגון של הרב רבי שמעון מפראג". 2) „איין נייע קלאַנ־ליד, דאש האט גימאכט איין קדוש דער האט גיהייסן רבי יחזקאל, ער האט עז גימאכט קודם מותו בניגון שוכני בתי חומר, בשנת יום ח' ערב ר״ח אייר תע״ט". 3) „איין נייע קלאָג־ליד פון דער גרוישי שרפה בק״ק פראַנקפורט, בניגון של המן באחשורש־שפּיל", 1711.

30 צום ערשטן געדרוקט אין פראַנקפורט אין 1616, איבערגעדרוקט אין אַמסטערדאַם אין 1648 און אין פראַנקפורט אין 1696. וואַגענזייל האָט איבערגעדרוקט אין זיין אויבן ציטירט ווערק דעם יידישן טעקסט, און שוטט — ביידע טעקסטן צוזאַמען. אין דער נייערער צייט האָט מ. ווינרייך איבערגעדרוקט דעם יידישן טעקסט (אין זאַמלונג „אָנהויב", 1922, און אין „שטאַפּלען") מיט אַ גרויסן אַריינפיר און פיל באַמערקונגען.

31 אלחנן העלין האָט פאַרפאַסט נאָך אַ פּאָעמע, אויך אויף העברעיִש און יידיש, „שיר וזמר נאה על אורך הגלות", פאַרעפנטלעכט אינם יאָר פונם פאַרפאַסערס טויט (1624).

און באגייסטערונג, אויסגיסן זײַנע געפילן אין אמת־פּאָעטישע קרעפטיקע סטראָפעס. די גאנצע פּאָעמע באשטייט אויס 103 אכט־פערזיקע סטראָ־פעס, וואָס זײַנען געבויט לויט די כּללים פון דער דעמאָלטיקער דײַטשער מעטריק. אין אַלע סטראָפעס גייען די גראַמען לויט א פעסטגעזעצטן סדר (אג, בד); יעדער פערז באשטייט אויס פיר טאַקטן (אין געציילטע פאַלן בלויז אויס דריי), די מעטריק איז אָבער (אין הסכּם מיט דער אַלט־דײַטשער דיכטונג) ניט קיין סילאַבישע, נאָר א טאָנישע, ד"ה עס ווערט בלויז אָפּגעהיט די צאָל טאַקטן אין פערז, אָבער ניט דער רעגלמעסיקער בײַט פון באטאָנטע און אומבאטאָנטע טראַפן. די צאָל אומבאטאָנטע זילבן צווישן און אויך פאַר די באטאָנטע — קאָן זײַן א גאנץ פארשיי־דענע. אזוי, למשל, אין פאָלגנדיקער סטראָפע:

מיטן אין גאָרטן אויף דער ערדן
זײַן גיזעסן אין אײַנם רינגן
צעהן קינדבעטרן נוך אירם געבערטן
מיין הערץ מיר דארובר האט וועלן צו שפּרינגן.

אין אַלע פיר פערזן זײַנען צו פיר באטאָנטע טראַפן, אָבער אומ־באטאָנטע זײַנען אין ערשטן — 2, 1, 1; אין צווייטן 1, 2, 1, 1; אין דריטן — 1, 3, 2; אין פערטן — 1, 2, 2, 1, 1.

ווי די גרויסע פּאָעמעס פון דער שפּילמאַן־תּקופה, הייבט זיך אויך די „מגילת־ווינץ" אָן מיט א שבח דעם באשעפער און זײַנע גרויסע מעשׂים:

איך וויל דערציילן גאָטס שטערק,
זײַנע וואונדר און צייכן די גרויסן,
זײַן קראַפט און אַך זײַנע ווערק
ווי ער אונז ני האָט פֿרלאָזן.
אָן אַלע פאָרט און אין אַלע לאַנד
וויל איך אויף אין בעצײַגן;
זײַן נאָמן וויל איך טון ביקאַנט
מיט דער וואַרהייט, און וויל ניט לײַגן *.

דערנאָך גייט דער דיכטער איבער צום גוף הענין, און שילדערט, ווי די באַלמעלאָכעס און די נידעריקע שיכטן פון דער קריסטלעכער באַ־פעלקערונג האָבן געמאַכט דעם אָנפאַל אויף דעם יידישן קוואַרטאַל אונ־טער זייער פירער, דעם „נייעם המן" — פעטמילך:

* — ליגן זאָגן.

איין גרויסער שאלק, איין בייזער גאסט
זיינם גלייכן זיין גיוועסט (געוועזן) גאר װעניג
אויף אונז גיוועזט איין גרויסער לאסט —
האבן זיי אויף גינומן צו איינעם קעניג.

דער דיכטער באשרייבט די אלע צרות, וואס די פראנקפורטער יידן האבן געהאט אויסצושטיין, און פירט אויס מיט פארביטערונג:

זי האבן גיהערשט איבער אונז מיט גאנצער מאכט
מיר זיין געשטאנדן אין אייטל זארגן,
צו מארגענס האבן מיר געווינשט עס װער נאכט
און ביי נאכט — עס װער מארגן.

פון די אלע ליידן און רדיפות, וואס די קהילה האט געהאט אויסצושטיין, שטרייכט דער דיכטער באזונדערס אונטער צוויי מאמענטן, וואס האבן אויף אים, ווי עס שיינט, געמאכט דעם שטארקסטן איינדרוק. דער אויפגעשטאנענער המון האט ביים ראבעוועון די יידישע הייזער, די יולדות צוזאמען מיט די ניי-געבארענע קינדער אן רחמנות פון די בעטן ארויסגעווארפן און די בעטן צוגענומען:

די גזלנים האבן זיי געווארפן אויס אירע בעטן
און אונטער אינען זי אוועק געטראגן,
איך העט פיל דארויף טוען פאר וועטן
ווען איכ׳ס ניט געזעען העט מיט אויגן.

דער צווייטער מאמענט, וואס האט אויפן דיכטער דעם שטארקסטן איינדרוק געמאכט, דאס איז דער שפאט און ביטול, מיט וועלכן דער המון האט געבערענט און אין שמוץ געשמיסן די הייליקע ספרים:

אך פיל מעכטיגע ספרים די קעסטליך זיין,
די איין לערנער טוען ערפרייען —
האבן זי געווארפן אין דרעק אניין
און אויף די גאסן טון שטרייען....

פון די טייערסטע ספרים האבן זיי שייטערהויפנס געמאכט און פלייש אויף זיי געבראטן; און פארמעטענע ביכער האבן זיי די בוכבינדערם פארקויפט

„צו שערץ אנדרע ביכער דריין צו בינדן,
קיין פארכט איז אין (אינען, זיי) גאנגען צו הערץ
דעם זי זיך זאלטן דראן פאר זינדן״.

דער ביטערער גורל איז אויך געפאלן אויף דער „בעסטער סחורה״ — אויף די מאנוסקריפטן:

אַך די אַלער בעסטן סחורה
איז אָי איסט וואָרדן געזעען מיט אויגן,
כּתיבת־ידות האבן מיר אַך פאַרלאָרה
זי האבן עס אַלץ אוועק געטראַגן.

דערנאָך ווערט געשילדערט אין מעכטיקע סטראָפעס, ווי די גאַנצע יידישע קהילה פאַרלאָזט די שטאָט:

מיר צויגן ערויס מיט גרויסער פריידן
דאָך אַך, מיט טרויערן דערנעבן:
דאָס טרויערן — פון דער קהלה צו שיידן
און די פרייד — דאָס מיר בעהאַלטן דאָס לעבן.
. . . .
פיל טויזענט זיך אויף די בריק העטן געשטעלט —
אונזער אונגליק וואָלטן שויען,
ווי מיר זאָ אילענדיג צוהָן (זיינען געצויגן) אויף דעם פעלד,
מאַן, און קינדער, און פרויען.

נאָכדעם ווי דער דיכטער גיט איבער די ווייטערדיקע עפּיזאָדן פון דעם גירוש: דעם טויטשטראָף, וואָס די תּלינים האָבן אויסגעפירט איבער די רעדלפירער פונם אויפשטאַנד, און דער אומקער פון די פאַרטריבענע צוריק אין זייערע הייזער — פאַרענדיקט ער זיין פּאָעמע מיט פאָלגנדיקע פרומע פערזן:

אַלי מייני רעד וואָס איך דאַ האָב גערעט
אַלץ וואָס איך האָב געזונגען —
קיין ליגען האָב איך דאַ אינען פּרצעט (דערציילט)
נייאַרט די וואַרהייט בעצייגט מיט מיינער צונגען.
נייאַרט קערט אָב פון אַלעם בייזן
און דאָס גוט בעפאַסט מיטביידע הענדן,
זאָ ווערט אונז הש״י פון אַלע צרות דער לייזן
און משיח בן דוד זענדן.

בערך מיט הונדערט יאָר שפּעטער האָט די פראַנקפורטער קהילה איבערגעלעבט אַ נייע קאַטאַסטראָפע: אַ גרויסע שריפה האָט אויסגעבראָכן און חרוב געמאַכט די גאַנצע יידישע גאַס (אין 1711). האָט אַ דאָרטיקער תּושב, דוד זויגרש, דעם חורבן אין אַ ספּעציעלער עלעגיע באַשריבן, וואָס מען פלעגט זי זינגען מיטן ניגון פון דעם המן־ליד אין

אחשורוש־שפּיל[32]. און ווייל אין די ענגע הילצערנע יידישע גאַסן פלעגן גאַנץ אָפט פּאַרקומען שריפות, איז אויך די צאָל אויפגעהיטע שריפה־לידער אַ גאַנץ היפּשע[33]. ניט קלענער איז אויך די צאָל „עיפּוש־לידער" — עלעגיעס אויף די שרעקלעכע עפּידעמיעס מיט זייערע פילצאָליקע קרבנות. דער פּאַעטישער ווערט פון די דאָזיקע קלאָג־לידער איז אַ גאַנץ קליינער[34]. דאָך האָבן זיי אַ געוויסן היסטאָרישן באַטייט, ווייל עס ווערן אין זיי ניט זעלטן איבערגעגעבן אַזוינע פּרטים, וואָס זיינען אינטערעסאַנט פאַר דעם קולטור־היסטאָריקער. למשל, אין משה אייזנשטאַטס קלאָג־ליד אויף דער עפּידעמיע אין פּראָג (1713)[35], בשעת עס ווערן איבערגעגעבן די שרעק, וואָס די איינוווינער האָבן דעמאָלט איבערגעלעבט, רייסט זיך דורך דער גרויסער רוגז פונם פאַרפאַסער אויף די גבירים און ראשי הקהילה, וואָס זיינען אין דער עת־צרה אַנטלאָפן פון דער שטאָט און געלאָזט דאָס אָרעמע פאָלק אָן שוץ און הילף:

טרוען (קופערטעס) און קאַסטען טראַגן האָט מען דען גאַנצן
טאָג פאַר זיך גזעען

ווי וויי איז דען אָרמן לייטן געשעען,
דען זי גדענקען די עשירים ציען אַלע אַוועקן
און מיר מוזען היר בלייבן אין דער צרה שטעקן.
כּמה וכמה אלפים האָט זאַלכ׳ס געשטאַנדן
ממש קיין עושר איז מער אין דער קהלה פאַרהאַנדן,
דער גלייכן פיל לומדים און זונשטן חשובע לייט
האָבן זיך געמאַכט אַלע אויף אַ זייט.

עס זיינען אויך פיל קלאָג־לידער אויפגעהיט געוואָרן, וואָס באַוויינען די אָפטע גזירות און רדיפות אויף יידישע קהילות, ווי, צום בייש־פּיל, „גזירות ק״ק פּוזנא", ווו עס ווערט געקלאָגט:

32 דאָס שריפה־ליד איז איבערגעדרוקט ביי שודט, ציט. ח. ו׳ 63—73.

33 דאָס עלטסטע פון די אויפגעהיטע שריפה־לידער איז דאָס אויבן־דערמאָנטע ליד פון אליה בחור („נון וויל איך אין הינציג זינגן מיט מיינעם בויזן קול").

34 ביי איינציקע פון די „שריפה־לידער"־פאַרפאַסער, וואָס זיינען אַליין נשרפים געבליבן, איז דער וויכטיקסטער שאַפונגס־מאָטיוו געווען: „באַקומען נאָך דער שריפה עפּעס צושטייער". דערויף ווייזט אַ שטייגער גאַנץ אָפן אָן אברהם משה לאַץ צום שלוס פון זיין „שריפה־ליד מפּראָג":

דאז ליד האב איך אברהם משה פאהן מאכין מיט צובראכנין הערצין
ווען איך גדענק אן מיין הויז אונ׳ האָב אונ׳ גוט, וויא קאן איך עז פר שמערצין,
ווײלין איך בין אָבגיברענט גיוואָרן דארך דאש גרושה פייאר
דרום קויפט איר מיר אב דאש ליד, דז איך האב עטוואש צו שטייאר.

35 „איין נייא קלאג־ליד איבר דען גרושן ערשרעקליכן עיפּוש וועלכער פה פּראג אן גיהויבן האט כ״ח תמוז תע״ג".

איין גזירה איז דאס געווען
דאס איין פאַטער האָט ניט געוווסט פון זיין קינד...
...האָבן געזאָגט: צום ערשטן ווילן מיר נעמען איער געלט
דערנאָך מוזט איר קומען פון די וועלט;
ווערט דען אַראָפּקומען פון הימל איער גאָט?
מיר ווילן אייך מאַכן צו שאַנד און צו שפּאָט[36].

„איין שיין ליד פון ווין בניגון „עקידת יצחק" אויף דעם ווינער גירוש פון 1670", „קלאָג־ליד אויף דעם חורבן פון אונגאַריש־בראָד, וואָס איז פאָרגעקומען אין 1683"[37]; דעם יוזפא שמשס (פאַרפאַסער פון „מעשה נסים") אייניקל, הבחור זעקלי בן ליברמן סגל, באַקלאָגט דעם חורבן, וואָס די פראַנצויזן האָבן אָנגעמאַכט אין וואָרמס אין 1689 אין „איין נייא קלאָג־ליד", ווו יעדע סטראָפע פאַרענדיקט זיך מיט א העברעישן ביבל־פערז[38]. דאָס ליד פאַרענדיקט זיך מיט פאָלגנדיקער רירנדיקער סטראָפע:

אך גאָט, העדט (הירט) פון ישראל! דיינע שאָף זיינען זייער פאַרשפּרייט!
אך גאָט, פאַרזאַמל אונש ווידר, דען מיר זיין פון אננדר גאר ווייט!
אך גאָט, לאָז קומן דער טאָג דאָס דו האָסט פאַרזיכערטן מיך —
בקצפי הכיתיך וברצוני רחמתיך!

אויך די אָפּטע עלילות־דם האָבן געפונען אָן אָפּקלאַנג אין א גאַנצער צאָל „קדושים־לידער", וואָס אייניקע פון זיי האָט אין דער נייערער צייט מ. וויינרייך איבערגעדרוקט מיט פיל זאַכלעכע דערקלערונגען און באַמערקונגען[39].

ווי אין דער העברעישער[40], אזוי האָט אויך אין דער יידישער ליטעראַטור געפונען א שטאַרקן אָפּקלאַנג דער שרעקלעכער חורבן פון די קהילות אין אוקראַינע (גזירות ת"ח). אויך אייניקע פון די וויכטיקסטע קינות אויף כמעלניצקים גזירות (צווי קינות און אן אל מלא רחמים)

---

[36] איבערגעדרוקט אין „לעטטערבאָדע", XI, 166, און אין באַסינס אַנטאָלאָגיע, 84—85.

[37] זע אונזער ווערק, באַנד V, ז' 152.

[38] צום ערשטן געדרוקט אין 1696 צום סוף פון „מעשה נסים", איבערגעדרוקט אין אייניקע שפּעטערדיקע „מעשה־נסים"־אויסגאַבעס; אין דער נייערער צייט האָט דאָס ליד איבערגעדרוקט מיט א היסטאָרישן אַריינפיר י. שאַצקי אין „פילאָלאָגישע שריפטן", III, 43—56.

[39] „שטורעמווינט", 1927, ז' 165—220.

[40] זע אונזער ווערק, באַנד V, קאַפּ. 6

האָט מ. ווײנריך אויפסניי איבערגעדרוקט[41]. צווישן זיי אויך די גרויסע קינה, וואָס יוסף בן אליעזר ליפּמאַן אשכּנזי האָט אין דער התחלה פאַרפאַסט אין העברעיִש, נאָר „דר וויל פיל לייט ניט קענין עז פֿרשטין, סען עז ניט אזו צום הערצן גֵין״, האבן אים פיל געבעטן ער זאָל עס „אין דייטשן דרוקן״[42].

אויך אין די דאָזיקע קינות ווערט, ווי אין דעם „ווינץ־האַנס־ליד״, מיט באַזונדערן ווייטאָג אונטערגעשטראָכן דער חילול התורה, וואָס מען האָט די ספרי תורות אין דעם שמוץ געשלײדערט און זיי מיט די פיס געטראָטן. אין דער קינה אויף „גזירות ת״ט ו״ש״ קלאָגט דער פאַרפאַסער:

הייליגן ספר תורות טוען זיי אויף דער ערד צו שפּרייטן
און טוען ווייבר און קינדר דרויף טייטן...
ספר תורות טוען זיי פאַרשמאַכען
און אוים די ספר תורות שיך דרויס צו מאַכען.
אך גאָט, ווי קאַנסטו דאס צו זעען...[43]

און אויך יוסף אשכּנזי שטרייבט אונטער:

נון מאַג וואל איטליכער ווייגען און קריעה רייסן
וואס דא האבן געטוען רֵיקים, פּוּיערן אין רייסן —
די הייליקע ספרי תורות צוריסן מיט פליסן...
ספרי תורות צוהאַקט, דרויז געמאַכט פאַסטעלעס אויף פיסען,—
הייליקע תורה, ווי זאל דיך דאס ניט פאַרדריסען?..
ערד און אש זאל מען זיך אויף דען קאָפּ לעגן
דען די צרה איז ניט צו שרייבן אויף פיל בויגן...
פאַרט וויל איך די תורה איין קשיא פרוגן:
זיין דען די הייליקע אותיות ווידער אין הימל געפלויגן?
איין תירוץ קאן מען זאגן, איז ניט געלוגן:
וויל אירע לערנער זיינען געהרגעט ווארן מיט שווערט און בוגן.

ווי אין די העברעיִשע קינות אויף כּמעלניצקים גזירות[44], לאָזט זיך

41 „בילדער פון דער יידישער ליטעראַטור־געשיכטע״, 192—218.

42 דאָס דאָזיקע ליד, וואָס איז פאַרפאַסט בניגון „אדיר איום ונורא״, איז צום ערשטן געדרוקט אין 1648 אין פּראָג.

43 ס׳איז כּדאַי אָנצווייזן, אַז אין דער דאָזיקער קינה לאָזט זיך אויך הערן דער סאָציאַלער מאָטיוו:

פון וועסט וועגן איז די גזירה געקומען?
וויל דער רייכע האט דען אָרמן ניט אן גענומן.

44 זע אונזער ווערק, באַנד V, ז׳ 157.

אויך אין די יידישע קינות שטאַרק הערן דאָס לעבעדיקע נקמה־געפיל. אין דעם דורך מ. וויינרייך איבערגעדרוקטן „אל מלא רחמים" ליִיענען מיר:

עס איז ניט געווען אזוי איין גזירה
זינט חורבן בית המקדש, — וואס מוז דאס זיין פאר איין עבירה?
נו, רבונו של עולם, דו ווייסט וואל דאס בלוט שרייט צו דיר,
דו ביסט דער בורא
און ביסט דאָך גינענט — אל גדול ונורא!
ווי קאנסטו דיך אויפהאלטן און שווייגן...
דו זאלסט דיך נוקם זיין מיט דיין גרימצאָרן דען הייסן
אזוי איז דיין הייליקער נאָמען געהייסן.
די ערד זאל ניט צו דעקין דאס בלוט, פארפלוכט זאל זי זיין
ביז הקב"ה וועט לוגן (קוקן) פון הימל איין ליין (אליין)
און ווערט נוקם זיין דאס דם פון צדיקים
פון האנט די שונאים די ריקים,
און די נשמות זאלען רוען אונטער דיין כסא הכבוד אל נקמות!..

און די קינה אויף גזירה תט"ז פארענדיקט זיך מיט פאָלגנדיק שלום־אַקאָרד:

רבון העולם, טו די טויטן ווידער דערוועקן...
דען זי ליגען פר גראבן אין אלע עקן!
עמלק זאלסטו אויס מעקן!...

זייער כאַראַקטעריסטיש זיינען די שלום־סטראָפעס פון יוסף אשכנזים קינה. מיר האָבן שוין אין די פריערדיקע בענד אָנגעוויזן[45], אַז דער שרעקלעכער חורבן פון די קהילות אין אוקראַינע האָט געשטאַרקט די משיחיש־מיסטישע האָפענונגען; מען האָט אין כמעלניצקים גזירות די חבלי משיח געזען, וואָס זאָגן אָן, אַז באַלד, באַלד וועט זיך דער ליכ־טיקער גואל באַווייזן. מען האָט אַפילו אויסגערעכנט, אַז „חבלי משיח" מאַכט בגימטריא ת"ח[46]. אָט דער האָפענונגספולער משיחישער מאָטיוו קלינגט גאַנץ דייטלעך אין יוסף אשכנזים שלום־סטראָפעס:

אויף הער צו ווינען, שטיי אויף פון דער ערדן,
זארג ניט — ווערט באלד בעסער ווערדן.
אליהו הנביא קומט, דער גערעכטן איז אויף פייערדיגע פערדן

45 באַנד IV, ז' 417; באַנד V, ז' 185.
46 אין דער ערשטער סטראָפע פון יוסף אשכנזים קינה לייענען מיר: „בשנת חבל"י משי"ח טעטן אונדז קאָזאַקן יאָגן".

מיט די שונאים פירן איין שלעכט געבערדן.
משיח זיין קנעכט ווערט ער דערוועקן
עמלק און שונאים איר נאָמן אוים מעקן

. . . .

נחמות און בשורות טובות ווערן מיר שויען,
אל די צו גאָט האָפן און פארטרויען,
קען ירושלים פרידאַפּפער ברענגען מאַנען און פרויען
אין בית־המקדש וואָס הקב"ה ווערט זעלבערט בויען.

אמן וועלן מיר זאָגן מיט פול מויל ברייט
ווען מאן ברענגט איין פריזענט אונזער ברידער פארשפרייט.
פארגעסן ווערט ווערן אלע טרויערן און לייד,
קיין זאך מיין צו קליידן, נייאַרט גרויסע פרייד.

און ווען די משיחישע האָפענונג איז פארקערפּערט געוואָרן אין דער מעכטיקער שבתי־צבי־באַוועגונג, האָט דאָס אויך געפונען א לעבעדיקן אָפּקלאַנג ניט בלויז אין דער העברעישער, נאָר אויך אין דער יידישער ליטעראַטור. צווישן די הונדערטער קינות און קלאָג־לידער, וועלכע באַזינגען די שריפות, עפידעמיעס, גירושים, גזירות און אלע אַנדערע פורעניות, וואָס די יידישע קהילות האָבן געהאַט אויסצושטיין, טיילט זיך אַרויס מיט זיינע נצחניש־פריידיקע טענער דאָס „שיין ניי ליד פון משיח", וואָס איינער, יעקב טויסק אוים פראָג, האָט פארעפנטלעכט אין אמסטערדאם אין תמוז 1666, ווען שבתי־צבים שטערן האָט דערגרייכט זיין העכסטן גלאַנץ.

יעקב טויסק איז א פוילישער ייד, „א ייד פון א גאַנץ יאָר"; מיט זיינע השגות און גאַנצן וועלטבאַנעם שטייט ער אויף א האָר ניט העכער פון זיין סביבה. ער האָט אויך בכלל א קנאַפּן באַגריף וועגן פּאָעזיע און דיכט־קונסט. אָבער גראָד דאָס, — ווי עס ווייזט גאַנץ ריכטיק אָן מ. וויינרייך, וועלכער האָט אויך דאָס „ליד פון משיח" איבערגעדרוקט[47], — וואָס אונזער מחבר כאַפּט ניט קיין שטערן פון הימל, גיט אונז א ספּעציעלן אינטערעס צו זיין חיבור, ווייל מיר דערזעען דאָ א געטרייע אָפּשפּיגלונג פון דעם גייסטיקן צושטאַנד, אין וועלכן די יידישע פּאָלקסמאַסע האָט זיך געפונען יענע צייטן[48]. אוים יעקב טויסקס ליד רעדט דער

47 „צייטשריפט", I, 173—158.

48 „בילדער" אא"ו. 223.

המון גופא; די פאָלקסמאַסע גיסט אויס איר התפעלות און פרייד, וואָס ענדלעך איז דאָס גרויסע ווונדער געשען, און די גאָלדענע האָפענונג, אויף וועלכער דאָס פאַרוואָגלטע פאָלק האָט געוואַרט אזוי פיל דורות, האָט זיך ענדלעך אנטפלעקט אין איר גאַנצער פּראַכט.

יהודים, ליבען ברידער מיין, זייט ווייטער פרייליעך,
ווייל אונז האט געבן דער ליבע גאט, מיר האבן אונזער מלך.
דער ווערט העלפין אַל די לייט,
מיר האבן געהאפט איין לאנגע צייט
אמן ואמן ואמן...

יהודים, ליבען ברידער מיין, מיר וועלן אַל גרויסע פרייד בעגינען
מיר ווערין באלד פארין אין הייליקן לאנד, פאר פרייד טאנצען און שפרינגען;
פאר געסין ווערט אונזער טרויערקייט
אנדערשט ניט אז גרויסע פרייד
אמן ואמן ואמן...

ישראל, ליבן ברידער מיין, האלט איך ניט מיין פארבארגן!
מיר הערן און זיכן (זעען) בשורות טובות—נון מיר דארפן ניט מער זארגן.
השם יתברך האט אונז געשיקט די צייט
צו זיצן אין אייטל פרייליכקייט
אמן ואמן ואמן...

טיפּיש איז דאָס בילד, וואָס דער פאַרפאַסער גיט, ווי אזוי יידן וועלן לעבן אין לאַנד פון די אָבות, ווען משיח וועט זיי אַהין ברענגען:
קומט הער, איר ליבן ברידער מיין, מיר וועלן אן קיין צרות געדענקען;
די טערקן וועלן זיין אונזער קנעכט, זיי ווערן אונז די גלעזער שווענקען,
מיר ווערן איינער אויף דען אנדערן וויינקען,
אין געזונדהייט מלך שבתי צבי איינם טרינקען
אמן ואמן ואמן...

קיין מלאכה ווערן מיר ניט טוען, נייארט לערנען תורה,
גאט וועט אונז באהיטן אלע גאר, מיר ווערן האבן קיין מורא.
פיל ווערן באקענע, דאס אונזער גאט
הימל און ערד באשאפען האָט
אמן ואמן ואמן...

פרייד אונד אייטל הערצליכקייט טוט שאלען אוים דער מאסען
דען זכות פון אונזערע עלטערן האבן מיר גענאָסען,
לויבט גאָט מיט פארכצומקייט
ווייל ער האט אונז געבן איין זעלבע צייט,
אמן ואמן ואמן...

דירט אייך, ארעמע, קראנקע לייט! איר ווערט דערלייזט פון
איערע שמערצן,
לויבט גאט מיט גרויסער פרייד און מיט גאנצן הערצן...

נאָך איין מאָמענט דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן אין יעקב טויסקס „משיח־ליד", — דאָס איז דער סאָציאַלער מאָמענט.

אין דעם ליד ווערט דערציילט, ווי אַזוי דעם משיחס סעקרעטאַרן האָבן „שלוחים אין די לאנד" צושיקט, „די שמחה טוען זיי שרייבן":

דאס מיר זאלן מאכן פאָרט, ניט לאנג הי צו בלייבן.
ווער דאך גאר קיין געלט, גוט האט —
איינער דען אנדערן העלפן פאָרט.

דאָרט אויפן אָרט, אינם לאנד פון די אָבות — פאַרזיכערט דער מחבר — וועט מען זיך שוין קענען באגיין אָן געלט. „מיר מעגן קומען זונדער געלט".

עס האָבן זיך אָבער געפונען אַזוינע גבירים, וואָס האָבן זיך אויף ניסים ניט געוואָלט פאַרלאָזן: לויט זייער רעכענונג, וועט אויך אין ארץ־ישראל, און אָפילו אין משיחס־צייטן, געלט זיין אַ גאַנץ בכּבודיקער אַרטיקל, און וועט דאָרט שטאַרק צונוץ קומען. האָבן זיי דערפאַר קיין חשק ניט געהאַט זיך צו טיילן מיט זייער רייכטום און געבן די אָרעמעלייט אויף הוצאות. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אָפּן דערקלערט, אַז זיי איז דאָ אין גלות אויך ניט שלעכט, און האָבן דערפאַר קיין חשק ניט זיך אַריבערפּעקלען קיין ארץ־ישראל.

אָט אויף די דאָזיקע רייכע לייט גיסט אויס דער פאַרפאַסער זיין גאַנצן צאָרן:

די רייכע טרייבן מיט איר געלט אייטל לוסט און פרייד,
און אכטען ניט קיין אָרעמע לייט
אמן ואמן ואמן.
האבן אונזר נביאים [49] געשריבן אוים אירן לאנד צו די רייכע לייטן

---

[49] שבתי־צבים מקורבים: נתן העזתי און אַנדערע.

זיי זאָלען אָרמע לייט וואָל טיילען מיט, דאָס זי אַך מיטקומען
בייצייטן.
ווערן זיי די אָרמע לייט ניט וועלן הערן
ווערן זי אונטער וועגן איר געלט מיט זאָרג פאַרצערן
אמן ואמן ואמן.

מיינען איין טייל רייכע לייט: זי ווערן אין ארץ-ישראל ניט
האָבן צו לעבן,
ווען זי אָרמע לייט ווערן מכבד זיין און ווערן צדקה געבן.
מען ווערט זי דאָרט האַלטן זיסט דער העכער
זי זאָלן נאָר ברענגען שיינע קידוש בעכער
אמן ואמן ואמן.

כיבודים ווערט מען די זעלביגן רייכן אָן טוען, ווען זי ווערן
נאָך ארץ-ישראל קומען
די דאָ האָבן נוטץ געטוען אָן אָרמע לייט און האָבן זיי מיט גענומען.
מענכע רייכע האַלטן די גאולה גאָר פאַר נישט —
די ווערן הי פּגרן אויף דען מישט!
אמן ואמן ואמן.

אייניקע פון די היסטאָרישע לידער, ווי דער אויבן-ציטירטער „אל מלא רחמים", אָדער דאָס קלאָג-ליד אויף גזירות גאַנטאַ פון 1768 „אבינו שבשמים ווי אזוי קענסטו דאָס צו זעען"[50], זיינען געשריבן אינם סטיל פון די העברעישע סליחות, און בילדן אַן איבערגאַנגס-שטופע צו ריין-רעליגיעזע לידער, וואָס זיינען אויך גאַנץ רייך פאַרטראָטן אין דער יידישער ליטעראַטור. מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן, ווי אַזוי פיל זיינען געווען קעגן דעם, אַז דאָס פּשוטע פאָלק, בפרט די פרויען, זאָלן זיך ברעכן די ציין איבער די האַרבע פיוטים אין מחזור, וואָס זיי פאַרשטייען במחילה ניט. אַזאַ תפילה, האָבן זיי געטענהט, וואָס ווערט געזאָגט אָן אַ שום כוונה, האָט קיין שום ווערט ניט. איז טאַקע געשאַפן געוואָרן אַ „יידישער" פיוט, רעליגיעזע לידער און תשבחות אויף דער פּשוטער פאָלקס-שפּראַך, פאַרשטענדלעכער פאַר אַלעמען. אַזוינע רעליגיעזע לידער זיינען אויפגעהיט שוין פונם 16טן י"ה, ווי, צום ביישפּיל, דאָס „שמחת-תורה-ליד"

---

50 פאַרעפנטלעכט אין ליפינסקיס „קורות פודוליה", 53—55, איבערגעדרוקט אין באַסינס ציטירט ווערק.

פון דער אויבן־דערמאָנטער[51] רבקה בת מאיר טיקטין. מיר ברענגען דאָ דעם ערשטן טייל פונם ליד לויט א שפּעטערדיקן איבערדרוק[52]:

אחד אלהינו — דו ביסט מיין גאָט
.ער מיין זעל און לייב בעשאַפן האָט — הללויה

בעשאפן האסטו הימל און ערד
דרום איז דיין לויב אייביג געווערד — הללויה

געוועזן ביסטו און וועסט אייביג זיין
דו האָסט באשאפן אונדז אל געמיין — הללויה

און דאס אַל־דינג אין דיינער מאכט
דרום לויבן מיר דיך טאג און נאכט — הללויה

ווארהאפטיג און לויטר איז דיין געבאט
דרום דאנקען מיר דיר ווארהאפטיגער גאָט — הללויה

חי וקים, דו ביסט אונזער טראָסט
ווי דו אונז פארשפּראכן האָסט — הללויה

לעבסט אייביג אין דיין הימלישן טראָן
די פרומען באהאלסטו אירן לאָן — הללויה

מעכטיג ביסטו אונזר גאָט אליין,
דיינע שונאים מוזן פארלארען זיין — הללויה

אויסער דיך איז קיין גאָט ניט מיין
דרום בלייבט הימל און ערד באשטיין — הללויה

צירן וועט ער אונז מיט זיינער קראָן
אלע די די תורה האבן גענומן אָן — הללויה

נעמט צו הילף דעם הימלישן שאר
אלץ וועט זיין אויפן וואר — הללויה.

אין פראַנקפורט אויפן מיין און אין פיל אַנדערע קהילות איז געווען דער מנהג מקבל שבת זיין נאָך ביי גרויסן טאָג (בכדי „להוסיף מן החול אל הקודש"). אויף צו פארציען די שבתדיקע סעודה ביז אין דער נאכט אריין אָדער לפחות עד שקיעת החמה און דערביי ניט ריידן קיין דברים בטלים, האָט דער פראַנקפורטער תושב, דער מחבר פונם מנהגים־

---

51 אויבן, ז' 274.
52 אין א „תחינה אמהות גדולה" (יאָר און דרוק־אָרט ניט אָנגעגעבן).

בוך „יוסף אומץ"[53], פאַרפאַסט אין 1596 אַ גאַנץ לאַנגן „שיר חדש לליל שבת", ווו ער באַזינגט דעם גרויסן באַטייט פון „נירות של שבת"; און ווייל די דאָזיקע מצווה איז דאָך אַ ספּעציעל „ווייבערשע" מצווה, האָט דער פאַרפאַסער גלייך נאָך יעדער העברעישער סטראָפע געגעבן אויך אַן איבערזעצונג, און טאַקע אין געגראַמטע פערזן, אויף יידיש-דייטש. מיר ברענגען דאָ פון דעם דאָזיקן ליד איייניקע סטראָפעס:

איך וויל זינגען היינט
געגן די שבת ליכט
די געגען מיר האבן געשיינט
דאס מאן זי דורך די שטוב זיכט (זעט).
אויף די שבת-ליכט אַלײַנט
איז דאס ליכט געריכט
צו זינגן איבר דעם טיש געגן נאַכט.
דען ווען עס איז נאַכט
שיינען ערשט די צינד ליכט.

דאס געבאָט פון דען אנטצינדען
איז דען ווייבר געבאָטן אלאן (אליין),
דען חוה האט פארלעשט מיט אירן זינדען
דאס ליכט פון יעדער מאן.
אך לאזען זיך זי דא היים פינדען
אבער ניט אזוי דער מאן.
ווען ער קומט פון פעלד געגן נאכט
ווען עס וויל ווערען נאכט
מוז זי אנצינדען די ליכט.

ווען זי האט אויסגעזאגט די ברכה
זאל זי בעטן ביי דעם ליכטר שיַין
דאס אירן קינדר זאלן זיין זוכה
צו וואויל לערנען און פרום זיין.
די זעלביגע ברכה האט קיין ערכה
זי געט אין דעם הימלס פפאָרט האַנייַן,
דער פפאָרט ווערט ניט געשלאָסען ביז נאכט
ווען עס ווערט נאכט —
שיינען די צינד ליכט.

[53] זע אונזער ווערק, ב' V, ז' 87.

דער מחבר פון דער כראָניק „צוק העתים"[54] האָט אויך פאַרפאַסט אַ „מזמור שיר ליום השבת" (אין אַראַמיש) און פון אַראַמיש האָט אים באַלד (1654) איינער גימפּל סגל איבערגעאַרבעט אויף יידיש־דייטש, און אים אין אַמסטערדאַם געדרוקט מיט פאָלגנדיקן אַריינפיר: „דען מזמור שיר ליום השבת האט געמאַכט מהור"ר מאיר משעברשין, און דער אין אויף טייטש האט געמאַכט הייסט ר' גימפּל סג"ל פון ווין. ער באַגערט קיין חריפות דראַן צו באַווייזען, דאס מאן אים זאָל דרום לויבן און פרייזן, נייאָרט ער האט עס דרום געמאַכט בעשיידליך, פאַר געמיינע לייט און ווייבער און מיידליך, דאס זיי זאָלען אך וויסן, ווי מען זאָל דען הייליקן שבת זיין פאַר פליסן, און וואס דאָ איז דער מער (די מעשה) מיט די איבריגע נשמות; און דרויף געט דער ניגון פון אקדמות. און ווען זי ווערן דרינגען לייאַן, דאס ווערט איר הערץ דערפרייען. אַלע פרייטיג שפעט, זאָל מען עס זינגען מיט געבעט, אַזוי ווערן מיר זוכה זיין, דאס אונז משיח ווערט באַלד פירן אין ארץ־ישראל אניין".

קונה־שם געוואָרן האָט זיך מיט זיינע רעליגיעזע לידער אויף העברעיש און יידיש דער חזן יהודה־לייב זעליכאָווער, וואָס ער האָט אויף דער עלטער[55] פאַרעפנטלעכט אין אַמסטערדאַם (אין 1697) אונטערן טיטול „שירי יהודה". אין דער לאַנגער געגראַמטער הקדמה, וואָס האָט אַ געוויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט, קלאָגט זיך דער פאַרפאַסער, אַז אויף סעודות און חתונות פירט זיך דער עולם ניט אויף ווי עס געהער צו זיין[56]; מען רעדט רק דברים בטלים, מען האָט אין זינען נאָר טאַנצן און שפּרינגען, די חזנים זינגען ביי די טישן לידער „די מאַן ניט זאָל געדענקען". דערפאַר טאַקע האָט ער, דער מחבר, זיינע מזמורים פאַרפאַסט ספּעציעל פאַר חזנים און זינגער, בכדי זיי „זאָלין אירי קולות לכבוד השי"ת ב"ה ניט שפּאָרין" ביי די סעודות נאָכן עסן. איין מזמור איז פאַרפאַסט „לכבוד יחוד הקב"ה ושכינתיה", מען זאָל אים זינגען אויף

---

54 זע אונזער ווערק, ב' V, ז' 154. ביידע טעקסטן פון דעם דאָזיקן שבת־ליד זיינען איבערגעדרוקט אין „אוצר הספרות", III, 2טע אָפּט. 147—161.

55 ביאָגראַפישע פרטים וועגן דעם בעל „שירי יהודה" זע: י. שאַצקים זאַכלעכן אַרטיקל „יהודה־לייב זעליכאָווער און זיינע שירי יהודה" („ייוואָ־בלעטער", ב' III, 138—147).

56 „איך האב אין פיל אָרטין גיזעהן, וואש אויף סעודות אונ' חתונות טוט גישעהן... איז איין חתונה דא לויפן זיא הכל נאך דעם עשין צום טאנץ, דאריבר אין פר־שטערט די סעודת־מצוה בלד גנץ. עש בלייבן גאר ווייניג זיצן אם טיש, זיא לויפן ארום אז אין וואשיר דיא פיש. אונ' ווען זיא שאָן הידר קומן צו דער דרשה, דא איז איין גרושע מהומה, צו מאכין שווייגן העלפט קיין בקשה... זיא שפילין דר ווייל מיט דיא בתולות דיא בייא דר כלה זיצן. אונ' טואָן זאכין דיא גאר פיל נוצן

אַלע סעודות מצוה „כדי לעורר ולזכר את חורבן הבית”; דער צווייטער איז געשריבן לכבוד חנוכה.

באַדייטנד אינטערעסאַנטער זיינען לויט זייער בריטן פאַרנעם די שבת־ און יום־טוב־לידער פון דעם בעל „שמחת הנפש”. צוואַנציק יאָר נאָכן דערשיינען פונם ערשטן טייל „שמחת הנפש”, האָט אלחנן קירכהאַן פאַרעפנטלעכט דעם צווייטן טייל פון זיין ווערק (פיורדאַ, 1727). דער דאָזיקער טייל אונטערשיידט זיך לויט זיין פאָרם גאַנץ שאַרף פון דעם ערשטן: דאָס איז אַ זאַמלונג פון לידער צום זינגען, און ביי יעדן ליד ווערן גלייך געגעבן די נאָטן פונם ניגון. וואָס ער באַצוועקט מיט זיין ווערק, און אויס וואָסערע מאָטיוון ער האָט זיינע לידער צו פּאָפּולערע ניגונים צוגעפּאַסט, וועלכע ער האָט ביי מוזיקאַנטן גענומען — דערקלערט קירכהאַן אין דער הקדמה:

מאחר האב געזעען, גשיכט (געשעט) אין גמייאין (געמיינדעס) גרוים פרעביל

און נעמן זיך ניט צו הערצן דאס אלעס איז הבל,

די ספרים אויף טייטש, און מיין חלק ראשון שמחת הנפש איז ביי פיל אומזונסט,

דען צו ברענגין דאס זאלען פלייסיג לייאנען די מוסר און דינים איז איין קונסט.

וואס העלפט נון די ספרים צו מאכען

ווען ניט לייאנט, און יראת שמים שטעלן צוריק ווען וועלטליכע זאכן;

זולכעס מיט צער האב באטראכט

דרום האב איך דיזע זמירות געמאכט.

פיל דינים פון אלע טאג און שבתות וימים טובים זיינען דרינען גמעלט

און וואול נאך געזאנג אין גריים געשטעלט.

אך געשטעלט די מוזיקי צו מאכען בקאנד

דורך ערפארינגי ביי איינעם מוזיקאנד

דען רעכטן ניגון...

דאָס ווערק באַשטייט אויס פופצן לידער, אָדער „זמירות”, ווי זיי הייסן ביים מחבר. פון זיי באַזינגען דריי — דעם שבת, צו איינציקע לידער אויף ראש חודש ראש השנה און יום־כפור, און אַזוי אויך ווערט געבראַכט אַ ספּעציעלער מזמור, וואָס באַזינגט סוכות און שמחת תורה, דאַן מזמורים אויף חנוכה, פורים, פסח און שבועות. דערנאָך גייט אַ ליד „צו חתונה און ברית מילה”, אַ „כלה־ליד” און אַן „אַלע־טאָג־געזאַנג”,

וואָס ס׳איז שוין געווען געדרוקט אויך אינם ערשטן חלק „שמחת הנפש״ אונטערן נאָמען „איין שיין התעוררות ליד״. נאָך דעם „אַלע־טאָג־געזאנג״ גייט אַ ליד אָן אַ קעפּל — אַ געגראַמטע באַשרייבונג פון דעם יידישן לעבן אויף די דערפער אין די ישובים. דאָס דאָזיקע ליד איז ניט נאָר פון גרויסן אינטערעס פאַר דער יידישער קולטור־געשיכטע, עס איז אויך דער שליסל פאַרן גאַנצן ווערק. דורך די אָפטע רדיפות און שווערער קאָנקורענץ, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין מצד דער קריסטלעכער שטאָטישער באַפעלקערונג, ווערט די יידישע באַפעלקערונג אַלץ מער אַרויסגעשטופּט פון דער שטאָט, און זי וואַנדערט איבער אין דעם דאָרף[57]. צומשטאַרקסטן מאַכט זיך דער דאָזיקער פּראָצעס באַמערקבאַר אין דעם 17טן י״ה, און צום סוף פון דעם דאָזיקן י״ה איז שוין אַ גאַנץ באַדייטנדיקער, אויב ניט דער גרעסטער טייל פון די דייטשע יידן באַשטאַנען פון ישובניקעס, וואָס לעבן צווישן די פּויערים, האַלטנדיק קראָמען, שענקען און קרעטשמעס. די פּויערישע סביבה האָט, נאַטירלעך, שטאַרק געווירקט אויף דעם דאָרפישן יידן. עס בילדעט זיך אויס דער באַקאַנטער טיפּ פונם פאַרגרעבטן, עם־האַרצישן ישובניק. אלחנן קירכהאַן, וואָס איז, לויט שאַצקים ריכטיקער השערה, געווען אַ וואַנדערנדיקער בעל־דרשן, האָט געהאַט די מעגלעכקייט זיך נאָענט צו באַקענען מיט דעם לעבנסשטייגער פון די דאָרפס־יידן, און ער שילדערט אים טאַקע אין גאַנץ שווארצע פאַרבן אין דעם אויבן־דערמאָנטן ליד:

אין פילע ישובים געען נשים ובתולות איבעראל אָן שומר
אכטען קיין עבירה קל וחומר
מאכן מותר וואס דא איז אסור....
אך זיינען נשים די טרינקען פיל יין־שרף אויף איינער חתונה
אָדער ברית מילה,

אזוי פיל אלס צו שיעור טבילה,
און טרייבען צו גלייך מיט מאַנען און יונגען חוצפת און געלעכטער,
ווי זי — אזוי אך (אויך) אירע טעכטער.
אויף ישובים אַן הייליגן ראש השנה
האבן חזנים עם־הארצים און יונגען די ניט וויסען איין כונה

---

[57] שוין אין 1544 ווייזט אָן מיכל אַדם אין דער אויבן־ציטירטער פאָררעדע צו דער קאָנסטאַנצער חומש־אויסגאַבע: „ויד זעהן די קהלות בעונות הרבים אויך אָיטער דר אבנעמען אונ׳ צֶרשטערט ווערד דורך פילפאַלטיגע גירושים, דאס וואו מאן פאַר צייטן האט צען קהלות גיפונדען — געפונד מאן אצונדר קוים איינע בעו״ה, און דורך ואלכע גרושים וערדן די בעלי־בתים געגווּטיגט אויף דען דערפערן צו זיצען״.

פאר שטייט אין ניט איין מלה
און פורים לייענען בצבור מיט דער ברכה אויז איינער
פאפירנע מגילה.
אטייל האבן אייגן מונדשטיק געמאכט אוים הארן
דאס שטעקן זי אין שופר פארן,
טונען דורך דעם מונדשטיק בלאזן
גלייך ווי טונען טרומייטר און וואלד-הערנער דאס מאן יאגט האזן.
ישובים־לייט זיינען לרוב שוחטים, פרשטייט קיינער קיין אלף[58],
זעלטן דאס מאן געפינד איינער דער דא האט איין בעסרן חלף...
אך האט זיך מיר געטראפן איין עם־הארץ האט דעם חבר
טריפה כשר געמאכט
און האבן אך געסן — האט ניט אויף ווייטר געטראכט...
הנהגות החתנות זיינען ניט אלע צו מעלדן
על כל פנים דברי תורה הערט מאן זעלדין (זעלטן)...
ועו איין למדן דרשנת הן דבר גדול או קטן
איז מעשה שטן —
לאזט אין זיי קיין דבר קדושה קומען
תיכף ווערן זיי שלאפען אדער שלומען.
מענך מאל טונען זיי שטיפטער און ראמורען
און נשים ובתולות איר קולות לאזען הערן ווי די הורען
און לאזן זיך ניט אפ ווערן
דאס מאן מיטן אין דער דרשה מוז אויפהערן.
ווען די דרשה איז פאר ביי
קומען ווידער די חוצפא־לידר ארביי
טונען יוכצען און שאלן און זינגען,
מיט הענד און פים טונען קלאפן און אויף דעם טיש שפרינגען...

ווייטער שילדערט דער פארפאסער, ווי אזוי די פארגרעבטע ישובניקעס זיינען זיך נוהג אויף חתונות, ווי שלעכט זיי זיינען מקיים די מצוה פון ביקור חולים און אויך די מצווה פון קדושת־שבת:

אך פילע ישובים־לייט טונען אירע יונגען און משרתים בלארען
דאס זי מוזען אן שבת און יום־טוב אירע בהמות וואדען*

58 אויך יהודה־לייב זעליכאווער בעקלאגט זיך אין דער אויבן־ציטירטער פאררעדע, אז עס זיינען פאראן א סך יונגע יידן, וואס קענען ניט לייענען און שרייבן.

* פירן שפאצירן.

געשיכט (געשעט) פיל חילול שבת ער טועט די תפלה דעם
אָקס אן די הערנער ביגרן,
טועט ווארען אוים דעם תחום און מענך מאל געעט ער פיל
תחומין, דאס ער זוכט די בהמה צו פינרען...
האט איין ישוב־מאן איין מלמד אין הויז
האט ער טוען כל התורה געלערנט אוים
ער מוז אים פסקנען אלע דינים,
אָבער דער מלמד און דער בעל בית די זאלכעם טוגען זענען
ארגער אלם מינים *...

מלמדים וועגען דאס געלד טוגען זי קנעלן
לערנען לויטער גמרא, און חומש עשרים וארבע צוריק שטעלן;
צו דער בר מצוה לאזען זיי די קינדער ניט לערנען ווייטער
אזוי וואש (וויים) ער גאר ניקש נייארט בלייבט איין גויל ** רייטער..
פילע נשים האלטען די מאנען ווי איין הונד,
שטעץ געען קללות אוים אירן מונד,
ווען שוין ניקס איז מיט איר דער מער — טועט אך הופערט
איין בילטן,

און דאס איז איין כלל: אין אלעם איז קיין מזל ברכה וואו
מאן אין הויז טועט פלוכען און שילטן...
בעריכט זאלכעם דאס מאן זאל וויסען ווייטער לאזען בלייבן
מאן האט בעונות נאך פיל צו טרייבן
אָבער איז מיר זייער לייד דאס זאלכעם מוז מעלדן,
אבער מיין תפלה איז שטעץ: ליבער בארמהערציגער גאט! נאך
אירע שלעכטע ווערקין טו ניט פארגעלדן!
איין בלינדער ווען אליינטש (איינער אליין) געעט, טועט
שטרויכלען אין וועג,
אבער ווען מאן אים פירט געט ער אין דען רעכטן שטעג,
אזוי וויל די לייט ניט ערינצט *** לייאנען, טונין זי מיט
פילע עבירות גרייזען...

„די לייט" ווילן נים בלויז „נ י ט ע ר נ ס ט לייענען" קיין ביכער—
זיי לייענען בכלל קיין ביכער נים; מען וויל אפילו קיין דרשות נים הערן,
נאָר לידער פריילעכע און געזאנגען. און אלחנן העניכם איז נים אומזיסט

* אפיקורסים.
** אַ פערד.
*** נים ערינצט — נים ערנסט.

זיך אזוי מתרעם אויף די „עם־הארצישע" חזנים[59]: צווישן די זינגער, וואָס פלעגן אַמוזירן דעם פשוטן עולם מיט לוסטיקע לידער און קופּ־לעטן, האָבן אַ גאַנץ באַדייטנדיקע ראָלע געשפּילט די וואַנדערנדיקע חזנים און זייערע משוררים, וואָס פלעגן אויסנוצן די צייט צווישן די ימים־טובים צו מאַכן אַ טורנע איבער קלענערע יידישע ישובים און געבן דאָרט זינג־אָוונטן און לידער־קאָנצערטן[60]. די צאָל פון די דאָזיקע וואַנ־דער־חזנים האָט זיך נאָך באַדייטנד פאַרגרעסערט נאָך די גזירות ת"ח, ווען עס האָט זיך געשטאַרקט די עמיגראַציע פון פּוילן אין די דייטשע מדינות. פיל אָנגעזעענע רבנים פונם 17טן און 18טן י"ה זיינען זיך שטאַרק מתרעם אויף דעם „חילול השם", וואָס די „שליחי ציבור" ווערן עס מגולגל אין „קאָמעדיאַנטן" און זינגען „חוצפה־לידער" אויף צו פאַרווייל דעם עולם. דער בעל „עץ חיים" איז מלא רוגז דערויף, וואָס די חזנים זיצן צוזאַמען מיט „פּושעים ליצנים" און מען זינגט „הורין לידער" און מען רעדט „ניבול פה". און די דאָזיקע לידער און געזאַנגען, וואָס די חזנים האָבן געזונגען ניט בלויז אויף בריתן און סעודות, נאָר אפילו אין די שענקען, זיינען געווען שטאַרק באַליבט ביים פשוטן עולם אין די דאָרפישע ישובים. דער פרומער קירכהאַן, ווי מיר האָבן געזען, איז זיך דערויף שטאַרק מתרעם, און ער קומט צום באַשלוס צו באַקעמפן די חזנים מיט זייער אייגן געווער. דער חזן רייסט אָפּ דעם פשוטן עולם פונם ספר און אַמוזירט אים מיט געזאַנגען און לידער, וויל קירכהאַן מיט דער הילף פונם געזאַנג פאַרשפּרייטן מוסר און גאָטס געבאָטן. „ער וויל, ווי עס באַמערקט ריכטיק דער קולטור־פאָרשער י. שאַצקי, אַריינדרינגען אין די מאַסן דאָס מאָל ניט מיט מעשיות און משלים צום לייענען, נאָר מיט לידער. מיט געזאַנג און דורך געזאַנג וויל ער ווערן אַן אייגענער צווישן די פאָלקס־מאַסן. מען זאָל די דינים, די מעשיות און די משלים אויסזינגען. זינגענדיק וועט מען זיך באַקענען מיט די אַלע דינים, וועלכע מען האָט

[59] אויף דער עם־האריצישקייט פון דעם רוב חזנים ווערט אָפט געקלאָגט אין דער ליטעראַטור פון יענער צייט. טיפּיש איז אין דער הינזיכט פאָלגנדיקע שטעלע אין דער פאָררעדע, וואָס יעקב־יוסף בן מאיר סופר האָט געשריבן צו זיין לערנבוך „אבן ישראל": „איך הב מיך דרבארמט איבר דען גמייני פאלק און אירע קינדר און איבער די גמייני חזנים, דאריבר האב איך גשריבן אויף טייטש דיא פללים וואז מן נויטיג חוט צו רידן און לייאנן, זאו קאן עש איטליכר אליין לערנן... על כן בעט איך הירמיט אלי חזנים און מלמדים זיין זאלן נור דוא פיל רחמנות האבן איבער זיך זעלבר אלז איך האב איבר זיא, זאו ווערן זיא זיך פרייאן".

[60] מער באריכות וועגן דעם זע: י. שיפּער, „געש. פ. ייד. טעאַטער־קונסט", I, 153—154, 170, 187, 188; י. שאַצקי אין „פיל שריפטן", II, 225—226, אין „פנקס", 1928, 177—181, און אין דער פאָררעדע צו „שבחת הנפש", 1926, 43—45.

געוואָלט, אַז דער עולם זאָל זיי אָפּהיטן און ניט נאָר גלאַט וויסן וועגן זיי״[61]. דעם ערשטן חלק „שמחת הנפש״ האָט קירכהאַן געשריבן פאַרן שטאָטישן יידישן לייענער (און לייענערין), דעם צווייטן — פאַר די ישובניקעס, פאַר די דאָרפס־יידן.

קירכהאַן איז ניט געווען קיין דיכטער, און זיינע לידער האָבן אַ קנאַפּן פּאָעטישן ווערט, דאָך האָט דער צווייטער טייל „שמחת הנפש״ ניט בלויז אַ קולטור־היסטאָרישן באַטייט, אויף וועלכן מיר האָבן שוין פריער אָנגעוויזן — זיי זיינען אויך אינטערעסאַנט פאַר דער אַנטוויקלונגס־געשיכטע פון דער מעטריק און פּאָעטישע פאָרמען פונם יידישן פאָלקס־ליד. אַ מענטש מיט אַ טיף פאָלקסטימלעכן געפיל, געלינגט אים אָפט אין זיינע לידער איבערצוגעבן דעם בויגזאַמען ריטם פונם פשוטן פאָלקס־ליד. טיפּיש איז, צום ביישפּיל, די ערשטע סטראָפע פון זיין פריער דערמאָנט דידאַקטיש ליד:

איִא מענש, איִא מענש, וואס געדענקסט דו דיר!
דו לויפסט, דו רענסט, וואס זאל עס דיר!
אומגעריכט איז דער טויט הינטער דיינע טיר —
דיין געלד און דיינע הייזער און גילדענע קייטן
קאָנען דיר ניט העלפען אויס דיינע נייטן
ווען דער מלאך המות קומט און וויל דיך טייטן...

האַרציק זיינען אויך ביי קירכהאַנען די סטראָפעס, אין וועלכע עס קלינגען ריין־נאַציאָנאַלע מאָטיוון:

געדענק ווי ישראל אין אלע ארטן און פלאצן זיינען פארשפרייד,
ווי קאן איינעם אָן־גען לוסט און פרייד...
בארמהערציגער גאט, טו דיינע שטארקע האנד אויסשטרעקן
צו איינזאמלען די דא זיינען פארשפרייט אין אלע עקן...

אין אַן אַנדער אָרט קלאָגט זיך דער פאַרפאַסער:

מיר זיינען פאראכט
אין דעם גלות;
ליבר גאט טו עס ווענדן!
טאג און נאכט
האבן מיר לויטער בהלות.
בארמהערציגער גאט, טו משיח זענדן!

---

61 „שמחת הנפש״, 1926, 44.

מיט דעם זעלבן מאָטיוו פאַרענדיקט זיך אויך קירכהאַנס „כלה־ליד‟:

ליבער גאָט, טו אונז משיח באַלד שיקן,
אונזערע באַטריבטע הערצער דערקוויקן,
דען אין דעם גלות זיינען מיר שוואַך און מאַט.
לאָזען מיר הערן קול שמחה וקול ששון
קול כלה וקול חתן —
אין ירושלים די הייליקע שטאָט,
אין ירושלים די הייליקע שטאָט...

חוץ די פיל רעליגיעזע יידישע לידער און „זמירות‟, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן דורך באַקאַנטע פאַרפאַסערס, זיינען אויך אויפגעהיט אַנאָנימע ליטורגישע לידער אין יידיש, וועגן וועלכע עס זיינען אומבאַקאַנט הן די נעמען פון זייערע באַשעפער, הן די צייט ווען זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן. ס'איז כדאי צו דערמאָנען די באַקאַנטע צוויי לידער „אחד מי יודע‟ און „חד גדיא‟, וואָס ווערן געזונגען אין די סדר־נעכט, דאָס ערשטע אויף העברעיִש און דאָס צווייטע אויף אַראַמיש. דער אייגנאַר־טיקער סטיל און ריטם פון די דאָזיקע לידער טראָגט אָבער אַן אויסגעפּרעגט אייראָפּעיִש־פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער. ענלעכע לידער פאַרמאָגט אין אַ געוויסן צאָל דער מיטלעטערלעכער פאָלקלאָר פון דעם רוב אייראָ־פּעיִשע פעלקער. עס איז אַפילו אויפגעהיט געוואָרן אויס דעם מיטלעלטער אַ לאַטייניש ליד, וואָס איז זייער ענלעך צו אונזער „חד־גדיא‟־ליד (זע וואַגענזייל, ציט. וו., 97). עס איז העכסט־וואָרשיינלעך, אַז די דאָזיקע צוויי פסח־לידער האָבן פריער עקסיסטירט אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך פון דער יידישער מאַסע נאָך איידער עס האָט זיך אין די הגדות באַוויזן דער העברעיִש־אַראַמישער טעקסט[62]. מיר ברענגען דאָ די אָנפאַנגס־סטראָפעס פון ביידע לידער:

I.

איינס ווער ווייסט?
איינס ווייס איך: איינציג איז אונזער גאָט
דער דאָ לעבט און דער דאָ שוועבט

---

[62] עס איז כדאַי אָנצומערקן, אַז אין די ערשטע געדרוקטע הגדות, ווי, צום ביישפּיל, אין פּראָגער אויסגאַבע פון 1526, זיינען די דאָזיקע לידער נאָך ניט פאַראַנען, דערפאַר איז שוין אָבער אין דער פּראָגער אויסגאַבע פון 1590 געדרוקט דאָס „חד גדיא‟־ליד הן אין אַראַמיש, הן אין יידיש־דייטש.

אים הימל און אַך אויף דער ערד.
צוויי און דאס איסט אבער מער, און דאס זעלביג וויים איך:
צוויי טאַבען (טאַפל) מאָזעס, אֵיניג איז אאַז״ו.

II.

איין ציקליין, איין ציקליין, דאס האט געקויפט דאס פעטער־ליין.
אום צוויי שילינג־פעניג. איין ציקליין, איין ציקליין.
דא קאם דאס קעצעליין, און אָם דאָס ציקעליין
דאס דא האט געקויפט אאַז״ו.

צווישן די אויפגעהיטע אַנאָנימע לידער געפינט זיך אויך אַ באַ־דייטנדיקע צאָל, אין וועלכע עס קלינגט צושאַרפסטן ניט דער רעליגיע־זער, נאָר דער סאָציאַלער מאָטיוו, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס זיי זיינען ניט זעלטן געשריבן אין דעם נוסח פון רעליגיעזע סליחות און קינות. טיפיש איז אין דער הינזיכט דאָס אין דער באַקאַנטער וואַליד־זאַמלונג[63] אויפגעהיטע לאַנגע שפּאָט־ליד אויף די פרנסים[64]. אין דעם דאָזיקן ליד באַקלאָגן זיך די אָרעמע לייט:

וויר ארמען מוססען קלאגען, וואס אויפקומט אים עולם
וואס דא איז געשעען אים באַמבערגער לאנד
ווי די פרנסים אנטון דען ארמען גרויסע שאנד.

ווייטער ווערט דערציילט, ווען עס קומט „איינמאָל איין פעסט״, לאָזן די פרנסים די אָרעמע לייט אונטער דער טיר שטיין, דאָס עסן, וואָס מען גיט זיי, איז האַלב וואַרעם און האַלב קאַלט, און „זאַ וועניג דאס מאַן ניכט זאַט דאפון ווערען״. און דאָס שפּאָט־ליד פאַרענדיקט זיך אויפן גאַנץ פרומען שטייגער:

נון וועלען מיר די סליחה באשליסען
השם יתברך זאל אונז זכות אבות לאסען געניסען
דאס וויר עס אויף דעם מינסטערפּלאַץ אויסטראַגען
דארויף ווילען מיר אמן זאגען.

ניט ווייניקער טיפיש איז אויך דאָס „נייא קלאָג־ליד בניגון אני הגבר אויף איין משרת פון פראַנקפורט״, וואָס איז צום ערשטן גע־

---

63 זע אויבן, ז׳ 104 א״ו.

64 דאָס ליד פאַרנעמט אין מאַנוסקריפּט גאַנצע זעקס זייטן, צוויי פון די פרנסים ווערן אַפילו דערמאָנט ביי די נאָמען: הירש שוואַרץ און שמערלע שופּפאַלק.

דרוקט אין 1708 [65]. אין דעם דאָזיקן ליד באַקלאָגן זיך זייער די וואַנדערנ־דיקע אָרעמע לייט אויף די צרות, וואָס זיי האָבן אויסצושטיין פון דעם פראַנקפורטער טויער־היטער יעקב פּולוואַסער:

הערט צו איר ליבן לייט
וואס דא פארגעט אין דיזער צייט,
ווען מיר נאך פראנקפורט זיין בערייט.
אך מיר ארמע לייט,
ווען מיר אורחים נאך פראנקפורט טונין מארשירן
זא לאט (לאזט) מאן אונז ניט פאר די טירן.

זיי באַקומען דעם פינסטערן קבלת־פּנים בעת עס קומט זיי אַנט־קעגן „יעקב פולוואסער מיט זיין שטאָק". נאָך ערגער איז די לאַגע ווינ־טער־צייט:

אבער אם ווינטער טעט ער פיל ערגער אומגען מיט די ארעמען געמיין:
ער לאט (לאזט) אונז פאר דען טאר שטען גרויס און קליין,
און לאט קיינעם פאר די גבאים ביז אונז טוט אויפפרירן
הענט און ביין,
און מיר שרייען מיט געוואלט:
אך דו ליב גאט, ווי איז אונז אזוי קאלט!
און די ערלים, בעונותינו הרבים, טעטן דאביי שטיין
פאר גרויס רחמנות טעטין זיי אן דען ריקים (רשעים) בייטן
דאס זיי זאלן אונז אניין וואַרמען לאזען גען.

דאָס ליד איז דערפאַר פול מיט גיפטיקן האַס צו דעם דאָזיקן שטרענגן טויער־וועכטער:

ווי מיר דורך דען רשע ליידען שמערצן
און מיר בייטן ביי נאכט און ביי טאגן
דאס אים דער דונדיר (דונער) זאל במהרה דערשלאגען.

אמת, דער הש"י איז אַ „מאריך אַף", און ער לאָזט דעם רשע „זיין זכות אויף דען עולם געניסן"; דער פאַרפאַסער פונם ליד פאַר־האָפט אָבער, אַז:

אויף עולם הבא ווערט מן אים זיין גלידר צו ברעכין
די מלאכי חבלה וערן אים זיינע גלידער צושמעטערן
און וועלן אים כף־הקלע שליידערן...

---

65 איבערגעדרוקט אין באַסינס „אַנטאָלאָגיע" און אין „פילאָלאָגישע שריפטן", II, 169—174.

אפילו צום סוף, ווו דער פּראָפעסער וויל זיין נאָמען ניט מגלה זיין און דערקלערט מיט אַ לצנישן שמייכל:

וואלט איר וויסען ווער דאס לידליין האט טון מאכן?
איין מענש אויף צוויי פּים האט עם טון אויסטראכטן —

אויך דאָ ווערט גלייך צוגעגעבן: „און יעקב פויל־וואסער זאל זיין געניק צובּרעכן אמן ואמן״.

פון אַ באַדייטנד ברייטערן פאַרנעם איז דאָס שפּאָט־ליד „די באַ־שרייבונג פון אשכּנז און פּאָליאַק״, וואָס איז פאַרפאַסט און געדרוקט אין דער צווייטער העלפט פונם 17טן י״ה[66].

נאָך דעם גוואַלדיקן חורבּן, וואָס דאָס פוילישע יידנטום האָט איבערגעלעבּט אין די בּלוטיקע יאָרן ת״ח—ת״ט, איז דייטשלאַנד פאַר־פלייצט געוואָרן פון די אויס די פוילישע מדינות אַנטלאָפענע. מיר האָבּן שוין אין פאַריקן באַנד אָנגעוויזן, אַז פּוילן האָט אין משך פון דורות געשמט אַלס די וויכטיקסטע אכסניה של תּורה. פון די דייטשע ישובים פלעגן יונגעלייט זיך לאָזן אין די פוילישע ישיבות לערנען תורה. און פוילישע לומדים פלעגן זיך איינאָרדענען אין דייטשלאַנד אַלס מלמדים, רבּנים און איבּעריקע כּלי־קודש. דאָס דייטשע יידנטום האָט געגאָלטן אַלס עם־האַרציש לגבּי דעם פוילישן. די גרויסע קאַטאַסטראָפע האָט אָבּער פיל געענדערט אין די קעגנזייטיקע באַציִונגען. די פּליטצאָליקע מאַסע פּויזיש און מאָראַליש געבּראָכענע, שטאַרק פאַראָרעמטע אימיגראַנטן, וואָס האָבּן מיטאַמאָל פאַרפלייצט די דייטשע קהילות, האָבּן די אַלטגעזעסענע באַטראַכט ווי אַן אומבּאַקוועמע שווערע לאַסט. דערצו דאַרף מען נאָך נעמען אין באַטראַכט דעם גרויסן אונטערשייד אין דעם שטייגער־לעבּן פון די צוויי יידישע קיבּוצים. די דייטשע יידן האָבּן מיט בּיטול און פאַרדרוס געקוקט אויף די אַנגעלאָפענע „פוילישע שנאָרער און שלעפּער״, און האָבּן אַלץ געטראַכט ווי פון זיי פּטור צו ווערן; די „פּאָליאַקן״ פון זייער צד האָבּן מיט פאַרבּיטערונג געקוקט אויף די „אשכּנזים״, וואָס ווילן זיך בּכלל ניט רעכענען מיט דער מצווה פון הכנסת אורחים. אָט דער סיכסוך צווישן די איינגעזעסענע און די ניט געוווּנטשענע „גרים״ ווערט אויף אַ זייער בּולטן אופן געשילדערט אין „דער באַשרייבּונג״ אין דער פאָרם פון אַ וויכּוח צווישן די פאַרשטייער פון דריי יידישע ישובים: פּוילן, דייטשלאַנד און פּראָג.

---

66 איבּערגעדרוקט דורך מ. חיינרייך אין „פילאָלאָג. שר.״ III, 540—551.

דער נאָמען פונם פאַרפאַסער איז ניט אָנגעוויזן. עס איז אָבער אויסער ספק, אַז דער מחבר איז אַ פּוילישער ייד[67]. און טאַקע דער „פּאָליאַק" טרעט דער ערשטער אַרויס מיט זיינע טענות צו די דייטשע יידן. בעת ער רעכנט אויס די חסרונות פון די דייטשע יידן, וואָסערע קבצנים זיי זיינען, וואָסערע שלעכטע מכניס-אורחים זיי זיינען, גיט ער, אַגב אורחא, איבער אינטערעסאַנטע זשאַנר-בילדער פון דעם שטייגער-לעבן אין די יידישע קיבוצים אין דייטשלאַנד. די דייטשע יידן פונם 17טן י"ה פלעגן אַ שטייגער ניט שטאַרק מקפיד זיין אויף די בערד; און דער „פּאָליאַק", וועלכן דער „אשכנז" רופט צו מיט ביטול: „איר פּאָלאַקן מיט אייערע ברייטע בערט" — האַלט פאַר נייטיק אָנצוּווייזן:

פון דען באָרט צו פוצן וויל איך גערענקען
ער פוצט אין אוועק אלס איין חמיץ
ער לאזט איבער שטיין איין קמץ.

מיט גרויס פאַרביטערונג דערקלערט דער פּאָליאַק:

נאך איינס מוז איך אייך זאגן
דען איך קאָן עס ניט פֿרטראָגן:
דער פּאָלאַק מאָג זיין איין למדן פון גוטס משפחה
אשכנז איז זיך מיט אים ניט מתחתן, אָדער אן די מייד מוז זיין קיין ברכה.
און ווען אשכנז איין רב אדער חזן וויל לאזען הוילן (ברענגען)
מוז ער דאך שיקען קיין פוילן.
איר ווערט אין דער תורה אלס ווי די שטומען
ווען אוים פוילן די מלמדים ניט זעלטן צו אייך אין אשכנז קומען!
מיר קומען ניט גערן איז אשכנז צו איינגעמען שאנד
ווען די מלחמה ניט ווער קומען אין אונזער לאנד...
איר אשכנזים זייט דאך פאר צייטן אויך אין פוילן געלאָפן
דא אייך די מלחמה[68] האט אין אשכנז געטראָפן.
מען האט דאך מיט אייך מיטיב געוועזן מיט געלד און אן אייערע לייבער
און אייך געבן געלד און די בעסטע ווייבער.
דרום האבט ניקס פאראיבל דאס מיר קומען צו אייך...

---

67 מיר האָבן שוין דערויף אָנגעוויזן אין אונזער אַרבעט אין „יעהרעיסקאַיאַ סטאַרינאַ", XIII, 156.

68 דער דרייסיק-יאָריקער קריג.

ווי אלחנן קירכהאן, אזוי שילדערט אויך דער „פּאָליאַק" אין טונקעלע פאַרבן דעם נידעריקן קולטורעלן מצב פון די ישובניקעס אין דייטשלאַנד.

נאָך איינס ליגט מיר אין מײַן מאגן
דאס מוז איך דערציילן און זאגן:
ווי די ישובים לייט זיך מיט דעם שול גיין האַלט
די יונגען און אַלטן...
קומען זיי אום שבת צוזאמען מנין צו מאַכן
אזוי הייבן זיי אן צו לאַכן,
עס שטייט ניט שטיל איר מויל:
דער רעדט פון זײַן פּילכי[69], דער פון זײַן גויל[70],
וואס זאל איך פיל זאגן —
אָפט טוען זיי זיך נאר אין דער שול שלאָגן.
דאָ קומט דעם „אשכנז" מיט זײַנע טענות:
עס איז וואהר, אין פּוילן זײַנען גרויסע בעלי תורה
אבער קיינעם איז ניט צו טרויען אויף געלד נאָך אויף סחורה

. . . .

מיר געבן אייך עסן און טרינקען און ממון דערצו
דאך האבן מיר אשכנזים פאר אייך פּאָלאַקן קיין רו.

די פּאָליאַקן, — טענהט ווייטער דער „אשכנז" — זײַנען שווינדלער און גנבים; און עס טרעפט ניט זעלטן: מען נעמט אויף א פּאָליאַק פאַר א בכבודיקן אורח, און יענער לקחנט צו זאַכן און מלבושים פון שטוב. דערצו זײַנען די פּאָליאַקן גוואַלדיקע פרעסערס: „איר מיינט: די אָקסן קומען אין שטאל געבראָטן"; אויך גרויסע בעלי גאוות זײַנען זיי: א פּאָליאַק מעג אפילו ניט קענען מאַכן קיין קידוש און קיין הבדלה און דאך:

גיבט זיך אוים אז ווען ער ווער דער רב פון קראקא.

דערנאָך הייבט זיך אָן דער וויכוח פון דעם „אשכנז" מיט דעם „פּרעגער". אויך די פּראָגער יידן ווערט פאָרגעוואָרפן, אז זיי זײַנען פרעסערס און רמאים, וואס באשווינדלען אפילו זייערע אייגענע קינדער:

---

69 א לאָשאַקל.

70 א פערד.

איר אייגענע קינדער מרמה צו זיין איז ביי זיי קיין שאַנד.
ער פאַרשפּריכט דען איידעם דריי יאָר די קאָסט[71] דערצו
איין חלק אין הויז;
פיר וואכן נאך דער חתונה: איֶדם, ווילסט עסן,
פאַרזעץ דיין טלית און קיטל, דיין קאָסט איז אויז!

צוזאמען מיט פּאָלעמישע ווערק זיינען אויך אויפגעהיט געגראַמטע אַפּאָלאָגעטישע פלוג-שריפטן, ווי, צום ביישפּיל, דער „ריח ניחוח", וואָס דער חזן, יואל בן אליעזר, האָט פאַרעפנטלעכט אין פירט אין 1724[72]. מיר האָבן שוין פריער גערעדט וועגן דעם קאַמף, וואָס איז געפירט גע-וואָרן קעגן די חזנים, דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך ניט געוואָלט באַנוגע-נען מיט די רעליגיעזע פונקציעס פון א „שליח ציבור", נאָר האָבן אויך זיך געפלייסט צו פאַרוויילן, אמוזירן דעם עולם אלס זינגער און „געזעלינע לייט". דער קאַמף האָט געפונען אויך אַ אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור. אין אָנהייב 18טן י"ה איז דערשינען אין העברעיש אַן אַנאָנימער שאַר-פער פּאַמפלעט „שלשה צועקים" קעגן די חזנים, וואָס ווערן דאָרט באַ-שולדיקט, אַז זיי זיינען עובר אויף הארבע עבירות, „זי פרעסן און זויפן" און „פון אלע מצות זיינען זיי לעער". אָט אויף דעם דאָזיקן פּאַמפלעט איז עם יואל חזן ארויסגעטראָטן מיט צוויי אַפּאָלאָגיעס: איינע אין העב-רעיש און די צווייטע אין יידיש, „הימיט דאָס פאַרשטעען קאָן יעדער מאַן". אויך די דאָזיקע פלוגשריפט האָט אַ געוויסן קולטור-היסטאָרישן באַטייט: מיר הערן דאָ ניט בלויז וועגן חזנים און זייער אויפפירונג — מיר האָבן אַגב פאַר זיך אַ בילד פון אַ טיפּישן חזן אוים יענער צייט מיט אלע זיינע תנועות, תביעות און קליינלעך-נאַיווע השגות....

---

71 עסן קעסט.

72 איבערגעדרוקט מיט אַ גרינדלעכן אריינפיר דורך י. שאַצקי, אין „פנקס", 1928, 177—192.

עלפטער קאפיטל

די סיבות, וואָס האָבן געשטערט די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון דראַמאַטישער קונסט ביי יידן. — דער עזאזל־קולט און יהווה־קולט — דער דיאַלאָג אַלס אָרנאַמענט. — די „יידישע סצענעס" אין די מיטלעלטערלעכע מיסטער־יעס. — „געזעליגע לייט" און מאַסקאַראַדן. — פורים־פּאַראָדיעס. — די השפּעה פונם וועלטלעכן הומאַניסטישן טעאַטער אין איטאַליע. — די ערשטע העברעיִשע פורים־קאָמעדיע „בּדיחותא דקידושין". — די השפּעה פון די דייטשע פאַסטנאַכטשפּילן און פון די בּיבּלישע דראַמעס. — די „שפּיל פון טאַב יעקליין". — די פורים־שפּיל פון דעם „קיניגס בּחורים". — „ענגלישע קאָמעדיעס" און „שטאַאַטסאַקציאָנען". — יידישע „שטאַאַטסאַקציאָנען" און זייערע גילגולים.

די אַנאָנימע „בּאַשרייבּונג פון אשכּנז און פּאָליאַק" איז געשריבּן אין אַ דראַמאַטישער פאָרם. נאָכן דיאַלאָג צווישן „פּאָליאַק" און „אַשכּנז" קומט דער וויכּוח צווישן דעם לעצטן און דעם „פּרעגער". דאָך האָט דאָס דאַזיקע ווערק קיין שום שייכות ניט צו דראַמאַטישער קונסט. די „בּאַשריי־בּונג" איז געשאַפן געוואָרן צום לייענען, צום דעקלאַמירן, אָבּער ניט צום שפּילן. עס זיינען אָבּער אויפגעהיט געוואָרן (בּשלימות און אין פראַג־מענטן) אַ געוויסע צאָל אַנאָנימע, אין פערזן געשריבּענע ווערק, וואָס זיינען ענג פאַרבּונדן מיט טעאַטראַלער קונסט, און זיינען געשאַפן גע־וואָרן אַלס „טעאַטער־שטיק" מיטן ספּעציעלן ציל געשפּילט צו ווערן אויפן „פּלאַן", אויף די בּינע־בּרעטער.

די ליטעראַטור־ און קולטור־היסטאָריקער האָבּן שוין פון לאַנג אָנ־געוויזן, אַז די רייפסטע פרוכט פון פּאָעטישן שאַפן — די דראַמאַטישע קונסט, איז אין דער העברעיִשער ליטעראַטור בּאַהאַנדלט געוואָרן ווי אַ שטיף־קינד. פראַנץ דעליטש, אַ שטייגער, ווייזט אָן, אַז „די דראַמאַטישע פּאָעזיע איסט די יעניגע, דערען אַנבּוי דען גייסט דעם איזראַעליטיזמוס... אַם ווענינגסטען בּעגינסטיגט וואָרדע"[1]; שטיינשניידער דערמאָנט אויך, ווי אַ דבר ידוע, אַז „די סעמיטישע ליטעראַטור האָט בּיז אויף די ניי־צייט

1 „צור געשיכטע ד. יודישען פּאָעזיע", 77.

ניכטס דראַמאַטישעם אויפצווייזען״.[2] אויך ד״ר י. שיפּער געפינט, אַז די יידן פונם מיטלעלטער זיינען אין פאַרגלייך מיט די ראָמאַנישע און גערמאַנישע פעלקער „געווען זייער שטאַרק הינטערשטעליק אין זייער דראַמאַטישער שאַפונג״. די דאָזיקע פאָרשער באַנוגענען זיך אָבער דערמיט, וואָס זיי ווייזן בלויז אָן אויפן פאַקט גופא, האַלטן אָבער ניט פאַר נייטיק צו פּרוּוון אויפדעקן זיינע סיבות.[3] אין דעם קלאַסישן לאַנד פון דעם אַנטיקן טעאַטער און דער אַנטיקער טראַגעדיע — אין גריכנלאַנד, איז דער טעאַטער, ווי באַקאַנט, געווען ענג פאַרבונדן מיטן רעליגיעזן קולט; זיין וויג איז געשטאַנען ביים מזבח, וווּ מען פלעגט ברענגען קרבנות דעם גאָט פונם לעבנסזאַפט און פרוכטבאַרקייט, דעם דיאָניזיוס אין געשטאַלט פון אַ ציגן-באָק. אין פריידיקן ראָד האָט מען געטאַנצט אַרום מזבח און געזונגען לויב-לידער אין פאָרם פון דיאַלאָגן צווישן דעם ערשטן פאָרזינגער (קאָריפעאָס) און דעם כאָר. און דער נאָמען „טראַגעדיע״ שטאַמט טאַקע פון צוויי גריכישע ווערטער: טראַגאָס — ציגן-באָק, און אָדע — לויב-געזאַנג. אין אונזער אַרבעט „צו דער געשיכטע פון דער יידישער פאָלקס-דראַמאַטיק״ („ביכער-וועלט״, 1929, I, III) ריידן מיר באריכות וועגן דעם, אַז אָט די לעבעדיקע זוימען, די געזונטע קערנדלעך פון טעאַטראַלישע פאָרשטעלונגען, אויס וועלכע עס האָט אויפגעבליט דער קלאַסישער גריכישער טעאַטער — האָבן אויך ניט געפעלט ביי אונזערע אָבות-אבותינו, ביי די יונגע יידישע שבטים. סימנים און זכרונות וועגן די דאָזיקע, מיט טעאַטראַלישע מאָמענטן אָנגעזעטיקטע, פאָלקס-שפּילן זיינען אויפגעהיט אין אונזערע עלטסטע ליטעראַרישע דענקמעלער. אין אונזער אַקאָרשט ציטירטער אַרבעט האָבן מיר באַריכט דעם פעסטגעזעצטן פונקט, אַז אין די קדמונישע צייטן האָבן אויך די בני ישראל געדינט צו ש ע י ר י ם, ד״ה צו געטער, וואָס זייער עמבלעמע איז געווען דער ציגן-באָק; און דער שעיר-המשתלח, דער עזאזל, וואָס איז געווען אַזוי ענג פאַרבונדן מיטן גאָט-דינסט אין יום-כיפור — איז טאַקע אַ צווילינגס-ברודער פון דיאָניזיוס. דאָס פלעגן עס פון ז י י ן כבוד וועגן די יידישע טעכטער טאַנצן אין אַ באַשטימטן טאָג (אין צענטן טאָג פון תשרי) אין די ווייַנגערטנער און זינגען עראָטישע לידער, ווי די גריכישע טעכטער בשעת די דיאָניזיעס... די גריכישע טראַגעדיע שטאַמט אָבער ניט בלויז פון דעם רעליגיעזן דיאָניזיוס-קולט,

---

2 „מאָנאַטסשריפט״, 1903, 84.

3 אויף וויפל אונז איז באַקאַנט, האָט בלויז איין ל. פיליפּזאָן אין זיין פאָרוואָרט צו „עצבּיעל אונד פילאָ״ געפּרוּווט אויפקלערן, אויס וואָסערע סיבות די קערנדלעך פון דער דראַמע, וואָס זיינען געווען פאַרזייט אין דעם קולטורעלן יידישן לעבן זינט די קדמונישע צייטן, האָבן נישט געקאָנט אויסרייפן ביזן סוף.

נייערט זי גופא איז אין באוווסטזיין פונם פאָלק באַטראַכט געוואָרן אַלס רעליגיעזער אַקט, אַלס גאָט־דינסט. דער פאָלקס־מיטאָס, געקלאָרט און געלייטערט דורך דעם גאַוניקן שאַפן פונם דיכטער, האָט בלויז און לייב באַקומען, איז אויף דער בינע פאַרקערפּערט געוואָרן אין רעאַלע ממשות־דיקע פאָרמען און אַנטפּלעקט זיך פאַרן צושויער — פאַרן גאַנצן קיבוץ, אין לעבעדיק־צאַפּלדיקן וואָרט און בילד. און טאַקע מהאי טעמא האָט ביים יידישן פאָלק אויס דעם עזאזל־ און שעירים־קולט די דראַמאַטישע קונסט נ י ט געקענט געבאָרן ווערן, ניט געקוקט דערויף, וואָס די יום־כּיפּורדיקע צערעמאָניע מיטן שעיר־המשתלח איז אַזוי רייך אין טעאַטראַלישע עפעקטן, און מיר באַמערקן שוין אין איר אַפילו די וויכטיקסטע קערנער פון דער שפּעטער אַזוי שיין אויפגעבליטער גריכישער טראַגעדיע[4]. די יידישע רעליגיעז־דראַמאַטישע קונסט האָט אָבער ניט געקאָנט געבאָרן ווערן, ווייל טאַקע אין דער יום־כּיפּור־צערעמאָניע זעען מיר גאַנץ בולט די ש ק י ע ה פונם עזאזל־קולט, פון דעם ב י ל ד ל ע כ ן פאָלקס־מיטאָס. דער עזאזל־קולט האָט נאָך געלעבט אין דער פאָלקס־פּסיכיק, אים האָט שוין אָבער גובר געווען דער יהוה־קולט. ניט דעם עזאזל, נאָר דעם יהוה־גאָט איז מען מקריב קרבנות אויפן גאָלדענעם מזבח, און דעם שעיר־המשתלח, דעם עזאזל־קרבן, וואָס ווערט דער סימבאָל פון דער פאָלקס־זינדיקייט און פאַרשוילדיקטקייט — שיקט מען אַוועק מחוץ למחנה, אין דעם מדבר צום שאַרף־געשפּיצטן באַרג. עס האָט גובר געווען דער יהוה־גאָט, דער גאָט פון די נביאים, וואָס איז פון אַ לאָקאַל־נאַציאָנאַלן גאָט געוואָרן דער א ו נ י ־ ו ו ע ר ס א ל ע ר גאָט, וועלכער קאָן ניט ליידן לעבן זיך קיין שום אַנדערע געטער; דער גאָט, וואָס איז אומפאַסבאַר, וואָס מ׳קאָן און מ׳טאָר אים ניט דענקען אין וועלכן ס׳איז בילד אָדער פאָרם; דער גאָט, וואָס פאַרבאָט צומשטערענגסטן: „לא תעשה לך כל תמונה״...

דערמיט, וואָס דער אומפאַסבאַרער און אומענדלעכער גאָט פון די נביאים האָט פאַרדרענגט אין דעם פאָלקס־באַוווסטזיין אַלע אַנדערע געטער און מיטאָסן, איז אויסגעשלאָסן געוואָרן די מעגלעכקייט, אַז די ליריש דיטיראַמבן, די תפילות ותשבחות צום אלהי ישראל, דער דיאַלאָג און כאָר־געזאַנג פון די תהילים־געבעטן, וואָס די לוויים פלעגן אין בית־המקדש אונטער מוזיק־באַגלייטונג זינגען — זאָלן באַקומען מער קאָנקרעטע, מיט מימיק און זשעסטן פאַרבונדענע פאָרמען, און מגולגל ווערן אין אַ בילדלעך־פּערזאָניפיצירטער, טעאַטראַליש־דראַמאַטישער, רעליגיעזער פאַרשטעלונג. דער רעליגיעזער פּאַטאָס, דאָס ליבע און פאַרערונגס־

---

4 זע אונזער אַרבעט, „ביכער־וועלט״, 1929, ו׳, 40.

געפיל צום אוניווערסאַלן גאָט, צום גאָט דעם באַשעפער, וואָס וויל ניט וויסן פון באַגרענעצטע, מענטשלעך־קערפּערלעכע פאָרמען — האָט ניט געקאָנט זיך אויסגיסן און אַנטפּלעקן אין טעאַטראַלע, סקולפּטור־בולטע־בילדער און פיגורן, נייערט בלויז אין דעם וואָרט, אין דעם צאַפּל פון דער מענטשלעכער נשמה... זייער באַלערנדיק איז אין דער הינזיכט דאָס וווּנדערבאַרע, טיפע בוך „איוב". דווקא דאָס ווערק, וואָס איז אַזוי רייך מיט טעאַטראַלע עלעמענטן, און איז געשאַפן אין דראַמאַטישע פאָרמען, באַווייזט צומבולטסטן, אַז אין דער דורך די נביאים באַגרינדעטער עפּיש־מאָנאָטעיִסטישער וועלט־אַנשויונג האָט געפעלט דער וויכטיקסטער לעבנס־מאָמענט פון דער גריכישער טראַגעדיע: דער גלויבן אינעם בלינדן פאַטום, אין דעם פאַרויס־באַשטימטן גזר־דין, וועלכן דער מענטש איז ניט אימשטאַנד אָפּצוּווענדן; און וואָס עקשנותדיקער ער קעמפט קעגן זיין פון פריערדיקע אומברחמנותדיקע כּוחות פאַרויס־באַשטימטן מזל —אַלץ אומפאַרמיידלעכער, אַלץ טיפער וועט זיין די מפּלה. און טאַקע דערפאַר, וואָס אין ספר „איוב" פירט גאָט אַ געשפּרעך מיטן שטן און, גאָטס שטים לאָזט זיך הערן „מן הסערה" — האָט שוין דאָס ווערק געמוזט בלייבן אַ בוך בלויז צום לייענען, און ניט געקאָנט פאַרגעשטעלט ווערן אין לעבעדיקן דיאַלאָג אויף דער בינע. דער גאַנצער וועלט־באַנעם פונעם מאָנאָטעיִסטישן ייִדן מיט זיין פעסטן גלויבן אין דעם אומפאַסבאַרן און פאַרבאָרגענעם גאָט, „שאין לו דמות הגוף ואינו גוף", האָט פּראָטעסטירט קעגן דעם געדאַנק צו מאַכן אויס דעם בוך „איוב" אַ „טעאַטער־שפּיל", פאַרוואַנדלען די דערציילונג וועגן דעם גרויסן געראַנגל פונעם מענטשנס נשמה, פון דער שטאָלצער, נאָך יושר־בענקענדיקער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט — אין אַ דראַמאַטישער „פאַרשטעלונג".

אויף דעם געביט פון דראַמאַטישער קונסט האָט זיך איבערגעחזרט כּמעט דאָס זעלבע, וואָס מיר קאָנען באַאָבאַכטן בנוגע אַן אַנדער קונסט, וועלכע איז אויך פאַרבונדן מיט פאַרקערפּערונג אין בולטע דריי־שטחדיקע געשטאַלטן — סקולפּטור־קונסט. ביים שטרענגן פאַרבאָט: „לא תעשה לך כּל תמונה" — האָט דער ייִדישער קינסטלער ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו שאַפן אין בולטע פאָרמען ניט נאָר מענטשלעכע, נייערט אַפילו חיות־געשטאַלטן, מען זאָל פון זיי קיין געצן ניט מאַכן. האָט דער ייִדישער קינסטלער מיט זיין גראַב־שטיכל זיך אין דעם האַלץ און אינעם שטיין איינגעקריצט, מיטן צאַרטן פּענדזל די וווּנדערבאַרסטע אַראַבעסקן געציקלט, געפלאָכטן און געשפּונען קונציקע אָרנאַמענטן אויס געוויקסן, חיות און פויגל צוזאַמען. און אַזוי איז דאָס דעקאָראַטיווע געוואָרן דאָס היימישע און באַליבטע געביט, אויף וועלכן די ייִדישע קונסט האָט

געקאָנט צונויפלענצנדסטן איר אייגענעם מהות, איר אייגנאַרטיקן נוסח אַנטפּלעקן...

מיט דער דראַמאַטישער קונסט איז עס אויך אַזוי צוגעגאַנגען. ווייל דאָס דראַמאַטישע האָט זיך ניט געקאָנט נאָרמאַל אַנטוויקלען אין „שפּיל״ און „פאָרשטעלונג״, האָט זיך עס אַנטפּלעקט אין וואָרט, אין דערציילערישער פאָרם. די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט געשאַפן אַ גוואַלטיקע מענגע לעגענדעס און אַגדות, וואָס באַוווּנדערן ממש מיט דער רייכער שפע דראַמאַטישע מאָמענטן. גענוג צו דערמאָנען דעם ווּנדערבאַרן ציקל לעגענדעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן „קליגסטן פון אַלע מענטשן״ — מיט שלמה המלך, וועלכער זיצט אויף זיין פּראַכטפולן טראָן, דעם אַלעמען אַזוי גוט באַקאַנטן טראָן, וואָס ווערט אין דער מדרש־ליטעראַטור געשילדערט מיט ניט וויניקער מייסטערשאַפט, ווי אַבילעסעס שילד אין האָמערס פּאָעמע; אָדער, אַ שטייגער, לעגענדעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיטן חורבן בית־המקדש: דאָס שרעקלעכע איז געשען — פאַרברענט איז גאָטס הייליקטום, חרוב איז גאָטס שטאָט און דאָס גאַנצע לאַנד, די בעסטע קינדער פון ירושלים פירט דער שונא אין קייטן און טויט זיי פאַר קנעכט פאַרקויפן... אויפגעשטאַנען זיינען פון זייערע קברים די אָבות ווי נאָר זיי האָבן די ביטערע בשורה דערהערט; עס קומען פאַרן כסא הכבוד בעטן רחמים אברהם, יצחק און יעקב, — עס קומט אויך דער הייליקער פאַסטוך, משה רבנו, און בעט פאַר זיינע שאָף, וואָס ער האָט פערציק יאָר אין דעם מדבר געהיט. די אָבות מאַכן שווייגן די צוויי־און־צוואַנציק אותיות פון דער תורה, וואָס זיינען געקומען עדות־זאָגן פאַרן כסא הכבוד, אַז גרויס איז די זינד פון פאָלק ישראל, וואָס עס האָט עובר געווען אויף די געבאָטן פון דער הייליקער תורה. נאָר ניט געשטילט בלייבט דער צאָרן פון גאָט, און ניט געמילדערט איז דער שטרענגער גזר. דאָ קומט די מוטער רחל, דער סימבאָל פון מוטער־ליבע און מוטער־שמערץ; זי טוט איר גרויסן צער פאַרן כסא הכבוד אויסגיסן; און קעגן די מוטער־טרערן קאָן דער כביכול ניט ביישטיין, און פון די הימלען לאָזט זיך הערן די געטלעכע שטים: „וויין ניט, רחל! איך וועל די קינדער דיינע פונם גלות אומקערן!״

דער דיאַלאָג, דער וויכוח, איז די באַליבטע פאָרם פון פיל מדרש־ און תלמוד־לעגענדעס, וועלכע ווערן אָבער בלויז איבערגעגעבן פון מויל צו מויל. דער דיאַלאָג ווערט אויסגענוצט בלויז אַלס אָרנאַמענט, אָבער ניט אַלס „שפּיל״. און די בעסטע העברעיִשע דיכטער פון מיטלעלטער, זינט שלמה אבן גבירול ביז ישראל נאַגאַראַ, האָבן געשאַפן אין די הונדערטער דיאַלאָגן־לידער — צוויי־געשפּרעכן צווישן דער פאַרוואָגלטער

געליבטער, די כנסת ישראל, און איר געליבטן, וואס צארנט אויף איר, נאר קען אין איר ניט פארגעסן — דעם רבונו־של־עולם...

עס איז טאקע דערפאר כלל קיין חידוש ניט, וואס אין דער אראבישער שפאניע האט אין דער העברעישער ליטעראטור אזוי שיין אויפגעבליט די מאקאמעס־דיכטונג־פארם, וועלכע די יידישע דיכטער האבן איבערגענומען ביי זייערע קרובים און שכנים — די אראבער, ביי וועלכע די טעאטער־ און דראמע־קונסט האט אויך ניט געקאנט געפינען דעם געהעריקן באדן, און טאקע אויס ענלעכע סיבות ווי ביי יידן [5]. אנדערש איז עס אבער צוגעגאנגען ביי די יידישע קיבוצים אין דער קריסטלעכער אייראפע. מיר ווייסן זייער גוט, אז ווי ביי די אנטיקע גריכן, אזוי זיינען אויך ביי די קריסטלעכע פעלקער פונם אייראפעישן מיטלעלטער, די טעאטראלישע פארשטעלונגען געווען ענג פארבונדן מיטן רעליגיעזן קולט. די וויג פון דער טעאטער־קונסט אין דער קריסטלעכער אייראפע איז געשטאנען אין דער קירך, און דער גלח מיטן צלם איז איר פאטער געווען. די טעאטראלישע פארשטעלונגען (מיסטעריעס, מיראקלען) האבן זיך אנטוויקלט פון דער קריסטלעך־קאטוילישער גאט־דינסט. די קריסטלעכע באפעלקערונג איז נאך דעמאלט געשטאנען אויף א גאנץ נידעריקן קולטורעלן מצב, און נאך ניט אינגאנצן פארגעסן אין דער פריערדיקער געצן־דינסט; האבן זיי די גייסטלעכע באקאנט מיט די יסודות פון דער אמונה און מיט דער געשיכטע פון קריסטוסעס לעבן אויף א גאנץ אייגנארטיקן אופן. זיי פלעגן דעם וואנגעליע־טעקסט ניט פארלעזן אדער דערציילן, נאר פ א ר ש ט ע ל ן אין בילדער, אין מאסן־פראצעסיעס. ניט מיטן ווארט, ניט מיט אבסטראקטע באגריפן האט מען דעם פשוטן אומגעבילדעטן המון באקאנט מיטן תוך פון דער קריסטלעכער אמונה, נייערט מיט בולטע קאנקרעטע סימבאלן, וואס מען האט זיי געקענט זען און אנטאפן מיט די הענט. די געשיכטע פון קריסטוסעס געבורט, קרייציקונג און זיין תחית־המתים פלעגט אין דער קירך פ א ר ג ע ש ט ע ל ט ווערן אין דראמאטישע סצענעס, וואס זיינען געווען אן ארגאנישער טייל פון דער קאטוילישער גאט־דינסט און זיינען ביסלעכווייז אויסגעוואקסן אין גאנץ גרויסע ליטורגישע דראמעס, אין וועלכע עס פלעגן זיך שוין באטייליקן נים בלויז גייסטלעכע, נאר אויך פשוטער עולם. די קירך ווערט שוין צו ענג פאר די מיסטעריעס, קלויבן זיי זיך אריבער אין קירך־הויף און שפעטער — אפילו אויסער דעם קירך־הויף. אבער דער לעבנס־נערוו פון

---

[5] זע אונזער ווערק, ב' I, 235—237, אויך אונזער אויבן־ציטירטע ארבעט „ביכער־וועלט“, III, 24—25.

די דאָזיקע דראַמעס בלייבט אַלץ ווי פריער דער שאַרף אויסגעפּרעגטער רעליגיעזער, גאָט־דינסטלעכער מאָמענט. צווישן די פּערסאָנאַזשן פון די שווער־וואָגיקע און אָפט אומגעהייער־לאַנגע מיסטעריע־שפּילן [6], פלעגן זיך באַטייליקן ניט נאָר הייליקע, נביאים און אַפּאָסטאָלן, נאָר אויך „גאָט דער פאָטער'' בכבודו ובעצמו, זיין „זון'' און די הייליקע מוטער.

אַזעלכע דראַמאַטישע ווערק, וואָס האָבן געטראָגן אַזאַ טיפּיש קריסטלעך־רעליגיעזן כאַראַקטער, זיינען געווען גאָר ווייניק מסוגל אויף אַזוי ווייט צו פאַראינטערעסירן די יידישע באַפעלקערונג, אַז עס זאָל מיט אַמאָל דורכגעבראָכן ווערן די שוין פון פיל דורות דויערנדיקע מחיצה, און יידן זאָלן באַקומען שטאַרקן חשק נאָכטאָן די אומות העולם און איינפלאַנצן ביי זיך דאָס פרעמדע געוויקס — די טעאַטער־קונסט. מען דאַרף נאָך דערביי געדענקען, אַז גראָד אין דייטשלאַנד האָט די שכנות פון דעם מיסטעריע־שפּיל מיטן קירך־הויף געדויערט צומלענגסטן, ביז טיף אין 15טן י''ה. די מיסטעריעס פלעגן געשפּילט ווערן דער עיקר אין דער וואָך פאַרן קריסטלעכן פּסח־יום־טוב, ווען יידן, די „קריסטוס־שונאים'', האָבן זיך געמוזט אין זייערע געטאָס פאַרשפּאַרן, זיי זאָלן זיך אין די אויגן ניט וואַרפן. דערצו מוז מען נאָך נעמען אין באַטראַכט, אַז די מיסטעריעס זיינען געווען ניט בלויז קריסטלעך־רעליגיעזע, נאָר אויך שטאַרק יידן־פיינדלעך. עס איז אַ היסטאָרישער פאַקט, אַז די דייטשע מיסטעריעס, וואָס האָבן דערגרייכט זייער בלי־תקופה ערשט נאָך די קרייץ־צוגן, זיינען דורכגעדרונגען מיט אַ גיפטיקער שנאה און גאַליקן ביטול צו אַלץ, וואָס ס'האָט אַ שייכות צום יידנטום. אין די פּסח־ און ווייניאַכט־מיסטעריעס זיינען געווען ניט ווייניק סצענעס, ווו צווישן די פּערסאָנאַזשן האָבן פיגורירט אויך יידן; און אין די דאָזיקע סצענעס פלעגט זיך אַנטפּלעקן די שנאה און פאַראַכטונג צו יידן אין זייער אמת מיטלעלטערלעכער גראָבקייט. בעת עס פלעגט אויף דער בינע פאָרגעשטעלט ווערן דער גיהנום, האָט דאָרט דעם בכבודיקסטן אָרט פאַרנומען דער קעסל ספּעציעל פאַר „Judaei''. בכדי צו באַווייזן דאָס נבזהקייט און לעבערלעכקייט פון דעם „ליגנערישן'' יידנטום, פלעגט מען שטעלן אַ ספּעציעל אַלעגאָריש שפּיל „די קירך און די סינאַגאָגע'' [7]. זינט דעם, ווי עס האָבן אין די רעליגיעזע שפּילן אָנגעהויבן זיך צו באַטייליקן ניט בלויז גייסט־

6 דער טעקסט פון אַזעלכע דראַמעס פלעגט דערגרייכן ביז 60 טויזנט פערזן אין דער פאָרשטעלונג פלעגן אָנטיילנעמען ביז עטלעכע הונדערט פּערשוין, און די שפּיל פלעגט זיך פאַרציען אויף אַ סך טעג נאָכאַנאַנד.

7 זע וועבער, „גייסטליכע שוישפּילע א. קירכליכע קונסט", 1894.

לעכע, נאָר אויך דאָס פּשוטע פאָלק, האָבן צוזאַמען מיט דער פאָלקס־שפּראַך, וואָס האָט ביסלעכווייז פאַרדרענגט דעם לאַטיין, זיך אַריינגעריסן אין דער פרומער מיסטעריע אויך עלעמענטן פון דעם וואָכעדיקן לעבנסשטייגער. צוזאַמען מיטן דידאַקטיש־רעליגיעזן באַווייזט זיך אויך דאָס קאָמיש־וויציקע, דאָס וווּלגאַר־פאָלקסטימלעכע. צווישן די ערנסטע און פרום־רעליגיעזע סצענעס שפּאַרן זיך אַריין קאָמישע סצענקעס, די אַזוי־גערופענע „פּאַרסן", אינטערמעדיעס און אינטערלודיעס מיט דעם גראָב־וויציקן און פריילעכן געלעכטער. און דאָס „כפּרה־הינדל", די ציל־ברעט פאַר די אַלע שפּאַסן און קאָמישע שטיק פלעגט צומייסטן זיין דער ייד. אין פראַנקפורט, אַ שטייגער, האָבן די קאַריקאַטור־קאָמישע יידן־מאַסקעס, וואָס פלעגן אַרויסטרעטן אויף דער בינע אין באַשטימטע סצענעס פון די מיסטעריעס — געטראָגן די פאַמיליע־נעמען פון די אָנגעזעענסטע מיטגלידער פון דער אָרטיקער יידישער קהילה. די סצענע, וווּ עס באַווייזט זיך אויף דער בינע יהודה איש קריות, פלעגט אויסגענוצט ווערן דעם עולם צו אַמוזירן, און די יידן פלעגן דאָרט פאָרגעשטעלט ווערן אַלס די נידערטרעכטיקסטע שווינדלער און אויסוואָרפן. די באַליבטסטע „נומערן" פריילעך צו מאַכן דעם עולם זיינען די סצענעס מיט יידישע טענץ און געזאַנג. אויף דער בינע פלעגט אין דער יידישער „לאָזשע"[8] שטיין אַ קאַלב־פיגור אָנגעפּילט מיט ביר, און די „יידן" פלעגן טרינקען דאָס ביר ניט אויס דעם קאַלבס מויל, נאָר דורך דעם אַנדערן חלל (Judaei bibunt ex culo vituli). אין אַן אַנדער מיסטעריע־שפּיל ליגן יידן אויסגעשטרעקט און זויגן ביי די אייטערס פון אַ חזיר. אָט די דאָזיקע „גייסטרייכע" אַנטפּלעקונג פון מיטלעלטערלעכן שענק־וויץ און מגושמדיקער ווילדקייט איז אַפילו פאַראייביקט געוואָרן לדורי דורות אויף איינעם פון די פראַנקפורטער שטאָט־טויערן, און דער געשמאַקלאָזער יאָהאַן שודט האָט מיט דעם דאָזיקן בילד באַצירט זיין דיק־בייכיקן „כל־בו"[9].

דאָס אַלץ האָט, נאַטירלעך, גאַנץ ווייניק געקענט דערוועקן אין דער יידישער באַפעלקערונג דעם חשק גובר צו זיין די מחיצה, וואָס האָט זינט לאַנגע דורות אָפּגעזונדערט די יידישע קולטור פון דער טעאַטער־קונסט. די אַלט־דייטשע רעליגיעזע מיסטעריע־שפּילן זיינען ניט געווען אימשטאַנד משפּיע צו זיין אויף דעם שכנותדיקן געטאָ, עס זאָל דאָרט

8 די מיטלאַלטערלעכע טעאַטער־בינע איז געווען איינגעטיילט אין באַזונדערע לאָזשעס

9 זע „יידישע מערקווירדיקייטן", II, 257.

געשאפן ווערן א יידישע דראמאטיק. דערפאר שפירט זיך אָבער אינם יידישן געטא זייער שטארק די השפעה פון דער קריסטלעכער סביבה בנוגע צו אלטע מנהגים, חתונה־ און ימים־טובים־פארוויילונגען, טענץ, געזאנג, וויצן און ליצנות. א סך פון די דאָזיקע מנהגים און פארוויילונגען זיינען אפילו בשעתם געווען ענג פארבונדן מיט געצן־דינסט און דעמאָנען־קולט. דער רעליגיעזער מהות איז אָבער אין משך פון דורות אויסגעוועבט געווארן, און די מנהגים זיינען פארבליבן אינם באוווסטזיין פון פאָלק בלויז אלס לעבנסשטייגער. די „קאליאדעס״ און „קאלענדעס״, למשל, וואָס זיינען פארבונדן מיט פארשטעלן זיך פאר חיות, אָדער מיט פארביטן די הלבשה פון מענער און פרויען, זיינען טאקע אין פריערדיקע דורות געווען פארבונדן מיטן רעליגיעזן קולט און מיט עראָטישע מאָמענטן אין דער געצן־דינסט, און דערפון טאקע שטאמט דער פארבאָט אין דער תורה פון „לא תלבש בגדי אשה״. מיט דער צייט האָט אָבער דער לעבעדיקער סימבאָל זיין רעליגיעזן תוך פארלאָרן און איז מגולגל געוואָרן אין פשוטן פאָלקלאָר, אין אקסעסוארן פון פאָלקסטימלעכער „געזעליקייט״. אויף דעם געביט האָט די קריסטלעכע סביבה יאָ געהאט א גרויסע השפעה [10] אויף די פיאָנערן פון „געזעליקייט״ אין די מיטלעלטערלעכע געטאָס, אויף די אלע יידישע לֵצים, „נארן״, בדחנים מיט זייער טאַנץ, געזאנג און שפיל.

שוין אין 12טן י״ה באקלאָגט זיך דער פרומער בעל „ספר יראים״, אליעזר אוים מעץ, דערויף, וואָס אויף חתונות און אויף אנדערע לוס־טיקע פארזאמלונגען טוען מאַנסבילן און פרויען זיך פארשטעלן אין פרעמדע קליידער[11]; און אנדערע רבנים קלאָגן זיך אויף די „פושעים לצנים״, וואָס שיטן מיט גראמען און ריידן ניבול־פה.

אין איטאליע, ווו די לוסטיקע און פילפארביקע קארנאוואלן האָבן שוין אינם מיטלעלטער דערגרייכט זייער אויסטערלישן גלאנץ און פראכט, איז אויך אין די לעבנסלוסטיקע יידישע קהילות דער מנהג פון „לבישת הפרצופים״ געווען שטארק אָנגענומען. דער בארימטער איטאל־יענישער רב אוים דעם 15טן י״ה, יהודה מינץ, דערציילט, אז אין די פריילעכע פורים־טעג, ווען „מרבים בשמחה״ ווערט אפילו מצד דעם

---

10 אינטערעסאנטן מאטעריאל וועגן דער דאָזיקער השפעה האָט ד״ר שיפער צונויפגעזאמלט אין זיין „יידישע פאָלקס־דראמאטיק״, 26—100.

11 „ספר יראים״, סימ׳ 96: „וללבוש אפילו עראי ודרך שחוק אסור... ולפי שראיתי בני אדם שלובשין במלבוש אשה עראי וגם האשה במלבוש האיש עראי במשתאות של חתן וכלה וגם בעינים הרבה, כתבתי כו״.

תּלמוד אָנערקענט פאַר אַ מצווה, פלעגן אין די לוסטיקע מאַסקאַראַדן זיך באַטייליקן קינד און קייט: בחורים און בתולות, קינדער און אַלטע[12]. אָבער אפילו דאָרט, אין די לעבנסלוסטיקע איטאַליענישע געטאָס, האָבן אין יענער צייט נאָך ניט עקסיסטירט קיין דראַמאַטישע „פּורים־שפּילן". אויך די איטאַליענישע מיטלעלטערלעכע יידן האָבן זיך פאַרהאַלטן פרעמד צו מעלפאָמענעס ־קונסט[13]. ברייט אויסגענוצט ווערן בלויז לוסטיקע פּאַראָדיעס, וואָס מען פלעגט ביי די שווימענדיקע בעכערס דעקלאַמירן. פּאַראָדיעס, אין וועלכע דער ערנסטער סטיל פון דער ביבל און דעם תּלמוד פלעגט אויסגענוצט ווערן פאַר לוסטיקע און אפילו פריוואָלע בופאָנאַדעס, זיינען געווען שטאַרק אָנגענומען ביי יידן נאָך אינם מיטלעלטער. שוין אין יהודה שבתים „מנחת יהודה שונא הנשים" ווערט פּאַראָדירט דער כּתובה־ און קידוש־טעקסט. אַ צווייטער פּאַרפאַסער אוים דעם 12טן י"ה, מנחם בן אהרן, פּאַראָדירט דעם פּיוט־סטיל פאַר זיין לוסטיקן „מערב לפורים". קלונימוס בן קלונימוסעס באַקאַנטע פּאַראָדיע „מסכת פורים"[14] האָט געדינט אַלס מוסטער פאַר גאַנצע הונדערטער אַנדערע פּאַראָדיעס[15].

ערשט אין דער ערשטער העלפט פונם 16טן י"ה ווערט געשאַפן אַ בריק צווישן דעם יידישן געטאָ און דעם אייראָפּעיִשן טעאַטער, און עס ווערן געלייגט די ערשטע גרונדשטיינער פון יידישער טעאַטראַל־דראַמאַטישער קונסט. אין אונזער אָקאָרשט ציטירטער אָפּהאַנדלונג וועגן יידישן טעאַטער אין דער רענעסאַנס־תּקופה האָבן מיר אָנגעוויזן, אַז ערשט אויפן שוועל פונם 16טן י"ה, ווען ס'איז אין איטאַליע געשאַפן געוואָרן אַ נאַציאָנאַל טעאַטער מיט זיין וועלטלעכן רעפּערטואַר, און די ריין־הומאַניסטישע דראַמע האָט גובר געווען די קריסטלעך־רעליגיעזע מיסטעריעס, — ערשט דעמאָלט איז געשאַפן געוואָרן די פּאַסיקע סביבה, אַז אויך יידן זאָלן זיך פאַראינטערעסירן מיט מעלפאָמענעס קונסט. עס איז כּלל ניט קיין צופאַל, וואָס טאַקע די ערשטע ידיעה וועגן יידישן

---

12 „פּסקים ושאלות תשובות", שי"ג, ווינעציא, דף ל"ה—ל"ו: „על דבר לבישת הפרצופים שנוהגין ללבוש בחורים וגם בתולות ובחורות, זקנים עם נערים בפורים... אף אני אמרתי להביא ראיה להתיר... מה ראו על ככה גדולים והסידי עולם ז"ל שנתגדלתי אצלם אשר ראו בניהם ובנותיהם חתניהם וכלותיהם לובשין אותן פרצופין".

13 מער באריכות וועגן דעם, זע אונזער אַרבעט וועגן יידישן טעאַטער אין איטאַליע אין דער רענעסאַנס־תּקופה („יעווריעיסקאַיאַ לעטאָפּיס", IV).

14 זע אונזער ווערק, ב' II, 299.

15 זע שטיינשניידערס אַרבעט „פּורים אונד פּאַראָדיע", „לעטערבאָדע", VII, IX, „מאָנאַטסשריפט", 1902—3; דאַווידזאָנס The Parody, 1907.

טעאַטער־שפּיל אין אייראָפּע שטאַמט אוים איטאַליע אוים דעם יאָר 1531.
דער איטאַליענישער געשיכטע־פאָרשער מאַרינאָ סאַנוטאָ פאַרנאָטירט אין
זיין טאָגבוך, אַז ער האָט דעם 4טן מערץ (שושן־פּורים) 1531 בייגעוועזן אין ווענעציאַנער געטאָ אַ פּראַכטפולע קאָמעדיע (una bellissima comedia). צי איז די דאָזיקע קאָמעדיע, וואָס איז אויסער ספק געשפּילט געוואָרן אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך (איטאַליעניש), געווען מענינאַ דיומאַ, ד״ה אויפן סוזשעט פון מגילת־אסתר — איז שווער צו זאָגן; יעדנפאַלס האָט גראָד אין ווענעדיג אין מיטן פונם 16טן י״ה דער פּאָפּולערער איבערזעצער פון פּעטראַרקע אויף שפּאַניש, שלמה אוסקע, צוזאַמען מיט אליעזר גראַציאַנאָ פאַרפאַסט אין איטאַליעניש אַ ביבלישע דראַמע „אסתר״[16], וואָס איז אין דרוק ניט דערשינען און איז, ווי עס שיינט, געווען ספּעציעל באַשטימט פאַר דער בינע. אוסקעס צייטחבר און באַקאַנטער, דער באַוווּסטער רעזשיסער פונם מאַנטואַנער הערצאָגלעכן הויף־טעאַטער, יהודה בן יצחק סומו[17], פּרוּווט שאַפן אַ פּורים־קאָמעדיע אין העברעיִש. אין זיינע „דיאַלאָגן וועגן טעאַטער־קונסט״ (Dialoghui sull Arte Representativa) שטרייכט סומו באַזונדערס אונטער, ווי רייך עס זיינען מיט דראַמאַטישע עלעמענטן פיל פון די אַלטע יידישע לעגענדעס און אגדות. ער דערציילט אַגב, אַז ער גופא האָט איינע אַזאַ אגדה, וואָס איז געשריבן אין אַראַמיש, אויסגענוצט פאַר זיין פּיעסע „Corso della vita“. אַ צווייטע מדרש־דערציילונג (תנחומא, פ׳ לך־לך) האָט דער זעלבער פאַרפאַסער אויסגענוצט פאַר אַ העברעיִשער לוסטיקער קאָמעדיע „בדיחותא דקידושין״, וועלכע איז אויפגעהיט אין מאַנוסקריפּט און איז ערשט ניט לאַנג באַקאַנט געוואָרן מער ברייטערע קרייזן אַדאַנק י. שירמאַנס אינטערעסאַנטער אָפּהאַנדלונג[18]. אין דער פאָררעדע ווערט בפירוש אָנגעוויזן, אַז די קאָמעדיע איז פאַרפאַסט געוואָרן מיטן צוועק זי זאָל אויפגעפירט ווערן אין די פּורים־טעג (לצחק בו בימי הפורים ובשעת חדוה). אינם פּראָלאָג שטרייכט דער פאַרפאַסער אונטער, אַז די אומות העולם האַלטן עס פאַר אַ חיסרון און אייגנזיניקייט, וואָס די יידן האָבן אויף זייער שפּראַך ניט געשאַפן קיין

---

16 די דאָזיקע דראַמע האָט שפּעטער איבערגעאַרבעט אריה די מאָדינאַ (זע: אונזער חערק, IV, קאַפּ׳ 5).

17 באריכות וועגן יהודה סומו זע אונזער אויבן־דערמאָנטע אַרבעט אין „יעווריעסקאַיאַ לעטאָפּיס“ און אויך אונזער ווערק, ב׳ IV, 120, 130, 132.

18 „מאָנאַטסשריפט“, 1931, 97—118. דער נאָמען פונם פאַרפאַסער ווערט אין די אויפגעהיטע מאַנוסקריפּטן ניט דערמאָנט. י. שירמאַן ברענגט אָבער גאַנץ איבערצייגנדיקע באַווייזן, וואָס באַרעכטיקן זיין השערה, אַז יהודה סומו איז דער פאַרפאַסער.

דראמאטיש־טעאטראלע ווערק. האט דער פארפאסער זיך דערפאר פארגענומען צו באווייזן אלע פעלקער פון דער וועלט, אז אויפן געביט פון קונסט און פאעזיע איז די העברעישע שפראך ניט מינדערווערטיקער פון אלע אנדערע שפראכן [19].

סומוס אויפטו צו שאפן א טעאטער־רעפערטואר אויף העברעיש האט אבער קיין דערפאלג ניט געהאט. מיר ווייסן דאך, אז גראד צו דער צווייטער העלפט פונם 16טן י"ה האבן אין איטאליענישן טעאטער די דראמאטישע ווערק, וואס זיינען געשאפן געווארן אויף דער אומגאנגס־שפראך, ענדגילטיק ארויסגעשטויסן דעם קלאסישן רעפערטואר, פלאווטס און טערענציעס לאטיינישע קאמעדיעס. אויך פארן יידישן טעאטער, וואס איז אין איטאליע צום ערשטן געבארן געווארן אין דער רענעסאנס־תקופה, איז געשאפן געווארן א רעפערטואר אויף דער אומגאנגס־שפראך, ווייל דער טעאטער איז געווען א באדערפעניש ניט פון יחידי סגולה, נאר פון די ברייטע פאלקס־שיכטן...

דאס אייגענע איז אויך פארגעקומען אין דייטשלאנד. מיר ווייסן זייער גוט, אז בעת א גאנצע קייט קולטורעלע, סאציאלע און פאליטישע סיבות האבן ארויסגערופן די ברייטע רעליגיעז־רעפארמיסטישע באוועגונג, האט זי זיך פארענדיקט דערמיט, וואס דייטשלאנד האט זיך אפגעטיילט ניט נאר פון דער אויסלענדישער פויפסט־קאטוילישער קירך, נאר אויך פון דער לאטיינישער. מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן [20], ווי אזוי דער קולטורעל־אויסגעוואקסענער שטאטישער בירגערשטאנד האט געפאדערט, אז זיין גייסטיק־רעליגיעזע נארונג, די ביבל, זאל זיין פאר אים צוטריטלעך אויף זיין מוטערשפראך. די בארימטע דייטשע ביבל־איבערזעצונג איז ניט געווען קיין גאונישע המצאה פון מארטין לוטער, נאר א לאגישער פועל־יוצא פון א לאנגן און וויכטיקן קולטור־פראצעס. און טאקע דער זעלבער קולטור־פראצעס האט עס אויך גורם געווען, וואס לוטערס בן־דור און פייערדיקער חסיד, דער בארימטער האנס זאקס, זאל אויך ארויסטרעטן אלס רעפארמאטאר פון דייטשן פאלקס־טעאטער, אלס אמתער באגרינדער פון א וועלטלעכן טעאטער [21]. די לוסטיקע, מיט גראבע וויצן אנגעפיקעוועטע סצענעס, די

---

19 דארטן, 115: „הנה בהרתי היום הזה להראות לכל עמי הארץ כי לא נופל לשון העברי לכל מלאכת מחשבת מכל לשונות הגויים, אך אמנם גדלה למעלה למעלה תפארת גדולתו"...

20 זע אויבן, ז' 57.

21 וועגן האנס זאקס אלס טעאטער־רעפארמער זע: עד. דעווריען, „געשיכטע ד. דייטשן שוישפיל־קונסט", 1905, ב' I—II, 57—64.

„פארשען", וואס זיינען איינגעוועבט געווען אין די רעליגיעז־פרומע מיס־טעריעס, האבן זיך מיט דער צייט אפגעטיילט און פארוואנדלט געווארן אין זעלבשטענדיקע פארמען. אדאנק זאקסן זיינען אבער די גראבע און אויסגעלאסענע פאסט־נאכט־קארנאוואלן און שפילן דערהויבן געווארן צו דער מדרגה פון טאלאנטפולע פאלקסלוסט־שפילן, וואס האבן ניט נאר אפגעווארפן פון זיך וועלכן ס'איז רעליגיעזן לבוש, און פון דעם קירך־הויף זיך אריבערגעפעקלט אין גאסטהייזער און ספעציעלע טעאטער־געביידעס[22], נאר זיינען ניט זעלטן אויסגענוצט געווארן אויך אלס קאמף־מיטל קעגן דער קאטוילישער קירך. ניט אומזיסט האט טאקע לוטער צוליב זיינע רעפארמאטארישע צוועקן דערקלערט די פאלקס־קאמעדיע אלס אויס־געצייכנט פעדאגאגיש מיטל[23]; און טאקע האנס זאקס האט פארפאסט א גאנצע צאל אנטי־פויפסטישע פארסן, אין וועלכע ער שפאט אפ פון די קאטוילישע גייסטלעכע און אנטבלויזט זייער מאראלישע ירידה און אויסגעלאסנקייט. אפילו דעם פויפסטס הייליקן פאטראן, דעם אפאס־טאל פעטרוס, וואס אין זיינע הענט זיינען איבערגעגעבן געווארן די שליסלען פון די גן־עדן־טויערן — אויך פאר אים האט דער נירנבערגער מייסטערזינגער, האנס זאקס, גאנץ ווייניק דרך־ארץ, און אין איינעם פון זיינע פאסט־נאכט־שפילן[24] שטעלט ער פאר דעם הימלישן טויער־היטער אלס פריילעכן צעך־גזעלן, וואס פארברענגט גאנץ געמיטלעך די צייט מיט צעך־ברידער אין א שענק ביי פולע פלאשן וויין און ביר, און פארגעסט באטרונקענערהייט, אז דארט, ביי די טויערן פון גן־עדן, שטייען נעבעך די צדיקים און קענען ניט אריין, ווייל ער האט דאך די שליסלען ביי זיך...

אדאנק דעם הומאניזם און דער רעפארם־באוועגונג, וואס האבן אזוי שטארק דערוועקט דעם אינטערעס צו דער ביבל און אין דער זעל־בער צייט שטארק פארטונקלט דעם אמאליקן גלאנץ פון די קאטויליש־געפארבטע מיסטעריעס[25] — זיינען אין דער ערשטער העלפט 16טן י"ה

---

22 דאס ערשטע טעאטער פאר דייטשע פיעסן פון וועלטלעכן אינהאלט איז אויפגעבויט געווארן אין 1550 אין האנס זאקס געבורטשטאט — אין נירנבערג.

23 זע דעווריען, ציט. וו., 71.

24 „Sanct Peter vergnügt sich mit seinem Freunden unten auf Erden". Ein Fastnachtspiel mit vier Personen (Hans Sachs ausgewählte dramatische Werke, II B. 177–190).

25 אונטער דער ווירקונג פון דער רעפארמאציע־באוועגונג זיינען אין אייניקע לענדער כמעט אין איין און דערזעלבער צייט פארבאטן געווארן די מיסטעריעס און בירבל־פארשטעלונגען: אין ענגלאנד — אין 1543, אין פראנקרייך אין 1548.

געשאפן געווארן אין א רייכער צאל ביבלישע דראמעס פון א מער־ווייניקער עולמשן כאראקטער. און טאקע, האנס זאקס, דער גרויסער מייסטער פון פאסט־נאכט־שפילן, האט אויך פארפאסט א געוויסע צאל וועלטלעכע דראמעס אויף ביבלישע טעמעס: „אסתר", „יהודית", „שלמה המלכם משפט" א"א.

דאס אלץ האט געמוזט מאכן א שטארקן רושם אינם יידישן געטא, ווו מען האט בכלל מיט פארכאפטן אטעם זיך צוגעהערט צו דעם אין דער קריסטלעכער וועלט אויסגעבראכענעם קאמף, ווו מען האט געזען אין דער רעפארמאציע־באוועגונג די „עקבתא דמשיחא", און געהאפט, אז דעם ווידערשפעניקן מאנאך לוטער וועט געלינגען צו צעשמעטערן דעם גע־פערלעכסטן פיינד פונם יידנטום — די קאטוילישע־קריסטלעכע קירך [26]. אט ביי די צושטאנדן איז ענדלעך געשאפן געווארן א בריק צווישן דעם יידישן געטא און דעם אייראפעישן טעאטער, און די מחיצה, וואס האט אפגעטיילט די יידישע באפעלקערונג פון מעלפאמענעס טעמפל, איז באזייטיקט געווארן. אויך אויף דער יידישער גאס באווייזן זיך טעאטער־שפילן לויט דעם מוסטער פון די פאסט־נאכט־שפילן און דראמאטישע שאפונגען נאכן מוסטער פון די ביבלישע דראמעס; און טאקע דארט, אין די דראמאטישע שאפונגען, האבן ענדלעך געקאנט אויסגענוצט ווערן אין טעאטראלישער, ווען אפילו גאנץ פרימיטיווער פארם די אויסערגעוויינלעך רייכע דראמאטישע קערנער, וואס זיינען פארשפרייט אין דער מדרש־ליטעראטור.

עס איז אויסער ספק, אז שוין אין 16טן י"ה זיינען אין יידיש געשאפן געווארן לוסטיקע „פורים־שפילן" לויט דעם מוסטער פון די דייטשע פאסט־נאכט־שפילן און ביבלישע דראמעס, וואס פלעגן אויך, ווארשיינלעך, געשפילט ווערן פורים־צייט. די טעקסטן פון די דאזיקע דראמאטישע ווערק זיינען אבער ניט אויפגעהיט געווארן. בלויז וועגן צוויי פורים־פארסן, וואס פלעגן געשפילט ווערן אין 16טן י"ה, האבן מיר מער־ווייניקער גענויע ידיעות. אן אומבאקאנטער פארפאסער אוים דעם 16טן י"ה טיילט מיט, אז אין טאנהויזן פלעגט מען יעדן פורים „מאכן א שפיל פון טאב יעקליין, זיין ווייב קענדליין און זיינע צוויי זינדלעך

---

[26] זע שטיינשניידער, „העבר. ביבל." V, 45; גרעץ, „געשיכטע", באנד IX, נאטן נומ' 5. דער מקובל אברהם בן אליעזר הלוי (זע אונזער ווערק, ב' IV, 267—266) איז מודיע מיט גרוים התפעלות: „איש שמו מארטין לוטר, הוא האיש אשר שמעו הולך בכל ארצות, שהתחיל שנת הרפ"ד לחלוק על דת הערלים .. הראה בפרסום זיוף אמונתם... והראה את עצמו נגד התלוי... ויקרב אותם מעט מעט לדת משה... הכלל — תצמיח גאולה לנחלה הרלה" („קרית ספר", VII, 444—445)

פיין"[27]. דער טעקסט פון דעם שפיל איז ניט דערגאַנגען, נאָר אין דער אַפּט־ציטירטער וואָליך־זאַמלונג געפינט זיך אַ ליד אויס 31 אַכט-פערזיקע סטראָפעס, אין וועלכן עס ווערט איבערגעגעבן דער אינהאַלט פון דער דאָזיקער קאָמישער זשאַנר־פּיעסע. „איין היפשער חטאנו" הייסט דאָס ליד:

חטאנו: אדברה וירוח,
איך וויל אייך זאגן וואס דא איז געשען בשנת שנ"ח (1598)
אין דער קהלה קדושה.
פראנט ניקס און לאט אייך ניקס זיין קשה,
קשה לאט אייך ניקס זיין דען עס איסט איטל פורים געמיין
דאס מאן מאכט איין שפיל פון טאב יעקליין
אונד מיט זיינעם וויב קענדליין
אונד מיט זיינען צווי זינדלעך פיין.

דערנאָך ווערט דערציילט וועגן די מאָדנע געננ פון דעם פּאָר־פאָלק, וועגן זייערע נאַרישע אויפטוען, דורך וועלכע זיי ווערן צו שפּאָט און צו געלעכטער.

אין דער זעלבער וואָליך־זאַמלונג געפינט זיך נאָך אַ צווייטע פּורים־שפיל, און די איז באַזונדערס אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס מיר באַגעגענען אין איר אייניקע כאַראַקטעריסטישע עלעמענטן, וועלכע גע־הערן צו די וויכטיקסטע אַקסעסואַרן פון פיל שפּעטערדיקע אחשורוש־שפּילן: דעם „פּאַיאַץ" אָדער דעם „לויפער", וואָס שפּילט אויך אין גע־וויסער הינזיכט די ראָלע פון דעם רעזשיסער, דעם מלך מיט זיין סוויטע, דערנאָך טענץ און געזאַנג. די פּיעסע שפּילט אַ גרופּע לוסטיקע ישיבה־בחורים, וואָס באַוויזן זייער שפיל אין רייכע הייזער, און באַקומען דערפאַר מיט ברייטער האַנט עסן און טרינקען. די שפּיל הייבט אָן דער „פּאַיאַץ" מיט זיין באַגריסונג דעם עולם, וואָס זיצט ביים טיש:

פומיי! איר ליבען געזעלען!
גאט געב אייך איין גוט פורים!
איך קום העריין מיט מיינע שעלען[28]
וועגען דעם קיניגס בחורים!

דער כאָר פון די בחורים בעט די „ליבן לייטליך צארט" זיי זאָלן קיין פּאַריבל ניט האָבן און זאָלן געבן גוטן כיבוד דעם „קיניגס בחורים":

---

27 זע שטיינשניידער, „מאָנאַטסשריפט", 1903, 170; דערז. „סעראַפּעום", 1864, 102.

28 גלעקלעך.

גענבט אונז דען ווײן אלזא רייך
דען מיר זיין וואָל געראָטן:
קורצע דרשות און לאַנגע בראָטן!..
ברענגט הער דאס בעסטע עסען
דאס איר האָבט אין דעם הויז;
דען ווײן געבט אונז אונגעמעסן (ניט געמאָסטן)
מיר זויפן אין דאך אַלער אויס.
ווײדליך געפריזן, ווידער גנעצעכט
גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט.

דערנאָך בעט דער „פּאַיאַץ" די בחורים אין נאָמען פונם קיניג, זיי זאָלן „מיט דען ציגען האַלטן איינען טאַנץ".

ווי די בחורים טאַנצן מיט די „ציגען", באַווייזט זיך דער קיניג (פּורים־קיניג), און דער פּאַיאַץ שטעלט אים פאָר:

איטצונדערט קומט אונזער קיניג צו קריכין
ער האט איין בויך, אלס ווי אין קישן־ציכן [29]

אין דער דאָזיקער „פּורים־שפּיל" שפּירן זיך גאַנץ בולט עלעמענטן פון די אַלטע „קאַלענדעס" און „קאַליאַדעס", און אויך פון די שפּע־טערדיקע פאָלקס־פאָרסן. לײדער זיינען אָבער צו אונז ניט דערגאַנגען בשלימות וועלכע ס'איז טעקסטן פון די יידישע דראַמאַטישע ווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן לויט די מוסטערן פון די ביבלישע דראַמעס אויס דער הומאַניזם־ און רעפאָרמאַציע־תקופה. עס זיינען אויפגעהיט געוואָרן בלויז פראַגמענטן אויס דעם 17טן י"ה, און אויך זיי ניט אין זייער אורשפּרינגלעכער פאָרם. און דאָך קאָן מען אויס די דאָזיקע פראַגמענטן באַקומען אַ מער־ווייניקער קלאָרן באַגריף וועגן דעם נייעם אייגנאַרטיקן צווייג, וואָס ס'האָט אויסגעשפּראָצט אויף דעם געביט פון דער יידישער ליטעראַטור — וועגן דער יידישער פאָלקס־דראַמאַטיק.

מען דאַרף דערביי נעמען אין באַטראַכט, אז אין דייטשלאַנד האָט אין 17טן י"ה דאָס טעאַטער זיך געפונען אונטער דער שטאַרקער השפּעה פון די „ענגלישע קאָמעדיאַנטן". די ענגלישע וואַנדערנדיקע טרופּעס און זייער רעפּערטואַר האָבן געהאַט אין דייטשלאַנד גרויס דערפאָלג נאָך אין אָנהייב 17טן י"ה. שוין אין 1624 איז אין דייטשלאַנד דערשינען אַ גאַנצע זאַמלונג פון אַזוי־גערופענע „ענגלישע פּיעסן" אונטער דעם קעפּל: „קאָמעדיע־ אונד טראַגעדיע־שפּילע"... זאַמפּט דער פּיקעלהערינג"

[29] op. c. 280–291.

אונטער דער ווירקונג פון די ענגלישע פיעסעס און זייער סטיל איז אין דייטשלאנד געשאפן געווארן א גאנץ אייגנארטיקע גאטונג דראמאטישע ווערק, וואס זיינען מיט דער צייט געקרוינט געווארן מיטן מאדנעם נאמען „הויפט־ אונד שטאאטס־אקציאן". ניט קאמעדיע, ניט דראמע, נאר פשוט „אקציאן", טעאטראלישע אויפפירונג. די פערסאנאזשן פון די דאזיקע „אקציאנען" האבן געמוזט זיין לויטער „העלדן" פון גאנץ געהויבענעם שטאנד: קיניגן, פרינצעסינס, קאנצלערס, קריגפירערס. צווישן די דאזיקע דראמאטישע העלדן מיט זייערע פאטעטיש־דערהויבענע רייד און מעשים האט געמוזט פלוצלונג „פון דער העלער הויט" זיך באווייזן די „לוסטיקע פערזאן" — דער „האנסווורסט", דער „פיקעלהערינג" מיט זיינע גראבע וויצן און קונדייסישע שטיק. „די ראלע פון דער לוסטיקער פערזאן — שרייבט דער היסטאריקער פונם דייטשן טעאטער עד. דעווריען — איז אייגנטלעך ניט קיין פעסט באשטימטע ראלע, נאר א ליידיקער חלל, וואס דער האנסווורסט האט, לויט זיין געשמאק, אויסגעפילט מיט א געמיש פון פיפיקייט, טיפשות, שפאט, געלעכטער, נארישקייטן און ניבול־פה... דאס איז געווען א טעאטראלישער טריק, א מין קאמישער כאר, וואס פארשארפט גראטעסק־ארטיק דאס קאמישע און לעבערלעכע פון דער סצענישער האנדלונג; עס איז דער פערזאניפיצירטער פאלקס־וויץ, וואס רייסט זיך אריין מיט גראבער חוצפה אין מיטן פון ערנסט־דראמאטישע סצענעס, בכדי אפשפאטן און חוזק מאכן פון דעם שטאלץ־יחסנישן און דערהויבן־פאטעטישן"[30].

דער קיניג און דער קלאון, דער העלד און זיין קאריקאטור, דער טראגישער פאטאס און דער גראבער שענק־וויץ, דער שנעלער בייט פון טראגישן און קאמישן — אט אין דעם גרעלן בילדער־קאנטראסט, אין דעם צונויפפארן פון די צוויי אנטקעגנגעזעצטע עלעמענטן אויף דער סצענע, איז באשטאנען די הויפט־אנציונגס־קראפט פון די „שטאאטס־אקציאנען".

ווי אין דעם שעקספיר־טעאטער, אזוי זיינען אויך אין די דאזיקע „אקציאנען" אפגעווארפן געווארן די געזעצן פון דעם אנטיקן טעאטער וועגן „איינהייט" פון ארט און צייט. אדרבה, אין די ענגלישע „אקציאנען" איז אלץ געווען ביז גאר „צעזייט און צעשפרייט": ווי אין א קאליידאסקאפ האבן זיך האסטיק געטראגן פארן צושויער איין סצענע נאך דער אנדערער, אין וועלכע עס איז אזוי אויסטערליש צונויפגעמישט

30 זע ED. Devrient, „Gesch. d. deutschen Schauspielkunst", 1905, B. I—II, 98—99.

דאס דערהויבענע מיטן קאמישן, דאס פאטעטיש־ריטארישע מיטן גראב־ וולגארן; און דאס אלץ ווערט נאך באגלייט מיט טענץ, מיט רעשיקן כאר־געזאנג, מיט פילפארביקן פייערווערק, מיט טרומייטן און שאל־ מייען... ניט ווייניקער „קאליידאסקאפיש" איז אויך די שפראך פון די „אקציאנען". די „העלדן" ריידן מיט אן אויפגעבלאזענער געקינסטלטער שפראך, אין וועלכער עס הערט זיך דער נאכקלאנג פון דער פסיידא־ קלאסישער פראנצויזישער טראגעדיע און פון דער מאניערלעכער הויף־ ליטעראטור אוים דעם 17טן י"ה. די „פרינצעסינס" און „קאנצלערס" קאקעטירן מיט לאטיינישע ווערטער און פראנצויזישע אויסדרוקן; און גלייך באווייזט זיך אויף דער סצענע דער האנסווורסט, די „לוסטיקע פערזאן" מיט זיין מענה־לשון, מיט זיין פישמארק־דיאלעקט און אויס־ געלאסענע גאסן־וויצן [81].

דעם גרעסטן גלאנץ האבן די „ענגלישע קאמעדיעס" דערגרייכט אין דייטשלאנד אדאנק דעם לייפציגער מאגיסטער יאהאן פעלטען, וואס האט אין אנהייב 70ער יארן פונם 17טן י"ה ארגאניזירט פון א גרופע סטודענטן זיין באריםטע טרופע (die berühmte Bande), מיט וועלכער ער האט אין משך פון איבער 25 יאר געוואנדערט איבער פארשיידענע שטעט אין דייטשלאנד [82].

לויט דעם מוסטער פון אט די דאזיקע „שטאאטס־אקציאנען" זיינען עס אין 17טן י"ה געשאפן געווארן א גאנצע צאל פיעסעס אין יידיש ספעציעל צום טעאטער־שפיל [83].

די ענלעכקייט איז ניט נאר אין דער קאנסטרוקציע, אין דעם סטיל, נאר אפילו אין סוזשעט. די „ענגלישע פיעסן" נוצן גאנץ אפט אוים ביבלישע סוזשעטן, ווי א שטייגער: המן און אחשורוש, מכירת יוסף, דוד און גלית, יהודית און הולופערן וכדומה. אויך דער יידישער רעפער־ טואר איז באשטאנען פון פיעסעס מיט די זעלבע סוזשעטן. דאך מוז דא גלייך אנגעוויזן ווערן איין זייער וויכטיקער אונטערשייד. די קריסט־ לעכע באארבעטער פון ביבלישע סוזשעטן האבן ביי זייער ארבעט אויס־ געגרעצט בלויז דעם ביבלישן טעקסט. גאנץ אנדערש איז עס צוגעגאנגען

81 מער באריכות וועגן דעם דייטשן רעפערטואר פון די „ענגלישע קאמעדיעס" זע: ק. וויַיס, „די וויענער הויפט־אונד שטאאטסאקציאן", ווין 1854; עד. דעווריען, ציט. ח. 160—83.
Ал. Весселовскій, Старинный театр в Европѣ;
П. Морозов, op. cit. 64—74.

82 באריכות וועגן פעלטענס טרופע און איר רעפערטואר זע: עד. דעווריען, ציט. וו. 125—148.

83 דער נאמען בלייבט אפילו דער אייגענער: „א ק ט א אסתר מיט אחשורש" „א ק צ י א ן פון קיניג דוד אונד גלית".

בעתן שאַפן די יידישע „אַקציאָנען". דער יידישער פאַרפאַסער שעפּט מיט אַ ברייטער האַנט אויס דעם גוואַלטיקן רייכן מדרש־מאַטעריאַל, נוצט אויס אַט די מיט דראַמאַטישע עלעמענטן אַזוי רייכע אגדות און לעגענדעס, וועלכע די פאָלקס־פאַנטאַזיע האָט געשפּונען און געפלאָכטן אַרום אירע געליבטע העלדן און באַשיצער. אָפט ווערט אפילו דער מאַטעריאַל גענומען ניט דירעקט אויס דעם מדרש, נאָר שוין אין פּאָעטישער איבערדיכטונג אויס דער עלטערער יידישער עפּאָס־ליטעראַטור[34].

ביים אויספאָרשן די אַנטוויקלונגס־געשיכטע און די גילגולים פון די יידישע פּיעסעס אויף ביבלישע סוזשעטן מוז מען אָבער אויך נעמען אין באַטראַכט פאָלגנדיקע פאַקטאָרן: קודם־כל מוז מען געדענקען, אַז די דאָזיקע פּיעסעס פלעגן געשפּילט ווערן דער עיקר אין משך פונם יידישן „קאַרנאַוואַל", ד"ה אין די פּורים־טעג, ווען מען איז „מרבים בשמחה", און זינט קדמונישע צייטן פלעגן געטריבן ווערן קאָמישע בדחנישע שטיק, מען האָט דעקלאַמירט אַלע מעגלעכע פּאַראָדיעס און אין דער שפּעטערדיקער צייט האָט מען געשפּילט לוסטיקע פאַרסן („פּורים־שפּיל"). פיל צו זאָגן האָט אויך דער פאַקט, וואָס די ביבלישע פּיעסעס פלעגן געשפּילט ווערן ניט בלויז דורך אַקטיאָרן אָדער ישיבה־בחורים אויף ספּעציעל איינגעאָרדנטע בינעס — זיי פלעגן אויך אויפפירן פריי־מיטיווע „פּורים־שפּילער", באַלמעלאָכישע לערן־יונגען, וואָס פלעגן פּורים אַרומגיין אין פאַרמעגלעכע הייזער און דאָרטן על רגל אחת אויפפירן די „פּורים־שפּיל". קודם־כל האָבן זיי געמוזט שטאַרק מקצר זיין. מיר ווייסן דאָך, אַז אַן „אַקציאָן" פלעגט געוויינלעך דויערן בערך 4—5 שעה; אַזוי פיל צייט האָבן אונזערע פּורים־שפּילער ניט געהאַט. חוץ לזה האָט די שפּיל געמוזט זיין וואָס פּרימיטיווער און די צאָל שוישפּילער וואָס ווייניקער. דערביי מוז מען אויך געדענקען, אַז דער רוב „פּורים־שפּילער" האָבן געהערט צו די נידעריקסטע שיכטן, און זיינען געווען פון די גאַנץ קנאַפּע יודעי ספר; האָבן זיי, נאַטירלעך, איבערגעמאַכט די ראָלן פון די פּיעסעס לויט זייער גוסט און געשמאַק, שטאַרק געווירצט מיט גראָבע וויצן און ניבול־פּה. אַזוי אַרום איז דער טעקסט פון די „אַקציאָנען" ביסלעכוויז געענדערט געוואָרן, די מחיצה צווישן דער לוסטיקער פערזאָן און די פּאַטעטישע העלדן ווערט אַלץ קלענער; ביסלעכוויז ווערט זי אין גאַנצן פאַרשוווּנדן, און די ראָלע פון דער „לוס־

34 ס'איז אַ שטיינער אינטערעסאַנט מהאי טעמא צו פאַרגלייכן די אויפגעהיטע ־לפערע פראַגמענטן פון דער „מלוכת שאול" = און „גלית"־שפּיל מיט די באַטרעפנדיקע שטעלן אין „שמואל־בוך"

טיקער פּערזאָן'' װערט אַפילו צײַטנװײַז צונױפגעשמאָלצן מיט די ,,העל־דישע'' פּערסאָנאַזשן. עס טרעפט אױך ניט זעלטן, אַז דער פּאַטעטישער סטיל פון דער פּיעסע װערט אינגאַנצן אַרױסגעשטױסן דורך דעם פּורים־דיקן פּאַראָדישן נוסח, און די טראַגעדיע װערט מגולגל אין אַ גראָטעסקער פּאַראָדיע.

בכדי בולטער מאַכן פאַרן לײענער אַט די אין ליטעראַטור־היסטאָרישער הינזיכט אינטערעסאַנטע מעטאַמאָרפאָזע, װעלן מיר גענױער באַטראַכטן די גילגולים, װאָס ס'איז אױסגעשטאַנען די פּאָפּולערסטע פון די ייִדישע פּיעסעס — די ,,אַקציאָן פון אסתּר מיט אחשורוש'', אָדער ,,אחשורוש-שפּיל''[85].

85 די גילגולים פון אחשורוש־שפּיל האָבן מיר באַהאַנדלט אין אַ ספּעציעלער אַרבעט אין „צוקונפט“ 192?, I.

צוועלפטער קאפיטל

גילגולים פון דעם „אחשורוש־שפיל" — די השפעה פון די קריסטלעכע ביבל דראמעס און „אקציאנען" אויף די יידישע „שפילן". — דער אורטעקסט פון דעם „אחשורש־שפיל" און זיין ערנסט־פאטעטישער טאן — די „אחשורוש־שפיל" פון 1708. — „אקטא אסתר מיט אחשורוש". — פראגמענטן פון אלטע אחשורוש־שפיל־טעקסטן — מרדכי „דער יידישער פירשט" און מאנדריש דער פאיאץ. — דער פאראדישער סטיל. — דער „מכירת יוסף" און זיינע װאריאנטן. — „עקדת יצחק" און „אברהם ושרה"־שפיל. — דער „שמואל־בוך"־און „מלכים־בוך"־טעקסט אין דראמאטישער באארבעטונג. — „גלית־שפיל", „מלוכת שאול", „חכמת שלמה" און „אשטדאי־שפיל". — „משה־רבנו־שפיל" און „משה מיט די לוחות".

די „אסתר־דראמע" אדער „אקטא אחשורוש" איז געװען איינע פון די באליבטסטע און פאפולערסטע פאלקס־פיעסעס אין מיטל־אייראפע אין משך פונם 16טן ביזן 18טן י"ה. איינינקע פארשער האבן אפילו װעגן דעם ספעציעלע װיסנשאפטלעכע ארבעטן געשריבן[1]. אין דער אויבן־דערמאנטער זאמלונג „ענגלישע פיעסן", װאס איז דערשינען אין דייטשלאנד אין 1624, איז פון אויבנאן אפגעדרוקט די „קאמעדיע װעגן דער קעניגין אסתר אונד דעם שטאלצען המן".

בעת ס'איז אין 1672 געמאכט געװארן אין רוסלאנד, ביים הויף פון מלך אלעקסיי מיכאילאװיטש, דער ערשטער פרוּװ א טעאטער־בינע אויפצובויען, און מען האט דערמיט באאויפטראגט דעם געבילדעטן דייטשן פאסטאר יאהאן גרעגארי, איז די ערשטע „קאמעדיע", װאס מען האט געשפילט פאר דעם גאטספארכטיקן רוסישן מלך, געװען „אקטא אחשורוש" (Артаксерксово дѣйство).

נאך מער איז דאס אחשורוש־שפיל באליבט געװען ביי אונז יידן, װייל עס איז דאך געװען ענג פארבונדן מיט דעם יידישן קארנאװאל — מיט דעם פריילעכן פורים, װען ס'איז א מצוה לוסטיק צו זיין. װי װייט די דאזיקע „אקציאן" איז געװען באליבט נאך אין די פריערדיקע דורות

---

1 זע אויבן.

ביי די ברייטע פאָלקס־קרייזן, קאָן מען זען פון דעם כאַראַקטעריסטישן פאַקט, אַז דער אויבן־דערמאָנטער[2] דוד זויגרש, וואָס האָט פאַרעפנט־לעכט אין 1711 „איין ניי קלאָג ליד פון דער גרוישי שרפה בק״ק פרנקפורט״, האַלט פאַר נייטיק אָנצווייזן, אַז זיין ליד איז געשריבן „בניגון של המן באחשורוש שפיל״. דער טעקסט פון דעם יידישן „אחשורוש־שפיל״ איז געווען גאַנץ פאַרשיידן פון די קריסטלעכע אסתר־דראַמעס און קאָמעדיעס. יענע זיינען, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, גע־ווען קודם־כל „ב י ב ל י ש ע״ דראַמעס, אין וועלכע ס׳איז דראַמאַטיש באַאַרבעט געוואָרן דער טעקסט פון מגילת אסתר. אין די יידישע „אחשורוש־שפילן״ איז אָבער אויסגענוצט געוואָרן ניט בלויז דער ביבלישער טעקסט, נאָר הויפּטזעכלעך דער לעגענדאַרער שטאָף בנוגע צום נס פון פורים, וואָס איז איינגעוועבט אין די פאַרשיידענע מדרשים, ווי דער אַראַמישער תרגום שני און די מיטלעלטערלעכע „מדרש אבא גוריון״, „מדרש אסתר רבתי״, „מדרש מגלת אסתר״ א״א[3]. דער עלטסטער געדרוקטער טעקסט פון אַן אויפגעהיטן „אחשורוש־שפיל״ שטאַמט פון 1708, און דערגאַנגען איז ער צו אונז נאָר אַדאַנק שודטן, וועלכער האָט אים איבערגעדרוקט אין זיין באַקאַנט ווערק „יודישע מערק־ווירדיקייטן״ (דריטער טייל, 202—225)[4]. שודט גופא דערציילט, אַז די עקזעמפּלאַרן פון דעם דאָזיקן אין 1708 פאַרעפנטלעכטן „אחשורוש־שפיל״ זיינען אויפן באַפעל פון די פרנסים פאַרברענט געוואָרן, עס איז דערפאַר באַלד געוואָרן אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנהייט און ס׳איז אים מיט גרוים מי געלונגען צו באַקומען אַן עקזעמפּלאַר[5]. בעת מען הייבט אָן לייענען דעם טעקסט, וואַרפט זיך קודם־כל אין די אויגן, אַז דער

---

2 זע אויבן, ז׳ 124.

3 אָבער די טעכנישע טעאַטראַלע מיטלען, די אַלע נויטיקע כלי־מכשירים, די מוזיק און צווישן־שפּילן, זיינען אויך אין די יידישע „אסתר־דראַמעס״ אויסגענוצט געוואָרן אין דער זעלבער מאָס, ווי אויף די קריסטלעכע בינעס.

4 אויפן שער־בלאַט איז דער אַנאָנימער אַרויסגעבער מכריז ומודיע: „איין שיין נייא אחשורוש־שפיל מיט אל דיא קונשטין איז עש וואָרין דער טראַכט, עש וועגט וואול זיין לעב־טאָג ניט אזוי גוט ווערדן גימאַכט. מיט הויפשי שייני קלאַנג־לידרן דען ריים־נאָך גישטעלט, דאש פר־האָפן מיר ווער עש קויפן ווערט אזוי אין ניט פר דריסן זיין געלט, ווייל השי״ת ברוך הוא האט אונז אין פורים געבן לושטיג צו זיין, אזוי האָבן מיר דרויף גימאַכט דאש אחשורוש־שפיל היפש און פיין. דרום אויך איר בעלי בתים און בחורים און יונגן קומט איר ביהענד צו לויפן, און טוט מיר דאש שייני אחשורוש־שפיל אבקויפן דאש געלט ווערט אייך ניט פר דריסן. ווען איר ווערט דרינן לעזן ווערט אייער געלט ווידר גניסן.

5 „יודישע מערקווירדיקייטן״, 2טער טייל, ז׳ 316.

אומבאַקאַנטער (וואַרשיינלעך איינער פון די פורים־שפּילער), וואָס האָט „געמאַכט דאָס אחשורוש־שפּיל היפּש און פיין", איז במחילה געווען אַ ווילדער עם־הארץ; יעדעס העברעיִש וואָרט גייט ביי אים אַרויס בשן־ועין, אַזוי, אַז עס איז ערטערווייז ממש שווער צו דערקענען. למשל, „קושה" פאַר קשיא, „מים תמי" דאַרף באַטייטן — מסתמא, „תנא" — טענה, „עריך עפּיים" — ארך אפּים, „לייבּרס" — לבריות, „שהעכה יאנה" — שהחינו אאז"וו, אאז"וו. בנוגע צום אינהאַלט גופא זיינען אינטערעסאַנט קודם־כּל צוויי פּרטים: ראשית הייבּט זיך אָן דאָס „אחשורוש־שפּיל" ניט מיט מעשה ושתי, נאָר גלייך פון מעשה אסתר. צווייטנס, ווערט די ראָלע פון דער קאָמישער פּערזאָן (דער פּיקעלהערינג, דער האַנסוואורסט פון די אַלע „הויפּט־ אונד שטאַאַטס־אַקציאָנען") פאַר טראָטן דורך איינע פון די הויפּט־פּערזאָנען אינם שטיק — דורך מרדכין, און אויך ערטערווייז דורך די איבעריקע פּערזאָנען: המן, דער שרייבּער און אַנד. דאָס איז ניט בלויז דער נאָכקלאַנג פון דעם פּאַראָדיע־סטיל, אין וועלכן עס זיינען שוין אין פריערדיקע דורות געשאַפן געוואָרן אַזוי פיל פריילעכע פורים־לידער און ליצנות־שטיק. דאָ מוז אויך גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז פאַר די „פורים־שפּילער" איז געווען זייער גע־ווונטשן, אַז אין זייערע „שפּילן" זאָלן זיין וואָס וויניקער „ראָלן". און עס איז גאַנץ באַגרייפלעך, אַז מיט דער ראָלע פון דער „לוסטיקער פּערזאָן" האָט מען געמוזט מזכּה זיין מרדכין, דעם איינציקן יידן אין דער פּיעסע, ווייל נאָר ער האָט דאָך געקאָנט שיטן מיט יידישע קאַלאַמבּורן און וויצן, פּאַראָדירן יידישע תּפילות, באַווייזן בדחנישע שטיק[6]. און ווייל דער געשמאַק פונם באַטרעפנדיקן פורים־שפּילער און זיינע חברים, וואָס האָבן אויף זייער שטייגער איבערגעאַרבעט דאָס „אחשורוש־שפּיל", איז געווען פון אַ גאַנץ נידעריקער מדרגה, זיינען מרדכיס וויצן און בופאַ־נאַדן אַזוי ציניש אומגעלומפּערט, אַז עס איז גאַנץ באַגרייפלעך פאַר־וואָס די פּרנסים און טובי העיר האָבן דאָס ווערק אַזוי גערודפט, און שודט, וואָס ווייזט אַליין אָן, אַז „די יידן גופא שעמען זיך מיט דער דאָזיקער המן־קאָמעדיע" — האָט איבערגעדרוקט בלויז דעם יידישן טעקסט אָן אַ דייטשער איבערזעצונג „אום ערגערנים דער אונשולדיגען הערצען צו פערמיידען".

עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ פאַר זיך ניט קיין זעלבשטענדיס ווערק, ניט קיין „אַקציאָן־שפּיל", און אויך ניט קיין פאַרם, נאָר אַ גראָב

6 דערויף האָט שוין אָנגעוויזן א. לאַנדוי אין מיטט 1904, 31.

ציגישע באַאַרבעטונג פון אַן עלטערן טעקסט[7]. בכדי צו באַקומען אַ מער־וויי־ניקער קלאָרן באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער פון די ערנסטע יידישע ביבלישע פּיעסעס, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן לויט דעם מוסטער פון די דייטשע ביבלישע דראַמעס, וואָלט קודם־כל גייטיק געווען פעסטצושטעלן: צי זיינען אויפגעהיט געוואָרן עלטערע יידישע טעקסטן, וואָס שטאַמען נאָך פונם 17טן י״ה, בעת אין דייטשלאַנד האָבן די ,,הויפּט־ און שטאַאַטס־אַקציאָנען'' דערגרייכט זייער העכסטן גלאַנץ. דאָס איז אָבער ליידער, אַ גאַנץ שווערע אויפגאַבע, ווייל די עלטסטע געדרוקטע טעקסטן, וואָס האָבן פעסטע באַשטימטע דאַטעס, שטאַמען פון דער ערשטער העלפט 18טן י״ה.

די באַקאַנטסטע פון די דאָזיקע אויסגאַבעס איז ,,אַקטא אסתר מיט אחשוורוש'', וואָס איז געדרוקט געוואָרן אין פּראָג אין 1720 און איז אויך, ווי עס איז אָנגעוויזן אויפן שער־בלאַט, ,,בשנה הזאת על ידי בחורי חמד בני הישיבה של אדוננו מורנו ורבנו הגאון המפורסם מוהר״ר דוד אפּנהיים נר״ו — אויף איין אפנטליכן דעאַטרום (טעאַטער) געשפּילט וואָרדן בחצוצרות ובשאר מיני זמר''[8].

לויט איר נוסח, שפּראַך און אַרכיטעקטאָניק איז די ,,אַקטא אסתר'' אַ טיפּישע פּיעסע פון דעם ,,הויפּט־ און שטאַאַטס־אַקציאָן''־רעפּערטואַר, נאָר מיט איין וויכטיקער אויסנאַמע: די לוסטיקע פּערזאָן, די ראָלע פונם האַנסוואורסט, שפּילט, ווי אין שודטס ,,אחשורוש־שפּיל'', מרדכי גופא, וועלכער דערקלערט, אַז דער מלך איז זיין מחותן און הייסן הייסט ער ,,פּרינץ ר׳ מרדכי''. אָבער טאַקע אין דער פּיעסע גופא איז דאָ אַ רמז דערויף, אַז עס איז נאָך דעמאָלט געווען גאַנץ פריש די מסורה וועגן צוויי באַזונדערע ראָלן אין ,,אַקציאָן אסתר עם אחשורוש'': די ראָלע פון דער לוסטיקער פּערזאָן, דעם איםפּראָוויזאַטאָר פּיקעלהערינג, און

---

[7] מיר באַטראַכטן דאָ די אַדאַנק שודטן אויפגעהיטע „אחשורוש־שפּיל" בלויז פון דער ליטעראַרישער זייט. פונם ריין סצעניש־טעאַטראַלישן שטאַנדפּונקט זיינען אין דעם דאָזיקן שפּיל דווקא פאַראַן אייניקע גאַנץ געלונגענע מאָמענטן, ווי, צום ביישפּיל, די לעצטע סצענע מיט המנס „תחית המתים", ווו המן דערקלערט: „איך בין גיוועזן אויף יענער וועלט אונ' האב גישויעט פיל געלט".

[8] די „אַקטאַ אסתר" איז איבערגעדרוקט אין 1763 און 1774; גרעסערע אויסצינגן געפינען זיך אין וויינרייכס אַרבעט אין „פילאָלאָגישע שריפטן", וו, 439—449. „בחצוצרות ובשאר מיני זמר" איז אויפגעפירט געוואָרן נים בלויז די „אַקטאַ אסתר" אין „אפנ־טליכן דעאַטרום", נאָר אויך אַלע אַנדערע „אחשורוש־שפּילן", וואָס פלעגן אַפילו אויפ־געפירט ווערן דורך די פּרימיטיווע פורים־שפּילער אין די פּאַרטעגלעכע הייזער (זע, למשל, „טיטטייל." 9, „יוד. פאָלקסקאַלענדער", 1908, 151, ווו עס ווערט דערציילט וועגן פורים־שפּיל אין בערלין אין יאָר 1703).

די ראָלע פון דעם חשובן הויפמאַן, דעם ראָטגעבער „פּרינץ ר׳ מרדכי״. אויפן לעצטן זייטל פון „אקטא אסתר״ געפינען זיך דריי האָלצשניטן: אויף די אויבערשטע צוויי — די בילדער פון מרדכין און המנען: מרדכי אין רייכע קליידער פון אַ הויפמאַן, און המן געקליידט אין דער קרי־גערישער טראַכט פון אַ מיטלעלטערלעכן ריטער. אויפן דריטן האָלצשניט זיינען אויסגעמאָלט דריי פּאַיאַצן אין זייערע „נאַרן־קליידער״. די לוס־טיקע פּערזאָן האָט נאָך בכן קיין שום שייכות ניט צום „פּרינץ ר׳ מרדכי״.

און טאַקע מיט צוויי יאָר פאַר „אקטא אסתר״ איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן (1718) אין אַמסטערדאַם אַן „אחשורוש־שפּיל״ אונטער פאָלגנ־דיקן טיטל: „אחשורוש־שפּיל אויף איינען נייאַן אופן גלייך איינר אפּרא (אָפּערע) אונ׳ איז אויז גיצאָגין פון תרגום שני ומדרש ילקוט אונ׳ אנדרין מדרשים אונ׳ אויף איין זאלכי מאַניר גישטעלט גלייך וויא עז פון רעכטין קאָמעדיאַנטן גישפּילט ווערט״[9].

אין דעם דאָזיקן „שפּיל״ איז מרדכי ניט קיין קאָמישע פיגור, ער רעדט אין דעם זעלבן פּאַטעטיש שטאַרק דייטשמערישן סטיל, ווי די איבעריקע „העלדן״. עס פעלט אָבער בכלל אין דעם אַמ־סטערדאַמער „אחשורוש־שפּיל״ די לוסטיקע פּערזאָן, און עס ווערט דורכדעם צעשטערט דער „אַקציאָן״־נוסח. גיט אומזיסט ווערט אונ־טערגעשטראָכן, אַז די דאָזיקע „שפּיל״ איז „אויף איינן נייאַן אופן גלייך איינר אפּרא״.

אינטערעסאַנטע אָנווייזונגען וועגן די גילגולים פונם „אחשורוש־שפּיל״ גיבן אונז אָבער אייניקע טעקסטן, וואָס זיינען אויפגעהיט אַדאַנק דער מינדלעכער מסורה. שטיינשניידער דערמאָנט אין זיין „פּורים אונד פּאַראָדיע״[10] אַ לעמבערגער אויסגאַבע פונם „אחשורוש־שפּיל״, גע־דרוקט אין 1876. אויפן שער־בלאַט שטייט געדרוקט: „אחשורוש־שפּיל, אויף עברי טייטש. יעדער זאָל קענין לייניִן גרויס אונ׳ קליין, כּדי יעדער זאָל קענין פרשטיין. הובא לבית הדפוס ע״י הרבני מו׳ צבי הירש צוקר נ״י״. דער דאָזיקער טעקסט איז שוין פריער מיט 13 יאָר אָפּגע־דרוקט אין טשערנאָוויץ[11] און מיר וועלן דערפאַר דעם דאָזיקן טעקסט

---

9 אויך אוים דער פּיעסע ברענגט ד״ר מ. וויינרייך גרעסערע אויסצוגן אין זיין אויבן־ציטירטער אַרבעט.

10 „מאָנאַטסשריפט״, 1903, 86.

11 מיר האָבן די טשערנאָוויצער אויסגאַבע ניט געזען. די ציטאַטן, וואָס א. לאַנדוי ברענגט פון דאָרטן אין זיין אויבן־דערמאָנטער נאָטיץ, שטימען פולשטענדיג מיטן לעמבערגער טעקסט.

באַצייכענען מיטן בוכשטאַב C. ביי שיפּערן אין זיין טעאַטער־געשיכטע איז אָבער מיט דעם דאָזיקן טעקסט אַ גאַנצער פּלאָנטער. אין דעם צווייטן באַנד פון זיין ווערק פּטרט ד״ר שיפּער אָפּ דעם דאָזיקן וואַריאַנט מיט אַ פּאָר שורות און באַנוגנט זיך מיט דער אָנווייזונג, אַז דער דאָזיקער טעקסט איז פונם זעלבן שניט ווי די „אחשורוש־שפּיל״, וואָס ס׳איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1912 אין דעם ווילנער „לעבן און וויסנשאַפט״ (נומ׳ 5—6, 189—197). דאָס איז אָבער געווים ניט ריכטיק. די דאָזיקע צוויי וואַריאַנטן גייען זיך דווקא שטאַרק פונאַנדער אי אין דער שפּראַך, אי אין דעם סצענישן אויפבוי. עס שיינט אָבער, אַז ד״ר שיפּער האָט זיך באַקענט מיט דעם טעקסט C בלויז דורך אַ צווייטער האַנט, און די דאָזיקע השערה באַשטעטיקט טאַקע ד״ר שיפּער גופא. אין זיין „יידישע פאָלקס־דראַמאַטיק״ (ז׳ 265)[12] ווייזט ד״ר שיפּער אָן, אַז נאָכדעם ווי ער האָט פאַרעפנטלעכט דעם צווייטן באַנד פון זיין „געשיכטע פון יידישער טעאַטער־קונסט און דראַמע״ איז דערשינען אַ נייער בּיז איצט אים אומבאַקאַנטער „זייער וויכטיקער וואַריאַנט פונם אחשורוש־שפּיל״. דער דאָזיקער וואַריאַנט, וואָס ש. באַסטאָמסקי האָט אין ווילנע אַרויסגעגעבן (1926), שטרייכט באַזונדערס אונטער ד״ר שיפּער, „איז דער איינציקער באַוווּסטער וואַריאַנט פונם אחשורוש־שפּיל, אין וועלכן ס׳זיינען פאַרהיטגרויסע טיילן פון מאָנדרישם ראָלע״ (דאָרטן, 267). ד״ר שיפּער האָט אָבער דאָ אַ גרייליכן טעות. אין באַסטאָמסקיס „אחשורוש־שפּיל״ איז ניטאָ קיין איין־איינציקע שורה, וואָס זאָל זיך ניט געפינען אין וואַריאַנט C. מער ניט, דער לויט שיפּער „נייער זייער וויכטיקער וואַריאַנט״ איז לגבי דעם וואַריאַנט C שטאַרק געקירצט (מאָנדרישם ראָלע אויך) און די שפּראַך איז דאָרט מאָדערניזירט, עס טרעפט דערפאַר גאַנץ אָפט, אַז דער גראַם גייט דורכדעם פאַרלאָרן[13].

דער טעקסט פון וואַריאַנט C איז אַזוי גריילעך פאַרפּלאָנטערט, אַז עס איז אין דער התחלה ממש ניט מעגלעך אַרויסבאַקומען דעם פּשוטן פּשט. רעפּליקעס פון פאַרשיידענע פּערזאָנען זיינען גאַנץ אָפט צונויפגעמישט צוזאַמען, און ווען דער ערשטער זאַץ איז אויף איין זייטל, מוז מען דעם צווייטן זוכן ערגעץ־ווו אויף אַן אַנדער זייטל ביי אַ צווייטער

12 דערשינען אין 1928.

13 בלויז אין איין וויכטיקן פונקט גייט זיך באַסטאָמסקיס וואַריאַנט פונאַנדער מיט וואַריאַנט C, אין ערשטן איז מסדר קדושין מאָנדריש (ז׳ 27), אין וואַריאַנט C — מרדכי.

פערזאָן אין מויל. דאָך, ווען מען צעגלידערט אויפמערקזאַם דעם טעקסט, ווערט באַלד קלאָר, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ זייער פאַרגרייזטן און פאַרקריפּלטן, אָבער דערפאַר אַ בלי־ספק גאַנץ אַלטן „אחשורוש־שפּיל"־טעקסט, וואָס שטאַמט העכסט וואַרשיינלעך פונם 17טן י"ה, און איז געווים גאַנץ נאָענט צום אור־טעקסט פון דער אורשפּרינגלעכער „אחשורוש־אַקציאָן", וואָס איז געשאַפן געוואָרן לויט דעם מוסטער פון די „ענגלישע פּיעסן".

אינטערעסאַנט איז קודם־כל די פּערזאָנען־פאַרצייכעניש אין דעם דאָזיקן אחשורוש־שפּיל: אחשורוש — דער מלך, ושתי — די מלכּה, רץ — דער לויפער, בגתנא — דער קאַנצלער, מרדכי — דער יידישער פירשט, אסתר — די מלכּה, המן — דער פרינץ פון די עמלקים, זרש — זיין ווייב, מאַנדריש — דער הויף־נאַר. בכן, זיינען מרדכי און מאַנדריש צוויי גאַנץ פאַרשיידענע פּערזאָנען. איינער איז אַ „פירשט", דער צווייטער — דער „הויף־נאַר", דער קלאָון, דער פּיקעלהערינג. און דאָס באַמערקט זיך טאַקע גאַנץ בולט אויס דעם טעקסט גופא אינם משך פון דער ערשטער העלפט. מרדכי שפּילט דאָרט ווירקלעך די ראָלע פון אַ „פירשט", אַ שררה ביים מלכס הויף. בעת עס קומט פאַר צווישן אים און המנען אַ צאַנקעריי, שטילט זיי אחשורוש איין מיט די ווערטער: „וואָס איז ביי מיר איין געוואלט זא שארף, דען איך קעניגליכע לייט בעדארף, דרום איר ליבן לייטן, לאָזט אייך ניט טייטן". ווען דער צאָרנדיקער קיניג האָט בדעה די קיניגין ושתי צו פאַרמשפּטן צום טויט, האַלט ער זיך אַן עצה מיט ביידע פירשטן: מיטן „פרינץ פון די עמלקים", המן, און מיטן „יידישן פירשט" — מרדכי, און מרדכי ענטפערט דעם קיניג אינם טאָן פון אַן אמתן שררה [14].

ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אין אונזער אויבן־דערמאָנטער אַרבעט [15], זיינען אין דעם טעקסט C מעכאַניש צונויפגעמישט צוויי פאַרשיידענע וואַריאַנטן: איינער פאַרנעמט די ערשטע 22 זייטלעך [16], דאַן אויך פון זייטל 39 ביזן סוף, די מיטלסטע 16 זייטלעך שטאַמען פון אַן אַנדער וואַריאַנט. דער ערשטער וואַריאַנט איז געווים אַ גאַנץ אַלטער, בלי־ספק באַדייטנד עלטער פון דעם טעקסט, וואָס שודט האָט איבערגעדרוקט (דעם דאָזיקן טעקסט ווע‍לן מיר ווייטער באַצייכענען מיטן בוכשטאַב S); דערפאַר אָבער שטאַרק פאַרגרייזט, פאַרפלאָנטערט און

14 ווענן רעקאָנסטרויִרטן אור־טעקסט פון דעם אחשורוש־שפּיל, זע ביילאַגע נומ' 7.

15 זע „צוקונפט", 1923, I.

16 מיר ציטירן לויט דער לעמבערגער אויסגאַבע פון 1876 (דרוק פון הירש צוקער).

מיט פיל הפסקות. אין דעם דאָזיקן עלטערן טייל ריידן די הויפּטפּערזאָנען, ווי אין אַלע „אַקציאָנען" פון יענער צייט, אין פּאַטעטיש-פּרימיטיוור דראַמאַטישן סטיל. זייערע רייד (אַפילו המן מאַכט ניט קיין אויסנאַם) זיינען פריי פון קאָמישע עלעמענטן, בפרט פון ניבול-פּה און סתם בדחנות. דערפאַר אָבער ווערט, ווי אין אַלע „אַקציאָנען" פון יענער צייט, די דראַמאַטישע האַנדלונג איבערגעריסן דורך ספּעציעלע קאָמישע צווישנשפּילן (אינטערמעדיעס)[17]. עס טרעט אַרויס די לוסטיקע פּערזאָן, דער איינגנאַרטיקער יידישער פּיקעלהערינג — מאַנדריש, און מאַכט אַלערליי שטיק, אַמוזירט דעם עולם מיט קאַלאַמבורן און גראָבע בופאָנאַדן. נאָך פלוצלונג (אויף זייטל 23 פון דער לעמבערגער אויסגאַבע), בעת מאַנדריש שיט מיט קאַלאַמבורן און פּאַראָדירט יידישע תּפילות, ווערט ער מיט אַמאָל פון דער העלער הויט מגולגל אין מרדכין. מרדכי און מאַנדריש ווערן צונויפגעשמאָלצן אין איין פּערזאָן, וואָס טרייבט נאַרישע שטיק און שיט מיט ניבול-פּה. עס איז קלאָר: דאָ האָבן מיר זיך אָן אַ גאַנץ אַנדערער, שפּעטערדיקער וואַריאַנט, שוין ניט פון דער דראַמע „אַחשורוש-שפּיל", נאָר פונם פּורים-שפּיל. אַפילו אין דעם וואַריאַנט S (וואָס שודט האָט פאַרעפנטלעכט אין זיינע „מערקווירדיקייטן") איז נאָך צו באַמערקן, אמת, בלויז אין אַ פּאָר שטעלן, רעשטלעך פון דעם אַלטן אור-טעקסט, ווו מרדכי און די „לוסטיקע פּערזאָן" זיינען געווען צוויי באַזונדערע פּערסאָנאַזשן. אויף זייט 205 לייענען מיר: „אומר מרדכי", און דערבײַ קומט די באַמערקונג: „געט מרדכי אַרויס און ווידער אַריין און זאָגט". און מרדכי דערקלערט דעם קיניג, אַז ער איז „גילויפן טאָג און נאַכט" און האָט פאַר אים געפונען אַ יונגפרוי, וואָס „מיט דעם ערשטן נאָמען הייסט זי אסתּר". און פלוצלונג, גלייך נאָך מרדכיס רעפּליקע, קומט די אומדערוואַרטע און גאַנץ זינלאָזע מעלדונג: „באַ מרדכי". נאָר אָט דער מרדכי, וואָס קומט ערשט איצט אַריין, איז שוין גאָר אַן אַנדער פּערזאָן — דאָס איז דער מאַנדריש, דער שפּאַסמאַכער, וואָס מאַכט לוסטיק דעם עולם מיט זיינע נאַרישע שטיק און שיט מיט ציניש ע רייד. דאָס זעלבע חזרט זיך איבער ווייטער (זייט 214—215) אין דעם אויפטריט צווישן אסתּר המלכּה, התך און מרדכי, נאָך דעם ווי המן האָט פונם קיניג באַקומען די דערלויבעניש צו פאַרטיליקן די יידן. דער גאַנצער אויפטריט

---

17 די דאָזיקע קאָמישע צווישנשפּילן האָבן אויך אין די דײַטשע „אַקציאָנען" ניט געהאַט קיין פעסטגעשטעלטן טעקסט — זיי פלעגט איםפּראָוויזירן די „לוסטיקע פּערזאָן", דער „פּיקעל-הערינג". מע באַגעגנט דערפאַר גאַנץ אָפט אינם טעקסט פון די „שטאַאַטסאַקציאָנען" די באַמערקונג: „אַלהיר אַגירט פּיקעלהערינג", אָדער: „אינטער-מעצאָ פון האַנס-וורסט".

פאָלגט געטריי דער תּרגום־שני; נאָר אויף זייט 215, נאָכדעם ווי „אומר מרדכי'', אַז ער „וויל ליבּר אויף קבר אָבות אַניין גען'', קומט ווידער אַמאָל די גאַנץ אומדערוואַרטע רעמאַרקע: „קומט מרדכי אַניין''. און אויך דאָס מאָל איז דער מרדכי, וואָס קומט אָקאָרשט „אַניין'', ניט דער מרדכי היהודי, אסתּרס פעטער, דער מליץ־יושר, וואָס וויל ראַטעווען זיין פאָלק, נאָר אַ שפּאַסמאַכער, אַן אומגעלומפּערטער קוני־לעמל, וואָס שיט מיט בּדחניש־גראָבע וויצן און נאַרישע המצאות. אויף אַזאַ אופן ווערט דורך דעם געשמאַקלאָזן „פּורים־שפּילער'' די דראַמאַטיש־פּאַטעטישע סצענע פונם פאָלקס־שטיק מיט אַמאָל איבּערגעריסן. מיר ווייסן, אַז לויט דעם תּרגום שני און אַנדערע מדרשים[18], זיינען ווייטער, נאָך התכם שליחות, אסתּר און מרדכי ביידע מתפּלל פאַר גאָט, און זייערע תּפילות זיינען אַזוינע האַרציקע, פול מיט פּאַטאָס. און אַז דער דאָזיקער דראַמאַטישער מאָמענט איז געהעריק אויסגענוצט געוואָרן אין דעם אור־שפּרינגלעכן טעקסט פון דער פאָלקס־פּיעסע, לערנט אונז אַן עלטערער וואַריאַנט, וואָס איז אויפגעהיט דורך דער מינדלעכער מסורה, און דער פאַרשטאָרבּענער עטנאָגראַף ש. וויסענבּערג האָט אים אָפּגעשריבּן און פאַרעפנטלעכט[19]. שפּראַכלעך איז דער דאָזיקער טעקסט שטאַרק מאָדערניזירט, עס איז אָבּער אָן אַ שום ספק, אַז דער אורשפּרינגלעכער מקור פון דעם דאָזיקן „פּורים־שפּיל'' איז געווען אַ גאַנץ אַלטער טעקסט, און אייניקע סצענעס זיינען דאָרט אין אַלגעמיין טרייער און ריכטיקער איבּערגעגעבּן, ווי אין אַנדערע אויפגעהיטע וואַריאַנטן. דאָס איז אויך דער פאַל בּיי דער אָקאָרשט דערמאָנטער סצענע. אין דעם דאָזיקן וואַריאַנט ווערן אָנשטאָט מרדכי־מאַנדרישעס נאַרישע שטיק, וואָס מיר באַגעגענען אין וואַריאַנט S — געבּראַכט ביידע תּפילות פון מרדכי און אסתּר אין העכסט־פּאַטעטישן סטיל. די שפּראַך פון די תּפילות איז שוין היינטמאָדיש, עס הערט זיך דער קערנדיקער וואָלינער דיאַלעקט, אָבּער דער תּוך שטאַמט געוויס פון אַ גאַנץ אַלטן טעקסט. פּשוטע פּורים־שפּילער, וואָס באַצוועקן בּלויז צו אַמוזירן דעם עולם, וואָלטן ניט געווען אימשטאַנד אַזוי קונציק אויסנוצן אין מרדכים תּפילה די שיינע לעגענדע פונם תּרגום שני[20], וואָס דערציילט, ווי אין דער געוויסער נאַכט,

---

18 עס איז אויפגעהיט אין אַראַמיש און העברעיִש אַ ספּעציעלער פראַגמענט „תּפלת מרדכי ואסתּר".

19 „מיטטיילונגען", 1904. ווייטער וועלן מיר דעם דאָזיקן וואַריאַנט באַצייכענען מיטן בּוכשטאַב W.

20 קאַפּ. 6, 1, געפינט זיך אויך אין שפּעטערדיקע מדרשים, אינם „אבא גוריון" און אין „מדרש מגלה אסתּר".

ווען „נדדה שנת המלך‟, זיינען דערגאַנגען די געשרייען פון די יידישע קינדער ביז אין די הימלען אריין, און ביי דעם בורא עולם האָבן זיי אויסגעוויזן ווי קולות פון לעמער און ציקעלעך (ואשתמעת לקדם מרי עלמא היך קל גדיין ועזין)[21]. דערציטערט זיינען דעמאָלט געוואָרן די מלאכי מרום, דערשראָקן האָבן זיי זיך אויפגעהויבן, און געפרעגט איינער ביים אנדערן: אפשר איז די צייט געקומען די וועלט זאָל חרוב ווערן? (דלמא אתא זמנא למהוי עלם חרוב). האָבן זיי זיך אַלע פאַרזאַמלט פאַרן האַר פון דער וועלט; פרעגט זיי דער רבון עולם: „וואָס איז דאָס, אַ קול פון ציקעלעך, וואָס איך הער?‟ האָט געענטפערט די מדת הרחמים און אזוי געזאָגט: „דאָס הערסטו ניט קיין קול פון ציקעלעך, נאָר דאָס געוויין פון יידישע קינדער, וואָס המן הרשע וויל זיי אויס־שעכטן!‟ אין וואַריאַנט W לייענען מיר אין מרדכים תפילה:

ווען די קינדער אָנהייבן שרייען פון די וויקעלעך,
וועלן די מלאכים פרעגן: וואָס איז פאַר אַ קול פון קליינע ציקעלעך?
וועט ענפערן דער מדת הרחמים: ס'איז אַ קול פון יידישע קינדער;
ס'אויפגעשטאַנען אויף זיי המן הרשע און וויל זיי אויסקוילען
ווי די שאָף און ווי די רינדער.

דאָס זעלבע זעען מיר אויך אין דער סצענע, ווו המן פאָדערט פון „אַלע הערן‟, און אויך פון מרדכין, זיי זאָלן זיך פאַר אים בוקן. אין טעקסט W אַנטוויקלט זיך די אונטערהאַנדלונג אין דראַמאַטיש־ערנסטן טאָן, ביי S אָבער מאַכט מרדכי נאַריש־בטלנישע שטיק: ס'איז ניט דער הויפּטמאַן, איינער פון די „פירשטן און גראַבין‟, דער יידישער מליץ־יושר, נאָר דער נאַרישער, באַהעלפער־יונג, וואָס וויל פרייליך מאַכן דעם עולם.

עס איז בכן אויסער ספק, אַז אין די אַלטע „אחשורוש־אַקציאָנען‟ פונם 17טן י״ה, וואָס פלעגן געשפּילט ווערן אויף דער יידישער בינע, איז די קאָמישע פּערזאָן געוועזן אַ גאַנץ זעלבשטענדיקע, ניט צונויפגע־שמאָלצן מיט מרדכין, אָדער מיט וועלכער פון די איבעריקע הויפּט־פיגורן; אויך איז די דאָזיקע פיגור געווים ניט געוועזן דירעקט פאַרבונדן מיט דער דראַמאַטישער האַנדלונג: זי פלעגט זיך בלויז באַווייזן אין די צווישן־שפּילן דעם עולם צו אַמוזירן. עס איז אויך אויסער ספק, אַז אין די אַלטע „אחשורוש־שפּילן‟ איז מרדכי, אין פולן הסכם מיט מגילת אסתר און די מדרשים (און ווי דאָס איז טאַקע דער פאַל אין „אחשורוש־

---

21 אין מדרש מגלת אסתר: „וישמע הקב״ה.. ואמר: מה קול הרעש הזה ששמעתי ככבשים וכגדיים („אגדת אגדות‟, 1881, 73)

שפּיל" פון 1718 און אין די עלטערע טײלן פון די וואַריאַנטן C און W) — דער פרומער ייד, דער צדיק און מליץ־יושר, וואָס דורך אים קומט די ישועה פאַרן פאָלק ישראל. דאָס זעלבע איז אויך בנוגע אסתּר המלכּה. עס איז גאָר אָן אַ שום ספק, אַז אין די עלטערע נוסחאות פונם „אחשורוש־אַקציאָן" איז אסתּר פון איר ערשטן אויפטריט ביז צום סוף — די קיניגין, די שטאָלצע מלכּה, וואָס רעדט אין דעם נאַיוו־פאָלקסטימלעכן הויף־פּאַטעטישן סטיל. און דאָס איז דער פאַל ניט בלויז בײַ די צוויי הויפּט־פיגורן, נאָר אויך בײַ דער דריטער הויפּט־פּערזאָן, ריכטיקער גע־זאָגט, בײַ דער צענטראַלער פיגור פון דער דראַמע — בײַ המנען. עס איז זייער כאַראַקטעריסטיש, וואָס איז דער יידישער מסורה פיגורירט טאַקע המן אַלס גרויסער רשע, ער איז דער סימבאָל פון האַס און נקמה, ער איז ממש די סיטרא אַחרא גופא, אָבער אָן אַ מינדסטן קאָמישן שטריך, אָן אַ שפּור פון קליינלעכער נישטיקייט. אפילו אחשורוש צאָרנדיקע ווערטער: „הגם לכבוש את המלכּה!" טײַטשט אָן אַלטער מדרש אויס אויף אַזאַ אופן, אַז המן האָט גאָר אפילו ניט בדעה געהאַט די קיניגין צו באַליידיקן, נאָר דער מלאך גבריאל איז געקומען און האָט אים אויפן בעט געשטויסן, ווו אסתּר־המלכּה איז געזעסן. נאָך ווייטער איז געגאַנגען די פאָלקס־פאַנטאַזיע, אויף ווי ווייט זי האָט זיך אַנטפּלעקט אין דעם אַלטן פאָלקסטימלעכן „אחשורוש-שפּיל". דאָס זעען מיר גאַנץ בולט אינם טעקסט C, וואָס שטייט, ווי מיר האָבן פריער אָנגעוויזן, צום־נאָענטסטן צו דעם אורשפּרינגלעכן טעקסט פון דער פּיעסע[22]. שוין אין דעם ערשטן אַרויסטריט זײַנעם, ווו ער ווענדט זיך מיט אַ געבעט „צום גרויסן גאָט", דערקלערט המן, אַז ער האָט שוין זינט לאַנגע יאָרן „גע־קוקט אין די ביכער" און דאָרט אַרויסגעפונען, אַז די יידן מוזן דורך זײַנע „הענט ווערן פאַרלאָרן". זײַן שנאה צו יידן, דאָס איז ניט קיין קאַפּריז, עס איז ממש אַ השגחה־זאַך, אַ מין פאַטום; דאָס שטעקט דאָך אין זײַן בלוט, ער האָט עס בירושה באַקומען פון זײַנע עלטער־עלטער־זיידעס, ער איז דאָך „דער פּרינץ פון די עמלקים", אָן אוראייניקל פון דעם מלך אגג, וועלכן שמואל הנביא האָט אויף צווייען צעשפּאָלטן. מער פון אַלעם האָט ער מורא „מען זאָל אויס אים ניט לאַכן". און עס איז ממש צו שטוינען, ווי אַזוי אין דעם פון וואַריאַנט C אויפגעהיטן טעקסט פלייסט זיך דער אומבאַקאַנטער פאַרפאַסער צו דערפילן דעם דאָזיקן דערוויגנטש פון המן „צורר היהודים". און ווען המן האָט די מפּלה, דער־

22 עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז אפילו אין שודטס „אחשורוש־שפּיל" באַקומט מען צו הערן די איינציקע, געצײלטע האַרציקע און פּאָעטישע פערזן פונם גאַנצן שטיק — אויס ה מ נ ס מויל, בעת ער געזעגנט זיך מיט זײַן ווייב זרש.

לאָזט דער פאַרפאַסער ניט מען זאָל פון אים לאַכן; אַלע זיינע סימפּאַטיעס זיינען אויף דער זייט פונם געפאַלענעם רשע. און די צושויער דערזעען פלוצלונג, אַז דער „פרינץ פון די עמלקים" איז ניט בלויז דער „צורר היהודים", דער פאַרביסענער רשע, נאָר אַ שטאַרקע פערזענלעכקייט מיט טיפע געפילן, און אַ צערטלעכער פאַמיליע־פאָטער דערצו. שיין און רירנד זיינען די פערזן, ווו המן רעדט וועגן זיין פאָטער און מוטער, און פול מיט וויכן, האַרציקן טרויער איז זיין לעצטע רעדע, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט דעם הכנעהדיק־פרומען אַקאָרד:

הויך דאַרף זיך קיין מענטש ניט האַלטען,
צום לעצט טועט מען אים אין אַ פינסטערן גריב באַהאַלטען.

און אין וואָס פאַר אַ שאַרפן קאָנטראַסט געפינט זיך די דאָזיקע שלום־סצענע מיט דעם נאַריש־גראָבן סוף פון דעם „פורים־שפּיל", וואָס שודט האָט איבערגעדרוקט: אויפגעהאַנגען המנען, זאָגט אים נאָך דער שרייבער „איין גוטן זעגן":

אָך און וויי איז ער געוועזן אַזוי שֵין
ער האָט גערן געסן חזר־פיסלעך מיט גְרֵין (כריין);
אָך און וויי איז ער געוועזן אַזוי קלוג
יין נסך האָט ער געטרונעקן אויז איין קרוג...[28]
אָך און וויי, ווי האָט ער געסן מיט שיינע מעסר
ביי גראָבן און פירשטן האָט ער אויף געבראָכן אַלע שלעסער...
אָמר המלך לשרייבר: שרייבר, גיב אים איין גלאָז אין זיינע אָרין (אויערן)
פיליכט ווערט ער ווידר ווערן געבארן.

און המן ווערט טאַקע „ווידר געבאָרן" און איז גלייך מכריז ומודיע:

איך בין געוועזן אויף יענער וועלט
און האב געשויעט פיל געלט.

און אַז דער שרייבער פרעגט: איי דו שעלם, ווארום האסט עס ניט גענומען? דערקלערט המן: איך האב געפארכטן, איך ווער אום מיין לעבן קומען.

עס איז כדאַי נאָך אָנצווייזן אויף איין כאַראַקטעריסטישן שטריך אין דעם אורטעקסט פון דעם „אחשורוש־שפּיל", אויף ווי וויט ער איז נאָך אויפגעהיט אין די עלטערע צו אונז דערגאַנגענע וואַריאַנטן: אינם

---

[28] דאָ קומען צחיי ציניש פערזן, וועלכע מיר לאָזן דורך.

ערשטן אקט ווערט ושתי צום טויט פאראורטיילט אויף המנס באראט. ושתי בעט ביי המנען, ער זאל איר יונג לעבן שוינען, און המן זאגט אפ. בעט דאן ושתי ביים קאנצלער, ער זאל זי צום קיניג צולאזן און רחמים ביי אים בעטן. זי האט אבער אויך ביים קיניג קיין גענאד ניט געפונען. אין דעם לעצטן אקט חזרן זיך ווידער אמאל איבער די זעלבע סצענעס, נאר שוין מיט המנען גופא. דורך ושתים נאכפאלגערין פאלט ער אין אומחן ביים קיניג, און ווערט צום טויט פארמשפט. איצט בעט שוין המן ביים קאנצלער, יענער זאל אים צום קיניג צולאזן, ער וויל ביי אחשורושן פאר זיין לעבן בעטן; און אויך דאס מאל בלייבט דער קיניג ביי זיינעם, און דער משפט ווערט אויסגעפירט...

די דאזיקע גילגולים, וואס דער דראמאטישער שטאף פון דעם „אחשורוש־שפיל״ האט דורכגעמאכט, די שפעטערדיקע אומוואנדלונגען פון ערנסט־פאטעטישן טאן אין דעם עלטערן נוסח פונם פאלקס־שפיל — אין א ווולגאר־פאראדישן, — דאס אלץ איז ניט שווער צו דערקלערן בעת מען נעמט אין באטראכט פאלגנדיקע אומשטאנדן: אחוץ די ערנסטע „אקציאנען״ האבן, ווי מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, שטארק אויס־גענומען אויף דער יידישער גאס די פרייליכע פאסט־נאכט־שפילן. דער קאמישער עלעמענט איז אויך געווען שטארק פארטראטן אין די צווישנ־שפילן פון די „אקציאנען״, אין די אזוי־גערופענע אינטערמעדיעס. דארט פלעגן איינגעפלאכטן ווערן אלע מעגלעכע פאראדיעס, וואס זיינען שוין פון לאנגע דורות אזוי באליבט געווען ביי יידן און גערינט אלס באלוס־טיקונגס־שטאף אין די פריילעכע פורים־טעג[24]. אט דער פון לאנג אזוי פאפולערער פאראדיע־סטיל האט זיך ניט געוואלט באנוגענען מיט די ענגע גרענעצן פון די אינטערמעדיעס, ער האט זיך פארמאסטן ארויפ־צולייגן זיין שטעמפל אויף דעם גאנצן סצענישן רעפערטואר, ארויפריסן פון די „העלדן״ זייער פאטעטיש־ערנסטן לבוש און פארוואנדלען זיי אין קאמישע מאסקעס און לוסטיקע פאראדיעס. אזוי ארום ווערט מרדכי, „דער יידישער פירשט״, מגולגל אין א שלעפער, א בעטלער, מיט א הארב אויף די פלייצעס, און אסתר המלכה טרעט ארויס „אין צעריסענע שיך״, איז „א מיידעלע א פארטראטע״ —

אין ערטער גרין, אין ערטער געל...
באיז מיט די פיס צעטרעט...
היינט האט זי אילע בגדים של חול...
היינט האט זי אילע בגדים של יום־טוב,

---

24 זע אויבן, ז׳ 241.

האט זי יום-טובדיגע קליידער, אילע בגדים
קדחת מיט רויטע פאדים.
שטרויענע הויזען
מיט דראט בעצויגען...
. . . .[25]

א באדייטנדיקן ליטעראטור-היסטארישן אינטערעס שטעלן אויך פאר די גילגול-מחילות, וואס געווייסע שטעלן, דער אדער יענער פערז פונם „אחשורוש־שפיל”, האבן געהאט אויסצושטיין בעת זייערע לאנגע וואנ־דערונגען פון איין וואריאנט צום אנדערן. מיר ווען זיך באנוגענען בלויז מיט צוויי־דריי אילוסטראציעס:

אין ושתים רעדע, בעת זי בעט ביי אחשורושן, ער זאל איר שענקען דאס לעבן, באגעגענען מיר אין דעם עלטערן וואריאנט C פאלגנדיקן טאפל־פערז:

אז דיזער צייט דאס איר האט גענומען מיין ווייס לייב
ווארום זאלט איר מיר דען ניט געדענקען?

די דאזיקע צניעות־ריינע ווערטער באקומען אין שפעטערדיקן וואריאנט W אזא מגושם־גראבע צורה:

פאר וואס זאלסטו פארגעסן אלע דיינע צייטן
אז דו האסט געטון באפופען מיינע קלארע שנייוויַיסע זייטן?

ניט שטענדיק טרעפט אבער, אז דער אדער יענער פערז זאל ביי זיינע שפעטערדיקע וואנדערונגען איינגעטונקט ווערן אין שמוציקן חומר און גראבן ציניזם. אמאל באקומט א פערז אויך תיקון און ווערט דער־הויבן צו א העכערער מדרגה; דער טעקסט פאלט אריין אין די הענט פון א באגאבטן פורים־שפילער מיט א פאעטיש־פאלקסטימלעכן חוש; אין אים דערוואכט דאס נאַיווע קינד פונם פאלק, די אינטימע נשמה פונם פשוטן המון מיט אירע פארבארגענע צארטע געפילן און הארציקע שטימונגען, וועלכע אנטפלעקן זיך דעמאלט אין פרימיטיווע און אומבאהאלפענע אבער דאך פאעטיש־שיינע פארמען. ניט פארגרעבט ווערט דאן דער בא־טרעפנדיקער פערז — ער צעשפראצט זיך אין באחנטע, הארציקע סטראפעס.

25 זע דעם אחשורוש־שפיל־וואריאנט, וואס איז פארעפנטלעכט אין „לעבען און וויסענשאפט”, 1912, 5—6, ז׳ 195. א סך מער וולגארן „פארטרעט” פון אסתר המלכה גיט אונז אן אנדער וואריאנט פון דער „אחשורוש־שפיל”, וואס פ. מארעק האט פאר־עפנטלעכט אין „פערעזשיטאָיע”, II, ז׳ 228—229.

אין דער אָפּדרוק אויס דעם עלטערן וואַריאַנט C ציטירטער ושתים הכנעהדיקער רעדע בעת די אומגליקלעכע קיניגין:

דרום, קיניג, לאָזט אייך דענקען איך בין אייערע אויגען ווי איין יונג פעגלײַן

דרום, פאָטער קיניג, שענקט מיר מײַן יונג לעבעלײַן!

אָט דער מאָטיוו צעוועבט זיך אין דעם ייִנגערן וואַריאַנט W אין אַ גאַנץ ליד, אַ טיפּיש פאָלקסליד, פּרימיטיוו-נאַיִוו און דאָך עניוותדיק-צאַרט:

ו ש ת י:

פאָטער קיניג, קיניגליכער פאָטער!
איך וועל בײַ דיר זײַן
אַ פייגעלע אײַן,
איך וועל דיר אָנזינגען און אָנשפּילען,
אַבי שענק מיר מײַן יונג לעבעלען
גאָר ליבליך און גאָר פײַן.

ד ע ר ק י נ י ג:

ניין, דאָס קאָן ניט זײַן,
דער טויט מוז זײַן.

ו ש ת י:

פאָטער קיניג, קיניגליכער פאָטער,
איך וועל דיר זײַן,
אַ הינטעלע אײַן.
איך וועל דיר אָנהאָוקען און אָנבילען,
אַבי שענק מיר מײַן יונג לעבעלען
גאָר ליבליך און גאָר פײַן.

ד ע ר ק י נ י ג:

ניין, דאָס קאָן ניט זײַן,
דער טויט מוז זײַן.

ו ש ת י:

פאָטער קיניג, קיניגליכער פאָטער,
איך וויל דיר זײַן
אַ דינסטמעדכען אײַן,
איך וועל דיר אויסקערען און אויסראַמען
אַבי שענק מיר מײַן יונג לעבעלען
גאָר ליבליך און גאָר פײַן.

ד ע ר ק י נ י ג:

ניין אַז"וו.

אפילו אין דעם ווילנער וואריאנט[26], ווו מיר האבן פאר זיך פאקטיש ניט קיין דראמאטישע „אחשורוש־שפיל“, נאר א טיפישע פורים־פאראדיע, איך דארט ווענדט זיך ושתי צו אחשורושן מיט פאלגנדיקע הארציק־ערנסטע (די איינציקע הארציק־ערנסטע אינם גאנצן שפיל) סטראפעס:

אט אזוי גע איך,
און אט אזוי שטע איך,
און אט אזוי פאל איך
פארן פאטער קעניג אין די טירען,
פארן פאטער קעניג אין די אויגען;
פארגעבן זאלסטו מיר מיינע זינד
אזוי ווי א פאטער זיין אייגן קינד!..

אייניקע טעקסט־ענדערונגען זיינען אינטערעסאנט פון רייז סאציאלן שטאנדפונקט. אין תרגום שני, למשל, ווערט אין המנס מסירה אויף די יידן מיט קיין איין ווארט ניט דערמאנט וועגן יידישע באלמעלאכעס און האנטווערקער. עס ווערט דארט בלויז גערעדט וועגן יידישע קבצנים און אביונים, „וואס ס'איז אויף דער וועלט זייער גלייכן ניטא“, דאן וועגן יידישע שררות, יידישע סוחרים און הענדלער („מיט וואקס און מיט ליכט“), וואס זיינען גרויסע באטריגער אין האנדל[27]. העכסטוואַרשיינלעך איז אויך אין די עלטסטע „אחשורוש־אקציאנען“ וועגן די באלמעלאכעס קיין זכר ניט געווען. די פורים־שפילער, וואס זיינען דאך ס'רוב געווען באלמעלאכעס און לערן־יונגען, האבן אין דעם געזען פאר זיך א שטיקל פחיתות הכבוד; האבן זיי טאקע אויס פראפעסיאנעלן שטאלץ דערפאר שוין געזארגט, אז המן זאל אין זיין מסירה ניט פארגעסן אין די יידישע באלמעלאכעס, און אויך זיי צוקלאגן פאר אחשורושן. זעען מיר טאקע, אז אין דעם עלטערן טעקסט C דערמאנט שוין המן די באלמעלאכעס אויך, אבער נאך בלויז כלאחר יד אין איין טאפל־פערז:

די יידישע האנט־ווערקער זינד שרעקליכע בעטריגער
עס איז פון זיי גאר נישט אויסצוהאלטען.

דערפאר אבער אין די שפעטערדיקע טעקסטן, ווי, צום ביישפיל, אין וואריאנט W, ווערט שוין וועגן די האנטווערקער גערעדט גאר באריכות (פערזן 486—509). עס ווערט מיט אלע פרטים אויסדערציילט וועגן די רמאות פון דעם „גאלדרינגמאכער“, „ראקמאכער“, „ספאדעקמאכער“

---

26 פארעפנטלעכט אין „לעבען און וויסענשאפט“, 1912.

27 ולית מסכנין בחסורין בעלמא כותהון, ועמיי הדין טבבר ביני קריתא, מנהון מזבני קירא ומנהון מלין בוצין ומנהון רברבין, כל דמזבנין מזבנין בעושקא.

אאז״ו. דאס זעלבע חזרט זיך אויך איבער אין דעם וואריאנט, וואס פ. מארעק האט פארעפנטלעכט אין א רוסישן זאמלבוך[28].

אנדערע יידישע פיעסעס, וואס שטיצן זיך אויף ביבלישע סוזשעטן, האבן שוין ניט דורכגעמאכט אזוי פיל גילגולים, ווי דער „אחשורוש־שפיל״, ווייל יענע זיינען דאך ניט געווען פארבונדן מיטן נס פון פורים און מיט דער ספעציעל פורימדיקער פאראדיע־ליטעראטור. פון די ביבלי־שע עפיזאדן, וואס האבן געדינט אלס סוזשעטן פאר יידישע פיעסעס, זיינען צומפאפולערסטן געווען פאלגנדיקע:

1. מכירת־יוסף אדער יוסף־שפיל. די פראכטפולע ביבלישע דערציילונג וועגן יוספן און זיינע ברידער איז שוין אין מיטל־עלטער אויסגענוצט געווארן פאר אלע מעגלעכע דראמאטישע מיסטע־ריעס, מיראקלען און מאראליטעטן. אויך אין דער רעפארמאציע־תקופה האבן פיל דיכטער דראמאטיש באארבעט די „געשיכטע פון שיינעם יאזעף אונד זיינע ברידער״. אין 1546 איז דערשינען א יוסף־דראמע, פארפאסט פון מאטיאס רויטער; א שילער פון האנס זאקס, אדאם פיש־מאן, האט געשאפן „איינע גראססע קאמעדיע פון דער פרומען אלטפאטער יעקב אונד פ. זיינען ליעבען זאהנע יאזעף. צוזאמט זיינע ברידערן, אין פיר שטונדען צו אגשירען״. א לאטיינישע שול־קאמעדיע אויף דעם זעלבן סוזשעט איז ביז 1612 פינף מאל דערשינען אין דייטשער איבערזעצונג. זייער קונה־שם געווען האט אין סוף 17טן י״ה די פיעסע פון קריסטיאן וויזע „דער פארטרעפליכע קײַשע יאזעף אין עגיפטען״[29]. אויך פעלטען האט מיט זיין „בארימטער באנדע״[30] אויפגעפירט אין דרעזדען אין 1678 אויף דער קיניגליכער הויף־בינע „די קאמעדיע פום ערצפאטער יאקאב״.

עס איז אויסער ספק, אז שוין אין 17טן י״ה זיינען פאר דער יידישער בינע געשאפן געווארן דראמאטישע פיעסעס אויפן סוזשעט פון מכירת־יוסף. די ארכיטעקטאניק און דער סטיל פון די „מכירת־יוסף־שפילן״ האבן זיך געפונען אונטער דער שטארקער השפעה פון דעם אייראפעישן רעפערטואר, אלס הויפט־קוועלע האט אבער פאר די יידישע באארבעטונגען פון דעם יוסף־סוזשעט געדינט דער באקאנטער מיטל־

28 „פערעושיטאָיע", II, 231.

29 צום ערשטן אויף דער בינע געשפילט אין 1690.

30 זע אויבן, ז' 353.

עלטערלעכער העברעיִשער עפּאָס „ספר הישר"[81]. פון די צו אונז דערגאַנגענע געדרוקטע טעקסטן פון „מכירת־יוסף־שפּילן" איז דער עלטסטער דער אַזאַנג שורטן אויפגעהיטער „מכירת יוסף", וואָס איז אויף דער בינע אויפגעפירט געוואָרן אין 1708 דורך דעם ייִדישן טעאַטער־דירעקטאָר בערמאַן פון לימבורג, געדרוקט אין 1712 און איבערגעדרוקט אין שודטס „מערקווירדיקייטן". לויט שודטס מיטטיילונג איז דער „פֿאָרפֿאַרטיקער" פון דער פּיעסע דער טעאַטער־דירעקטאָר בערמאַן גופא. העכסט־וואָרשיינלעך האָט אָבער דער „פֿאַרפֿאַרטיקער" בלויז איבערגעאַרבעט אַן עלטערן טעקסט. לויט דעם מוסטער פון די „ענגלישע קאָמעדיעס" זײַנען אין דער פּיעסע אײַנגעפֿלאָכטן לידער צום זינגען, און עס טרעט אַרויס אין די אינטערמעדיעס די לוסטיקע פּערזאָן, וואָס טראָגט אויך אין „מכירת יוסף" דעם נאָמען פּיקעלהערינג. דער סטיל, די שפּראַך איז אָבער טרוקענער ווי אין די „ענגלישע פּיעסעס". דער טעאַטער־דירעקטאָר בערמאַן האָט זיך, ווי עס שײַנט, געפֿונען אונטער דער שטאַרקער השפּעה פון דער דידאַקטיש־ראַציאָנאַליסטישער דראַמע, וואָס איז געווען זייער פּאָפּולער אין יענער צײַט. דערפֿאַר לאָזט בערמאַן ריידן די „העלדן" פון דעם „מכירת יוסף" מיט אַ טרוקענער הילצערנער שפּראַך, וואָס איז אָנגעפּיקעוועט מיט אַ גוואַלטיקער צאָל פֿראַנצויזישע און אויך לאַטיינישע ווערטער און אויסדרוקן. בכדי צו געבן אַ באַגריף וועגן דעם אייגנאַרטיקן סטיל, אין וועלכן עס ריידן די פּערסאָנאַזשן פון דער דאָזיקער פּיעסע איז גענוג צו ברענגען פֿאָלגנדיקע רעפּליקעס, מיט וועלכע עס ווענדט זיך יוספֿס ברודער אשר צום אַנדערן ברודער יששכר:

---

[81] זע אונזער ווערק, באַנד ו, ז' 266. באַדייטנד שפּעטער (אין 1792) איז אויפן „ספר הישר" און אַנדערע מדרשים געשאַפֿן געוואָרן אַ „יוסף־אַקציאָן" אויך אויף העברעיִש אונטערן טיטל „מלחמה בשלום". דער פֿאַרפֿאַסער, חיים־אברהם אויס מאָהילעוו, ווײַזט אַליין אָן אין דער פֿאָררעדע: „כל מהלך הספור במחברת זאת בנויה על דברי חז"ל במדרשים ועל דברי גדולי המפרשים, גם מדברי „ספר הישר" קטפתי מעט". דאָס חיבור איז צום ערשטן דערשינען אַנאָנים (זע וועגן דעם די אינטערעסאַנטע דערקלערונג פונם פֿאַרפֿאַסער אין דער פֿאָררעדע צו זײַן „פת לחם", שקלאָוו, 1803); דער סופר פון דער זשאָלקיעווער קהילה, אלעזר פּאַווער, האָט אין 1801 אַרויסגעגעבן אַ געקירצטע איבערזעצונג אין ייִדיש אונטערן טיטל „גדולת יוסף", וואָס האָט שטאַרק אויסגענומען בײַם עולם און אויסגעהאַלטן די צענדליקער אויסגאַבן (זע וועגן דעם י. שאַצקיס ביבליאָגראַפֿישן עסיוד אין „אַרכיוו פֿאַר דער געשיכטע פון ייִדישן טעאַטער און דראַמע", I, 151—158, און נ. פּרילוצקיס נאָטיצן אין „ייִוואָ בלעטער", I, 408—414) דעם „גדולת יוסף" האָט דערנאָך אליקום צונזער איבערגעאַרבעט אין זײַן „מכירת יוסף". אַ פּוילישע באַאַרבעטונג פון „מלחמה בשלום" איז מיט דערפֿאָלג אויפגעפֿירט געוואָרן אין וואַרשע (זע ש. בערלינער, פֿאָררעדע צו „יסוד עולם", XVII).

ברודער יששכר, האשטו אַבשערפירט
וואש אַלהיר איז ווארדן אופֿערירט?
ווען זיך שוין אונזר פאטר האט טרוציג געשטעלט
זא האט ער אבער דאך גערן גיוואלט
אלז דער טרוים אַטעשטירט,
זונדערן ער האט אונז רעשפעקטירט
אין דעם יעדרער פון אונז בעשר טומ מארידירן
איין קיניגרייך צו פירן.

דער טעקסט פונם רוב וואַריאַנטן, וואָס זיינען אויפגעהיט לויט דער מינדלעכער טראַדיציע און געדרוקט געוואָרן ערשט אין דער נייערער צייט, ווייזט אויף אַ באַשטימטער קרובעשאַפֿט, וואָס די דאָזיקע וואַריאַנטן האָבן מיט אַן אַלגעמיינעם אור־טעקסט, וועלכער איז געווים עלטער פון דעם „מכירת יוסף", וואָס איז אין 1708 דורך בערמאַן אוים לימבורג אויפגעפירט געוואָרן אויף דער בינע. דער דאָזיקער אור־טעקסט איז בלי־ספק געווען באַדייטנד פאָלקסטימלעכער און זאַפטיקער פון דעם טרוקן־ראַציאָנאַליסטישן טעקסט, וואָס דער דאָזיקער בערמאַן פון לימבורג האָט „פאַרפאַרטיקט".

II. עקדת־יצחק־דראַמע. מיר האָבן שוין אויבן אָנגע־וויזן, ווי אַזוי דער רייכער לעגענדעס־מאַטעריאַל וועגן די אבות און ספּע־ציעל וועגן עקידת יצחק וואָס איז איינגעוועבט אין פאַרשידענע מדרשים, און באַאַרבעט געוואָרן אין העברעיִש און אויך אין יידיש אין פאַרשיי־דענע פיוטים און עפּאָסן. אין דער רעפאָרמאַציע־תקופה, בעת צווישן אַנדערע ביבלישע דראַמעס און קאָמעדיעס זיינען אויך דערשינען אַ גאַנצע צאָל עקידת־יצחק־דראַמעס[32], זיינען אויך אין יידישע געטאָ געמאַכט גע־וואָרן פּרווון דעם מדרש־מאַטעריאַל דראַמאַטיש צו באַאַרבעטן פאַרן ניי־געשאַפֿענעם יידישן טעאַטער. ד״ר שיפּער האָט אין זיין טעאַטער־גע־שיכטע[33], אויפן סמך פון פיר פראַגמענטאַרישע וואַריאַנטן[34], וואָס

32 אויך האַנס זאַקס האָט אין 1853 פאַרפאַסט אַ פּיעסע „Opferung Isaak".

33 באַנד II, 27—28. פאַלש איז אָבער שיפּערס השערה, אַז דעם יידישן באַאַרבעטער פון דער „עקדת־יצחק"־דראַמע האָט געדינט אַלס מוסטער די פּוילישע מיסטעריע „Sacrificium Abrahame" און אַז מיט דער דאָזיקער מיסטעריע האָט די יידישע פּיעסע „עקדת יצחק" אַמטערסטן באַרירונגס־פּונקטן. מיר ווייסן דאָך, אַז די קריסטלעכע ביבל־דראַמעס און מיסטעריעס האָבן זיך הויפּטזעכלעך געהאַלטן פריי דעם ביבל־טעקסט, בעת די יידישע פּיעסעס אויף ביבלישע סוזשעטן און צווישן זיי אויך דער „עקדת יצחק" האָבן זיך דער עיקר געשטיצט אויף דער מדרש־ליטעראַטור.

84 פאַקטיש בלויז אויפן סמך פונם ערשטן וואַריאַנט, וועלכער איז לויט שיפּערס

נ. פרילוצקי האָט פאַרעפנטלעכט אין זיינע זאַמל־ביכער פאַר יידישן פאָלקלאָר (II, 64—83), געמאַכט דעם פרווו צו רעקאָנסטרוירן די וואַר־שיינלעכע סכעמע פונם עקידת־יצחק־אורטעקסט. ליידער איז אָבער ד״ר שיפּערן אומבאַקאַנט געבליבן אַ באַדייטנד וויכטיקערער וואַריאַנט, וואָס איז געדרוקט געוועז אין ווילנע אין 1875[85]. די שפּראַך פון דער דאָזיקער אויסגאַבע איז אַ פאָלקסטימלעך־מאָדערנע, עס איז אָבער אויסער ספק, אַז דער וואַריאַנט שטיצט זיך אויף אַן עלטערן אורטעקסט. אויס דעם דאָזיקן פראַגמענטאַרישן טעקסט קאָן מען קומען צו דער השערה, אַז דער באַטרעפנדיקער אורטעקסט איז באַשטאַנען פון אַ גאַנץ גרויסן „שפּיל״, וואָס האָט אַרומגענומען עטלעכע ביבלישע עפּיזאָדן צוזאַמען: די מעשה מיט שרהן און אבימלכן, די מעשה פון סדום ועמורה און דאַן ערשט די עקידת־יצחק. נאָר ווייל די שפּיל איז געוועזן צו גרויס און האָט ביים אויפפירן אויף דער בינע געמוזט געדויערן אייניקע שעה, האָט מען זי צעטיילט אין דריי באַזונדערע שפּילן: 1. אברהם־ און שרה־שפּיל, 2) סדום־ ועמורה־שפּיל און 3) עקידת־יצחק[86]. אין דעם ווילנער וואַריאַנט זיינען אויפגעהיט בלויז פראַגמענטן פון דעם ערשטן און דעם לעצטן שפּיל. די פּיעסע הייבט זיך אָן מיט אברהמס אַ מאָנאָ־לאָג, ווו ער דערקלערט:

ריכטיקער מיינונג באַדייטנד נענטער ווי די איבעריקע צום אורטעקסט. שיפּערן איז אָבער געבליבן אומבאַקאַנט, אַז דער זעלבער וואַריאַנט געפינט זיך אויך (צוזאַמען מיט נאָך דריי אַנדערע „עקדת־יצחק״־וואַריאַנטן) אין דעם זאַמלבוך „נאָענט און ווייט״, וואַרשע, 1914, 35—38.

85 דער פולשטענדיקער טיטל פון דער דאָזיקער פאָלקס־אויסגאַבע: „מלוכת שאול גם עקדת יצחק״ דאָ איז פאַרגעשטעלט די גאַנצע מלחמה, וואָס דוד האָט געפירט מיט גליתן, אַלץ אין גראַמען. אויך איז ריכטיק די סצענע פון דער עקדה מיט אַלע פאַקטן, דערצו נאָך צוויי סצענעס פון אברהם מיט שרהן ארויסגעגעבן פון י. ב. גלאָך.

86 ס׳איז כדאַי אָנצוווייזן אויף פאָלגנדיקן אינטערעסאַנטן פאַקט: שפּורן פון דער „סדום־ועמורה״־דראַמע זיינען אויפגעהיט אין אַ מעלאָדראַמאַטישן וואַריאַנט, וואָס איז געווען פאַרשפּרייט אין די פּוילישע שטעטלעך נאָך אין 19טן י״ה, און איבערגעדרוקט לויט דער מינדלעכער טראַדיציע אין נ. פרילוצקיס זאַמלביכער, II, 57—63. דער טעקסט פאַרענדיקט זיך מיט דער סצענע, ווי די מלאכים באַפעלן לוטן פאַרלאָזן מיטן הויזגעזינד די זינדיקע שטאָט. די דאָזיקע „שפּיל״ האָט מען אָבער אין אַנדערע ערטער געהאַלטן פאַר צו לאַנג. האָט מען זי געטיילט אין צווייען, און געשפּילט בלויז די ערשטע העלפט אונטערן נאָמען „אברהם אָבינוס געבעט״, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט דער סצענע, ווי אברהם באַקומט פונם מלאך דעם צוזאָג, אַז די שטאָט סדום וועט געשוינט ווערן, אויב ס׳וועלן זיך אין איר געפינען צען צדיקים (איבערגעדרוקט אין זאַמלבוך „נאָענט און ווייט״, וואַרשע, 1914, 46—48).

איך בין אברהם דער זון פון תרח...

. . . .

דער נמרוד האט געוואלט אז איך זיינע אבגעטער זאל גלויבן
און איך האב גיטאן דעם אלמעכטיגן גאט דערהויבן...

דאן גייט די סצענע צווישן אברהם און דעם מלאך. אנשטאט גאט גופא לויט דעם ביבל־טעקסט, פיגורירט דא דער מלאך, וואס דערקלערט אברהמען.

מיין געליבטער קנעכט,
וואס איך וועל דיר זאגן זאל ביי דיר זיין רעכט
דו זאלסט אוועק גען פון דיין היים....

אברהם באוויליקט צו דערפילן דעם באפעל:

און אויך אין וועג וועל איך דיר טון לויבן
און איך וועל דיין נאמען דער הויבן.

אין דער ווייטערדיקער סצענע, ווו אברהם און שרה געפינען זיך אונטערוועגנס, ראט אברהם שרהן:

טאמער וועט מען פרעגן מיט ועמען ביזדו געקומען צופארן
זאלסטו זאגן: מיט איין ברודער וואס פון איין פאטער געבארן.

דאן גייט די סצענע, ווי שרה ווערט געבראכט צו אבימלכן, וועלכער איז אנטציקט פון שרהס שיינקייט; גלייך באווייזט זיך א מלאך און ווארנט אבימלכן:

הער צו אבימלך דו האסט אומרעכט געטאן
דו האסט צו גענומען א פרוי פון איר מאן.

אין דער ווייטערדיקער סצענע קומען דריי מלאכים צו אברהמען און זיי דערקלערן שרהן, אז זי וועט א קינד געבארן.

דערנאך ערשט הייבט זיך אן דער עפיזאד פון עקידת יצחק. ווי עס שיינט האט אין אורטעקסט די „עקידת יצחק" זיך אנגעהויבן מיט א סצענע, וואס קאפירט די באקאנטע אריינפיר־סצענע אין ספר איוב. אין ווילנער ווארינאנט איז פון דער סצענע פארבליבן בלויז פאלגנדיקער קורצער פראגמענט:

שפראך פון שטן:

ליעבער גאט, דו האלסט אברהמען פאר איין ערליכן מאן —
און אלץ וואס דו האסט געהייסן האט ער ניט געטאן.

שפראך פון מלאך:

דו זאלסט אויף אים קיין שלעכטס ניט רעדן
ווארום ער האט זיך פון מיר ניט געטאן אפשיידן.

דאן קומט א סצענע ביי אברהמען אין הויז. פריער רעדט ישמעאל צו זיך אליין, דערנאך פירט ער א געשפרעך מיט יצחקן. דאס געשפרעך שטיצט זיך אויף א געוויסער שטעלע אין מדרש [87], ווו עס ווערט דערציילט, אז ישמעאל איז געווען שטארק אומצופרידן דערמיט, וואס אברהמס ירושה וועט איבערגיין צו יצחקן, ניט צו אים. ווען ישמעאל טוט זיך בארימען, אז ער האט דער ערשטער מקיים געווען די מצוות מילה, ענט־פערט אים יצחק:

וואס טוסטו זיך בארימען...
ווען דיר ליגט ניט גאט אין זינען
נאר די ירושה צו געווינען.
ווען אז גאט זאל פארלאנגען
מיין פאטער זאל מיך פאר א קרבן־עולה ברענגען
זא בין איך געבריים...

יצחקס דערקלערונג דינט אלס צוגרייטונג צו דער פאלגנדיקער סצענע, ווו דער מלאך באפעלט אברהמען, ער זאל זיין זון יצחקן פאר א קרבן ברענגען. אין דער וויטערדיקער סצענע דערקלערט אברהם שרהן, אז ער איז צו איר „מיט איין ראט געקומען", ווייל זי איז פאר איין אשת חיל אנגענומען:

איצט דארף מען יצחקן אין בית המדרש פון שם ועבר פירן
כדי ער זאל וויסן ווי אין גאטס דינסט זיך צו פירן,
ווי אונזער זאהן יצחק איז אין יארן אריין געקומען
אזוי האב איך מיר דאס אין זינען אריין גענומען.

נאך דער רירנדיקער סצענע, ווי שרה געזעגנט זיך מיט יצחקן, קומט די סצענע אין וועג ביים בארג מוריה. יצחק פרעגט ביים פאטער, ווו איז דער קרבן, און יענער דערקלערט: „גאט ב"ה האט דיר אויסגע־קליבן פאר איין עולה נעמען", און יצחק בעט געטוי ווי אין עפאס „דער יידישער שטאם" [88]:

---

[87] עס איז, נאטירלעך, שווער פעסטצושטעלן, צי האט דער באארבעטער פון דער עקידת־יצחק־דראמע אויסגענוצט דעם מדרש־שטאף דירעקט, אדער ער האט אים גענומען אויס די ספרים „ספר הישר" און „דער יידישער שטאם".

[88] זע אויבן, ז' 120 א"ה.

און אויב דו ווילסט מיר פאַר איין עולה אויף ברייננען
זאָלסטו פון מיר צו מיין מוטער איין ביינדיל ברייננען.

די ווייטערדיקע סצענע איז ווידער אין אברהמס הויז. דער שטן דערקלערט שרהן, אַז מען האָט איר זון יצחק געקוילעט, און שרה פאַלט אַ טויטע. עס קומען אברהם און יצחק. אַ טרויער־סצענע. אברהם זינגט זיין קלאָג־ליד, ווו די סטראָפעס זיינען געבויט לויט דעם סדר פונם אלף־בית. אין דער שלום־סצענע קויפט אברהם ביי עפרונען אַן אָרט ווו די טויטע מקבר צו זיין, עפרון נעמט דאָס געלט און דערקלערט:

דאָס געלד איז ביי מיר
דאָס אָרט איז פאַר דיר
און זיי מקבר דעם טויטן פון דיר.

III. ביבלישע פיעסעס מיט די דריי מלכים שאול, דוד און שלמה אַלס צענטראַלע פיגורן. די ביבלישע עפּיזאָדן, וואָס זיינען באַאַרבעט געוואָרן אין די באַרימטע עפּאָסן „שמואל־בוך" און „מלכים־בוך", זיינען דערנאָך, אונטער דער השפעה פון די ביבל־דראַמעס אויס דער רעפאָרמאַציע־תקופה, דראַמאַטיש באַאַרבעט געוואָרן. דער באַרימטער האַנס זאַקס האָט פאַרפאַסט אַ ביבל־דראַמע וועגן „קעניג סאַול"; זיינער אַ צייט־חבר, וואָלפגאַנג שמעלצעלס, האָט פאַרפאַסט אַ פיעסע אונטער אַ לאַנג־גאַרנדיקן טיטל: „Comödie von plint gebornen Sohn die schöns, tröstliche Hisstoria vom Jünklink David und den mutsvillgen Golliat"; און דער מאַגיסטער מאַטיאַס האָלצוואַרט האָט אויפגעפירט אויף דער בינע אַ ריזיק־לאַנגע פיעסע אין צען אַקטן: „Saul, ein schön neu Spiel vom König Saul und dem Hirten David". דאָס שפּיל האָט געדויערט גאַנצע צוויי טעג, און עס האָבן זיך אין אים באַטייליקט בערך הונדערט שוישפּילער און פינף הונדערט סטאַטיסטן[39].

עס זיינען, ווי עס שיינט, אויך אין יידיש געשאַפן געוואָרן אַזעלכע לאַנגע „שפּילן". עס איז מער־ווייניק באַרעכטיקט די השערה, אַז איינס פון די דאָזיקע שפּילן האָט אַרומגענומען דעם ביבל־שטאָף פונם „שמואל־בוך", און אַ צווייטע — פונם „מלכים־בוך"[40]. נאָר וויל אַזוינע לאַנגע שפּילן האָבן געקאָנט אויפגעפירט ווערן בלויז אויף אַ געהעריק איינגעאָרדנטער טעאַטער־בינע דורך פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, זיינען אַזעלכע פיל־גאַרנדיקע פיעסעס צעטיילט געוואָרן אויף באַזונדערע עפּיזאָדן און

39 זע, דעחריען, ציט ח. 73.

40 און דאָס איז אפשר די סיבה, וואָס דער „שמואל־בוך" איז זינט 1612 מער ניט איבערגעדרוקט געוואָרן. איידער צו לייענען דעם עפּאָס איז געווען פיל אינ־טערעסאַנטער צו זען דעם זעלבן שטאָף אין דראַמאַטישער באַאַרבעטונג אויף דער בינע.

עס זיינען אויף אזא אופן געשאפן געווארן באזונדערע שפילן: „חנה־פנינה־שפיל", „דוד־גלית־שפיל", „אגג־שפיל", „מלוכת שאול", דאן „חכמת שלמה" (שלמה המלכם משפט), „שלמה־אשמדאי־שפיל" אאז"וו.

פון די דאזיקע פיעסעס איז פולשטענדיק אויפגעהיט געווארן בלויז א ווריאנט פון „אקציאן פון קיניג דוד און גלית" (האנוי, 1717), ווו גליתעס א „ראטס־הער" שפילט די ראלע פון דער לוסטיקער פערזאן, דעם „האנס־ווורסט". עס זיינען אבער אויך אויפגעהיט געווארן גרעסערע פראגמענטן פון די אויבן־אויסגערעכנטע פיעסעס. צומווינטיקסטן זיינען צוויי ווילנער אויסגאבעס פון דער צווייטער העלפט 19טן י"ה. איינע פון זיי איז די אויבן־דערמאנטע אויסגאבע פון י. ב. בלאך (1875), ווו צוזאמען מיט „עקדת יצחק" איז אויך איבערגעדרוקט אן עלטערער „מלוכת־שאול"־טעקסט.

די שפיל הייבט זיך אן, ווי דער סדר איז כמעט אין אלע יידישע פאלקס־שפילן און „אקציאנען", מיט דער באגריסונג פונם פאיאץ[41]:

שטילער און שטילער מיינע ליבסטע לייטען
עס זאל זיין געדולד און געשטילט אויף קורצע צייטען
דאס הערשאפט פון דעם קיניג שאול ווען מיר פרצייגן...

די פיעסע הייבט זיך אן מיטן גלית־עפיזאד; די דיאלאגן ווערן געפירט אין ערנסט־פאטעטישן טאן. גלית, דער שטארקער העלד, איז מכריז ומודיע:

מיין שווערט מיט זייער בלוט וועל איך דערפולין,
איך וועל ארויסטרייבן אלע יידן פון זייער לאנד,
אלעס וועט זיין אונטער מיין האנט,
איך וועל ניט אפטרעטן ביז די יידן וועלן זיך צו מיר בוקין...

די יידן זיינען אין גרויס פחד, און שאול גיט ארויס א באפעל.

שפראך פון שאול:

יא, איך שאול, יודעסער קיניג, אלס איז אונטער מיין האנט,
יודן און אנדערע פעלקער זיינען אונטער מיין באשטאנד;
איך באפעל אויס צו רופען פריי און פריי
און ווער איז דעם קיניג געטריי...

---

41 די דאזיקע באגריסונגען זיינען אידענטיש מיט די אריינפיר־פארמולעס, מיט וועלכע עס פלעגן ארויסטרעטן די העראלדן אדער איינשרייערס אין די קריסטלעכע פאסטנאכטשפילן (מער באריכות וועגן דעם זע שיפער, צ. ה. II, קאפ. 7; שאצקי, „פילאלאגישע שריפטן", II, 248—250).

אז זוער עס וועט דעם גרוסן גלית בייקומען, דעם „וועט זיין זיין לוין״ די „איינציקע טאָכטער די קיניגלעכע, וואס איז זייער שיין״.

מיט אלע גראפען וועט ער זיצען,
מיט אלע ריכטער וועט ער באשיצען...

אין דער פאָלגנדיקער סצענע פרעגט שאול זיין באדינער, „וואס הערט זיך מיט דיזען באפעל״? דער באדינער ברענגט אריין „דעם קליין דוד״ און דערקלערט דעם קיניג:

דאס איז ער וואס וויל שלאגן אויפן שטרייט־פעלד
מיט דעם גערימטן גלית, דער שטארקער העלד.

שאול באטראכט פארחידושט דעם „קליין דוד״, וואס אונטער־שטייט זיך צו קעמפן מיט אזא גוואלדיקן העלד:

דו יונגער קערל, ווי קענסטו דען טויגן
צום פייל און בויגן...

דער „קליין דוד״ האלט א לאנגע רעדע, אז ער „דארף ניט קיין ביקס און דארף ניט קיין שווערד״, ער פארהאפט „צום אלמעכטיגן גאט זייער געווים״,

גאט וועט מיר געווים זיין צו הילף און מאכט
ווענן זיין פאלק ישראל וואס איז ביי עם זייער געאכט.

דאן קומט די סצענע ביי גליתן. גלית פרעגט זיין באדינער: „וואס איז דאס פאר א טומעל?״ און יענער מעלדעט: „איין ריטער פון די יודן איז געקומען!״ ווען עס באווייזט זיך דער „קליין דוד״, ברעכט גלית אויס אין גרויסן צארן, וואס מען האט קענן אים, דעם גרויסן העלד, פאר וועלכן עס ציטערט די גאנצע וועלט, געשיקט פאר א קעמפער אזא „קליין יודכען״, וועלכן ער קאן צוטרעטן „מיט א שפרייז פון זיין פוס״. עס הייבט זיך אן א לאנגער וויכוח צווישן דעם העלד גלית און „קליין דוד״. א כאראקטעריסטישער שטריך: גלית באריימט זיך טאקע, אז ער קאן שלאגן צוואנציק אזוינע ווי דוד, דאך געפעלט אים דאס „קליין יודכען״:

אך זוי קליין דו ביסט,
אך ווי שיין דו ביסט —

און ער ראט אים: „אנטלויף דו יונגער דוד״...

דאס זעלבע ראט אים אויך גליתס באדינער:

דו זאלסט ניט לאבען, דו זאלסט ניט שפעטין
דו זאלסט פון גרויסן מאן אפטרעטין.

„קליין דוד'' דערקלערט: „איך האָב ניט קיין פּאַרכט חאָץ איך בין קליין''. ער איז זיכער, אַז אין קאַמף קען מען געווינען „ניט מיט מענשליכער קראַפט'', נאָר „מיט דער הילף פון דעם אַלמעכטיגען גאָט''; און ער זאָגט גליתן מוסר:

וועןּ דו ווילסט די וואָרהאַפטיקייט געפינען
זאָלסטו דעם גאָט פון די יהודים דינען.

נאָכן קאַמף, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט גליתעס טויט, רופט דוד אויס:

אך דו גלית, דו נאַרישער העלד,
דיין קערפּער וועט מען באַגראָבען אויפן פרייען פעלד!

דער גלית־עפּיזאָד פאַרענדיקט זיך מיט דעם זיג־ליד פון שאולס טאָכטער:

שאול האָט געפרעגט מיט וואַסער געווער וועסטו געען
דוד האָט געענטפערט: מיט די הילף פון גאָט אליין.

די ווייטערדיקע סצענעס באַהאַנדלען שוין די שפּעטערדיקע עפּיזאָדן פון „מלוכת שאול'', ווי נאָך דער מלחמה פון שאול מיט עמלק האָט שמואל הנביא דערקלערט שאולן, אַז גאָט וויל אים מער ניט פאַר אַ מלך איבער דעם פאָלק ישראל. דאָ גייט שאולס „טרויער־געזאַנג'', אין וועלכער שאול באַקלאָגט זיך:

אַלע מלכים טוען לאַנגע צייט רעגירען
און איך אומגליקלעכער שאול האָב מיין מלוכה געטאָן פאַרלירען.

דאָס „טרויער־געזאַנג'' איז צונויפגעשטעלט לויט דעם אלף־בית. לויט דעם זעלבן סדר איז אויך צונויפגעשטעלט דודס הספד־ליד אויף שאולס טויט. מיט דעם דאַזיקן ליד פאַרענדיקן זיך די „מלוכת שאול''־פראַגמענטן און עס הייבט זיך אָן דער עקידת־יצחק־טעקסט. ווייטערדיקע פראַגמענטן פון דעם פּיעסעס־ציקל, וואָס באַהאַנדלט דעם שמואל־בוך־טעקסט, געפינען זיך אין אַ ווייטער ווילנער אויסגאַבע פון 1868, געדרוקט בדפוס של ר' אברהם יצחק דוואָרזיץ. דאָס ביכעלע, וואָס פאַרנעמט 32 זייטלעך, טראָגט דעם נאָמען „חכמת שלמה עם מלכת שאול''[42]. אין די פראַגמענטן, וואָס געהערן צו „מלוכת שאול'', ווערן

42 פאַר די דראַמאַטישע פראַגמענטן גייען צוויי לידער. דאָס ערשטע מיטן טיטל: „אנפאַנג פון דער געשיכטע מיט אדם הראשון". דאָס איז אַ שפּעטערדיקע באַאַרבעטונג פון דעם „ליד פון אדם וחוה". דאָס צווייטע ליד באַזינגט די גרויסקייט פון די אָבות: „דער אָבֿבֿם, דער אברם וואָר איין געטליכער מאַן", דערנאָך: „יצחק אונזער פאַטער ער וואַר איין געטליכער מאַן"; ווייטער גייען סטראָפעס, וואָס באַזינגען די „געטליכע מענער": יעקב, משה און אהרן.

געשילדערט די לעצטע טעג פון דער דאָזיקער „מלוכה". ס'איז פאַר דער שלאַכט מיט דעם שטאַרקן שונא עמלק, און שאול פילט, אַז ער וועט אין דער שלאַכט אומקומען, ווייל „גאָט שלאָגט און איז גערעכט". דער „שר צבא" טרייסט שאולן, ער פאַרזיכערט, אַז „דער קעניג שאול" דאַרף ניט מורא האָבן „פאַר די היידן, און ער זאָל אימער ניט טואן ווי די שווידן (?)". שאול פרעגט זיך נאָך וועגן אַ מכשפה. די ווייטערדיקע סצענע קומט שוין פאַר ביי דער מכשפה אין עין־דור. די מכשפה רופט אַרויס דעם שאָטן פון שמואל הנביא, און יענער דערקלערט שאולן:

הײנט בין איך ביי דיר און מאָרגען וועסטו זיין ביי מיר;
דו וועסט שטאַרבען, און דוד וועט דיין מלוכה האָבן.

דער ווייטערדיקער פראַגמענט געהערט שוין צו „ממלכת דוד". דער הערָאָלד טוט מעלדן: „דוד דער קיניג קומט גלייך אָן, און צו זעצין זיך אויף גאָטעס טראָן. טרומייטען און צו שאַלען פאַר דעם קיניג דוד אויף צו שפּילן".

עס קומט אַריין דער אַלטער דוד און האַלט אַ רעדע: „איך בין דוד מלך ישראל!" באַלד קומט בת־שבע און פאָדערט פון דעם אַלטן קיניג, אַז ניט אדוניה, נאָר איר זון שלמה „זאָל קיניגען נאָך דודס יאָרן". עס קומען צדוק הכהן און נתן הנביא און דוד גיט אַרויס דעם באַפעל: זיי „זאָלן שאַלן, שלמה דער קעניג זאָל אייביג לעבן!" עס באַווייזט זיך דער מלאך־המות, דוד געזעגנט זיך מיט זיינע אייגענע און שטאַרבט; שלמה המלך האַלט אַ קלאָג־רעדע: „מיין פאָטער דוד האָב איך אָנגעווירען".

די ווייטערדיקע סצענע באַהאַנדלט שוין דעם עפּיזאָד מיט די צוויי פרויען און שלמה המלכס קלוגן משפּט. דערנאָך גייט אַ סצענע אויס דעם אשמדאי־שפּיל. דעם אשמדאי געלינגט אָפּצונאַרן דעם קלוגסטן מלך, וועלכן ער „מאַכט פאַרטרייבן" אין עק וועלט. דער פאַרוואָרפענער מלך זינגט אַ טרויער־ליד:

בעסער וואָלט איך ניט געבוירען געוואָרען
איידער איך בין פון אשמדאי געוואָרען פאַרלאָרען.

דאָס דאָזיקע ביכעלע איז אין דער זעלבער דרוקעריי דריי מאָל איבערגעדרוקט געוואָרן (1870, 1872, 1878). דער טעקסט איז אָן שום ענדערונגען, נאָר אין די אויסגאַבעס פון 1872 און 1878 [48] געפינט זיך איין סצענע, וואָס איז ניטאָ אין דער אויסגאַבע פון 1868. איידער שאול

48 די אויסגאַבע פון 1870 האָבן מיר ניט געזען.

באוויזט זיך פאר דער מכשפה אין עין־דור, קומט נאך פאר פאלגנדיקע סצענע:

> דא קומט די מכשפה מיט איר קינד,
> זאגט די מכשפה צו איר קינד.

די צווייטע העלפט פון דער דאזיקער גאנץ לאנגער סצענע ווערט באגלייט דורך מוזיק. די מכשפה זינגט:

> די נאכט, די נאכט איז ביי אונז די בעסטע פרייד
> און צו אונז קומען אלע די וואס האבן א לייד
> (מוזיקאנטן: די נאכט).

און אזוי נאך יעדער וויטערדיקער רעפליקע פון דער מכשפה נייט די רעמארקע: מוזיקאנטן די נאכט. די סצענע מיט דער מכשפה און דעם קינד געפינט זיך אבער אויסער ספק אונטער דער השפעה פון דער אנטשפרעכנדיקער סצענע אין יוסף טראפּלאוויצעס העברעישער דראמע „מלוכת שאול", וואס איז צום ערשטן דערשינען אין 1794[44], און שוין אין 1801 האט א געוויסער נפתלי הירש ב"ר דוד פארעפנטלעכט א פראזאישע יידישע איבערזעצונג אונטערן טיטל: „גדולת דוד ומלוכת שאול"[45]. אויך ביי טראפּלאוויצן זינגען די מכשפות א ליד, ווו יעדע סטראפע פארענדיקט זיך מיטן רעפריין: „הלילה, הלילה, הלילה! חֶדְוַת לבנו!" ביי טראפּלאוויצן דערקלערט דער מכשפהס זון עֲזָמֶוֶת וועגן זיין מוטער:

> גדלה שִׂנְאָתִי עָלֶיהָ, עַזָּה כַּמּוֶת,
> מה בצע לה מכל הַכְּשׁוּפִים האלה?
> יָרֵאתִי, יָרֵאתִי, כִּי גם היא תהי נֶהֱרֶגֶת
> מִידֵי שופטי מלך כְּאַחַת מֵרֵעוֹתֶיהָ.

און אין אונזער פאלקס־פּיעסע דערקלערט „דאס קינד":

> איך האב איר פיינט פאר איר צויבעריי
> דרום איז זי ביי מיר גאר ניט געטריי.
> וואס זי וועט אירע צויבעריי מערין
> וועט זי דאך פון קיניג גיהארגעט ווערין.

עס איז, אמת, ניט אינגאנצן אויסגעשלאסן, אז אן ענלעכע סצענע איז שוין טאקע געווען אין דעם אלטן פאלקס־שפּיל, און יוסף טראפּלאוויץ האט זי אויסגענוצט אין זיין דראמע. דאס איז אבער דערוויל

---

44 די צווייטע אויסגאבע האט באזארגט יצחק־בער לעווינזאן (אין 1820).

45 מיר האבן זיך באנוצט מיט דער סידולקעהער אויסגאבע פון 1836.

שווער פעסטצושטעלן, ווייל די עלטערע טעקסטן פון די אלט־יידישע „שפילן" זיינען בשלימות נים אויפגעהיט געווארן. מוז מען זיך באנו־גענען מיט בלויזע השערות דארט, וו עס פעלן פעסטגעשטעלטע פאקטן.

IV. געשיכטע פון יציאת מצרים און משה־רבינו־שפיל. אויך דער רייכער לעגענדעס־שטאף, וואס איז געשאפן געווארן ארום דעם נאציאנאלן העלד משה רבינו און איז צונויפגע־זאמלט אין די אלטע מדרשים „מדרש דברי הימים של משה", „מדרש פטירת משה" און אנדערע[46], איז אין דער רעפארמאציע־תקופה באַ־ארבעט געווארן אין דראמאטישע „אקציאנען", אדער אפשר אין איין גרויסער „אקציא". שפורן פון די דאזיקע „אקציאנען" זיינען אויפגעהיט געווארן אין דער שפעטערדיקער ליטעראטור אדאנק דער מונדלעכער טראדיציע. א יינגערע מעלאדראמאטישע באארבעטונג פון דעם „יציאת־מצרים"־שפיל איז פארעפנטלעכט אין זאמלבוך „פון נאענט און ווייט", ווארשע, 1914, 49—58, און אין נ. פרילוצקים זאמלבוך, II, 84—96. לויט דער מעלדונג פון נ. שטיף[47], איז אין 1876 אין לעמבערג דערשינען א געדרוקטע אויסגאבע פון „משה־רבינו־שפיל", וו עס ווערט אין דרא־מאטישער פארם באארבעט דער מדרש־שטאף פון „פטירת משה". אן אנדער טייל פון דעם גרויסן משה־עפאס איז דראמאטיש באארבעט גע־ווארן אין דעם שפיל „משה מיט די לוחות".

---

46 די דאזיקע מדרשים זיינען אויך טיילווייז איבערזעצט געווארן אין יידיש.

47 אין „יידישע פילאלאגיע", II—III, ז' 117—118, און לויט פערזענלעכע מיטטיילונגען.

דרייצנטער קאַפּיטל

די פֿאַרשטאַרקונג פֿון די מיסטישע שטרעמונגען. — מיסטיקער־דרשנים. — מיסטישע מוסר־ספֿרים. — צבי־הירש כאַטש „טייטש־זוהר", דער „נחלת צבי". — אַפּאָלאָגעטיק פֿאַר יידיש — עקיבא־בער העניכס און זיינע „אביר יעקב" און „מעשה ד'". — דער „תיקוני המועדים" קעגן גמרא־לערנער. — שלמה העצלערס „חקירת הלב". — ביכער פֿון וועלטלעכן אינהאַלט. — „טיל אוילנשפּיגל" און „שילדבורגער געשיכטן" אין יידיש. — יצחק חעצלער און זיינע „ליבס־בריף". — בנימין קראָנבורג און זיינע פּראַקטישע חאַנספּיכער. — די „דירנפֿורטער ציטונג" און משה איידליצעס „מלאכת מחשבת". — נייע שטרעמונגען. — שלום.

די אַלע דראַמאַטישע פּיעסעס, וואָס זיינען באַהאַנדלט געוואָרן אין פֿאַריקן קאַפּיטל, זיינען קודם־כל געווען „שפּילן", ד"ה — געשאַפֿן געוואָרן ספּעציעל פֿאַר דער בינע. בעת אין איטאַליע האָבן זיך אַפֿילו צווישן רבנים און לומדים געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן, ווי אריה די־מאָדענאַ[1], אַליין געשאַפֿן פּיעסעס און מיט לייב און לעבן געווען איבערגעגעבן דעם טעאַטער, האָבן אין די דייטשע און פּוילישע קיבוצים די גייסטלעכע וועכטער — די רבנים, אַלע אָן אויסנאַם זיך פֿאַרהאַלטן גאַנץ פֿיינדלעך צו די פֿאָלקס־פּיעסעס און טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען. נאָר אַדאַנק דעם נס פֿון פּורים האָבן די טעאַטראַלע פֿאָרשטעלונגען געקאָנט אַ וועלכן ס'איז קיום האָבן — אַלס „פּורים־שפּילן", אַלס געדולדעטע פֿאַרווייַלונג אין די פֿריילעכע טעג, ווען ס'איז אַ מצווה משמח צו זיין...

מיר האָבן שוין אין פֿאַריקן באַנד געזען, ווי די לוריאַנישע קבלה, וואָס האָט אַרויפֿגעלייגט איר שטעמפּל אויף דער גאַנצער רבנישער וועלט, איז ביסלעכווייז געוואָרן דער וויכטיקסטער און השפּעה־רייכסטער פֿאַקטאָר אינם גייסטיקן לעבן פֿונם דייטש־יידישן און נאָך אין אַ גרע־סערער מאָס פֿונם פּויליש־יידישן קיבוץ. אומבאַגרענעצט האָבן איבער דער פֿאָלקס־פֿאַנטאַזיע געוועלטיקט די אַלע אימהדיקע לעגענדעס וועגן חיבוט הקבר און גילגול הנפש, וועגן אַלע מיני מחבלים, דיבוקים,

---

1 זע באַנד IV, ז' 170—171.

השבעות, קמיעות, „שמות״, און צירופי אותיות. דאָס פאַנטאַסטישע און מיסטישע האָט באַקומען מער קאָנקרעטע פאָרמען, ווי דאָס רעאַלע און ממשותדיקע... דאָס פאַנטאַסטישע, די „יענע וועלט״, איז דאָך אָבער בלויז דער ווידער־קול פון דער טרויעריקער ווירקלעכקייט. אַלץ גרעסער איז געוואַקסן די צאָל פון די פיינדלעכע כוחות — פון די קריגערישע קירך־דינער און די שטאָטישע צעכן און גילדיעס, — און די אין מיסטישן שרעק איינגעהילטע פאָלקס־פאַנטאַזיע שאַפט אומצאָליקע מחנות מלאכי חבלה, משחיתים און מקטרגים, וואָס לויערן נאָכן מענטשן אויף יעדן טריט און שריט פון זיין לעבן, בכדי אים אַריינגאַרן אינם נעץ פון זינד. און ווי נאָר דער מענטש לאָזט זיך אויף איין אויגנבליק פאַרפירן פון דער סיטרא אחרא — וואַרט שוין אויף אים אַ שווערע אומברחמנותדיקע שטראָף... אַלץ פינסטערער און מרה־שחורהדיקער איז געוואָרן אין די ענגע געטאָ־גאַסן; און נאָך די בלוטיקע מעשים פון כמעלניצקים היילות און דעם אונטערגאַנג פון שבתי־צבים משיחישער באַוועגונג — האָבן די מיסטישע שטרעמונגען נאָך מער קרענקלעכע פאָרמען אָנגענומען. דאָס, וואָס די רבנים פון די פריערדיקע דורות איז ניט געלונגען דורכצופירן: די ברייטע שיכטן פון פאָלק זאָלן לעבן לויטן פרינציפּ פון „אל תשמחו אלי גיל כעמים״ — האָבן איצט, נאָך די שרעקלעכע צרות און רדיפות, וואָס דער יידישער קיבוץ איז אויסגעשטאַנען, מיט באַדייטנדיקן דערפאָלג דערגרייכט די בעלי קבלה פון אר״ים חדר.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, ווי אין פאַרשיידענע צענטערס האָבן זיך פון צייט צו צייט באַוויזן עקזאַלטירטע מיסטיקער, ווי יהודה חסיד אוים קאַליש, וואָס האָבן געמאָנט און גערופן, מען זאָל וואָס גיכער מחזיר בתשובה זיין, וואָרעם עס דערנעענטערט זיך דער טאָג פון דער גאולה. מיר האָבן שוין אָנגעוויזן[2], ווי אין יענער צייט, אויף דער שוועל פונם 18טן י״ה, האָט זיך געמערט די צאָל פון דרשנים און מיסטיקער, הייסע חסידים פון דער לוריאַנישער קבלה, וועלכע האָבן אין דעם אר״ים כתבים, וואָס האָבן דעמאָלט צירקולירט פון האַנט צו האַנט, געזוכט דעם זיכערסטן קוואַל פון אמת און וויסן, געפונען אין זיי דעם טרייען וועגווייזער איבער די פאַרפלאָנטערטע וועגן פונם לעבן. די אידעען פון דער לוריאַנישער קבלה האָבן די דאָזיקע דרשנים פאַרשפּרייט אין פאָרם פון „מעשים נוראים״, וואָס זיינען געווען איבערפולט מיט דערשרעקנדיקע פּרטים וועגן חיבוט הקבר, גילגול מחילות, שבעה מדורי גיהנום און וועגן גוואַלטיקע מחנות פון שדים און מחבלים. מען האָט זיך דערביי

[2] באַנד IV.

ניט באַנוגנט בלויז מיט „תורה שבעל פה“, מיט מינדלעכע דרשות אין שולן און בתי־מדרשים; עס זיינען אויך געשריבן געוואָרן ספּעציעלע מוסר־ספרים, וואָס האָבן געזאָלט מיט דער הילף פון אַט די „מעשים נוראים“ דערוועקן אין דעם פּשוטן לייענער יראת־שמים און תשובה־געפילן. אַזעלכע מוסר־ספרים זיינען געשריבן געוואָרן נ״ט בלויז אין העברעיש, נאָר אויך אין יידיש, בכדי זיי זאָלן קענען אַריינדרינגען אין די ברייטסטע שיכטן פונם פאָלק. הירש קוידאַנאָווער האָט, ווי מיר האָבן געזען, אַליין פאַרעפנטלעכט זיין „קב הישר“ אויף דער פאָלקס־שפּראַך; אויף יידיש איז אויך באַלד איבערזעצט געוואָרן (1726) אליהו כהנס „שבט מוסר“. עס איז אויך אין יענער צייט דערשינען ספּעציעל אין יידיש אַ גאַנצע צאָל מוסר־ספרים, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון דער לוריאַנישער קבלה. דאָס פּאָפּולערלטע צווישן זיי איז דער „טייטש־זוהר“, דער „נחלת צבי“, וואָס דער בעל־דרשן צבי־הירש כאָטש אויס קראָקע האָט פאַרעפנטלעכט אין 1711.

ר׳ הירש כאָטש איז געווען אַ גרויסער מקובל און למדן; האָט געשריבן אַ לאַנגן מיסטישן פּירוש אויף „תיקוני זוהר“ („חמדת צבי“, 1706), נאָר קונה־שם האָט ער זיך געווען מיט זיין „נחלת צבי“[3]. אויפן שערבלאַט פונם „נחלת צבי“ ווערט אָנגעוויזן:

„דיזע דברי־מוסר פון זוהר הקדוש האָבן מיר מעתיק געווען און געקליבן די דברים פּשוטים צו מאַכן טרינקען די הייליקע געמיין די קוועלעדיגע וואַסר פון טיפע ברונן, וואָס זיינען זיסער אַז האָניק און געלייטערט איז גים־גאָלד, וואָס דאָס האָט געמאַכט דער געטליכער תנא רבי שמעון מיט זיינע הייליגע חברים צו דערלייכטן די אויגן פון עברים וואָס זיינען בייהעפט אָן גאָט, און מודיע צו זיין די מעלת התורה און אירע חקים ומשפטים וואָס זיינן רעכט פאַרטיג, און די מעלות פון בעלי תשובה און טוען צדקה, און די מדרגות הנשמות וואָס זיינען ריין

---

[3] אין דער העברעישער פאָררעדע צום „נחלת צבי“ דערציילט דער פאַרפאַסער, אַז נאָך זיין עלטערזיידע, אַביעזר־זעליק, וואָס איז געווען רב און ראש־ישיבה, האָט אויף דער שוועל פונם 17טן י״ה (1601) זיך באַשעפטיקט מיט אַ זוהר־איבערזעצונג אויף יידיש. ר׳ זעליק איז אָבער באַלד געשטאָרבן. זיין זון, ר׳ יוסי אויס ווין, האָט אַפילו בדעה געהאַט צו פאַרעפנטלעכן זיין פאָטערס ווערק, ער האָט אָבער זיין ווונטש ניט פאַרווירקלעכט, ווייל עס האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן די „גזירות ת״ח“. דער מאַנו־סקריפּט איז ענדלעך געקומען אין די הענט פונם פאַרפאַסערס אוראייניקל, צבי־הירש. יענער האָט אָבער געפונען פאַר נויטיק דאָס ווערק אויסנייע איבערצואַרבעטן אין אַ גאַנץ אַנדערן נוסח, און אַזוי אַרום איז פון דעם אַלטן ר׳ זעליקס ירושה געשאַפן געוואָרן דער „נחלת צבי“, צבי־הירש כאָטשס ווערק.

פון עבירות ווי זיי זיינען העכר אז די מלאכים פון הימל, און דעם ענש פון רשעים וואס זיינען וויט פון יראת ד׳, און פון זיין תורה טוען זיי אפקערן און זייער הארץ איז אין דעם געשטארקט, ווי זיי ברענגן אין פלאם־פייער פון גיהנם און זייער נפש וועט ווערן געווארפן אין כף־הקלע״...

שוין אין דער פארר־עדע האלט דער פארפאסער פאר נייטיק אנ־צוווייזן, אז ער האט זיין ווערק געשריבן בכדי מקרב צו זיין דעם „קץ״, ווארעם עס איז דאך קלאר און זיכער, אז „די גאולה קאן ניט געכר קומען נייערט דורך דעם זוהר, זוען מן דרינגן לערנט איטליכער נאך זיין השגה און פארשטאנד״[4].

דא טרעט גאנץ בולט ארויס א גאנץ כאראקטעריסטישער שטריך, וואס האט בלי־ספק א געוויסן קולטור־היסטארישן אינטערעס. מיר האבן שוין פריער אנגעוויזן, ווי געוויסע רבנישע קרייזן האבן זיך גאנץ פיינד־לעך פארהאלטן דערצו, וואס אדאנק דעם אויפבלי פון דער פאלקס־ליטע־ראטור איז „ממש די גאנצע תורה און אלע דינים״ לייכט צוטריטלעך געווארן פארן פשוטן עולם. די דאזיקע רבנים פלעגן זיך מתרעם זיין דערויף, וואס מען זעצט איבער אויף דער וואכעדיקער פאלקס־שפראך אזעלכע „הייליקע ספרים״, אין וועלכע עס זיינען באהאלטן זייער טיפע סודות. די בעלי־קבלה זיינען אבער אנטשיידן ארויסגעטראטן קעגן דעם דאזיקן שטאנדפונקט. אדרבה, זיי האבן זיך געשטעלט די אויפגאבע באַ־קאנט צו מאכן די ברייטע שיכטן פונם פאלק מיט דער תורת הנסתר און קודם־כל מיט דער מיסטישער וועלט פונם „זוהר״. און צבי־הירש כאטש טרעט טאקע גאנץ אנטשיידן ארויס אלס קעמפער פאר דער פאלקס־שפראך, און ער שטרייכט גלייך אונטער אין דער פאררעדע, אז אויך די לומדים, די „יודעי ספר״ האבן זיך ניט וואס צו שעמען לייענען דעם „זוהר״ אויף פראסט יידיש, ווארעם דער „זוהר״ גופא איז דאך אויך געשריבן אויף דער פשוטער פאלקס־שפראך פון די אמאליקע דורות: „אין יענער מדינה, וואו מן רעט לשון תרגום, איז דאס ספר הזוהר פאר איטליכם, אפילו פאר המוני עם, ווי במדינתנו איז אונזר לשון אשכנז שוה לכל נפש אדם, דאס מענכר יודע ספר זאל ניט מיינען עס וואר אים איין חרפה צו לייאנן טייטשע ספרים. איז דאך דארטן אויך אזוי דאס לשון הזוהר איר טייטש לשון״.

ווי דער „זוהר״ גופא, אזוי איז אויך דער „טייטש־זוהר״ איינ־געטיילט לויט די סדרות פון דער וואך, און די צענטראלע פיגור, דער

---

4 מיר ציטירן לויט דער ווילנער אויסגאבע, 1822.

הויפּט־העלד פון דעם גאַנצן ווערק איז דער „געטלעכער" ר׳ שמעון בן יוחאי מיט זײַנע וווּנדערבאַרע מעשים און מיסטיש־התלהבותדיקער שפּראַך. מיט פּעדאַנטישער פּינקטלעכקייט ווערן דאָרט געשילדערט די זיבן פּאַלאַצן, אין וועלכע עס רוען די צדיקים מיט די גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ[5], און מיט אַלע פּרטים ווערן באַשריבן די שבעה מדורי גיהנם[6], און די זיבן טויערן, וואָס פירן אין גן־עדן אַריין[7]. אויף אַ גאַנץ אויסטערלישן, אָפט גאַנץ אומדערוואַרטן אופן ווערן אײַנגעטײַטשט געוויסע פּסוקים פון דער סדרה; „עס זײַנען דאָך — איז דערבײַ מוסיף דער בעל „נחלת צבי" — כמה פּסוקים אין דער תורה דאָס מאַן מיינט זיי זײַנען ניקש נוץ און מיר זעען דאָס זײַנען אייטל גרויסע סודות". און די דאָזיקע טײַטשן ווערן צונויפגעפלאָכטן מיט די צענדליקער וווּנדער־באַרע מיסטישע מעשיות אויס דעם „זוהר". בכדי צו געבן דעם לייענער אַ באַגריף וועגן דעם סטיל און גייסט פון צבי־הירש כאָטשס ווערק. וואָס האָט אין משך פון דורות געוועלטיקט איבער די מוחות פון אונזערע עלטער־זיידעס, ברענגען מיר דאָ צוויי קורצע מעשיות אויס דעם „נחלת צבי":

I.

רבי חייא ור׳ יהודה זײַנען געגאַנגען אונטער וועגן, קומען זיי בײַ גאַנץ הויכע בערג, אַזוי געפינען זיי דאָרטן גרויסע ביינער די נאָך זײַנען געלעגן פון דור המבול; זיי וואָרן טריטן דרײַ הונדערט טריט ווײַט אָן איינעם ביין. זיי וואָרן זיך זייער פאַרוואונדערן, זיי שפּראַכן: דרום האָבן אונזערע חכמים געזאָגט דאָס די דור המבול האָבן זיך פאַר קיין דין און עונש ניט געפאַרכטן, ווי דער פּסוק זאָגט: ויאמרו לאל סור ממנו ודעת דרכך לא חפצנו (איוב, כ״ח). וואָס האָבן זיי געטאָן? דאָ דאָס וואַסער איז געקומען אויס דעם תהום, האָבן זיי מיט זייערע פיס פאַרשטאָפּט דעם קוואַל פון תהום. אָבער די וואַסרן זײַנען אַרויסגעקומען גאַנץ הייס, דאָס אירע פיס זײַנען פאַרברענט געוואָרן דער פון. די תוספתא פון זוהר זאָגט: עס גייט אַ קול פון די קולות של מעלה אַראָפּ, דאָס קול צוברעכט בערג און שטאַרקע פעלזן, און רופט אויס אַלע טאָג אויף די רשעים די האָבן אויגן און זעען ניט, האָבן אויערן און הערן ניט. זיי זײַנען דוחה פון זיך איר הייליגע נשמה מיט זייערע עבירות, זיי ווערן דאַריבער ניט אַנגעשריבן בספר החיים... דען ווען דער מענטש איז חוטא פאַר־

5 דאָרטן, 4—7.
6 דאָרטן, 10.
7 דאָרטן, 12.

טרייבט ער די נשמה פון זיך, אבער ווען ער איז מטהר זיין נפש רוח, דא רוועט די נשמה צווישן זיי. אבער די רשעים — וויי צו זיי! ווען זיי גייען אוועק פון דעם עולם ווערן זיי איבערגעענפערט אין די הענט פון דעם מלאך איבער דעם גיהנם דער הייסט דומה; זיי ווערן דארט פאר־ברענט אין פייער וואס ברענט, און געען ניט ארויס נייערט אן שבת און אן ראש חודש... נאך שבת אדער נאך ראש חודש געעט איין כרוז אויס מצד צפון און רופט: ישובו רשעים לשאולה — די רשעים זאלן ווידער אריין אין גיהנם. דען (דעמאלסט) זאמלן זיך איין וויפיל חבורות און כיתות מלאכי חבלה פון אלע פיר זייטן צו שלאגן און צו פלאגן זיי, און טרייבן זיי ווידר אריין אין פלאם פייער פון גיהנם [8].

II.

ר' יוסי הוב אן: ועמך כולם צדיקים, לעולם ירשו ארץ, זכאין זיינן די ישראל מער אז אלע אומות, דען הקב"ה הייסט זיי צדיקים. ותניא — מיר האבן געלערנט: אכט טויזענד און הונדערט און פינף און צוואנציג מלאכים זיין הייסן „מארי דגדפין". די מלאכים — די געען און שוועבן דען גאנצן עולם, און הערן אלץ וואס דער מענטש רעט; און דאס מויל וואס ער לאזט נאר אויס זיך ארויס דען דיבור, דא אנטפאנגן זי. ווי מיר האבן געלערנט, דאס איז ניט פארהאנדן אויף דען עולם וואס עס זאל ניט האבן איין קול. עס געט און שוועבט אין הימל דאס קול, באגרייפן די מארי דגדפין, די הערן און ברענגן עס ארויף אויף די פליגל פאר די דינים של מעלה, און זיי זיינן עם דן, עס זי צו גוטס אדער צו בייז. אז דער פסוק זאגט אין קהלת י"ב: כי עוף השמים יוליך את הקול ובעל כנפים יגיד דבר [9].

אין גרוים קרובעשאפט מיטן „נחלת צבי" געפינט זיך א צווייט ווערק אוים יענער צייט, דעם שנייטיכער רבס, עקיבא־בער העניכס „אביר יעקב" (זולצבאך, 1700) [10] דער דאזיקער פארפאסער האט נאך אין 1691 ארויסגעגעבן א זאמלונג פון פופציק מעשיות און לעגענדעס „מעשה ד'" [11]. „פיל וואונדערליכע נסים אונ' גשיכטן, — ווערט גע־

---

8 דארטן, פרשה נח.

9 דארטן, פרשה לך־לך.

10 „ספר אביר יעקב, דש האט מחבר גוועזן האלוף המרומם, חריף ובקיא המופלא הרב החסיד מה' עקיבא בער מורה צדק לעדת ישורון בק"ק שנייטיך... אונ' עז הייסט דרום אביר יעקב דש זייני אותיות רבי עקיבא".

11 צים סוף פון אייניקע אויסגאבעס „מעשה ד'" איז איבערגעדרוקט „גזירה מדינת אשטרייך" און אויך דער אנפאנג פון אבן עזראס „אגרת השבת" אונטערן טיטל „זה הכתב שלח הרב ר' אברהם אבן עזרא זצ"ל לבני הגולה".

מאלדן אויפן שער־בלאט, — אויש דער גמרא, זוהר, שלשלת הקבלה, עמק המלך... אונ׳ זאנשט אויז אנדרי שרייבֶרש אנשי אמת בלי שקרים פון ר׳ שמעון בן יוחאי דר דען זוהר האט גימאכט, אונ׳ פון ר׳ פנחס זיין שווער, פון זיין זון ר׳ אלעזר אונ׳ פיל אנדרי תנאים אונ׳ רבנים מער, אך פון ר׳ איציק לוריא ז״ל דער איז גיוועזן פור קורצי צייטן״. דעם וויכטיקסטן פלאץ פארנעמען אין די דאזיקע „וואונדערלעכע נסים און גשיכטן״ די „אנשי מעשה״ — די מקובלים און מיסטיקער. דעם הויפט־העלד פון דער „חכמת הנסתר״, דעם געטלעכן ר׳ שמעון בן יוחאי און זיינע גרויסע וואונדער, איז געווידמעט עקיבא העניכס צווייט ווערק „אביר יעקב״.

„איר ליבן ברידר, מאנן אונ׳ וייבר, בחורים וזקנים — רופט אוים דער פארפאסער — קומט אונ׳ זייט מענג בתענוגים, אונ׳ טוט צו דען נייאען ספר הערלויפן, אונ׳ טוט עס ביהענד (שנעל) קויפן. עש איז אייטל טעם אונ׳ חן, צו לייאנן דריני איז גאר שיין; אויף פרשות־וויז איז עש גישטעלט, ניקש איז פון אים גיפעלט, פיל שענער אלש די „מעשה ד׳״ אונ׳ דערגלייכן, עש מאג עש קויפן ארעם אונ׳ רייכן, אויך לומדים דארפן גאר וואול דרינן לייאן, עש ווערט זיך געוויש איר הערץ דריני דערפרייען. פון דען הייליגן מאן ר׳ שמעון אונ׳ זיין דור ווערט איר פיל וואונדער הערן, איר ווערט געוויש ניט דערפיר צו עשין ביגערן. און שבת ווען מן האט גישלופן טאן, זאל זיך דריבר זעצן וייב אונ׳ מאן, פיל חדושים ווערט איר פרנעמן, עש דארף זיך קיין למדן שעמן. פיל סודות ווערין אייך אפינבאר, פיל חידושי תורה ווערט איר דא ווערן גיוואר, כדי עש זאל אן אונש מקויים ווערן: ומלאה הארץ דעה, כמים לים מכסים״.

ווי מיר זעען אוים דער פאררעדע, איז דער „אביר יעקב״ איינגע־טיילט לויט די סדרות פון דער וואך. אבער ניט דער ביבלישער טעקסט ווערט דארט דערקלערט, דאס ווערק באהאנדלט בלויז איין־איינציקע טעמע, וועלכע ווערט אויך אנגעוויזן אין דער פאררעדע — דעם וואונדער־לעכן לעבנסוועג פון דעם געטלעכן מאן ר׳ שמעון בן יוחאי. עס ווערט דארט באשריבן, ווי דער גרויסער מאן איז גאנצע צוועלף יאר געלעגן אין א הייל באהאלטן צוזאמען מיט זיין זון אליעזר; דארט האבן זיך פאר אים די טיפסטע סודות אנטפלעקט. און דארט איז געשאפן גע־ווארן דאס וואונדערבארסטע בוך, וואס איז פול מיט גלאנץ און שיינ־קייט — דער הייליקער „זוהר״. און ר׳ שמעון בן יוחאים שווער, ר׳ פנהסן, טוען די פייגל, וואס שוועבן איבער די כוואליעס פונם ים,

די ליכטיקע בשורה אָנזאָגן, אַז דער געטלעכער מאַן האָט שוין די הייל פֿאַרלאָזן און אויף דער ליכטיקער וועלט זיך באַוויזן... און איין לעגענדע נאָך דער אַנדערער טוט ווייטער ציען דעם פֿאַנטאַסטישן פֿאָדעם פֿון בן יוחאים וווּנדערבאַרן און גלאַנצפֿולן לעבנסוועג...

אַזוי זיינען אין יענער צייט געשאַפֿן געוואָרן איין ווערק נאָכן אַנדערן מיט איין באַשטימטן ציל: איינוואָרצלען אינם באַוווּסטזיין פֿונם פֿאָלק דאָס טיפֿע התפּעלות־געפֿיל צו די באַשעפֿער פֿון דער „חכמת הנסתּר", און דעם פֿעסטן אומדערשיטערטן גלויבן אין די טיפֿע הייליקע סודות פֿון דעם „זוהר הקדוש". די דאָזיקע פֿאַרפֿאַסער פֿלייסן זיך וואָס מער שטאַרקן אינם פּשוטן עולם דאָס באַוווּסטזיין, אַז אָן די סודות הקבלה איז מען גאָרניט אימשטאַנד גאָטס תורה משיג צו זיין. און ניט צופֿעליק חזרט איבער דער פֿאַרפֿאַסער פֿונם „אביר יעקב", אַז „עס דאַרף זיך קיין למדן שעמין", און אַז „און אויך לומדים דאַרפֿן גאַר וואול דרינן לייאַן", ווייל „פֿיל סודות ווערן אייך אָפּנבאַר, פֿיל חידושי תורה ווערט איר דאָ ווערן געוואַר". די בעלי־קבלה, וואָס האָבן אויף דער פֿאָלקס־שפּראַך פֿראָפּאַגאַנדירט די מיסטישע אידעען פֿונם „זוהר" און פֿון דעם אר״ים קבלה, זיינען געגאַנגען נאָך ווייטער. עס זיינען געווען צווישן זיי אויך אַזוינע, וואָס האָבן אויף דער פֿאָלקס־שפּראַך געפֿירט זייער קאַמף קעגן די לומדים און רבנים, וועלכע האַלטן זיך גרויס מיט זייער בקיאות אין ים התלמוד, און גיבן זיך ווייניק אָפּ מיט קבלה. דער נאָכקלאַנג פֿון אברהם אַבולפֿיהס אַנטי־רבנישע צאָרנדיקע רייד [12] לאָזט זיך אויך הערן אין דער פֿאָלקס־ליטעראַטור. מיט ביטול דערקלערט דער בעל „תיקוני המועדים", אריה־לייב בינסוואַנגן, אַז „עש איז ניט אלש גילעגן אן דער גמרא אודר הלכה ותוספות". „איטליכער מיינט — זאָגט ער ווייטער — ווען ער נאַר קאָן איין בלאַט גמרא לערנן, אַזוא איז ער שוין איין למדן אונ' אזוי זיכט (זעט) ער קיין אנדר ספר מער אן. אָבער, מיינה ליבה לייט, איר מוזט ווישן ווען איין בן־אדם אלי גמרות אונ' תוספות אונז לערנט אונ' האט קיין ידיעה ניט אין ווישן שאפֿט פֿון סודות אונ' חכמת הקבלה, איז ער קעגן די זעלביגי לייט די יוא קעניין חכמת הקבלה, גלייך אלז ווי איין קינד אלז ער ערשט אן הייבט צו לערנן" [13].

די פֿראָפּאַגאַנדע פֿון חכמת הקבלה צווישן די ברייטע שיכטן פֿונם פֿאָלק האָט געהאַט אַ באַדייטנדיקן דערפֿאָלג. אפילו דער גאַנץ פּשוטער

12 זע אונזער ווערק, ב' III, ז' 53; ב' IV, ז' 243.

13 מיר ציטירן לויט שולמאַן, 78.

לייענער האָט אָנגעוואָרן דעם געשמאַק צו מוסר־ספרים, וואָס זיינען געשריבן אין אַ איינפאַכער, לייכט פאַרשטענדלעכער שפּראַך. אים האָבן פיל מער אימפּאָנירט אַזעלכע, וואָס זיינען פול מיט מיסטישע סודות און מיט יוויניק פאַרשטענדלעכע צירופי אותיות און „שמות". כאַראַקטע־ריסטיש איז אין דער הינזיכט דער גורל פון דעם מוסר־ספר „חקירת הלב", וואָס ס'האָט פאַרפאַסט אין 1715 שלמה בן שמעון וועצלער אוים פיורדאַ.

אַלס קינד פון זיין צייט איז שלמה וועצלער דורכגעדרונגען מיטן ריין־אַסקעטישן וועלט־באַנעם, ער איז אָבער אַן אויסנאַם דערמיט, וואָס אים איז פרעמד געבליבן די מיסטישע אידעען־וועלט, און ער פאַרהאַלט זיך קאַלט צו דער קבלה מיט אירע סודות. ער באַדויערט זייער, וואָס עס זיינען „כמה מוסר ספרים בלשון הקודש געדרוקט וואָרדן", און זיי קאָנען „גאָר ווייניג נוצן... זולכי לייט וואָס קיינע לומדים וואָרן... דען זיי פֿרשטייען עס ניט אונד וועֹרי נוט (גייטיס) דֶר בעל המחבר אלי מאָל זעלבשטן קומן זאָלט אינען פאַר צו לייאַנן אונד צו פֿר דייטשן, דען ווײלין זי זיך ניט זעלבשטן דרויז העלפן, אונד אנדר לייט צו פראַגן פר חרפה האַלטן בעו"ה". בכדי אָבער קיינער זאָל ניט קענען זאָגן „איך פר שטיי ניט קיין לשון הקודש אונד קאָן קײַן תשובה טון, האב איך דז קליינע ספר געמאַכט דז אויך די נשים ובתולות פר שטיין קענן... אויך גמיינע לייט זיך דרויז טרייסטן אונד איטליכר די רפואה צו זיין צושטאַנד פינדן קאָן".

שוין די קעפּלעך פון די קאַפּיטלעך זאָגן גאַנץ קלאָר וועגן דעם אַסקעטישן גייסט, וואָס הערשט אין וועצלערס מוסר־ספר: „פרק י' שפּריכט פון די בלינדהייט דער וועלט־קינדער; פרק י"ב שפּריכט ווי שמערצליך די וועלט־קינדער פון עולם אָפּ שיידן; פרק כ"ח שפּריכט: אַכטע דעם וועלטליכן כבוד ניט, לויטר הבל הבלים איז ווען איין מענש זיך מטריח איז פון לייטן באַרימט צו ווערדן; פרק ל"ח: לאַכע ניט צו פיל זונשט פֿרדערבסטו דז שפּיל; פרק מ"ה: דער בן אָדם זאָל ניט האָפּרטיג זיין" אאַז"וו. דער פאַרפאַסער וויל אָבער ניט איינשרעקן דעם לייענער, אָנוואַרפן אויף אים אַ פּחד מיט „מעשים נוראים" וועגן די שווערע שטראָף, וואָס וואַרטן אויף דעם זינדיקן אין גיהנם און וועגן די מהנות מחבלים, וואָס לויערן אויף זיין גוף און זיין נשמה. די דברי מוסר באַפּוצט דער בעל „חקירת הלב" מיט טעקסטן אויס דער ביבל און מיט משלים און מעשיות, וואָס זיינען גענומען אויס דעם רעאַלן אַלטעגלעכן לעבן. אָט די דאָזיקע מעשיות, וואָס זיינען געשריבן אין אַן

איינפאַכער קלאָרער שפּראַך, האָבן בלי־ספק אַ באַשטימטן געזעלשאַפט־לעך־עטנאָגראַפישן אינטערעס[14]. נאָר טאַקע דערפאַר, וואָס וועצלע־ס אין האַרציקן סטיל געשריבענער מוסר־ספר איז פריי פון מיסטישע שטי־מונגען, האָט עס קיין דערפאָלג ניט געהאַט[15], און ניט דער „חקירת הלב״, נאָר דער „קב הישר״ און דער „נחלת צבי״ האָבן געוועלטיקט איבער די מוחות פון יענע דורות...

דאָך וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז דער יידישער מאַסן־לייענער האָט דעמאָלט געלייענט בלויז גאָטספאַרכטיקע, מיסטיש־באַ־פאַרבטע מוסר־ספרים, און קיין שום אינטערעס ניט אַרויסגעוויזן צו ביכער פון מער וועלטלעכן אינהאַלט. עס דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן, אַז אַפילו אין דער ערשטער העלפט פונם 18טן י״ה, אין דער תקופה פון פולסטער גייסטיקער ירידה און שטרענגסטער אָפּגעזונדערטקייט, האָבן דאָך אויף דער יידישער גאַס געפונען אַ געוויסן, ווען אויך באַגרענעצטן, לייענער־קרייז פאָלקס־ביכער פון ריין־אַלגעמיינעם אינהאַלט. מיר האָבן פריער אָנגעוויזן[16], ווי אין דעם 16טן י״ה איז פאַרן יידישן לייענער־עולם אַ גרויסער סכום דייטשע פאָלקס־ביכער איבערגעדרוקט געוואָרן מיט יידישע אותיות, על־פי רוב מיט גאַנץ אומבאַדייטנדיקע שינויים. זייער אינטערעסאַנט איז אָבער פאָלגנדיקער פאַקט: איינס פון די באַ־ליבטסטע און פּאָפּולערסטע דייטשע פאָלקס־ביכער אויס דעם 16טן י״ה, די אַנעקדאָטן־זאַמלונג וועגן דעם פאָלקס־לץ „טיל אוילנשפּיגל״, איז גע־בליבן אויף דער יידישער גאַס כמעט ווי אומבאַקאַנט; עס זיינען בלויז אויפגעהיט געוואָרן האַנטשריפטלעכע אָפּשריפטן פונם דייטשן טעקסט מיט העברעישע אותיות[17]. ערשט אין 18טן י״ה זיינען דערשינען עט־לעכע אויסגאַבעס פון דער „וואונדערליך אונ׳ זעלצמי היסטורי טיל איילין שפּיגֶילש״[18]. משמעות, ערשט דעמאָלט איז באַדייטנד געשטיגן

---

14 בכדי צו באַקענען דעם לייענער מיטן סטיל פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן נאָר פאַרגעסענעם ספר, ברענגען מיר פון אים אין די ביילאַגעס אַ גאַנצן פּרק. זע ביילאַגע נומ׳ 8.

15 דאָס ווערק איז געדרוקט געווען ערשט נאָכן פאַרפאַסערס טויט אין 1731.

16 זע אויבן, ז׳ 62.

17 די עלטסטע אָפּשריפט פון דעם יידיש־דייטשן „אוילנשפּיגל״ איז אויפגעהיט אינם מינכענער כתב־יד נומ׳ 100, פאַרענדיקט אין 1600 (זע מ. עריק, וועגן „אַלט־יידישן ראָמאַן״, 205).

18 אויסצוגן פון פאַרשיידענע אויסגאַבעס פונם יידישן „אוילנשפּיגל״ ברענגט מ. שטיינשניידער אין „סעראַפּעום״, 1848, 39—40; אויך = לאַלעמאַן „Das deutsche Gaunertum“, B. III, 485—6; מ. עריק, צית. ח., ווייזט אָן, אַז די ערשטע יידישע דרוק־אויסגאַבע פון דעם „אוילנשפּיגל״ איז דערשינען פאַר 1721, די צווייטע אין 1736.

ביים יידישן לייענער־עולם דער אינטערעס צו דעם דאָזיקן פאָלקס־בוך. מיר האָבן שוין פריער געזען[19], ווי אַזוי דורך די אָפטע רדיפות און שווערער קאָנקורענץ, וואָס די דייטשע יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין מצד דער קריסטלעכער שטאָטישער באַפעלקערונג, ווערט די יידישע באַפעלקערונג אַלץ מער אַרויסגעשטופּט פון דער שטאָט און זי וואַנדערט איבער אין דעם דאָרף. צומשטאַרקסטן מאַכט זיך דער דאָזיקער פּראָצעס באַמערקבאַר אין דעם 17טן י״ה, און צום סוף פון דעם דאָזיקן י״ה איז שוין אַ באַדייטנדיקער טייל פון די דייטשע יידן באַשטאַנען פון ישובניקעס, וואָס לעבן צווישן פּויערים. אַט ביי די דאָזיקע צווישן פּויערים איינגעזעסענע פאַרגרעבטע ישובניקעס האָבן, ווי עס שיינט, שטאַרק אויסגענומען די אוילנשפּיגל־מעשהלעך, אַט דער אייגנאַרטיקער פּראָדוקט פון דעם שווער־וואָגיקן פּויערים־הומאָר, וואָס איז דער עיקר געווענדט קעגן דער שטאָט און די שטאָטישע באַלמעלאָכעס. באַליבט זיינען אויך געווען ביי דעם דאָזיקן לייענער־עולם די „שילדבורגער זעלצאמי אונ׳ קורצווייליגע גישיכט״, די אינטערעסאַנטע מעשהלעך פון דער דייטשער נאַראָנים־שטאָט, פון די שילדבורגער[20]. דער ישובניק האָט געהאַט גרויס נחת־רוח דערפון, וואָס די שטאָט־לייט ווערן אויסגעלאַכט אַלס אומבאַהאָלפענע נאַראָנים...

די מיסטישע אידעען האָבן טאַקע געוועלטיקט אויף דער יידישער גאַס, און פעסט איז געווען דער גלויבן, אַז די חכמת הקבלה איז דער קוואַל פון אַלע חכמות אין דער וועלט. דאָס רעאַלע לעבן האָט אָבער דאָך יעדעס מאָל דערמאָנט וועגן אַזוינע באַדערפענישן, וואָס האָבן מיט קבלה און מיסטיק ניט געקאָנט באַפרידיקט ווערן. עס זיינען דערצו ניטיק געווען גאַנץ אַנדערע ידיעות. אין פּוילן, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין געזעלשאַפטלעכן און עקאָנאָמישן ירידה־צושטאַנד, האָט זיך דאָס נאָך דערווייל ווייניקער געלאָזט באַמערקן; אַנדערש איז אָבער געווען די לאַגע אין דייטשלאַנד, בפרט אין די פּרייסישע פּראָווינצן. דער אינדוסטריעל־עקאָנאָמישער וווּקס, וואָס האָט זיך דעמאָלט שטאַרק באַמערקבאַר געמאַכט אין די צפונדיקע דייטשע שטעט, האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויך אויף דעם רעכטלאָזן יידישן קיבוץ. די מער אַנטוויקלטע האַנדלס־פאַרבינדונגען האָבן ברייטער געמאַכט דעם וועלט־

---

[19] זע אויבן, ז׳ 324.

[20] אַ קאַפּיטל פון דער יידיש־דייטשער אויסגאַבע ברענגט אַחע־לאַלעמאַן אין זיין אויבן ציט. ווו., ב. II, ז׳ 477—484.

באַנעם און אינטערעסן־קרייז און געמאַכט שטאַרקער פילן די שפלות און אָפּגעשטאַנענקייט פונם יידישן גייסטיקן און עקאָנאָמישן לעבן.

טיפּיש איז אין דער הינזיכט יצחק וועצלערס „ליבס־בריף״, וואָס ער האָט פאַרפאַסט אין 1748—1749[21]. געבאָרן אין דעם לעצטן יאָר־צענדליק פונם 17טן י״ה, האָט יצחק וועצלער[22] געלערנט ביז 1709 אין פּראָגער ישיבה ביים באַוווּסטן רב אברהם ברודא, שפּעטער האָט ער גע־לעבט אַלס אָנגעזעענער באַלעבאָס אין צעלע. אַלס געשעפטסמאַן האָט וועצלער געהאַט צו טאָן מיט שררות, אָפט באַזוכט האַמבורג און אַנ־דערע שטעט, און געהאַט די געלעגנהייט גוט זיך צוזוקן צו די אָפּ־געשטאַנענע און אומבאַרמהאַרציקע באַדינגונגען פונם יידישן לעבנס־שטייגער. דאָס האָט אים באַוויזן אָנצושרייבן זיין מוסר־ספר „ליבס־בריף״. וואָס ער איז אויסן מיט דעם דאָזיקן נאָמען, דערקלערט ער גלייך אין דער פאָררעדע: ער פאַרזיכערט, אַז ער שרייבט זיין ווערק „נור אויז אינרליכע אויפריכטיגע ליבה פון גרונד זיינס הערצנס אַן זיין ליבה ברידר אונ׳ שוועסטרן״. דאָס זעלבע חזרט ער אויך מערערע מאָל איבער אינם ווערק גופא, ווי, צום ביישפּיל, אין קאַפּ׳ 13: „השי״ת ב״ה וב״ש הגדול איזט מיין עדות איך זולכש לשם שמים שרייבה אונ׳ אויז ליבה צו מיינה ברידר״. מיט גרויס באַדויערן ווייזט אָן דער פאַרפאַסער, ווי צעפּוילט עס זיינען די יסודות פון יידישע פּרנסות. „דש דא איך נאר אופט — קלאָגט זיך וועצלער — אונזרן עלענדן בטריבטן צושטאַנד אין אונזרם גלות בטראַכט האָבי (האָב) דיזוס איינם מיט גוועזן וויא בעו״ה די שפע פון משא ומתן אבגעמט, וויא שוועהר אונד זויאר מיר אונזר פרנסה זוכין מוזן. דער אלליר מיינשטה משא ומתן בעו״ה אין שווינדל בשטייט״. דאָס זעלבע חזרט ער אויך איבער אויף אַן אַנדער אָרט: „זוא איזט אויך נאט ערבארמס אונזר פרנסה שווער, אונד דער משא ומתן שווינדל, אונ׳ דש עשירות ליידר גאַמש ווייניג בשטאנד״.

און די הויפּט־סיבה פון דער דאָזיקער ירידה זעט דער פאַרפאַסער אין דער שלעכטער דערציִונג, אין דער אומקולטורעלקייט פון די אויבער־שטע שיכטן, וואָס האַלטן די ברייטע מאַסן פאַרשקלאַפט סיי גייסטיק, סיי עקאָנאָמיש[23]. די מנהיגים פון דער קהילה, די רבנים און לומדים — זיי

---

21 דאָס ווערק איז געבליבן אין כתב־יד. און עס איז בלויז באַקאַנט געוואָרן אַדאַנק דעם אויספירלעכן באַריכט פון ד״ר יעקב מיטלים אין „ייווא־בלעטער״, II, 308—333.

22 אפשר איז זיין פאָטער געווען שלמה וועצלער אוים פיורדא, דער פאַרפאַסער פונם „חקירת הלב״. זע אויבן, ז׳ 393.

23 „ייווא־בלעטער״, II, 17.

זיינען עס שולדיק אין פאַרחושכטן מצב, אין וועלכן עס געפינט זיך די יידישע גאַס; זיי האַלטן עס די ברייטע מאַסן אין אומוויסנקייט און פינסטערניש. דער קולטור־ניוואָ איז אַזוי נידעריק, אַז די מאַסע איז אפילו ניט ביכולת איינצוזען, ווער ס'טראָגט די גרעסטע שולד פאַר איר ווּיסטער לאַגע. „אבר דיא מיינשטה בעוה״ר ווייסן ניט פיל מעהר אלז די בהמות, ווער האט שולד. דעם גמיינן מאן איזט זיין יכולת ניט ווייטר זיין קינדר מעהר לערנין צו לאזן. אליין אונזר פרנסים ומנהיגי המדינה זעען היר נאך ניט פיל ווייניגר דש זיא טראכטין זאלטן אין קופה של תלמוד תורה אויף צו ריכטן דעם גמיינין מאן צו הילף צו קומן״[24]. „אין דער נעץ — דערקלערט דער פאַרפאַסער מיט פאַרביטערונג — ווערן געהאַפּט פיל מנהיגים פון וועגן זייער גאוה און הערשאַפט, און וואַרפן איין גרויס פּאַרכט אויף דעם עולם ניט פון גאָטס וועגן. און זיי טוען זיך אָן גרויסע תענוגים און העלפן ניט דעם עולם מיט די מסים, דאס אויף זיך מאכן זייא גרינג דעם מס און אויף אנדרי מאכן זיי שווער... די עדה, די קינדר פון אברהם יצחק יעקב, זענין צו שטויסין און נידעריג און גייען נעביך נאקיט און בארוועס מחמת די שמשים וואס זענין גובה דעם מס און די בדינערס פון קהל בגזלנען זייא״.

ניט מיט קיין קלענערן צאָרן רעדט יצחק וועצלער וועגן די רבנים און לומדים. „אליינד אבר איצונד בעוה״ר ווערט אונזר הייליגה תורה ליידר גאטש דורך פיהל ביזה לומדים פר שווינדלט אונד דער אמת שוועהר צו פינדן... בעונותינו הרבים אין דעם היינטיקן דור האבן זיך גמערט פיל לייט, וואס מחמת חניפה אדער מחמת מען גיט זיי געלט זענען זיי מתיר פיל זאכן וואס זענען אסור מן התורה״. די רבנים און די לומדים, וואָס וואָלטן געדאַרפט זיין די אמתע מנהיגים, און זיינען עס ניט, זיי טראָגן עס, לויט וועצלערס מיינונג, די גאַנצע אחריות פאַר דעם שפּלדיקן מצב פון דער יידישער מאַסע. ער וויים צו דערציילן וועגן יונגע לומדים, וואָס אַקאָרשט נאָך דער התונה פאַרשאַפן זיי זיך אַ רבנות־אַמט פאַר געלט און אַדאַנק אַ גוטער פּראָטעקציע. „אונד געהערי מאן היראיבר קינות צו שרייבן, אונד איינש פון דש אללירשמערצליכשט איזט, דש זולכי יונגי רבנים מיט איהר חוצפה אונד גאוה [טוען פארפירן] ניט אליין איהר מיטברידר דיא זיא מיט געלד גבלענד האבן דש דיא זעלבי זיא צו רבנים גמאכט האבן, זונדרן אויך גמייני גוטי לייט אויך וואל עשירינ אונד זא גאר פרנסי ומנהיגי קהלה ומדינה״. און דורך אַזעלכע קאַריע־ריסטן ווערן עס אמתע ירא־שמימס דיסקרעדיטירט ביים פאָלק... „זיא

---

24 דאָרשן, II, 318.

ווערדן בעוה״ר אָב גהאקט דורך זולכי יונגי בֵּיזי רבנים אונד אנדרי וויא אויבן במעלטי (געשילדערטע) בֵּיזי לומדים, די זיינן זאלכי אנשים השובים מַשפּל בייא דען גמיינן מאן״. אויב די דאָזיקע לומדים־קאַריעריסטן לערנען שולחן־ערוך אָדער אַנדערע פּוסקים, איז עס ניט לשם לערנען, נאָר בכדי האָבן ריווח דערפון, קענען פיגורירן ווי א בורר אָדער שליש ביי אַ דין־תורה; און בכדי אויסנעמען ביי דעם צד, וואָס זיי פּאַרטרעטן, פּאַרקרימען זיי דורך כל המיני פשטלעך דעם אמת, אַזוי, אַז דער דין־תורה איז שוין ממילא ניט מער קיין דין־תורה, ניט מער קיין דין־אמת. ווי אַזוי דאָס פּאָלק רעאַגירט דערויף, און ווי ווייט דער אויטאָריטעט פון די לומדים איז דאָרט געפאַלן, אילוסטרירט דער מחבר מיט פּאָלגנדיקע ווערטער: „עס קומט בעוה״ר דורך זולכי לומדים זא ווייט, דש עז אונטר גמייני לייט איין אָפענטליך גמיין שפריך־וואָרט ווערט: אונזר היילינגע תורה וועהר גאַנץ גוט, אַלין שעלמן אונ׳ דיבן (באַנדיטן און גנבים) האבן זיא אונטר העגדין, פֿרדרייען זיא וויא זיא וואָלין״[25].

און דעם שורש פון דער גאַנצער מאָראַלישער און כאַציאַלער ירידה זעט דער מחבר אין דער שלעכטער און ווילדער דערציִונגס־סיסטעם. אָט די אומפּעדאַגאָגישע לערן־סיסטעם ביי די דייטשע יידן — פּאַרזיכערט דער פּאַרפּאַסער — פֿירט דערצו, אַז די קינדער וואַקסן אויס גראָבע יונגען, אָן עלעמענטאַרע ידיעות.

דער רעפאָרם־פּראָיעקט וועגן יידישער דערציִונג, וואָס ווערט פאָרגעלייגט אין די „ליבס־בריף״, אונטערשיידט זיך אָבער גאַנץ ווייניק פון די דערציִונגס־פּראָגראַמען, מיט וועלכע עס זיינען בשעתּם אַרויסגעטראָטן דער מהר״ל מפראָג, אפרים לענשיץ, שבתי בַס און אַנדערע[26]. אויך יצחק וועצלער פּאַררופט זיך דערביי אויף דער לערן־שיטה ביי די ספרדים, וועלכע גיבן זייערע קינדער קודם־כל גרינטלעכע ידיעות אין דער העברעיִשער שפּראַך, לערנען מיט זיי צוערשט תורה, דערנאָך נביאים, און צום סוף — משניות. ערשט ווען דער תלמיד איז געוואָרן גרעסער און מען האָט אים שוין געהעריק צוגעגרייט, גייט ער איבער צו גמרא, תוספות אאז״וו. ווי שבתי בַס און משה שערטלס, פּאַרלאַנגט אויך דער פּאַרפּאַסער פון די „ליבס־בריף״, אַז מען זאָל מיט די קינדער פּריציִיטיק אָנהייבן לערנען „דקדוק לשון הקודש״ און אַלס לערנבוך פון דער העברעיִשער גראַמאַטיק רעקאָמענדירט ער דעם „ספר הדקדוק״ פון זלמן הענא[27]. בלויז אין צוויי פּונקטן פון וועצלערס דערציִונגס־

25 דאָרט, 319 - 320.

26 זע אונזער ווערק, פריערדיקע טיילן.

27 זע אונזער ווערק, ב׳ V, ז׳ 177.

פּראַגראַם פּילט זיך די השפּעה פון דער ראַציאָנאַליסטיש־אויפקלערערי־שער שטרעמונג, וואָס האָט אָקאָרשט געלאָזט זיך דעמאָלט באַמערקן אין מערב־אייראָפּע. וועצלער חזרט מיט אַ ביזון איבער, אַז ווען דאָס קינד האָט באַקומען אַן עלעמענטאַרע ידיעה אין דער העברעיִשער שפּראַך, זאָל מען דערנאָך אָנהייבן לערנען משניות „אַן שטאַט מאַן דיא קינדער עין יעקב לערנן לאַזט"[28]. דער פרומער פּאַרפאַסער פון די „ליבס־בריף" גע־פינט, אַז דער „עין יעקב", דער אַגדיש־לעגענדאַרער טייל פונם תּלמוד, איז בכלל ניט קיין פּאַסנדיקער שטאָף פאַרן פּשוטן עולם, וואָרעם די אומ־וויסנדיקע מאַסע „דען גאַנצין עין יעקב פאַר פשוט אמת האַלטן"[29]. ער געפינט, אַז דעם ביבלישן טעקסט דאַרף מען לערנען בלויז לויטן פּשט, אָבער ניט על דרך הדרוש; און דערפאַר טאַקע באַציט ער זיך אַזוי נעגאַ־טיוו צו דער „ווייבערשער תּורה", צו דעם קלאַסישן טרעגער פון דער מדרש־ליטעראַטור אין יידיש — דעם „צאינה וראינה". ער האַלט דאָס דאָזקע ווערק פאַר שעדלעך, ווייל עס גיט ניט איבער דעם ריכטיקן פּשט פון דער תּורה. „וועהרי עס ניט בעסיר — טענהט ער — אונזרי ווייבר תּורה שבכתב פֿרשטינדן, אודר ווינינשטנס מאַן דיא ווייבר אונד אפילו גמייני בעלי בתים, דיא עז אין איהרי יוגנד ניט לערנן קענין, די זיא גנאַנטי טײַטש ביבל דיא ר' יקותיאל אין טייטש געמאַכט[30] לייאן לאַסט אלז צאנה וראינה".

דאָ קומען מיר אין באַרירונג מיטן צווייטן אָריגינעלן פּונקט פון וועצלערס דערציִונגס־פּראָגראַם. ער שטרייכט באַזונדערס אונטער, אַז מען דאַרף זאָרגן ניט בלויז וועגן דער דערציִונג פון די זין, נאָר אויך פון די טעכטער. אָט מיט דער דאָזיקער פראַגע: וועגן דער וויכטיקייט צו דערציען די יידישע פרוי, גיט זיך פיל אָפּ דער פאַרפאַסער פון די „ליבס־בריף". ער פּאָלעמיזירט קעגן יענע לומדים, וואָס פאַרשטייען ניט ריכטיק דעם פּשט פון דער תּלמודישער מימרא „כל המלמד את בתו תּורה, כאילו מלמדה תּפלה", און אויף דעם סמך דערלאָזן זיי ניט יידישע טעכטער זאָלן באַקומען אַ יידישע אויסבילדונג. דאָס פירט אָבער דערצו, אַז די טעכטער פאַרלירן יעטווועדע פאַרבינדונג מיט יידישקייט און ממילא ווענדן זיי זיך צו פרעמדע שפּראַכן און קולטורן, זוכן דאָרט אַ באַפרי־דיקונג פאַר זייער וויסנדורשט. „עש איז — ווייזט אָן דער מחבר — לײַדר גאַטש הערצליך צו בדויערן דש זעלכי בֿייזע לומדים ניט לערן וואָלין בנות ישראל תּורת משה שבכתב אונד דאַדורך איהרע הייליגע

---

28 „ייוואָ־בלעטער", II, 329.

29 דאָרטן, 318.

30 וועגן יקותיאל בליצס ביבל־איבערזעצונג, זע אויבן, ז' 158.

מוטרשפראך לשון הקודש לערנן זולן, היז קֶינן צוגעבן, דז בנות ישראל פרעמדי לשונות, צרפת, איטאַליעניש לערנן". דורכדעם ווערט די יידישע פּרוי פרעמר פון יידישקייט און ביי „אנדרי אומות איהרי ווייבר וויסן אונזר הייליגע תורה שבכתב בעסיר אלז אונזרי ווייבר" (דארטן, 331).

די אָפטע נסיעות אין די שכנישע און ווייטערע לענדער האָבן געוועקט אין די יידישע סוחרים און זייערע אָנגעשטעלטע דעם ווונטש צו באַקענען זיך מיט דעם לעבנסשטייגער פון די דאָזיקע לענדער, פון דער פאר זיי פרעמדער סביבה[31]. דער ברייטער האַנדלס־פּאַרקער האָט געפאָדערט א באַשטימטן מינימום פון עלעמענטאַרע ידיעות, וואָס די יידישע אַלטפרענקישע חדרים און ישיבות האָבן ניט גענעבן. ווערן טאַקע אין מיטן 18טן י"ה געמאַכט געוויסע פרווון צו געבן אויף דער אומ־גאַנגס־שפּראַך די דאָזיקע נייטיקע פּראַקטישע און רעאַלע ידיעות. דער האַנדלס־פּאַרקער פאָדערט אַן אָנשטענדיקן בריוו־ווּעקסל, ווערן געדרוקט פאַרשיידענע בריוונשטעלער מיט אַלערליי בריוו־מוסטערן. „ווייל איך האָב — לייענען מיר אין דער פאָררעדע צו איינעם פון אַזעלכע בריוונ־שטעלער[32] — פיל כתבים געזעהען און קיינר האט מיר ניט וועלין שמעקין, דרום האב איך דאש ספר ווידער טון אנטפּלעקין, אונד פיל לייט האבן מיך דרום גיבעטן, האב איך דערצו גיטרעטן. עס שטייט דרינן פיל בְמעלט, דרום זאלט איר ניט פארשוינן אייער געלט, און זאלט דאש ביאלד קויפן, איך פרהאָף, אז איר ווערט ווידר באלד דערנאך קומן צו „יפן". א געוויסער בנימין בן זלמן קרוניבורג, וואָס האָט אין 1750 אַרויסגעגעבן אין ניַיוויט אויפן רייַן א מעדיציניש האַנטבוך[33], פאַר־עפנטלעכט אין צוויי יאָר אַרום זיין „קוריאעסן אַנטיקוואַריום", אין וועלכן עס זיינען, ווי דער פאַרפאַסער גופא וויַיזט אָן, „אַללער האַנד אויז־ערלעזענע (אויסגעווילטע) געאָגראַפישע אונד היסטאָרישע מערק־ווירדיקייטן... אויז בעוועהרטע אויטאָרעם פון וואָרט צו וואָרט אויף

31 ס'איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס שוין אין יאָר 1764 דערשיינט אין יידיש דער „ראָבינסאָן קרוזע" (זע „ייוואָ־בלעטער", III, ז' 285).

32 „לשון פז, נדפס בק"ק אויביבאך בדפוס החדש אשר הוקים זעליגמאן רייז לסדר ועתה (1715) יגדל נא כח לפ"ק".

33 „סגולות מלכים הנקרא הויז־בוך, אדער מעדיצינישע שאַטץ־קאַמער דעם מענשן נוצליכקייט". פּראַקטיש־מעדיצינישע האַנט־ביכער פאַרמאָגט די אַלט־יידישע ליטעראַטור אַ גאַנץ אַנגעזעענע צאָל: „דרך עץ חיים" (1603) יששכר טעלערס „באר מים חיים" (1657), משה אוים מקוריטשם: „ירושת משה" און „ירים משה" (1677), „ספר רפואות", „ספר החשק" און פיל אַנדערע. מער באַריכות וועגן דער כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער פאָלקס־מעדיצינישער ליטעראַטור, זע ד"ר שאַצקיס אַרטיקל „ספר החשק" אין „ייוואָ־בל." IV, 223—235.

יהודית צום ערשטן מאָל איבערזעצט״. אויס דער הקדמה צו דעם ווערק [34] ווערט קלאָר, אַז דער אַרויסגעבער באַצוועקט ערשטנס אַרויסגעבן אַ געאָגראַפישן אַלמאַנאַך וועגן אַלע לענדער פון דער וועלט, פאַר די, וואָס זײַנען ניט אימשטאַנד צו מאַכן גרויסע רייזעס, און צווייטנס, און דאָס איז פאַרן אַרויסגעבער דאָס וויכטיקסטע, דערלייכטערן דעם לייענער די דײַטשע שפּראַך צו לערנען. „אונד הויפּטזאכליך — ווייזט קרוניבורג אָן — איזט דיזוס ביכליין זעהר נוצליך, אום דורך פלייסיגן לעזען די האָך־דײַטשע שפּראַך גרונדליך אַנבייא דיא רעכט שרייבונג דער ווערטער מיט פונדאַמענט צו ערלערנען״. דער זעלבער קרוניבורג האָט אויך אין די פופציקער יאָרן פונם 18טן י״ה געמאַכט אַ פּרוּוו אַרויסצוגעבן אַ יידישע צייטשריפט „דער גראָסע שוי פּלאַטץ, לושט אונד לעררייכע אויך טרויריגי אונד וואונדערליכי געשיכטן״. עס איז שווער צו זאָגן, צי זײַנען די דאָזיקע „וואונדערלעכע געשיכטן״ געווען ריין־בעלעטריסטישער שטאָף, אָדער געאָגראַפישע ידיעות און לענדער־באַשרײַבונגען פון ריין אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער. דער איינציק דערשינענער נומער פון דעם דאָזיקן זשורנאַל איז ניט אויפגעהיט געוואָרן.

פון קרוניבורגס אונטערנעמען איז גאָרניט געוואָרן, דערפאַר אָבער האָט אין 15 יאָר אַרום, אין דעצעמבער 1771, אין דער שטאָט דירנפורט, אָנגעהויבן צו דערשײַנען רעגולער צוויי מאָל אין וואָך, יעדן דינסטאָג און פרײַטאָג, אַ צייטונג אונטערן נאָמען „דירנפורטער פּריפּילעגירטע צײַטונג״. די דאָזיקע צייטונג איז אַרויסגעגעבן געוואָרן לויט דעם מוסטער פון דער ערשטער יידישער פּעריאָדישער צײַטשריפט „קוראַנטן״, וואָס איז דערשינען אין אַמסטערדאַם אין די 80ער יאָרן פונם 17טן י״ה, אויך צוויי מאָל אַ וואָך: דינסטאָג (אונטערן נאָמען „דינשטאַגישי קורנטין״) און פרײַטאָג („פרייטאַגישי קורנטין״). די „דירנפורטער צייטונג״, וואָס איז באַשטימט געווען פאַרן סוחרישן קלאַס, האָט געגעבן הויפּטזעכלעך אינפאָרמאַציע־מאַטעריאַל: פּאָליטישע ידיעות, יידישע כראָניק פון פאַרשיידענע לענדער. אין איינעם פון די אויפגעהיטע נומערן ווערט געגעבן אַ „פרײַזקוראַנד פון אַללער האנד פּוילישע סחורות״. אין סוף פון יעדן נומער ווערט אָנגעוויזן: „אינצלע בלעטער ווערדן מיט איין זילבער גראשען בעצאָלט״. די יערלעכע אַבאָנענטן האָבן געצאָלט דריי רייכסטאָלער [35].

---

[34] די הקדמה האָט איבערגעדרוקט ד״ר י. שאַצקי אין „ייוואָ־בל.״, III, 406–407.

[35] זע „צייטשריפט פ. העבר. ביבל.״ V, 159; דאָרסן, VII, 24.

משה־זרח איידליץ, אַ טיכטיקער תּלמודיסט און ר' יונתן אייבּ־שיצס אַ נאָענטער פריינד[36], גיט אַרויס אין 1775 אַ דיקן האַנטבוך פאַר מאַטעמאַטיק „מלאכת מחשבת" אויף העברעיִש און יידיש[37]. אין דער פאָררעדע דערקלערט דער פאַרפאַסער, אַז „בּווילין איך דש ספר „מלאכת מחשבת" גמאכט דאמיט עז זולכי לייט וועלכי ניכט אויז דען לשון הקודש לערנין אויך צו נוצין זאל זיין". איידליץ האַלט דערבּיי פאַר נייטיק אונטערצושטרייכן, אַז די איינציקע אמתע חכמה דאָס איז טאַקע אונזער תּורה, נאָר אַזעלכע וויסנס־בּראַנזשעס, ווי מאַטעמאַטיק, זיינען אָבער נוצלעך אין פּראַקטישן לעבן; מוז מען דערפאַר אויך אין זיי האָבן אַ שטיקל ידיעה.

דער „מלאכת מחשבת", ווי אויך „די דירנפורטער צייטונג", זיינען געשריבן אין אַ שטאַרק „פאַרדייטשמערטן" יידיש. עס פילט זיך שוין די השפעה פון די נייע שטרעמונגען, וועגן וועלכע מיר האָבן גע־שריבן אין סוף פונם פאַריקן באַנד, און וועלן נאָך ריידן מער באריכות אין די ווייטערדיקע טיילן פון אונזער ווערק. און די טרעגער פון די דאָזיקע שטרעמונגען האָבן זיך פאַרהאַלטן מיט שנאה און ביטול צו דער פאָלקס־שפּראַך און איר ליטעראַטור.

צו דער זעלבער צייט איז אין די ווייטע דרום־פּראָווינצן פון דער גוססדיקער פּוילישער מלוכה אויסגעוואַקסן אַ שטאַרקע חסידות־באַוועגונג, וואָס האָט אידעאָלאָגיש זיך געשטיצט אויף די פריער געשילדערטע מיסטישע שטרעבונגען און צונויפגעזאַמלט אונטער איר פאָן באַדייטנד ברייטע פאָלקס־שיכטן. די בּערלינער „אויפקלערער", וואָס האָבן מיט שנאה זיך פאַרהאַלטן צו אַלץ, וואָס האָט אויף זיך געטראָגן די חתימה פון מיטלעלטערלעכן געטאָ — האָבן דערקלערט אַ פאַרביטערטן קאַמף דעם „פאַרדאַרבּענעם זשאַרגאָן" און געשטרעבט וואָס גיכער אים אַרויס־צושטויסן דורך דער „פאָטערלאַנד־שפּראַך". די חסידישע באַוועגונג אָבער, וואָס האָט זיך געווענדט צו די ברייטע דעמאָקראַטישע שיכטן, האָט גע־שטרעבט וואָס ברייטער אויסצונוצן אַלס פּראָפּאַגאַנדע־מיטל די פאָלקס־שפּראַך. אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור הייבּט זיך אָן אַ נייע תּקופה מיט נייע פאָדערונגען. וועגן דעם — אין די ווייטערדיקע בענד פון אונזער געשיכטע.

---

36 ביאָגראַפישע פרטים וועגן איידליצן זע: „ליטעראַטור־בלאַט ד. אָריענטס", 1848, 140, 524—7.

37 נאָך דעם „מלאכת מחשבת" האָבן נאָך געזאָלט קומען צוויי ווייטערדיקע טיילן (וועגן געאָמעטריע און אַסטראָנאָמיע). זיי האָט אָבער איידליץ שוין נים באַוויזן אָנצושרייבן.

ביילאַגן

בײלאַגע נומ׳ 1

(זע זײט 26)

מיטעלטערלעכע השבעות און אָפּשפּרעכונגען.

I.

בערמוטר לינדיק, בישט אז אלט אלז איך. ברינגשט דו מיך צו דיר ערדא, דו מושט מיט מיר בגרבן װערדן. איין בוכא הײלט דביפלא... ליג דיך נידרא.... אן דייני רחטא (רעכטע) שטט. דש גביט דיר די הײליגן גולטש (גאָטס) קרפט פערמוט דש וארי (פּאָרע) אייִדר מינו זול (זאָהלע) דארינדר קאנאיבש (קאָן איך עס) װול װרדולדנא (פאַרדולדן). דא װלושט (פליסט) אונדר איינן בודומלוזר (באָדנלאָזער) זיי, דא גייט איג׳ איין גראטלוזר ױש (פיש) דען זולט עשן אונ׳ זולט מינשליכש גאר װרגעשן (פאַרגעסן) אשאלאנדא (?) אן זנדא...

דביא מירמינדי (מערוייב, Meremindre) די הטן צהנדא (ציענד) אונ׳ גדירמא, דאייג׳ (די איינע) שליהטש (שלאָגן) דאנדר (די אַנדערע) ריהטש (רעכטס) דדריטא ונשטיט רוקטש... אליא בראכא דש װיליא טאר (?) אנטצוויא.

(גידעמאַן, „מאָנאַטשריפט”, 1875)

II.

איך בשװער אייך העזלין רודין (Heselin Ruthen) ביי דעם בורא אונ׳ ביי דען אלטװעדרין (אַלט פעטערן) די װר דעם אנגזיכט גאט אלצייט שטאן (שטײן) דש איר אין קיינר ליי לושט איר בשייט (בעשײדט) מיך אונ׳ מין גיזעלן... האט ער גידאן (געטאָן) זו גאט (גײט) אויף, הט ער ניט גידאן זו בלייבט שטילי שטאן... איך בששװער אייך העזלין רידין ביי דעם גשיצא אן און פיילא די ניא הינד װערט (הינטערװערט) גים.

(פּערלעס אין גרעצעס „יובל־שריפט”)

בײלאגע נומ׳ 2

(זע זײט 92)

פון בבא־בוך צו בבא־מעשה.

אליהו בחורס „בבא-בוך“ איז אין דער סטאנסן־פארם דאס לעצטע מאל געדרוקט אין 1767. װאַרשײנלעך, בערך אין דער זעלבער צײט, איז דער ריטער־ראָמאַן מגולגל געװאָרן אין א פּראָזאַישער פאנטאסטישער מעשה װעגן בבא „אויף דעם שטײגער װי טױזנט און אײן נאכט“, װי עס װערט אָנגעװיזן אויפן שער־בלאט אין אײנער פון די שפּעטערדיקע „בבא־מעשה“־אויסגאַבעס. מ. װײנרײך (בילדער אאז״װ, 170—171) װײזט אָן אויף א זשאָלקיעװער אויסגאַבע פון 1770—1780; אויסער דער אויסגאַבע פון פראנקפורט אויפן אָדער, 1790, איז פונם 18טן י״ה נאָך באַקאַנט א לעמבערגער פון 1798. די עלטסטע און באַקאַנטסטע רוסישע אויסגאַבע איז פון 1824 (געדרוקט אין װילנא־הורדנא) מיט פאָלגנדיקן שער־בלאט: „אײן שײנע היסטאָרײע װאש װערט גירופין בבא־מעשה האבן מיר גיטאן דרוקן פון דאש נײא, װאש גידרוקט איז פון לאנגי צײטן װאס זײנן פארבײא; איצונד איז אויף גרינגן לשון און נײע אותיות דערבײ, עש זאל קענין לעזן דרײן גרויש און קלײן, און עש זאלן פארשטײן דיא גאנצע גימײן, װיא מיט דעם בבא פון זײן גיבאָרן־טאג אָן האט זיך גיפּאַשירט, ביז ער די מלוכה האט אײנגעפירט“[1]. אויף דעם אונטערשטן טײל פונם שער־בלאט איז אָנגעװיזן אויף פּויליש: Bobe Maseh. Przygody i przypadki Bobe. Dzieło Eljasza Niemca „עליאַש ניעמיעץ“ — דאָס איז אליהו אשכנזי. אין די שפּעטערדיקע אויסגאַבעס פון „בבא־בוך“ װערט שױן דער נאָמען פונם פאַרפאַסער ניט אָנגעװיזן.

די פּראָזע־איבעראַרבעטונג פון דעם „בבא־בוך“ האַלט זיך אין אַלגעמײן גאַנץ געטרײ בײ אליה בחורס טעקסט. עס איז נאָך אַפילו ערטערװײז אויפגעהיט געבליבן דער גראַם. מיר ברענגען פאָלגנדיקע בײשפּילן[2]: „איך האב ניט געמײנט דיך זוא גרינג פארלירן, אבער דו ביזט צורײסן געװאָרן פון בײזע טירן“; „אבער ער ליגט אויף זײן נאקין, און װי צװײ ראָזען װארן אויף זײנע באקין“. „און דײן טאטער מוזטו מיר געבן, זונסט װעט דיך קאסטן דײן לעבן“. בכדי צו װײזן װי געטרײ

1 די דאָזיקע אויסגאַבע איז איבערגעדרוקט אין װילנע אין 1836 און אין 1839.

2 מיר ציטירן לױט דער אויבן־אָנגעװיזענער װילנער אויסגאַבע פון 1824.

די „בבא־מעשה" האַלט זיך ביים טעקסט פון „בבא־בוך", איז נענוג צו ברענגען פאָלגנדיקע שטעלן. דער אויבן אין טעקסט געבראַכטער מוסר־השכל וועגן די „בייזן ווייבן" ווערט אין „בבא־מעשה" איבערגעגעבן אויף אַזאַ אופן: „נוא איר ליבע לייט איצונד קאַן מען זעהן וואַש פאַר איין אומגליק עש קאַן ארויסקומן דורך בייזע ווייבר, ווי זי האַט גלאַזט אירן אַלטן קיניג אויף שטיקר צושניידן פון איר בייזן געדאַנקען וועגען. נון שלמה המלך ע"ה האַט אויך אנגעשריבן אַז צווישן טויזענט ווייבר קאַן מען ניט איינע פינדן איין גוטע". די אויבן אין טעקסט (ז' 87) געבראַכטע אַקטאַוועס, ווי עס ווערט געשילדערט ווי בבא פירט דעם קאַמף מיטן סולטאַנס חייל, ווערן אין דער „בבא־מעשה" אויף פאָלגנדיקן אופן איבערדערציילט: „און בבא וואַר רייטן אויף דעם פערד רענדזועלה מיט גרוים צאָרן און וואַר שטרייטן, אַלע מיינען ער איז משוגע געוואַרן. דער פערד העלפט אים אויך צו שטרייטן, ער בייסט און שלאַגט מיט די פיס פון הינטן און פון פאָרינט, ער לאָזט קיין מענש פאַר זיך ניט לעבן. און בבא מיט זיין שווערד פאַמעליע טוט פיל מענשן זייער לעבן אוועק נעמן. ער וואַר דער ערשטער אין דער שטרייט, קיין הייד וואַר פון אים ניט גענעזן". אין „בבא-בוך" ווערט דערציילט, אַז ווען דרוזאַנע קומט מיט אירע קינדער צו איר פאָטער, מאַכט זי דערביי אויפמערקזאַם, אַז די קינדער „זיין נאָך ניט בעשניטן".

דער קיניג שפּראַך: דו דאַרפסט ניט זאָרגן,
איין היפּשי ברית מילה וויל איך מאַכען מאָרגן.
דער אַנדרער טאָג קאַם הער נאָך
דאַ ליס ער די יונגן יידישן טראָגן
אבער דענאָך פרוגט ער דרוזיינה דאָך:
ווי זאָלן זיי הייסן זאָלסטו מיר זאָגן?
זי שפּראַך: אַי דער זעלביג בבא פון מיר צאָך
דאַן זאָגט ער מיר אַל טעגליכע טאָגן:
איינס וויל איך הייסן גיווידון נאָך מיין פאָטר
און איינס סיניבאַלד נאָך מיין קוואַטר.

די דאָזיקע שטעלע ווערט איבערגעגעבן אין „בבא־מעשה" בזה הלשון: „זי שפּראַך: מיין ליבער פאָטר, די צוויי קינדער זענן נאָך ניט באַשניטן; און דער קיניג שפּראַך: דו בדרפשט זיך דער מיט נישט צו זאָרגן, איין היפשן ברית מילה וועל איך מאַכן אי"ה מאָרגן. ווי עס איז דעם אַנדערן מאָרגן, אַזו לאָזט דער קיניג די קליינע קינדערלעך צום יידישן טראָגן. דאָך פרעגט ער דרעזוניע ווי ער זאָל זיי איין נאָמען געבן,

און דרעזניע שפּראַך: ווי בבא האָט זיך פון מיר אָפּגעשיידט, אַזוי האָט ער געשפּראָכן: איין קינד זאָל הייסן נאָך זיין פאָטער הערציק גווידין, און איינער זאָל הייסן סיניבאַלד נאָך זיין זיינאַם איר מאַן".

בלויז די סצענע ווי פּלעקון, בשעת ער לאָזט זיך ברענגען עסנ־וואַרג פאַר דרוזיניען, דער געווינערין, באַפאַלט אַ קלויסטער און צווינגט די אויף טויט איבערגעשראָקענע מאָנאַכן אים געבן אַלץ וואָס ער באַדאַרף — באַקומט אין „בבא־מעשה" גאָר אַן אַנדער אויסזען [8]. דער קלויסטער ווערט פאַרביטן דורך אַ פּאַלאַץ, וועגן מאָנאַכן איז קיין זכר ניטאָ, און ניט פּלעקון נעמט מיט געוואַלט, נאָר ער באַקומט אַלץ געשענקט מיט דער ברייטער האַנט. דער העַר פונם פּאַלאַץ „באַפעלט צו זיינע דינער, אַז מען זאָל אים געבן פון אַל דאָש בעשט וואַש נאָר זיין פאַרלאַנג וועט זיין; און היישט אויך אים געבן איין פערד מיט איין וואַגן די אַלע זאַכן און שפּייז אוועק פירן". צום סוף ברענגען מיר די ענדע־סטראָפעס פונם „בבא־בוך" (לויט פּראַגער אויסגאַבע, 1767) פּאַראַלעל מיט דעם באַטרעפנדיקן פּראָזע־טעקסט אויס דער „בבא־מעשה", (לויט דער ווילנער אויסגאַבע, 1824):

דאָס זעלביג לאַנד וואַר אויך זיין,
פיל רייכטום פאַנד ער דרינן,
ער צאָך (צאָג) זעלבערט דריין
זי העטן אין גערן איננן,
פון אַלע זייטן בעזיצט ער אַליין
קיין קיניג קאַן אים ניקס אַבגעווינען.
ער וואַר איין רייכער קיניג פיין
דריי קיניגרייך וואַר ער זיך פאַרדינן
זיינע צוויי זין גאַב ער איין גוטס לאַנד איין,
פיל געלד און גאָלד זאַמלין זי איין.
בבא און דרוזיינה וואַרן זייער פרום
זי דינין גאָט מיט גאַנצן הערצן
זי בעטן צו גאָט דאַרום
דער זי האָט געהאָלפן אויס אירע שמערצן.

---

8 לײדער האָבן מיר ניט געהאַט די מעגלעכקייט צו פאַרגלייכן די ווילנער אויסגאַבע פון 1824 מיט די עלטערע אויסלענדישע, כדי צו באַשליסן, אויב די דאָזיקע ענדערונג שטאַמט שוין פון דאָרט, אָבער דאָס איז ערשט געמאַכט געוואָרן ספּעציעל פאַר די רוסישע אויסגאַבעס, נעמענדיק אין באַטראַכט די פאָדערונגען פון די צאַרישע צענזאָרן.

דרום זאל קיין מענש פארצאגין, און זיין גראד און ניט קרום
און זיין געוויסן ניט פארשערצן.
נון האט דאס בוך איין ענד
גאט זאל אונז באלד משיח זענד
און אליהו הנביא דארנעבן
דאס מיר זאלן דערווערבן דאס איביגע לעבן
אמן וכן יהי רצון [4].

דער סוף לויט „בבא־מעשה״: „אין עטליכע צייטן ארום וואר דער שווער פון בבא שטארבן, אזוי וואר בבא נעמן דאש לאנד פון זיין שווער אויך, און וואר דרינען געפינען גרויש גוטץ. אזו וואר ער אליין זיין און זיין שווערש לאנד און האט אונטער זיך דרייא קיניגרייך, און זיינע זין וואר ער אפגעבן איטליכן בזונדער איין לאנד זיי זאלן דערמיט שאפן; און לאנד האט ער זיי געשיינקט מיט פיל געלט און גוט, און אלע איינזאמלען איין גרויש רייכקייט וואש האט גאר קיין סוף נישט. און בבא מיט דרעזניע ווארען זיער פרום קעגן גאט, זיי דינען אים מיט גאנצן הארצן. נוא איר ליבע לייט, איצונד זעהט ווי פיל צרות דער קיניג בבא מיט דרעזניע האבן גיהאט און גאט האט זיי גיהאלפן, אזו זאל קיין מענטש אן גאט ניט פארצאגין און השי״ת זאל אונז אויך העלפן אויש אונזערע נויטן און מיר זאלן דערלעבן אליהו הנביא און די ישועה זאל קומן במהרה בימנו, אכי״ר״.

ביילאגע נומ׳ 3

(צו זייט 123)

דער שפּעטערדיקער וואַריאַנט פון „אדם וחוה״־ליד.

אין דעם פאָלקס־ביכעלע „חכמת שלמה עם ממלכות שאול״, וואָס איז דערשינען אין ווילנע אין 1868 און איבערגעדרוקט אין 1870, 1872, 1878, איז גאָר אין אָנהייב אָפּגעדרוקט אַ ליד אונטער דעם טיטל „אנפאנג פון דער געשיכטע מיט אדם הראשון״:

שמעו אנשים, הערט צו מיינע ליבע לייטן,
איך וויל אייך דערציילען די געשיכטע פון פארצייטן.
ווי גאָט האט געשאפן הימל און ערד

---

4 אויסלייג — מאָדערניזירט.

אזוי האט ער באשאפן גראָז אויף דער וועלט.
ווי ער האט באשאפן גראָז אויף דער וועלט
אזוי האט ער באשאפן אָדמן אויף דער וועלט;
ווי אדם איז געווען איינער אויף דער וועלט
האט ער זיך געלעגט שלאפן אויפן פרייען פעלד.
ווי אדם האט זיך אויפן פרייען פעלד געלעגט אליין
אזוי האט גאט ארויסגענומען חוהן פון זיין ביין;
ווי חוה האָט אָנגעהויבן צו שפילן און צו לאכן
אזוי האט אדם אנגעהויבן פון שלאף אויפצוואכן.
חַוה דו ליבסטע, חַוה דו מיין!
לאמיר זע גען אין וויינגארטן אריין.
ווי זיי האבן אנגעהויבן די ערשטע טיר אויפצושליסן
אזוי האט זי דערזעען איין עפל אַ זיסן.
ווי זי האט פארזוכט דעם עפל אז ער איז זייער זיס,
אזוי האט זי פארשטאַנען ווי נאקעט זי איז
אזוי האט זי פארשטאַנען ווי נאַריש זי איז.
איז גאט אראָפגעקומען
צו אָדם מיט גרויס גרימען:
א, דו בייזער אדם, וואס טוסט זיך דא געפינען,
מיט דיין שווערן געמיט זאלסטו דיין ברויט פארדינען.
גאט דו ליבסטער, גאט דו מיין,
ניט איך בין שולדיג אין דעריין —
די בייזע חוה רעט מיר אָן.
איז גאט ארופגעקומען
צו חוהן מיט גרויס גרימען:
אָ, דו בייזע חוה, וואָס טוסטו זיך דאָ געפינען?
מיט דיין שווערן געמיט זאלסטו דיין קינד טוען געווינען.
גאט דו ליבסטער, גאט דו מיין,
נים אך בין שולדיק אין דעריין —
נייערט די בייזע שלאנג רעט מיר אָן.
איז גאט אראָפגעקומען
צום שלאנג מיט גרויס גרימען:
דו בייזע שלאנג, וואָס טוסט זיך דא געפינען?
מיט דיין בלויזן בויך זאלסטו אויף דער ערד שווימען.

ביילאגע נומ׳ 4

(צו זייט 144)

די שער-בלעטער אין דער אַלט-יידישער ליטעראטור זיינען אַן אינטערעסאַנט בלעטל קולטור-געשיכטע. מיר ברענגען דאָ אַ געוויסע צאָל פון די אין טעקסט דערמאָנטע ווענדונגען מצד די פארלעגער און פאַרפאַסער צו זייער פובליקום, וואָס איז באַשטאַנען פון ביידע געשלעכטער:

1) פון מיכל אדאמס פאָררעדע צו דער קאָנסטאַנצער חומש-אויסגאַבע (1544):

אלזו דז נון אין איטליכער בעל־הבית דער נור דייטש לייאן קאן, זיינע קינדר זעלבער מאג לערנען.

2) אויס קורניליו אדעלקינדס פאָררעדע צו אליה בחורס תהילים-איבערזעצונג (1545):

און לאזט מיך נאט נאך איינע צייט לעבן, זא וויל איך מאכן, דאס קליינע אונ׳ גרויסע ווערן מעגען גרינקליך וויסען וואס אים עשרים וארבע שטעט געשריבן.

3) אויס רייזל פישלס פאָררעדע צו משה שטענדלס תהילים-איבערזעצונג (1586):

דיש געטליך ס׳תהלים אויף טויטש אין דער צייט לאזין ווייזן... עש זיין ורויא אודר מאן, וויא דוד המלך ע״ה האט גיטאן... עש זול זיין ליבליך צו לייאנן, מאנין אונ׳ ורויאן אונ׳ דיא ורומי מיידליך.

4) אויס דער פאָררעדע צו דער גערײמטער יחזקאל-איבערזעצונג (1586):

אין טויטשן וואול בשיידן, פר ווייבר אונ׳ מיידן, אך צו לייאן מיט פריידן, בחורים און בעלי־בתים אלי ביידן.

5) אויס דער פאָררעדע צו „שאלת הנשמה״ (1598):

אבצעהן אלרלייא פרעג אונ׳ ענוורט אויף דער נשמה, פר טויטשט אויף דש אליר בעשט, דז פר שטין קאן ורויא אונ׳ מאן.

6) אויס דער פאָררעדע צום „מעשה-בוך״ (אויסגאַבע 1602):

קומט הער איר ליבן מאנין אונ׳ ורויאן, אונ׳ טוט דש שין מעשה בוך אן שויאן.

7) חיים בן נתן צו דער באַזעלער אויסגאַבע פון זיין „טויטש עשרים וארבע״ (1612):

היפש ור טוטשט מיט אלי מדרשים אונ׳ מיט אל מפרשים נר לושטיג צו לייאן, נוצליך ור ווייבר אונ׳ מאנן, דש איקליכר צו ווישן קאן וויא דער גאנגן איז צו אונזרן עלטערן פון עז מאל אן ישראל אין ארץ־ישראל קומן זיין ביז דש בית המקדש איז חרב גיווארדן אונ׳ וויא מן עש ווידר גיבויט הוט.

8) אוים דער פֿאָררעדע צום „לב טוב״ (1620):

איר אלי מאנין אונ׳ פרויאן, אונ׳ אל דיא פון בשעפר זיינן גיהויאן.

9) אוים דער פֿאָררעדע צו דעם רפואות־בוך „באר מים חיים״ (1657):

אין לשון אשכנז זייא ווייב אודר מאן, דינש גוטש בזיכליין וואול פרשטיין.

10) אוים דער פֿאָררעדע צו דער „יוסיפון״־איבערזעצונג (1661):

איר ליבן לייט לייאנט דיעזעם ספר פון אלטע צייט... רייך אדער ארם, אלט אדער יונג, עש זיי מאַנן אדער ווייב, קויפֿט עש נון באצייט...

11) אוים דער פֿאָררעדע צו „פרקי אָבות״־איבערזעצונג (1670):

דאס זיין דיא פרקים אין טייטשן גאר וואול בשיידן, דרינן זאלן לייאנן בנן אונ׳ ווייבר אלע ביידן.

12) אוים דער פֿאָררעדע צו „מדרש ווישע״ (1687):

איר ליבן מאנן אונ׳ פרויען, טוט דאז שֵׁין געטליך ליד אן שויאן.

13) אוים דער פֿאָררעדע צו „ארטיש הוף״ (1683):

צו ערין אָלין מאנן, יונגן, מיידליך און ווייבר, גישטעלט דורך אייערן דינשטוויליגן יוזלן־וויצן הויזן דען שרייבר.

14) אוים מיכל עפשטיינס פֿאָררעדע צו זיין תפילות־זאמלונג „דרך ישרה״ (1697):

איין תפלה דיא דא גישטעלט איז מיט דינים און הנהגות וויא דר בן אדם זאל זיך נוהג זיין, עש זיי דר למדן אודר גמייני מַן, בעלי בתים אונ׳ נשים.

15) אוים שמעון פראנקפורטס פֿאָררעדע צו זיין „ספר החיים״ (1703):

אלי דינים פון, פריידן אויף טייטש גאר וואויל בשיידן, פר מאנין אונ׳ ווייבער יונגן אונ׳ מיידן.

16) הענדל קירכהאן אין דער פֿאָררעדע צו זיין „שמחת הנפש״ (1707):

איך האב גישטעלט עטליכע מעשיות אויש גמרא דען איטליכר גמיינר מַן ווייש נים אלעש.

17) אוים דער פאררעדע צום מוסר־ספר „שחור על לבן" (1714):
איר ליבן ברידר, הש"י ב"ה דר בהיט אייך פר אלין ביזן מיט אל אייערן גלידר... קומט אונ' טוט מיר ערנשט צו הערן.

18) אוים דער פאררעדע צו דער „חובות־הלבבות"־איבערזעצונג (1716):

דאש ספר ווערט חובות הלבבות גמעלט, עש איז גאר איינציג אין דער וועלט, דאש האט גמאכט אונ' גר וואול ביטראכט הגאון הגדול החסיד רבינו בחיי פון פאר צייטן, דז זאלין זיך דראן קערן מאנין אונ' ווייבר אונ' אלי לייטן, עש איז גישטעלט אויף צעהן שערים אונ' פורטין, דז עש זאלין פר שטין יונגין אונ' אלטין.

19) אוים דער פאררעדע צו דער מחזור־איבערזעצונג (אמסטער־דאם 1721):

דרום האבן מיר דאש בדאכט און לאזן דרוקן דש מחזור אין טייטשן וואול פר טייטשט אויף דז אליר בעשט אונ' מיט חיבור און מיט גוטי פשטים, דז עז אין איטליכן יהודי נוץ און גוט איז, זייא ער ווער ער איז, אז איר וואול ווערט זעהן; זה הכלל זייא עז מאן אודר ווייב ווער נייארט לייאנן קאן.

20) אוים דער פאררעדע צו דער „שבט־מוסר"־איבערזעצונג (1726):
מאנין אונ' פרויאן טוט דש שייני ספר אן שויאין, דען דש חשוב אונ' ווירדיג ספר האבן מיר אין טייטשן טאן שטעלן, מיר וועלן האבן דש עש גאט אונ' דיא וועלט ווערט וואול גיפעלין.

21) זלמן בן שמעון וועצלער אין דער פאררעדע צו זיין „הקירת הלב" (1731):

דאמיט אבר קיינר זאגן זול: איך פר שטיי ניט קיין לשון הקודש אונד קאן קיין תשובה טאן, האב איך דאז קלייני ספר גמאכט דז אויך די נשים ובתולות פר שטין קענן... דאמיט אויך גמייני לייט זיך דרויז טריסטן אונ' איטליכר דיא רפואה צו זיין צושטאנד פינדן קאן.

22) אוים דער פאררעדע צו דער „אלדד הדני"־איבערזעצונג (1769):
פר ווייבר אונ' גמייני לייטי פון דער אורזאך וועג מעכטן חלילה וואונקל־מיטיג ווערן באמונתו דש זיא מעכטן גדענקן דאש אונש גאט גאנץ אונ' גאר פאר לאזן האט ח"ו גלייך איין טהייל פעלקיר זאגן, דש זיא גירעכט זיין, אונ' דאש זיא קייניגע האבן אונ' מיר ניט.

ביילאַגע נומ' 5

(זע זייט 158)

משה שערטלס פֿאָררעדע צו זיין „באר משה".

אתם עם סגולה, איך בּיט אום מחילה, דאז איך האב לושט דרוקן דז חומש כל מלה ומלה, בלשון קלילה אשר פפומי דאשכנז מרגלא. איך האב עז ואַר (פאַר) מיך אונ' מייני קינדר לושן דרוקין, איך הוף (האָף) אנדרי לייט ווערדן אך דרנוך צוקן, וויא איכש דא טון ור קינדן (פאַר-קינדן), האב מיכש אין דען מפרשים טון ווינדן, וויא איר זעכט (זעט) וואַרנן אין דער הקדמה וואו עז טוט הער קומה (קומען), פוינף גדולים, אויף איטליכן ביזונדר מאג שטין דער עולם, וויא עז בייא איטליכם איז גיבליבן דר נעבן גישריבן. אך וויא איך בייא הגאון מהר"ר חיים ורידבורג ע"ה בין אין מיינר יוגנט גיוועזן, הוט ער מיט זיינין קינדר דז חומש דורך אויז גיליין, הוט ער טון ביגערן איך זאלט צו הערן, און איטליכש ווארט טון אויף שרייבן, איז אזוי בייא מיר נון בלייבן; ווייל יא איז קומן אין דיא וועלט, איך און מייניש גלייכן זיך אָפט האבן גישנעלט, און ור טייטשן דען קינדן, דער אמת טוט זיך ניט אזוי בּיִוינדן (בעפינדן), קאן איכש ניט לושן בלייבן, איין טייל ווערטיר אין דער הקדמה שרייבן...

לערי סדרה בראשית ביז ער זי וואול קאן, דערנאך ערשט היב נח אן; מענכי לערנן דיא וואוכן־סדרות הלב (האַלב), און דר נוך ווידר דיא אנדר הלב, דר מיט איז ער קֵרֵחַ מכאן ומכאן. דער נוך ווערט מן גרויש, שעמט זיך דיא סדרות צו ורעגן (פרעגן), איך בין אך אין דיזם חליות גלעגן, אונ' בין נאך ניט רעכט דראן גיזונט, אוב שוין אונטר ווילה איין פעולה טוט וועלין, איין איטליכר מלמד קאן זיא וואול שטעלן. איך אונ' מיינש גלייכן ניט בקי בספרי דקדוק זיין, דאס איז בעונות איין שווערי פיין, דז מיר ניט רעכט שטעלין דען גרונט, איין איטליכר ואטיר (פאַטער) זאלט לושן לערנן ספר הדקדוק זיין קינד. איין איטליכר זול קומן צו לפין (לויפן), ור זיך און זיין קינדר דז ספר קפין; איז קיין שנד, בעשיר ווידר איין רינג אן זיינר הנט, אדר דיא זילבר האבן אן דאז גיוואנט. איך וויל קיין בחור ור ניכטן האב אופט טון טיכטן, דיא חלוקים (פילפול) קענן זיא נוך זאגן, איבר דען טייטשן ווערטיר מעכט מן מענכי שלאגן. דאז איז אלז דער ועטיר (פעטער, עלטערן) שולדן, וויל דער זון האבן זיין הולדן, זאגט ער צו כפרה, היב ולונט אן גמרא, זא ווערט מן דיר ואר (פאַר) איין בחור האלטן; דארום קאן ער

ניט דיא סדרות וועו ער טוט אלטין. מאג ניט לַנג זוכן נישוועץ, דא האבט איר דיא סדרות מיט אירם צו גיזעץ, חמש מגילות אך איטליכש ווארט וינדן (פינדן), בשם שיר השירים וויא מאן עז קנעלט מיט דען קינדרן. העמן מיר מענכי עשירים עפיש געלט גאליהן, העט איך קהלת טון אך אזו אין דרוק ציהן... וועז מיר עטליכי ליהן עפיש געלט, העט איך קהלת בלד אך אזו וויא שיר השירים גישטעלט. דאז טוא איר ארמער קנעכט בגערן גוט (גאָט) זול אונז אל גוטש ביוָערן. איך משה בן לא״א יששכר הלוי ז״ל.

אין דער פאָררעדע צו זיין חמש־מגילות־איבערזעצונג שרייבט משה שערטלס: „בעזרת יושב תהלות, אתחיל חמש מגילות, איין איט־ליכר קאן עז דרויש נרשטין, אונ׳ דארף צו קיינים רבי גֵין, וויא אירש דא וינט (פינדעט), קאן איטליכר ואטיר דרויש לערנן מיט זיינים קינר, איין איטליכר מלמד קאן עז דרויז קנעלן, דיא ווייבר עז אך (אויך) קאפין זולן״.

ניט אומזיסט פאַרזיכערט שערטלס אין דער פאָררעדע, אז ער איבערזעצט דעם שיר־השירים־טעקסט „ווי מאן עס קנעלט מיט דען קינדרן״. אָט דער טראַדיציאָנעלער איבערזעצונגס־נוסח פאַר די קינדער אין די חדרים, וועלכן שערטלס האָט איבערגענומען אין זיין חיבור, איז טאַקע אַדאַנק אים איינגעבירגערט געוואָרן אין די ווייטערדיקע דורות. אפילו דער היינטיקער לייענער געדענקט נאָך פונם חדר דעם זעלבן נוסח, וועלכן מיר באַגעגענען ביי שערטלסן[1] אין זיין שיר־השירים־פאַרטייטשונג: „שיר השירים — איין גיזאנג איבר אלי גיזאנג. אן אנדר גיזנג איז קודש, דז גיזאנג איז קדש קדשים. דאז הוט גיזונגן איין נביא בן נביא, איין מלך בן מלך, איין חכם בן חכם, דא הוט גיזונגן שלמה המלך צו קיניג הקב״ה דער דא הייסט שלמה, דאז דער פריד פון עולם איז זיין״.

---

[1] און האָבן אים באַגעגנט נאָך פריער ביי יצחק סולקעסן אין זיין שיר־השירים־איבערזעצונג (זע אויבן, ז׳ 142).

ביילאַגע נומ׳ 6

(זע זייט 305)

די פאָררעדע צו „קהלת יעקב״

איך בייט אייך איר ערליכן מאנן אונ׳ ווייבר און פרנעמט דאך דאז התנצלות פון מיר דיזן בוך שרייבר, ווארום איך מיך דז ספר האב גינומן צו שרייבן אן, אדער ווארום איך עז האב גיטאן. דען איך פאר מיר גיזעהן, וואז דא פאר אלטר צייטן איז גישעהן, דער דז ספר שמואל אונ׳ ספר מלכים האט אין איינעם גיזאנג טאן מאכן, האט אן גיהויבן אין דער מיטן אונ׳ האט לאזן שטיין זעלכי חשובה זאכן, דען דיא תורת הקדושה דז איז דז ערשט אונ׳ טוט דז מענשן הערצן ערפרייאן, און ווען משה רבנו ע״ה האט איין שירה בייא דעם ים גיזונגן אך אין דֵין דער סוף התורה טוט זיך גאט דער דערמייַאן. נון שטייט, ספר יהושע און שופטים פאָר אן, אֵי מן איין מאל ספר שמואל האט גידנקן טאן; נון האט מיר דר זעלביג גילאזן איין פלעצל לער, דער מיט איך אך קאן אויף הייבן איין וויינינגער. עז מעכט אבער איינר שפרעכן אונטר יונג אדר אלטן: ווען דו איין שיין עברי ספר העשט טאן מאכן אזוי העט איך מֵיין אויף דיך גיהאלטן. איך שפראך אבר דערצו: ניין! דען איך וויים וואל דז דאז זעלביג ניט קאן זיין... דען עז זאל זיך קיינער מֵיין אנגעמן וועדר דז ער טוט קענן, אזוי דארף ער ניט זארגן דז מן אים ווערט איין שוטה נענן. אבר דיזש ספר נחמד ד״ז איך שפל האב אלהיא טאן מאכן, פרהאף אך ואל צו רעכט ווערדן גיפונן אין אלע זאכֿן, עז זייא גלייך רש״י אדר אנדרי מפרשים דער בייא, אך דז ספר דז מן נענט דען ילקוט נייא, אך אויז מדרשים אונ׳ גמרות, אך צו צייטן דרינן בישלאסן אויז מיינם קאפף סברות, אך מיט שיינע משלים אַלֶם היפש אנגיצויגן, ווער דרינן ווערט לעזן ווערט גיוויש ניט זאגן דז איך עטוַוש האב דרינן גילוגן. דרום פר האף איך, אז מענכר וועט לאזן בלייבן דאז ווערפל און קארטן שפילן, און ווערט זיך דיא זעלביג וייל אין דיזם שיינם ספר זיין הערץ דר קילן, דען מען טוט אך פיל שיינה מלחמות דרינן פינן, ווער דרינן ווערט לעזן דר ווערט אל דינג וואָל בֶּזינן. אך וואז איך שרייב אויז דעם פיר נעמן „ספר הישר״, פר האף איך זאל אך ווערדן דער קענט פאָר אמת וכשר, דען עז מוז דאך איין און פיר גיצויגן ספר זיין, דער ווייל דז ספר יהושע אונ׳ ספר שמואל וויזן אויף דז הערליך ספר אניין, אלם נעמליך די שירה דז יהושע נאך דעם טויט פון דען איין אונ׳ דרייסיג מלכים האט גיזונגן, ווערט נידגנט דען אין דיזן ספר הישר גיפונן, אך

וויא דוד אויף שאול אונ' יהונתן האט טאן זינגן איין קינה, אזוי זאגט ער: ללמד בני יהודה קשת — זעלכש טוט מן אך אין ספר הישר פינה. ווארום ווערט דען דז זעלביג ספר ניט חשוב זיין, וואז מאן אין אנדרה ספרים דער פון שרייבט — טרעפט דאך אלץ איין, דרום מוז עס יוא איין ווארהאפטיג ספר זיין, דער וייל דיזע נביאים אונ' מלכים וויזן אין דעם ספר אניין. נון וואז איך דרויז האב גיצויגן, פר האף איך דז עז אך גיוויס ניט ווערט זיין דרלוגן. דרום האף איך אך איין זכות אויף יענם עולם דרפיר צו נעמן איין, דר ווייל איך מיך איין צייט לאנג האב דרינן מוזן זער מתכוון זיין. דרום ווער איין זעלכס ספר וויל האבן, קאן באלד קומן הער צו טראבן, דען דיא לייט דיא אין מיינע געשריבנה קונטרסים האבן טאן לייאן, האבן מיך זער גיבעטן איך זאל נאר גשווינדר לאזן דרוקן דרמיט זיא זיך מיט דען שיינן ספר קענן פרייאן — היא־מיט וויל איך מיין הקדמה בישליסן, השי"ת זאל אונז בזכות זה לאזן גניסן, דז משיח זאל גאט וויל בלד קומן. ווער דאז ביגערט דער שפראך אין גאטש נאמן אמן. אמן וכן יהי רצון.

דאז בייט איך פר אלן דינגן, איך יעקב בר יצחק ז"ל סגל ש"ץ בק"ק ריטליזיא דער דאש בוך האט טאן ריימן אונ' זינגן.

ביילאַגע נומ' 7

(זע קאַפּ. 12).

וועגן דעם רעקאָנסטרויִרטן אורטעקסט פונם אחשורוש־שפּיל

מיר האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו, אויפן יסוד פון די אויפגעהיטע טעקסטן, רעקאָנסטרויִרן דעם וואָרשיינלעכן אורטעקסט פונם אור־שפּרינגלעכן דראַמאַטישן „אַחשורוש־שפּיל", ווו מרדכי „דער יידישער פירשט" און דער „הויף־נאַר", דער קלאָון — זיינען נאָך געווען צוויי גאַנץ פאַרשיידענע פּערזאָנען. מיר האָבן פון אונזער זייט קיין איין וואָרט ניט מוסיף געווען. עס איז קלאָר, אַז מיר האָבן זיך געשטעלט די אויפגאַבע רעקאָנסטרויִרן בלויז דעם אינהאַלט און די סצעניש־דראַמאַטישע אַנטוויקלונג פון דער שפּיל, אָבער ניט שפּראַכלעך; ווייל אין די אויפגעהיטע וואַריאַנטן איז שוין די שפּראַך אין געוויסער מאָס (אין אייניקע ווייניקער, אין אַנדערע מער) מאָדערניזירט.

מיר גיבן דאָ די סכעמע פון דעם דאָזיקן רעקאָנסטרויִרטן טעקסט:

ערשטער אקט

1טע סצענע: דער לויפער ווענדט זיך צום עולם, דערקלערט אז באלד וועט „איין קיניג קומן איין הער... אין דער גאנצער וועלט ווערט זיין גלייכן ניט זיין". בעט אריין דעם קאנצלער, וואס שטייט ביי דער טיר: „הערייז, ברודר קאנצלער דו מיין".

2טע סצענע: דער לויפער און קאנצלער בגתנא. דער קאנצלער דערציילט וועגן דעם קיניגס צוויי מקורבים: „איינר הייסט פרינץ המן, דער אנדרר הייסט יודאט מרדכי", און זייי פירן צווישן זיך שטענדיק א צאנקעריי.

3טע סצענע: פריערדיקע, המן. המן האלט א לאנגע רעדע, וואס הייבט זיך אן מיט די ווערטער: „דו גרויסער גאט אויף דיין העכסטן הימל". די רעדע איז פול מיט שנאה צו יידן.

4טע סצענע: אחשורוש קומט מיט א גרויסער סוויטע, צווישן איר אויך מרדכי. עס ווערט א קריגעריי צווישן המן און מרדכי, אחשורוש שטילט זיי איין. המן בארימט זיך פאר דעם קאנצלער מיט זיין ווייב זרש, וואס איז צו איר אין שיינקייט קיין גלייכע ניטא „אין דעם פאטערלאנד קיניגנס לענדר וויט און ברייט". דער קאנצלער לויבט אויס די מעלות פון זיין ווייב.

5טע סצענע: אינטערמעדיע. דער הויף־נאר מאנדריש מאכט אלערליי בופאנאדן, דערציילט אגב גאנצע פזמונים וועגן זיין ווייב.

6טע סצענע: די פריערדיקע. אחשורוש ווענדט זיך צום עולם: „איר טוט אייך מיט איערע ווייבר לויבן און פרייען, איך וויל מיט מיין שענע ושתי די ווארהייט באווייזן". באפעלט דעם לויפער: „לויפר, לויפר, געטרייער דינער דו מיין, לויפן זאלסטו צו דער קיניגין אין איר זאל אריין, זאגן זאלסטו איר זי זאל קומן נאקעט הערייז, נאקעט מיט איר בלויסן לייב, עס זאל אויף איר זעהן מאן און ווייב".

7טע סצענע: ביי דער קיניגין ושתי אין זאל. לויפער גיט איבער דער קיניגין די „געבאטענשאפט" פון דעם קיניג. די דערצארנטע קיניגין דערקלערט: „לויפר, לויפר, געטרייער דינער דו מיין! לויפן זאלסטו צו דעם פאטר־קיניג אין דעם זאל הערייז, און זאגן זאלסטו אים, דאס ער האט זיך בעזויפן מיט מעט און מיט ווייז, אויך זאל ער ניט מאכן קיין גרויסן וועזן, ער זאל גדענקען דאס ער איז ביי מיין עלטר־פאטער נבכדנאצר שטאלמייסטר געוועזן"[1].

---

1 די דאזיקע לעגענדע געפינט זיך אין דעם רוב מדרשים, ווי צום ביישפיל אין „אגא גוריון" (זע: „בית המדרש", I, 4).

8טע סצענע: ביים קיניג אין זאַל. לויפער גיט איבער ווערט־ליך ושתים ענטפער. דער שטאַרק אויפגעבראַכטער קיניג פרעגט המנען: וואָס קומט ושתין פאַר אירע „שלעכטי ווערטער". המן ענטפערט, אַז פאַר דיזע ווערטער איז זי וואָל ווערט, איר הויפט אָפ צו האַקן מיט מיין בלייפלויזע שווערט". אחשורוש ווענדט זיך דאַן צו מרדכין: „יודאַס מרדכי, ווי געפעלט עס דיר?" און יענער ענטפערט: „ווען איך זאָל קיניג אחשורוש זיין, וואָלט איך געגעבן איר קאָפ דאַריין". המן חזרט נאָך אַמאָל איבער זיין מיינונג, אַז ושתי מוז איר קאָפ פאַרלירן, „אַלע ווייבער זאָלן נעמען עקסעמפּל דראַן, יעדע זאָל עהרן אירן מאַן". אחשורוש דער־קלערט: „פּרינץ המן, דיין ראַט איז מיר געפעלן".

9טע סצענע: ביי דער קיניגין ושתי אין זאַל. עס קומען אריין קאַנצלער און המן. קאַנצלער דערציילט וועגן דעם קיניגס באַשלוס לויט המנס בעראַט. ושתי בעט ביי המנען חסד. נאָך דעם קיניגס באַשלוס קאָן שוין אָבער המן גאָרניט העלפן, דאַן בעט ושתי דעם קאַנצלער, ער זאָל זי „צו דעם פאַטער־קיניג קערן; פיליכט ווירד דער פאַטער־קיניג אחשורוש מיין געביט הערן". דער קאַנצלער שטימט איין און דערקלערט: „פרוי מוטער־קיניגין, פאַר דען הויך עדיל געבוירנען פאַטער־קיניג וויל איך אייך מאַכן טרעטן, דער אַלמעכטיגער גאָט ווייסט אויב איר ועט איער יונגעס לעבן אוים ווייגן אָדער אוים בעטן".

10טע סצענע: ביים קיניג אין זאַל. אַ לאַנגע סצענע צווישן ושתין און אחשורושן. ושתי בעט ער זאָל איר שענקען איר „יונג לעבליין". אחשורוש האַלט זיך ביי זיין באַשלוס: „ושתי, מיין אָרדר האָסטו ניכט וואָלטען פאָרירן (פאָלגן), דאַרום מוסטו דיין לעבן פאַר־לירן".

11טע סצענע: דער הויף־נאַר מאַנדריש מיט אַלערליי בופאָנאַדן.

12טע סצענע: ושתי האַלט מיט געוויין אַ לאַנגן מאָנאָלאָג: „עס העלפט מיר שוין קיין געוויין, קיין געבייט און קיין געשריי". זי געפינט, אַז דאָס איז אַ שטראָף פאַר אירע „שווערע ביטערע זינד". זי האָט „געטון מיט יידישע קינדער שפּינן אום שבת נאַקעט און בלויס". זי ווענדט זיך צום סוף צו „אַלע הערן און פירשטן": „פריד און פריד אויף אייך ווייב און מאַן, איערע פרויען זאָלן זיך נעמען אַ קסעמפּיל דראַן, איערי פרוי זאָל עהרן איר מאַן". ושתי ווערט געקעפּט (לויט איין וואַריאַנט טוט דאָס המן, לויט אַן אַנדערן מרדכי). דער לויפער רופט אויס פאַר דעם גאַנצן עולם, אַז לויט דעם מלכס באַפעל דאַרף מען די זאַך „פּופּליצירען", „דאָס איין יעדע פרוי זיך ווייס צו רעגולירן,

אירן מאַנס באַפעל געהאַרזאַט נאָך צו קומן, זוגסט ווירט איר ווי ושתי דאָס לעבן גענומען".

13טע סצענע: דער הויף־נאַר מאַנדריש מיט אַלערליי גע־פּלוידער און קונצשטיק.

צווייטער אַקט

1טע סצענע: המן זינגט אַ לאַנג ליד וועגן דער פאַלשקייט פון פרויען. יעדער קופּלעט פאַרענדיקט זיך מיטן בייגעזאַנג: „דרום זאָג איך אייך: טרויעט איינעם, אויך ניט קיינעם, קיין ווייבסבילד געווים ניט".

2טע סצענע: מאַנדריש מיט אַלערליי בופאָנאַדן.

3טע סצענע: ביים קיניג אין זאַל. אחשורוש זיצט פאַר־טרויערט מיט זיינע יועצים. ער קלאָגט זיך פאַר המנען, אַז עס טרויערט זיין האַרץ איבער זיין געוועזענער געמאַלין — ושתי. פאָדערט ער פון המנען: „פאַר ריכט מיר די זאַך היפּש און פיין". המן גיט אַן עצה מען זאָל געבן אַ באַפעל צו זוכן איבער דעם גאַנצן לאַנד די שענסטע יונגפרוי „פיל שענער און בעסער אַז ושתי וואַר", און אויב זי וועט דעם קיניג געפעלן, וועט זי געקרוינט ווערן פאַר אַ קיניגין. דער קיניג איז שטאַרק דערפרייט און הייסט המנס עצה גלייך דורכפירן.

4טע סצענע: דער קאַנצלער רופט אויס פאַרן פאָלק דעם קיניגס באַפעל, „דאָס מאַן זאָל דען קיניג איינע וואַקרע יונגפרוי אויס זוכן, פיל שענער און בעסער אַלס ושתי וואַר... ווערט זי אים געפאַלן, געאַכפּערט זאָל זי זיין אונטער די הערן אַלן".

5טע סצענע: ביים קיניג אין זאַל. אחשורוש, המן, מרדכי און אַנדערע הויף־לייט. המן דערקלערט דעם קיניג, אַז ער האָט זיין באַפעל טריי דערפילט, ער איז „געלאָפן טאָג און נאַכט און האָט זיין גנעדיגסטן קיניג איין יונגפרוי געבראַכט. מיט דעם ערשטן נאָמען הייסט זי אסתּר, זי וויל ניט זאָגן ווער איז איר ברודר אָדער שוועסטער". אחשורוש באַפעלט המנען און מרדכין, זיי זאָלן אים „די יונגפרוי אריין פירן".

6טע סצענע: די פריערדיקע און אסתּר. אסתּר געפעלט דעם קיניג, ער דערקלערט: „די יונגפרוי איז מיר עבן, די קרוין פון מיינם הייב (הויפּט) וויל איך איר טון געבן". אַלע באַזינגען אסתּרן אַלס קיניגין: „זי טרעט אריין, זי טרעט אריין, אַלער אֵידלע הויך־געבוירנע קיניגין מיין, אין דער גאַנצי וועלט ווערט איר גלייכן ניט גיזיין". דער שטאַרק אויפגעלייגטער קיניג באַשענקט המנען און מרדכין: המנען —

„דאס זיך איין יעדער מאן זאל נייגן און בוקן צו דיר", און מרדכין: „זאל זיצן אונטער מיין טאר און טיר".

7טע סצענע: המן גיט איבער דעם קאנצלער דעם קיניגס באפעל. דער קאנצלער טוט אויסרופן: „פריד צו אייך איר הערן, גראבין (גראפן) און פערשטן, פרס ומדי, עס זיי איין קריסט אדער יהודיי! דא האב איך דאס זיגל־פעטשר פון קיניג זיינער האנד, אויס צו פעטשרין אין אלע לאנד, וואקר אויסשרייען און אויסרופן טאן, דאס זיך געגן הער המן נייגן און בוקן". המן פאדערט: „בוקט אייך, איר הערן!" אלע בוקן זיך אויסער מרדכין. המן פאדערט פון מרדכין: „מרדכי — בוקן!" און יענער ענטפערט: „ווי זאל איך מיך צו דיר טון נייגן און בוקן, דו האסט דאך איין צלם אויף דיינעם רוקן"[2]. המן איז שטארק אויפגעבראכט, ער ווייזט אן, אז ער איז פון אגגם געשלעכט, „שווער איך. הער המן, דאס איך וועל די יודן ברענגען צו יאמר און לייד".

8טע סצענע: המן עצהט זיך מיט דעם קאנצלער, אין וואס פאר א חודש און אין וואס פאר א טאג זאל ער די יידן אומברענגען[3].

9טע סצענע: המן פארמסרט די יידן ביי אחשורושן. אחשורוש דערפילט המנס פארלאנג: „מאך מיט די יודן אוים וואס דו האסט פיר".

10טע סצענע: המן גיט איבער דעם קאנצלער דעם קיניגס באפעל — אויסצוראטן די יידן. דער קאנצלער לאזט אויסרופן דעם קיניגס באפעל: „מיט טרומפייטן און שאלמייען, מיט שעלמייען און מיט טרומפייטן, וואו מאן איין יידן געפינד זאל מאן אין טייטן, צו ברענגן און צו בראטן אויפן הייסן הערד (פייער־אויוון) און זיי אומצוברענגען מיט דען בלויסן שווערט. דרייצן טאג אין מערצי, זאל עס ווערן בריים, וואו מן איין יודן געפינד זאל ער ווערן געטייט".

דריטער אקט

1טע סצענע: אסתר המלכה און איר דינער התך. אסתר ווענדט זיך צום דינער: „התך, דו גיטרייסטער דינער מיין! גע צו מיין פעטר מרדכי אין טאר אריין"; ער זאל ביי אים פרעגן, וואס באטייט זיין יאמערלעך שרייען און קלאגן, וואס לאזט זיך פון דארטן הערן.

---

2 דער „מדרש מגלת אסתר" דערציילט: „כשצוה המלך לכ־ויע להמן, עשה המן צלם מרוקם על בגדיו כנגד לבו, וכל שמשתחוה לו משתחוה לע"ז ועל כן מרדכי לא יכרע ולא ישתחוה („אגדת אגדות", 1881, 64).

3 אין „מדרש מגלת אסתר" (אויך אין „אבא גוריון" „ילקוט שמעוני" און אנדערע) ווערט אנגעוויזן: „וכשרצה המן להשמידם הסתכל בחדש השנה".

2טע סצענע: ביי מרדכין אין הויף-טויער. מרדכי און התך. התך גיט איבער אסתרס שליחות און מרדכי ענטפערט אים: „ווי זאָל איך ניט וויינען און שרייען און קלאָגן", אז עס איז אויף כל ישראל אויסגעגאָסן געוואָרן אזא גרויסע צרה: „המן, דער בֵּיזי-וויכט האָט זיך ביי דעם קיניג אויסגערעכט", און האָט ביי אים אָפּגעקויפט „ניט מיין לעבן אליין, נייארט די גאַנצע יודן-געמיין".

3טע סצענע: אסתר און התך. התך דערציילט אסתרן וועגן דער ביטערער גזירה. אסתר בעט התכן ער זאָל נאָך אמאָל גיין צום פעטער מרדכי און אים זאָגן, ער „זאָל אין דער שטאָט שושן גיין, און זאָל אינזאמלן גרויס און קליין", אויך זאָל ער „נעמן די צען געבאָט אין דעם שוים אניין", זיצן אויף דער ערד און פאַסטן און בעטן די גזירה זאָל בטל ווערן.

4טע סצענע: מרדכי און התך. התך גיט איבער אסתרס באַפעל. מרדכי איז מתפלל פאַר גאָט, ער „זאָל מבטל זיין די בייזע גזירות, אין דעם זכות פון די שלשה אָבות". דערנאָך בעט מרדכי ביי התך: „התך דו גיטרייער באדינר דו מיין, לויפן זאלסטו צו דער קיניגין אסתר אין איר פּאַלאַץ אריין", און זי בעטן, אז אויך זי זאָל טאָן תפילה פאַר גאָט, און דערנאָך זאָל זי גיין בעטן ביים קיניג. אסתר איז מתפלל ביי גאָט: „אלמעכטיגער גאָט, אלמעכטיגער פאָטער! דו פארלאָזט דאָך ניט דאָס קליינסטי ווערמל אונטערן גרעסטן שטיין, אזוי בייט איך דיר גאָט דו זאָלסט אננעמען מיין געבייט און מיין געוויין. דערבארם זיך איבער דיין הייליק פאָלק, וואָס זיי שרייען צו דיר דריי מאָל אין טאָג: שמע ישראָל ד' אחד[4], אלמעכטיגער" אאז"וו.

5טע סצענע: מאַנדריש — אלערליי בופאָנאַדן.

6טע סצענע: אחשורוש און אסתר. אסתר לאַדט איין אחשורושן צום מאָלצייט און בעט; ער זאָל דערלויבן „דאָס המן זאָל קומן אויף דער מאָל-צייט צו מיר". אחשורוש שטימט איין: „דיזע ביט וויל איך דיר געווערן".

---

4 לויט תרגום שני טענהט אסתר פאַר גאָט: „אויב דיין פאָלק ישראל וועט פאַרטיליקט וערן פון דער וועלט, ווער וועט פאַר דיר זאָגן דריי מאָל אין טאָג: „קדוש, קדוש, קדוש?" (דאין ישראל ייבדון כן עלמא, מיין יימר קדמך: קדוש, קדוש, קדוש! בכל יומא ויומא תלת זמנין ?).

פערטער אַקט

1טע סצענע: אחשורוש אויפן געלעגער און דער שרייבער שמשון[5] אחשורוש קלאָגט זיך, וואָס קיין שלאָף קומט ניט אויף זיינע אויגן, און ער הייסט שמשונען פירלייענען, וואָס אין דען „קראָניקן שטייט געשריבן". דער שרייבער לייענט אַרויס אויס דער כראָניק וועגן צוויי הויף־דינער בגתן און תרש, וואָס האָבן געוואָלט „דעם פאָטר קיניג גיפט געבן". נאָר וועגן דעם האָט זיך דערוווּסט „דער יודט מרדכי" און ער „האָט דעם פאָטר קיניג פון דעם טויט אָפּגעווערט".

2טע סצענע: המן קלאַפּט אין דער טיר. דער שרייבער מעלדעט דעם קיניג, אַז המן וויל פאַרן קיניג מיט אַ מעלדונג קומען, און אחשורוש זאָגט: „ווען המן איז דער מאַן, זאָל ער ניט לאַנג דרויז שטאַן, און זאָל גישווינד אַריין גאַן".

3טע סצענע: אחשורוש, המן און שרייבער שמשון. אחשורוש פרעגט ביי המנען, וואָס איז דער מאַן ווערט, וואָס האָט דעם קיניג פונם טויט אָפּגעווערט? המן געפינט, אַז אַזאַ מענטשן דאַרף מען אָנטאָן אין דעם קיניגס בעסטע קליידער, אַרויפזעצן אויפן קיניגס בעסטן פערד, פירן אים איבער די גאַסן און אויסשרייען, אַז דאָס איז דער מאַן, וועלכן דער קיניג איז זייער דאַנקבאַר. אחשורוש באַפעלט דאַן המנען: „דיזע ווערטער וואָס דו האָסט געטאַן ריידן, זאָלסטו גלייך דען יודן מרדכי בשיידן". המן בעט זיך ביים קיניג, מרדכי איז דאָך זיין פיינד, ווי זאָל ער אים ערן היינט. אחשורוש באַשטייט אָבער אויף זיינעם: „דען יודן מרדכי דער דאָ זיצט אונטער מיינעם טאָר, דען זאָלסטו ערין גאַנץ און גאָר".

4טע סצענע: המן ביי מרדכין. המן גיט איבער דעם קיניגס באַפעל. מרדכי זאָגט מיט איראָניע: ער קען דאָך פון לאַנגן פאַסטן און בעטן אויף די פיס ניט שטיין, ווי זאָל ער נאָך אויפן קיניגס פערד רייטן. המן זאָגט: „יודאַט, יודאַט מרדכי! דו ביסט דאָך שוין איין געלערנטער מאַן, דו ווייסט דאָך וואויל, וואָס אין גאָטס ביכער שטייט געשריבן: בנפול אויבך אל תשמח — ווען דיין פיינד פאַלט, זאָלסטו דיך ניט פרייען"[6].

---

5 לויטן טעקסט C, דער נאָמען איז פאַרגרייזט פון „שמשי ספרא" אין דעם „תרגום שני".

6 די סצענע איז גענומען פון די מדרשים („מדרש מגלת אסתר", „אבא גוריון", „אסתר רבתי", „ילקוט שמעוני" און אַנדערע). דאָרט ווערט דערציילט: „אמר לו: „קום רכיב! אמר לו: איני יכול מפני התענית, אבל הכף לפני ואעלה על גבך וארכובן. אמר לו המן: והלא כתוב בתורתכם (משלי, כ"ד, י"ב) בנפול אויבך אל תשמח"

5טע סצענע: מרדכי אויפן פערד אין בגדי מלכות, המן פירט דאָס פערד און שרייט איבער די גאַסן: „אָט דער מאַן, וואָס איר זעט אין בגדי מלכות אָנגעטאָן אאז״וו.

פינפטער אַקט

1טע סצענע: ביי דער קיניגין אסתר אויפן פּאַלאַץ. אחשורוש, אסתר, המן. אסתר קלאָגט זיך פאַרן קיניג, אַז אַ בייזער פיינד וויל זי און איר פאָלק אומברענגען. אחשורוש פרעגט: „ווער איז דער מאַן?״ אסתר ווייזט אָן אויף המנען. אחשורוש איז אויסער זיך פאַר צאָרן, און דערקלערט, אַז ער גיט גלייך אַרויס אַ באַפעל, מען זאָל מאָרגן המנען „אויף דעם גאַלגן הענגען״.

2טע סצענע: המן און קאַנצלער[1]. המן בעט ביים קאַנצלער, ער זאָל אים צולאָזן צום קיניג: „פאַר מיין שוועער לעבן וויל איך טון בייטן״. דער קאַנצלער זאָגט צו המנען, וועלכן ער רופט „המן, דו הערץ אַלער ליבסטער המן, הער ברודער מיין״, אַז ער וועט זיין ביטע דערפילן.

3טע סצענע: אחשורוש, המן. המן בעט ביי אחשורושן ער זאָל אים שענקען דאָס לעבן. יענער וויליקט ניט איין, און גיט אים איבער דעם קאַנצלער.

4טע סצענע: המן אַליין האַלט אַ לאַנגן מאָנאָלאָג, וואָס הייבט זיך אָן מיט די פערזן: „נעכטן בין איך געזעסן ביי דעם קיניג אחשורוש אין זיינר רעכטן זייטן, אצונד מוז איך שטיין ווי איין בעטל־מאַן פון וייטן״. דער מאָנאָלאָג שליסט זיך מיטן געבעט: „דו אַלמעכטיגר פאָטר! דו זיצט אין דעם הויכן הימל, און זעסט וואָס עס טוט זיך אין דער נידער, בעט איך דיר זיסער גאָט, זאָלסט מיר העלפן היינט און מאָרגן ווידער״.

5טע סצענע: המן און קאַנצלער. המן בעט ביים קאַנצלער ער זאָל אים טאָן „איין געפאַלן״: ער זאָל צו אים צולאָזן זיין ווייב און קינדער, ער וויל דאָס לעצטע מאָל מיט זיי ריידן „און דערנאָך וויל איך גען אין מיינע רו״.

6טע סצענע: המן, זרש און זיינע צען זין. אַ לאַנגע געזעגן סצענע.

7טע סצענע: המן פאַרן טויט. אַ מאָנאָלאָג, וואָס פאַרענדיקט זיך מיט שלום־פערזן: „הויך דאַרף זיך דער מענטש ניט האַלטן, צום לעצט טועט מאַן אים אין אַ פינסטערן גרוב באַהאַלטן״.

[1] אין די פאַרשיידענע וואַריאַנטן איז אַ שטיקל פּלאָנטער: ווען אין איין טעקסט שטייט: קאַנצלער, ווערט ער אין אַנדערן אָנגערופן: שרייבער, און אין אַ דריטן טעקסט (וואַריאַנט W) שטייט: קאַנצלער־שרייבער.

ביילאַגע נומ׳ 8

(זע זייט 393)

שלמה ווערצלערס „חקירת הלב".

מיר ברענגען דאַ אַלס אילוסטראַציע דעם 29טן קאַפּיטל פון דעם דאָזיקן אינטערעסאַנטן ספר.

פ׳ כ״ט שפּריכט: ניכט פֿר לאַנגי מיט גיוואַלט פּרנס צו זיין. מיין פריינד, ווילשטו ביי לייט איין ערליכר מאַן געהאַלטן זיין אונד דיר קיין חרפּה צו ציען, זא בלייבי ביי דיינם נידערן שטאַנד; ניכט אָבער דרינג אונד צווינג מיט גוואַלט פּרנס צו זיין. דו האָשט אפשר פּיל גיקענט אויף דיזם עולם וועלכי פון פירנעמערע משפּחה אונד גרעסטע עשירים גוועזין זיין, גרוישי חשובים די אַלען כּבוד אין שולן, אויף סעודות, אין קהלס־שטוב געהאַבט, אַל כ״ז בלאָזין אנד קלאַפּפּן איז אַן איהנן געוועזן; אונד איצונדר זיין זאלכי שטאַלצי שוטים אין גיהנם, אויף דעם עולם ווירד ער ניכט מין געדאַכט, זיין נאָמן איז ממש מיט עמלק אוים געלעשט וואָרדן. ווי פיל רייסן זיך בכּח השררה צו וועגן ברינגן, ער מוז דוקא ראש הקהל זיין; מיטן דרינן קומט דער מלאך המות מאַכט אים דעם ראש רעכט קאַהל[1]. איין בן אדם, וואַש די גנץ קהלה בוחר איז, ווען ער איין מאָל גלייך אב גזעצט ווירד קומט ער דאך ווידר צו זיין כּבוד, ווירד ווידר פּרנס; איינר דער אָבער מיט גיוואַלט פּרנס ווירד, קומט נימער ווידר. אין איינר קהלה האַב איך איין פּרוכת גזעען הענגן, איז דרויף געשטיקט גע־וועזן: נדיבת יד האַלוף הקצין כהר״ר גרשון פּרנס נימר־ווידר... האַב איך דאך געפראַגט וואַס די צוויי ווערטר נימר ווידר בעטייטן? בעקום אָבער פון שמש תשובה עז זיי אַלזו צוגעגאַנגען: ר׳ גרשון האָט זיך בכּח השררה צו וועגן געבראַכט, מאַן האָט אים מוזן צו איין פּוּנס מאַכן. האָט ער דיזש פּרוכת צו איינעם יחום אין שול געבן דאַמיט כּל עולם זעען זאָל — ער איז פּרנס געוואָרדן. איז אָבער נאָר דרויף געשטאַנדן: נדיבת יד הקצין ר׳ גרשון פּרנס. נאָך־געהנטז (דערנאָך) איז ער אָפּגזעצט וואָרדן, האָט קהל דאַז וואָרט „נימר" דאַצו געזעצט, נעמליך: ר׳ גרשון פּרנס נימר. איין יאָר דערנאָך האָט ער ווידערום פּיל געלט דרויף געוואַגט אַלז אים די שררה ווידר צו פּרנס געמאַכט; האָט ער דאַז וואָרט „ווידר" לאַזן דאַצו שטיקן. בקיצור איז זיין פּעליגער מיטול צוזאַמן געשטעלט וואָרדן: הקצין ר׳ גרשון פּרנס נימר ווידר. ניכט אָן רעכט האָט אים דער מיטול געביהרט (געפּאַסט): דען זעלביגן חודש איז דער מלאך המות קומן האָט אים מיט זיך גנומן. ער איז געשטאָרבן, ער קומט נימר ווידר ר׳ גרשון פּרנס!..

1 אַ האָרבשפּיל: „ראש הקהל, דער ראש איז אַ קאַהל (אַ קאָפּ מיט אַ פּליך, אַ קרח).

ליבּי פריינד, דעם וועג מוזן מיר אלע גען, ווארום ווילשטו דיך דאן מטריח זיין איבּער אנדערע צו הערשן אונד גדענקשט ניכט אן פּרנס נימר ווידר? זע ניכט אויף דעם צייטליכן, פאלשן אונד פארגענגליכן עולם, נאך אויף כּבוד; ווארף דיינע אויגן אונד ווענטי (ווענד) דיין לב אויף דעם וואס דו לאחר מותך צו געווארטן האסט, זא ווירסטו ניכט פאר לאנגן מיט געוואלט כּבוד צו האבּן אדער ראש הקהל צו זיין. מיר זיין נייארט בּני אדם, אונד איזט איינר צו שוואך זיינע עבירות אליין בּיום הדין צו פאר אנטווארטן — וועגן איינר גאנצן קהלה אדער מדינה חשבּון צו געבּן איז גאר שווערראוים צו רעדן פאר דעם מלך מלכי המלכים הקבּ״ה; ווארום זאלשטו דיך דאן מטריח זיין גערן זא איין עול אויף דיין האלז צו ציען וואס דו ניכט פארטראגן קאנסט? וויל דיך הש״י צו איין פּרנס מאכן לאזן, דארפסטו דיך גארניכט בּאמיהן, ווירד דיך קהל זעלבּשטן בּוחר זיין. ע״כּ בּלייבּי ליבּר אין דער נידריקייט און דעמוט... די בּוים וואש אין די הייך שטיין האבּן זיך פיל מער פאר די שטורם־ווינד צו פירכטן, אלז די קלייני אונד נידרע בּוים, אין גלייכן ווערדן אויך גמיי־ניגליך (געוויינלעך) די גרויסע פיש אייער אלז די קליינע געפאנגן דען די גרויסע בּלייבּן אין דער נעץ געפאנגן, די קליינע אבּער שלופן דורך. דער מלך נבוכדנצר האט דעם מלך אונד די גרעסטע חשובים אונטר ישראל אוים ירושלים לאזן געפאנגן פירן נאך בּבל ווי ירמיהו (כ״ז, כ״ו) זאגט... זא זיין די גרוישע חשובים געפאנגן גנומן ווארדן, אונד די גמיינע לייט דאהינגעגן זיינן אין אירם ארט זיצן געבּליבּן. זא איזט יא פיל בּעשר אין דער נידר צו בּלייבּן אלם הויך אנגעזעען צו זיין. בּעשר איין גוטר גמיינר ערליכר מאן צו זיין אונד בּמנוחה זיצן, אלם איין פּרנס צו ווערדן אונד געפאנגן בּלייבּן. עס איזט אויך אורדינאר צו דענקן דאס דז ווארט פּרנס קיין קליינע זאכן זיין; איין פּרנס בּרויכט גרויסע ידיעה, איין גוט לב אונד אנדרע עסקים מײַן אן זיך צו האבּן, אונד האט איין זולכר אלע מאל מער הכּבדה, מײַן אחריות אויף זיך אלז די גאנצע קהלה זעלבּשטן. איין פּרנס מוז אבּער אן די שפּיץ שטין פאר קהל צו פעכטין (קעמפן)... איזט אויך מחויב אין אלע ווידריגקייטן וואז ח״ו אויף קהל עפּיז קומן מעכט, פאר צו שטיין אונד פאר זי אין שתדלנות צו גיין... דער פּסוק זאגט: ואם בּאחת יתקעו ונועדו אליך הנשיאים... זא האט הקבּ״ה בּפירוש בּפאהלן דז די פּרנסים, מנהיגים, אלופים וראשים שבּישראל זאלן אויף דעם ערשטן סימן זא מיט טרומפּיטן גגעבּן ווירד — אך אויף די שלאכט ארדנונג שטעלן זאלן, אונד די גמיינע אונטר ישראל זאלן אינען ערשט נאכגיין. זא האט יא פּרנס אין גרעסטע סכּנה אלז איין גמיינר...

הוספות

צו ז׳ 163. דאָס ערשטע בוך וועגן „פּרויען פּליכטן״ אין יידיש איז געדרוקט אין דער קראָקעווער דרוק פון די געברידער העליף אין 1535 (זע: י. ריבקינד, ביבליאָטעק־בוך, מאָנטרעאָל 1934, ז׳ 49). ביים היינטיקן טאָג קאָן דאָס ווערן גערעכנט פאַרן עלטסטן פון די אויפ־געהיטע בלויז אין יידיש אַליין געדרוקטע ספרים.

צו ז׳ 202. די „וואונדערליכע מעשה״ וועגן דעם שליח פון די „רויטע יידלעך״, וואָס ראַטעוועט דעם יידישן קיבוץ פון אַ געפערלעכן מאַנאַך אַ מכשף געפינט זיך אויך, ווען אפילו אין אַן אַנדער נוסח, אין די מיטעלעלטערלעכע העברעישע אגדות. זע די לעגענדע „הציד והעוף״ אין די „הגדות קטועות״ וואָס לוי גינצבערג האָט פאַרעפנטלעכט אין „הגרן״ IX (בערלין, 1923).

צו ז׳ 212. יעקב מייטלים וואַרפט אָפּ אין זיין אין 1933 אין דייטשער שפּראַך פאַרעפנטלעכטער מאָנאָגראַפיע „דאָס מעשה־בוך״ שטיינשניידערס השערה, אַז די באַזלער אויסגאַבע פון 1602 איז אַ גע־קירצטער איבערדרוק פון אַ פריערדיקער אויסגאַבע. מייטלים פּרוּווט דערוויזן (ז׳ 29, 31, 46, 122), אַז די באַזלער אויסגאַבע פונם „מעשה־בוך״ איז טאַקע די editio princeps (די ערשטע אויסגאַבע).

צו ז׳ 226. אַ נייע דייטשע איבערזעצונג פון דעם „מעשה בוך״ האָט פאַרעפנטלעכט בערטא פּאַפּענהיים אונטערן טיטול „אַלערליי געשיכטען״ (פראַנקפורט, 1929).

צו ז׳ 390. י. מייטלים (ציט. וו. 41—42) זאָגט אַרויס די השערה אַז עקיבא־בער העניכס האָט זיך אויך באַטייליקט אין דעם פראַנקפורטער „מעשה־בוך״ — אויסגאַבע פון 1703, וואו עס זיינען פאַרן „מעשה־בוך״ ־טעקסט איבערגעדרוקט די פאָררעדע און צוועלף מעשיות אויס זיין „מעשה ד׳״.

אַ נאָכוואָרט פון מחבר

מיט דעם זעקסטן באַנד ווערט פאַרענדיקט די באַדייטענדסטע העלפט פון מיין פאַרטראַכטער פילבענדיקער „געשיכטע פון דער ליטעראַטור בײַ יידן״. איך דערלויב מיר צו האָפן, אַז צווישן דעם ברייטן קרייז סתם-לייענער האָט מיין ווערק זוכה געווען צו דערווערבן אויך אַ געוויסע, זאָל אַפילו זיין אַ גאַנץ באַגרענעצטע צאָל לייענער-פריינד, וואָס האָבן אין מיין „געשיכטע״ געזוכט נישט בלויז צייט-פאַרטרייב אָדער געוויסע פאַקטישע ידיעות, נאָר עפּיס אַזוינס, וואָס האָט אַ שייכות צו זייער וועלט-באַנעם, און באַרירט די אינטימע קעמערלעך פון זייער נשמה. אָט דעם דאָזיקן גײַסטיק קרובהשן לייענער-קרייז אינטערעסירט געווים צו וויסן, ווי עס האַלט מיט די ווײַטערדיקע בענד פון מיין ווערק, און ווען וועלן זיי אין דרוק דערשײַנען.

ליידער בין איך נישט אומשטאַנד צו געבן אויף דער דאָזיקער פראַגע אַן ענדגילטיקע תשובה. די השכלה-תקופה (1781 — 1880) און די נײַערע צייט (1881—1914) דאַרפן פאַרנעמען אין מיין געפּלאַנטער געשיכטע נישט ווייניקער ווי פיר בענד. פאַר די דאָזיקע בענד האָב איך שוין אַפילו אין משך פון מיין לאַנגיאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט געמאַכט אַ סך פאָרשטודיען, און דאָך — הזמן קצר והמלאכה מרובה. ווען מען מוז נאָך אין די שפּעטערע יאָרן טאָג אויס-טאָג איין זיך פאַרנעמען מיט גאַנץ ווײַטיקע ענינים, וואָס האָבן צו ליטעראַטור-געשיכטע אַ גאַנץ קנאַפּן שייכות — בלייבט ליידער אַזוי טרויעריק ווייניק צייט פאַר פאָרשונגס אַרבעט... בײַ אַזעלכע אומשטענדן איז שווער פאָראויס צו באַשטימען, ווען די לעצטע בענד וועלן אויף דער וועלט דערשײַנען, און צי וועל איך בכלל זוכה זיין צו דערפירן מיין לעבנסווערק צום געװוּנטשטן סיום.

איך האַלט פאַר מיין איינגענעמען חוב דאָ, אגב, אָנצווייזן, אַז דערמיט וואָס די ערשטע זעקס בענד פון מיין לעבנסווערק זיינען אין דרוק דערשינען בעת דער מחבר און דער פאַרלאַג געפינען זיך אין פאַרשיידענע דורך דער גרעניץ אָפּגעזונדערטע לענדער — האָב איך עס דער עיקר צו פאַרדאַנקען מיין פריינד יוסף יאַשונסקי. ער איז געווען אַזוי פריינדלעך, און אַלס מיין באַפולמעכטיקטער האָט ער בערייטוויליק גענומען

אויף זיך די גרויסע און אחריותדיקע מי, וואָס איז ביי איצטיקע שווערע צייטן פאַרבונדן מיט אַזאַ פילבענדיקער אויסגאַבע.

מיין בעסטן דאַנק בין איך אויך שולדיק דעם פאַרלאַג „סטאַמאַר" און אַלע זיינע אָנטיילנעמער, וואָס האָבן באַוויזן דעם לויבנסווערטן מוט און איבערגעגעבנקייט צו דער יידישער ליטעראַטור צו פאַרעפנטלעכן אין אַזעלכע שווערע צייטן אַ באַנד נאָך אַ באַנד און דאַביי נאָך אין אַזאַ זאָרגעוודיק-ציכטיקן און שיינעם לבוש.

זור=צעטל.

אביר יעקב, 390, 391, 392.
אברהם אבן דאוד (ראב"ד), 16.
אברהם אשכנזי, 176—179, 190.
אברהם בן אליעזר הלוי, 349.
אברהם בן חסדאי, 45.
אברהם בן יהיאל=מיכל, 243.
אברהם בן מתתיה, 295.
אברהם לוי און זיין „רייזע=באשרייבונג", 269—272.
אדלקינד, קארנעליוס, 103, 112—113, 251, 411.
אדם-וחוה=ליד, 135—136, 409—410.
אהרן בן שמואל אוים הערגערסהויזן, 255—258, 282.
אהרן הכהן (דער בעל „ארחות חיים"), 119.
אולמא, זעלינמאן, 300.
אוסקע, שלמה, 346.
אווע-לאלעמאן, 394, 395.
אויערבאך, בערטאלד, 245.
אויפהויזן, שלמה=זלמן צבי=הירש — זע טירייאק.
אולריך פאן הוטען, 57.
אורי פייביש אהרן הלוי, 158—159.
אחימעץ (דער בעל „ספר היוחסין"), 35.
אחשורוש=שפיל, 356—372, 417—424.
אייבשיץ, יונתן, 245.
אייבשיץ, יששכר=בער, 252—253.
איידליץ, משה־זרח, 402.
אייזנשטאט, משה, 312.
איין בישרייבונג פון דער רבעליריי, 262.
איין שיין פרויאן ביכליין (סדר נשים), 163.
אלדד הדני, 266, 413.
אלדנדארף, מנחם בן נפתלי, 48, 49—50, 52, 53.
אלחנן בר אברהם העלין, 308.
אלחריזי, 17, 37, 304.
אלטשולער, משה הענוכש—זע בראנטשפיגל.
אליעזר אוים ווארמס, 32—33, 230.
אלמי, שלמה, 15.
אלעזר בן יפתח, 227.
אלעזר הגדול, 20.
אלשיך חיים, 263.
אנאלעקט דער צווייטער („יידישער פויפטס"), 220.
ר' אנשל (דער בעל „מרכבת המשנה"), 61—62.
אנשל לוי, 121.
אפולעום (פארפאסער פונם „גאלדענעם אייזל"), 210.
אקטא אסתר מיט אחשורוש, 359.
אקציאן פון קיניג דוד און גלית, 379.
אקציאנען — זע הויפט= און שטאאטס=אקציאנען.
ארחות צדיקים, 170, 173—176.
ארטור=ראמאנען, 65—81, 294, 412.
אריאסטא, 83.
אשר-אנשל בן אליעזר חזן, 212.
באנפיס, עמנואל, 64—65.
באר משה — זע שערטלש משה.
באשרייבונג פון שבתי צבי, 261.
בבא = בוך, 82—91, 92, 97, 101, 104, 406—409.
בבא=מעשה, 92, 406—409.
ביילה בת יעקב פירל, 252—253.
בינסוואנגן, אריה־לייב, 392.

בליק, יקותיאל, 159, 160, 399.
בן המלך והנזיר (יידישע איבערזעצונג), 45—47, 300.
בן יעקב, 151, 170, 212, 226.
בס שבתי, 158, 266, 280, 295, 398.
בעמבאָ, פיעטראָ, 53.
בערמאַן פון לימבורג, 373, 374.
בערנשטיין, אַהרן, 245.
בראַנטשפּיגל, 179—182, 197.
ברך אַברהם, 243—245.
ברענץ שמואל פרידריך (דער פּראָפעסער פון „שלאַנגענבאַלג"), 189—190.
ברעש, יהודה, 116—117, 139, 140, 150.
גבירול, שלמה, 13, 14, 17, 37, 340.
גדולת דוד ומלוכת שאול, 383.
גדולת יוסף, 373.
גזירות- און קדושים לידער, 312—313.
גידעמאַן, משה, 173, 405.
גייגער, אברהם, 22.
גימפּל סגל אוים ווין, 312.
גירונדי, יונה, 30, 164.
גלאָסאַרן, 40—41.
גלילות ארץ־ישראל, 267—268.
גליקל האַמיל, 144, 273, 275—279.
געזעליקייטס-לייט, 38.
געלע בת משה, 274.
גענערינס און פּאַטראָנעסעס, 33, 64, 121, 163.
גרינבוים, מאַקס, 127, 144, 212.
גרעץ, 22.
גרשון בן אליעזר, 267.
דוד זוינרש, 311.
דולצע (דעם בעל הרוקח פרוי), 32—33.
די באַשרייבונג פון אַשכנז און פּאָלאַק, 332—335.
דיטריך פון בערן, 62, 103.
דירנפורטער פּריפּילעגירטע צייטונג, 401.
דעליטש, פראַנץ, 133.
דעקאַמעראָן, 232, 297.
דער יידישער שטאַם, 120—123, 377.
דאָס בוך דעש אויבינן לעבנש (חיי עולם), 167—169.
האָלצוואָרט מאַטיאַס, 378.
האַנאָווער, נתן, 261, 283.
הויפּט- און שטאַאַטסאַקציאָנען, 352—353, 363.
הורגלן, שמואל בן משה, 50—52.
הענא, זלמן, 261, 398.
הענוי, שמעון, 251, 280.
וואַגענזייל, 55—56, 68, 274, 108, 329.
וואַליך, אַייזיק בן משה, 104—109, 330, 350.
וואַליך, משה, 296.
וואָלף, יאָהאַן קריסטאָף, 126.
וואָלפראַם פאָן עשענבאַך, 19, 56.
ווונדערליכע מעשה וועגן ר' מאיר דעם חזן, 202—205.
ווייזע, קריסטיאַן, 372.
וויינרייך, מאַקס, 84, 92, 123, 200, 308, 315, 316, 332, 359, 360.
ווינער, גרשון, 295.
ווינער, שמואל, 140, 170, 284.
ווינר גזירה, 262.
וויצענהויזן, יוזל, 68, 75, 80, 159, 160, 161.
וועצלער, יצחק, 395.
ווע‍צלער, שלמה בן שמעון, 393, 395, 413.
זאַקס, האַנס, 347—348, 372, 374, 378.
זיטן־בוך (ספר מדות), 169—173, 176.
זלמן, סופר, 52
זעליכאָווער, יהודה־לייב, 322—323, 325.
זעקלי בן ליברמאַן סגל, 313.
חובות הלבבות, 254.
חיים אַברהם אוים מאָהילעוו, 373.
חיים בן נתן, 252, 263, 411.
חכמת־שלמה-שפּיל, 381.
חמדת צבי, 387.
הקירת הלב, 393—394, 325—326.
טייטש-חומש, 150.
טייקות, גדליה, 253.
טיל אוילנשפּיגל, 394, 395.
טיקטין, רבקה בת מאיר, 274, 320.
טירייאַק — זע יודישר טיריאַק.
טראָפּלאָוויץ, יוסף, 383.
יאָסט, מ., 23.
יהודה בן בנימין, 30.

יהודה בר׳ ישראל רעגענסבורג, 3.4.
יהודה חסיד אויס קאַליש, 386.
יהודה ליב בן עזור, 261.
יהודה שבתי, 345.
יואל סירקיס, 268.
יודישר טיריאַק, 188—196.
יום=טוב העלר, 273.
יון מצולה, 261.
יוסיפון, 260, 264, 412.
יוסף בן אליעזר אַשכנזי, 314, 315.
יוסף בן יקר, 113—115, 117, 252, 279, 281.
יוסף עמיאַש, 158—159.
יחיאל הכהן, 247.
יעקב אַשכנזי אויס יאַנאָווע, 127, 150—152, 253.
יעקב בן אַברהם אויס מעזריטש, 210, 295.
יעקב בן יצחק סגל, 134, 305—307.
יעקב בן יקותיאל מנליינהויזן, 49.
ר׳ יעקב בן משה מולין (מהרי"ל), 32.
יעקב בן מתתיהו, 260.
יעקב טויסק, 316.
יעקב=יוסף בן מאיר, 327.
יפתח יוזפא בן נפתלי, 226.
יצחק בן אהרן אויס פראָסניץ, 140, 145—146, 158.
יצחק בן אליעזר — זע רויזן-גאָרטן.
יצחק בן אליקם — זע לב טוב.
יצחק בן שמשון, 150.
יציאַת-מצרים=שפיל, 384.
יקותיאל אויס פוילן, 27.
כבוד חכמים, 233.
כהן, י. ל., 53.
כּלץ, יהודה — זע ספר המוסר.
כאַטש, הירש, 387.
כאַטש, אַביעזר זעליק, 387.
לאַנג=מגילה, 143, 146—149, 162, 197.
לאַנדוי, א., 279, 365.
לאַנדוי, לעאָ, 64, 66, 67.
לב-טוב, 127, 182—187, 197, 248, 251, 252, 412.
לוצטו יעקב בן יצחק, 212.
לוריע, שלמה (רש"ל), 106
ליבליכה תפלה — זע אַהרן בן שמואל.
ליבס=בריף, 395—400.
ליווא פון רעגענסבורג, 126.
לעווי, איזראַעל, 199.
לעווינסאָ, אליה, 23, 81—102, 103, 112, 406.
לשון פז (בריווטעלער), 400.
ר׳ מאיר בן ברוך הלוי, 26, 27.
ר׳ מאיר בן יצחק שיף, 202.
מאיר משעברשין, 322.
מאַראַדאָ דאָקטאָרין, 173.
מאַרעק, פסח. 369, 372.
מגילת איבה, 273.
מגילת=אסתר-פּאַראַפראַזעס, 45.
מגילת גנש, 273.
מגילת ווינץ, 308—311.
מגילת ר׳ מאיר, 273.
מגילת שמואל, 272.
מדרש אבא גוריון, 357, 362.
מדרש אסתר רבתי, 357.
מדרש ויושע, 119, 120, 123—124, 135, 412.
מדרש מגלת אסתר, 357, 362, 365.
מדרש עשרת הדברות, 119, 124, 198.
מזח, יהושע, 286, 287.
מחזור וויטרי, 31—32.
מייטלים, יעקב, 395.
מייסטער הילדעבראַנד, 62, 103.
מיכל אָדם, 110—111, 164, 259, 324, 411.
מילהויזן, יום טוב ליפמאַן, 173.
מינץ, יהודה. 344.
מיסטעריעס און מיראַקלען, 341—343.
מכירת יוסף, 372—374.
מלאכת מחשבת, 402.
מלוכת=שאול=שפיל, 379—382.
מלחמה בשלום, 373.
מלכים=בוך, 134—135.
מָמֶאַל בת צבי הירש, 293.
מַן מנחם אַמעלאַנדר, 254, 263—265.
מנורת המאור, 254.
מניקת רבקה, 274.
מעליר, לייב בר׳ משה, 143.
מענדעלע מוכר ספרים, 290.

מעשה אמשטערדאם, 263.
מעשה־בוך, 210, 212—226, 253, 284, 297,
מעשה בריעה וזמרה, 205—210.
מעשה ד׳, 390—391
מעשה נסים, 202, 226—232, 313.
משה בן מיימון (רמב״ם), 187.
משה עשרים וארבע, 126 127.
משה־רבנו־שפיל, 384.
משל הקדמוני, 295, 296.
משלי שועלים, 295, 296.
נאגארה, ישראל, 48, 340.
נינער, שמואל, 286
נהלת צבי, 387—390, 394.
נייא קלאג ליד, 330—331.
נירות של שבות־ליד, 321.
רבנו נסים אוים קוריאן, 199.
נפתלי בן משה, 27.
סאנוטא, מארינא, 346
סולקעס, יצחק, 104, 140—143, 251, 415.
סומו, יהודה בן יצחק, 346—347.
סלאנים, בנימין בן אברהם, 163.
סם חיים — זע אברהם אשכנזי.
סעריל בת יעקב הלוי, 291.
ספר הסידים, 28, 31, 75, 198, 212.
ספר היראה, 164—166.
ספר יראים, 344.
ספר הישר, 36, 123, 260, 306, 307, 373,
377.
ספר המוסר, 184, 185.
ספר המעשים, 260.
ספר משלים, 596.
ספר עמנואל, 233—234.
ספר שעשועים, 212.
עבאש, יהודה שמואל, 36, 120, 123.
עדושידיא קארדינאל, 101.
עזאזל־קולט, 337—338.
עזרת נשים, 17.
עיפוש לידער, 312.
עליש בת מרדכי אוים סלוצק, 274.
עמיליוס, פויליוס, 110, 111, 123.
עמנואל רומי, 234.
ענגלישע קאמעדיאנטן, 351.
עפשטיין, יחיאל־מיכל, 182, 249—250, 252,
282, 412.
עקיבא־בער העניכס, 390.
עקידה־מאטיוו, 35—36.
עקידת יצחק, 135.
עקידת־יצחק־דראמע, 374—378.
עריק, מאקס, 64, 66, 75—76, 77, 173,
179, 200, 205, 212, 394.
פאחער, אלעזר, 373.
פאראדיע־סטיל, 368, 371.
פאריז און וויענע, 91—102.
פיליפזאן, ל. 337.
פירזאגערס און פירזאגערינס, 117, 118,
284.
פישמאן, אדם, 372.
פעלמען, יאהאן, 353, 372.
פערלעס, י., 40, 62, 144, 170, 172.
פראנקפורט, משה, 254—255, 263.
פראנקפורט, שמשון, 280, 412.
פרחון, שלמה, 24.
פרילוצקי, נח, 124, 127, 191, 247, 373,
375, 384.
פתחיה אוים רעגענסבורג, 266
צאינה וראינה, 128, 150, 157, 159, 161,
162, 197, 294, 399.
צוכט־שפיגל, 300—304.
צונזער, אליקם, 373.
צונץ, ל., 22, 23, 26.
צמח דוד, 261.
צרות ווערמייזע, 262.
קאסוטא, עמנואל, 113.
קאפעלמאן, יעקב, 295.
קב הישר, 202, 236, 237, 387, 394.
קהלת יעקב, 305—307, 416—417.
קו־בוך, 295—300.
קוטנס, יצחק, 120.
קוראנט, 401.
קירכהאן, אלחנן, 235—243, 412.
קלונימוס בר קלונימוס, 38.
קליינער בראנטשפיגל, 304—305.
קרויניבורג, בנימין בן זלמן, 400—401.
ראבאק, א. א., 300.
ראבינסאן קרוזא, 400.
ראזענבערג, פעליקס, 104.

רובאַשאָוו זלמן, 126.
רודולסום, אליעזר זוסמאַן, 188, 283.
רויזל פישלס, 274, 411.
רויזן גרטן (ספר הגן), 176, 197.
רויטלינגען יצחק, 206, 213.
ריווקינד י., 202.
ריח ניחוח, 335.
רפואות ביכער אין יידיש, 400.
רשב"ם, 145.
רש"י, 20, 140, 202, 263.
שאלת הנשמה, 411.
שאַפּיראָ, אליה בר בנימן, 202.
שאַצקי, י., 92, 283, 313, 322, 324, 327, 335, 373, 379, 400, 401.
שארית ישראל, 263—265.
שבט יהודה, 260.
שבט מוסר, 387, 413.
שודט יאָהאַן, 343, 357, 359, 362, 366, 373.
שולמאַן אלעזר, 64, 151, 176.
שחור על לבן, 413.
שטיינשניידער מ., 22, 42, 84, 92, 144, 170.
שטיף נחום, 82, 164, 384.
שטערק און לייצמאַן, 151, 160.
שיח השדה, 280.
שיין ניי ליד פון משיח, 316—319.
שיינען גליק (ראָמאַן), 62, 103—104.
שילדבורגר גישיכט, 395.
שיפּער י., 45, 53, 173, 327, 337, 361, 374, 379.
שירי יהודה, 322.
שירמאַן י., 346.
שישת, יצחק בר (ריב"ש), 14, 33.
שלמה בן מזל טוב, 48.
שלמה זלמן בן יקר, 49.
שמואל בוך, 117, 123 — 133, 294, 306, 378.
שמואל הנגיד, 16, 17.
שמחת הנפש, 235—243, 245 — 247, 254, 323—329.
שמחת־תורה־ליד, 319—320.
שני לוחות הברית, 249.
שמעיצל וואָלפגאַנג, 378.
שערטילס, משה בן יששכר הלוי, 158, 176, 398, 414—415.
שפּיל פון טאָב יעקליין, 349—350.
שפּילמאַנער, 38, 64, 74 — 75, 79, 135, 137, 143.
שץ אליקום, 251.
שרה בת טוביה, 286—290.
שרה־רבקה בת יוקיל סגל, 292.
שריפה לידער, 312.
תחינות, 282—286.
תיבון, יהודה אבן, 15, 16.
רבנו תם, 20.
תם וישר, זע יעקב בן מתתיהו.
תנא דבי אליהו, 198.
תקוני המועדים, 392.
תשועת ישראל, 263.

אינהאַלט:

ערשטער טייל

אַלט־יידישע ליטעראַטור פון די עלטסטע צייטן ביז דער השׂכּלה־תּקופה.

ערשטער קאַפּיטל

זייט

נאַציאָנאַלע ליטעראַטור און פאָלקשאַפן; נאַציאָנאַלע שפּראַך און אומ־נאַנגס־שפּראַך. — דער יקרות פון ספרים אין מיטלאַלטער און די ראָלע פון מעצענאַטן. — די אומגאַנגס־שפּראַך פון דייטשע יידן אין מיטלאַלטער. — דער יידיש־דייטשער דיאַלעקט. — די יידיש־דייטשע גלאָסאַרן ווענן דעם „נמאסן זשאַרגאָן". — די העברעישע און פּרעמד־שפּראַכיקע עלעמענטן אין יידיש־דייטש. — די אומגאַנגס־שפּראַך און די ליטעראַרישע שפּראַך. — מיש־שפּראַכיקע תּפילות ביי די פּראָוואַנצאַלישע יידן און תּפילות אויף יידיש־דייטש. — ווייבערשע פּירושים, „גענעריגס" און פּאַטראָנעסעס. — די תּורגמנים און בעלי־דרשנס. — גילגולים פון אגדישן שטאָף. — פון מדרש צום העלדן־עפּאָס. — שפּילמאַנס, בדחנים און „געזעליקייטס־לידער" 7

צווייטער קאַפּיטל

די האַנטשריפטלעכע גלאָסאַרן. — דרויש עלעמענטן אין די גלאָסאַרן. — די מיטלעלטערלעכע איבערזעצונגען פון ביבלישע ביכער און פון דעם מחזור. — „געמלטכע לידער" אין יידיש. — העלטלעכע אַלט־יידישע ליטעראַטור. — די „בן המלך והנזיר"־איבערזעצונג. — אַלדענדאָרפס לידער־זאַמלונג. — דידאַקטיש־סאַטירישע לידער און וויכּוחים־לידער. — מיטלעלטערלעכע ליבע־לידער. — דער יידיש־פּוילישער קיבוץ און זיין אומגאַנגס־שפּראַך. — די סאָציאַל־קולטורעלע שינויים אין סוף מיטלעלטער. — די פאַרשטאַרקונג פון דער שטאָטיש־בירגער־לעכער באַפעלקערונג. — די פאָלקס־שפּראַך אַלס קולטור־שפּראַך — דער דרוק־וואַרשטאַט און זיין קולטורעלע ראָלע. — מינדלעכער פאָלקלאָר און פאָלקס־ליטעראַטור. — די פאָלקס־ביכער און זייערע אַנאָנימע אַרויסגעבער. — דער קולטורעלער באַטייט פונם געדרוקטן בוך 37

זייט

דריטער קאפיטל

די עלטסטע יידישע געדרוקטע פאָלקס-ביכער. — דייטשע ווערק מיט יידישע אותיות. — ר׳ אנשלס „מרכבת המשנה“. — דער שפּילמאַן-רעפּערטואַר. — דער אַרטור-ראָמאַן און זיינע נוסחאות. — זיין אַרויסגעבער יוסף וויצנהויזן. — דער באַטייט פון די האַמבורגער מאַנוסקריפּטן. — פון שפּילמאַן-דיכטונג צום פאָלקס-בוך. — אליה בחור און זיינע שפּילמאַן-דיכטונגען. — זיין „המבדיל“ און זיין פורים-ליד וועגן דער שריפה אין ווענעדיג. — זיין ריטער-ראָמאַן „בבא-בוך“. — דער נוסח פון דעם ראָמאַן. — די סטאַנסן-מעטריק. — דער יידישער שטייגער אין ריטער-ראָמאַן. — דער ראָמאַן „פּאַריז און וויענאַ“. — זיין אייגנאַרטיקער סטיל 61

פערטער קאפיטל

דער קאַמף קעגן די „טורעכטן בויכרן“. — אייזיק וואַליכס לידער-זאַמלונג. — טאַנץ-לידער און ליבע-לידער. — די חומש-איבערזעצונגען אין אויגס-בורגער און קאָנסטאַנצער דרוקן. — אליה בחורס תהילים-איבערזעצונג. — קאָר-נעליוס אַדלקינד אַלס פאַרלעגער. — יוסף בן יקר און זיין סידור-איבערזעצונג. — יידישע פאַרלעגער און זייערע רעקלאַמעס. — יידיש-דייטשע דיכטערישע באַאַר-בעטונגען פון מדרש-שטאָף. — די „שירה פון יצחק“ און „דער יידישער שטאַם“. — דער יידישער „מדרש ויושע“ און די אסתר-פּאָעמעס. — ביבלישע העלדן-עפּאָסן. — דאָס „שמואל-בוך“ און זיין באַטייט. — דאָס „מלכים-בוך“. — דאָס ליד פון „אדם וחוה“. — צוויי טיפּן שפּילמענער 103

פינפטער קאפיטל

די פשט- און דרש-איבערזעצונגען. — יהודה-לייב ברעש און די קרעמאָנער חומש-אויסגאַבע. — יצחק סולקעס און זיין „שיר-השירים“-איבערזעצונג. — יצחק סולקעס אַלס פאָלקס-מענטש. — דער מדרש-שטאָף אַלס „לייען-שטאָף“. — „די לאַנגע מגילה“. — פרויען-ליטעראַטור און פאָלקס-ליטעראַטור. — יצחק פּראָסניץ וועגן דעם קולטורעלן באַטייט פון דער פרוי. — דער סטיל פון „דער לאַנגער מגילה“. — מעשיות אַלס מוסר-שטאָף. — דער מגידיש-פּראָזאַישער סטיל. — ר׳ יצחק בן שמשון און זיין „טייטש-חומש“. — יעקב בן יצחק אשכנזי אויס יאַנאָווע. — דער „צאינה וראינה“ אַלס המשך פון דער אַלטער מדרש-ליטעראַטור. — דער „צאינה וראינה“ אַלס „ווייבערשע תורה“. — זיין קולטור-היסטאָרישער באַטייט. — דער קאַמף קעגן דעם דרש-נוסח און דער דער-ציונגס-סיסטעם. — דער „באר משה“. — יקותיאל בליצס און יוסף וויצנהויזנס ביבל-איבערזעצונגען. — זייער דערפאָלגלאָזער קאַמף קעגן דעם דרש-נוסח פונם „צאינה וראינה“ 138

זעקסטער קאפיטל

מוסר-ספרים אין יידיש. — „איין שיין פרויאַן ביכליין“ („סדר נשים“). — די יידישע איבערזעצונג פון „ספר היראה“ (1546 און 1583) און די געגראַטטע פּאַראַפראַזע „חיי עולם“ („דש בוך דש אויביגן לעבנש“). — דער העברעישער „ספר מדות“ און זיין יידישע איבערזעצונג. — דער „רויזן-גאָרטן“ („ספר הגן“) און אברהם אַשכנזים „סם חיים“. — דער עטנאָגראַפישער אינטערעס פון

אשכנזים „דברי מוסר". — משה אַלטשולערס „בראַנטשפּיגל". — אַלטשולער וועגן דער יידישער פרוי. — יצחק בן אליקום און זיין „לב טוב". — דער סטיל פון „לב טוב". — יצחק בן אליקום וועגן תפלות אין יידיש און וועגן קינדער־דערציִונג. — אין טעמפּן ווינקל. — שלמה־זלמן בן אלעזר אויפהויזן און זיין „יודשר טיריאַק". — דער באַטייט פון דעם ווערק 162

זיבעטער קאַפּיטל

מעשיות־ליטעראַטור. — פון פאָלקס־מעשיות צו פאָלקס־ליטעראַטור. — רבנו נסימס „חיבור יפה". — האַנטשריפטלעכע מעשיות־זאַמלונגען. — די „ווונדערלעכע מעשה" וועגן מאיר דעם חזן. — „מעשה בריעה וזמרה". — די השפּעה פון דער אייראָפּעיִשער ראָמאַנען־ און פאָלקס־בוך־ליטעראַטור. — דאָס „מעשה־בוך" און זיין באַטייט. — אַ מעשה אויס רעגענסבורג. — די פאַנטאַסטישע מעשה וועגן ר' חנינא. — די מעשה וועגן יידישן פּויפּסט. — ר' יוזפא שמשס „מעשה נסים". — ווונדערלעכע און רעאַליסטישע מעשיות. — „ספר עמנואל" 197

אַכטער קאַפּיטל

מוסר־ספרים אין פאָרם פון מעשה־ביכער. — אלחנן קירכהאַן און זיין „שמחת הנפש". — קירכהאַן און זיין אייגנאַרטיקער סטיל. — קירכהאַן אַלס דערציִילער. — דער „קב הישר" און דער „שמחת הנפש". — אברהם בן יחיאל־מיכל און זיין „ברך אברהם". — די דיני שלחן ערוך אויף יידיש. — דער פּראָטעסט פון די רבנים. — דער קאַמף פאַר יידיש. — דער פּראָטעסטער רב יהיאל־מיכל עפּשטיין אַלס יידישיסט. — רבנים אַלס קעגנער פון פאָלקס־ביכער. — אַ קאָנפליקט פון אינטערעסן. — דער בעל „עשרים וארבע" וועגן דער שפּראַך־פראַגע. — בײלה פּערל און איר טאַנס חיבור „באר שבע". — משה פראַנקפורט אַלס קעמפער פאַר יידיש. — אהרן בן שמואל אויס הערגערסהויזן און זיין „ליבליכע תפילה". — דער באַטייט פון אהרן בן שמואלס ווערק. — דער פּעס פון די רבנים. — אהרן בן שמואלס סידור אין חרם 235

ניינטער קאַפּיטל

די היסטאָרישע ליטעראַטור אויף יידיש. — די יידישע איבערזעצונגען פון „יוסיפון", „תם וישר", „שבט יהודה", „ספרים חיצונים" און „צמח דוד". — די כראָניקעס: „באַשרייבונג פון שבתי צבי" און „גזירת ווערמייזע". — מנחם מן אַמעלאַנדער און זיין „שארית ישראל". — דער באַטייט פון אַמעלאַנדערס כראָניק. — רייזע־באַשרייבונגען אין יידיש. — די לעגענדאַרע און פאַנטאַסטישע עלעמענטן אין די דאָזיקע באַשרייבונגען. — דער „גבולות ארץ ישראל" און „מעשה אמסטרדם". — אברהם לוויס „רייזע־באַשרייבונג". — מעמוארן אין דער פאָלקס־ליטעראַטור. — „מגלת שמואל", „מגלת איכה", „מגלה גנש" און „מגלת בערנס". — די מעמואַרן פון גליקל האַמעלן און זייער באַטייט. — די פרוי אין דער פאָלקס־ליטעראַטור. — די ווייבערשע תחינות. — דער תחינה־סטיל. — תחינות פאַר פרויען און תחינות פון פרויען. — שרה בת טובים אַלס לעגענדע. — שרת בת טובים אַלס רעאַלע פערזענלעכקייט. — תחינות־פאַרפאַסערינס 259

זייט

צענטער קאפיטל

די שפּעטערדיקע פּאָעטישע ליטעראַטור. — פאבל־זאמלונגען אין יידיש. — די איבערזעצונגען פון „משלי שועלים“ און „משל הקדמוני“. — אברהם בן מתתיהוס „קו־בוך“ און משה וואַליכס „ספר משלים“. — דער באַטייט פונם „קו־בוך“. — סאָציאַלע מאָטיוון אין „קו־בוך“. — דער „ציכטשפּיגל“ און „דער קליינער בראַנטשפּיגל“. — יעקב סֶגלס „קהלת יעקב“. — היסטאָרישע לידער. — אלחנן העלינס „מגילת ווינץ“. — „שריפה־לידער“ און „עיפּוש־לידער“. — דער היסטאָרישער באַטייט פון קלאָג־לידער בנוגע גזירות און רדיפות. — קינות אויף גזירות ת״ח. — דאָס ליד וועגן שבתי־צבי פון יוסף טויסק. — דער סאָציאַלער מאָמענט אין דעם דאָזיקן ליד. — פּיוטים אין יידיש. — רבקה טיקטינס „שמחת־תורה־ליד“. — „שבת־לידער“. — אלחנן קירכהאַנס צווייטער טייל „שמחת הנפש“. — דער ווונטש צו פאַרשפּרייטן מוסר און גאָטס געבאָטן מיט דער הילף פון געזאַנג. — די באַשרייבונג פון דאָרפס־יידן אין „שמחת הנפש“. — אַנאָנימע רעליגיעזע לידער. — סאָציאַלע לידער און שפּאָט־לידער. — „די באַשרייבונג פון אַשכנז און פּאָלאַק“. — די פּאָלעמיק וועגן חזנים. — יואל בן אליעזרס יבראַמטע אַפּאָלאָגיע „ריח ניחוח“ 294

עלפטער קאפיטל

די סיבות, וואָס האָבן געשטערט די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג פון דראַמאַטישער קונסט ביי יידן. — דער עזאזל־קולט און יהוה־קולט. — דער דיאַלאָג אַלס אָרנאַמענט. — די „יידישע סצענעס“ און די מיטלעלטערלעכע מיסטעריעס. — „געזעליגע ליים“ און מאַסקאַראַדן. — פּורים־פּאַראָדיעס. — די השפּעה פונם וועלטלעכן הומאַניסטישן טעאַטער אין איטאַליע. — די ערשטע העברעישע פּיוטים־קאָמעדיע „בדיחותא דקידושין“. — די השפּעה פון די דייטשע פאַסטנאַכטשפּילן און פון די ביבלישע דראַמעס. — די „שפּיל פון טאָב יעקליין“. — די פּורים־שפּיל פון דעם „קיניגס בחורים“. — „ענגלישע קאָמעדיעס און „שטאַאַטס־אַקציאָנען“. — יידישע „שטאַאַטסאַקציאָנען“ און זייערע גילגולים 336

צוועלפטער קאפיטל

גילגולים פון דעם „אחשורוש־שפּיל“. — די השפּעה פון די קריסטלעכע ביבל־דראַמעס און „אַקציאָנען“ אויף די יידישע „שפּילן“. — דער אורטעקסט פון דעם „אחשורוש־שפּיל“ און זיין ערנסט־פּאַטעטישער טאָן. — די „אחשורוש־שפּיל“ פון 1708. — „אַקטאַ אסתר מיט אחשורוש“. — פראַגמענטן פון עלטע אחשורוש־שפּיל־טעקסטן. — מרדכי „דער יידישער פּירשט“ און מאָנדריש דער באַיאַץ. — דער פּאַראָדישער סטיל. — דער „מכירת יוסף“ און זיינע וואַריאַנטן. — „עקדת יצחק“ און „אברהם־ושרה־שפּיל“. — דאָס שמואל־בוך־און „מלכים־בוך“־טעקסט אין דראַמאַטישער באַאַרבעטונג. — „גלית שפּיל“, „מלוכת שאול“, „חכמת שלמה“ און „אשמדאי־שפּיל“. — „משה־רבנו־שפּיל“ און „משה מיט די לוחות“. 356

דרייצנטער קאפיטל

די פאַרשטאַרקונג פון די מיסטישע שטרעמונגען. — מיסטיקער־דרשנים. — מיסטישע מוסר־ספרים. — צבי־הירש כאַטשס „מייטש זוהר“, דער „נחלת

צבי״. — אפּאָלאָגעטיק פאַר יידיש — עקיבא=בער העניכס און זיינע „אביר יעקב״ און „מעשה ד׳״. — דער „תיקוני המועדים״ קעגן גמרא=לערנער. — שלמה וועצלערס „חקירת הלב״. — ביכער פון וועלטלעכן אינהאַלט. — „שיל אוילנשפּיגל״ און „שילדבורגער געשיכטען״ אין יידיש. — יצחק וועצלער און זיינע „ליבס=בריף״. — בנימין קראָנבורג און זיינע פּראַקטישע האַנטביכער. — די „דירנפורטער ציימונג״ און משה איידליצעס „מלאכת מחשבת״. — נייע שטרעמונגען. — שלוס 385

ביילאַגן 405

זוך=צעטל 427